STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03178

OYSGEVEYLTE SHRIFTN

Berl Katznelson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בערל קאצענעלסאָן

אויסגעוויילטע שריפטן

רעדאַקטירט פון
צ. ראָזענשטיין

„יסודות" — אַרויסגעגעבן פון דער מחלקת „החלוץ"
ביי דעם ועד הפועל פון דער הסתדרות אין ארץ־ישראל

כָּל הַזְּכֻיּוֹת שְׁמוּרוֹת
נִדְפַּס בְּיִשְׂרָאֵל
Printed in Israel
„דְּפוּס דָּבָר", תֵּל־אָבִיב



* * *

ביים אויסוואל פון ב. קאצענעלסאָנס ווערק פאַרן דאָזיקן בוך האָבן געדינט אַלס קריטעריום די קולטור־נויטן פון אונזער יוגנט אין חוץ־לארץ. עס הייסט: דאָס בוך איז צו־זאַמענגעשטעלט געוואָרן לויטן פּרינציפּ — וואָס איז וויכטיק פאַר אונזער באַוועגונג אין גולה, און עס זיינען אין אים ניט אריין א סך זאכן, וואָס זיינען בלי שום ספק זייער וויכטיק פאַרן ארץ־ישראלדיקן לעזער.

די מערהייט שריפטן דערשיינען צום ערשטן מאָל אין יידיש, א חוץ אייניקע מאמרים, וואָס זיינען געגעבן געוואָרן לויט דער איבערזעצונג פון ש. גראָדזענסקי אין דעם בוך וואָס איז רעדאקטירט געוואָרן פון אים: „שריפטן און רעדעס פון ב. קאצענעלסאָן".

אינהאלט

בערל קאַצענעלסאָן (ביאָגראַפישע שטריכן) 9
פון זיינע ערשטע טעג אין ארץ־ישראל ((פון בערלס בריוו) . . . 35

א. ציוניזם

גאולה 45
פּאָליטישער ציוניזם 48
א יידישע מדינה 50
ציוניזם אלס פאַרווירקלעכונגס־באַוועגונג 53
ניט אונטערגעבן זיך! 67
ניטאָ קיין אַנדערע פּלייצעס 71
די טרייב־קראַפט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג 72

ב. עליה און „החלוץ"

דער עיקר 75
דער עליה־קאַמף 76
די העפּלה 77
געשלאָסענע טויערן 79
מיטן גירוש נאָך מאַוריציוס 81
צו דער חלוצישער באַוועגונג 86
צום יום־טוב פון „החלוץ" 91
וועגן דער „החלוץ"־טעטיקייט 95

ג. אַרבעט

רעכט אויף אַרבעט 98
פאַלשע גלייכהייט 100

ייִדישע ארבעט אויף די כבישים 105
פאַר וואָס קעמפן מיר ? 110
מיטן פּנים צום דאָרף 116

ד. ארבעטער־קאָלאָניזאַציע

די שאַפונג פון אן ארבעטנדיקן ישוב 123
ייִדישער ערד־מענטש 128
דער ארבעטער־כלל אלס קאָלאָניזאַטאָר 133
א בריוו צו מיינע חברים אין דגניה 140
די אידעע פון „ניר" 150

ה. הגנה

ייִדישע גבורה 153
יזכור 157
די תל־חי פאַרטיידיקער אין זייער לעבן און טויט 158
הרוגי מלכות 159
לאָמיר זיך אָננעמען מיט גבורה 161
זאָל אונזער געווער ריין זיין 162
א גרוס צו די וואָלונטערן 166

ו. קולטור און דערציאונג

קולטור פאַרן פאָלק 169
אונזער קולטור־ארבעט 170
קאָנסטרוקטיווע רעוואָלוציאָנערישקייט 174
די ירושה פון דורות 177
צו מיינע חברים אין „אוהל" 181

ז. די ארץ־ישראלדיקע ארבעטער־באַוועגונג

דער נס פון דער צווייטער עליה 186
ארבעטער־אחדות 194

וואָס איז אַזוינס איחוד ? 205
מיר און אַנדערע קרייזן אין ישוב 208

ח. די הסתדרות

די געשטאַלט פון אונזער באַוועגונג 212
שמועסן איבער דער הסתדרות 218
אַרבעטער־סאָלידאַריטעט 236
צי מעג די הסתדרות דערציִען יוגנט ? 238
צו אונזערע לעזער 241
די גרינדונג פון בנק הפועלים. 246
דער אָנהויב פון דער געברויך־קאָאָפּעראַציע אין ארץ־ישראל . . . 249
דער ביכער־פאַרלאַג פון דער הסתדרות 253

ט. דער סאָציאַליסטישער ציוניזם

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם 261
דער ציוניזם און די געזעלשאַפטלעכע רעוואָלוציע 265
די נאַציאָנאַלע שותּפות 267
מיר און די סאָציאַליסטישע וועלט 272

י. סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען

דער אויפשטייג פון מענטש אין סאָציאַליזם 277
די אַרבעטערשאַפט און די אינטעליגענץ 294
קלאַסן־זעלבסטשטענדיקייט 296

יא. היסטאָרישע געשטאַלטן

הערצל 299
א. ש. ליבערמאַן 304
יוסף וויטקין 310
נחמן סירקין 312
אַרתור רופּין 336
חיים אַרלאָזאָראָוו 356

בערל קאַצענעלסאָן

(ביאָגראַפּישע שטריכן)

א. קינדער־יאָרן

בערל קאַצענעלסאָן איז געבוירן געוואָרן אין כ"ט טבת תרמ"ז (25־טן יאַנואַר 1887) אין באָברויסק — אַ עיר ואם בישראל פון „יידישן תחום" אין רוסלאַנד. זיין פאָטער איז געווען אַ וואַלד־סוחר, וואָס פלעגט צוליב זיינע עסקים פאַרברענגען דעם רוב יאָר הינטערוועגנס. ווי די משכילים פון זיין דור איז ער געווען אָנגעזאָפּט מיט תורה און וויסן. צוליב זיינע רייזעס האָט ער ניט געקענט ווידמען פיל צייט זיין הויזגעזינד און זיך אָפּגעבן אליין מיט דער אויסבילדונג פון זיינע קינדער. ער האָט אָבער נישט געקאַרגט קיין געלט אויף לערער און מלמדים, וועלכע האָבן באַזוכט זיין הויז. אויך נאָך זיין פריצייטיקן טויט, (אַ שווערער קלאַפּ פאַר דער משפּחה, וועמענס פּרנסה־אַנשפּאַר איז צעבראָכן געוואָרן) האָט בערלס מוטער ווייטער געזאָרגט פאַר דער פילזייטיקער דערציונג פון די זין און טעכטער — געשפּאָרט פון וואָס זי האָט נאָר געקאָנט און נישט געקונדיקט די דערציער, כדי בערל, זיינע ברידער און שוועסטער, זאָלן נישט איבעררייסן זייערע לימודים.

בערל איז פאַריתומט געוואָרן פון זיין פאָטער אין 12־טן לעבנס־יאָר. אַלס יינגל נאָך האָט ער גענומען אויף זיך אַ טייל פון אחריות און זאָרג צוזאַמענצוהאַלטן די פאַמיליע. די אייגנשאַפטן, ווי ליבע און זאָרג פאַרן שוואַכערן, וועלכע ער האָט דאַן אַרויסגעוויזן, זיינען געקומען צום אויסדרוק אין אַ ברייטערער מאָס אויף זיין ווייטערדיקן לעבנס־וועג. פאַר די יינגערע קינדער איז בערל, דער בכור, געווען ווי אַ פאָטער. זיין מוטער דערציילט, אַז אָן דער מיטהילף פון איר עלטסטן זון וואָלט זי, די אלמנה, נישט באַוויזן צו טראָגן דעם גרויסן לאַסט פון אויפהאָדעווען פינף קינדער — „אַפּריער גאָט און דערנאָך בערל". ער האָט פיל געטאָן פאַר זייער קעגנוואַרט און געזאָרגט פאַר זייער צוקונפט און תמיד געווען גרייט מוותר צו זיין פאַר זייער טובה־וועגן.

וואָס האָט בערל אַרויסגענומען פון דער דערציונג אין זיין פאָטערס היים? ווי אַזוי איז ביי אים געשאַפן געוואָרן דער שטאַרקער צובונד צו ארץ־ישראל אין די פריעסטע יוגנט־יאָרן?

אויף אַ מסיבה, וואָס איז פאָרגעקומען אין „ירח־עיון" (שטודיר־חודש) פון דער הסתדרות העובדים, דעם 4־טן אַפּריל 1941, אין רחובות, האָט בערל דערציילט פאַר זיינע יינגערע חברים:

... „איך בין אויסגעוואַקסן אין אַ יידישן הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף דער גרענעץ צווישן אַלטן און נייעם. אין מיין דערציונג זענען שוין געווען עלעמענטן פון דער נייער העברעישער דערציונג, וואָס האָט זיך ערשט גענומען אויסשיילן און אין אַ געוויסער מאָס האָט זי געשאַפן מיין פאָטער אַליין".

אַ גרויסן איינפלוס האָבן אויף אים געהאַט די העברעישע ביכער, וואָס זיין פאָטער, דער חובב־ציון, האָט אים געבראַכט אַלס מתנות, ווי אויך די גרויסע ביכער־זאַמלונג אין פאָטערס שטוב.

— — — „אַ קורצע צייט נאָך דעם האָט מיר מיין פאָטער געבראַכט נאָך אַ בוך. דאָס איז געווען אַ דערציילונג פון אלכסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש. בעצם איז דאָס געווען אַ מעשה וועגן צוויי פאַמיליעס, וואָס האָבן געלעבט אין אַ געוויסער שטאָט: איין הויז פון פרומע יידן, וואָס האָבן אָפּגעהיט די טראַדיציע און געלערנט תורה, און אַ צווייט הויז פון יידן אריסטאָקראַטן ("אַריסטאָקראַטן" האָבן דעמאָלט געהייסן די, וואָס האָבן זייערע קינדער געשיקט אין גימנאַזיע), און עס איז געווען איין יינגל מיטן נאָמען יעקב, וואָס האָט געלערנט אין חדר, און א צווייט יינגל וואָס איז געגאַנגען אין גימנאַזיע און האָט זיך געפונען צווישן „שקצים". איין מאָל האָט דער דאָזיקער יינגל געהערט וועגן ארץ־ישראל און האָט אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם יידישן גורל. נאָך דעם האָבן זיך די צוויי באַגעגנט אין ארץ־ישראל: איינער אַלס אַן ארבעטער און דער צווייטער — אַלס אַ לערער. די דאָזיקע דערציילונג האָט מיר געגעבן א צווייטן, מער באַשטימטן שטויס צו דער אידעע פון עולה זיין קיין ארץ־ישראל".

„ווי אזוי האָב איך זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט דאָס פאָרן קיין ארץ־ישראל און וואָס איז געווען מיין אידעאַל אין ארץ־ישראל? איך געדענק דאָס זייער גוט. איין בילד איז פאַרשטייט זיך געווען אַ פּויער, אַן ערד־אַרבעטער, און איך דאַרף נישט דערציילן, ווי אזוי דאָס האָט מיך געצויגן; דאָס צווייטע בילד איז געווען נאָך אַנציענדיקער. איר ווייסט, אז אין יידישן שטעטל איז נישט געווען קיין פיל שיינקייט. נישט געווען קיין געוויקסן, קיין ביימער אאז"וו. ווען איך בין געווען אַ קליין קינד, האָב איך פיל געליטן דערפון, וואָס אין יידישע הייזער איז נישטאָ קיין גרינס — בלויז ביי די "פּריצים" אין אונזער געגנט זענען געווען גערטנער מיט בלומען און זייער שיינע געוויקסן. אָבער דאָס וואָס פלעגט מיך באַזונדערס פאַרכאַפן אין די קינדער־יאָרן איז געווען — — בעת איך פלעג גיין באַגלייטן מיין פאָטער צו דער באַן־סטאַנציע, ווען ער פלעגט זיך ארויסלאָזן אין אַ וויטן וועג. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גרויסע איבערלעבונג. אַלע באַן־סטאַנציעס זיינען געווען געבויט אין איין סטיל, ארומגערינגלט מיט בלומען,

און דאָס האָט מיך זייער באַצויבערט. פון דער אַנדערער זייט האָב איך אין יענער צייט געלייענט אין עפּעס אַ שריפט, אַז אין ירושלים האָבן די יידן באַקומען די קאָנצעסיע אויף דער אייזנבאַן. און מיין אמתער אידעאַל איז געוועַן: צו זיין אַ שעף פון אַן אייזנבאַן־סטאַנציע אין ארץ־ישראל. נישט קיין פּאָליציאַנט און נישט קיין סאָלדאַט, וואָרום דער באַגריף וועגן דער יידישער מדינה האָט ביי מיר אַנגענומען די געשטאַלט פון אַן אייזנבאַן. דאָס איז פאַר מיר געוועַן די גרעסטע פּאָליטישע דערגרייכונג״.

„אָבער מיין ארץ־ישראלדיקייט איז דערמיט נישט צופרידנגעשטעלט געוואָרן. אין מיין פּאָטערס ביבליאָטעק, וואָס האָט אין מיין לעבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, איז געווען דער ערשטער העברעישער „בעדעקער״ — אַ וועגווייזער אין ארץ־ישראל. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין אין דעם בוך געוועַן אַ בקי פון א׳ ביז ת׳.

— — — „איך האָב געהאַט אַ סך געלעגנהייטן זיך נעֶנטער צו באַקענען מיט ארץ־ישראל. אין מיין פּאָטערס ביבליאָטעק איז געווען אַן „אַלבאָם מיט לעבע־דיקע בלומען״ פון ארץ־ישראל. אַ גרויסער שרייבער און פּעדאַגאָג און אַ גרויסער חובב־ציון, זאב יעבץ, האָט אין יענער צייט געטאָן זייער אַ גרויסע אַרבעט: געשאַפן אין העברעיש אַ נייע ליטעראַטור און פּרובירט פאַרבינדן דעם גלות מיט ארץ־ישראל. ער האָט אַרויסגעגעבן דעם אלבאָם מיט די לעבעדיקע בלומען פון ארץ־ישראל, אין וועלכן עס זענען אויך אריין עטלעכע שיינע זאַכן אויף דייטש און העברעיש: הײנעס אַ ליד און אַן אגדה, אָדער אַ מדרש. דאָס דאָזיקע ביכל האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין מיין לעבן״.

בערל דערציילט אויך וועגן דעם גרויסן רושם, וואָס האָבן אויף אים געמאַכט די לעבעדיקע מענטשן, געקומענע פון זיין טרוים־לאַנד און געזען, אַז זיין חלום עולה צו זיין איז אַ שפּאַן צו דער רעאַלער ווירקלעכקייט.

זיין פּריצייטיקע פאַריתומטקייט האָט אויף אים געווירקט צו זוכן אַן אַנשפּאַר אין דער ווירקלעכקייט — אין ארץ־ישראל האָט ער געזען ווירקלעכקייט און צוקונפט.

ב. אַ פענצטער צו דער וועלט

די רוסישע ליטעראַטור, מיט וועלכער דער יונגער בערל האָט זיך אָנגע־לייענט, (ביז צען יאָר איז זיין דערציאונג געווען בלויז אויף העברעאישע ביכער) און די באַגעגעניש מיט דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט האָבן געהאַט אויף אים אַ גרויסע השפעה. ער נעמט זוכן אַ וועג צו זיין ציל אין לעבן און געפינט אים צווישן דער אַרבעטערשאַפט. זיין יוגנט־חבר, דער דיכטער דוד שמעונוביץ, דערציילט וועגן יענער תקופה:

— — — „דעם 15—14־יעריקן בערל האָט מען געזען זיך אַרומדרייען מיט אַרבעטער־גרופּן (אין באָברויסק האָט שוין דאַן עקזיסטירט אַ פּועלי־ציון אָרגאַני־

זאציע), ער האָט פאַר די אַרבעטער גאַליִיענט לעקציעס איבער יידישע געשיכטע, סאָציאָלאָגיע, עקאָנאָמיע און פאַרביסן געקעמפט קעגן „בונד״; א דיסקוטאַנט, א פּאָלעמיסט, אַן אָרגאַניזאַטאָר. שוין דאַן האָט זיך אין אים אַנטפּלעקט די צווייטע גרונט־אייגנשאַפט, אַ טייערע אייגנשאַפט, וואָס איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן בולטער און טיפער געוואָרן: דער טאַלאַנט צו דערקענען די אייגנשאַפטן פון פאָלקס־מענטשן, זיי געהעריק אָפּשאַצן און אַקטיוויזירן לטובת דעם פּרט און כּלל. עס איז ממש צו באַוווּנדערן, ווי דערדאָזיקער ייִנגל האָט באַוויזן צו אַנטדעקן פאַרבאָרגענע פעיִקייטן אין פּראָסט־פּשוטע מענטשן, וואָס האָבן נישט געליִיענט און נישט געלערנט, געוווּסט ווי אַזוי אויפצוהייבן אין זיי דעם זעלבסטווערט און אויך אַרויסרופן ביי אַנדערע אַנערקענונג פאַר זיי. ווי גוט האָט ער געוווּסט אויסצונוצן די דאָזיקע כּוחות פאַר דער זאַך, פאַר דעם בשותּפותדיקן ציל. אין איינעם אַ שוסטער אַנטדעקט בערל אַן אָרגאַניזיר־טאַלאַנט, אין אַ צווייטן אַ בלעכער — אַן אויסגעצייכנטע רעדנער־קראַפט; אַ דריטער, אַ שניידער — ווייזט זיך אַרויס אַלס אָריגינעלער דענקער, און אַ פערטער — אַן אָנגעשטעלטער אין אַ קראָם איז אַ פּעטישע נשמה, וואָס דענקנדיק וועגן ציון, פאַרגעסט ער אין דער גאַנצער וועלט. צווישן בערלען און „עמך״, עלטערע פון אים אין יאָרן, האָבן זיך איינגעשטעלט אויסגעצייכנטע באַציאונגען פון פריינדשאַפט און אמתדיקער חברישקייט. עס האָט זיך נישט געפילט קיין שום איבערישקייט ביי קיין שום צד, נישט די וואָגיקייט פון בערלס גייסטיקער אַנטוויקלונג און נישט די חשיבות פון זייער עלטער. און אפשר איז דאָ געווען אַ קעגנזייטיקע פאַרגיטיקונג. דער מערוועדס פון זיין אינטעלעקט איז פאַרטושט געוואָרן דורך זיין יונגן עלטער, פון דער צווייטער זייט ווידער — די בילדונגלאָזיקייט פון זיינע חברים־אַרבעטער אין קאָמפּענסירט געוואָרן דורך זייער לעבנס־דערפאַרונג, דורך זייער רייפקייט ביידע צדדים האָבן זיך דעריבער געפילט ווי צוויי גלייכע און איינער איז באַליבט געוואָרן ביים צווייטן״.

וועגן בערלס קולטור־אַרבעט, אַלס ביבליאָטעקאַר, דערציילט י. טאַבענקין:

„איך האָב באַגעגנט בערלען, בעת ער האָט געאַרבעט אַלס ביבליאָטעקאַר. ער האָט דערצויגן און געריכטעט פיל מענטשן אין באָברויסק דורך דעם בוך און דורך דער ביבליאָטעק. ער האָט געגעבן הונדערטער מענטשן צו לייענען ביכער — געוווּסט וואָס פאַראַ בוך צו געבן יעדן איינעם פון זיי. דער געפיל פון לעזער, אַריינגייענדיק אין ביבליאָטעק, איז געווען: „בערלען איז באַוווּסט דער רוב ביכער וועלכע איך האָב געליִיענט, און ער ווייסט וואָס ער דאַרף מיר איצט געבן״. און ער האָט באמת געגעבן אים דאָס בוך, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר אים. איך האָב פיל שעה׳ן פאַרבראַכט אין דער דאָזיקער פאָלקס־ביבליאָטעק און צוגעקוקט, ווי אַזוי בערל פּילט אויס זיין פליכט. און ער איז דאַן סך־הכּל אַלט געווען 16—15 יאָר.

„אין דער ביבליאָטעק, ווו בערל האָט געאַרבעט, איז שטענדיק געשטאַנען אַ לאַנגע ריי פון לייענער, ביכער־זוכער. בערל האָט געוווסט דעם סוד פון לייענער און דעם סוד פון די ביכער, וועלכע זענען זיי נויטיק. אַלס יינגל נאָך האָט ער מיט זיין ביבליאָטעקערי אויסגעפירט אַ וויכטיקע דערציערישע ראָלע, געדינט אַלס מוסטער פון אַקטיוויטעט און אַלס מוסטער פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַ שטאַרקן און וואַכזאַמען צובונד צום לעבן. פון דער פריעסטער יוגנט האָט ער ארויסגעוויזן אַ שטאַרקע פארשטענדעניש פאַר דער ווירקלעכקייט, צום קאָנקרעטן און עקזיסטירנדן, צו דעם רעאַלן. אויך דאָס צופאַסן אַ בוך פאַרן לייענער — אויך אין דעם איז געווען אַן אויסדרוק פון זיין באַציונג צו דער רעאַלער וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט.

„בערל איז אויך געוואָרן אַ ביבליאָטעקאַר, ווייל ער האָט געהאַט אַ נייגונג, אַ שטרעבונג און אַ לעבעדיקן אינטערעס צו אַ פיל ברייטערער וועלט פון דער, אין וועלכער עס שטראָמט דאָס רעאַלע טאָג־טעגלעכע לעבן פון מענטשן. דאָס בוך פאַרברייטערט דיך : דער לעבנס־גורל פון פיל אַנדערע מענטשן, זייערע איבער־לעבענישן, ווערן דורכן בוך דיינע פערזענלעכע איבערלעבענישן".

די טעאָריעס און זוכענישן האָבן פאַר אים נישט פארשטעלט דעם וועג צום קעגנווארטיקן לעבן. ער האָט געזוכט אַן אָנשפּאַר, אַ מקור פאַר חיונה און געפונען, אַז ער איז זייער געאייגנט צו זיין אַ לערער. כדי צו באַקומען לעקציעס אָדער אַ „קאָנדיציע" אַלס לערער, מוז מען פריער באַלייגן אַן עקזאַמען, און דערויף דאַרף מען פיל ארבעטן און זיך שטאַרק צוגרייטן דערצו. וויפיל ער האָט געקאָנט האָט ער געלערנט אין זיין היימשטאָט באָברויסק, און כדי זיך צו פאַרפולקאָמען אין די למודים איז ער געפאָרן קיין קיעוו. אויך דאָ, ווו ער איז געווען אריינגעטאָן, ראשו ורובו, אין תכלית — האָט ער נישט אויפגעגעבן זיין אידעישע טעטיקייט.

„אין קיעוו — דערציילט וויטער ד. שמעונוביץ — האָט בערל באַוויזן צו דערווערבן אַלס פריינד עלטערע חברים, סטודענטן פון אוניווערזיטעט און פּאָליטעכניקום, באַקאַנטע טוער אין דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג. בשעת באַגעגענישן מיט זיי האָב איך איינגעזען, אַז פיל מאָל באַאיינפלוסן זיי נישט אים, נאָר פאַרקערט.

„טיילמאָל האָב איך אויסגעמיטן אריינצוגיין צו בערלען, נישט וועלנדיק אים מבטל זיין פון לערנען. געוווינט האָט ער אין אַ קליינעם ענגן צימער ווו דער דלות האָט געפייפט פון אַלע ווינקלען. דאָס מעבל איז באַשטאַנען פון אַן אייזערנעם הינקענדיק בעטל, אַ שטול און אַ קליין טישל, אָנגעלייגט מיט אַ שטויס ביכער".

„בשעת אונזערע שמועסן האָבן מיר זיך אריינגעלאָזט אין טיפע פראַגן איבער וועלט און מענטש, יידן און גוים. איך פלעג שווימען אין אַבסטראַקטע ענינים, און בערל פלעגט דעם שמועס פירן אויף מער רעאַלע רעלסן. ווי

געוויינטלעך פלעגט דער שמועס זיך פארענדיקן מיט דער קורצער עקבערנדיקער פראגע: ווען וועלן מיר סוף־כל־סוף פארן קיין ארץ־ישראל?".

ג. אידעאישע ראנגלעניש

דער אנהויב פון צוואנציקסטן יארהונדערט איז געווען א תקופה פון א גרויסן געזעלשאפטלעכן אויפברויז אויף דער יידישער גאס. איבער יענער תקופה שרייבט דער היסטאריקער ב. דינאבורג:

„דער קישינעווער פאגראם, דער אוגאנדע־קריזיס, די שארפע סאציאלע דיפערענצירונג אויף דער יידישער גאס, די פארשטארקונג פונעם רעוואלוציאנערן אויפברויז אין רוסלאנד — זיי האבן דעם יונגן דור אוועקגעשטעלט פאר דעם גרויסן פלאנטער פון דער יידישער ווירקלעכקייט. אלע שווערע און הארבע פראבלעמען פון יידן אין גלות, זייער געשטאלטונג, גורל און צוקונפט, זיינען געווארן צייט־פראגן וואס פאדערן א באלדיקע און גרונטלעכע לייזונג. די אלע פראגן זענען אומאויפהערלעך דיסקוטירט און באהאנדלט געווארן אין אלע ערטער. „טעאריעס" איבער „טעאריעס" זיינען געשאפן און פארמולירט געווארן אין יעדער שטאט און שטעטל. נעכט נאך נעכט האבן זיך געצויגן די שטורמישע ויכוחים און אידעאלאגישע דעבאטן".

אין ליכט פון די געקומענע געשעענישן האט בערל אנגעהויבן קאנטראלירן זיין וועג און געפונען סתירות צווישן אים און דער וועלט — עס האבן זיך פאר־שטארקט זיינע אינערלעכע ראנגלענישן. לאמיר הערן, וואס בערל אליין דערציילט וועגן זיי אין זיינע זכרונות („מיין וועג קיין ארץ ישראל"):

„...אין יענער צייט האב איך אייגנטלעך געזאלט פארן קיין אויסלאנד — כדי אריינצוטרעטן אין אוניווערזיטעט, אויך אין פארבינדונג מיט עפעס א ציוניסטישן פלאן. אבער אין רוסלאנד איז דאן אויסגעבראכן די רעוואלוציע פון יאר 1905. דעם 9־טן יאנואר איז פארגעקומען דער ערשטער פארזוך פון דער רוסישער רעוואלוציע. יענעם טאג זיינען מיר, איך און טאבענקין, ארומגעגאנגען איבער די װארשעװער גאסן, ווו עס איז פארגעקומען א גרויסע דעמאנסטראציע. אין דער דאזיקער דעמאנ־סטראציע זיינען פיל מענטשן געפאלן. — — דאס, וואס איז פארגעקומען פאר מיינע אויגן האט מיך אזוי אויפגעטרייסלט, אז איך האב צו זיך געזאגט: איצט איז ניט די צייט צו לערנען — איצט דארף איך דערפילן מיין פליכט.

„ווי אזוי האב איך פארשטאנען די דאזיקע פליכט?

„אין יענער צייט האבן די קרייזן פון די פועלי־ציון, אין זייערע פארשיידענע נוסחאות, געמאכט א פרווו צו גרינדן א פאראייניקטע גרויסע פארטיי, וואס האט געטראגן דעם נאמען „ציוניסטיש־סאציאליסטישע פארטיי" (ס.ס.). די מערסטע פון זיי זיינען געווען עקסטרעם־יידישיסטיש. איך בין געווען זייער נאענט צו יידיש.

איך האָב הויך געשעצט יידיש ווי א פאָזיטיוון פאַקטאָר אין לעבן פון פאָלק. אָבער נאָך דעם 9־טן יאַנואר, בעת איך האָב באַשלאָסן אז איך שטעל זיך אינגאַנצן אין דינסט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, האָב איך געשריבן א בריוו צו מיינע חברים אין דער דאָזיקער פּאַרטיי, אין וועלכן איך האָב געזאָגט, אז איך בין גרייט זיך אָנצושליסן אָן זיי — אָבער דעם בריוו האָב איך געשריבן אויף ה ע ב ר ע אי ש. איך האָב געשריבן, אז איך גלויב אין ארץ־ישראל, אָבער די דאָזיקע פּראַגע וועט נאָך קלאָר ווערן; אָבער „אין גייסט בין איך מיט אייך" — בנוגע דער יידן־פּראַגע, בנוגע ראַטעווען יידן, אין באַציאונג צו דער רוסישער רעוואָלוציע.

דאָס איז געווען אָן אייגנאַרטיקע יידישע פּאַרטיי, אפשר די טראַגישסטע פּאַרטיי אין דער געשיכטע פון די לעצטע דורות. לויט איר גייסט איז דאָס געווען א חלוצישע פּאַרטיי — זי האָט געגלויבט אין דעם אַרויסגיין פון גלות, האָט קאַטעגאָריש בעגערט די יידישע עקאָנאָמיק, געפאָדערט דעם איבערגאַנג צו אַרבעט; געווען אין איר קרייזן וואָס האָבן געפּריידיקט דעם קאָלעקטיוויזם. טויזנטער יידישע פּיאָנערן זענען דערצויגן געוואָרן אין דער דאָזיקער פּאַרטיי, אָבער זי איז אינגאַנצן געגאַנגען לאיבוד, זי האָט ניט געהאַט קיין שום ממשותדיקן אינהאַלט. ס.ס. האָט זיך אָרגאַניזירט ווי א זעלבסט־שטענדיקע פּאַרטיי בערך אין 1905. דאָס איז געווען א שטורעמדיקע תקופה, דער הויך־פּונקט פון א גרויסן רעוואָלוציאָנערן דראַנג, פון דער זעלבסטשוץ. אָבער באַלד האָט זיך אָנגעהויבן דער יאוש. נאָכן זיבעטן קאָנגרעס האָט זי פאַרלאָזן דעם ציוניסטישן קאָנגרעס, און זינט דעמאָלט האָט זי זיך אָנגעהויבן קייקלען באַרג־אַראָפּ. נאָכדעם איז געקומען דאָס צופאַלן זיך צו אַנדערע פּאַרטייען".

— — — „צווישן מיר און דער פּאַרטיי זענען בכלל געווען א סך חילוקי־דעות. איך האָב דאָרט ניט מאריך ימים געווען. אייגנטלעך האָט מיין מיטגלידערשאַפט אין דער דאָזיקער פּאַרטיי געדויערט אפשר א האַלב יאָר, ניט מער. די חילוקי־דעות צווישן אונז זענען געווען אויף פאַרשיידענע שטחים... בעת איך האָב פאַרלאָזן די ס.ס. און זיך אָנגעשלאָסן אין א אַנדערער גרופּע, די „וואָזראָזשדעניע", בין איך געפאָרן אין א גרויסע שטאָט אין דרום־רוסלאַנד (דאָס איז געווען נאָך דער באַרימטער דע־צעמבער־שחיטה) און דאָרטן זיך אינגאַנצן אריינגעטאָן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג — צווישן רוסישע און יידישע מאַסן".

פון דאָרטן איז בערל געפאָרן קיין ווילנע — ווו עס האָבן זיך דאַן קאָנצענטרירט די העברעאישע שריפטשטעלער, ווי אויך די צענטראַל־קאָמיטעטן פון די פּאַרטייען. עס האָט זיך אָנגעהויבן א תקופה פון א ירידה אין דער העברעישער ליטעראַטור, העב־רעישע שרייבער זיינען אריבער צו יידיש, העברעישע ביכער האָבן אויפגעהערט צו דערשיינען. יאוש־שטימונגען האָבן זיך פאַרשפּרייט אין די העברעישע קרייזן.

פּונקט ווי ער איז געווען סקעפּטיש בנוגע ציוניסטישע ענינים, איז ער אויך געוואָרן פול מיט ספקות בנוגע העברעיש, בנוגע דעם, צי העברעיש איז נאָך פעאיק צו שפּילן א ראָלע אין לעבן פון פאָלק.

„מײנע חשבונות מיט העברעאיש — דערצײלט בערל — זײנען בכלל געװען זײער משונהדיקע און קאָמפּליצירטע, סײ צוליב די גרױסע ספקות בנוגע מײן צוקונפט װי א ייד, סײ צוליב דעם װילן זיך בכלל ארױסצולאָזן אין דער גרױסער װעלט און זיך דאָרטן ארײנטאָן אין „װעלט־ענינים״, אין דער רעװאָלוציע.

„פון שטאַנדפּונקט פון העברעיש בין איך בכלל דעמאָלט, אין עלטער פון 18 יאָר, געװען אײנער פון די זינדיקסטע מענטשן. איך האָב דעמאָלט זיך פאַרנומען מיט כלערלײ פּעדאַגאָגישע עקספּערימענטן. אין מיטן פון דער רעװאָלוציע האָב איך באַקומען א לערער־שטעלע אין א שול פון דער „חברה מפיצי השכלה״. איך האָב געדאַרפט לערנען העברעיש און יידישע לימודים מיט אָרימע מײדלעך. אין יענער שולע האָב איך געהאַט זײער אַן ערנסטע איבערלעבונג. איך האָב געדאַרפט באַשליסן, װאָס איך זאָל מיט זײ לערנען אין אזא קורצער צײט, און אזױ װי איך בין געװען יונג און א חצוף, האָב איך בײ זיך אָפּגעמאַכט: אױב איך װעל מיט זײ לערנען העברעיש װעלן זײ אפשר קענען דעם אלף־בית, אָבער קײן אַנדערע זאַך װעלן זײ זיך ניט אױסלערנען — איך דאַרף זיך זאָרגן דערפאַר, אז זײ זאָלן צוגעבונדן װערן צו אונזערע ענינים. איך האָב זיך גענומען דאָס רעכט, און אָנשטאָט מיט זײ צו לערנען העברעאיש — געלערנט יידיש, יידישע געשיכטע און אױך א ביסל ליטעראַטור.

— — — „אין צװישן האָב איך באַקומען ארבעט אין א פאָלקס־ביבליאָטעק, טאַקע אין דער זעלבער שטאָט. דעמאָלט איז צו מיר געקומען א פּעדאַגאָג פון דער „חברה מפיצי השכלה״, א באַרימטער בונדיסט. ער האָט געזאָגט: איך האָב געהערט װעגן אײך, איך װײס װאָס איר טוט און איך פרײ זיך אײך צו זען — מיר זײנען דאָך חברים לדעה. האָב איך אים געענטפערט: חלילה וחס, איך בין ניט אײער חבר. איר פרײט זיך מיטן אונטערגאַנג פון העברעיש — און איך קלאָג דערױף.

„די באַגעגעניש אין װילנע מיטן קרײז העברעאישע שרײבער און דער שמועס מיטן בונדיסטישן לערער האָבן באַשטימט מײן גורל. אין יענעם טאָג איז געפאַסט געװאָרן מײן לעצטער באַשלוס — סײ װעגן העברעיש און סײ װעגן ארץ־ישראל. איך זאָג עס נאָכאַמאָל: ניט אױס ציוניסטישן גלױבן, נאָר אױס באַלײדיקונג, אױס עקשנות, אױס װידערװילן צו זײן א שותף פון דעם דאָזיקן דור, װאָס האָט אפילו ניט דעם כוח צו שטאַרבן בכבוד״.

ד. די צוגרײטונגען צו ארץ־ישראל

װען בערל האָט אָנגענומען דעם באַשלוס עולה צו זײן קײן ארץ־ישראל, איז ער אַלט געװען נײַנצן יאָר. עס איז געװען א געהײמער באַשלוס, װאָס אױסער א גאָר נאָענטן קרײז פון דרײַ־פיר מענטשן האָט קײנער װעגן דעם ניט געטאָרט װיסן, אױך ניט זײן מוטער.



ב. קאצענעלסאָן, אין דער פערמע בן־שמן, 1912

אין די זכרונות („מיין וועג קיין ארץ־ישראל") דערציילט בערל וועגן זיינע צוגרייטונגען — די הכשרה פון יענער צייט:

„מיינט ניט אז די זאך איז מיר אָנגעקומען גרינג. קודם־כל בין איך אוועק אין א געוויסער שטאָט, ווו איך האָב געארבעט ביי א בלעכער. נאָכדעם בין איך מגולגל געוואָרן אין אַן אנדערער שטאָט, ביי א יידישן שמיד. שפּעטער האָב איך זיך געלאָזט קיין אָדעס. דאָרטן האָט דעמאָלט עקזיסטירט א בארימטע יידישע האַנט־ווערקער־שולע „טרוד". מיט גרויסע שוועריקייטן איז מיר געלונגען אריינצוטרעטן אין איר. איך האָב אין איר געארבעט אלס אייזן־טאָקער".

אין דער צייט פון זיין לאַנגער הכשרה־תקופה האָבן צו אים אָנגעהויבן דער־גרייכן קלאַנגען וועגן ארץ־ישראל: פאַרשטייט זיך ידיעות פון דער יידישער פּרעסע, קאָרעספּאָנדענציעס. נאָך דעם זיינען צו אים אָנגעקומען די פּעריאָדישע אויסגאַבן, וואָס זיינען דאָרטן דערשינען, ווי „הפועל הצעיר" און „העומר". די נאָטיצן און דערציילונגען פון די דערמאָנטע אויסגאַבן האָבן מבשר געווען א נייע העברעאישע ליטעראטור און נייע געדאנקען.

אין צוזאמענהאַנג מיט זיין נסיעה האָט ער באשלאָסן:

— — — „ערשטנס, דאָס רייזע־געלט דאַרף איך אליין פאַרדינען; צווייטנס, איך טאָר ניט אנטלויפן פון מיליטער־דינסט — דערפאַר, וואָס עס האָט זיך שוין דעמאָלט געשאַפן דער איינדרוק, אז א סך מענטשן פאָרן קיין ארץ־ישראל ניט אויס חלוצישע מאָטיוון, נאָר צוליב דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה, זיי ווילן ניט גיין דינען און דערפאַר אנטלויפן זיי. איך האָב ניט מסכים געווען, אז מיין מאמע זאָל פאַר מיר באַצאָלן שטראָף (אין רוסלאַנד האָט זיך דאַן געפירט, אז די עלטערן האָבן באַצאָלט א שטראָף פון דריי הונדערט רובל פאַרן זון, וואָס איז אנטלאָפן פון מיליטער־דינסט)".

די דאָזיקע באשלוסן האָבן אָפּגעשטופּט זיין עליה. נאָכן באפרייען זיך פון מיליטער־דינסט האָט ער גענומען זוכן ארבעט אויף צו שאַפן זיך די רייזע־הוצאות.

אזא ארבעט האָט ער געפונען:

„אין דער פאָלקס־ביבליאָטעק, וועלכער איך האָב אָפּגעגעבן א צאָל פון מיינע יוגנט־יאָרן, האָט מען מיר פאַרגעלייגט צו מאַכן א רוסישן און העברעישן קאַטאַלאָג, וואָס זאָל קענען דינען אלס מוסטער. איך האָב דעם קאַטאַלאָג אָפּגעגעבן עטלעכע חדשים פון שווערער ארבעט און דערפאַר באקומען האָנאָראַר פון פופציק רובל. נאָכדעם האָט די ביבליאָטעק אָנגעבאָטן דעם קאַטאַלאָג דער „חברה מפיצי השכלה", און איך האָב דערפאַר באַקומען א פּרעמיע פון דריי הונדערט רובל. מיט דעם דאָזיקן געלט האָב איך געזאָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער די דאָזיקע דריי הונדערט און פופציק רובל האָבן מיר געקאָסט זייער טייער. איך בין קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און בין פון דער קראַנקהייט מיט גרויסע שוועריקייטן ארויס בשלום. אזוי איז מיין רייזע ווידער אָפּגעלייגט געוואָרן.

— — — „נאָכן טיפוס און אנדערע צרות בין איך ענדלעך ארויסגעפאָרן קיין

ארץ־ישראל. אלץ, וואָס איז מיט מיר געשען פון מיין ארויספאָר ביז מיינע ערשטע טעג אין לאנד, האָבן געמאכט דעם איינדרוק, ווי דער שטן אליין וואָלט געוואָלט זיך רייצן מיט מיר. אויפן וועג האָב איך זיך אומעטום אָנגעטראָפן מיט מענטשן, וואָס האָבן מיך „געוואָרנט" קעגן ארץ־ישראל".

ענדע זומער, תרס"ט, מיט דער שיף „צאַרעווונא", איז בערל אָפּגעשוווּמען צום לאנד, ווו ער דאַרף געפינען א ממשותדיקע תשובה אויף אלע זיינע פראַגן. כ"א אלול איז ער ארויף אויפן באָדן פון יפו.

די קאַפּיטלעך זכרונות האָט ער פאַרענדיקט מיט די ערשטע איינדרוקן, וואָס עס האָט אויף אים געמאכט דער יידישער ישוב אין יפו, בשעתן אָפּשטייגן פון שיף:

— — — „דאָס, מיט וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט, איז כמעט אוממעגלעך צו שילדערן. די ערשטע פראַגע, וואָס מען האָט געשטעלט איז געווען: פאַרוואָס זענט איר געקומען? און גלייך נאָכדעם — כלערליי שמוץ אויפן לאנד, ליצנות און שפּאָט איבער די טיפשים...

— — — „דעם זעלבן טאָג האָב איך א ביסל שפּאַצירט אויסער דער שטאָט, אויפן ברעג ים. אייגנטלעך איז שוין פאַר מיר אין דער רגע, וואָס איך בין ארויף אויפן ברעג ים געווען קלאָר, אז דאָס איז מיין **ל ע צ ט ע ר ב ר ע ג**. אלץ, וואָס איז פריער געשען איז פאַר מיר געווען פאַרענדיקט. איך זאָג דאָס ניט דערפאַר, ווייל איך וויל לאחר המעשה דערציילן וועגן גרויסע זאכן. אָבער איך ווייס, אז פאַר מיר האָט זיך דער ענין ארץ־ישראל געענדיקט אין דעם טאָג, וואָס איך בין דאָ אָנגעקומען. איך האָב געוווּסט, אז קיין אנדערער ברעג וועל איך ניט האָבן.

„אין די ערשטע טעג איז מיר אויך שווער געגאַנגען מיט דעם ענין העברעיש. מיין גאַנץ לעבן האָב איך קיין העברעיש ניט גערעדט. ווען איך בין געקומען קיין ארץ־ישראל, האָב איך ניט געקאָנט בויען קיין איין באַטירלעכן זאַץ אויף העברעיש, אָבער רעדן אויף אן אנדערער שפּראַך האָב איך ניט געוואָלט. איך האָב באַשלאָסן ניט ארויפצובריינגען אויף מיינע ליפּן קיין איין ניט־העברעאיש וואָרט. אין משך פון צען טעג האָב איך בכלל ניט גערעדט. און אז איך בין געצוווּנגען געוואָרן עפּעס צו ענטפערן — האָב איך געענטפערט מיט עפּעס א פּסוק, וואָס האָט געהאַט א שייכות מיטן ענין".

ח. מיטן פּנים צום דאָרף

די ערשטע צען יאָרן אין לאנד, פון 1909 ביז ענדע דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט בערל געמאכט פאַרשידענע אָנשטרענגונגען צו שלאָגן פעסטע וואָרצלען אין דער ערד, באַהעפטן זיך דורך האַרעוואַניע מיט דעם נייעם יידישן דאָרף.

דעם אָנהויב האָט ער געמאכט אין די קאָלאָניעס פון יהודה. דאָ האָט ער באַגעגנט צוויי מענטשן, י. ח. **ב ר ע נ ע ר** און א. ד. **ג א ר ד א ן**, וועלכע זיינען געווען ווי

צווי גרויסע ליכט אויף זיין וועג. ער ארבעט אין די פרדסים פון פתח־תקוה און פארזוכט דעם טעם פון פארביטערונג און דערנידערונג, אין וועלכע עס האָט דאַן געלעבט דער יידישער לוין־ארבעטער.

ניט גרינג איז אים אָנגעקומען די ערדארבעט, צו וועלכער ער איז ביז איצט נישט געווען צוגעוואוינט. וואָס עס באוויַיזן ניט צו טאָן די הענט — דערגעגצט ער מיטן מוח. דערצו נאָך איז די יידישע לאנדווירטשאפט דאַן געשטאנען אויף א גאנץ נידעריקער מדרגה.

„זיינע העכסטע לעבנס־צילן זענען דאַן געווען: צווינגען דעם רוקן זיך צו בויגן אין משך פון שעהן אין די פרדסים און גרינס־בייטן; צוגעוואוינען דעם קערפער זיך מסתפק צו זיין במועט; איינצושפאנען דעם יידיש־אינטעליגענטישן אומרו אין דעם תחום פון אַן ענג שטיקל ערד; פלייסיק און לעבעדיק צו מאכן דעם העברעישן וואָרטשאַץ פון חדר און ישיבה, אז עס זאָל ווערן א לעבעדיק לשון" (ש. גראָדזענסקי).

פון יהודה גייט ער איבער ארבעטן קיין חדרה און פון דאָרט — קיין גליל, וועלכער לאָקט מיט דעם נייעם עקספערימענט, מיט דער זעלבסטשטענדיקער ארבעטער־קבוצה. צוערשט ארבעט ער אין סעדזשערע, אין דער יק"א־פערמע, און דער נאָך אין כנרת און אום־דזשוני. מיט כנרת זיינען פארבונדן פיל יאָרן פון זיין לעבן און ארבעט. דאָ, אין כנרת, האָבן זיך אנטוויקלט זיינע גייסטיקע כוחות, איז בולטער געוואָרן זיין פערזענלעכקייט.

ישראל בצר דערציילט וועגן בערלס ארבעט אין אום־דזשוני:

„שניט־צייט אין אום־דזשוני. בערל געפינט זיך ערשט עטלעכע וואָכן צווישן אונז. ער איז ניט קיין חבר פון דער קבוצה און אויך ניט קיין דערפאַרענער ערד־ארבעטער. אין אום־דזשוני געפינען זיך לרוב ארבעטער־ותיקים, וועלכע זיינען שוין צוויי־דריי יאָרן און מערער אין לאנד, דאָס זענען די ותיקים פון גליל.

מוצאי־שבת האָט מען בערלען אויסגעשטעלט צו פירן דעם געשניטענעם ווייץ, פירן אים צום שייער. אין דער פרי, ווי נאָר עס איז ליכטיק געוואָרן, לייגט בערל אָן דעם וואָגן מיט די בינטלעך תבואה. דער ערשטער וואָגן איז געווען דער יסוד צו די צוויי הויכע סטויגעס, וואָס זיינען אויפגעטורעמט געוואָרן נעבן שייער. מען האָט זיי געזען וויַיט־וויַיט, אין דער ברייטקייט פון עמק־הירדן, פון מזרח און מערב און פון די גליל־בערג.

„די צוויי סטויגעס האָבן אונז געבראַכט פאָפולאַריטעט מער ווי הונדערט ציַיטונגען אין לאנד, און אונז באקאנט געמאכט אין דער ציוניסטישער באוועגונג אין חוץ־לארץ. זיי האָבן אָנגעזאָגט וועגן דעם נייעם ווענדפונקט, וועגן דער זעלבסט־שטענדיקייט פון יידישן ארבעטער אין לאנד און וועגן דער אנטשטייאונג פון דער ארבעטנדיקער קאָלאָניזאַציע".

בערל באציט זיך ערנסט צו זיינע פליכטן אלס לאנדווירטשאפטלעכער ארבעטער. אין כנרת איז ער געווען אריינגעטאָן אין א לאנדווירטשאפטלעכן צוויַיג, אין גרינס־

גאָרטן, און האָט אויף דעם געביט אַרויסגעוויזן אַ סך פּעאיקייטן. זיינע פרייע שטונדן נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג ווידמעט ער קולטור־אַרבעט און געזעלשאַפטלעכע ענינים. רחל קאַצענעלסאָן דערציילט וועגן בערלס העברעאישע לעקציעס:

„נאָך אַ לאַנגן אַרבעטס־טאָג, נאָכן אויסקוקן אויף די חברות, וועלכע אַרבעטן אין קיך, צען אזייגער אין אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן בערלס עברית־לעקציע. די לעקציע איז געווען באַשטימט פאַר אַלעמען, פאַר די אָנפאַנגער, וואָס קענען ווייניק און פאַר פאָרגעשריטענע וואָס קענען אַ סך. קיינער האָט אונז ניט אַזוי געלערנט ווי ער. איך געדיינק איין לעקציע, וואָס האָט באַהאַנדלט דעם שורש „עין" און זיין פאַרצווייגונג. ער האָט מיט אונז אַרומגעשפּאַצירט אין די גערטנער פון דער העב־רעישער שפּראַך און אַנטפּלעקט פאַר אונז אַלע פאַרבן און דעם בליאונגס־שפע פון איין העברעישן שורש".

מיט כנרת איז פאַרבונדן אויך בערלס ערשטער אַרויסטריט אויפן געזעלשאַפט־לעכן געביט: ער ווערט אויסגעוויילט אין דעם ערשטן „ועד פועלי הגליל" אין יאָר 1911, וואָס איז געווען דער גרונדשטיין פון דער הסתדרות פועלי הגליל (די אָרגאַני־זאַציע פון די אַרבעטער אין גליל). בערלס געזעלשאַפטלעכע ענערגיע קאָנצענטרירט זיך פון יעצט אָן הויפּטזעכלעך אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער אַרבעטער־אָרגאַני־זאַציע.

בערל, אָנקומענדיק אין ארץ ישראל, איז געוואָרן אַן אומפּאַרטייאישער, ד. ה. ער האָט זיך ניט אָנגעשלאָסן אין קיין איינע פון די עקזיסטירנדיקע פּאַרטייען: ניט אין „הפועל הצעיר" און ניט אין „פועלי ציון". ניט דערפאַר וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין שטעלונג אין די פאַרשידענע שטרייט־פראַגן. זיין אומפּאַרטייאישקייט האָט גע־פלאָסן פון אַ טיפערן קוואַל — פון זיין שטרעבן צו אַרבעטער־אחדות.

שוין אין זיין ערשטן אַרטיקל („מבפנים" — פון אינווייניק) וואָס איז דערשינען אין יאָר 1912 ווייזט ער אָן אויף דעם שאָדן פון דער פּאַרטייאישער צעשפּאַלטונג פון דער אַרבעטערשאַפט:

„די פּאַרטייאישע פּאָלעמיק, וואָס צעפלאַקערט זיך איצט אין אונזער מחנה, איז אַן ענין וואָס פאַר זיך אַליין איז אפשר גאָרניט כדאי זיך דערמיט אָפּצוגעבן, אים פאַרשאַרפן און פאַרשפּרייטן. די דאָזיקע פּאָלעמיק דרינגט ניט אַרויס פון אונזער לעבן דאָ, פון זאַכלעכע אָדער אידעאישע חילוקי־דעות צווישן אונז. זי האָט ניט קיין דירעקטע שייכות מיט אונזער היגן לעבן און אונזער היגער אַרבעט — ס'איז אינגאַנצן אַן אימפּאָרט־אַרטיקל. ס'איז בלויז אַ שאָד אויף דער דענערווירנדיקער ווירקונג וואָס זי האָט אויף אונזער ציבור, וואָס זי ווענדעט אָפּ אונזער אויפמערקזאַמ־קייט פון אונזער אַרבעט און פון ממשותדיקע ענינים, מיט וועלכע מיר פאַרנעמען זיך טאָג־איין טאָג־אויס".

ז. דער צוקונפט אנטקעגן

„דעם לעבנס־ווערק פון צוויי דורות, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך גאולה־ארבעט", האָט געדראָט פארניכטונג און חורבן מיטן אויסברוך פון דער ער־שטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914. א שטארקן קלאַפּ האָט באקומען דער יידישער ישוב אין לאנד, איידער נאָך עס איז געפאלן די ערשטע קויל אויף טערקיי. א כוואליע פון גזירות און שיקאנעס האָט זיך א גאָס געטאָן אויפן קליינעם ישוב. עס זענען פאר־פאָלגט געוואָרן ציוניסטן, מען האָט גענומען זוכן געווער ביי יידן. ארעסטן, קלעפּ, פארשיקונגען זיינען געווען טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען.

עס האָט דאן געעקבערט די פראגע: ווי אזוי האלט מען איבער די שווערע טעג? ניט רירן זיך פון לאנד! — דאָס איז געווען דער באשלוס פון דעם הייפל מענטשן, וואָס זיינען געווען גרייט צו אלעם כדי פאר יעדן פרייז איינהאלטן די פאָזיציעס. אלץ וואָס געפינט זיך דאָ — איז דאָך נאָר א צייכן פון דעם וואָס דארף קומען, אַן אַנשפּאַר־פונקט פאר די, וועלכע וועלן קומען אהער.

בערל איז ביזן אויסברוך פון דער מלחמה ניט געווען אין די ערשטע רייען פון די ארבעטער־טוער, אָבער שוין פון די ווייניקע ארויסטריטן זיינע איז געווען קאָנטיק, אז אין אים שלאָגט א גרויסער קוואל פון ענערגיע, לעבנס־חכמה און שעפערישע קראפט.

וועגן בערלס איבערגיין פון גליל קיין יהודה און וועגן זיין ערשטער עפענט־לעכער גרויסער פּאָליטישער טעטיקייט דערציילט י. יציב:

„ירושלים — פארן סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. פיל פון אירע יידישע איינוווינער האָבן זי פארלאָזט, ארויסגעשיקט געוואָרן אלס בירגער פון מלוכות, פיינטלעכע צו טערקיי. אלטע לייט, געבליבענע אין שטאָט, זיינען אויסגעגאנגען פון הונגער. מער קרעפטיקע האָבן זיך געמאטערט און ניט געהאט צו עסן צו דער זאַט. א הייפל פון טריי־איבערגעגעבענע מענטשן, יונגע און עלטערע, זענען ארומ־געגאנגען אין פחד, זיי זאָלן ניט אריינפאלן אין די הענט פון דער טערקישער פּאָליציי, וועלכע זוכט די יעניקע, וואָס שטעלן זיך ניט צום מיליטער־דינסט און פארפאָלגט די זיך בונטעווענדיקע ציוניסטן. אלע האָבן אויסגעקוקט אויפן סוף קריג — און דער סוף איז ניט געקומען. נידעריקע הימלען האָבן כמעט געהויערט אויף די קעפּ פון דערדריקטע און דערנידעריקטע יידן. דאָס ביסל הילף, וואָס איז געקומען פון דרויסן, איז ניט געווען גענוג אויף צו זעטיקן די הונגעריקע. דאָס טערקישע געלט האָט קיין גרויסן ווערט ניט געהאט. די סחורות מיט וועלכע מען האָט שפּעקולירט — די פרייזן זענען געשטיגן פון טאָג צו טאָג. די מלבושים זענען צעריסן געוואָרן, און די פּנימער — א בלייכקייט איז ארויף אויף זיי.

— — — אין יענע טעג איז פון גליל אָנגעקומען קיין ירושלים א קבוצה בחורות און אויך עטלעכע בחורים און געפּאַכטעט ביי אַן עפענדי פון דער חוסיין־

משפחה א שטיק באָדן, וואָס האָט זיך געפונען אין צפון־מזרח זייט פון שטאָט. אויך א הויז און אן אָפגעשלאָסענעם הויף האָבן זיי דאָרטן געדונגען. אין די ווינטער־טעג, צווישן איין רעגן און דעם צווייטן, האָבן זיי באארבעט די העל־ברוינע ערד, די באדעקטע מיט קליינע שטיינדלעך. געמאכט בייטן און פארזייט ציבעלעס, ארבעס, פּאָמידאָרן, קרויט, צוויקל און קאָלאָראבע. אז עס האָבן זיך אָנגעהויבן די זוניקע טעג, האָבן זיך געוויזן די שפּראָצונגען. קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, אז ירושלים, ווּ עס וואקסט די בלום פון תורה — איר ערד וועט ארויסגעבן אויך גרינסן.

„אין דער דאָזיקער* קבוצה איז בערל געווען דער רוח־החיים, דער איניציאטאָר און אָרגאניזאטאָר.

„אין א קורצער צייט ארום איז דאָס יהודה־לאנד באפרייט געוואָרן דורך דער ענגלישער ארמיי. ווי איבערנאכט איז ארויסגעוואָקסן א געזעלשאפטלעכע טעטיקייט, וועלכע איז פריער געפירט געוואָרן אין אונטערגרונט, און אין איר צענטער איז געשטאנען בערל.

אין איינעם א טאָג — דערציילט יציב — בשעת ער האָט ארויסגעפירט אָרגאניש מיסט פון די מיסט־קאנאלן פון שכונת־אונגארן און געפירט די טאטשקע צום באָדן פון גרינס־גאָרטן, איז אָנגעפאָרן אן עלעגאנטע טאקסי און אים אָפּגעשטעלט. דאָס איז אָנגעקומען א שליח פון ד״ר חיים וויצמאן און אים איינגעלאדן צו א דרינגענ־דער זיצונג פון ועד־הצירים. ער מוז זאָפאָרט קומען, מען וואַרט אויף זיין אָנטייל און זיין עצה.

פון יענער צייט אָן ווערט ניט געטאָן קיין שום זאך אין דער יידישער פּאָלי־טישער טעטיקייט אין לאנד אָן זיין באטייליקונג, און פיל מעשים ווערן געמאכט דורך זיין איניציאטיוו״.

בערל ווערט איינער פון די באדייטנסטע וואָרטפירער פון דער ארבעטערשאפט אין ארץ ישראל.

ווי א פּראָגראם פאר דער ארבעטערשאפט פאר די נאָענטסטע יאָרן איז געווען זיינס א רעדע, וואָס ער האָט געהאלטן אויפן זיבעטן צוזאמענפאָר פון די לאנדווירט־שאפטלעכע ארבעטער (פורים תרע״ח — 1918) :

... „וואָס מיר זאָלן וועגן זיך ניט טראכטן, וויפיל מיר זאָלן ניט אויפדעקן אונזערע ווונדן, אונזער שוואכקייט און אונזער צאָל־אָרעמקייט, פארגעסן מיר ניט און מיר דארפן ניט פארגעסן, וואָס עס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין אונזערע הענט. די פערזענלעכע, חלוצישע, פּראקטישע און אקטיווע טאט פאר דער טאָג־טעגלעכער פארווירקלעכונג פון ציוניזם אין פערזענלעכן לעבן, פאר דער שאפונג פון א פרייער יידישער געזעלשאפט, וואָס לעבט פון ארבעט — דאָס אלץ איז ארויסגעפאלן אין אונזער גורל״.

עס איז געווען א גרויסע פּראָגראם־רעדע, וועלכע איז שפּעטער פּארעפענט־

לעכט געוואָרן אונטערן נאָמען: „לקראת הימים הבאים״ (די אָנקומענדע טעג אנטקעגן).

אויך נאָך דער אָקופּאַציע פון יהודה איז דאָס לאַנד געבליבן פאַרשלאָסן. „אין בליץ־ליכט פון די גרויסע בשורות״ האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע פרייוויליקע מאָביליזאַציע צום יידישן לעגיאָן, כדי דאָס יידיש פאָלק זאָל דערשיינען אלס אקטיווער פאַקטאָר אין דער מלחמה און זיך מיטבאטייליקן אין דער באפרייאונג פון ארץ־ישראל פון טערקישן יאָך.

בערל שליסט זיך אָן אין דעם יידישן גדוד. איינער פון די אינוועניקסטע אימפּולסן וואָס האָבן אים געשטויסן צו דעם — איז געווען די האָפענונג זיך צו באַגעגענען מיט ברידער־עולים, וועלכע האָבן זיך מאָביליזירט פאַר ארץ־ישראל. בערל איז שוין אין יענער צייט געווען אין גאַנצן דורכגעדרונגען מיטן באַגער צו ארבעטער־אחדות און באַטראַכט אלס איינע פון זיינע וויכטיקע לעבנס־אויפגאַבן דעם קאַמף פאַרן איחוד. „איך זע אין מיין מאָביליזירן זיך צום גדוד א המשך פון דער ארבעט פאַרן איחוד״ — זאָגט בערל אין איינעם פון זיינע בריוו פון מיליטערישן לאַגער אין מצרים.

ווי באַוווּסט, איז דער קערן פון דער „אחדות העבודה״ אויסגעוואַקסן אין די מיליטערישע צעלטן פון „הגדוד הראשון ליהודה״. די ערשטע אויפקלערונג־שמועסן זיינען פאָרגעקומען אין מצרים, אין די איבונגס־קאַזאַרמעס פון הלמיה — און די פאַראייניקונג איז צושטאַנד געקומען מיטן צוריקקער פון גדוד קיין ארץ־ישראל, אויף דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון „אחדות העבודה״ אין פתח־תקוה, אָנהויב 1919 יאָר.

זינט דער דאָזיקער קאָנפערענץ הויבט זיך אָן דער גלייכער שליאַך פון בערלען אין דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער־באַוועגונג. פון איצט וועט קיין שום זאַך אין דער באַוועגונג ניט באַשלאָסן און דעצידירט אָן אים. מיט זיין טיפן שכל און מאָראַלישן כוח באַווירקט ער די געזעלשאַפטלעכע מיינונג, ריכטעט און באַנייט, שאַפט נייע ווערק און שטעלט אויף נייע אנשטאַלטן — מיט איין וואָרט: ער איז מדריך די באַוועגונג, און מען זעט אין אים דעם לערער.

ז. דער גרויסער אויפשטייג

מיט דער גרינדונג פון „אחדות העבודה״ האָט זיך אָנגעהויבן בערלס אויפשטייג, אָבער אָן אומעט האָט באַגלייט זיין גרויסע הצלחה. עס איז נאָר טיילווייז פאַרווירקלעכט געוואָרן זיין חלום: דער איחוד איז ניט קיין פולער — „הפועל הצעיר״ איז געבליבן עקזיסטירן אלס באַזונדערע פּאַרטיי. ער האָט דאָך געשטרעבט צו א ברייטער פאַראייניקונג, כדי די ארץ־ישראלדיקע ארבעטערשאַפט זאָל ווערן דער פירנדיקער כוח פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג, ווייל גרויס איז איר שליחות און פּיאָנערישע ראָלע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

אָן אומעטיקער טאָן הערט זיך אין זיינע רייד פון יענע טעג, ווי זיינען

דורכגעדרונגען מיט פּאַלעמישן סאַרקאַזם. בערל האָט געוואָלט זען דעם גרויסן אויפ־שוואונג פון דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג, וואָס קען דערגרייכט ווערן נאָר דורך א געאייניקטער מחנה, און ווידער ווערט ער געצוווּנגען זיך צו פאַרנעמען מיט קליינִיקייטן און פּאַרטיי־רייסענישן. אַנשטאָט צו שמידן דעם ווערקציַיג פאַר א גרויס־פאַרמאָסטענער פּאָליטישער אַקציע איז ער, קעגן זיין ווילן, אַריינגעטאָן געוואָרן אין אן אינערלעכער פּאָלעמיק.

מיט צער נעמט ער אויף זיך אָנצוהויבן פונדאַסניי זיין איחוד־פּרווו. אויב עס איז שווער בייצוקומען אין אונזער לעבן די הערשאַפט פון פּאַרטייען, אויב עס איז נגזר געוואָרן אויף דער קליינער באַוועגונג, זי זאָל זיך תמיד גריבלען אין אידעאָלאָגיעס, וועלכע ציען אָפּ די אויפמערקזאַמקייט פון עיקר — זאָל געשאַפן ווערן די אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל קאָאָרדינירן די טאַטן און אָפּשאַפן די טאָפּלטע אַנשטאַלטן און טאָפּלטע אָרגאַנען.

אין יאָר 1920 איז געמאַכט געוואָרן דער צווייטער שריט צו איחוד — עס איז געגרינדעט געוואָרן די הסתדרות. די פּאַראַגראַפן, וועלכע זיינען איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן און מיטגעהאָלפן, אַז די גרינדונג זאָל צושטאַנדקומען — זייער פאָרמולירונג האָט געפאָדערט א סך אָנשטרענגונג, שכל און ויתורים. גרויס איז געווען בערלס אָנטייל אין דער גרינדונג פון דער הסתדרות. ער פאָרמולירט די פּאַראַגראַפן, שלייפט זיי און סטיליזירט די רעזאָלוציעס. אין מאָמענטן פון קריזיס געפינט ער דעם פּאַסיקן אויסדרוק, וואָס דערמעגלעכט צו קומען צו א פשרה און צו אן איינהייטלעכער רעזאָלוציע.

בערל איז ניט געווען בלויז א טעאָרעטיקער און א פוסק אין דער באַוועגונג, ער איז באַגאַבט געווען מיט די טיפערע אייגנשאַפטן פון אַן איש־מעשים. דער געדאַנק און די טאַט האָבן געפונען אין אים די פולע האַרמאָניע. מיט פיל ענערגיע איז ער צוגעטרעטן אָנצופילן די הסתדרות מיט אינהאַלט און מעשים. געווען איינער פון די איניציאַטאָרן און גרינדער פון פאַרשיידענע אינסטיטוציעס אין דער הסתדרות, ווי „המשביר", „בנק הפועלים", „ניר" א. א., און פיל געלייסטעט פאַר דער זעלבסט־שטענדיקער קולטור־אַרבעט פון דער אַרבעטערשאַפט.

אויף א פאָרטראַג אין „שטודיר־חודש" פון דער הסתדרות, אין יאָר 1941 אין רחובות, האָט בערל געזאָגט צווישן אַנדערן:

„...מיר האָבן געוואָלט פאַרייניקן אַלע מענטשן, וואָס לעבן פון זייער פראַצע. דאָס רוב אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט זיינען שטאַטישע, עס זיינען דאָ ווייניק דאָרפישע פאַריינען. מיר האָבן געוואָלט פאַרייניקן די שטאָט מיטן דאָרף. יענע טיפע, אַלטע סאָציאַלע צעשפּאַלטונג, וואָס מאַכט די שטאָט און דעם דאָרף פאַר שונאים, האָט אויך א גרויסן חלק אין די מפּלות פון די אַרבעטער־באַוועגונגען אין דער וועלט. מיר האָבן אָט די צעשפּאַלטונג געוואָלט אויסמיידן פון אָנהויב אָן, און דאָס איז אונז געלונגען אין זייער א גרויסער מאָס. מיר האָבן געזוכט צו

ב. קאצענעלסאָן, בשעת דעם 18־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, פּראַג 1933

פארייניקן דעם האָרעפּאַשניק מיטן גייסטיקן אַרבעטער, מיר האָבן געוווּסט ווי גרויס עס איז דער אומגליק פון אַזאַ צעשפּאַלטונג".

בערל האָט געזען אין דער הסתדרות דעם קערן און אוואַנגאַרד פון אַ גרויסער פאָלקס־באַוועגונג אַרום דעם אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל, מיט דעם כּוח פון דער הסתדרות האָט ער געוואָלט דערוואַרבן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין חוץ־לארץ פאַרן ציוניזם.

אין יאָר 1921 פאָרט ער אַרויס מיט דער ערשטער ארץ־ישראלדיקער דעלעגאַציע צו די יידישע אַרבעטער קיין אַמעריקע. ניט קיין פּאַטעטישע פראַזן ברענגט ער צו די יידישע האָרעפּאַשניקעס מעבר לים, נאָר ווייזט זיי אָן אויף די ניט־אויסגענוצטע געלעגנהייטן וואָס ווערן פאַרלוירן יעדע רגע, ווייל די גרויסע מעגלעכקייטן פאָדערן אַ גרויסן כּוח — די האַנט און מיטהילף פון דער אַרבעטערשאַפט אין דער גאַרער וועלט.

„ווי אַ פּאַראַלעלער קאַפּיטל צו זיין איניציאַטאָרישער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג איז דער קאַפּיטל פון זיין פּאָליטישער־ציוניסטישער טעטיקייט אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. דער ישוב אין ארץ־ישראל איז טאָג־טעגלעך געשטעלט געוואָרן פאַר וויכטיקע פּאָליטישע פראַגן. די פּאָליטישע אָריענטאַציע און דאָס רעאַגירן אויף געשעענישן האָבן געפאָדערט באַלדיקע תשובות און מעשים. בערל האָט גענומען שטעלונג צו די אַלע פּאָליטישע צושטאַנדן, געקעמפט פאַר זיינע מיינונגען, געבראַכט זיי פאַר דער עפנטלעכקייט דורך וואָרט און שריפט. מיט טעמפּעראַמענט, קלאָרקייט, זאַכלעכקייט און פאָרזיכטיקייט זיינען געווען דורכגעדרונגען זיינע אַרויסטריטן אין די שווערע שעהן — אָנהויבנדיק פון דער „תל־חי"־פּאָלעמיק קעגן זשאַבאָטינסקין און זיינע מיטהעלפער ביז צום פּאָליטישן קאַמף אין זיינע לעצטע לעבנס־יאָרן.

מיט זיין פּאָליטישן און פּראַקטישן פאַרשטאַנד, מיט זיין ברייטן און טיפן באַנעמען די פראַגן, האָט ער באַלויכטן דעם וועג ניט נאָר פאַר דעם פּשוטן חבר פון דער שורה, נאָר אויך פאַר די וועלכע שטייען בראש פון קאָלאָניזאַציע־סעקטאָר און פון דער פּאָליטישער טעטיקייט. אַ דאַנק די דאָזיקע אייגנשאַפטן פלעגן זיינע חברים ברענגען פאַר אים די אַלע ענינים מיט וועלכע זיי האָבן זיך פאַרנומען, זיי האָבן באַגערט זיין וואָרט און עצה. ער האָט יעדן מיטגעהאָלפן ניט ווי אַ יועץ און פּראָבלעמען־לייזער, נאָר ער האָט געלעבט מיט דער זאַך אין וועלכער ער האָט זיך באַטייליקט, איינגעשפּאַנט דערין זיין ענערגיע, צוגעלייגט אַ האַנט צו יעדן אויפבוי־ווערק.

ווי דער שטייגער איז רופט אַרויס אַ מענטש, וואָס איז טעטיק אין דער געזעלשאַפט אין אַ ברייטן מאַסשטאַב, קעגנער צו זיינע מיינונגען. בערל האָט תמיד געקעמפט פאַר זיינע מיינונגען, ניט מותּר געווען אויף זיי צוליב שלום־וועגן און ניט פון פריינדשאַפט־וועגן. וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר פאַלש, האָט ער אומ־

ברחמנותדיק ארונטערגעריסן. ער האָט געקעמפט פאַר א זאַך, פאַר א געדאַנק, פאַר אַן אידעע — און ווען ער האָט געהאַלטן אַז א געוויסע אידעע איז פאַלש — פלעגט ער זי פסלען, ניט רעכנענדיק זיך מיט דעם, וועד עס איז איר טרעגער" (י. יציב).

ח. דאָס געדרוקטע וואָרט

וועגן בערלס חלק אין דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער־ליטעראַטור, שרייבט ז. רובאַשאָוו:

„בערל איז ביז דעם סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה כמעט ניט געווען קיין שרייבער. אין משך פון אַלע זיינע זוכעניש־יאָרן אין רוסלאַנד האָט ער ניט פאַר־עפנטלעכט קיין איין וואָרט אין דרוק. ווען ער האָט דאָ, אין לאַנד, אָנגעהויבן צו שרייבן, האָט ער געשריבן זייער ווייניק. אויך נאָך דעם ווי ער האָט זיך פרייוויליק מאָביליזירט אין „גדוד" האָט ער זעלטן־ווען עפּעס פאַרעפנטלעכט אין שריפט. איך דערמאָן זיך אין א שמועס מיט יוסף חיים ברענער, אין דער צייט ווען ער האָט אַרויסגעגעבן די צייטשריפט „אדמה". ברענער האָט זיך געקלאָגט פאַר מיר, אַז די באַוועגונג איז אָרעם אין שרייבער: „מען האָט מיך געמאַכט פאַר א רעדאַקטאָר און געלאָזן אַליין — ניטאָ מיט וועמען צו גיין צום טיש". איך האָב שוין דאַן שטאַרק פאַרערט בערלען און געזאָגט צו ברענערן: בערל איז דאָך מיט דיר, פאָדער פון אים און ער וועט דיר געבן! איך געדיינק נאָך ברענערס שמייכל: „בערל? אוודאי, אָבער וויפיל קאָנסטו אַרויסבאַקומען פון בערלען, איין רשימה פאַר א גאַנצן באַנד?" און ריכטיק — אין עלף העפטן פון „אדמה" זיינען פאַראַן נאָר צוויי־דריי אַרטיקלען פון בערלען.

אויך אין אָנהויב פון „קונטרס"* האָט בערל ניט געטראַכט דערפון אַז ער וועט הערשן מיט זיין פען. ער האָט גענומען די פען אין האַנט, פונקט ווי ער האָט גענומען אַמאָל דעם גראַבאייזן, פונקט ווי ער האָט גענומען שפּעטער די ביקס; אין דער פעדער האָט ער געזען א וואָפן — א מיטל צו דערציען דערמיט די מחנה פון פאַרווירקלעכער, זי קאָנסאָלידירן, געבן איר דעם באַוווסטזיין פון איר מיסיע.

— — — אַז בערל האָט צונויפגעקליבן די מענטשן, וואָס זאָלן זיין די טרעגער פון „דבר", איז צווישן אונז ניט געווען קיין איין געניטער זשורנאַליסט, אַלע זיינען מיר געווען „רעקרוטן". ער האָט אונז אַלעמען געגעבן די פען, פונקט ווי ער האָט זי אַליין גענומען. ער האָט געוווסט ווי אַזוי איינצושטעלן די צוזאַמענאַרבעט פון מענטש מיט מענטש, זאָרגן פאַר דער ריינקייט פון אויסדרוק, געלייטערטקייט פון סטיל און געזאָרגט פאַר דער טריישאַפט צו דער אויפגאַבע וואָס דאַרף אויס־פירן דער שרייבער־זשורנאַליסט פון דער חלוצישער באַוועגונג. מיט זיין פאָטער־

---

* די צייטשריפט פון „אחדות העבודה", וועלכע בערל האָט רעדאַקטירט.

לעכקייט און גרויסער מעגלעכקייט צו זיין א דערציער, האָט ער אויסגעברייטערט די רייען פון די שרייבער, ער האָט געמאכט שרייבן די „פארבאָרגענע" און אויפגעשטעלט אלץ ארום דער צייטונג".

אין בערלס פראָגראמאטישן ארטיקל, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ערשטן נומער פון „דבר", זאָגט ער צווישן אנדערן: „ניט קיין צייטונג פאר ארבעטער וועט זיין „דבר", נאָר די צייטונג פון די ארבעטער".

פון יאָר צו יאָר האָט ער פארברייטערט איר ראַם דורך ביילאגעס און ספעציעלע אויסגאַבן, ווי „דבר לילדים", „דבר הפועלת", „דבר לגולה" און „המשק השיתופי". און וואָס מער דער „דבר" האָט זיך איינגעפונדעוועט, אלס גרעסער זיינען געווען זיינע פלענער — ער גרינדעט דעם ביכער־פארלאג „עם עובד", וואָס האָט גרויסע פארדינסטן פאר ארויסגעבן די אָריגינעלע ארץ־ישראלדיקע שאפונג.

דאָס איז געווען זיין לעצט לעבנס־ווערק. ערב־פסח תש"ב איז דערשינען דער ערשטער פראָספעקט פון „עם עובד" אין וועלכן עס זיינען אויסגערעכנט געוואָרן די ערשטע סעריעס ביכער: 1) „פארן דור", 2) „יוגנט", 3) „פארן קינד", 4) שריפטן פון דער ארבעטער־באוועגונג.

„א זייטיקער מענטש ווייסט ניט וואָס פארא כוח בערל האָט ארייננעלייגט. ער האָט אָנגעהויבן אויפצושטעלן א ריזיקן בנין — זיינע פלענער נעמען ארום און ציען זיך איבער אלע שטחים פון אונזער ליטעראטור, פון רומ'ל־ביכער ביז וויסנשאפט־ביכער פון די וויכטיקסטע געלערנטע. ער האָט געשטרעבט, אז דער ביכער־פארלאג זאָל ארומנעמען די העברעאישע שאפונג פון אָנהויב ביז היינט.

איצט אנטפלעקט זיך ווי פארצווייגט זיינען געווען זיינע פארבינדונגען מיט שרייבער און קינסטלער, געלערנטע און פאָרשער און מיט מענטשן פון דער באוועגונג, וואָס האָבן וואָס צו זאָגן און זייער וואָרט קען זיין א צושטייער פארן אוצר פון יידישן געדאנק. נאָך מער — ער האָט געזאָרגט פארן לערן־בוך, פארן פאכמענישן הילף־בוך — פאר אלץ איז געווען אַן אָרט אין דאָזיקן פארלאג.

ער האָט זיך ניט באגרענעצט בלויז אויף דער העברעאישער ליטעראטור. אמת, די העברעאישע ליטעראטור און אלע אירע צווייגן איז געווען זיין הויפּט־שטרעבונג, אָבער ער האָט אויך פלייסיק נאָכגעפאָלגט נאָך דעם, וואָס ווערט געשאפן אין דער וועלט־ליטעראטור כדי דאָס בעסטע פון איר אריינצוברענגען אין העברעאישן ביכער־שאַץ. ווי אזוי האָט ער באוויזן דאָס אלץ צו טאָן? ער איז דאָך געווען פארטאָן אין אלע ענינים, וואָס שטייען אין צענטער פון אונזער לעבן.

ניט נאָר ביכער האָט ער געלייענט, נאָר אויך כתב־ידן, וואָס זיינען איבער־געגעבן געוואָרן דעם פארלאג. געפירט פארהאנדלונגען מיט די שרייבער, געמאכט באמערקונגען, געראטן זיי מיט אַן עצה, און אין צוזאמענהאנג דערמיט געפירט א ברייטע קאָרעספּאָנדענץ. זיינע בריוו זיינען ניט אָפיציעלע ביורא־בריוו, נאָר קריטישע עסייען. ווען זיינע בריוו וועלן דערשיינען (זייער צאָל איז פיל טויזנטער) —

וועלן זיי פאַר אונז אַנטפּלעקן פיל פון בערלס טעטיקייט אין „עם עובד". (י. יציב).

ז. רובאַשאָוו פאַרענדיקט זיין אָפּשאַצונג איבער בערלען מיט פאָלגנדע ווערטער:

„ווי א ביבליאָטעקאַר האָט בערל אָנגעהויבן און ווי א ביבליאָטעקאַר פאַרענדיקט. ווי א ביבליאָטעקאַר אין דער פאָלקס־ביבליאָטעק אין באָברויסק, ווען ער האָט יעדן בחור און מיידל געגעבן דאָס נויטיקע בוך, כדי אים ריכטן און מדריך זיין, און ווי א ביבליאָטעקאַר פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין הימלאַנד, ווי א ביבליאָטעקאַר פון בית־ישראל אין אונזער דור האָט ער פאַרענדיקט".

ט. פאַר שווערע פּרוּוון

אין דער צייט צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָט בלויז איינמאָל אין דער יידישער געשיכטע א בליאַסק געטאָן א שיין פון האָפענונג — אין 1917 איז דער־גרייכט געוואָרן די באַלפור־דעקלאַראַציע. ווען דער ציוניזם האָט גענומען אויסנוצן דעם שאַנס, איז ער געשטעלט געוואָרן פאַר שווערע פּרוּוון. אין אָנבליק פון די שטערונגען, וועלכע האָבן זיך געמערט פון יאָר צו יאָר, האָט ניט איינער אַראָפּגעלאָזט די הענט, אַריינגעפאַלן אין פאַרלעגנהייט, אָדער גאָר אין יאוש. פאַר א לאַנגן פּראָנט איז געשטעלט געוואָרן די ציוניסטישע באַוועגונג, און מען האָט געדאַרפט האָבן מענטשן וואָס זאָלן אומבויגזאַם און ריקזיכטלאָז דורכזעצן דעם פאָלקס־ווילן.

זינט 1919 איז בערל צווישן די, וואָס פירן די יידישע צעשטורעמטע שיף. „אין דער צייט, ווען עס האָט געדראָט א פּאָליטישע געפאַר, ווען מען האָט געדאַרפט מיט זיבן אויגן קאָנטראָלירן צי מען נאַרט אונז ניט אָפּ, אָדער מען שפּרייט ניט אויס קיין נעץ פאַר אונזערע פיס — זאָגט ז. ר ו ב אַ ש אָ װ וועגן בערלען — איז ניט געווען צווישן אונז אזא שאַרף אויג, וואָס זאָל אזוי טיף אַריינקוקן און זיין אזוי ווייטזיכטיק ווי ער און דערביי זיין פריי פון קאָנווענציאָנעלע פּאָליטישע מיינונגען, אַנאַליזירן און וואָרנען, באַרואיקן ווען די סכנה איז נאָר אַן איינגעבילדעטע, און זיך וואַרפן מיט שטורעם אין קאַמף אַריין, ווען עס קומט די ריכטיקע געפאַר".

עס באַווייזן זיך סימנים פון דער אָנקומענדיקער יידישער קאַטאַסטראָפע. „בערל האָט קיין סך ניט גערעדט איבער איר. נאָר געציילטע ווערטער האָט ער געזאָגט, און די געציילטע ווערטער ברענען ווי פייער. מיט אַלע פעדים פון זיין נשמה האָט ער געווייטאָקט דעם גרויסן ווייטאָק, ווייל וועד נאָך ווי ער איז געווען אזוי פאָלקס־טימלעך, וואָס קען ווי ער ווייטיקן דעם יידישן ווייטאָק. זיין האַרץ איז אויפגעטרייסלט געוואָרן אין אָנבליק פון דעם יידישן אומגליק. ער האָט ווייניק גערעדט, ווייל דאָס, וואָס ער האָט אזוי מורא געהאַט — איז געקומען. אין דעם געקומענעם איז געווען עפּעס פון א געשפּענסט־חלום פון זיינע יוגנט־יאָרן. עס האָט אויסגעזען, אז זיין יוגנט־קאָשמאַר ווערט מקויים. נאָך אין די ערשטע טעג פון די ס.ס. האָט ער געוווּסט, אז אויפן גלות־שטערן איז אויסגעקריצט א צייכן און ער באַדייט: אונטער־

גאנג. פון דאנען נעמט זיך זיין גרויסער ווילן צו פארשנעלערן און צויאָגן דורך אַלע וועגן און פאר יעדן פרייז דאָס ברענגען דאָס צעזייטע און צעשפּרייטע פאָלק קיין ארץ־ישראל, טאָמער וועלן מיר פארשפּעטיקן. און מיר האָבן פארשפּעטיקט.

— — — „אין דער זעלבער צייט איז אויסגעפאלן דאָס דערשיינען פון „ווייס־בוך". בערל, וואָס האָט אָנגעשריבן אין „קונטרס" זיינע שארפע ארטיקלען „הרוגי־מלכות" און „במקום המשפט שם הרשע" — נאָך די ירושלימער געשעענישן, ער וואָס האָט אַנאַליזירט די פּלאָנטערנישן פון דער קאָלאָניאַלער הערשאַפט אין לאַנד, אָנהויבנדיק פון סטאָרסן, הערבערט סאַמועלן און די קומענדיקע נאָך זיי — איז געשטאַנען אויף דער וואך, ניט פארזען די מינעס וואָס די פארשיידענע באאַמטע־שאַפט האָט אוועקגעלייגט נעבן אונזערע פיס — ער האָט געזען די הענט וואָס פלעכטן זיך פון אלע זייטן כדי צו דערווערגן דאָס יידישע ווערק כל זמן עס איז נאָך אין אָנהויב. עס דראָט די געפאר, אז מיר זאָלן בלייבן אָן עליה, אָן באָדן און אָן זעלבסטשטענדיקייט. זיין געוואלטיקע כוחות־אָנשטרענגונג איז געווען געווענדעט צום געראנגל, אלארמירן די באוועגונג צו געראנגל־גרייטקייט". (ז. רובאַשאָוו).

אין רעפעראַט, וואָס בערל האָט געהאלטן אין 1939 פאר די ארץ־ישראלדיקע ארבעטער (נאָך דער רונדן־טיש־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן), האָט ער געזאָגט:

„די סעפּטעמבער־טעג האָבן קלאָר געמאכט די איצטיקע שטעלונג פון דער בריטישער רעגירונג לגבי דעם ציוניזם. די וועלט־מלחמה, וואָס שטייט פאר דער טיר האָט אריינגעוואָרפן ענגלאנד אין א פּאניק־צושטאנד, האָט פארשטארקט און בולט געמאכט די גרייטקייט פון דער ענגלישער רעגירונג אונטערצוקויפן די „אַקס"־מלוכות און אַלע די וואָס זיינען עלול אריינצופאלן אין די אָרעמס פון דער „אַקס". און וואָס איז דער פּרייז וואָס ענגלאנד איז דערפאר גרייט צו באַצאָלן? מקריב זיין פארבינדעטע און ליקווידירן אינטערנאציאָנאלע התחייבותן".

— — — „די יידן זיינען פון דער קאָנפערענץ ניט געקומען ווי זיגער, אָ ב ע ר אויך ניט ווי געשלאָגענע. מיר קענען זאָגן: מיר זיינען געשלאָגן געוואָרן, אָבער ניט געבראָכן געוואָרן. אין תל־חי זיינען מיר אויך געשלאָגן געוואָרן, און דער קלאַפּ האָט אונז שטארק וויי געטאָן, אָבער תל־חי איז פאר אונז ניט געווען קיין מפּלה. א מענטש, וואָס ראנגלט זיך און שטעלט ארויס א ווידערשטאנד — קען כאפּן א שווערן קלאַפּ, און דאָך זאָל דער קלאַפּ פאר אים ניט זיין קיין מפּלה".

און דער אויספיר איז:

— — — „איך ווייס ניט קיין אנדערע תשובה, ווי די וואָס האָט זיך איצטער ארויסגעריסן פון די טיפענישן פון דעם הארצן פון ישוב: „ל א נ כ נ ע!" — „מ י ר ו ו ע ל ן ז י ך נ י ט א ו נ ט ע ר ג ע ב ן!"

בערל האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער יידישער יוגנט, די וואָס געפינט זיך אין לאנד און די וואָס קומט מיט די מעפּילים־שיפן, וואָס זיינען גרייט צו גיין אין „פייער און וואסער" פארן פאָלק און לאנד. זיין ערשטע ווענדונג צו

דער יוגנט האָט ער געמאַכט אין 1917, אין זיין באַוווּסטן בריוו צו דער „החלוץ"־באַוועגונג. ער איז געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער יוגנט אין ארץ־ישראל, געווען איר דערציער און מדריך. אויפן צוזאַמענקום פון מדריכים פון דער יוגנט־עליה אין יולי 1940 האָט ער פאַרענדיקט זיין רעפעראַט מיט פאָלגנדע ווערטער:

„די יוגנט ווערט איצט גערופן צום פראָנט קעגן שונא, און עס איז גוט, אַז זי זאָל וויסן ווי אַזוי צו באַגעגענען איר שיקזאַל. און דווקא צוליב די געפערלעכע קאָמפּליצירטע און אחריותדיקע אויפגאַבן, וועלכע וואַרטן אויף אונזער יוגנט איז נויטיק, אַז מען זאָל ראַטעווען יעדע שעה, וואָס איז נאָך פאַרבליבן צו לערנען זיך און זיך איינוואָרצלען אין אונזער שפּראַך, קולטור און געזעלשאַפט. — — — יעדע צוגעקומענע שעה פון גייסטיקן וואַקסן און איינוואָרצלען זיך וועט שטאַרקן דעם גייסט און פעסטיקן די כוחות אין וועלכע זי וועט זיך נויטיקן אויפן פראָנט".

י. אין געראַנגל פאַר אחדות

בערל האָט ניט אויפגעגעבן די אידעע פון אַלגעמיינער אַרבעטער־אחדות אויך נאָך דעם איחוד־צוזאַמענפאָר אין פתח־תקוה, אין יאָר 1919. „הפועל הצעיר" האָט דאַן ניט מסכים געווען זיך אויפצולעזן און זיך אָנשליסן אין די ניי־געשאַפענע פאַרייניקונג „אחדות העבודה", אין וועלכער עס האָבן זיך אָנגעשלאָסן די פועלי־ציון און דער גרעסטער טייל אומפּאַרטייאישע חברים. אין אַכט יאָר אַרום האָט די אידעע פון איחוד געקענט פאַרצייכנען נייע דערגרייכונגען. אויף דער קאָנפערענץ פון „אחדות העבודה" אין חודש חשון תרפ"ח האָט בערל געזאָגט צווישן אַנדערן:

„...דער איחוד איז פאַר אונז, פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין לאַנד, ניט קיין רעזולטאַט פון אַ צייטווייליקער סיטואַציע, ניט קיין צופעליקע באַגלייט־דערשיינונג, ער ליגט אויף דער היסטאָרישער אַנטוויקלונגס־ליניע פון אונזער באַוועגונג.— — פון דעם ערשטן טאָג זינט עס איז געבוירן געוואָרן די „אחדות העבודה" האָבן מיר דורכגעמאַכט פינף איחוד־עטאַפּן: פּתח־תקוה — די גרינדונג פון „אחדות העבודה"; די גרינדונג פון דער הסתדרות העובדים אין חיפה; דער אָנשלוס פון צ. ס.־„צעירי־ציון" אין לאַנד צו „אחדות העבודה"; די פאַרייניקונג פון פועלי־ציון און צ. ס. אין ווין; דער אָנשלוס פון „דרור"־חברים צום פאַראייניקטן פאַרבאַנד".

אויף דער דאָזיקער קאָנפערענץ האָט בערל ווידעראַמאָל אונטערגעשטראָכן די היסטאָרישע נויטווענדיקייט אין דער ברייטער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער פאַראייניקונג פון דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ־ישראל. אָבער ערשט אין יאָר 1930 איז פאָרגעקומען די פּאָליטישע פאַראייניקונג פון די צוויי גרויסע אַרבעטער־פּאַרטייען „אחדות העבודה" און „הפועל הצעיר" און עס איז געגרינדעט געוואָרן די מ פ ל ג ת פ ו ע ל י א ר ץ ־ י ש ר א ל.

די גרינדונג פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל איז געווען אַ גרויסער שריט צו

דער פאַרווירקלעכונג פון דער אידעע, וואָס האָט געריפן צו דער שאַפונג פון אחדות־העבודה. די פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פון איחוד האָבן זיך באַלד אַרויסגעוויזן אויף אַלע געביטן פון לעבן פון דער הסתדרות און אין דער השפעה וואָס די אַרבעטערשאַפט האָט באַקומען אין ישוב און אין דער ציוניסטישער באַוועגונג.

בערל אָבער באַפרידיקט זיך ניט מיטן יש: ער שטרעבט אויסצוברייטערן די פאַראייניקונגס־ראַם. ער וויל די פאַראייניקונג פון דער קבוצישער באַוועגונג און פון די יוגנט־באַוועגונגען. דער דאָזיקער איחוד איז לטובת דער קבוצישער באַוועגונג, — ער וועט אָבער אויך צעמענטירן די פּאַרטיי, מאַכן זי צוזאַמענגעשלאָסענער און קאָנסאָלידירטער.

אויף פיל אַרויסטרעטונגען במשך עטלעכע יאָרן, אין דער פּרעסע, אויף קאָנפערענצן, סעמינאַרן און יוגנט־לאַגערן, פירט בערל דעם קאַמף פאַר דעם איחוד פון דער קבוצישער באַוועגונג, וואָרנט פאַר דער געפאַר וואָס שטעקט אין דער אַנטשטייאונג פון אָרגאַניזירטע פראַקציעס אין דער פּאַרטיי. וואָס ער האָט פאָראויס־געזען איז געקומען: קורץ פאַר בערלס טויט האָט די פאַראייניקטע ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־פּאַרטיי באַקומען אַ גרויסן קלאַפּ, זי איז צעריסן געוואָרן.

ווער עס האָט געהערט זיין וידוי אויף דער גרויסער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג אין תל־אביב, אין 3־טן יוני 1944, באַלד נאָך דער שפּאַלטונג, האָט געפילט אַז טראָץ זיין צעקלעמטקייט שלאָגט אין אים אַ קוואַל פון גרויסן גלויבן אין אחדות וואָס וועט און מוז קומען. ער האָט דאַן געזאָגט:

— — — „אַנטשולדיקט מיר, וואָס איך הויב דאָס מאָל אָן מיט פערזענלעכע רייד. דאָס, וואָס איז פאַר פיל מענטשן בלויז אַ געזעלשאַפטלעך געשעעניש — איז פאַר מיר אַ פערזענלעך געשעעניש. 35 יאָר פון מיין לעבן אין לאַנד, אָנהויבנדיק פון דער ערשטער וואָך פון מיין עליה, זענען פאַרבונדן מיטן געדאַנק פון דער אייניקייט פון דעם יידישן אַרבעטער. איך האָב דערצו געשטרעבט אויך ווען איך בין געווען איינער אַליין מיט דעם דאָזיקן געדאַנק. כ'האָב געגלויבט מיטן גאַנצן הארצן, אַז דאָס איז אַ חיוניותדיקער שטריך, אַ פּראָגרעסיווער שטריך אין לעבן פון יידישן אַרבעטער אין לאַנד".

און רעדנדיק וועגן דעם ריס וואָס איז פאָרגעקומען, זאָגט ער:

— — — „איך זאָרג נאָר פאַר איין זאַך: אַז די שפּאַלטונג זאָל ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צוזאַמענברוך, אין אַ מפּולת".

— — — „די אייניקייט פון יידישן אַרבעטער אין לאַנד איז ניט פאַר מיר אַן ענין פון סענטימענטאַליטעט. אין דער אַרבעטער־אייניקייט אין לאַנד האָב איך שטענדיק געזען אַ גאַראַנטיע פאַרן כוח פון אַרבעטער, פאַר זיין שאַפונגס־קראַפט און קאַמפס־כוח. אַ גאַראַנטיע פאַר זיין זעלבסטשטענדיקייט און זיין וואָג אין לאַנד; אַ גאַראַנטיע פאַר אַ געזונטער ארץ־ישראלדיקער געזעלשאַפטלעכקייט, וועלכע וועט ניט צעפרעסן דורך קריגערייען און צאַנקערייען, וועלכע וועט ניט צעשפּליטערט

צוליב גבאות־אמביציע; א גאראנטיע פאר אַן אָנהויב פון א יידישן מלוכה׳ישן לעבן״.

לאנג נאָך דעם דאָזיקן גרויסן ריס האָט בערל ניט געלעבט און אין כ״ד אב תש״ד (8 אויגוסט 1944) איז ער געשטאָרבן. זיין אייביק רו האָט ער געפונען אין כנרת, ווו מען האָט אים באגראָבן לויט זיין ווונש.

פון דוד בן־גוריון׳ס ווערטער איבער זיין טויט:

„אין די לעצטע צוויי וואָכן פאר בערלס טויט האָט אויסגעזען, אז דער ארץ־ישראל ישוב איז צעברעקלט און צעשטערט ביזן גרונט. דער וואל־קאמף האָט געשאפן דעם איינדרוק, אז אין דאָזיקן ישוב, דער אָנהויב פון א פאָלק און היימלאנד, איז גאָר־ניט פאראן קיין בשותפותדיקעס און פאראייניקנדיקעס, איינער שטייט קעגן דעם צווייטן — אלץ איז ארומגעכאפט פון שנאה. — — —

און אָט איז פלוצלינג אָנגעקומען די אומעטיקע בשורה, אז בערל איז פארביי — און דער ישוב האָט זיך איינגעהילט אין א טיפן צער. א שווערער טרויער האָט גע־הויערט אויף די ארץ־ישראלדיקע ארבעטער. דער לעצטער וועג פון בערלען, פון ירושלים ביז כנרת, דער דאָזיקער וועג איז באגלייט געוואָרן דורך פאָלקסליבשאפט, חברישע פארערונג. יונגע און אלטע, ארבעטער פון ירושלים, פון קרית־ענבים, מעלה החמשה, געוועזענע זעלנער פון די מחנות, צענטליקער טויזנטער ארבעטער פון תל־אביב, טויזנטער חברים פון די לאנדווירטשאפטן, פון די קבוצות און מושבי־עובדים זענען געשטאנען אויפן גאנצן וועג מיט ערנפורכט, מיט גרויסער ליבשאפט־פארערונג — אזוי האָבן זיי באגלייט זייער חבר און גרויסן לערער. מיט דעם ניט ארויסרעדן קיין וואָרט האָבן זיי מער געזאָגט ווי עס זאָגן רייד. עס האָט געהערשט א גרויס שטילשווייגן, אַן אמת־שווייגן, אמת פון חברשאפט, ליבשאפט און פארערונג און דאנקבארקייט פאר אלעס, וואָס זייער גרויסער חבר האָט געגעבן דעם ישוב, דעם יידישן פאָלק, דעם ארבעטער־ציבור אין משך פון 35 יאָר, וואָס ער האָט געלעבט אין לאנד״.

אין שבעה־טאָג פון בערלס טויט האָט י. שפרינצאק געזאָגט:

צענטליקער יאָרן האָבן מיר געקענט און געפילט צווישן אונז בערל קאצענעל־סאָנען — א געשטאלט וואָס לעבט און באלעבט אומעטום ווו דו קערסט זיך, וואָס דאָס וועזנטלעכע אין איר איז געווען: א גרויסע יידישע אומרואיקייט און א ציוניס־טיש־חלוצישער ברען.

פון דער צונויפגיסונג פון דער יידישער אומרואיקייט און דעם גרויסן ציוניס־טישן ברען האָט געשטראַמט א ברויזנדיקע גייסטיקע שעפערישקייט, וואָס דער אומרו אין איר האָט געוועקט און געפאנגען הערצער. זיין נשמה איז געווען א נשמה פון

א יידישן רעוואָלוציאָנער, א נשמה וואָס איז געקניפּט און געבונדן מיט די אוצרות פון דער גייסטיקער יידישער פאָלקס־טראַדיציע.

ער האָט געקענט די יידישעווירקלעכקייט אין אירע אנטפלעקונגען און פאַר־באָרגענישן, געלעבט אין איר טאָג־איין טאָג־אויס, געפילט מיט א דערשיטערנדיקער עמפּינדונג דעם זיך דערנענטערנדיקן נאַציאָנאַלן אומגליק, די לויערנדיקע סכנה פאַרן שארית ישראל און פאַר די האָפענונגען פון יידישן פאָלק. פון דער דאָזיקער דערקענטניש, פון דער דאָזיקער פילבאַרקייט איז אַרויסגעפלאָסן זיין ציטער און זאָרג פאַר דעם יש, פאַר אַלץ וואָס איז פאַרבליבן אין דער יידישער שארית, אין אַלע קרייזן און שיכטן פון פאָלק. דערפון האָט זיך גענומען זיין גאַרונג און פאָדערונג צו יידישער אחדות און דאָס זוכן א מעגלעכקייט פון הסכם צווישן די אַלע, וואָס זענען באַרופן צו ראַטעווען דאָס פאָלק. פון דעם האָט געשפּראָצט די פּלאַמיקע פאָדערונג צו א שנעלער אויסלייזונג פון באָדן, צו א פאַרשנעלערטער עליה, וואָס ברעכט אַלע צוימען און אַלע באַדינגונגען; פון דעם האָט זיך גענומען זיין ברען פאַר דער מאָבי־ליזאַציע פון אַלע כוחות און מעגלעכקייטן, כדי צו דערגרייכן שנעל, ווען עס איז נאָך צייט, די יידישע זעלבסטשטענדיקייט.

אַן אקטיוויסט איז געווען דער מענטש — פון די פּאַטערס פון יידישן אקטיוויזם, און פון דער אקטיוויסטישער אייגנשאַפט האָט געשטאַמט דאָס טייער־האַלטן יעדע טעטיקייט וואָס באַנייט און גיט עפּעס צו צום יידישן כוח. פון דעם דאָזיקן אקטיוויזם האָט געשטאַמט דער דורשט צו טאַט — ער האָט זיך באַמיט אויפצודעקן, צונויפ־נעמען און פאַרשטאַרקן מענטשלעכע פאַרווירקלעכונגס־כוחות און פיל אַרבעטס־אינסטרומענטן. ער האָט זיך געריסן צו יעדער אקטיוויסטישער טאַט — ער האָט זיך געריסן אַליין, ער האָט באַוועגט אַנדערע צו אומדערמידלעכער פאַרווירקלעכונג.

אין אַרבעט, אין דער לאַנדווירטשאַפט האָט ער געזען דעם רעטונגס־כוח פון יידישן פאָלק, און דעם יידישן אַרבעטער האָט ער געזען ווי א סאָלדאַט, פון וועמען מען דאַרף פאַרלאַנגען שטענדיקן חלוציזם. ער האָט געזען דעם יידישן אַרבעטער ווי דעם וואָס טראָגט די אחריות פאַר דער יידישער האָפענונג. אויפפּאַסנדיק אַזוי די אויפגאַבע פון יידישן אַרבעטער, איז גרויס געווען זיין אייפער פאַרן כוח פון יידישן אַרבעטער, פון זיין אָרגאַניזאַציע, אנשטאַלטן און אחדות — זיין אייפער פאַר גאַראַנטיעס, וואָס זאָלן דערמעגלעכן דעם יידישן אַרבעטער צו דערפילן זיין היסטאָ־רישע אויפגאַבע.

אַן אויפקלערער, א גרינדער און א וועג־ווייזער — אַן אויפקלערער, איינער פון די גרויסע אויפקלערער אין יידישן פאָלק, וואָס מיט זיין גרויסער אויפקלערונגס־טעטיקייט האָט ער געגעבן א רייכן ביישטייער דער יידישער קולטור און דער אידעע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג; א גרינדער — וועלכער האָט אַלע זיינע טעג זיך באַשעפ־טיקט מיטן גרינדן ממשותדיקע זאַכן. אַלע זיינע יאָרן האָט ער זיך פאַרנומען מיט צופּאַסן גרונט־שטיינער פאַרן בנין וואָס אנטשטייט דאָ; און ער איז געווען א וועג־

ווייזער, וואָס די זאָרג, דער געדאַנק און די פּליכט פון טאַט האָבן טאָג און נאַכט גע־שטערט זיין רו און אים באַוועגט צו שפּאַנען כוחות, צו דערציִען טאַט־קרעפטן, צו דערציִען יונגע און פאַרווירקלעכונגס־טרייע כוחות.

במשך פון יאָרן האָט בערל קאַצענעלסאָן פאַרנומען דעם אָרט פון איינעם פון די, וואָס באַאיינפלוסן און באַשטימען די וועגן פון ציוניזם, זיין פּאָליטיק און קאָלאָ־ניזאַטאָרישע טעטיקייט. ער איז געווען דער אַקטיווער מוח, דער ציוניסטישער „בריין־טרעסט" (טרעסט פון מוחות) פון אונזערע טעג. זיין ערשטע דערשיינען איז געווען ווי אַ דעראַבערער פון אַרבעט, אַלס איינער וואָס אַקערט און זייט אין די פעלדער פון גליל, און צום סוף — דער דעראָבערער פון פאָלקס־ליבע און אָנערקענונג, וואָס אַקערט און זייט אין די פעלדער פון יידישן ווילן און מעגלעכקייט. טריי איז געווען די דאָזיקע אַרבעט זיינע. ס'זיינען אויך געווען אין איר שטערונגען און שווערע שטורעמס אין דעם ציוניסטישן און געזעלשאַפטלעכן קלימאַט פון די לעצטע יאָרן, אָבער דאָס אַקערן און זייען פון דעם ערלעכן אַקערער איז געבענטשט געווען מיט אַ גרויסער און רייכער גייסטיקער פּרוכט.

אין מיטן פון זיין ווערק איז געפאַלן דער אַקערער און זייער...

פון זייבע ערשטע טעג אין ארץ־ישראל

(פון בערלס בריוו ; געשריבן אין יידיש)

א.

[עין גנים, תשרי תר״ע]

— — — ביז איבער ראש־השנה בין איך אָפּגעזעסן אין יפו. פלעג אויפשטיין פאַרטאָג, אוועקגיין צו אחוזת בית [1], צונויפטרעפן זיך מיט נאָך א פעקל ארבעט־זוכער, אָפּשטיין אַ פּאָר שעה, אויסהערן מעשיות — און אַוועקגיין. גייסט אין גאס און שטויסט זיך אָן אויף תעניתדיקע פנים׳ער, אויף אנטלויפנדיקע. גייסט אריין אין א שטוב — דאָס אייגענע ; פיבערדיקע. און אלץ הענגט אין דער לופטן, בלאָנדזשעט נעבעך ארום אָן א תכלית. אזוי זייבען אויך געווען מיין פּאָרפאָלק פון שיף, מיט וועלכע איך בין געפאָרן צוזאמען. און נאָך א גרעסערער געפיל פון סתם פוסטקייט איז געווען אין די באַקאַנטע, וועלכע זיצן דאָ פון לאנג, וועלכע האָבן זייער אָרעמען אוצר לאנג אויסגעליידיקט, און זיי צאפּלען זיך אין דעם שטייענדיקן וואסער. און וואָס סימפּאַ־טישער מיר איז געווען דער מענטש, אלץ שווערער איז געווען אויף אים צו קוקן. דאָס לעבן דאָ אָן א תכלית — איז שוין גאָרניט צו דערהאלטן. איך האָב געמוזט זיך אָננעמען מיט כוח און אוועק פון יפו. נאָר ניט אזוי גרינג איז דאָס אָנגעקומען. ס׳האָבן געשראָקן די ידיעות פון די קאָלאָניעס. עס איז אויך געווען א צוגעזאָגטע ארבעט אין יפו נאָך יום־טוב. עס האָט נאָך געדאַרפט אָנקומען דער ערשטער ארץ־ישראלדיקער יום־טוב, וועלכער זאָל פאר מיר דורכגיין שווער און וויסט, און ווייזן מיר מיין גאנצע פרעמדקייט — איך זאָל זיך אָננעמען מיט כוח. בקיצור איך האָב ארויסגעשלעפּט מיין פּאָרפאָלק און אוועק, אָן אמונה אין דעם גאנג, אין פתח־תקוה.

אלע האָבן אונז פון דעם אָפּגערעדט. שבת איז בכלל ניט אָנגענעם קומען אין א קאָלאָניע, און בפרט אין דער בארימטער פתח־תקוה, און דער איינדרוק, האָט מען געזאָגט — וועט זיין א שווערער. מיט א טאָג פריער זייבען אהער אוועק דוד [2] און ברענער. מיר האָבן אָפּגערעדט צוזאמען גיין, נאָר מיר האָבן זיך פארלאָרן.

מיט ברענערן האָב איך זיך באגעגנט א פּאָר טעג פאר דעם ביי דודן. דערווייל

[1] תל־אביב אין איר אָנהויב ; [2] דוד שמעונוביץ.

איז דאָס פאַר מיר מיין וויכטיקסטע באַגעגעניש. פשטות, גוטסקייט, אָפנהאַר־ציקייט און כוח האָט זיך אין אים דערפילט, און אויך ענלעכקייט אין דעם צו יעקב לעשצינסקי, נאָר אָן א שום בליאַסק, מיט אַזאַ אָפּגעלאָזנקייט, מיט אַזאַ מאַך אויף זיך מיט דער האַנט, מיט אַזאַ אמתן, אַנטשלאָסענעם יאוש, אַז עס רייסט ביים האַרצן. אונז איז שוין אויף מאָרגן אויסגעקומען שטאַרק צערייידן זיך, און אין יעדן וואָרט, אין יעדן רעיון האָט זיך געפילט ווי איינער פון אונז. די זעלבע חסרונות, וואָס פילן זיך אַזוי אָפט אין דעם טראַכטן פון א יידישן אינטעליגענט, נאָר דאָס איז געווען ניט ענלעך צו דעם געוויינטלעכן טראַכטן פון א יידישן שרייבער, דאָ איז געווען אַזוי־פיל האַרץ, אַזאַ גלייכער פילן די צרות פון אונזער לעבן, אַז וואָס ער זאָל ניט זאָגן, ווען אפילו דער אינהאַלט איז גאָר ניט טיף און אפילו נאַאיוו און זייער אייגזייטיק, גייט ניט דורך פאַרביי. ער וואַרפט זיך און שליידערט זיך, אין כעס אויף זיך און אויף די יידן, זאָגט זיך אָפּ פון דעם, וואָס ער האָט נאָך גאָרניט לאַנג געשריבן, האַקט מיט איין קלאַפּ אַלץ, איז אַריינגעטאָן אין זיין אפיקורסות איצט, נאָר אין דעם איז אַזאַ פאַרוווּנדעטע האַרץ, אַזוינע ערנסטע און ערלעכע געפילן. ווי ער באַגייט זיך מיט די יונגע שרייבער, ווי ער האָט זיי ליב און ציטערט איבער זיי, ווי אים פאַרדריסן זייערע חסרונות, זייער אויסטריקענען, ווי ער פילט יעדע קלענסטע זאַך אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי ערנסט ער איז, ווען ער דערציילט וועגן זיין אייגענער לאַגע אין דער ליטעראַטור, ווי איינזאַם ער איז דורך זיין וועג, ווי קיינער האָט זיך אויף אים ניט אָפּגעשטעלט, כאָטש ער איז דאָך געווען דער איינער פון אַלעמען, וועלכער האָט זיך אָפּגערופן אויף אונזערע שאלות און צרות. אַלע זיינע פריערדיקע מיט־אַרבעטער האָט ער צוביסלעך אויפן וועג פאַרלאָרן: ווער עס האָט אָנגעהויבן דעם אינטעליגענטישן שפיל מיט גאָט, מיט זכות־אבות און אַלטע הייליקייטן; ווער עס האָט חתונה געהאַט און אָנגעהויבן פילן זיך גאַנץ רוהיק; און ווער עס האָט זיך גלאַט צוביסלעך אויסגעוועפּט. ער האָט מיר דערציילט וועגן זיינער א נייער דערציילונג, וואָס ער האָט אָנגעשריבן ד א. דאָס איז א מין סך הכל — זאָגט ער.

ער האָט זיך ביי מיר איינגעבעקן אין האַרצן, און אַז איך קום פון דער אַרבעט און טרעף אים ליגנדיק אויפן גאַס נעבן שטיבל, אַריינגעטאָן אין זיין טרויער, און עס הויבן זיך אָן די לאַנגע שמועסן, וועלכע גייען ווי פון א קוואַל, יוגנט־זכרונות, אַמאַליקע האָפנונגען, שטיקלעך און ברעקלעך פון אַלץ וואָס איז נאָענט און טייער — ווילט זיך מיר אים אַזוי טרייסטן, גלעטן, מאַכן גרינגער, אַרויסזאָגן אים, וואָס איך פיל צו אים. מיר איז בשעת מעשה גוט, איך פיל אים, איך זאָג אים אַרויס כאָטש א טייל פון דעם וואָס איך פיל. אָבער אים? סוף כל סוף — הויבט מען זיך אויף, און ער גייט אַוועק אפשר מיט נאָך א שווערער האַרץ ווי פריער, און רעדט אָפּ מער ניט אומקערן זיך צו אַזוינע ענינים. זיין גוטסקייט איז ניט איינציק. זיין זאָרגן פאַר יענעם, פאַר יענעמס עסן, שלאָפן, פאַר יעדערן מיט וועמען ער באַגעגנט זיך. נאָך איידער איך בין געקומען, האָט ער שוין נאָכגעפרעגט וועגן אַרבעט, וועגן אָן אָרט אויף נעכטיקן.

ערשטן טאָג סוכות

האָט אַזוי, רייסט זיך מיין שרייבן איבער יעדע ווײַלע. איך בין שוין אַזוי ווייט פאַרפאָרן אין מיין היגן לעבן, אַז איצט וועל איך מסתמא שוין ניט קענען דערציילן מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אַ יידישער קאָלאָניע. עס איז פאַראַן ביי יידן אַ וואָרט, אַז ליכט און שאָטנס מישן זיך צוזאַמען. אויף אַלץ וואָס איך זע און באַנעם אין א״י — גייט דאָס נאָך אין אַ טיפערער מאָס. האָפענונג און יאוש. עס איז ניטאָ קיין באַזונדערע ליניע. זיי גייען כסדר צונויפגעפלאָכטן אין איינעם. און אָפטמאָל ניט פונאַנדער־צונעמען. און אַזוי איז ביי מיר כמעט אין יעדער איינציקער זאַך, אַזוי אַז עס איז זייער שווער וועגן וואָס עס איז דערציילן און פרובירן איבערגעבן די אמתע בילד דערפון. און בפרט, אַז די איינדרוקן האַלטן זיך דאָך ניט אויף איין אָרט, צו זיי קומען כסדר צו הוספות, און איך בין ניט קיין בעל־זכרון אויף געדענקען ריכטיק זייער אמתע געשטאַלט, וועלכע זיי האָבן געהאַט אין מיינע אויגן לכתחילה.

פאַר אונז האָט זיך געעפנט די ערשטע גאַס פון פתח־תקוה. דער לוקסוס האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין די אויגן. הויפן באַדעקט מיט רייכע גרינס, אַלייען פון צעדער־בוימען, יונגע און שלאַנקע פירן פון טויער צום שטוב. די הייזער — ווילעס מיט באַלקאָנען, וועראַנדעס און גאַרדינען. ביי איין שטוב האָט אפילו ניט געפעלט קיין מעשענע בלעכל מיטן פאַמיליע פון בעל־הבית, און אַ פאָנאַר ביים טויער. דאָס איז ניט די פעסטקייט און בעל־בתישע רייכקייט פון אַ פויער אין שרונה. דאָ איז דער גלאַנץ פון פריצים, און אפשר פון סוחרים וועלכע האָבן געקראָגן אַ געשמאַק אין אַ פּריצישן לעבן. — — — מיר האָבן זיך געלאָזן ווייטער, געטראָפן אַ בחור, וועלכער האָט אונז אָנגעוויזן „האָטעל ראַבינאָוויטש״. דאָס איז די אַרבעטער־אכסניה, ווו מ׳עסט, מ׳טרינקט, מ׳שלאָפט, מ׳שרייבט בריוולעך, מאַכט זיך משוגע, און ווו אַלע נעמען אין קרעדיט, ביז וואַנען מ׳ווערט אים נעבעך אָן. דאָ האָבן מיר געטראָפן אונזער עולם, דודן און ברענערן. — — —

מ׳האָט אונז פאַרגעלייגט מאַכן אַ שפּאַציר אין עין־גנים. דאָס איז די נייע קאָלאָניע, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פאַראיאָרן פון אַרבעטער. איר האָט דאָך גע־לייענט. דער פּלאַן איז געווען, אַז אַן אַרבעטער זאָל קענען האָבן אַ דירה, מיט אַ שטיקל ערד אויף גרינס, און אַ מילכיקס־ווירטשאַפט, און זאָל קענען בלייבן ביי דער אַרבעט. מיר זיינען נאָך ניט אַרויס פון פתח־תקוה, און אונז האָבן זיך שוין באַוויזן פון דער הויך די קליינע און נייע שטיבלעך פון עין־גנים, צעוואָרפענע איבערן פרייען און ברייטן פּלאַץ. עס איז געווען אַ שיינער בייטאָג. פון דער פאַרשטיקטער לופט פון האָטעל און גייסטיקער לופט פון פתח־תקוה זיינען מיר אַריינגעטראָטן אין דער קליינער, פרייער רעפּובליק, וואָס איז אויסגעוואַקסן ביי איר ביי דער זייט. אַלץ וואָס געפינט זיך ניט קיין אָרט אין דער פרומער פתח־תקוה, אַנטלויפט אַהער. דאָ איז אַ פרייע וועלט. איך גיי און טראַכט, אַז איך ווייס נאָך ניט די ממשות פון דעם וואָס דאָ איז פאַראַן. איך ווייס דאָך, אַז אין א״י דאַרף מען זיין פאָרזיכטיק, אַז אויף שיינע

דעקאָראַציע איז מען דאָך דאָ אַלעמאָל רייך, און במילא איז מיין שמחה אַ פּאַראַלי־זירטע. נאָר דער אויסזען, די ברייטע האָריזאָנטן, די בערגלעך פון יהודה, וועלכע זיינען פון ווייטן צעוואָרפן און רינגלען אַרום דעם גאַנצן פּלאַץ, די נייע קליינע הייזלעך, וועלכע פון אַ חדר׳ל, פון צוויי, זעלטן דריי, די ידיעה, אַז די גאַנצע קאָלאָניע כמעט (כמעט!) איז געבויט דורך יידישע הענט, דער ברונעם מיטן מאָטאָר אין מיטן גאַס, די שטאָלץ פון עין־גנים — דאָס האָט אַלץ געמאַכט אַזוי פרייליך און ליכטיק אויפן האַרצן. די נייקייט, די פרישקייט און יונגשאַפט ליגט דאָ אויף אַלץ. דער באָדן איז נאָך כמעט ניט באַאַרבעט, וואו־ניט־וואו שפּראָצט שוין עפּעס אַרויס. אַרום איין שטוב איז שוין קאָנטיק חשובערע פּלאַנצונגען. קאָנטיק, אַז דאָ וואַקסט דער „תקיפער״ קאָלאָניסט. די פראַגע מיט וואָס איז ער תקיפער: מיט געלט צי מיט ווילן — לאָז איך אויף שפּעטער. איך טו אַ פרעג ביי דעם, וואָס גייט מיט מיר, ווי לאַנג איז ער דאָ — ער זאָגט: 6 יאָר. ווי קלינגען מיר די ווערטער נאָך יפו! די גאַס, די הייזער, די מענטשן, דער האָריזאָנט, אַלץ איז מקבל פנים אַזוי האַרציק, פרייליך.

ברענער פירט מיך צו גאָרדאָנען. ווי גרינג און גיך איז מיר באַשערט געווען טרעפן די צוויי מענטשן, וועלכע פאַרנעמען ביי מיר אַזאַ אָרט. נאָר צי וואָלט איך זיך ווען פאַרגעשטעלט גאָרדאָנען אַזוי: אויפן גאַס, ביים שטיבל, אויף אַ צוריסענע ראַגאָזשע זיצט אַ ייד פון אַ יאָר 50, אַ באָרוועסער, אָן אַ היטל, אין געלאַטעטע הויזן. דאָס — האָט ער אונז פאָרגעשטעלט — איז זיין סאַלאָן, וועלכער קען צונעמען געסט אָן אַ שעור, און וועלכער האָט נאָר איין חסרון, וואָס אין אים רינט אַריין. דאָס איז זיין געליבטע חכמה, וועלכע ער חזרט אָפּט איבער. צעזעצט האָט מען זיך אויף דער ערד, און דער כיבוד איז געווען אַ קרוג וואַסער, נאָך וועלכן מ׳איז געגאַנגען צום ברונעם. פון שטוב האָט זיך אַרויסגעזען גאָרדאָנס ווייב, אַ יידענע. עס איז צוגעגאַנגען די טאָכטער — און אויף אַלץ האָט געדוט די שכינה. פון די אַרומיקע הייזלעך האָט מען אונז דערזען און געקומען צוגיין. און פון ווייטן האָט זיך דערהערט אַ געזאַנג פון אַ פּעקל בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך גענענטערט אַהערצו. בקיצור, אַן ארץ־ישראלדיקע אידיליע. ווי דער שטייגער, אַ ביסל געזאַנג, אַ ביסל געבאַלאַקעט, אַ ביסל דיסקוטירט. נאָר פאַר מיר איז געווען דאָס פריילעכסטע — דאָס קלייבן זיך אַרום גאָרדאָנען, וואָס 18־און 20־יאָריקע קינדער קענען זיך קלייבן אַרום אַן עלטערן יידן. איך האָב באַמערקט אַפילו, אַז דאָך איז ער זיי מן הסתם גאַנץ פרעמד, כאָטש ער זינגט צוזאַמען מיט זיי, און מאַכט זיך פריילעך, און אים איז קיין זאַך ניט צו לאַסט.

אָנגעזען זיך דעם טאָג און דעם אָוונט עין־גנים. גאָרדאָן איז געגאַנגען זען מכוח אַרבעט פאַר מיר. מיט נעכטיקן זיינען מיר געווען פאַרזאָרגט. מכניס אורחים איז מען דאָ גרויסע. איך האָב זיך אַפילו זייער געוואונדערט אויף דער ליבלעכקייט פון די בעלי־בתים — צוויי בחורים, וואָס האָבן פאַרלאָזן זייערע געלעגערס (פון ברעטלעך מיט קעסטלעך) און אויסגעצויגן זיך צוזאַמען. קיין גרויס הנאה פון דעם שלאָפן האָט מיין נאָכגעגעבענער גוף ניט געהאַט. איך וואָלט גערן יענע נאַכט געזעצט זיך אייך

אָנשרייבן אַלץ וואָס אויפן האַרצן. נאָר אין דעם צימער ווו עס קאָנטעוועט אַ האַלב־צענדליק מענטשן און אָנשטאָט אַ טישל זיינען צונויפגעשטעלט קעסטלעך — איצט שרייב איך אויף זיי — איז ניט געווען וואָס צו טראַכטן.

און אַז מ׳איז אויפגעשטאַנען אין דערפרי, און די זון איז אַרויס, און געלאָזן זיך גיין פון עין־גנים אין פּתח־תקוה פּרעגן וועגן אַרבעט — איז נאָך אַלץ געווען אויפן האַרצן יום־טובדיק. איך האָב זיך געפילט צוגעבונדן צו עין־גנים. די ברייטקייט, די פרייע וועלט, די פרימאָרגנס און פאַרנאַכטן זיינען דאָ טאַקע ניט איינציק. גרינג און פריי מאַכן זיי אויפן האַרצן, פאַרשטייט זיך, בעת מ׳קען דאָס צולאָזן. נאָר אַז איך בין געקומען צום האָטעל, דערגאַנגען אַז קיין אַרבעט איז ניטאָ, געטראָפן אודאי אַ צענדליק אַרבעטסלאָזע, אָנגעהערט זיך חכמות מיט שטעכווערטלעך, און ווייטער מכוח אוועקפאָרן, פיבערן און אַרומגיין ליידיק — האָב איך זיך דערפילט גאָר ווי אין יפו. בשעת מעשה האָב איך באַמערקט אפילו די דיליזשאַנסן, וואָס לויפן אין יפו, די יידישע פּאָסט, די קוויטאַנציעס פון ועד המושבה (קאָמיטעט פון קאָלאָניע) וואָס גייען אָנשטאָט מטבעות — נאָר דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך, צוזאַמען מישט זיך דאָס ניט אויס. געלאָזן זיך אין עין־גנים. דאָרט איז שטיל, קיין קול. עס גייט נאָר דורך אַ מיידל מיט אַן עמער און אַ קופּקעלע קנדער שפּילן זיך אין אַ ווינקל. די מאַנסביל זיינען אויף דער אַרבעט.

קיין סך איז מיר ניט באַשערט געווען וואַלגערן זיך. אין אָוונט האָב איך שוין געהאַט באַשטעלט אַרבעט אויף מאָרגן. מיין אַרבעט איז אין „בחריה״, אַ שעה מיט אַ פערטל גאַנג פון פּתח־תקוה. דאָס איז אַהין. צוריק איז שוין דער וועג במילא לענגער. דאָס איז אַ באַיאַרע, וואָס פאַרנעמט 800 דונאַם (11 דונאַם איז איין דעסאַטין) אָנדערטהאַלבן מאָל די גרויס ווי גאַנץ עין־גנים. אויף דער אַרבעט גיי איך אַרויס פּאַרטאָג, גלייך מיט דער זון, פאַרלויף צו ראַבינאָוויטש אין האָטעל, כאַפּ אַ גלאָז טיי און „מיט זיך״, און לאָז זיך אין וועג. דאָס אַרויסגיין פון עין־גנים אין פרימאָרגן איז אַ מחיה׳דיקער. נאָר דאָס אַריינקריכן אין געסל פון האָטעל און דער האָטעל גופא מאַכט דאָס שוין פאַרגעסן. דו גייסט און האָסט קיין צייט ניט אַרומקוקן זיך אפילו אויף דער שיינקייט וואָס אַרום. דו איילסט צום גלאָק. אין פּתח־תקוה אַרבעט מען אומעטום מיטן גלאָק. און דער אַרבעטס־טאָג איז 9—8 שעה. אַקוראַט ווייס איך נאָך אַליין ניט. דער אַריינגאַנג אין בחריה, די קאַנטאָר, ווו עס זיצט דער אויפפּאַסער און די אַרבעטער בייסן איבער — האָט מיר דערמאָנט די פאַבריק פון סעמיוטשעב־סקי. קיין גרעסערע השגה פון גרויס־פּראָדוקציע האָב איך דאָך ניט. און איך האָב באַלד אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָ מסתמא איז שוין פאַראַן אַ יידישער פּראָלעטאַריאַט.

מיר זיינען אוועק צו דער אַרבעט. אַן עלטערער אַרבעטער האָט מיך געפירט און געדאַרפט ווייזן, וואָס צו טאָן. די באַיאַרע איז גרויס אָן אַ שיעור, און מיר האָבן אַ האַלבע שעה געבלאָנדזשעט ביז וואַנען מיר האָבן געטראָפן דעם עולם. די אַרבעט איז געווען זייער אַ גרינגע, נאָר ביי מיר האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט, געציטערט טאָמער

ארבעט איך ניט גוט, געפילט אז איך שטיי אָפּ פון עולם, און די טעמפּעראַטור איז געוויס געווען א צו הויכע. איך האָב זיך דווקא אויסגעגלייכט מיט אלעמען לסוף. נאָר איך האָב זיך ניט געכאַפּט, אז זיי ארבעטן דאָס גאַנץ קאַלטבלוטיק און זיצן זיך צוביסלעך ליידיק. איך בין געווען פאַרטאָן, און אז דער אויפפאַסער איז מיטן קאַנציק אויפן אייזעלע פאַרבייגעפאָרן, האָט ביי מיר דאָס האַרץ געקלאַפּט, און איך האָב געמיינט אז ער הייסט שוין מיר גיין א היים.

עס האָט געקלונגען צו וואַרמעס. דער עולם האָט זיך א לאָז געטאָן. איך גיי מיט אלעמען, נאָר איך ציטער און שעם זיך, און האָב זיך ניט ווו אהינצוטאָן. אין גרויסע קעראָסין־בלעך האָט מען אויפגעזאָדן טיי, און מ'האָט זיך א לאָז געטאָן יעדערער, ווער מיט א שיסעלע, ווער מיט א קוואַרט, טובל געווען דאָס אין בלעך, אַרויסגעשעפּט פול און געדיכט, און מ'האָט זיך געזעצט זופן. קיין גרויסע מאכלים פון דער היים ברענגט מען ניט: ווער א ציבעלע, זיתים, א באַקלאַזשאַן אָדער האַלווע. און אז יום־טוב איז א פּאָר אייער אָדער א פיינקוכן. די ערשטע פּאָר טעג האָב איך נאָך קיין כלי ניט געהאַט, און זיצן קוקן ווי יענער טרינקט בעת עס דאַרשט און עס בראָט — איז ניט אזוי אָנגענעם. נאָר אין גיכן האָב איך זיך אויך אַרויפגעשלאָגן אויף דעם אייגנטום, איך האָב שוין אפילו א קאָשיק, וועלכן איך טראָג מיט זיך, און זופּ די טיי גלייך מיט אלעמען. ניט קוקנדיק אויף דער שרעקלעכער אָרעמקייט און אָפּגעלאָזנקייט וואָס הערשט דאָ, איז דאָך מיר אנגענעם צו זען די גאַנצע אויסגעטאָנקייט פון דער וועלט, די זאָרגלאָזיקייט וואָס הערשט דאָ און אין האָטעל בעת דער אכילה. דאָס איז א טייערע, א געבענטשטע מידה פון פּראָלעטאַריער. און וויסנדיק, אז די אלע, סיי די בעסערע, סיי די ערגערע, האָבן דעם מין אין דער היים געוויס ניט געהאַט — מעג מען זיין דערפון צופרידן.ביים טיש הויבט מען אָן צו שמועסן פון פּאָליטיק, פאַרשטייט זיך, פּאָליטיק פון ארץ־ישראל. יעדער בייס, יעדער קלאַנג, כאַפּט זיך דאָ אויף ווי א בשורה טובה, ווערט דאָ פונאַנדערגענומען אויף פּיץ־פּיצלעך, אויסגעטייטשט און קריטיקירט, דאָ ווערט געמאַכט א תל פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק. דאָ ווערט אַרויסגעזאָגט, ווי אזוי עס וואָלט געדאַרפט זיין. עס איז אזא צער צו הערן דאָס. קאָנטיק אז די מענטשן האָבן זיך שוין פאַרבונדן מיט דעם אלץ, אז דאָס איז זייערע האָפנונגען און זייערע חשבונות. עס פילט זיך אז זייער אלטעגלעכער לעבן וועגדעט זיך אָן דעם קיום פון דעם אידעאַל. אָבער דערפאַר וואָס פאַר א פּנים האָט זייער אידעאַל געקראָגן. גאָר ניט צו דערקאָנען, אז די מענטשן האָבן זיך אמאָל צו דער וועלט אנדערש באַצויגן. נאָר ווער ווייס, וואָס זיי זיינען אמאָל געווען און וואָס איצט. איך ווייס נאָך ניט.

נאָכן עסן — ווייטער צו דער ארבעט. דאָ האָב איך שוין באַמערקט ווי דער עולם פאַלשעוועט אין דער ארבעט. מיאוס. איך ווייס אפילו און פאַרשטיי, אז מ'ארבעט אויף יענעם — קען די ארבעט קיין גרויסן טעם ניט האָבן — נאָר איך פיל דען, אז איך ארבעט אויף יענעם? ווי פילט מען דאָס ניט, אז דאָס איז יידישע ערד און

יידישע ארבעט און אז די ארבעט איז צוליב זיך? איך האָב זיך, פאַרשטייט זיך, געשעמט זאָגן אזוי, נאָר דער עולם האָט פאַרשטאַנען, אז דאָס איז א נייער, און געזאָגט, אז נישקשה, איך וועל באַלד צושטיין. אפשר זײַנען זיי גערעכט, נאָר די אָפּנאַרערײַ זייערע איז דאָך אזוי מיאוס. — — —

די ערשטע עטלעכע טעג האָב איך געאַרבעט כסדר צווישן יידן, באַמערקט אז עס אַרבעטן א היבשע ביסל אַראַבער. די לעצטע צײַט אַרבעט איך אין ייד צווישן גרופּעס אַראַבער, אויף וועלכע עס גיבן אכטונג יידישע אויפזעער (פון די עלטערע אַרבעטער). עס פאַרשטייט זיך, אז איך טו די גרינגערע אַרבעט (שווערער פון דער ערשטער), זיי — די שווערע, און די אויפזעער — טרײַבן אונטער: „יאַללה!" די ווונד פון די אויפזעער. אויף די אַראַבער געוויינטלעך האַלט מען אויפזעער, אַניט — אַרבעטן זיי דאָך גאָרניט, און ביי אַן אויפזעער, זאָגט מען, קערן זיי איבער בערג. וועמען מאַכט מען פאַר אַן אויפזעער? דעם עלטערן אַרבעטער, וואָס איז שוין גוט אַרײַן אין דער אַרבעט. זײַן שכירות איז שוין א ביסעלע גרעסער, ביים בעל־הבית איז ער חשוב, טאָן טוט ער גאָרניט און שרײַט „יאַללא". און אזוי ווערן ביסלעכווײַז אַלע עלטערע און בעסערע אַרבעטער — משגיחים. און זיי פילן אפילו ניט וואָס דאָס איז. אין גליל איז א פּנים ניטאָ דער מין, נאָר דאָ איז דאָס כסדר. ס'איז רעכט, אז דער איינציקער, וואָס וויל ניט זײַן קיין אויפזעער, איז גאָרדאָן (ניין, פאַראַן נאָך). נאָר גאָרדאָן איז דאָך א ייד, וואָס לעבט מיט דער משפּחה אויף 60 קאָפּיקעס א טאָג און זאָגט אז אים פעלט גאָרניט, און אז ער האָט נאָך קיינמאָל אזוי גוט ניט געלעבט (בעת אויפן האַרצן קריכן מוראַשקעס).

דו אַרבעטסט אזוי און דערפילסט ווי קליין און נישטיק עס איז דאָ אונזער חלק, און וואָס פאַר א וועלט ווערט דאָ באַשאַפן פון דער קנעכטשאַפט פון די אַראַבער, מיט וועלכע דער בעל־הבית רעכנט זיך מיטן קאַנציק ביים צאָלונג, און דו פילסט דעם פסוק „א קנעכט אז קעניגט", און טראַכסט וואָס גרייטן דאָ אונז אונזערע פּריצים, און וואָס וועט זײַן מיט אונזערע אַרבעטער, וועלכע זײַנען ניטאָ.

נאָר וואָס איך זאָל טראַכטן — מיר אַליין איז גוט. די אַרבעט איז מיר דער־ווײַלע ניט איבער די כוחות, און בעת איך שטיי ביי דער אַרבעט צווישן שורות פון אַפּעלסינען, און פאַר מיר שפּרייט זיך פונאַנדער בחריה, וועלכע איך כאַפּ אפילו ניט מיטן אויג, און די גאַנצע רײַכע און ברייטע וועלט אַרום מיר — פיל איך א גרויסן נחת. נאָך דער אַרבעט כאַפּט מען אַרײַן א באָדן זיך אין טײַכל, און מ'שלעפּט זיך פאַמעלעך אַוועק אַהיים. דער וועג ציט זיך אויס, אָפּשטעלן זיך, קוקן אויף אַרום פאַרגינסטו זיך ניט, אײַלסט א היים גיין. און נאָכן עסן און אָנזען אַ קאָפּ עולם, שלעפּסטו זיך שוין גאָר פאַמעלעך אַוועק אין עין־גנים. און קומסט און ציסט זיך אויס אויף דער ערד פאַרן שטיבל, ניט דו נעמסט א ביכל אין האַנט, ניט דו דאַרפסט אפילו מיט עמיצן ריידן — פילסטו אזא גוטסקייט, אז וואָס דו זאָלסט בעת מעשה פאַר א ביטערע רעיונות ניט טראַכטן און וואָס פאַר א טרויער דיר זאָל ברענער

ניט אריינפירן, און ווי שווער זאָל ניט זיין אלץ ארום און אפילו ביי דיר אליין — דאָך איז דיר גוט. פיזיש גוט. אזא גוטסקייט פאר וועלכער דו האָסט קיין וואָרט ניט. — — —

ב

נצרת, ראש חודש אייר תר״ע.

אופן נײנטן חודש וואָס איך בין אין ארץ־ישראל קלייב איך זיך אויס צו אייך* מיט א בריוו. ווען איך וואָלט געקענט יוצא זיין מיט א גרוס פון מיר אליין, וואָלט איך אייך באלד אָנגעשריבן. איך בין א היגער. דאָס איז ערשטנס. איך ארבעט, לעב זיך דורך פון דער ארבעט און האָף אריינגיין און פארבלייבן ביי דער ארבעט. נאָר צי קען מען שרייבן פון ארץ־ישראל און ניט ברענגען קיין גרוס פון ארץ־ישראל גופא? און דאָס בינדט מיך די גאנצע צייט. גרויס איז דער תוהו ובוהו. צונויפגעפלאָנטערט איז אלץ וואָס דו זעסט און לעבסט איבער. אורות וצללים משמשים בערבוביה. אין דעם גרויסן און מוראדיקן „עם כי יחרב״ וואַרפן זיך דורך קוים־קוים ברעקלעך פון האָפענונגען אויף א נייעם לעבן. ווילט זיך פרייען און דו קענסט ניט, ווייל דער גלות לאָזט דיך ניט אָפּ אויף א רגע, מיט אלע זיינע ליעבהארציקע אותות ומופתים. מיאש זיין זיך קענסטו אודאי ניט, ווייל דו זעסט אזוינס, וואָס לאָזט ניט, וואָס זאָגט צו, אויב דו ווילסט לעבן. און אויב עס איז געננוג פאר זיך אליין, אם חפץ חיים אתה, זאָגן זיך: „יאָ!״ אויב אפילו ביי דיר אין הארצן איז דער „יאָ״ גובר — איז דאָך זייער שווער קומען און ארויסגעבן דאָס עמיצן: „נאָ, זע!״. און דאָס געפיל פון פאַרזיכטיקייט און אחריות פאר דעם וואָס דו דערציילסט — מאַכט אויך אזוי ניט גרינג דאָס ריידן. דו פילסט זיך נאָך גאָרניט אזוי באהאווענט, כדי צו נעמען ריידן, זאָגן א דעה.

נאָר עס איז שוין דאָך צייט. אזוי לאנג ווילט זיך דורכריידן און דערציילן די נאָענטע וואָס שטייען אין דרויסן, און עס איז אפשר אזא עוולה אין דעם שווייגן, אין דער צייט ווען עס איז ניטאָ קיין קוואלן פון וואנען צו האָבן אַן אמתע ידיעה.

דער בעסטער גרוס, וואָס איך קען אייך ברענגען פון דאנען איז — אז איך וויל אייך ביידן זען דאָ. איך וויל אייך ניט צוזאָגן קיין הרים וגבעות (ד. ה. אמתע הרים וגבעות, אזוינע וועלכע ארץ ישראל פארמאָגט, קען איך אייך גראָד צוזאָגן), קיין איינגעאָרדנטע געזעלשאפט, און אז אלץ וועט געשען פונקט ווי איר ווילט. פאראן גענוג שלעק און פורעניותן וואָס גייען נאָך און ווילן עס ניט אזוי גיך אָפּטרעטן. גאנץ אָפט קען פלאצן דאָס הארץ צוזעענדיק וואָס עס קומט פאָר פאר די אויגן. נאָר דער עיקר: אויב איר ווילט אלע לעבן פון ארבעט, פון פרייע לופט, פון נאָענטקייט צו דער נאטור, פטור ווערן פון דער ליבהארציקער סביבה, פון וועלכער

* צו זיינע צוויי ברידער אין אמעריקע.

מיר אנטלויפן און קענען ערגעץ ניט פריי זיין לגמרי, און קריגן אַן אָרט מיט האָפענונג אויף ווערן אַ היים, זען ארום זיך כאַטש אַ קאַפּעלע פריילעכע און פרייע ארבעטס־מענטשן — קומט אַהער!

מיר דוכט, אַז דאָס וואָס איך שרייב אייך איז אַן אמת ניט נאָר פאַר מיר, נאָר אויך פאַר די וועלכע האָבן אַ געפיל צו אַ געזונטן, לעבנדיקן לעבן. אויב עס זיינען פאַראַן מענטשן, וועלכע מעסטן די הנאה און די יסורים פון לעבן מיט אַ מאָס פון אַן עקסטערן אָדער אַ קליטניק, און דערפאַר צעלויפן זיי זיך אַזוי ווי מייז באַלד ווי זיי קומען — בין איך ניט שולדיק. אַן אמת טאַקע, קיין געלד קלייבן אין ארץ ישראל פון ערד־ארבעט קען מען ניט. די געוויינטלעכע פאַרדינסט — אַ 60 קאָפּיקעס אַ טאָג — סטייעט נאָר אויף עסן און גיין ניט אַזוי יום־טובדיק געקליידעט. און וועמען עס איז באַשערט אַמאָל אונטערצופּיבערן אָדער אַזוי צוריבן זיך — מוז זיך נאָך אַ ביסל צוקראַצן. נאָר דערפאַר, וויפיל נחת און באַפרידיקונג גיט דער נייער אָרט לעבן — אַזוינע וועלכע ווערן ניט געציילט און ניט געמאָסטן. דער מין לעבן און ארבעט אליין, אָן קיינע שום רעיונות אפילו וועגן זייער תכלית. דאַכט זיך אַז אַ טוי פאַלט אויף אונזערע ביינער און פרישט זיי אָפּ און צעגיסט זיך אין זיי. — — — —

איך האָב דעם ווינטער אָפּגעאַרבעט אין יהודה. לכתחילה אין פתח־תקוה ביי פלאַנצונגען, און — צו אייער גרויסן וווּנדער — איז מיר געגאַנגען אין דער ארבעט ניט שלעכט. מ׳האָט שוין מיך געהאַלטן פאַר אַן ארבעטער. שדים האָבן מיר אָנגע־טראָגן פאַרלאָזן פתח־תקוה און גיין אין חדרה. איז דאָרט קיין פלאַנצונגס־ארבעט ניט געווען פאַר מיר. האָב איך זיך געשטעלט אין אַ וואַלד זעגן און האַקן. ארבעטן מיט אַ האַק און אַ זעג האָב איך זיך אפילו אויסגעלערנט, נאָר קיין גרויסער האָלצ־העקער בין איך ניט געוואָרן. און פאַרבלייבן דערביי האָב איך ניט געטראַכט. האָב איך באַשלאָסן גיין אויף פסח אין גליל און דאָ פאַרבלייבן ביי אַקערבויערײַ. איצט ארבעט איך אין סעדזשערע, אין אַ פערמע פון יק״א. מעגלעך אַז איך וועל זיך שפּעטער אין אַ צייט שטעלן ביי אַ פּריוואַטן קאָלאָניסט פון מאָנאַט. עס גייט צו זומערדיקע ארבעט. איין פּעולה האָב איך שוין געהאַט אין גליל: דעם ערשטן טאָג האָב איך שוין געריטן אויפן פערד. בכלל איז מיין נסיעה אין גליל געווען איין ליכטיקער יום־טוב. נאָר דעם טעם פון אַ שפּאַציר איבער ארץ ישראל, דאַרף מען ניט און מען קען ניט איבערגעבן מיט ווערטער. ווערטער בלייבן ווערטער, און אַז איר וועט זיין דאָ וועט איר זען.

ציוניזם

גאולה

[פון א רעדע אויף א כינוס פון הנוער העובד, 1933]

אונזער באוועגונג צייכנט זיך גאנץ באזונדערס אויס דערמיט, וואָס זי פאראייניקט אלע באדערפענישן פון אונזערן א מענטשן — אלס אַן ארבעטער, אלס א זון פון זיין פאָלק, אלס אַ יחיד; די באוועגונג זאָרגט ניט נאָר פאר איין זאך, פאר א באגרענעצטן ציל; די ארבעטער־באוועגונג אין ארץ־ישראל האָט איין הויפט־ציל: ג א ו ל ה. דאָס איז ניט קיין טיילווייזע גאולה פון א קלאַס, א פאָלק, א פּרט, — עס איז די גאולה שלמה, די אויס־לייזונג פון דעם גאנצן מענטשן ארום און ארום — אין זיין פריוואטן לעבן, אין דער ארבעט, אין די געזעלשאפטלעכע באציאונגען, אין דער פארבינדונג מיט זיין פאָלק און מיט אנדערע פעלקער.

די יידישע ארבעטער־באוועגונג אין די גלות־לענדער, וואָס אין איר גרעסטן טייל איז זי געווען אנטי־ציוניסטיש, איז מיט פינף און דרייסיק יאָר צוריק געקומען צום יידישן ארבעטער, וואָס האָט געלעבט אין דלות און הונגער, און האָט צו אים אזוי געזאָגט: באפריי זיך, אָרגאניזיר זיך. זי האָט אים געלערנט ווי אזוי צו פארקירצן דעם ארבעטס־טאָג, ווי אזוי צו קעמפן פאר בעסערע ארבעטס־באדינגונגען. אָבער מער פון דעם האָט זי אים ניט געלערנט. זי האָט ניט פארשטאנען אז די לאגע פון דעם יידישן ארבעטער איז שלעכט ניט נאָר דערפאר, וואָס די לאגע פון יעדן ארבעטער איז שלעכט, נאָר אויך דערפאר, וואָס דער יידישער ארבעטער איז אין גלות; און דער טייטש פון גלות איז אויך: רדיפות און פּאָגראָמען, א פרעמדע מאכט איבער דיר און איבער דיין לעבן, אומגעזונטער עקאָנאָמישער לעבן, באָדנלאָזיקייט, קנאפּע אינדוסטריע, א סך לופט־פּרנסות. דורות־לאנג איז דאָס יידישע פאָלק דערווייטערט געוואָרן פון ערד און פון פארשיידענע ארבעטן און איז געווען געצוווּנגען צו באשעפטיקן זיך מיט א באגרענעצטער צאָל ספּעציפיש־יידישע מלאכות. ווייל ער האָט ניט געהאט אונטער די פיס

קיין באָדן, פון וועלכן קיין שום ווינט אין דער וועלט זאָל אים ניט קענען אראָפּטרייבן.

אנדערע ווידער זיינען געקומען צום יידישן יוגנטלעכן און האָבן אים געזאָגט: לאָז אָפּ דיין הויז און דיין משפחה — זיי א מענטש א פרייער, אַן אומאָפּהענגיקער. וואָס האָסטו צו טאָן מיט דיינע פאָלקס־דאגות און מיט קלאסן־פּראָבלעמען? דו ביזט יונג, געבילדעט — טראַכט בעסער וועגן דיין בילדונג. אויך די האָבן דער יוגנט קיין אויסוועג ניט געגעבן. ווייל די לאגע פון דער יוגנט און די נויט פון דער יוגנט זיינען פארבונדן מיט דער נויט פון פאָלק. וואָס זשע זאָל טאָן די יוגנט אין די גלות־לענדער — די ארבעטס־לאָזע יוגנט — כדי אויסצולייזן זיך און דעם פאָלק? איז אָט דאָס דער סוד פון אונזער באוועגונג, וואָס זי האָט דאָס אלץ פארבונדן אין איינעם. מען דארף, אז יעדער איינער וואָס זוכט זיין באפרייאונג זאָל געפינען דעם וועג צו דער באפרייאונג פון זיין פאָלק און צו דער באפרייאונג פון דער מענטשהייט.

אויף וואָס פאר אַן אופן האָט אונזער באוועגונג געזוכט דעם וועג צו דער פולער גאולה: פארן פרט און פארן כלל, פארן קינד, פארן דערוואַקסע־נעם, פאר דער פרוי? עס איז פאר איר געשטאנען — פון איין זייט די אלוועלטלעכע ארבעטער־באוועגונג, און פון דער אנדער זייט — די ציוניס־טישע באוועגונג. זי האָט פאר זיך געזען א סך וועגן. זי האָט געדארפט אָדער אויסוויילן זיך א וועג, אָדער באנייען א וועג, אָדער פון אלע וועגן אויסשמידן איין וועג.

ווען אונזער באוועגונג האָט געזען די ארבעטער־אָרגאניזירונג אין רוסלאנד, ווען זי האָט געזען די פּראָפעסיאָנאלע אָרגאניזירונג און דעם פּאָליטישן קאמף, האָט זי זיך געפרעגט: איז דאָס דער וועג צו אונזער גאולה? אונזער וועג דארף זיין דער וועג פון דעם ארבעטער; אָבער דאָך בלייבן מיר נאָך פארשלאָסן אין די ווענט פון דעם געטאָ. גאָר אינגיכן וועלן מיר קומען צו א טויטן ווינקל, פון וועלכן מיר וועלן זיך ניט קענען רירן. די יידישע מאסן זיינען צונויפגעפרעסט אין געטאָ, ווי הערינג אין א פעסל; איז אויב מיר וועלן ניט צעברעכן די פעסל — וועלן מיר דערשטיקט ווערן. די עמיגראציע האָט א ביסל לייכטער געמאכט. דערנאָך האָבן מיר געזען די יידישע ארבעטער־באוועגונג אין אמעריקע — הונדערטער טויזנטער ארבעטער, פּראָפעסיאָנעלע פאראיינען, א געהעכערטער ארבעטס־לוין, — אָבער געזען האָבן מיר, אַז אויך אין אמעריקע איז דער יידישער ארבעטער נאָך ווייט פון זיין פריי. ער איז טאַקע באפרייט געוואָרן פון די צארישע גזירות און פון די אכזריותדיקע געזעצן, אָבער ער האָט נאָך ניט קיין מעגלעכ־קייטן פאר א פולן קולטור־לעבן. די מאשין צעמאָלט דעם איינוואנדערער און מאכט פון אים שטויב, פארוואנדלט אים אין א קליינעם שרויף פון דער

גרויסער מאשין; פון א זון פון זיין פאָלק, פון א מענטשן מיט א באשטימטער גייסטיקער געשטאלט — האָט זי אים פארוואנדלט אין א געשטאלטלאָזן פארשויין. אויך דער דאָזיקער וועג, וואָס האָט געהאט צו פארצייכנען גרויסע דערגרייכונגען, זאָגט נאָך ניט צו קיין פולן לעבן פארן ארבעטער און פארן יידישן מענטש. עס זיינען אויך געווען אזעלכע, וואָס האָבן פּראָוויסגעזען, אז אמעריקע און אנדערע איינוואנדערונגס־לענדער (קאנאדע, דרום־אפריקע) וועלן נאָך פארשליסן זייערע טויערן פאר דעם יידישן איינוואנדערער.

עס זיינען אויך געווען אזוינע, וואָס האָבן בכלל ניט געפילט קיין שום פארבינדונג מיט די מאסן און מיט דער נאציאָנאלער קולטור, וואָס האָבן געוואָלט מיט א לייכטן הארצן אָפּווישן אלץ — די קולטור, די שפראך — מיטאַמאָל, און האָבן געזאָגט: אויב די גאנצע מענטשהייט וועט זיך באפרייען, וועט במילא באפרייט ווערן דאָס יידיש פאָלק. און זיי האָבן זיך איינגעשפאנט אין די באפרייאונגס־רייטוואָגנס פון אנדערע פעלקער.

אונזער באוועגונג אָבער האָט געוווסט און טיף געפילט, אז מענטשן באפרייען זיך ניט דורך נסים, קמיעות און אָפּשפּרעכונגען; קיינער באפרייט זיך ניט דורך דעם, וואָס עמיצער באפרייט אים, אלס א מתנה פון א שטארקן צו א שוואכן, נאָר דורך דעם וואָס ער באפרייט זיך אליין. ווען אונזער באוועגונג האָט געזוכט די גאולה שלמה, האָט זי ניט געקענט גיין אין אַנגעגנומענע וועגן, זי האָט געדארפט געפינען א וועג, וואָס זאָל — דורך סאָציאַליסטישער פארווירקלעכונג און פאָלקס־באפרייאונג — פירן צו פּו־לער באפרייאונג, — און דאָס איז דער וועג פון עליה. אונזער וועג דארף זיין: געבן דעם פאָלק באָדן אונטער די פיס. די דאָזיקע טאָט — די פארבינדונג פון דעם פאָלק מיט דער היימאָט, אין וועלכער ער וועט אויס־געלייזט ווערן — הייסט עליה. און דאָס וועט ניט געמאכט ווערן מיט דעמאָנסטראציעס און לאָזונגען, נאָר מיט ארבעט — ביז דאָס פאָלק וועט פארוואָרצלט ווערן אין דער ערד. דאָס איז דער וועג, וואָס מאכט פון דעם גלותדיקן מענטשן־שטויב — א שעפערישן כוח. דאָס איז דער וועג פון עליה.

דעריבער זארגט אונזער באוועגונג ניט נאָר פאר די, וואָס געהערן צו איר היינט צו טאָג. אנטקעגן די, וואָס זאָגן: לאָמיר זיך פארשליסן, אָרגאניזירן, פארפעסטיקן, אויפהייבן אונזערע ארבעטס־באדינגונגען און עס וועט אונז במילא גוט זיין — האָבן מיר זיך באטראכט אלס חלוצים, אלס דער אוואנגארד, וואָס גייט פאר דער מחנה. הינטער אונז שטייען הונדערטער טויזנטער ברידער און שוועסטער, וואָס גאַרן נאָך גאולה, און זיי וועלן קומען און וועלן צוזאמען מיט אונז בויען דעם ווערק. יעדע ווירטשאפט און יעדע אינסטיטוציע אונזערע שטרעבט אויפצונעמען נייע און נייע מענטשן

פון לאנד און פון חוץ־לארץ, ראטעווען נאָך און נאָך יידן פון אונטערגאנג אין גלות.

דאָס וואָרט „עליה" האָט א סך טייטשן. מען קען עולה זיין (אויפשטייגן) אויף שטאפּלען פון א לייטער. און עס איז דאָ עליה — דאָס גיין קיין ארץ־ישראל (אין קעגנזאץ צו: „וירד מצרימה", — ער האָט אראָפּגענידערט קיין מצרים). דאָס גיין צו אן אנדער לאנד — הייסט: עמיגראַציע, אויס־וואנדערונג. שיבת ציון הייסט — ע ל י ה: דאָס אויפשטייגן פון גלות ארויס, פון אָפּגרונט; אויפשטייגן צום פאָטערלאנד, צו דעם לאנד פון באפרייאונג. עליה מיינט אויך אויפשטייג אין צאָל, אין כוח, ווי אויך — אין גייסט, וויזיע, האָפענונגען. און נאָך: עליה — אויפשטייג פון קלאס, פון פאָלק, פון דעם יחיד.

פּאָליטישער ציוניזם

[פון אָ רעפעראַט, געווידמעט דעם צען־יאָריקן יובל פון „אחדות העבודה", ניסן תרפ"ט, 1929]

אויב פּאָליטישער ציוניזם איז ניט בלויז דעקאָראַציע, לויט ווי עס ווערט אויפגעפּאַסט דורך פארשיידענע עפּיגאָנען, וועלכע האָבן קיין אָנונג ניט וועגן א מדינה אלס עקאָנאָמיש־קולטורעל־סאָציאָלאָגיש־פּאָליטישע אייב־הייט און וואָס זעען די מדינה אין דער פאָרם פון גלאַנציקע עפּאָלעטן, דיפּלאָ־מאטן־טעקעס, אויסטערלישע פּאַראַדן; אויב דער אינהאַלט פונם פּאָליטישן ציוניזם מיינט ר ע א ל ע דערגרייכונגען — וועט קיינער ניט וואָגן אָפּצו־לייקענען, אז אין פארלויף פון די לעצטע צען יאָר (1919—1929) האָבן מיר דערגרייכט רעאַלע פּאָליטישע ווערטן. דאָס קאָלאָניזאַטאָרישע ווערק אין דעם עמק, דאָס עלעקטריפיקאציע־ווערק אין נהרים, דאָס דערוווערבן דעם מפרץ חיפה דורכן קרן קיימת — צי זיינען זיי דען ניט קיין אומגעהויערע פּאָליטישע דערגרייכונגען, וואָס שאפן א באזיס פאר אונזער זעלבסטשטענ־דיקער עקזיסטענץ אין ארץ ישראל?

ס'זיינען דאָ זאכן, וואָס אין די באגריפן פון באשטימטע פּאָליטיקער ווערן זיי בכלל ניט גענומען אין באטראכט, און דאָך זיינען זיי ערשטקלאסיקע דערגרייכונגען, אָ גרונטשטיין צו בויען אויף אים אונזער צוקונפטיקע פּאָלי־טיק. און ניט בלויז די דערמאָנטע מאטעריאלע דערוווערבונגען שטעלן מיט זיך פאר ערנסטע פּאָליטישע פאַקטאָרן. אויך די ארבעטער־באוועגונג אין ארץ־ישראל איז אזא מלוכה'שער ציוניסטישער פאקטאָר. איך האָב קיין מורא

ניט, טאָמער וועט עמיצער אין דעם איינזען גרויסהאַלטעריי, און איך וואָג צו זאָגן, אַז פּילייכט אין דעם גאַנצן אומפאַנג פון דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע און פון דעם ישוב אין ארץ ישראל איז היינט צו טאָג ניטאָ נאָך אַזאַ ממשותדיקער ציוניסטישער פאַקטאָר ווי די אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל. און די וואָס ריידן אין נאָמען פון פּאָליטישן ציוניזם — ווען זיי וואָלטן ניט געפעלשט זיין אינהאַלט, ווען זיי וואָלטן געווען מסוגל אָפּצו־שאַצן פּאָליטישע דערגרייכונגען און ווערטן, ווען זיי וואָלטן געזאָרגט פאַרן גורל פון ציוניזם און ניט ווי אַזוי צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין ציוניזם — וואָלטן אַפילו זיי פאַרשטאַנען, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ ישראל איז אַ טייערער פּאָליטישער קנין, וואָס מען דאַרף אים זאָרגפעלטיק אָפּהיטן, און זיי וואָלטן ניט פאַרטאַכלעוועט זייערע שפּאָר־ביסל כוחות אויף אונטער־צוגראָבן זי.

— — — דער פּאָליטישער ציוניזם — אין זיין אמתדיקן זין, אַלס קיבוץ גלויות, מאַסן־עליה און פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט — איז די נשמה פון אונזער באַוועגונג. דאָס איז דער שטאַם, פון וועלכן ס'זיינען אַרויסגעוואָקסן אַלע אונזערע מענטשלעכע און סאָציאַלע טרוימען, אונזער גאַנצע קלאַסן־ענערגיע, אונזער גאַנצע שאַפונגס־קראַפט. ווען ניט דער דאָזיקער ציוניסטי־שער גלויבן, וואָלטן מיר ניט געקענט שאַפן אונזער יידישן סאָציאַליזם — מיט דער גאַנצער אין אים פאַרבאַהאַלטענער רייכקייט זיינער. איר קענט דעם יידישן סאָציאַליזם אין די גלות־לענדער; טראָגט דער גאַנצער מסירות־נפש, וואָס שטעקט אין אים, און טראָגט דעם היציקן טעמפּעראַמענט פון אונזער פאָלק — ווי אָרעם איז זיין אינהאַלט, ווי שוואַך זיינע וואָרצלען. און וואָס ס'האָט אונז אויפגעצווונגען אונזער לעבנס־שטייגער און אונזער שאַפונג, דעם איחוד און די גרויסע האַרטנעקיקייט און דאָס אויסשפּרייטן זיך אין דער ברייט און אין דער לענג — דאָס איז אונזער ציוניסטישער גלויבן. אַלץ איינס: צי מיר רופן אים אָן ביים נאָמען אָדער מיר פאַרשלייערן אים מיט פאַרשיידענע ביינעמען; צי מיר ריידן מיט אויפרעגונג וועגן דער לאַגע פון די חרוב געוואָרענע יידישע מאַסן אין גלות, אָדער מיר ריידן מיט דער שפּראַך פון פּשוטער טרוקענער פּראָזע — קלאָר איז אָבער, אַז ווירקן ווירקט אין אונז דער ווייטאָק פון אונזער צעשפּרייטקייט און פאַרשקלאַפונג און פּאַראַזיטישער עקזיסטענץ אין גלות. און דער דאָזיקער געפיל וועט זיך ניט באַנוגענען מיט אַלע אונזערע קאָלאָניזאַטאָרישע, קולטורעלע און דיפּלאָמאַטישע נצחונות, וועט זיך מיט קיין שום זאַך ניט באַנוגענען, ביז מיר וועלן ניט דערפילן, אַז עס ווערט באמת פאַרווירקלעכט דער פּראָצעס פון קיבוץ גלויות, אַז דאָס פאָלק מיט אַלע זיינע מאַסן, אַלע זיינע שבטים, ווערט צוריקאויפגעלעבט.

א יידישע מדינה

א סך יאָרן האָט אונזער באַוועגונג געהאַלטן פאַר נויטיק אויסצומיידן פון שטעלן ווייטע פראַגן. מיר האָבן געוווּסט, אַז די רייד וועגן „ענדציל" וועלן ניט צואיילן דערגרייכן דעם ענדציל. אין אַ געוויסער תקופה, ווען עס איז איבערגעקערט געוואָרן די קאָנסטעלאַציע פון דער וועלט־אָרדנונג, האָבן מיר עטוואָס באַקומען, און אויפן גרונט פון דעם „עטוואָס" האָבן מיר גע־האַנדלט פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע אָן — ביז צום לעצטן „ווייס־בוך". ס'קאָן זיין, ווען די באַגריפן פון אונזערע ציוניסטישע פּאָליטיקער בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה וואָלטן קלאָרער און ממשותדיקער געווען און מער קאָנצענטרירט אויף פּשוטע זאַכן, ווי פרייע עליה און אומבאַגרענעצטער באָדן־איינקויף — וואָלט אפשר דער אויסגאַנג פון אונזער אַרבעט אַנדערש געווען. ווי עס זאָל ניט זיין, קורץ נאָך דעם ווי מיר האָבן באַקומען אונזערע רעכט, איז דער ים פאַרפרוירן געוואָרן און אונזער שיפל איז געבליבן שטיין, און אויף אונז איז אַרויפגעלייגט געוואָרן צו טאָן אַ ש ט י ל ע אַרבעט, ביז עס וועט קומען אָן אַנדערע צייט. מיר האָבן געטאָן וויפל מיר האָבן געקענט. מען קען זאָגן, אַז דאָס פאָלק האָט אונז ניט געגעבן די מעגלעכקייט צו טאָן אַלץ וואָס עס איז מעגלעך געווען. מען קען אויך זאָגן, אַז מיר האָבן ניט געוווּסט מיט מער דערפאָלג זיך צו באַנוצן מיט די מיטלען, וואָס דאָס פאָלק האָט אונז איבערגעגעבן. אַזוי צי אַזוי, אָט ד אָ ס האָבן מיר באַוויזן אויפ־צוטאָן צווישן איין מלחמה און דער צווייטער. ד אָ ס — און ניט מער.

ווען עס וואָלט די יאָרן ניט געטראָפן וואָס עס האָט געטראָפן, ווען אויף דער וועלט וואָלט ניט אויפגעשטאַנען די צערודערונג, וואָס איר־עצייכנס האָבן מיר געפילט אין לאַנד ביים אויסברוך פון אַביסינישן קריג אין 1936 יאָר — וואָלטן מיר זיכער געגאַנגען דעם וועג, אין וועלכן מיר זענען געגאַנגען, ניט צו פרעגן וועגן גרויסע און ווייטעס. מיר האָבן באַשיינפּער־לעך געזען, אַז מיר גייען פאָרויס, כאָטש ניט גענוג פאָרויס. זיכער וואָלטן מיר געזאָגט, ווי מיר האָבן געזאָגט: כל זמן עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט ווייטער צו גיין און פאָרויס צו קומען טריט נאָך טריט — וועלן מיר גיין און פאַרשנעלערן אונזערע טריט, און זיך ניט אַריינלאָזן אין דיבורים וועגן גרויסע זאַכן. קעגן אונזער ווילן זענען מיר אָבער געשטעלט געוואָרן פאַר אַ גאַנץ נייעם מצב. עס איז אַ מצב פון ניט בלויז „באַגרענעצן אונזערע טריט", נאָר אַ מצב וואָס זאָגט: אָט דעם פונקט וועט איר דערגיין — און ווייטער קיין טריט ניט! אַזוי איז געזאָגט געוואָרן און אַזוי ווערט געטאָן, אומברחמנותדיק. דער „נייער מצב" האָט אונז געבונדן, ניט בלויז מיט די שטריק פון געזעץ און אַדמיניסטראַציע, נאָר ניט ווינציקער און אפשר נאָך

מער האָט ער געבונדן אונזערע אינערלעכע כוחות. אין אונזער שטענ־דיקער מלחמה מיט דער שוואכקייט און ניט־גלויביקייט, האָט ער זיך פאַר־אייניקט מיט אונזערע שונאים, מיט גלייכגילטיקייט און פאַרלייקענונג. דער ציוניזם איז ניט קיין כת פון גלויביקע, ער איז א באוועגונג פון פאַרווירק־לעכונג. ער מוז אָנקומען ניט בלויז צו יחידי סגולה, וואָס זענען ביי אַלע באַדינגונגען טריי און באהאַפטן מיט דער וויזיע. דער ציוניזם מוז אויך אָנקומען צו די מאַסן, וואָס העלפן זיי. אזוי פיל פאַנגט ער די הערצער, אויף וויפיל ער פאַרווירקלעכט. דער נייער מצב אָבער, איידער ער האָט געשאַפן די גרענעצן פאַר די ציוניסטישע דעראָבערונגען, האָט ער שוין אָפּגעהאַקט די פליגלען פון ציוניזם און אוועקגענומען פון די מאַסן זייער איבערגעבליבענע התלהבות און די גרייטקייט צו טאָטן. אויב מיר האָבן ניט די מעגלעכקייט צו ברענגען נאָך יידן אין ארץ ישראל און קענען ניט פאַרברייטערן די שטחים פון אונזער באָדן — ביים „נייעם מצב" איז עס ניט ווייט — קענען מיר זיך ניט ווענדן צו די יידן אין דער וועלט, צו סתם יידן, אין נאָמען פון א גרוי־סער אויפגאַבע, אין נאָמען פון אויסלייזן דאָס פאָלק. אויב אונזער בנין איז ניט געריכטעט אויף צו קענען וואַקסן און זיך צו פאַרברייטערן, אַז ער זאָל קענען ווערן א היים פאַר א סך, פאַר א סך — טאָרן מיר ניט פאַר־לאַנגען פון די יידישע מאַסן די ריזיקע מיטלען, וואָס זענען אונז נויטיק צום בוי. וואָס מיר מעגן פאָדערן פון פאָלק אין נאָמען פון א ברייטער מאַסן־עליה און א ברייטער קאָלאָניזאַציע, וואָס פאַרמערט זיך און שאַפט א באַזע פאַר די וואָס קומען שפּעטער, — טאָרן מיר ניט פאָדערן פאַר „דער יידישער גע־מיינדע אין ארץ־ישראל".

אין דער לאַגע האָט אונז געטראָפן די מלחמה. זי איז אימשטאַנד איבערצוקערן די קאָנסטעלאַציע פון דער וועלט. וועט עס זיין פאַר אונזער גוטס אָדער שלעכטס? ביז איצט האָט די מלחמה געווירקט צו אונזער שלעכטן. דער דעפּיטיזם ביים אויסברוך פון דער מלחמה, די חרובע לענדער אין איר אָנהויב, די מורא פאַרן שונא, דאָס פאַלן פון דעם ווערט פון יודנטום און זיין וואָג אין דער תקופה פון היטלערס ממשלה — זיי האָבן געבראַכט צו דער איצטיקער לאַגע. דער נצחון קען עס ענדערן צו אונזער גוטן. אונזער גוטס אָבער וועט ניט קומען פון זיך אַליין. מיר מוזן ווירקן, כדי עס זאָל קומען. מיר מוזן אָנהויבן א פּאָליטישע ציוניסטישע „אָפענסיווע" מיט אַן אָנשפּאַנונג פון אַלע כוחות פון פאָלק, וואָס זיינען אין אונזער רשות.

וואָס וועט זיין דער לאָזונג פון אונזער פּאָליטיק? אריינברענגען ענ־דערונגען אין „ווייס־בוך"? א צוריקגאַנג צום נוסח פון מאַנדאַט? פון וועלכן פּונקט וועלן מיר ארויסגיין, ווען מיר וועלן באַגרינדן אונזערע פאָדערונגען? זאָל די אַלגעמיינע אַטמאָספערע זיין, וועלכע זי זאָל ניט זיין, א

גינסטיקע אָדער א ניט־גינסטיקע פאַר אונז — איינס איז זיכער: עס וועט אונז זיין דורכויס פאַרזיכערט א מפּלה, אויב מיר וועלן ניט הויך אויפהייבן די פאָן פון ציוניזם אין זיין ברייטן פּאָליטישן פאַרנעם, וואָס וויל — פּשוט געזאָגט — ראַדיקאַל לייזן די יידן־פראַגע: פאַרוואַנדלען מיליאָנען היימלאָזע און שוצלאָזע יידן אין א פאָלק וואָס איז ניט אָפּהענגיק פון דער ליבע און פיינטשאַפט פון אַנדערע. אויב ד אָ ס איז דער י ס ו ד — וועלן מיר אויף אים פעסט שטיין און לויט אים באַהאַנדלען די פראַגע פון דער פּאָליטישער צוקונפט פון ארץ ישראל. אויב אָבער ניט ד אָ ס איז דער יסוד — וואָס פאַר א פּנים וועלן האָבן מיר און אונזערע אָנקלאָגעס און אונזערע פאָרשלאָגן? אויב מען וועט ניט וועלן אָנערקענען דעם עיקר — אונזער רעכט אויף קיבוץ גלויות און אויף פרייהייט אין אונזער לאַנד, וועלן אַלע „פּאַפּירן" מיט זיך פאָרשטעלן ניט מער ווי אַן אַרענע פון פּלפּול־ספּאָרט פאַר די חכמים פון די אימפּעריע־בעאַמטע. איז דען ניט גלייכער, מיר זאָלן זיך אומקערן צום עיקר, צום מאַנדאַט פון תנ"ך, צום היסטאָרישן „משוגעת" פון א פאָלק וואָס לאָזט זיך ניט אויסראָטן, צו א לעבנס־מוז וואָס יעדע כוואַליע פון אומגליק זאָגט אויף אים עדות, צו אַן אומדערשיטערלעכן ווילן פון א יונגן ישוב וואָס גיט זיך ניט אונטער?

מיר האָבן ניט קיין אָנהאַלט אין די פּאַפּירן פון „פאַרן מבול", און מיר דאַרפן איצט ניט באַגרענעצן אונזערע לעבנס־פאָדערונגען אין דער דאָזיקער ראַם, וואָס זי אַליין איז ניט מער ווי א פּרוכט פון אַרומשניידן און ליקווידירן. מיר דאַרפן אויפהייבן די פאָן פון לייזן די יידן־פראַגע: פון דער י י ד י ש ע ר מ ד י נ ה.

איך בין זיך מודה. ניט די מדינה איז פאַר מיר דער עיקר. ווען עס וואָלט מעגלעך געווען אַן אָרדענונג, וואָס פאַרזיכערט א פרייע מאַסן־עליה און א פרייע קאָלאָניזאַציע — וואָלט איך דווקא זיך ניט געיאָגט נאָך דעם לאָזונג פון א יידישער מדינה. אָבער נאָך דעם, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין די לעצטע יאָרן, האָבן מיר זיך געקענט איבערצייגן, אַז קיין שום אָרדע־נונג, חוץ א יידישער מדינה, קען אונז דאָס ניט פאַרזיכערן. מער ווי א ציל, איז די מדינה א נויטווענדיקער אינסטרומענט צום דערגרייכן עיקרדיקע זאַכן אין לעבן פון פאָלק. קיינמאָל זענען מיר ניט געווען מיט די וואָס האַלטן, אַז א יידישע מדינה איז „א רעאַקציאָנערער באַגריף". און ניט ווייל זיי נעגירן בכלל א מדינה, ניין, אַלע אַנדערע פעלקער מעגן יאָ האָבן א מדינה, נאָר מיר טאָרן ניט. נאָר וואָס דען? מיר האָבן געהאַלטן, אַז דער „יש" וואָס איז ביי אונז פאַראַן — איז נאָך ניט רייף געווען פאַר א מדינה. מיר האָבן מורא געהאַט פאַרן שאָדן וואָס א פריצייטיקע פּראָקלאַמירונג פון דעם דאָזיקן לאָזונג קען אונז ברענגען. איצט אָבער איז די לאַגע גאָר אַנדערש.

אויב אין דער צייט, ווען אלע וועלט־פּראָבלעמען ווערן אויף דאָס ניי אויפגעוויקלט, וועט דער ציוניזם די פראגע פון דער יידישער מדינה באַ־האלטן אין שופלאָד, וועט מען דאָס קענען פארשטיין נאָר מיט איינער פון די צוויי זאכן: אָדער צוליב דעם פעלן פון מוט און אמתדיקייט שפּילט זיך די ציוניסטישע באוועגונג אין באהעלטעניש און באהאלט אירע אמתע כוונות; אָדער זי זאָגט זיך באמת אָפּ פון אלע אירע שטרעבונגען צו זעלבסטשטענ־דיקייט און איז משלים מיטן זיין א יידישע נאציאָנאלע מינדערהייט אין א אראבישער מדינה אין פאלעסטינע.

טבת תש״א — 1940.

דער ציוניזם אלס פארווירקלעכונגס־באוועגונג

[פון א פאָרטראג אויף זומער־קורסן פאר לערער, י״ד באב תש״א, 1941]

א.

ס'פרעגט זיך: וואָס אייגנטלעך איז דער פשט פון ציוניזם אלס הגשמה*־באוועגונג, און פארוואָס האָבן מיר אזוי ליב צו עוסק'ן זיך מיטן וואָרט „הגשמה״? איז דען, בכלל, דאָ אין דער וועלט א באוועגונג, וואָס זאָל ניט וועלן פארווירקלעכן אירע שטרעבונגען? און דאָך האָבן מיר די באדערפעניש כסדר אונטערצושטרייכן, אז דער ציוניזם איז א הגשמה־באוועגונג. ס'שיינט מיר, אז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט זייער אַן אָנגעווייטיקטן פונקט פון דער ציוניסטישער פּראקטיק.

ס'איז דאָ א פּאָפּולערער וויץ: „א ציוניסט איז א ייד, וואָס אגיטירט א צווייטן ייד, צו געבן געלט אויף צו שיקן א דריטן ייד קיין ארץ ישראל״. כ'מיין, בלויז דאָס אליין וואָס ס'זיינען דאָ אין ציוניזם אזעלכע קאטעגאָריעס — עמיצער פאָדערט פון זיין באקאנטן געלט כדי נאָך עמיצער זאָל פאָרן קיין ארץ ישראל — באצייכנט עפּעס גאנץ אויסטערלישעס וואָס עס עקזיסטירט אין דער ציוניסטישער באוועגונג.

אין דער געשיכטע פון ציוניזם איז דאָ א דערשיינונג, וואָס דארף ביי אונז דערוועקן געדאנקען: ווען די ציוניסטישע אידיי איז אויפגעשוווּמען אין דער וועלט — איז זי אויפגעשוווּמען אלס א באוועגונג פון הגשמה מען האָט דאַן קיין סך ניט גערעדט וועגן דעם וואָס ס'וועט געשען באחרית הימים, ווען ס'וועט אנטשטיין א יידישע מדינה. וועגן דעם האָט מען אין יענע צייטן

* הגשמה: פאַרווירקלעכונג.

בלויז געטרוימט. אָבער דער לאָזונג איז געווען זייער איינפאַך: „בית יעקב לכו ונלכה". די ערשטע ציוניסטן האָבן עס באַגריפן אלס א פּערזענלעכע פליכט. אָבער דער דאָזיקער פּעריאָד איז בעצם געווען בלויז א קורצער פּרילינגס־פּעריאָד, אויף וועלכן ס'האָבן זיך באַלד אַראָפּגעלאָזט שווערע קלעפּ. ס'זיינען באַקאַנט די שרעקלעכע קלעפּ, וואָס האָבן זיך אין די סאַמע ערשטע יאָרן געשאָטן אויף די קעפּ פון די וואָס זיינען דאַן געקומען קיין ארץ־ישראל — סיי אויפן געביט פון די באַציאונגען מיט די אראבער און סיי אויפן געביט פון אויסלייזן דעם באָדן און באַאַרבעטן אים אאז"וו. זיי זיינען טאַקע צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן אונטער זייערע גרויסע שוואַכקייטן. אין זייער גרעסטן טייל האָבן זיי קיין שום מעגלעכקייט ניט געהאַט אויסצוהאַלטן די חלוצישע באַדינגונגען, וועלכע דאָס לאַנד האָט פון זיי געפאָדערט. אָבער די באַוועגונג איז דאָך געבליבן ביים לעבן. זי האָט געבראַכט עליה, זי האָט געבראַכט נייע קאָלאָניזאַציע. אָבער די נייע קאָלאָניזאַציע איז ניט געווען די פון „איש תחת גפנו ותחת תאנתו", („יעדער איינער אונטער זיין וויינ־שטאָק און זיין פייגנבוים"). אָנשטאָט צו לעבן זעלבסטשטענדיק, יעדער איינער אונטער זיין וויינשטאָק און זיין פייגנבוים, אין כבוד און אין פריי־הייט — זיינען די מענטשן פאַרשקלאַפט געוואָרן צו דער דאָזיקער ערד און צו דעם באַראָנס באַאַמטנטום. אָבער דעם גרעסטן קלאַפּ האָט די באַווע־גונג געקריגן דורך דעם וואָס ס'זיינען אין איר ניט אויפגעקומען קיין פאַר־זעצער, וואָס זאָלן פאַרווירקלעכן איר אידיי; די באַוועגונג האָט זיך באַפרייט פון דער אָנשויאונג, אז ציוניזם באַדייט פּערזענלעכע פליכט, אז דער וואָס פּריידיקט ציוניזם מוז פאַרזוכן אליין צו פאַרווירקלעכן אים. עס איז געווען א ציוניזם וואָס האָט געלעבט אין די גלות־לענדער און וואָס האָט געוווּסט, אז ער האָט אויף זיך „גרויסע אויפגאַבן": ער האָט קערות* פון ערב־יום־כיפור, ער האָט סתם געלט־זאַמלונגען... מען האָט זיך צוגעפּאַסט צו א באַשטימטער ווירקלעכקייט — די פון א יידן, וואָס זעצט פאַר זיין לעבן אין גלות און גלייכצייטיק טרוימט ער עפּעס א טרוים, וואָס ער איז גרייט צו צאָלן א געוויסן שטייער פאַר אים.

די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך ניט פאַרנומען מיט הגשמה אין דעם זין פון פּערזענלעכער פאַרווירקלעכונג, אין דעם זין פון ענדערן דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער פון דעם מיטגליד פון דער באַוועגונג.

באַוועגונגען זעען ניט, בדרך כלל, קיין ווידערשפּרוך צווישן זייער

---

* פון יאָר תרמ"ה און ווייטער פלעגן די ציוניסטן יעדן ערב־יום־כיפור שטעלן אין די שולן שיסלען (קערות) און זאַמלען געלט פאַר די ערשטע קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל.

טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט און דער פאַרווירקלעכונג פון זייערע אידעען. לאָמיר, אלס ביישפּיל, נעמען די פּאָליטישע פּאַרטייען אין דער וועלט. זיי, בדרך כלל, ווילן ניט קיין סך: אריינפירן זייערע פּאַרטרעטער אין פּאַרלאַ־מענט אריין ווי אויך פאַרטיידיקן פאַרשיידענע אינטערעסן. דאָס פאָדערט ניט פון א חבר זייערן, אז ער זאָל ענדערן אויף א גרינטלעכן אופן זיין לעבנס־שטייגער. א מיטגליד פון אזא באַוועגונג פילט ניט קיין שום סתירה צווישן זיין געוויינטלעכן אַרט לעבן און צווישן אלץ דאָס, וואָס ווערט פּראָקלאַמירט אויף קאָנפערענצן, פאַרזאַמלונגען און מאַניפעסטאַציעס. אפילו אין די באַוועגונגען, וועלכע גרויסן זיך דערמיט, וואָס זיי גייען ענדערן די ווירקלעכקייט — למשל, די אלוועלטלעכע ארבעטער־באַוועגונג — זעען מיר ניט קיין גרונט־ווידערשפּרוך צווישן דעם מענטשנס לעבן־שטייגער און דעם אידעאַל, וואָס ער פּריידיקט אים. פאַרוואָס? ווייל דער אידעאַל וואַקסט אויפן באָדן פון דער ווירקלעכקייט, וואָס אין איר — אין דער ווירקלעכקייט — ווייל דער אידעאַל אריינטראָגן געוויסע קאָרעקטיוון: אָפּ־שאַפן געוויסע באַגרענצונגען, אָדער ענדערן א געוויסע פּאָליטיש־יורידישע אָרדענונג. נאַטירלעך פאָדערט אויך אזא באַוועגונג צייטנווייז געוויסע אָנ־שטרענגונגען, אָדער ווי מ׳רופט עס מליצה׳דיק — „קרבנות". מען דאַרף אָבער זאָגן דעם אמת: די קרבנות פאָדערט מען איבערהויפּט, נאָר פון די אידעאַליסטן, וואָס אויף זיי לייגט מען בכלל ארויף כלערליי אויפגאַבן. די מאַסע באַנוגנט זיך דערמיט וואָס זי צאָלט שטייערן. צו מער פון דעם ווערט די מאַסע אויפגעפאָדערט בלויז אין אויסטערלישע מאָמענטן, דערהויבענע מאָמענטן, מאָמענטן פון רעוואָלוציעס. אָבער, אין גרונט גענומען, שטיצט זיך אויך די דאָזיקע אידיי נאָר אויף דער ווירקלעכקייט, וואָס זי — אָן־און־פאַר־זיך — בלייבט אומדערשיטערט.

איז דען אין ציוניזם אויך אזוי? האָט דען אויך דער ציוניזם אזא מין ווירקלעכקייט, וואָס דער ייד זאָל זיך קענען אָן איר אָנהאַלטן, לעבן אין איר און טראַכטן: די דאָזיקע ווירקלעכקייט וועט פון זיך אליין ברענגען צו דער פאַרווירקלעכונג פונם ציוניזם?

אויב לגבי די טיפּישע פּאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען איז די ווירקלעכקייט ניט נאָר א פאַקטאָר, וואָס שטויסט צו א נייער אָרדענונג, נאָר אויך דער באָדן און די מאַטעריע, פון וועלכע ס׳וועט אויפקומען אָט די אָרדענונג — איז אין ציוניזם קומען מיר צו א פּראָבלעם, וואָס אנדערע באַוועגונגען ווייסן פון אים ניט און וואָס קען פּילייכט דינען אלס שליסל צום פאַרשטיין די גרונט־אונטערשיידן צווישן ציוניזם און אנדערע באַווע־גונגען. דער ציוניזם, אין זיין פאַרווירקלעכונגס־פּראָצעס, האָט קיין שום אָנהאַלט ניט אין דער פאַראַנענער יידישער ווירקלעכקייט — סיי דאָס איז

דיווירקלעכקייט פון יידישער פארשקלאפונג אין מזרח־אייראָפּע, סיי די ווירקלעכקייט פון אסימילאציע און סיי פון עמאנסיפאציע אין מערב־אייראָפּע און אין אמעריקע. אין דעם אלעמען איז ניטאָ קיין אָנהאלט, וואָס זאָל אומ־וואנדלען די דאָזיקע ווירקלעכקייט און שאַפן אויף איר באָדן א נייע אָרדע־נונג. דעריבער איז אין ציוניזם, — ניט נאָר אין ציוניזם אלס באוועגונג, נאָר אויך אין הארצן פון יעדן איינציקן ציוניסט, — געשאפן געוואָרן א טיפע אינערלעכע סתירה, וואָס האָט געלייגט איר באליידיקנדיקן און דערנידערנ־דיקן סטעמפל אויף דעם גאנצן ציוניסטישן וועזן אין פארלויף פון צענדליקער יאָרן. פאקטיש זיינען א סך פון אונזערע היינטיקע שוועריקייטן אין ארץ ישראל ניט מער ווי א פראָדוקט פון דער דאָזיקער סתירה.

וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער גוטער ציוניסט, אפילו דער בעסטער, דער וואָס האָט טיף געגלויבט אין ציוניזם, האָט געטרוימט טאָג און נאכט וועגן ציון און האָט דערפילט די אָנגענומענע פליכטן?

אויב איר וועט פארגלייכן אָט דעם ציוניסט מיט מיטגלידער פון אנדע־רע באוועגונגען, צום ביישפיל, מיטן דורכשניטלעכן פּאָליאק וואָס האָט געווירקט פאר דער באפרייאונג פון זיין פאָטערלאנד, — איז גאנץ מעגלעך, אז דער בעלי־בתישער ציוניסט איז פון אים ניט אראָפּגעפאלן מיט זיין איי־בערגעבנקייט, און וואָס שייך געלט — האָט ער ווארשיינלעך געגעבן פאר זיין באפרייאונגס־באוועגונג פיל מער ווי דער געוויינלעכער פּאָליאק פאר זיינער. אלא וואָס — פארן פּאָליאק איז עס געווען מער ווי גענוג, ווייל די עלעמענטן פאר פוילנס באפרייאונג זיינען געווען אויבן־אויף. בלויז דאָס אליין, וואָס דער פוילישער פויער און דער פוילישער ארבעטער און דער פוילישער אינטעליגענט האָבן געוווינט אויף דער פוילישער ערד, און זייער עצם עקזיסטענץ, דורך דעם געוויינלעכן עקזיסטענץ־קאמף — האָט געמוזט ביסלעכווייז צעברעכן די קייטן און באפרייען פוילן. דאקעגן דער ייד, ווען ער איז אפילו — פון מענטשלעכן שטאנדפונקט — געשטאנען אויף א פיל העכערער מדרגה און איז גרייט געווען צו פיל מער קרבנות — האָט מיט זיין ציוניסטישער טאָט גאָרניט געענדערט. פארוואָס? — ווייל זיין גאנצע לעבנס־ווירקלעכקייט איז געווען אין אבסאָלוטן קעגנזאץ צו זיין ציוניס־טישער אידיי. חיבת ציון, למשל, האָט אין אירע ערשטע יאָרן ניט אויפגע־הערט צו קעמפן פארן געדאנק פון ערד־ארבעט. ס׳איז געווען אַן אידיי, וואָס איז טיף פארוואָרצלט געוואָרן אין הארצן און האָט געוועקט בענקעניש. יעדער איינער, וואָס האָט זיך באהעפט מיט דער ציוניסטישער באוועגונג, האָט געטראָגן אין געדאנק און געזען פאר זיך דעם יידישן וויינגערטנער, דעם יידישן לאַנדווירט. און דאָך, הגם ס׳איז געווען א גרויסער מאָראַלישער אידעאל, וואָס אויך דער חשובער בעל־בית און אפילו דער תקיף פון דעם

שטעטל האָבן זיך ארומגעטראָגן מיט אים, איז דער ייד פּאקטיש אויך ווייטער אָנגעגאנגען מיט די טראדיציאָנעלע יידישע פּרנסות. און די דאָזיקע ווירק־לעכקייט האָט פון דעם טרוים געמאכט א חוזק.

אָבער לאָמיר, למשל, נעמען די באציאונג צו העברעאיש. דער ציוניסט האָט ליב געהאט העברעאיש, סיי ער האָט געקענט און סיי ער האָט ניט געקענט די שפּראך. איז וואָס האָט ער געטאָן? אין בעסטן פאל איז ער געווען א מיטגליד אין „חובבי שפת עבר״ און האָט אבאָנירט א העברעאישע צייטונג. דאָס וואָס ער האָט געקענט די שפּראך, איז אפשר געווען וויכטיק פאַרן אָרטיקן ציוניסטישן קרייזל, אָבער אין לעבן האָט עס קיין שום פּראק־טישע באדייטונג ניט געהאט. אין לעבן איז זייער וויכטיק געווען, צי רעדט ער רוסיש מיט א ריכטיקער אדער ניט ריכטיקער אויסשפּראך. דער אידעאל פון אזא ציוניסט איז געווען, אז זיינע קינדער זאָלן לערנען אין א רוסישער גימנאזיע, כדי זיי זאָלן זיין „מענטשן״. ווען אָט דער גוטער ציוניסט דאַרף איינאָרדנען זיין פּראקטישן לעבן, ווערט העברעאיש פאַרשטויסן אין א ווינקל, און ס׳קומט אים אפילו ניט אויפן געדאנק קאליע צו מאכן צוליב העברעאיש דעם זונס „קאריערע״. אָט איז ווידער די הימלשרייענדיקע סתירה צווישן דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, ציוניסטישע שטרעבונגען, און צווישן דער פּשוטער פּראקטיק, וואָס ס׳רוב ציוניסטן האָבן זיך לויט איר געפירט אין זייער פּריוואט לעבן. און מען האָט זיך עס אפילו אנדערש ניט געקענט פאָרשטעלן, ווייל כדי צו פאַרווירקלעכן די אידיי וואָלט א ייד געמוזט מיט א מאָל ארויסשפּרינגען פון זיין ווירקלעכקייט. אָבער אויף וויפל ער האָט עס ניט געטאָן און איז אין איר פאַרבליבן — איז אים מער ניט געבליבן ווי צו באנוגענען זיך מיט די ברעקלעך פון דער ציוניסטישער אידיי.

ב.

ס׳זיינען דאָ אין דער וועלט אויפפאסונגען, לויט וועלכע די שטרעבונ־גען פון באוועגונגען ווערן רעאַליזירט פון זיך אַליין, אָדער ווי מ׳רופט עס — פון היסטאָרישע פּראָצעסן אויס.

זיינען געווען פאַרשיידענע ציוניסטישע טעאָרעטיקער, וואָס וויבאלד זיי האָבן געזען, אז דער ציוניזם ווערט ניט פאַרווירקלעכט דורך אזעלכע פּראָצעסן, ס׳הייסט — די געשיכטע פון זיך אַליין פירט ניט דווקא צום ציוניזם, האָבן זיי זיך באמיט און געזוכט כלערליי דערקלערונגען, כדי דאדורך צו פאַרלייכטערן די עצם סתירה צווישן דער יידישער ווירקלעכקייט און דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג. ס׳זיינען געשאפן געוואָרן פאַרשיידענע אינ־טערעסאנטע טעאָריעס — א פּועל־יוצא פון דעם דאָזיקן געדאנקלעכן גע־ראנגל. די דאָזיקע טעאָריעס האָבן זיך באזונדערס צעוואקסן אין די ציוניס־

טישע יוגנט־קרייזן, וואָס האָבן אפשר מער פון אנדערע געליטן פון דעם אינערלעכן שקר און פון דער דאָזיקער סתירה אין ציוניזם — סיי פון דער מאָראַלישער און סיי פון דער אינטעלעקטואלער זייט. ס'איז געווען א באַוועגונג, וואָס הײַנט ווייס מען פון איר גאָר קנאַפּ, און וואָס האָט געהייסן — די „סיימיסטישע" באַוועגונג. די גרינדער פון דער באַוועגונג האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן געדאַנק פון יידישער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע, וועלכע זיי האָבן באַטראַכט אלס ווינקלשטיין פון דעם יידישן לעבן אין די גלות־לענדער. און גלייכצײַטיק זײַנען זיי געווען ציוניסטן, און זייער טרוים איז געווען: אבסאָלוטע יידישע זעלבסטשטענדיקייט און פרייהייט. זייער וועלט־אנשויאונג איז געווען: ס'איז דאָ א יידישע ווירקלעכקייט און ס'איז דאָ א קעמפענדיקע יידישע ארבעטער־באַוועגונג. פון דעם דאָזיקן קאַמף ארויס וועלן אנטשטיין אָרגאַניזירטע יידישע קהלות. די דאָזיקע קהלות וועלן האָבן דאָס רעכט ארויפצולייגן שטייערן און זיי וועלן אין יעדער שטאָט און שטעטל אויפשטעלן יידישע קערפערשאַפטן — פינאַנציעל קרעפטיקע. די קהלות וועלן זיך פאַראייניקן אין א מין גרויסן יידישן ועד — א ס י י ם — וואָס וועט רעפּרעזענטירן אַלע קהלות אין לאַנד. אזוי וועט מען טאָן אין יעדן לאַנד ווו ס'זײַנען קאָנצענטרירט גרויסע יידישע מאַסן (רוסלאַנד, אמעריקע און אנדערע), און די דאָזיקע סיימען, וועלכע וועלן פאַרמאָגן א גרויסע פּאָליטישע און פינאַנציעלע מאַכט, זיי וועלן עס אויפשטעלן די יידישע מדינה. פאַרלויפיק קען זיך יעדער ייד פאַרזעצן זײַן לעבן אין פולער רו, מחמת אַלץ וואָס ער טוט הײַנט גיסט זיך במילא ארײַן אין דעם גרויסן חשבון, וואָס וועט מיט דער צײַט ברענגען צו יידישער זעלבסטשטענדיקייט. איצט שטייען מיר שוין נאָך דעם דאָזיקן ויכוח. די ווירקלעכקייט האָט צעשטערט די גאַנצע דאָזיקע טעאָריע. און די סיימיסטן, וועלכע האָבן אפשר טאַקע געגלויבט און געשטרעבט צום ציוניזם און צו יידישער טעריטאָריע, האָבן זיך אנטוישט אין אַלע שטרעבונגען זייערע און אין דעם גלויבן, אז אויף דעם דאָזיקן וועג וועט קומען די גאולה.

די צווייטע טעאָריע, וואָס אויך זי האָט געוואָלט אין דער יידישער גלות־ווירקלעכקייט זען א בריק צום ציוניזם, איז געווען די ב אָ ר אָ כ אָ וו י ס־ט י ש ע. — באָראָכאָוו האָט געשאַפן א גאַנץ קאָמפּליצירטע און פאַרוויקלטע טעאָריע, וועלכע באַזירט זיך אויף אן אויפפאַסונג פון געוויסע פּראָצעסן אין דער יידישער ווירקלעכקייט אין די גלות־לענדער. די דאָזיקע אויפפאַסונג איז אָבער ניט געווען אזוי אָפּטימיסטיש ווי די סיימיסטישע באַוועגונג, וואָס האָט זיך באַצויגן פּאָזיטיוו צום גלות. די סיימיסטן האָבן זיך פאָרגעשטעלט א מין אידיליע, אז אָט זײַנען מער גאָר קיין רדיפות ניטאָ אויף יידן און ס'זײַנען ניטאָ קיין עקאָנאָמישע קאָמפּליקאַציעס וואָס שטויסן ארויס די יידן פון

זייערע ווירטשאפטלעכע פּאָזיציעס און אז דאָס גלות־לעבן וועט כלומרשט פון זיך אליין פירן צו דער רעאליזירונג פון דעם ציוניזם. דער באָראָכאָוויזם האָט געזען ווי אזוי די יידישע ווירקלעכקייט אין גלות ווערט חרוב, ווי אזוי די יידישע ווירטשאפט — צעשטערט, ווי ווייט ס׳איז קיין האָפענונג ניטאָ, אז אין די גלות־לענדער זאָל נאָך אנטשטיין א געזונט יידיש עקאָנאָמיש לעבן. אָבער — „פון דעם בייזן וועט ארויסקומען א גוטס״, און — גם זו לטובה. ס׳זיינען פאראן פּראָצעסן, וואָס וועלן איבערפירן יידן פון איין לאנד אין אן אנדערן. די יידישע עקאָנאָמיק האָט ארויסגענומען יידן פון רוסלאנד און אריבערגעפירט קיין אמעריקע און דאָרטן געשאפן א גרויסן יידישן צענ־טער, וואָס איז אין א סך הינזיכטן רייכער און שטארקער פון דעם פריערדיקן יידישן צענטער אין דעם רוסישן תחום המושב. אָבער אויך אין די נייע צענטערס וועלן די יידישע ארבעטס־מאסן — צוליב באשטימטע אנטוויק־לונגס־פאקטאָרן — ארויסגעשטויסן ווערן פון זייערע פּאָזיציעס, אזוי אז נאָכן פארלויף פון א געוויסער צייט וועט די יידישע עמיגראציע מוזן אויס־געפינען פאר זיך נייע קאָנצענטראציע־פונקטן. אויף אזא אופן וועט די עמי־גראציע סוף־כל־סוף אָנקומען קיין ארץ ישראל. ס׳הייסט: די דאָזיקע יידישע עמיגראציע וועט פון זיך אליין ברענגען דערצו, אז יידן זאָלן זיך קאָנ־צענטרירן אין ארץ ישראל. איז ווידער אמאָל די מסקנה: ניטאָ וואָס צו זאָרגן. ס׳זיינען דאָ אומזעבארע כוחות אזעלכע, וואָס ווירקן אין דער געשיכטע, און זיי וועלן עס ביסלעכווייז, דורך פארשיידענע גלגולים, דורכפירן די יידן דורך אלע יענע עטאפּן, וואָס פון זיי וועט אויפגעריכט ווערן ארץ ישראל.

אויפן גרונד פון דעם פארבליבענעם מאטעריאל וואָלט גריילעך כדאי געווען צו מאכן א היסטאָרישע אויספאָרשונג, ווי אזוי די דאָזיקע טעאָריעס האָבן געווירקט אין לעבן. ס׳איז שטענדיק וויכטיק צו וויסן ניט נאָר צי די טעאָריע איז ריכטיק, נאָר אויך וואָס זי גיט צו אירע אָנהענגער, ווי אויך — וואָס איז געווען דער וועג פון אירע חסידים אין לעבן. ס׳איז וויכטיק צו וויסן וואָס איז געווען דער לעבנס־גורל פון אלע די וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן דורך דער דאָזיקער באוועגונג, וועלכע האָט אמאָל ארומגענומען גרויסע מאסן: צי האָט זי גורם געווען, אז זיי זאָלן שלום מאכן מיט דער יידישער ווירקלעכקייט אין די גלות־לענדער און האָט זיי געהאָלפן צו פאר־שפּרייטן זיך איבער פארשיידענע לענדער, אָדער זי האָט קאָנצענטרירט זייער ציוניסטיש־רעוואָלוציאָנערן ווילן און האָט זיי געבראכט קיין ארץ־ישראל. נאָך אַזוי פיל יאָרן איז אינטערעסאנט צו פארטיפן זיך און אויסגעפינען, ווי אזוי די אלע דאָזיקע קאָנצעפּציעס זיינען — פון ציוניסטישן שטאנדפונקט — צערונען געוואָרן.

ג.

אויב מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָט מען זיך נאָך געקענט שפּילן אין חלומות און פֿאַרשטעלן זיך, אַז פֿון דער יידישערווירקלעכקייט אָט ווי זי גייט און שטייט — אָן א קאַטאַסטראָפאַלן איבערגאַנג און אָן א שפּרונג — קען ארויסוואַקסן די רעאַליזירונג פֿון דעם ציוניזם, איז עס היינט צו טאָג זיכער ניט מער ווי א פּוסטע פֿאַנטאַזיע. אפילו נאָכן ערשטן וועלט־קריג, ווען א יידישע ארץ־ישראל האָט שוין געשיינט צו זיין א געשעענער פֿאַקט (זי איז שוין ניט אזוי וויסט געווען ווי אין די טעג פֿון ביל״ו און אין די גרינדונגס־טעג פֿון ראשון לציון און אפילו ניט ווי זי האָט אויסגעזען אין דער צייט פֿון דער צווייטער עליה; מען האָט שוין געקענט אין ארץ ישראל געפֿינען פֿיל פֿיל עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן, וועלכע זיינען פֿריער ניט געווען), האָבן זיך דאָך די ציוניסטישע מאַסן ניט געענדערט און זיי זיינען ווייטער דער־שינען אזוי ווי איך האָב זיי פֿריער געמאָלט — אין דער געשטאַלט פֿון דעם ציוניסטישן בעל־הבית פֿון פֿאַר פֿערציק יאָר מיט זיין באַציאונג צו דער קינדער־דערציאונג, צו דער העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור; זיי זיינען ווידער אזוי דערשינען טראָץ די רעוואָלוציעס און טראָץ דער וועלט־מלחמה, און נאָך אפילו אין א שאַרפֿערער פֿאָרם. אין דער הינזיכט האָבן זאָגאַר די קאַטאַסטראָפֿעס ניט געענדערט די מענטאַליטעט פֿון דעם מענטש פֿון דער יידישער ווירקלעכקייט.

עס דוכט זיך, אַז נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט מען געקענט באַשיינפּערלעך זען וואָס ס׳איז געשען מיטן יידישן קאַפּיטאַל און מיטן יידישן מיטלשטאַנד אין רוסלאַנד. קישינעוו האָט אין יאָר 1903 אויפֿגעטרייסלט די יידישע וועלט; אוקראַינע אָבער, מיט דער שחיטה פֿון יאָר 1919, מיט די צוויי הונדערט טויזנט געהרגעטע יידן, האָט ניט געענדערט דעם כאַראַקטער פֿון דער יידישער ווירקלעכקייט. ס׳איז ווייטער אָנגעגאַנגען אַלץ די זעלבע אינערלעכע צביעות, אָדער — אויב איר ווילט — אַלץ די זעלבע טראַגישע סתירה. וואָס האָט פֿאַרוואַנדלט דעם ציוניזם אין א מויל־מלאכה, אין א ניט־ערנסטע באַוועגונג. די יידישע ווירקלעכקייט איז אין איר סאַמע מהות אזוי ווייט אַנטי־ציוניסטיש, און דער ייד, וואָס לעבט אין דער דאָזיקער ווירק־לעכקייט און איז פֿאַרוואָרצלט אין איר, איז אויך אזוי ווייט אַנטיציוניסטיש, אַז ער נעמט פֿון קיין שום זאַך קיין מוסר־השכל ניט אַראָפּ, אפילו ניט פֿון די שרעקלעכסטע דערפֿאַרונגען. פֿאַרשיידענע שליחים וואָס זיינען געווען אין חוץ־לארץ דערציילן באַלערנדע פֿאַקטן וועגן דעם. צוויי וואָכן איידער היטלער האָט פֿאַרנומען ווין, האָט א שליח פֿון ארץ ישראל פֿאַרהאַנדלט מיט א ווינער אינדוסטריעלער — א גאָר געטרייער ציוניסט — וועגן אינוועסטירן זיין געלט אין ארץ ישראל; ער האָט געהאַלטן ביי א פּאָזיטיוון אָפּשלוס פֿון

די פארהאנדלונגען, צום סוף אָבער האָט ער באקומען אזא ענטפער: ווי אזוי קען איך איצט פאָרן קיין ארץ ישראל און איבערפירן אהין מיין קאַ־פּיטאל — דאָרטן זיינען דאָך אומרוען?! ענלעכע דערציילונגען קענט איר הערן אויך בנוגע האָלאנד, בעלגיע און פראנקרייך, און ניט דוקא וועגן סתם יידן, נאָר אויך וועגן אזעלכע, וואָס זיינען געשטאנען אין שפּיץ פון דער ציוניסטישער באוועגונג אין זייערע לענדער. כל זמן די דאָזיקע ווירק־לעכקייט איז ניט פּשוט חרוב געוואָרן — וויל זיך דער ייד ניט שיידן פון איר. א רוסיש שפּריכוואָרט זאָגט: „דונערט ניט דער דונער — צלמ'ט זיך ניט דער פּויער"; און דער ייד — ביז ער ווערט ניט אינגאנצן חרוב — זיט ער ניט קיין מסקנות פון צ י ו נ י ז ם, וואָס זיין פאָן טראָגט ער און זיינע אידייען פּריידיקט ער — צו אנדערע.

די דאָזיקע סתירה האט געשפּילט א טראגישע ראָל אין דער געשיכטע פון ציוניזם. און ניט דוקא צוליב דעם וואָס זי האָט אָפּגעהאלטן יידן פון עולה צו זיין און פון אריבערצופירן זייערע קאַפּיטאלן, מיט דער הילף פון וועלכע זיי האָבן געקענט בויען אין ארץ ישראל ווירטשאפטן און אינדוס־טריע, נאָר אויך פון אן אנדערן פיל וויכטיקערן שטאנדפּונקט. אזא אידעאל, ווי דער ציוניזם איז, פאָדערט פון זיינע אָנהענגער א סך גלויבן — אפילו גלויבן אין אזעלכע זאכן, וואָס לויטן שכל הישר שטעלן זיי זיך פאָר אלס אוממעגלעכע; ער פאָדערט אויך די פייאיקייט צו זען זאכן, וועלכע זעען זיך ניט לייכט ארויס. אזא אידעאל פארפליכטעט דעם מענטשן צו גאנצקייט — גאנצקייט מיט דער באוועגונג און גאנצקייט מיט זיך. אויף צו פארווירקלעכן אזא אידעאל פאָדערט זיך א מענטשן־טיפּ, וואָס איז אימשטאנד אָפּצורייסן זיך פון דער ווירקלעכקייט. איז אט, אויף וויפיל אזא מענטשן־מאטעריאל איז יא געווען אין דעם יידנטום, האָבן פיל פון זיי — זעענדיק די ציוניסטישע באוועגונג אין די דערמאָנטע דערשיינונגען — זיך אָפּגעשאָקלט פון איר. זיי האָבן מיט איר אין דער דאָזיקער פאָרם אירער ניט געקענט שלום מאכן.

א סך פון די, וואָס זיינען פארבליבן אינוויינינק, אין דער ציוניסטישער באוועגונג, האָבן זיך געמוזט שווער ראנגלען מיט זיך אליין. אפילו פאר אזעלכע מענטשן ווי ל ע א מ א צ ק י ן און ש מ ר י ה ו ל ע ווי ן איז אין יענע צייטן ניט לייכט געווען צו פארבלייבן אינערהאלב דער באוועגונג. און אזא מענטש ווי נ ח מ ן ס י ר ק י ן — זיינען אלע יוגנט־יאָרן זיינע פול געווען מיטן דאָזיקן געראנגל: פון איין זייט האָט ער נעגירט די אסימילאציע צוליב איר גייסטיקער באגרענעצטקייט, און פון דער אנדער זייט איז ער דורכויס פרעמד געווען דער בעל־ביתישער וועלט.

דער דאָזיקער געראנגל איז אָנגעגאנגען אין ציוניזם אויך אין דער

גאנצער הערצליאנישער עפּאָכע. הערצל האָט טאַקע באַפליגלט די אידיי, האָט פאַר איר געעפנט נייע האָריזאָנטן און האָט איר געגעבן נייע, צוציענדע אייראָפּעאישע פאָרמען. אָבער וואָס, בעצם, האָט ער געזאָגט דעם ציוניזם? הערצל, דער אייראָפּעער, וואָס האָט געוווּסט די באַדייטונג פון א גוטן מיטינג, פון א קאָנגרעס, פון א געלונגענער דעמאָנסטראַציע און האָט אויך פאַרשטאַ־נען וואָס פאַר א ווערט עס האָט די מאָביליזירונג פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג — אויך ער האָט פון דעם ציוניסט געפאָדערט ניט מער ווי א שקל און אַן אַקציע פון קאָלאָניאַל־באַנק. אייגנטלעך האָט ער זיך באַנוגנט מיט וויִניק נאָר ווייל ער האָט געגלויבט, אַז ממילא אויב מען וועט קריגן דעם „טשאַרטער", וועט מען שוין אַלץ קריגן. די ערשטע צייט האָט עס זייער באַגייסטערט די יידישע יוגנט. אויב דער טשאַרטער וואָלט ווירקלעך במשך א יאָר אָדער צוויי יאָר באַקומען געוואָרן, וואָלטן הערצל׳ס דיפּלאָמאַטישע דערפאָלגן זיכער געקענט לאַנג שפּייזן די באַוועגונג. אָבער זיין דיפּלאָמאַטיע האָט ליידער קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן ניט געבראַכט. איז ווידער דער־שינען דער יידישער יוגנטלעכער און האָט זיך אַליין געשטעלט די פראַגע: וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די ציוניסטישע באַוועגונג און ווי גרויס איז איר מאָראַלישער געוויכט? די באַוועגונג האָט דאָן אויף אַזוי ווייט ניט אַרויס־גערופן קיין אכטונג און האָט אַזוי אָפּגעשטויסן מיט איר סאָציאַלן באַשטאַנד, אַז, טראָץ איר אידייאישער גערעכטיקייט, האָט זי ניט געקענט דינען אַלס גייסטיקער צוציאונגס־צענטער.

ד.

די לאַגע אין ציוניזם איז גרונדזעצלעך געענדערט געוואָרן דורך דער צווייטער עליה. דער פאַרדינסט פון דער צווייטער עליה באַשטייט ניט אין דעם, וואָס זי האָט אַזוינס און אַזוינס אויפגעטאָן און אַזוינס און אַזוינס דער־גרייכט. ס׳קען גראַד זיין, אַז זי האָט זייער וויִניק אויפגעטאָן און אַז אירע דערגרייכונגען זיינען ווייט פון צו זיין גרויס; ס׳איז אויך מעגלעך אַז פון געוויסע שטאַנדפּונקטן לאָזט זיך גריילעך קריטיקירן די צווייטע עליה, און דווקא פון אינווייניק. איך, צום ביישפּיל, האַלט, אַז אַנדערע עליות האָבן געבראַכט כוחות גרעסערע פון די וואָס זיינען געקומען מיט דער צווייטער עליה. אָבער קוואַליטאַטיוו איז אין דער צווייטער עליה געווען עפּעס א׳עלכעס, וואָס האָט גרונדזעצלעך געענדערט דעם מאָראַלישן שטאַנד פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די צווייטע עליה האָט פאַרשטאַנען א זאַך, וואָס גאָר גוטע ציוניסטן און וויכטיקסטע ציוניסטישע פירער האָבן עס ניט פאַרשטאַנען: אַז דער ציוניזם וועט ניט רעאַליזירט ווערן, אויב ער וועט ניט באַווייזן גרינטלעך

צו ענדערן די יידישע ווירקלעכקייט, און אויב די ציוניסטן וועלן ניט פּרוּוון פּערזענלעך פאַרווירקלעכן די פּרינציפּן, וועלכע זיי פּריידיקן.

עס איז דאָ אַ באַגריף פון „שלילת הגלות" (דאָס נעגירן דעם גלות). דער טייטש פון שלילת הגלות איז ניט — דאָס נעגירן דעם גלות־יידנטום אָדער דאָס אָפּקערן זיך פון דעם יידישן גלות. דער אמתער טייטש איז: דער טיפער באַוווסטזיין, אַז אין גלות קען א יידישער מענטש ניט אויפהייבן זיין קאָפּ.

די צווייטע עליה האָט נעגירט דעם גלות — סוביעקטיוו. ס'הייסט: „בין איך א ציוניסט — קען איך ניט פאַרבלייבן אין גלות; וויפיל איך זאָל ניט זיין גערעכט אין גלות — וועל איך דאָרטן קיינמאָל מיינע אידעאַלן ניט קענען פאַרווירקלעכן". נאָכדעם ווי דער ציוניזם, אין פאַרלויף פון דרייסיק יאָר, האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט א האַלב־פילאַנטראָפּישע באַוועגונג, געמישט מיט נאַציאָנאַלער ראָמאַנטיק; האָט זיך באַשעפטיקט מיט זאַמלען געלט — פאַר אנדערע, אומגליקלעכע יידן; האָט גערעדט צו זיינע חברים גרויסע רייד און ארויפגעלייגט אויף זיי גאָר קליינע פליכטן — נאָך דעם אלעמען האָט ער פלוצים אנטדעקט אין דער צווייטער עליה א כוח, וואָס איז אימשטאַנד צו ברענגען זיינע נאָכפאָלגער צו גרויסע, גרינטלעכע מעשים. וואָס אַן אמת, דאָס איז נאָך פאַרלויפיק געווען ניט מער ווי א קליינער טייל אין ציוניזם, אָבער דער דאָזיקער טייל, וואָס מען האָט וועגן אים קיין סך ניט געשריבן און ניט דערציילט, האָט דאָך דערמעגלעכט צו זען דעם ציוניזם אנדערש ווי מען האָט אים געזען פריער. אנשטאָט צו זיין אַן אלגעמיינער ענין, א סתם־ענין, האָט דער ציוניזם אָנגעהויבן צו זיין אַן ענין א פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ע ר, וואָס רעדט צום הארצן פון יעדן איינעם באַזונדער. און אויף וויפיל די דאָזיקע טענדענץ איז געוואַקסן — האָט זיך אלץ מער און שטאַרקער געענדערט דאָס מאָראַלישע געוויכט פון ציוניזם. פון זינט דער ציוניזם איז ארויף — אין די לעצטע דרייסיק יאָר — אויפן וועג פון ה ג ש־מ ה — איז ער פון אַן ענין פאַר ווייניקע אויסדערוויילטע אלץ מער און מער געוואָרן אַן ענין פאַר דעם דורכשניטלעכן יוגנטלעכן. א ו ס י ש ק י ן האָט זיך זיינערצייט ארומגעטראָגן מיט אַ טרוים, אז יידישע יונגעלייט זאָלן וואָלונטירן פאַר א דריי־יאָריקן פאָלקס־דינסט אין ארץ ישראל און דערנאָך זאָלן זיי מעגן צוריקקערן אין די גלות־לענדער און זיין ציוניסטן מיט ציוניסטן גלייך. איז אָט געשאַפן געוואָרן א לעבעדיקע באַוועגונג — ניט צו גיין אויף דריי יאָר בלויז און ניט אויף צוריקצוקערן, נאָר אויף צו פאַרבלייבן און אויף שטענדיק. די ה ג ש מ ה־באַוועגונג האָט ארויסגעבראַכט מענטשן, וואָס האָבן פאַר זיך געשאַפן אין ארץ ישראל א נייע ווירקלעכקייט. און דאָס איז ניט געווען קיין פאַרבייגייענדיקע דערשיינונג, אזוי ווי ס'געשעט אמאָל אונטערן

איינפלוס פון גרויסע וועלט־געשעענישן, — ס׳איז געוואָרן א באַוועגונג — א טייל פון א נייעם ציוניזם.

צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד פלעגן פאַרשיידענע עקספּערטן, פינאַנ־סיסטן און עקאָנאָמיסטן שטרענג קריטיקירן דעם ציוניסטישן אויפבוי־ווערק. זיי האָבן אָפּגעפּרעגט געוויסע אונטערנעמונגען — אַלץ איינס, צי זיי האָבן פאַרדינט אָדער זיי האָבן ניט פאַרדינט אויף קריטיק, אָבער בעיקר האָבן זיי ניט געגלויבט, אַז דער נייער מענטשן־טיפּ, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון דער ארץ־ישׂראלדיקערווירקלעכקייט, זאָל מיטן בלויזן ווילן אַליין, אָן דער השגחה פון אַפּיטראָפּסים און אָן דער הילף פון אויסערלעכע אינסטרוקטאָרן, פּעאיק זיין אויפצובויען א ווירטשאַפטלעך־געזונטן ווערק. ס׳וואָלט געווען ווּיכטיק און אינטערעסאַנט צו לעזן פון דאָס ניי די קריטיק, וואָס האָט זיך יאָרן־לאַנג געגאָסן אויפן קאָפּ פון דער ארץ־ישׂראלדיקער ווירטשאַפט, ווי אויך די אַלע שוואַרצע נבואות, וואָס מען האָט נביאות געזאָגט, און דאַן פעסטשטעלן, ווי אַזוי עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּראָגנאָזן ווערן געפּרווווט אין דער ווירקלעכקייט. וואָס, למשל, האָט מען אַמאָל גערעדט וועגן דער קבוצה און וואָס רעדט מען היינט? און וואָס האָבן אונז עקספּערטן געזאָגט וועגן באַרג־קאָלאָניזאַציע? אָט זיינען דאָך געווען גרויסע עקספּערטן, וואָס האָבן געפּאָדערט צו ליקווידירן קרית ענבים און אַלע אַנדערע לאַנדווירט־שאַפטלעכע ישובים אין דער געגנט פון ירושלים, ווייל אין א בערגיקער סביבה קען מען קיין ישוב ניט בויען. עס איז ווירקלעך אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס האָט דער חלוצישער עלעמענט דערגרייכט אין ארץ ישׂראל און וועלכע פּראַקטישע פּראָבלעמען אין דעם ארץ־ישׂראל־אויפבוי האָט ער גע־לייזט. גלייך אַזוי איז וויכטיק אויסצופאָרשן און צו פאַרגלייכן — ווי אַזוי פּיאָנערישע עלעמענטן אין אַנדערע לענדער האָבן געלייזט הארבע קאָלאָני־זאַציע־פּראָבלעמען.

מיך אָבער אינטערעסירט ניט בלויז די פראַגע פון די רייכטימער, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן א דאַנק דער הגשמה, נאָר אויך די פראַגע פון דעם מענטש, וואָס איז אויפגעקומען פון דער טאַט. די קאָמפּליצירטסטע פון אַלע געזעלשאַפטלעכע פראַגן איז די פראַגע פון דער אומשאַלטונג פון דעם מענטשן־טיפּ. דעם מענטשנס לעבנס־יאָרן גענוגן ניט אויף פעסטצולייגן געזעצן אין דער היגזיכט. ס׳זיינען אָבער פאַראַן אַזעלכע בולטע פאַקטן, אַז ס׳לוינט זיך זיי צו פאַרצייכענען. למשל, ווען דו קומסט אין א יידישן ישוב און זעסט ווי ווייט די קינדער האָבן ביאָלאָגיש איבערגעוואַקסן זייערע עלטערן. דו ווערסט ממש איבערראַשט פון דער דאָזיקער דערשיינונג, באַ־זונדערס ווען דו געדענקסט אַלץ וואָס מען האָט דיר אין חוץ־לארץ דערציילט וועגן דער השפּעה פון דעם ארץ־ישׂראלדיקן קלימאַט. ס׳שיינט מיר, אַז ווער

עס האָט פון דער נאָענט געזען יידישע יוגנטליכע אין די גלות־לענדער — אין פאַרשיידענע גילגולים, פאַרשיידענע פּאַרטייען, פּראָפעסיעס, אין זייער לעבן אין דער גימנאַזיע, ישיבה, אוניווערסיטעט — און ער קוקט זיך איצט צו צו דער קאָלעקטיווער שאַפונג פון דער ארץ־ישׂראלדיקער אַרבעטער־שאַפט, וועט מוזן אָנערקענען, אַז אין זין פון אויסבעסערן דעם יידישן טיפּ און אַנטוויקלען פאַרשיידענע פּאָזיטיווע מענטשלעכע אייגנשאַפטן — האָט די הגשמה עפּעס דערגרייכט. די באַדינגונגען אין די גלות־לענדער האָבן ניט מיטגעהאָלפן צו אַנטפּלעקן די יידישע זעלישע כוחות, און יידן האָבן געמוזט אונטערדריקן אין זיך פאַרשיידענע אייגנשאַפטן. די נייע ארץ־ישׂראלדיקע ווירקלעכקייט האָט די דאָזיקע אייגנשאַפטן אַנטוויקלט. אלכּסנדר זייד און אהרן שער האָבן דאָ געקענט ווערן דאָס וואָס זיי זיינען געוואָרן. בכוונה דערמאָן איך ניט די מער באַרימטע מענטשן. דאָ איז דווקא וויכטיקער דער אומבאַקאַנטער, ווו ער זאָל ניט זיין — אין נהלל, אין טירת צבי צי ערגעץ אַנדערשוואו — וואָס דער בעאָבאַכטער קען אין אים אויסגעפינען אַזעלכע אייגנשאַפטן, וואָס אין גלות זיינען זיי כּמעט ניט געווען בנמצא, און דאָ אין ארץ ישׂראל זיינען זיי דערשינען און אַרויפגעבראַכט געוואָרן צו גאָר אַ הויכער מדרגה.

ה.

די גרויסע פּראַקטישע פראַגע, וואָס דאַרף באַשעפטיקן יעדן ציוניס־טישן דערציער איז: ווי אַזוי אויסצוטייטשן די דאָזיקע טענדענץ פון ציוניזם אַלס הגשמה־באַוועגונג. מען קען זי, וואָס אַן אמת, אויסטייטשן אויף אַ ראַדי־קאַלן, אָבער גאַנץ פּשוטן אופן: די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם מיינט — פאַרלאָזן דעם גלות. און אין דער אמתן: מ׳קען ניט פאַרווירקלעכן דעם ציוניזם, ניט פאַרלאָזנדיק דעם גלות. אָבער ניט שוין, ווען אַ מענטש גייט איבער איבערן שוועל פון ארץ ישׂראל — פאַרווירקלעכט ער ממילא דעם ציוניזם? און ווען איינער שליסט זיך איין אין דער ארץ־ישׂראלדיקער ווירק־לעכקייט, צי דען מיט זיין אַרבעט אַליין, מיט זיין עצם זיין אַן אַרבעטער, אַ לערער, אַ סוחר — ווערט ער שוין אַ שותף צום אויפבוי, צו דער פאַר־ווירקלעכונג פון ציוניזם, אָדער — מיר פאָדערן פון אים נאָך עפּעס?

די ערשטע צייט איז אויך אינערהאַלב דער אַרבעטערשאַפט געווען אָנגענומען די מיינונג, אַז ווען איינער קומט קיין ארץ ישׂראל — הייסט עס, אַז ער האָט פאַרווירקלעכט דעם ציוניזם. די גאַנצע יידישע בירגערלעכע וועלט און אירע אידעאָלאָגן האָבן זיך גאָר שטאַרק געהאַלטן ביי דער דאָזיקער אָנשויאונג. ווען דער פּראָצעס פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג וואָלט באמת אָנגעגאַנגען אַזוי ווי ער ווערט געשילדערט אין „יודנשטאַט"; און

ווען עס וואָלט געווען אַ פֿראַגע פֿון אַן איינמאָליקן עקזאָדוס אָדער, לכל הפחות, אַן אויסוואַנדערונג אַ קורץ־דויערנדיקע, אין באַדינגונגען פֿון אַלעם פּאַרטיקן, ווען מענטשן קומען באַלד אַריין אין אַ באַשטימטער ראַם אַריין — וואָלט עס אפשר געווויסערמאָסן געווען אַן אָנשויאונג אַ ריכטיקע.

מיר, די וואָס לעבן אין ארץ ישראל, ווייסן גוט, אַז דער ציוניזם איז נאָך ניט פֿאַרווירקלעכט געוואָרן, הגם ער האָט אויף אַ לאַבאָראַטאָרישן אופֿן געלייזט געוויסע פֿראַגן פֿון ערשטקלאַסיקער וויכטיקייט. כּדי צו שאַפֿן אַ נייע זאַך מוז מען דורכגיין אַ באַשטימטן פּעריאָד פֿון נסיונות. די הויפּט־האָפֿענונג אין דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם איז געווען פֿאַרבונדן מיטן יידישן מענטש. די פֿראַגע איז געווען, צי איז דער יידישער מענטש פֿעאיק אָדער ער איז ניט פֿעאיק צו בויען אַ היימלאַנד און צו זיין אַ קאָלאָניזאַטאָר? אויב איר וועט אויפֿמערקזאַם לעזן די העברעאישע ליטעראַטור, וואָס האָט באַהאַנדלט ציוניסטישע פּראָבלעמען, וועט איר זיך איבערצייגן, אַז פֿאַקטיש האָט זי זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיטן דאָזיקן פּראָבלעם, און אין זייער אַן ערנסטער מאָס. נאָך דאַן, מיט פֿופֿציק יאָר צוריק, האָט מענדעלע מוכר ספֿרים פֿאַרשטאַנען די פּראָבלעם, און אין זיין דערציילונג „בימי הרעש", שילדערנדיק ר' אַלתרן אויף זיין וועג קיין ארץ ישראל, שטעלט ער זיך געענוי אָפּ אויף דעם. אויך י. ח. ברענער האָט מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט אַרויסגעבראַכט די פֿראַגע: צי האָבן מיר נאָך כּוח עפּעס צו בויען? באַזונ־דערס פֿיין אַנטוויקלט די פּראָבלעם מ. י. בערדיטשעווסקי אין „עם וארץ", ווו ער דעקט אויף די שרעקלעכע סתירה צווישן חול און קודש אין דעם יידישן לעבן, צווישן די ציוניסטישע שטרעבונגען און דער וועגלאָזיקייט אין זייער פֿאַרווירקלעכונג.

די גרויסע ציוניסטישע פּראָבלעם איז געווען די פּראָבלעם פֿון דעם חלו־צישן מענטש. און מען מעג זאָגן, אַז די פּראָבלעם איז געלייזט געוואָרן. דער אויסוווּקס פֿון דאָזיקן מענטשלעכן שטאָם איז פֿילייכט די גרעסטע ציוניסטישע דערגרייכונג. דאָס הייסט נאָך ניט, אַז אָט די לאַבאָראַטאָרישע לייזונג באַדייט די פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם. אַלס באַוועגונג געפֿינען מיר זיך איצט אין דעם שווערסטן געראַנגל מיט שטרויכלונגען. עס אונטערליגט קיין שום ספֿק ניט, אַז דער ציוניזם געפֿינט זיך איצט פֿילייכט אין דער סאַמער שווערסטער סיטואַציע, שווערער פֿון די טעג פֿון קעמאַל־פּאַשאַ, פֿון „אוגאַנדע", פֿון די גרעסטע ביזאַיצטיקע ציוניסטישע קריזיסן. אויב דער ציוניזם וויל זיין אַ באַוועגונג פֿון הגשמה, דאַרף ער האָבן דעם כּוח צו באַקעמפֿן אַלע שטרויכ־לונגען. ווען מיר וואָלטן זיך שוין געפֿונען אין אַזאַ סטאַדיע, אַז אין דער ווירקלעכקייט אַליין זאָל זיין אַ גענוגענדער אָנשפּאַר פֿאַר דער באַווע־גונג אין איר געראַנגל, וואָלטן מיר אפשר געקענט זאָגן: ס'איז געענדיקט!

מען דאַרף שוין מער ניט רעדן וועגן הגשמה־ציוניזם. אָבער אויף וויפיל מיר געפינען זיך נאָך אין אזא סטאַדיע, אַז אונזער ווירקלעכקייט שטייט און וועט נאָך לאַנג שטיין אין די סאַמע שווערסטע נסיונות, וועלכע זיינען אויסגעפאַלן אויף איר גורל — וועלן די פראַגן פון הגשמה און פון דער דערציאונג פון אַ נייעם מענטשלעכן טיפּ נאָך לאַנג זיין פון די וואָס דעצידירן דעם גורל פון ציוניזם, גלייך אזוי ווי זיי זיינען געווען אין די טעג פון אוגאַנדע און פון דער צווייטער עליה.

ניט אונטערגעבן זיך!

[פון אַ רעדע אויפן פאַרטיי־ראַט פון דער מפלגת פועלי ארץ ישראל אין יאָר 1939, ערב דעם דערשיינען פון „ווייסבוך"]

וואָס זאָלן מיר, אויב אזוי, טאָן?

איך ווייס ניט קיין אַנדער תשובה ווי די, וואָס האָט זיך איצט אַרויס־געריסן פון די טיפענישן פון דעם האַרץ פון ישוב: „לא נכנע!" — מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן!

ווען האָט זיך ביי אונז דער דאָזיקער געשריי אַרויסגעריסן צום ערשטן מאָל? אין מאַי 1921, בעת אַן איינוואַנדערער־שיף האָט זיך געטראָגן איבער די כוואַליעס פון ים, און הערבערט סאַמועל, דער יידישער הויך־קאָמיסאַר, האָט פאַר איר געשלאָסן די טויערן פון לאַנד. און אפשר איז דאָס געווען אין תל־חי. דער קערן, וועלכן מיר האָבן פאַרזייט, האָט געבראַכט פרוכט. פון אים נעמט זיך דער כוח, וואָס מיר האָבן אַרויסגעוויזן אין די לעצטע דריי יאָר.

דער דאָזיקער אויסגעשריי האָט נאָך ניט געקראָגן זיין קאָנקרעטן פירוש. עס איז אוממעגלעך צו באַשטימען אין פאָרויס, ווי אזוי ער וועט קאָנקרעטיזירט ווערן. ממש אזוי ווי מען האָט אין דער צייט פון דעם אוגאַנדע־קריזיס, ווען עס האָט זיך געהערט דער רוף צו „פּראַקטישער אַרבעט אין ארץ־ישראל", ניט געקענט זאָגן, וואָס עס וועט זיין דער כאַראַקטער פון דער חלוצישער באַוועגונג, אויף וועלכער דער דאָזיקער רוף האָט מרמז געווען.

עס איז מעגלעך, אַז דער דאָזיקער רוף באַצייכנט אַ נייעם עטאַפּ אין דער געשיכטע פון ציוניזם: אַן איבערגאַנג פון אַן עוואָלוציאָנערן און ראַציאָ־נאַלן, פּאָזיטיוויסטישן ... פאַרזיכטיקן און פּאַמעלעכדיקן ציוניזם — צו אַ ציוניזם וואָס האַנדלט אויס דער קאַטאַסטראָפע און פּרובירט זי בייקומען דורך העראָאישע אָנ־שטרענגונגען. אזוי ווי עס איז פון דעם אוגאַנדע־קריזיס אויפגעשטאַנען אַ

נייער ציוניזם, א ציוניזם פון פערזענלעכן ווילן און פערזענלעכער פאראוויר־קלעכונג, אזוי, דוכט זיך מיר, קען פון דעם איצטיקן אכזריותדיקן קריזיס אין יידישן לעבן אין ארץ־ישראל אויסוואקסן א נייע ציוניסטישע דינאמיק. פארשטייט זיך, אז דאָס הענגט אָפּ דערפון, צי מיר וועלן אין זיך האָבן גענוג לעבנס־זאפט, צי מיר וועלן אין זיך האָבן גענוג הארטנעקיקייט. דאָס וועט געשען ,אויב מיר זיינען ניט קיין שברי־כלי פון א פאָלק, וואָס איז מסוגל זיך אונטערצוגעבן.

עס איז מיר שווער דאָס ארויסצוזאָגן פון מויל — אָבער די קומענדיקע אכזריותדיקע טעג רעדן צו מיר אין דער שפראך פון ר׳ עקיבא: כל מי התפללתי מתי יבוא הדבר לידי ואקיימנו (אלע מיינע טעג האָב איך מתפלל געווען ווען וועט דאָס קומען און איך וועל עס מקיים זיין). מיר האָבן טאקע דעם דאָזיקן נסיון ניט געזוכט, מיר האָבן אויף אים ניט געבעטן, אָבער אז ער וועט קומען אין זיין גאנצער הארבקייט — וועלן מיר דען אנטלויפן? וועלן מיר עס ניט מאכן פארן אויסגאנג־פונקט פון אן אנטשיידנדן אויפברויז, וואָס וועט פון די טיפענישן ארויסרופן אלע נאציאָנאלע כוחות — א העראָאישן אויפברויז פאר דער רעטונג פון פאָלק?

— — — ווען מיר האָבן געזאָגט: „מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן” — האָבן מיר ניט געמיינט, אז מאָרגן וועלן מיר אָפּטאָן עפּעס א וועלט־איבער־קערנדיקע זאך, און מיר וועלן דורך דעם זיגן אָדער באזיגט ווערן, און דער ענין וועט זיין פארענדיקט. „מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן” — איז ניט קיין איינמאָליקער אַקט. עס הייסט ניט — פריימאכן די אויפגעברויזטע געפילן. איך מאך ניט אוועק מיט דער האנט קיין געפילן, און איך פארשטיי די מענטשלעכע, זייער מענטשלעכע, באדערפעניש צו אנטשפּאנען געפילן. אָבער מיר האָבן וויכטיקערע גויטן, און א באוועגונג ווי אונזערע איז מחויב אלץ צו וועגן און מעסטן און צו ריכטן דעם אינערלעכן אויפברויז צו יענע קוואלן, וועלכע פ א ר ש ט א ר ק ן א ו נ ז ע ר ק ר א פ ט, ניט נאָר אנטשפּאנען אונ־זערע געפילן.

נאָך דעם רוף „מיר וועלן זיך ניט אונטערגעבן” האָט מען, פארשטייט זיך, געקענט דורכפירן עפּעס א פּראָטעסט־אקציע, נאָך וועלכער מען וואָלט געקענט שיקן טעלעגראַמעס אין דער גאָרער וועלט. אָבער יענער אַקט וואָלט ניט געשאַפן אפילו קיין איין נייעם טראָפּן קראפט, און די מענטשן קעגן וועמען דער דאָזיקער פּראָטעסט וואָלט געצילט געוואָרן, וואָלטן צוליב דעם ניט פארלאָרן קיין איין נאכט שלאָף.

בעת מיר קלייבן זיך צו דערציען זיך אליין און אונזער באוועגונג און דעם גאנצן ישוב צום געבאָט פון „ניט אונטערגעבן זיך” און צו מעשים וואָס זאָלן פארקערפּערן דעם דאָזיקן געבאָט און פארשטארקן אונזער כוח

אים דורכצופירן — דארפן מיר זיך אויך דערציען אזוי, אז מיר זאָלן ניט פארטאכלעווען אונזער קראפט און ניט אומזיסט פארשווענדן קיין געפילן און גיין ענערגיע, און אוודאי און אוודאי טאָרן מיר ניט טאָן זאכן, וואָס מאָמענטאל זעען זיי אויס ווי אן אנטפלעקונג פון קראפט, און אין דער אמתן שוואכן זיי בלויז אָפּ אונזער קראפט.

קעגן דעם דארף באזונדערס געוואָרנט ווערן די ארבעטער־באוועגונג. עס זיינען פאראן קאמפס־מיטלען, וועלכע ווערן געבוירן אין צייטן פון רעוואָלוציאָנערן אויפברויז, און דעמאָלט זיינען זיי געוואלטיק וויכטיק. מען פארהייליקט זיי אָבער אפילו אין צייטן, ווען זיי פירן ניט צום זיג, נאָר דערנענטערן די מפלה. עס זיינען פאראן מיטלען, וועלכע זיינען נוצלעך בעת זיי קענען פירן צו שנעלע דערגרייכונגען, צו גרויסע דעראָבערונגען. עס איז א נארישקייט און א זינד זיך צו באנוצן מיט די דאָזיקע מיטלען אונטער פארענדערטע אומשטענדן, בעת זיי קענען פירן בלויז בארג־אראָפּ, צום פארלירן דערגרייכונגען.

מיטלען דארפן אויסגעקליבן ווערן אין ליכט פון א ציל. די אראבער, צום ביישפיל, האָט זיך איינגעגעבן צו געפינען די מיטלען וואָס פאסן צו זייער ציל. דער ציל וואָס די אראבישע פירערשאפט האָט זיך געשטעלט — איז די הערשאפט פון מופטי. דער דאָזיקער ציל פאָדערט ניט, אז אין לאנד זאָל הערשן רו, אז דאָס דאָרף זאָל בליען, אז עס זאָל געהויבן ווערן דער לעבנס־סטאנדארד פון ארבעטער, אז עס זאָלן אויסגעטריקנט ווערן די זומפּן, אז דער געזונט־צושטאנד זאָל בעסער ווערן, אז יידן און אראבער זאָלן לעבן בשלום. אָט די אלע זאכן פירן ניט צו דער הערשאפט פון מופטי; אָבער פארגיסן בלוט, אויסהונגערן דעם דאָרף, פאראליזירן דאָס עקאָנאָמישע לעבן, דערמאָרדן קעגנער, האלטן די רעגירונג אין שרעק — אָט די אלע זאכן פירן יאָ צו דער הערשאפט פון מופטי. דער ארץ־ישראלדיקער שטאט עקזיסטירט שוין, מען דאַרף אים בלויז פאראָרעמען, פארווילדעווען, פארגרעסערן אין אים דעם חורבן, כדי אים צו דעראָבערן.

און מיר? קענען אזעלכע מיטלען אונז העלפן? איך וועל ניט פרעגן די ערנסטע פראגע וועגן אונזער אינערלעכן ווידערשטאנד צו אזעלכע מעשים. איך פרעג בלויז: וועט דאָס אונז פירן צו אונזער זיג? און אויף דעם ענטפער איך מיט א פולשטענדיקן ניין. דער יידנשטאַט עקזיסטירט נאָך ניט, מען דארף אים נאָך שאפן. ווי אזוי וועלן מיר אים שאפן? דורך פארמערן אונזער צאָל, דורך אויפבוי, דורך פארשטארקן אונזערע כוחות. די אראבישע מיטלען, אפילו אויב מיר זאָלן זיך מיט זיי באנוצן, וועלן פירן ניט צום יידנשטאַט, נאָר צו אן אראבישן שטאַט.

יעדע עכטע און וואָגיקע באוועגונג שאפט אירע אייגענע פאסיקע

קאמף־און פאַרווירקלעכונגס־מיטלען. גאַנדי האָט ניט נאָכגעמאַכט די קאַמפּס־מיטלען פון מערב־אייראָפּע אָדער פון רוסלאַנד. ער האָט אויסגעשמידט קאַמפּס־מיטלען, וואָס פּאַסן דעם אינדישן פאָלק און ברענגען נוצן דער אינדישערווירטשאַפט. גאַנדי האָט אפילו ניט געפּראַוועט קיין סעודות־מצווה, ווי די באַנקעטן מיט וועלכע די ציוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע באַנוצט זיך — אַנשטאָט דעם האָט ער אויסגעקליבן צו פאַסטן, און מיר ווייסן נאָך ניט, ווער עס האָט געהאַט מער דערפאָלג — מיר, מיט אונזערע געבראָטענע הינער, אָדער ער מיט זיינע תעניתים.

זאָל מען מיר ניט צושרייבן קיין ניט־געמיינטע כוונות. איך שלאָג ניט פאָר, אַז מיר זאָלן זיך אַרויסנעמען אַן אינדישן פּאַטענט — אַזוי ווי איך שלאָג ניט פאָר קיין רוסישן אָדער מערב־אייראָפּעאישן פּאַטענט. מיר דאַרפן זוכן קאַמפּס־מיטלען, וואָס דרינגען אַרויס פון אונזער ווערק. די דאָזיקע מיטלען וועלן אוודאי ניט איינגעהילט זיין אין יענעם גלאַנץ און גלאָריע, וואָס עס באַזיצן קאַמפּס־מיטלען, מיט וועלכע עס באַנוצן זיך אַנדערע פעלקער. לאָמיר זיך וועגן דעם ניט זאָרגן. ווען מיר האָבן געשאַפן די קבוצה און דעם מושב־עובדים האָבן מיר ניט געפרעגט, וואָס פאַר אַן אויסלענדישן נאָמען מיר זאָלן זיי געבן — און פונדעסטוועגן האָבן זיי זיך דעראָבערט אַ פּלאַץ אין אינטערנאַציאָנאַלן לעקסיקאָן. און אויב מיר וועלן אין פּאַסיקע מעשים באַווייזן צו קעמפן און שאַפן אין דעם באַלאַגערונגס־צושטאַנד — וועט דאָס די „וועלט" אויך אַנערקענען.

אויף אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון אונזער פּאַרטיי איז געב־רויכט געוואָרן אַ טערמין וואָס געפעלט מיר: קאָנסטרוקטיווע רעזיסטאַנץ. עס האָט זיך גערעדט ניט נאָר וועגן אַ ווידערשטאַנד קעגן דעם בייזן, נאָר אויך וועגן אַ ווידערשטאַנד אין אַזאַ פאָרם, וואָס זאָל אין זיך אויך טראָגן דעם המשך פון אונזער ווערק, דעם המשך פון אויפבוי. ניט קיין איינמאָליקע טאָט, נאָר אַ לעבנס־שיטה, אַ פּאָליטישע און עקאָנאָמישע שיטה, אין וועלכער עס זאָל פאַרקערפּערט ווערן אונזער ניט־אונטערגעבן זיך. די טאָט וואָס פירט צום תכלית — אין דעם ליגט אונזער ניט־אונטער־געבן זיך.

און אונטער די איצטיקע אומשטענדן איז די טאָט וואָס פירט צום ציל ניט קיין אויפשטאַנד און ניט קיין אָקופּאַציע פון פעסטונגען. עס איז געווען אַ צייט, ווען יהושע ברזילי האָט געחלומט וועגן 500 יידישע בחורים, וואָס וועלן זיך לאָזן קיין ירושלים, זיך באַפעסטיקן אין מגדל דוד און אויף אים אויפהענגען די ציוניסטישע פאָן. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געוווּסט, אַז דאָס הייסט ניט פאַרכאַפּן די מאַכט, ער האָט זיך אָבער באַגנוגנט דערמיט, וואָס מיר וועלן האַלטן אַ פּאָזיציע אין משך פון 24 שעה, און די געשיכטע

וועט שרייבן, אז נאָך אזוי פיל און אזוי פיל יאָרן האָבן די יידן זיך צוריק־געקערט צום מגדל דוד און אויף אים אויפגעהויבן א ציוניסטישע פאָן. עס איז שיין צו זאָגן אזעלכע זאכן, עס איז שיין וועגן דעם צו דערציילן אין א ביאָגראַפיע. אָבער אונזער פּאָליטיק קען דאָס ניט זיין. מיר קענען איצט צונויפנעמען ניט 500 נאָר 50.000 בחורים, און מיר גלויבן אין זיך, אז מיר זיינען פעאיק ניט נאָר צו דעראָבערן פעסטונגען, נאָר וואָס איז נאָך וויכטי־קער — בויען פעסטונגען. אָבער אונזער שטאַרקסטער באַגער איז איצט ניט „צו האלטן די פּאָזיציע אין משך פון 24 שעה", נאָר ארויסנעמען די יידן פון מצרים און זיי ברענגען קיין ארץ־ישראל.

ניטא קיין אנדערע פּלייצעס

אויב אונזער האנט איז קורץ געווען צו ראטעווען פארמשפטע צום טויט — טראָגן מיר, די געראטעוועטע, די אחריות פאר דער שארית ישראל. ניטאָ קיין אנדערע פלייצעס — אויף זיי די אחריות ארויפצולייגן. ניטאָ קיין רוקן — הינטער אים צו באהאלטן זיך.

דער פאַקט, וואָס אונז, די וואָס געפינען זיך דאָ, האָט דער יידישער גורל געבראכט צום ברעג — פארפליכטעט. עס איז אוממעגלעך, אז דאָס זאָל ניט פארפליכטן.

אין די גלות־לענדער פלעגט א ייד מכוון־זיין זיין פנים צו דער זייט פון ציון. אין ציון מוז איצט יעדער ייד מכוון־זיין זיין פנים צו דער „סוכת ישראל הנופלת", צו דער יידישער גלות־היים וואָס פאלט און צעפאלט זיך אומעטום און אויף אלע וועגן.

יעדן טאָג דארף יעדער איינער פון אונז באטראכטן זיך אזוי, ווי ער וואָלט געקומען אנטשיידן דעם גורל פון פאָלק: צו יציאת מצרים אָדער פארלענגערן דעם גלות.

ז אָ ל ן א ל ע א ו נ ז ע ר ע מ ע ש י ם ג ע ר י כ ט ע ט ז י י ן צ ו ם ש פ א ל ט ן ד ע ם י ם א ו ן צ ו ם א ו י פ נ ע מ ע ן ד י אַ ה י י מ ק ו ־ מ ע נ ד י ק ע.

.1943

די טרייב־קראַפט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג

דער פּאָליטישער ציוניזם, דאָס הייסט — די פּאָליטישע וויזיע, די וויזיע פון יידישן אויפקום, איז געווען די נשמה פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און ווען ניט זי — וואָלט ניט געווען קיין אַרבעטער־חלוץ און עס וואָלט ניט געווען קיין כיבוש עבודה. מיר האָבן אַ פּשוטע ראיה: עס זיינען אין ציוניזם געווען אויך אַנדערע שטרעמונגען, און זיי האָבן דעם שווער־פּונקט געזען ניט אין דער פולער ציוניסטישער וויזיע; עס איז געווען דער אחד־העם׳יזם, עס זיינען געווען גייסטיקע שטרעמונגען אויך אין אַנדערע פאָרמען — האָבן זיי טאַקע ניט אַרויסגעגעבן פון זיך קיין חלוצים, זיי האָבן ניט געשאַפן די באַוועגונג פון דער אַרבעטנדיקער קאָלאָניזאַציע.

אָבער ניט נאָר דער פּאָליטיש־ציוניסטישער געדאַנק האָט פאַרנומען אַזאַ גרויסן און וויכטיקן פּלאַץ אינעם גייסטיקן לעבן פון דעם יידישן אַרבעטער. אין פאַרלויף פון די יאָרן איז דער יידישער אַרבעטער געוואָרן די מאָטאָר־קראַפט אין דער ציוניסטישער פּאָליטיק. אויב אין די ערשטע יאָרן איז ער געווען דער מענטש פון שמירה און פון הגנה און פון גדוד און פון פּאָליטישע טרוימען, אָבער די פּאָליטישע לייטונג איז ניט אין זיינע הענט געווען, און גאַנץ אָפט האָט זי אים אפילו ניט פאַרשטאַנען, זי האָט ניט געלעבט זיין גייסטיקן לעבן — איז אין דער צווייטער העלפט פון דער איצטיקער תקופה דער אַרבעטער געוואָרן דער פירער פון פאָלק, דער וואָס באַשטימט די ציוניסטישע פּאָליטיק, דער הויפּט־כוח. אויך אין זין פון פאַרויספילן דעם גאַנג פון פּאָליטישן לעבן, אויך אין זין פון ציוניסטישער אַקטיוויטעט — איז ער געוואָרן די מאָטאָר־קראַפט פון דער באַוועגונג.

מיר זיינען געקומען קיין ארץ ישראל באַרויבטע פון פּאָליטישן לעבן במשך צוויי טויזנט יאָר. און ניט נאָר באַרויבטע פון פּאָליטישן לעבן און פּאָליטישער טראַדיציע, נאָר — מען מעג זאָגן — אויך באַרויבטע פון פּאָליטישע חושים. „פּאָליטישע חושים" מיינט ניט דווקא קענען פאָדערן פון ענגלאַנד אָדער פיינט האָבן איין פאָלק און ליב האָבן אַן אַנדערן. פּאָליטישע חושים — הייסט, קודם כל: די פעאיקייט פון אַ געזעלשאַפט צונויפצושליסן זיך אין אַ פּאָליטישע קערפּערשאַפט. און דאָס האָט אונז געפעלט אין אונזער געשיכטע אין פאַרלויף פון אַ סך יאָרן. ווער ווייס צי האָבן מיר ניט פאַרלוירן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק אונזער פרייהייט — ניט צוליב מאַנגל אין גבורה, ניט צוליב מאַנגל אין נאַציאָנאַלער איבערגעבנקייט און קרבנות־גרייטקייט, נאָר צוליב מאַנגל אין פּאָליטישן חוש, צוליב דער

אומפעאיקייט צו לעבן אלס א פאליטישע קערפערשאפט. ווייל יעדער איינער פון אונזערע אור־עלטערן האָט מסתמא געהאט זיינע אייגענע „בעסערע" פאָרמולעס און האָט דערביי ניט געגלויבט, אז דער אנדערער קען זיין טריי אַזוי ווי ער. עס זיינען אונז לײדער איבערגעבליבן זייער ווייניק היסטאָרישע דאָקומענטן, פון וועלכע מיר זאָלן קענען שטודירן די פרטים. עס איז אָבער זייער וואַרשיינלעך, אז די צוקונפטיקע דורות וועלן ניט בודק זיין, ווער פון **אונז** איז געווען גערעכט און ווער ניט. זיי וועלן בלויז וויסן דעם לעצטן חשבון, און לויט אים וועלן זיי אונז משפטן.

מיר זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל צו אַ ישוב פון „כּוללים",— יעדע שטאָט אין חוץ־לארץ האָט געהאט אין ארץ ישראל אירן א באזונדערן כּולל, און אינערהאַלב דעם כּולל פלעגט שטענדיק זיין פּלאַץ פאר אַן אינערלעכער מחלוקת. און די גאַנצע געשיכטע פון דעם אלטן ישוב אין ארץ־ישראל, טראָץ זיינע געשטאַלטן פון די גרויסע למדנים, מיט דער גאנצער גבורה פון זייערע שווערע ליידן און פון אהבת ארץ־ישראל — ווייזט, אז דער דאָזיקער ישוב איז דעגענערירט געוואָרן און איז געוואָרן צו שאנד און צו שפּאָט אין דער יידישער וועלט — צוליב מאנגל אין פעאי־קייט זיך צונויפשליסן און ווערן א ישוב.

און דער קליינער נייער ישוב איז אויך פול געווען מיט אינטריגעס און אינערלעכע קאמפן. און ווען אוסישקין איז געקומען מיט 40 יאָר צוריק און האָט געפּרוּווט — אין זכרון יעקב — אויפשטעלן אַן אלגעמיינע ראַט, א כנסת ישראל — איז עס אין עטלעכע מאָנאַטן ארום בטל געוואָרן.

ווען מיר זיינען געקומען קיין ארץ ישראל, האָבן מיר געפונען א ישוב א צעשפּאָלטענעם און א צעריסענעם. עס זיינען געווען גרופּן און עס זיינען געווען משפחות. בן יהודה׳ס משפחה האָט עקזיסטירט באזונדער, און באזונ־דער האָט עקזיסטירט פּינעסעס משפחה, און באזונדער — רוקח׳ס משפחה. און יעדער איינער האָט געהאט זיין „צד" און זיינע נושאי־כּלים און זיינע מלחמות. עס איז ניט געווען קיין קאָלאָניע אין ארץ ישראל, וואָס זאָל ניט זיין צעשפּאָלטן; און עס איז ניט געווען קיין אינסטיטוציע אין ארץ ישראל, וואָס זאָל ניט זיין פאַרפּלאָנטערט און ארומגערינגלט מיט כּלערליי אינטריגעס. און א קאמף איז אָנגעגאנגען צווישן דעם ועד פון חובבי ציון, מיט שיינקינען בראש, און דעם ארץ־ישראל־אַמט, מיט רופּינען בראש. אין דעם ועד פון תל־אביב זיינען געווען שוין דאַן שטארקע רייבונגען.

און דאַן איז געקומען דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער און האָט זיך אָנגעהייבן אָרגאַניזירן. און ער איז געוואָרן א קערנדל, פון וועלכן עס איז ארויסגעוואַקסן א נייע געזעלשאַפטלעכקייט אין ישוב; ער האָט געלערנט מענטשן אונטערצוואַרפן זיך אונטער באַשטימטע קאָמפּעטענצן, אונטערצו־

וואַרפֿן זיך — פֿון אייגענעם גוטן ווילן און ניט איבערגעוואַלט, ניט אַ דאַנק אַנגעווענדעטן כּוח. און אַזוי, אין פֿאַרלויף פֿון 40 יאָר, פֿון סאַמע אָנפֿאַנג פֿון דער צווייטער עליה, האָט זיך דער ישוב געהאַלטן אין איין דערציִען צו דיסציפּלין און זיכערקייט, צו ציוניסטישער דיסציפּלין.

.1944

עליה און «החלוץ»

דער עיקר

[פון א פאָרטראג אויפן פינפטן הסתדרות־צוזאמענפאָר, 1942]

אונזער ציוניזם איז א ציוניזם פון עליה. ער שטייגט און פאלט מיט דער עליה. עס איז דאָ אויף דער וועלט אזא מין „ציוניזם", וואָס קען אויס־קומען אָן עליה — מיר אָבער קענען זיך ניט פאָרשטעלן קיין לעבעדיקן ציוניזם אָן עליה. דאָס איז אונזער נשמה — און ניט קיין שבתדיקע „נשמה יתירה", נאָר די נשמה פון א גאנץ וואָך. און אונזער באציאונג צו יעדער פאָליטישער פאָרם, צו יעדן אָפּמאך מיט פעלקער וועלן מיר באשטימען פון איין שטאנדפונקט: צי דערמעגלעכט ער אָדער ער שטערט דעם יידישן פאָלק אריינפירן זיינע זין אין לאנד?

מיר וועלן קיינעם ניט נארן און מיר וועלן ניט בויען קיין שום פאָליטיק אויף באהאלטן און פארשווייגן; די עליה — דאָס איז אן אָל, וועלכן מען קען ניט באהאלטן אין זאק. און די עצם מעגלעכקייט פון אן אָפּמאך, פון שלום און פריינדשאפט מיט פעלקער און לענדער איז קודם־כל אָפּהענגיק דערפון. די עליה פאר אונז הענגט ניט אָפּ פון אן אָפּמאך, אָבער יעדער אָפּמאך הענגט אָפּ פון דער באציאונג צו דער עליה.

דאָס לעבן פון פעלקער דארף געבויט ווערן אויף אן אָפּמאך. און עס זיינען דאָ פיל וויכטיקע זאכן אין דעם לעבן פון פאָלק, וואָס עס לאָזט זיך שליסן וועגן זיי אָפּמאכן צווישן פעלקער, און וועגן וועלכע מען קען זיך דינגען. אָבער עס זיינען דאָ און מוזן זיין זאכן ביי יעדן פאָלק, וועגן וועלכע מען קען זיך ניט דינגען, וועלכע הענגען ניט אָפּ פון קיין אָפּמאך, נאָר יעדער אָפּמאך איז אָפּהענגיק פון זיי. פארן יידישן פאָלק, אין זיין אייגנארטיקער געשיכטע איז דאָס עליה־רעכט ניט דאָס זעלבע וואָס „אימיגראציע־רעכט" פאר יעדן פאָלק. פאר אונז איז עס א רעכט צו אָטעמען, א רעכט פאָרצוזעצן די געשיכטע, א רעכט פאר א מענטשלעכן קיום.

דער עליה־קאַמף

[פון א רעדע אויפן פארטיי־ראַט פון מפלגת פועלי ארץ־ישראל, 1939]

וואָס זאָל זיין דער קאָנקרעטער אויסדרוק פון אונזער ניט־אונטער־געבן זיך? דער ענטפער איז: עליה. מיר פסלענען דאָס רעכט פון די געזעצ־געבער — ווער זיי זאָלן ניט זיין — צו שטערן די בירגער פון דער נאַציאָ־נאַלער היים אויסצושטרעקן (אויף זייער חשבון!) א האַנט פון רעטונג צו די געפייניקטע ברידער, וואָס ווילן צו זיי קומען. און מיר דאַרפן מיט מעשים באַווייזן, אַז פאַר אונז עקזיסטירט ניט קיין שום גזירה אויף אונזער עליה. מיר וועלן די גזירה ברעכן, מיר אַלע וועלן זי ברעכן — פאַר די אויגן פון דער גאַנצער וועלט. די וועלט וועט לערנען און אַנערקענען, אַז מיר זיינען עולה קיין ארץ־ישראל ניט א דאַנק דעם חסד פון דער רעגירונג, נאָר מיט רעכט, מיטן רעכט וואָס שטייט העכער פון יעדן בריטישן געזעץ, א רעכט וואָס איז פאַר אונז נאַטירלעך, א רעכט פאַר וועלכן מיר זיינען גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין.

אָט דאָס איז די גרונט־דערקענטעניש פון ציוניזם. מיט איר איז עולה געווען דער מענטש פון „ביל"ו", מיט איר איז עולה געווען דער מענטש פון דער צווייטער עליה, ברעכנדיק דעם טערקישן געזעץ. ער האָט ניט געפרעגט, צי זיין עליה איז לעגאַל דערלויבט. ער האָט זיך ניט געשראָקן טאָמער וועט מען אים צוריקשיקן.

כל־זמן אין ארץ־ישראל האָט נאָך געהערשט א געזעצלעכער רעזשים, וואָס האָט אַנערקענט אונזער רעכט, האָבן מיר זיך מיט אים געראַנגלט פאַר עליה־מעגלעכקייטן אין די ראַמען פון געזעץ. אָבער בעת מען פראָקלאַמירט א נייעם רעזשים, אונטער וועלכן מיר וועלן קענען איינוואַנדערן בלויז „מיטן חסד פון מופטי", לייקענען מיר אין גאַנצן אָפּ דאָס רעכט פון דעם דאָזיקן רעזשים. ניט מיט אייער חסד איז אונז ארץ־ישראל געגעבן געוואָרן, און ניט פון אייערע געזעצן נעמט זיך אונזער רעכט אויף אונזער צוריקקער און אונזער לעבן אין ארץ־ישראל!

דער עליה־קאַמף טאָר ניט זיין די פריוואַטע אויפגאַבע פון א גרופּע מענטשן, וואָס טוען עס אויף זייער אייגענער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. די „אומגעזעצלעכע" עליה דאַרף ווערן דאָס געזעצלעכע קינד פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג, און זי דאַרף אויך זיין די אויפגאַבע ניט בלויז פון איין פאַרטיי אין ציוניזם. דאָס דאַרף זיין די געמיינזאַמע אויפגאַבע פון אַלע פאַרטייען. מען טאָר דעם אומלעגאַלן עולה ניט מפקיר זיין צו די פאַר־שיידענע קליקעס וואָס פאַרנעמען זיך דערמיט צוליב זייערע אייגענע אינ־טערעסן אָדער צוליב פּאָליטישן „איינפלוס" — און זיי עקספּלואַטירן דעם

„אומלעגאלן" און לאָזן אים אויף גאָטס באַראָט בעת ער דערגרייכט שוין צום ברעג. דאָס וועט ניט זיין קיין לייכטע זאך. די אנגלאָ־אראבישע מאכט וועט ניט אויפהערן צו רודפן, און די מכשולים וועלן גרעסער ווערן. די זאך וועט זיין פארבונדן ניט נאָר מיט אנשטרענגונגען און געלט־קרבנות, נאָר אויך מיט יסורים. זי וועט פאָדערן מסירת־נפש, און ניט פון יחידים, נאָר פון מאסן. אָבער דאָס איז טאקע דער זין פון אונזער ניט־אונטערגעבן זיך — אויב מיר מיינען עס טאקע אויף אן אמת.

און כדי מען זאָל מיר ניט צושרייבן קיין פרעמדע כוונות, וויל איך קלאָר מאכן: מיט דעם עליה־קאמף האָב איך ניט אין זינען קיין פּאָליטישע דעמאָנסטראציע, נאָר קודם־כל די עליה אליין — ממש ווי דאָס באָזעצן באָדן איז קודם־כל א צוועק פאר זיך. דער חשבון פון דער עליה און דער פּאָליטישער רעזולטאט פון דעם עליה־קאמף וועט זיין א ביי־פּראָדוקט — אויב ער וועט געפירט ווערן ווי געהעריק און מיט א ברייטן מאסשטאב. ארויסראטעווען יידן פון גיהנום, ארויסגיין פון גלות — דאָס איז דער ציל פון ציוניזם, און דאָס איז אויך זיין פּאָליטישער מיטל.

מיר זוכן ניט קיין מלחמות, אָבער מיר נעמען עס אויף ווי א מוז. מיר זוכן ניט דעם קרבן און ניט די דעמאָנסטראציע. מיר זוכן דעם עיקר: יידן אין ארץ־ישראל. דערפאר בין איך ניט להוט נאָך צוזאמענשטויסן. איך זוך ניט קיין קאָנפליקטן. איך יאָג זיך ניט נאָך ראָמאנטיק. איך וויל „תכלית": יידן. אָבער איך וועל זיך ניט איבערשרעקן, אויב די יידישע עליה וועט זיין פארבונדן מיט קאָנפליקטן און צוזאמענשטויסן.

די העפּלה

[פון א רעדע אויפן 21־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, 1939]

עס עקזיסטירט אן עליה, וואָס מען רופט זי „אומלעגאלע". אלץ אין דער דאָזיקער געזעצלעכער וועלט איז געזעצלעך: געזעצלעכע רעגירונגען, געזעצלעכע דערקלערונגען, געזעצלעכע דאָקומענטן, א געזעצלעכער ברעכן פון הבטחות. נאָר די יידישע עליה אויפן גרונט פון דעם אור־אלטן מאנדאט פון יציאת־מצרים, — נאָר זי איז אומגעזעצלעך.

מיט עטלעכע יאָרן צוריק האָב איך איבערגעלעבט א נאכט פון דער־ווארטונג. איך האָב געזען ווי יונגע בחורים און מיידלעך ארבעטן מיט די רודערס, ניט וויסנדיק, צי אלע שיפלעך זיינען דערגאנגען בשלום, שפּרייזן אין וואסער האלטנדיק זיך ביי די הענט, אז קיינער פון דער גרופּע זאָל זיך

ניט אָפּרייסן, ניט ווײסנדיק, וואָס איז דער גורל פֿון די איבעריקע שיפֿלעך, וועלכע זײַנען צוזאַמען אַרויס אין וועג. אין מײַנע אויגן איז עס געווען אַ קייט וואָס ציט זיך פֿון רבי יהודה הלוי ביז די דאָזיקע בחורים און מיידלעך. און איך גלויב, אַז אײַנגיכן וועט מען זינגען לידער, און אפשר אויך תּפֿילות צוזאַמענשטעלן פֿאַרן געזונט פֿון אונזערע ים־וואַנדערער. איך דערמאָן זיך גראָד, אַז ס׳איז דאָ אַ וואונדערבאַרע תּפֿילה, די ים־תּפֿילה פֿון רמב״ן, וואָס איז בשעתו, מיט זיבן הונדערט יאָר צוריק אַן ערך, עולה געווען קיין ארץ־ישׂראל. געוויס איז יענע עליה ניט געווען שטאַרק געזעצלעך. אין יענער תּפֿילה רעדט זיך וועגן פֿאַרשיידענע מזיקים וואָס זייער נעץ איז פֿאַרשפּרייט איבער די ימים. אָבער דער רמב״ן האָט נאָך ניט געוווּסט וועגן דעם בריטישן פֿלאָט און וועגן ענגליש־אַראַבישע מאַטאָר־שיפֿלעך און וואַך־פּאָסטנס אויף די ברעגעס, צי דען דאַוונט ניט הײַנט יעדער ייִד, — ווו ער זאָל ניט זײַן — פֿאַרן געזונט פֿון אונזערע ים־וואַנדערער?

וועלכע עמיגראַציע אין דער וועלט איז יאָ כשר און געזעצלעך, אויב אונזער עליה איז אומגעזעצלעך? און וועלכע געזעצן אויף דער וועלט זײַנען געזעצלעכע, אויב דאָס רעכט אויף לעבן פֿאַרן ייִד איז אומגעזעצלעך?

אויך איך אַליין, זאָל מען מיר מוחל זײַן, בין אַן אומלעגאַלער עולה, ווײַל איך בין אָנגעקומען אין לאַנד מיט דעם טערקישן „רויטן צעטל". און הגם מענטשן זײַנען זיך נוהג צו אידעאַליזירן די צײַטן וואָס זײַנען אַוועק, זאָג איך, אַז די אומלעגאַלע עליה פֿון די ביל״ויים און פֿון דער צווייטער עליה שטייט ניט העכער, ווי די הײַנטיקע עליה.

די אומלעגאַלע עליה האָט אַ ספּעציעלע אויפֿגאַבע אין אונזער קאַמף. יעדער געדאַנק זוכט זיך דעם סאָציאָלאָגישן עלעמענט, וואָס זאָל אים דינען אַלס טרעגער מיט זײַן עצם לעבן. עס זײַנען געווען צײַטן, ווען דער ייִדישער קליינהענדלער איז געווען דער טרעגער פֿון חיבת־ציון און ער האָט עס אָפּגעהיט דאָס פּייערל, ביז עס איז אָנגעקומען הערצל. נאָכדעם איז געקומען די צײַט פֿאַרן דאָקטאָר, אַדוואָקאַט, סטודענט. שפּעטער איז געקומען אַן אַנדער טרעגער: יענע „מאָדנע" בחורים אָן אַ פּנים און אָן אַ געשטאַלט אין די פּרדסים פֿון פּתח־תּקווה און אין די פֿעלדער פֿון גליל. און ווען איך פֿרעג זיך אַליין: ווער איז אין אונזערע טעג דער נאַטירלעכער — פֿון גורל־באַשטימטער — טרעגער פֿון דעם קאַמף פֿון ייִדישן פֿאָלק פֿאַר זײַן קיום, און ווו געפֿינט ער זיך? ענטפֿער איך זיך אַליין: איבער ימים זײַנען צעשפּרייט די פֿאַן־טרעגערס פֿון דעם ייִדישן אומגליק. זיי וועלן דאָס ניט לאָזן, אַז די טויערן פֿון לאַנד זאָלן זיך שליסן, זיי וועלן ניט לאָזן רוען דעם וועלט־געוויסן, זיי וועלן ניט לאָזן פֿאַרוויקלעכן דעם „ווײַסבוך".

ניט די שולד פֿון די פּליטים און ניט די שולד פֿון ייִדישן פֿאָלק האָבן

אונז פארוואנדלט אין געזעץ־ברעכער. ווער עס האָט געבראַכן די גרונט־קאָנסטיטוציע פון ארץ־ישראל — דער מאכט פון אונז פארברעכער. מיר האָבן געוואָלט ארבעטן אין די ראַמען פון דעם געזעץ, אויס כבוד פארן געזעץ. מיר האָבן זיך אונטערגעוואָרפן אויך יענע געזעצן, וועלכע זיינען אונז ניט איבעריקס פריינדלעך געווען. אָבער מען קען זיך ניט אונטערוואַרפן קיין געזעץ וואָס נעמט אוועק דאָס לעבנס־רעכט פון מענטשן. מיר פסלענען דעם מאַראלישן יסוד פון דער עליה־גזירה. מיר דערקלערן, אז דאָס רעכט פון יידן צו קומען קיין ארץ־ישראל איז ניט אָפּהענגיק פון דעם חסד פון ענגלענדער אָדער אראבער. דאָס איז אַ̄ן עלעמענטאר־רעכט, און בלויז מיט געוואַלט רויבט מען עס אוועק פון אונז.

געשלאָסענע טויערן

די מצרישע צייטונגען האָבן געבראַכט די ידיעה:

„צוליב די געשעענישן אין ירושלים* האָט די מיליטער־מאַכט באַשלאָסן ניט צו געבן קיין אריינפאָר־דערלויבענישן פון מצרים קיין א״י, ניט דורכן ים און ניט דורך דער יבשה״.

יענע, וואָס קומען קיין א״י פון דער זייט פון דמשק, פארהאַלט מען ניט. ווייזט אויס, יענע זיינען „די געשעענישן אין ירושלים״ ניט מחייב. פון דאָרטן דראָט ניט קיין סכנה דעם שלום פון לאַנד. די סכנה דראָט נאָר מצד די, וואָס קומען פון מערב.

יאָ, ס׳איז אַ סיסטעם אַזאַ.

און אין אַלץ געפינט דער סיסטעם זיין אויסדרוק.

די טויערן פון דער אַלט־שטאָט אין ירושלים זיינען ארומגערינגלט מיליטער מיט אויפגעשטעלטע באַגנעטן. מען טאָר ניט אריינגיין.

דאָס מיליטער היט... די פּאָגראָמטשיקעס.

און אויפן וועג פון קאַנטאַרע און אין פּאָרט פון יפו שטייט דער אָרדענונגס־היטער און זיין שווערד איז אנטבלויזט — אָפּצושטויסן דעם יידן, וואָס קומט. ער היט... „די געשעענישן אין ירושלים״.

וואָס ברענגט מיט זיך אָט די צייטונגס־מעלדונג: דעם סיום פון אַ שיטה, אָדער דעם אָנהויב פון אַן אַדריאַנוס־גזירה?

---

* פסח 1920 האָבן אַראַבער אָנגעגריפן די יידן אין ירושלים, בעיקר אין דער אַלט־שטאָט.

צי זאָגט ניט אָן די דאָזיקע ידיעה, אז מען שארפט אין איינער פון די פּאָליטישע לאַבאָראַטאָריעס די שווערד פון א נייער דעקלאראציע, וואָס זאָל אונז באַרויבן פון אונזערע האָפענונגען?

צי באַדייט ניט די דאָזיקע ידיעה, אז „די געשעענישן אין ירושלים" זיינען געקומען נאָר כדי צוצוגרייטן די בייזוויליקע אינטריגע?

זאָלן דעריבער וויסן אונזערע שונאים:

איר וועט אונז ניט אָפּשרעקן!

ניט אייער חסד האָט אונז געגעבן דאָס לאַנד און ניט אייער בייז־וויליקע אָפּנאַרעריי וועט עס אָפּנעמען פון אונז.

איר וועט אונז ניט בייקומען!

מיט אונזערע קעפּ וועלן מיר אויפברעכן די אייזערנע ריגלען.

די נייע שטרויכלונגען, וועלכע איר האָט אונטערגעלייגט אונטער אונזערע פיס, וועלן אונז ניט מכשיל זיין. די נייע געפאַר וועט אויפוועקן אין אונז פאַרבאָרגענע כוחות, וועט אָנצינדן דעם פלאם פון הייליקן פאַנאַטיזם, וועט ארויסשעפּן פון די נשמה־טיפענישן די פולסטע איבערגעבנקייט — און וועט אונז פירן צו דער גרויסער טאָט.

ווער אונזערע שונאים זאָלן ניט זיין, צי פּראָים פון רויב און געוואַלט, צי נציבים פון הערשנדיקער „קולטור" —

איר וועט אונז ניט באַזיגן!

איר האָט פאַרטוישט די באַלפור־דעקלאַראַציע אויף א דעקלאַראַציע פון בלוט און בלבול.

איר האָט זיך דערוואָרבן אן אייביקן נאָמען אין דער געשיכטע:

דעם זכר פון עמלק;

דעם בייזן ווילן פון אַדריאַנוסן.

איר האָט אויסגעקריצט אייערע נעמען מיטן בלוט פון ירושלים.

פאַר אונז זייט איר א שטויב, וואָס דער ווינט יאָגט פונאַנדער, א בייטש, וואָס פאַרגייט.

איבער אונזערע קערפּערס, די קערפּערס פון אונזערע געפאַלענע,

מיטן בלוט פון אונזער הארצן,

מיט דעם ליכט פון אונזער גלויבן,

מיט דער לעצטער האָפענונג,

וועלן מיר אַלע מויערן דורכברעכן,

מיר וועלן דורכברעכן יעדע וואַנט און עולה זיין!

ניסן, תר"פ (1920).

מיטן גירוש נאָך מאוריציוס

[א רעדע, געהאלטן אויף דעם הסתדרות־ראַט, דעם 9.12.1940 — נאָך דעם ווי די „אומלעגאַלע" עולים פון דער שיף „אטלאַנטיק" זיינען מיט געוואַלט ארויסגענומען געוואָרן פון דעם עולים־לאַגער אין עתלית און ארויפגעזעצט געוואָרן אויף שיפן, כדי זיי צו פארטרייבן פון לאַנד]

פאַראַן מאָמענטן, אין וועלכע יעדעס רעדן איז נישט מער ווי א סוראָגאַט, א נעבעכדיקער סוראָגאַט, פון דעם וואָס גייט פאָר און פון דעם וואָס האָט געדאַרפט געטאָן ווערן. דער הייַנטיקער טאָג איז א ביטערער טאָג אין דער געשיכטע פון ציוניזם. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געווען אַזאַ טאָג, א טאָג ווען מען האָט געכאַפּט יידן אין די גאַסן פון יפו, אַרייַנגעוואָרפן זיי מיט כוח אין שיפן און אַוועקגעפירט קיין מצרים. דאָס איז געווען א טאַט פון דער טערקישער רעגירונג פון יענער צייט — די רעגירונג פון סולטאַן, א רעגירונג אָן קולטור און אָן יסודות פון געזעץ און משפט. הייַנט, אין דער איצטיקער מלחמה, איז די זאַך געטאָן געוואָרן דורך אַן אויפגעקלערטער רעגירונג, א קולטורעלער, וועלכע פאַרלאַנגט גערעכטיקייט און זאָרגט זיך פאַר דער טובה פון אונטערדריקטע פעלקער, א רעגירונג וואָס אין פאַרשידענע תקופות האָבן אירע בעסטע זין געוווּסט צו קעמפן פאַר די רעכט פון פאַרקנעכטעטע פעלקער. מיט 120 יאָר צוריק האָט א מאַן פון ענגלאַנד (דער דיכטער בייראָן) געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון גריכנלאַנד. ענגלאַנד האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פון די צו שחיטה אויסגעשטעלטע אַרמענער. ענגלאַנד האָט געוווּסט צו דעקלאַרירן פאַר דער גאַרער וועלט וועגן דעם אויפבוי פון א יידישער נאַציאָנאַלער היים. און איצט קומען פאַרשטייַער פון דאָזיקן לאַנד און פאַנגען מענטשן, פּליטים פון גיהנום, וואָס זענען אָנגעקומען צום ברעג מיט אוממענטשלעכע יסורים — די יסורים אליין באַשטעטיקן זייער רעכט צום דאָזיקן לאַנד און די ערנסטקייט פון זייער קומען אַהער — פאַרנעמען זיי מיט גוואַלט, מיטן כוח פון פּאָליציי און מיליטער און שטויסן זיי צוריק, און זענען מודיע, אַז פאַר דער העזה פון קומען אַהער אָן א דערלויבניש ווערט זיי געגעבן א שטראָף, א טאָפּלטע שטראָף: זיי ווערן פאַרטריבן פון לאַנד נישט בלויז איצט, נאָר אויף אייביק; אַזוי לאַנג ווי דער דאָזיקער רעזשים וועט אָנהאַלטן, וועלן די טויערן פון דעם לאַנד בלייבן פאַרשלאָסן פאַר זיי.

האָבן מיר ווערטער צו באַצייכענען די זאַך? פאַרמאָגן מיר אויסדרוקן אָנגענומענע אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָס זאָלן געבן צו פאַרשטיין אַנדערע אונזער ווייטיק? יעדעס פאָלק האָט זיך זייַנע

סימבאָלן פון ליידן, וואָס רעדן צו זיין הארץ מער ווי צום הארץ פון אנדערע, און פאראן סימבאָלן וועלכע נאָר ער אליין פארשטייט. די יידישע געשיכטע האָט אונז געגעבן ווערטער, וועלכע ציטערן אויף אונזער הארץ, און א פרעמדער קען זיי נישט און וועט זיי נישט פארשטיין. ווי קען א מאן פון אייראָפּע פארשטיין וואָס ס'איז פאר אונז געווען אין מיטלאלטער די אינקוויזיציע? און צי קען א אייראָפּעער פארשטיין וואָס ס'באדייט פאר אונז דאָס וואָרט „פּאָגראָם"? און צי וועט א פרעמדער פארשטיין וואָס ס'איז פאר אונז עליה? מיר אליין פארשטיין עס דאָך נישט תמיד. ס'איז נישט גענוג פאר א גרויסער אידעע, זי זאָל אויסדריקן אין עטלעכע אבסטראקטע ווערטער, אין וועלכן ס'איז טערמין וואָס ענדיקט זיך מיט אַן „איזם", גרויסע שטרעבונגען. ביז די אידעע דרינגט אריין אין די ביינער, ביז זי ווערט פארוואנדלט אין בלוט און פלייש פון מענטשן, פון א באוועגונג, פון א פאָלק, — גייט אדורך א לאנגע צייט. און די באוועגונג באצאָלט זייער א טייערן פרייז ווען זי פארשפעטיקט צו פארקערפערן די אידעע און ממשותדיקע ווערטן.

לאנגע יאָרן האָט אויך דער ציוניזם נישט פארשטאנען וואָס איז זיין פארקערפערונג. אמת, די ערשטע האָבן עפּעס אנגעמערקט. די ווערטער אליין „בית יעקב לכו ונלכה" האָבן געזאָגט, אז ציוניזם איז נישט אַן אידעע פון סתם באפרייונג, נאָר אַן אידעע וועלכע איז מחייב צו א געוויסן וועג פון פארווירקלעכונג. עליה איז די פארקערפּערונג. אָבער וואָס האָט די ציוניסטישע באוועגונג במשך צענטליקער יאָרן פארשטאנען אין דער דאָזיקער „ראשית חכמה"? דאָ אין זאָל געפינען זיך חברים וואָס זייערע האָר זענען גרוי געוואָרן, און זיי האָבן געעפנט די עליה אין לאנד נאָכן ערשטן וועלט־קריג. פיל פון אונז געדענקען נאָך גוט וועלכע שטערונגען זיי האָבן אָנגעטראָפן, און נישט מצד דער בריטישער מאכט, נאָר מצד די ציוניסטישע אמטן אין די לענדער, וועלכע האָבן כלל נישט פארשטאנען וואָס איז די איילעניש פון די עטלעכע יונגעלייט, וועלכע האָבן נישט קיין געדולד צו ווארטן ביז ס'וועט זיין מעגלעך און כדאי און געוווּנטשן אָנצוקומען אין לאנד. און ביז היינט־צו־טאָג — טראָץ דער קאטאסטראָפע, טראָץ די אומגליקן, טראָץ דעם אלעם וואָס דאָס לאנד האָט געטאָן פאר דער עליה און וואָס די עליה האָט געטאָן פארן לאנד — צי איז די עליה געוואָרן פארן גאנצן ציוניזם א ממשות'דיקע, אָרגאנישע און עיקרדיקע זאך?

ווען ס'וואלט דעמאלט געווען אַן אנדערע אויפפאסונג פון ציוניזם, וואָלט פיליכט אויך די באלפור־דעקלאראציע אנדערש פאָרמולירט געוואָרן, און די גאנצע וועלט וואָלט געוווּסט, אז א נאציאָנאלע היים, אין

וועלכער ס׳איז נישט גאראנטירט דאָס רעכט פון פ ר י י ע ר עליה — איז נאָר א קאריקאטור פון א נאציאָנאלער היים און מאכט צושפּאָט דעם פאָלקס־אידעאַל.

ס׳איז שרעקלעך און ביטער, אז מען קען אונז הייַנט טאָן אזא זאך ווי פארטרייבן עולים פון לאנד, אין דער עצם מלחמה ווען טויזנטער פון אונזערע בחורים האָבן זיך פרייוויליק מאָביליזירט צום קריג; ס׳איז שרעקלעך, אז מען קען אונז אזוי שפּייען אין פּנים, אזא שטאָך געבן אין אונזער הארץ; אז מען קען זיך אזוי באַציִען צום יידישן פאָלק, וואָס טרינקט זיך אין זייַן בלוט, וואָס איז מיטן גאנצן הארצן אויף איין זייט פון די פראָנטן, אז מען קען אזוי אָפּשאצן אונזערע תפילות, אונזערע קרבנות. אבער דאָס איז נישט אלץ.

פאראַן עפּעס, וואָס איז אין מייַנע אויגן נאָך געפערלעכער, און איך וועל נישט זייַן טריי דעם אמת, אויב כ׳וועל שווייַגן און עס נישט אויסצודריקן. איך האָב די איבערצייַגונג, אז מיר האָבן געהאַט די מעגלעכקייט פּרווון אויסצומייַדן דאָס געשעעניש, און אז דאָס נישט דערלאָזן די דאָזיקע געמייַנע טאַט איז נישט געווען איבער אונזערע כוחות. איך רעד פון דער דאָזיקער טריבונע ווי א ב א ש ו ל ד י ק ט ע ר. איך פיל זיך אין דעם מאָמענט ווי איינער פון דעם ציבור, ווי א באשולדיקטער, וועלכער האָט נישט געטאָן אלץ וואָס ס׳איז געווען מעגלעך צו טאָן, כדי די זאך זאָל נישט געשען. מיר קעמפן אויף אלע פראָנטן פון דער וועלט, אומעטום פארגיסן מיר אונזער בלוט, אויף אלע מזבחות פון דער וועלט ברענגען מיר אונזערע קרבנות — סיי זיי האָבן א טעם און סיי זיי האָבן נישט קיין טעם, פרייוויליקע און אויפגעצוווּנגענע קרבנות; אין אלע פרייהייטס־מלחמות פון דער וועלט און אויך אין פיל פארקנעכטונגס־מלחמות האָבן מיר געבראַכט אונזערע קרבנות — נאָר פאר זיך אליין, פאר אונזער באַפרייוּנג, ווייסן מיר נישט ווי אזוי צו קעמפן. נאָר פאר אונזער אייגענער באַפרייוּנג האָבן מיר אזעלכע פּינקטלעכע און אזעלכע גענויע מאָסן און חשבונות, ווי מיר האָבן זיי קיינמאָל נישט געהאַט, נישט פאר גרויסע זאכן און נישט פאר די קלייניקייטן פון לעבן.

יאָרנלאנג האָט זיך די וועלט צוגעוווינט דערצו, אז די זאך איז מעגלעך און ריכטיק, באמת מעגלעך. ווער וועט שטערן? מיר האָבן אזויפיל העמונגען, אונזער אייגנאַרטיקער גורל צווינגט אונז אויף אזוי פיל חשבונות. און פונדעסטוועגן, אויך דער שוואַכסטער, אויך דער אומגליקלעכסטער — פאראַן זאכן וואָס פאר זיי גיט ער זייַן לעבן און פאר זיי מוז ער געבן זייַן לעבן, אויב ער וויל אביסל מענטשן־כבוד, אויב ער וויל זיך איבערלאָזן אַן אָפענע טיר צו באַפרייוּנג. א פאָלק קען נישט

מוותר זיין אויף זיין באפרייונגס־קאמף אָן דעם, אז די זאך זאָל האָבן מוראדיקע רעזולטאטן. און ווי טראגיש איז עס, אז די דאָזיקע דערקענטניש קומט אונז עטלעכע שעה לאחר המעשה; ווי טראגיש איז עס, אז דער גאנצער ישוב, וועלכער האָט זיך צונויפגעקליבן פון דער גאָרער יידישער וועלט און וואָס די מעגלעכקייט פון קאמף פאר זיין צוקונפט איז אפהענגיק דערפון, אויב אויף די ימען וועלן ווייטער גיין שיפן מיט יידן וואָס פארלאנגען זייער רעכט אויפן לאנד, אָדער זיי וועלן זיך איבערשרעקן און אויפהערן, — אז דער דאָזיקער ישוב מיט זיינע צענטליקער טויזנטער, וואָס זייער לעבן איז ציוניסטיש, האָט געקענט לעבן אין די דאָזיקע טעג נישט וויסנדיק וואָס עס שטייט אים פאָר, נישט טראכטנדיק און נישט אנטשיידנדיק: אפשר איז נאָך מעגלעך עפעס צו טאָן. א מאנגל אין באשלוס פארפליכטעט נישט ווייניקער ווי א נעגאטיווער באשלוס.

און מיט א ביטער הארץ וועל איך זאָגן א וואָרט, וואָס איך קען נישט באגרינדן: מעגלעך, אז ווען אונזער באוועגונג וואָלט געווען אנדערש, וואָלט דער גורל פון די „פאטריא״־מענטשן נישט געווען ווי ער איז געווען. אויך אין דער צייט פון מלחמה זענען נישט פארשוואונדן אלע מעגלעכקייטן פון פאָליטישן געראנגל. מיר וועלן נאָך דערגיין צו גירושים — אויב מען הויבט נישט אָן א קאמף, אויב מען ווייזט נישט ארויס קיין גרייטקייט צו קעמפן. ס׳טרעפט, אז די גרייטקייט זיך מסכן צו זיין היט אָפּ פון סכנות!

דער היינטיקער טאָג, דער טאָג פון פאָגראָם קעגן די „אטלאנטיק״־מעפילים, איז א מער ביטערער טאָג ווי אלע אומרוען, וואָס מיר האָבן דאָ דורכגעמאכט אין די יאָרן פון דער דאָזיקער רעגירונג; מער ביטער ווי אייניקע אינערלעכע דורכפאלן, וואָס מיר האָבן געהאט אין דאָזיקן לאנד. מיר האָבן זיך אויפן קלאָרסטן אופן איבערצייגט וואָס איז דער כאראקטער פון דער פאָליטיק, וואָס עס פירט לגבי אונז דאָס גרויסע און מעכטיקע ענגלאנד, וועלכע קעמפט איצט קעגן גרעסטן שונא פון דער מענטשהייט. און זי פארווירקלעכט די פאָליטיק מיט א פיינטלעכער האנט, וואָס שטעלט זיך נישט אָפּ פאר קיין שום רשעות, און אפשר האָט זי נאָך נישט אויפגעדעקט אלע אירע בייזע כוונות. און דאָס איז זייער ביטער. לאָמיר נישט פארמאכן די אויגן דערויף! דורך מאכן זיך נישט וויסן — וועלן מיר נישט זיגן און וועלן נישט קעמפן. לאָמיר נישט זוכן קיין נעבעכדיקע טרייסטן. מיר זיינען מחויב צו וויסן די לאגע, מיר זיינען מחויב צו וויסן, אז מיר פארמאָגן איצט נישט אויף דער וועלט קיין טרייע פארבינדעטע. זאָל אונז באגלייטן די דערקענטניש פון אבסאָלוטער

איינזאַמקייט, פון דער אוממעגלעכקייט צו פאַרלאָזן זיך אויף פריינד, אויב מיר וועלן אליין נישט געפינען קיין וועגן, וואָס וועלן צווינגען זיך רעכענען מיט אונז.

אַלע יאָרן פון אָט דער מלחמה, וועלכע האָט זיך לגבי אונז אָנגעהויבן מיט די צוגרייטונגען צו דער מלחמה — זענען נישט בלויז יאָרן פון שווערע קלעפּ און באַליידיקונגען, נאָר אַ שטאַפּל נאָך שטאַפּל פון אָנגריפן, פון פאַרראַטן, פון צו־נישט־מאַכן די האָפענונג. און בעת מיר זענען גרייט און מחויב מקריב צו זיין אַלץ אין דער דאָזיקער מלחמה, מוזן מיר וויסן ווו מיר שטייען.

ס'איז לייכט פאַרן מיעוט, אונטערן דרוק פונם רוב, צו זען זיך מיט די אויגן פון רוב. ס'איז זייער לייכט — און דאָס איז דער מנהג פון פיל יידן מיט „אַלגעמיינע" אָריענטאַציעס — מוותר צו זיין אויף דעם זען זיך אַליין אַלס דעם אויסגאַנגס־פּונקט, אַלס דעם מאָראַלישן און סאָציאַלן קריטעריום; ס'איז וויזט אויס לייכט פאַר יידן מיט אַ סאָציאַ־ליסטישער אָריענטאַציע, למשל, נישט צו זען די זינד און די עוולות קעגן אונז אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. ס'איז לייכט פאַר יידן מיט אַ ליבע־ראַלער אַנשויונג מוותר צו זיין די תקיפים, כדי נישט צו קומען צו אומאַנגענעמע קאָמפּליקאַציעס. אין דער וועלט, וועלכע רודפט אונז און פאַרטיליקט אונז און מאָרדעט אונז אויך גייסטיק, אין דער וועלט אין וועלכער מיר האָבן נישט קיין איין טרייען אָנשפּאַר — איז זייער לייכט צו קומען צו אַ יידישער מיינונג, אַז מיר טאָרן נישט פאַרלירן די מינימאַלע פריינדשאַפט, וואָס מיר פאַרמאָגן נאָך און אַז מ'טאָר נישט, חלילה, באַשווערן אונזערע האַלבע פריינד מיט אומאַנגענעמע פאָדערונגען. כ'וועל זאָגן וואָס אין מיין הארץ: פאַרן דאָזיקן צוגאַנג שרעק איך זיך אַממייסטן. נישטאָ קיין געפערלעכערער אויסגאַנג־פּונקט ווי דער ויתור אויף אונזער אייגענעם אויסגאַנגס־פּונקט, ווי דאָס זען אונזער מצב נישט מיט אונזערע אויגן.

דאָס ביסל פאַרמעגן וואָס מיר האָבן אָנגעזאַמלט אין לאַנד איז אונז זייער טייער. זיכער דאַרפן מיר זיך דערמיט פאָרזיכטיק באַגיין. קבצנים ווי מיר, אביונים ווי מיר, מוזן זיין זייער פאָרזיכטיק: מיר יאָגן זיך נישט נאָך אויפטרייסלונגען, מיר האָבן געהאַט גענוג אויפטרייסלונגען, און מיר אַלע לעכצן נאָך אַביסל נחמה, נאָך אַ טראָפּן שטילע שעפערישע אַרבעט. אָבער מיר וועלן עס נישט קויפן פאַרן פרייז פון זעלבסט־אָפּנאַרעריי, און מיר וועלן עס נישט קויפן פאַרן פרייז פון משלים זיין מיטן רויב פון דער „כבשת הרש". כ'האָב געזען זייער גוטע יידן, חלילה נישט ערגערע פון מיר, און זיי האָבן שוין אָנגעפאַנגען צו זען דאָס דערשטיקן די עליה,

אָדער יעדע אנדערע פעטליע אויף אונזער האלז אין דער מלחמה־צייט, ווי אַן ענין פון צווייטן אָדער דריטן ראנג, וואָס צוליב דעם איז נישט כדאי צו „שטערן". צי מיינען יידן נאָר איצט, אז מען טאָר נישט באשווערן דעם „אלגעמיינעם פראָצעס" און מיר דארפן אָפלייגן אונזער ענין אויף „שפעטער"? אָבער איז דאָך דאָס דער מאָראלישער כוח פון ציוניזם אין דעם, וואָס ער האָט געזען די פאָדערונג פון גערעכטיקייט פאר אונז ווי א זאך, וואָס מען דארף זיך מיט איר נישט שעמען און מען דארף זי נישט אָפלייגן אויף "שפעטער". מיט דער דערנידערונג פון די יידן אין דייטשלאנד האָט יעדער ייד אין די דעמאָקראטישע לענדער אָנגעפאנגען צו שרעקן זיך פאר זיין הויט און צוקונפט; און אויך דער ציוניסטישער ייד, דאָרט ווו ער געניסט נאָך פון מענטשלעכע רעכט און אביסל מענטשלעכן כבוד, איז גרייט צו פארטושן זיך אליין און זיין פאָלקס־ליידן און־פאָדערונגען, כדי נישט מסכן צו זיין דאָס ווייניקע און נישט אויפצורעגן. און אויב אויך דער ישוב אין לאנד — וועלכער איז פאראנטוואָרטלעך כלפי דער יידישער וועלט פארן ציוניסטישן פקדון — וועט אזוי זען די ענינים, דאן ווו אהין וועלן מיר דערגיין?

איך וויל נישט ענדיקן מיט טרייסט־ווערטער. איך וויל, אז דער ברענענדיקער ווייטיק פון היינטיקן טאָג, דער ווייטיק וואָס איז אויסגעמישט מיט א געפיל פון בושה, זאָל ברענען אין אונז ביז ער וועט אדורכשלאָגן א וועג צום אויסגאנג.

צו דער חלוצישער באוועגונג

[פון א בריוו, וואָס איז געשיקט געוואָרן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה דורך אַ יידישן אָפיציר פון דייטשלאַנד, אין דער האָפענונג אַז ער וועט דערגיין צו יידישע יוגנט־קרייזן אין די גלות־לענדער]

ווי דורך א נעפל דערשלאָגן זיך צו אונז פונדערווייטנס זעלטענע, צופעליקע און אָפגעהאקטע ידיעות וועגן דער עקזיסטענץ פון א „החלוץ"־באוועגונג.

און מיר — פון דעם טאָג פון אונזער אָנקומען אין ארץ־ישראל — ווארטן מיר און גאַרן אויף אַ לעבעדיקן מענטש, אויף א געטרייער מחנה פון פריינד, וואָס זייערע און אונזערע ווונטשן, שטרעבונגען און כוחות זאָלן זיך צונויפגיסן צוזאמען.

אלס ענטפער אויף אונזערע דערווארטונגען זיינען געקומען — די

דאָזיקע יאָרן. וועט דען נאָך אַמאָל דערציילט ווערן, וואָס די יאָרן האָבן מיט אונז געמאַכט, וואָס זיי מאַכן נאָך מיט אונז ?.. עס איז נאָך ווייט, זייער ווייט צום אָפּשליסן דעם חשבון, צו מאַכן אַ סך־הכל.

אונזער לעבן — פאַראַליזירט ווי עס איז, אָפּגעריסן פון דער וועלט און פון פאָלק — איז נאָך ניט צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן. אונזער לעבן איז בלוט־אָרעם און צעקאַלעטשעט, אָבער עס קלאַפּט נאָך און ווירקט און איז נאָך אויסגעשטעלט אויף נייע אַנטשיידונגען און סכנות. און דאָס האָרץ, וואָס איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרשטיינערט געוואָרן אין דעם לעבנס־אַנגסט, לעכצט און גייט־אויס נאָכן סוף פון דעם חורבן, נאָכן אָנהויב פון די וווּנדער, נאָך אַ בשורה־אַ נחמה, נאָך דער באַנייאונג און פאַרזעצונג פון לעבן און אַרבעט.

איז אָט אויף אַ וווּנדערבאַרן אופן הייבן זיי אָן איינציקווייז אָנצוקומען די געגאַרטע בשורות, די גאולה־טריט. אָבער זיי זעטיקן אונז ניט, — זיי איבעראַשן, זיי צעשניידן מיט זייערע פליגלען די שווערע, אָנגעלאָדענע שטילקייט, זיי דערוועקן פראַגן, זיי רייצן. דו קאָנצענטרירסט אַלע דיינע געדאַנקען, דיין פאַנטאַזיע, דיין פאַרשטעלונג כדי צוצוקומען צו דער ווירק־לעכער זאַכלאַגע: וואָס איז דער אמתער ווערט פון דער דאָזיקער באַוועגונג און וואָס איז איר כמות און איכות? צי איז זי איצט טאַקע גרעסער פון די פאַרשיידענע פריערדיקע שוואַכע פּרוּוון, וועלכע פלעגן אונז רייצן און אַנטוישן און וואָס בלויז געציילטע יחידים זיינען דורך זיי געקומען צום אַרבעטס־לעבן אין ארץ־ישראל? ווי גרויס איז איר אינערלעכער געוויכט, אירע פאַרבאָרגענע כוחות? וואָס פאַר אַ צוקונפט שטייט איר פאָר? און ניט שוין זיינען ווירקלעך געקומען די טעג, ווען חלוציזם האָט אויפגעהערט צו זיין אַ פּרומער ווונטש פון יחידים און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטרעבונג פון אַ ציבור, אין אַ באַוועגונג פון ווילן און מעשים?

עס דערוועקט זיך פון דאָס ניי די כסדרדיקע באַדערפעניש אין לעבע־דיקע פאַרבינדונגען — אָפטע און פעסטע — פאַרבינדונגען, וואָס זאָלן זיי זאָגן ד אָ ר ט ן: וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צוצוגרייטן זיך, מכשיר זיין זיך פאַר דעם צוקונפטיקן לעבן, פאַרבינדונגען, וואָס זאָלן אונז זאָגן ד אָ: וואָס זיינען די האָפענונגען און וואָס דאַרפן מ י ר טאָן, אין ארץ ישראל, כדי צו פאַר־לייכטערן דאָס קומען, די אויפנעמונג און איינבירגערונג פון די אַלע, וואָס מיר קוקן אויס אונזערע אויגן נאָך זיי.

פאַרלויפיק, לאָמיר פּרוּוון סקיצירן די טעטיקייט און כאַראַקטער פון „החלוץ״, ווי אַזוי איך שטעל מיר עס פאָר. אפשר וועט עס אַמאָל דערגרייכן דעם ציל און מיטהעלפן קלאָר צו מאַכן דעם געדאַנק און די טאָט.

די חלוצישע באוועגונג האָט באוויזן צו געפינען אָנהענגער אין פאַר־שיידענע לענדער, אין פאַרשיידנאַרטיקע און פאַרשיידנפאַרביקע געזעלשאַפט־לעכע קרייזן. מיר זעען עס פון די פאַרשיידענע נעמען, וועלכע מיר טרעפן אין דער באוועגונג אין אַמעריקע, פוילן, רוסלאַנד, גאַליציע, האָלאַנד, דייטשלאַנד. דאָסגלייכן זעען מיר, אַז די חלוצישע באוועגונג ציט איר יניקה דורך פאַרשיידענע השפעה־רערן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל. דער דאָזיקער פאַקט שיינט מיר צו זיין באַזונדערס וויכטיק, — איך בין געניגט איינצוזען אין דעם די פאַרקערפּערונג פון דער צוקונפט פון דעם „החלוץ" און פון זיין געשטאַלט.

אַלע כוחות — ווי פאַרשיידן און קעגנגעזעצט זיי זאָלן ניט זיין — וואָס ווידמען זיך פאַר אַן אַרבעטס־לעבן אין ארץ־ישראל, זיינען אונז אַלע טייער, נויטיק און וויכטיק. זאָלן זיי זיך ניט שיידן איינער פון דעם אַנדערן און זאָלן זיי צווישן זיך קיין מחיצות ניט בויען. די חלוצישע באוועגונג קען ניט פאַרציכטן צי אָפּשטויסן אָדער גרינגשעצן אירע אָנהענגער צוליב דער פאַרשיידנהייט אין זייער געבורטס־לאַנד, אָפּשטאַמונג אָדער דערציאונג. אויך די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטערשאַפט איז ניט פון איין שטיין אויסגעהאַקט. וואָס מער מיר וועלן אריינוואַקסן אין אונזער צוקונפט אַריין, אַלץ גרעסער וועט זיין די צאָל פון לענדער און קרייזן, פון וואַנען ס'וועלן קומען יידן און ריכטן זייער הארץ און ווילן צו איין פּינטל — צו אַרבעט אין ארץ־ישראל. און זאָלן זיי אַלע געבענטשט זיין. די אַרבעטער־אחדות, די פאַר־שטייענדיקע לעבנס־באַדינגונגען און די אידעען וואָס וועלן אַרויסקומען פון דער אַרבעט — די דאָזיקע גרויסע און טיפע אחדות פון דער געמיינזאַמער צוקונפט דאַרף פאַראייניקן, מיטבאַטייליקן, דערציען און אַפילו צונויפשמעלצן די חלוצישע יסודות — ווי פאַרשיידן זיי זאָלן ניט זיין אין זייער עבר און דערציאונג — אין איין אַרבעטנדיקע און שאַפנדיקע געזעלשאַפט. אמתדיקע פריינדשאַפט, חברישקייט, איינקייט און צוטרוי — אַזאַ לעבנס־אַטמאָספער דאַרף געשאַפן ווערן אין ארץ־ישראל, כדי צו ראַטעווען דעם נייעם עולה פון שטרויכלונגען, פון די שווועריקייטן פון דער נייער סביבה און איר פרעמדקייט און פאַרפרעמדקייט, פון יאוש; כדי צונויפצושליסן זיינע כוחות מיט די כוחות פון זיינע חברים אין איין שעפערישן אַקטיוו. אָט דעם גייסט דאַרף די חלוצישע באוועגונג איינפלאַנצן אין הארץ פון אירע חברים, אין די טעג פון זייער קעגנזייטיקער באַקענונג, אין די טעג פון זייער גרייטן זיך צו דער עליה.

ס'שיינט, אַז דאָס זיינען אַלץ פשוטע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַכן, וואָס עס לוינט זיך ניט לענגער אויף זיי צו פאַרהאַלטן. פונדעסטוועגן זע איך עס אַלס מיין פליכט אָפּצושטעלן זיך אויף זיי און צו וואָרנען, אַז

מען מוז זיי מקיים זיין און אָפּהיטן, ווייל די ווירקלעכקייט ליגט דאָס מאָל ניט אין דער באַנייאונג פון דעם געדאַנק, נאָר אין זיין פאַרווירקלעכונג און אין דעם אופן פון זיין פאַרווירקלעכונג. און די פאַרווירקלעכונג פון די אַזוי פּשוטע — דוכט זיך — זאַכן, וואָס די צוקונפט פון „החלוץ" און פון דעם חלוץ איז פון זיי אַזוי אָפּהענגיק, וועט זיך פילייכט אָנשטויסן אָן אַ סך שטערונגען סיי מצד די אידעען, וואָס הערשן אין אונזער געזעלשאַפט, און סיי מצד פאַרשיידענע באַקאַנטע אייגנשאַפטן אונזערע, וואָס ס'איז ניט אַזוי לייכט צו אונטערדריקן זיי און באַפרייען זיך פון זיי.

דער חלוציזם איז ניט סתם אַ געדאַנק און אַ תורה, — ס'איז אַ לעבנס־ווערק, ס'איז אַ פּערזענלעכע וויזיע. מיר גלויבן, אַז די דאַזיקע דער־שיינונג איז אַ געטרייער שליח פון דער געשיכטע, אַ שליח פון דער נאַציאָ־נאַלער השגחה עליונה. מיר האָפן, אַז דער חלוציזם וועט זיין דער גרונט־שטיין פון אונזער צוקונפט. פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם חלוציזם איז נויטיק, אַז זיינע אָנהענגער זאָלן פאַרמאָגן אַנטוויקלטע אינסטינקטן פאַר אַ כלל־לעבן, אָבער גלייכצייטיק הערט דער חלוציזם ניט אויף צו זיין — מיט זיין גאַנצן אייגנאַרט און קראַפט — אַ דערשיינונג אַ פּערזענלעכע. אין דעם ליגט דער כוח, אינהאַלט און ווערט פון דער גאַנצער עליה־באַוועגונג. דעריבער איז אַזוי גרויס דער ווערט פון דעם מענטש, פון דעם יחיד, פון יעדן חבר אין דער דאַזיקער באַוועגונג, וואָס ניט אין אירע אויסגאַנגס־פּונקטן און ניט אין איר תכלית־פּונקט ווייס זי ניט פון קיין אַנדער דעראָבע־רונג און קיין אַנדער מאַכט, ווי זעלבסט־דעראָבערונג און זעלבסט־באַהער־שונג: ווי אַזוי דער מענטש זאָל איינבעמען ז י י ן וועלט און ווי אַזוי ער זאָל איינשטעלן זיין מאַכט אין דער דאַזיקער וועלט זיינער.

אין מיט דעם פילייכט אונטערשיידט זיך גרונטזעצלעך די חלוצישע באַוועגונג פון אַנדערע מאָדערנע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען, וואָס זי שטרעבט צו שאַפן אונזער נאַציאָנאַלע צוקונפט דורך דער געשטאַלטונג פונם פּערזענלעכן לעבן. און דערפאַר זיינען אין דער דאַזיקער באַוועגונג ניטאָ קיין פירער און געפירטע, — ס'זיינען דאָ מענטשן וואָס לעבן און אַר־בעטן, וואָס זייער לעבן און אַרבעט דאַרפן זיך צונויפנעמען אין איין ממשותדיקן סך־הכל. ס'איז אפשר די איינציקע מאָדערנע פּראַקטישע באַוועגונג, וואָס אין איר צענטער שטייט ניט די פּירערשאַפט, ניט דער פּראָגראַם, נאָר דעם מענטשנס לעבן און אַרבעט. דער ציל איז דער חבר אַליין. זיין לעבן, זיינע דערפאַרונגען, שטרויכלונגען און דערגרייכונגען, זיין שוואַכקייט און זיין גבורה — זיי זיינען עס די עצם באַוועגונג.

אויב די חלוצישע באַוועגונג וועט טריי זיין איר דאַזיקן אייגנאַרט, דאַן וועט דער ממשותדיקער פּערזענלעכער באַגער צו חלוציזם און אַרבעט

ווערן דער צענטער פון גייסט און ווילן פון דער באַוועגונג. און אין דער אנטפּלעקונג פון די פאַרשיידענע כוחות און עלעמענטן, אין וועלכע עס לעבט די דאָזיקע שטרעבונג און דער דאָזיקער ווילן; אין פּערזענלעכער דערציאונג און הכשרה; אין דער קאָנצענטרירונג פון דעם ווילן און אין דער פאַראייניקונג פון אַלע פילפאַרביקע כוחות צו מעשים — ריינע מעשים אין צוטרוי און חברישקייט — וועט פאַרווירקלעכט ווערן די חלוצישע טאַט.

זאָל די דאָזיקע באַוועגונג — די באַוועגונג פון ווילן און מעשים — ניט וויסן פון קיין שפּאַלטונגען, פון צעשפּליטערונג אויף קרייזן און קרייזלעך, גרופּן און גרופּקעלעך, ווי עס פירט זיך אין אונזערע צייטן, ווען די געזעל־שאַפטלעכע סכאָלאַסטיק האָט פאַרנומען דעם אויבנ׳אָן אין לעבן, ווען די טעאָ־רעטיזירנדיקע צעברעקלונג און די דיסקוסיעס הערשן איבער אַלץ. זאָל די חלוצישע באַוועגונג דערקענען דעם מענטש, דעם פריינד, די גרופּע פון פריינד. אויב אין דער חלוצישער באַוועגונג וועט מען דעם מענטש אָפּשאַצן, מקרב זיין אָדער דערווייטערן לויטן מאסשטאַב פון אָנגענומענע טעאָרעטישע פאָרמולעס, אויב ס׳וועלן אינערהאַלב דעם „החלוץ״ געמאַכט ווערן צעטיילונגען און צעשיידונגען לויט דעם ווי וועדער ס׳איז דערצויגן גע־וואָרן — וועט דער רעזולטאַט זיין: פלעגונג פון פרעמדקייט און פאַרפרעמד־קייט צווישן איינעם און דעם אנדערן, צווישן איין גרופּע און דער אנדערער. דאָס אַלץ וועט דערווייטערן די באַוועגונג פון איר אייגנאַרט, וועט זי צע־ברעקלען, וועט פאַרשוועכן איר לעבנס־קוואַל, וועט פאַרשניידן איר חיות. זאָל זיך די חלוצישע באַוועגונג ניט באַלאָדן מיט קיין געליענע מיינונגען, פּראָגראַמען, לאָזונגען. אויב עס איז טאַקע אַן אמת, אַז אין דער אַרבעטער־באַוועגונג ליגן באַהאַלטן קערנדלעך פון אַ נייעם לעבן, פון געדאַנקען און טאַטן, דאַרף מען זיי לאָזן וואַקסן און מערן זיך צוזאַמען מיט די אַרבעטער אַליין — אין זייער האַרצן, אין זייער געדאַנק און טאַט. זאָל נאָר די אַרבעטס־באַוועגונג ווערן אַ ממשותדיקער יש — וועט זיך דער אין איר פאַרקערפּערטער פּערזענלעכער, נאַציאָנאַלער און געזעלשאַפטלעכער אינהאַלט ממילא אַנט־פּלעקן. גלויבט אין דער באַוועגונג און פאַרלאָזט זיך אויף איר, און זאָלן די קליינלעכע טעאָרעטישע צעשפּליטערונגען ניט שטערן דער גרויסער אייני־קונג.. לאָמיר אויך, ווי ביים באַרג סיני, מקיים זיין דעם „נעשה ונשמע״, לאָמיר שאַפן אונזער לעבן און לאָמיר פון דאַנען־אַרויס הערן די שטימע פון גאָט, וואָס גייט אַרום אין אונזער מחנה, — אויב מיר וועלן דערצו זוכה זיין.

צי וועט עס די יונגע באַוועגונג פאַרשטיין? צי וועט זי באַגרייפן איר אייגנאַרט, צי וועט זי באַוויזן צו שאַפן איר אייניקייט, די גאַנצקייט פון איר אומפאַנג, די קאָנצענטרירונג פון איר ווילן? צי וועט זי באַהערשן דעם

אויסוואל פון דעם מענטשן־מאַטעריאַל? צי וועט זי אים געבן די אַנטשפּרע־כנדע דערציאונג און פּראַקטישע הכשרה?

עס שיינט מיר, אַז דאָ שטעקט דער עתיד פון דער באַוועגונג און איר אויסזיכט צו זיין אַמאָל אַ צענטראַלע באַוועגונג פאַר די צוקונפטיקע דורות — אַ צענטער פון ווילן, פון גייסט, פון געדאַנק. — — —

ירושלים, תשרי תש״ח.

צום יום־טוב פון „החלוץ״

די יידישעווירקלעכקייט וואַרט ניט אויף אַן איבערקערעניש: זי ווערט איבערגעקערט און צעפאַלט פון זיך אַליין. מען דאַרף אָנהייבן פון דאָס ניי, פון אַלף.

— — — איינצעלנע זיינען זיי די דאָזיקע פּשוטע יידן; געציילטע, אָבער זיי זיינען פאַראַן. זיי זיינען נייע; אַ נייער סאָרט ביי יידן...

געבענטשט זאָל זיין דאָס אויסגעווייטיקטע, קראַנקע, פאַרקריפּלטע פאָלק, וואָס אויף דער עלטער זיינען אים געבוירן געוואָרן אַזעלכע זין, אפילו ווען זיי זיינען בלויז איינצלנע. עס איז דאָ אַ גרויסער נס, און — ווער ווייס — אפשר טאַקע באמת עוד לא אבדה...

י. ח. ברענער

אַזוי האָט יוסף חיים ברענער געזען דעם אָנהייב פון דער צווייטער עליה. אַזוי האָט ער זי אויפגעפאַסט. ער — דער „בעל יאוש״, דער „אפּיקורס״, וואָס זיין פאַרצווייפלונג האָט געוויזט האַרטנעקיקע גבורה; וואָס זיין אפּי־קורסות האָט צונויפגענומען פון זייערע באַהעלטענישן אַלע פונקען פון גלויבן; וואָס זיין פאַרניכטנדער פּסק־דין האָט זיך פאַרענדיקט מיט „יענעם אף־על־פּי־כן (פונדעסטוועגן), וואָס מוז שטענדיק קומען צום סוף פון אַלע נעגאַטיווע חשבונות״. ער האָט געגלויבט אין דעם „נס״, האָט געציטערט איבער אים פון דער נאָענט און פון דער ווייטנס, און זיין נשמה האָט זיך געקלאַמערט אַרום דעם לעצטן „אפשר״. אין דעם דאָזיקן צווייפלהאַפטן „אפשר״ איז געווען מער כוח צו שטאַרקן און צו באַגייסטערן און אָנצופילן מיט גבורה איידער אין אַלע דערהייבענע „התקוות״ פון אַנדערע.

אָבער כדי דער דאָזיקער „אפשר״ זאָל ניט פאַרפירן, איז נויטיק אַז די „איינצעלנע״ און די „געציילטע״ זאָלן ניט רוען אין זייער איינזאַמקייט. פון יחידים דאַרפן זיי ווערן — אַ ביסל, פון אַ ביסל — אַ סך, פון אַ סך — אַ פאָלק. די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־אייגנטימלעכקייט, וואָס אַנטשטייט

אין איר איינזאַמקייט אַלס אַן ענין פון יחידים, דאַרף אַרויסגיין אין דער ברייטער גאַס און ווערן אַ קנין פון די מאַסן. פון דעם יחיד צו דער מאַסע, צו דער שאַפונג פון אַן אַרבעטער־קלאַס אויפן וועג צום פאָלק, צום „ואעשה אותך לגוי גדול" (איך וועל דיך פאַרוואַנדלען אין אַ גרויס פאָלק) — דאָס איז דער היסטאָרישער געבאָט פון „החלוץ".

נאָך צען יאָר פון זיין עקזיסטענץ געפינט זיך נאָך דער „החלוץ" אין סאַמע אָנהויב פון זיין וועג. אָבער די ענדערונגען, וואָס זיינען אַ דאַנק אים פאָרגעקומען אין אונז, אין אונזער ווערק, אין דער לאַגע פון ארץ־ישראל, אין ציוניזם, אין דעם לעבן פון אונזער פאָלק אין די גלות־לענדער — זיינען פיל און אומגעהויער גרויס.

ווען עס וואָלט עמיצער געקומען מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, נאָך דעם גרויסן „אוגאַנדאַ"־יאוש אין ציוניזם, אָדער אין די צוויבער־טעג פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין יאָר 1905, אָדער אין די צייטן ווען עס האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט די במקום־נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגיע פון ניט־אַסי־מילאַציע און ניט־גאולה — ווען עמיצער וואָלט דאַן געקומען צו אונז, די איינצעלנע און איינזאַמע, וואָס האָבן אָנגענומען דעם משונה'דיקן באַשלוס צו פאַרברענען אַלע בריקן פון גלות און עולה זיין, און וואָלט געזאָגט, אַז אין אַ האַלבן דור אַרום וועלן אין די טריט פון די יחידים גיין טויזנטער און צענטליקער טויזנטער, בחורים און מיידלעך, וואָס וועלן פונאַנדערבלאָזן אויף דאָס ניי דאָס פייער פון גאולה — איז ווער וואָלט אים געגלויבט?

אָדער ווען איינער אַזעלכער וואָלט צו אונז געקומען, נאָך דעם ווי מיר האָבן געזען ווי די געצעלטן פון דער העברעאישער ליטעראַטור ליידיקן זיך אויס, נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך באַטראַכט אַלס לעצטע העברעאיש־לייענער, און וואָלט אונז געזאָגט, אַז גאָר אין גיכן וועלן די דאָזיקע לעצטע זיין די ערשטע פון אַ נייעם דור לייענער, פון אַ לעבעדיקער ליטעראַטור, וואָס אירע שרייבער און לייענער זיינען ניט סתם־לייענער, און ניט סתם־שרייבער, נאָר ביידע צוזאַמען מאַכן זיי אַדורך אַ לעבן פון אויפבוי און כיבוש — ווען עמיצער וואָלט צו אונז דאַן מיט עפּעס אַזוינס געקומען, צי וואָלטן מיר אים ניט באַטראַכט ווי איינעם וואָס מאַכט חוזק פון אונזער אומגליק?

און דאָך איז דער דאָזיקער וווּנדער געשען פאַר אונז אין די אויגן.

ניט קיין פלייסיקע, אויסגעפּרוּווטע האַנט האָט דעם „החלוץ" אויס־געהאָדעוועט. ווי אַ נאָכוווּקס, פון זיך אַליין איז ער אויפגעקומען. די באַווע־גונג און אירע פירער האָבן וועגן אים ניט געזאָרגט. קיינער האָט ניט געקלאָגט ווען דער „החלוץ" איז ניט געווען אָדער ווען ער איז געווען שוואַך. פאַר־קערט — מאַנכע האָבן מורא, טאָמער וועט ער, חלילה, ווערן צו שטאַרק,

טאָמער וועט ער ווערן איינפלוסרייך, קריגן „פּריווילעגיעס". צייטנווייז פאַר־דריסט זיין עצם עקזיסטענץ, וועלכע לאָזט ניט רוען, וועלכע מאָנט און פאָדערט. און קיינער ברענגט ניט ארויף אויפן געדאנק, אז דער „החלוץ", וואָס איז א יוצא־דופן אין דעם אָפיציעלן ציוניזם — ער איז עס דער „חנינא בני", וואָס באגנוגנט זיך מיט א טעפל פייגן פון איין ערב־שבת ביזן צווייטן, און וואָס צוליב אים, דאָס הייסט — א ו י ף א י ם, שטייט די וועלט, די ארץ־ישראלדיקע. פּרווו היינט צו טאָג ארויסנעמען פון דעם ארץ־ישראל־ווערק דעם „החלוץ" — וועסטו זען, וואָס פאַר א פּוסטער חלל עס וועט בלייבן.

אָבער דער דאָזיקער „נאָכוווקס", וואָס יעדער ווינט פון דער ארץ־ישראלדיקער ארבעט האָט אים געטראָגן און פאַרזייט אויף די פעלדער פון גלות, האָט זיך ניט באגנוגנט מיט דער פּרוכט, וואָס ער האָט צוריקגעצאָלט דער שטאָם־מוטער. ער איז אויך געוואָרן א רעאַלער פאַקטאָר אין דעם יידישן גלות־לעבן. ער האָט עס איינגעפּאַסט די לעבעדיקע ארץ־ישראל אין דעם יידישן לעבן: ניט פּאָליטישער ציוניזם, ניט „זייאָניזם" און רעוויזיאָניזם, נאָר די לעבעדיקע, ארבעטנדיקע ארץ־ישראל. דאָס וואָס הערצל האָט געמאכט מיטן געדאנק פון דעם פּאָליטישן ציוניזם, וואָס ער האָט אים ארויסגעפירט פון א שמאָל געסל אויפן ברייטן שליאַך ארויף — דאָס האָט דער „החלוץ" מיט קאָלעקטיווע אָנשטרענגונגען געמאכט מיטן געדאנק פון פּערזענלעכער ה ג ש מ ה.

דער „החלוץ" האָט זוכה געווען און אין אים און צוליב אים איז מקויים געוואָרן די הבטחה: ארץ ישראל וועט פאַרשפּרייט ווערן איבער אלע לענדער („עתידה ארץ־ישראל שתתפשט בכל הארצות").

אַמאָל האָבן יידן אין די גלות־לענדער געקענט אזא מין ציוניזם: דעם שקל, דעם פאָרזיצער פון דעם ציוניסטישן פאַריין, דעם „דעלעגאַט", דעם „מורשה". און אָט זיינען געקומען טעג, דוכט זיך — טעג צעטומלטע, צע־דרייטע, ווען דער ציוניסטישער בעל־הבית איז אנטרונען געוואָרן און דער העברעאישער משכיל איז „מיד" געוואָרן, און דאָ פּלוצים זיינען אויסגע־וואַקסן: „הכשרה", „קבוצה", „קבלנות" און א שטיינהאַקעריי און א האָלץ־האַקעריי און העברעאיש און ארץ־ישראלדיקע ליטעראַטור און „אין דאַרף אריין!" און „צו פיזישער ארבעט!" — ווער האָט עס אלץ געמאכט?

אונזערע קעגנער, וואָס האַלטן אין איין קלאָגן זיך אויף אונז און אין איין באקלאָגן אונז, טענה'ן: אזא קליין לענדל, שטיין און מדבר — האַלט עס אין איין צאַפּן דאָס בלוט פון דעם פאָלק: גיב און גיב! גיב מיטלען, גיב מענטשן!

און די באקלאָגער פאַרמאַכן בכוונה די אויגן ניט צו זען, וואָס די

הײנטיקע ארץ־ישראל, די קלײנע און אָרעמע און הונגעריקע, גיט דעם גלות: ג ל ו י ב ן, — אַן אידעע װאָס רוקט שטײנערנע בערג פון זײער פּלאַץ.

און דאָס װאָס ארץ־ישראל גיט — גיט זי ניט בלויז פון אונזער שטאַנדפּונקט אַלײן: דאָס, װאָס עס װערט ניט אויסגעלאָשן דער אש־התמיד, דער אײביקער פײער; דאָס, װאָס עס װערן מאָביליזירט און אַקטיװיזירט די גאולה־כוחות, װעלכע ליגן באַהאַלטן טיף אין דער נשמה פון אונ־זער פאָלק.

די דערהויבענע מענטשלעכע דערשײנונג, װאָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין דעם חלוץ — צי דען ניט ז י האָט אויסגעגליכן דעם רוקן פון ייד אין גלות? אין טעג פון עקאָנאָמישן חורבן און געזעלשאַפטלעכער דעמאָראַלי־זאַציע — האָבן ניט די מ אָ ר אַ ל י ש ע װערטן פון „החלוץ" געדינט אַלס עמוד־אש פאַר דעם גלות־יידנטום? אין די טעג, װען די װעלט איז פול געװוען מיט װאַלוטע־האַנדל און מיט ספּעקולאַציע, האָט ניט דער „החלוץ" געשאַפן אַרבעטס־פּלעצער און אידעען־לעבן? ניט ער האָט געיאָגט פון פּאַראַזיטיזם, האַנדל־װאַנדל? ניט ער, דער „החלוץ", האָט געשאַפן אַ װעלט פון באַגריפן, װאָס ניט בעל־ביתישע פּאַרטײען און ניט אַרבעטער־פּאַרטײען האָבן פון זײ קײן אַנונג ניט געהאַט?

דער „בונד" האָט אויפגעהייבן פון בלאָטע דעם אַרבעטער, דעם משרת. אָבער די באַציאונג צו דער עצם אַרבעט האָט ער ניט געענדערט. זײן הער־שאַפט אויף דער יידישער גאַס האָט ער זיך באַמיט אײנצופירן ניט דורך דעראָבערן אַרבעטס־פּאָזיציעס אין די שיכטן פון פּאַרמיטלערס און לופט־מענטשן, נאָר דורך אָנװאַרפן פּאָליטישע העגעמאָניע אויפן לעבן, אַזוי װי ס'איז. אַנטקעגן דער צעשיטערונג פון די אַרבעטס־פּאָזיציעס אין לעבן פון דער יידישער געזעלשאַפט, אַנטקעגן דער דעקלאַסירונג פון יידישן אַרבעטער און זײן איבערלויפן צו די פּאַרמיטלערישע קלאַסן — איז דער „בונד" געװוען אָנמעכטיק.

די חלוצישע באַװעגונג האָט אויפגעהייבן פון בלאָטע — ד י אַ ר ב ע ט. זי האָט אױפגעשטעלט די אַרבעט אין צענטער פון פאָלקס־לעבן. זי האָט כסדר דעראָבערט פאַר דער אַרבעט אַלץ נײע און נײע פּאָזיציעס אין דער געזעלשאַפט. זי האָט געמאַכט פון דער יידישער יוגנט אַ בריק צום יידישן אַרבעטער־קלאַס, צום צוקונפטיקן אַרבעטס־פאָלק.

און די באַגריפן פון געזעלשאַפט און מאָראַל אין דער צוקונפטיקער אַרבעטס־װעלט האָט די חלוצישע באַװעגונג, נאַטירלעכערװײז, צונויפגע־בונדן מיט ארץ ישראל. און ניט סתם, צוליב מליצה, נאָר אַלס לעבנס־װעג. דערמיט האָט דער „החלוץ" פאַרװאַנדלט ארץ־ישראל — אפילו פאַר די װאָס

האָבן זי ניט געקענט, אָדער האָבן זי פיינט געהאַט — אין א סימבאָל פון נייע מאָראַלישע און געזעלשאַפטלעכע ווערטן. און אזוי האָט דער „החלוץ" פאַרפלאַנצט ארץ ישראל אין דער ערד פון דעם גלות.

(1928, אָנגעשריבן געוואָרן צום צען־יאָריקן יובל פון „החלוץ").

וועגן דער „החלוץ" טעטיקייט

[פראַגמענטן פון ב. קאַצנעלסאָנס רעדע אויף דער „החלוץ"־וועלט־באַראַטונג אין דאַנציג, אין יאָר 1927]

עס זיינען געווען צייטן, ווען מיר — אין ארץ־ישראל — האָבן געגלויבט, אז ארץ־ישראל איז א שוץ קעגן כלערליי צרות; מיר האָבן געגלויבט, אז יענער כוח, יענער טיפער אינסטינקט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין איינוואָרצלען זיך אין דער ערד, אין העברעאישער קולטור, אין ארבעט — איז אימשטאַנד צו פאַרזיכערן, אז מיר וועלן זיך פעסט האַלטן. אָבער מיר האָבן זיך איבערצייגט, אז אונזער ווערק פאַלט דאָך אריין פון מאָל צו מאָל אין קריזיסן, אז מיר ליידן אויך מפּלות און אז מען מוז פאַרשטאָפּן די שפּאַלטן. אין ארץ־ישראל באַמיען מיר זיך צו מאַכן אזא רעמאָנט, — אין דער „החלוץ"־באַוועגונג שטייט אויך די זעלבע פראַגע. סוף־כל־סוף געהערן מיר דאָך אלע צו איינער און דער זעלבער באַוועגונג.

עס איז וויכטיק צו קענען פּאָליטיש אויפפאַסן פאַרשיידענע ענינים, אָבער מען דאַרף זיך ניט צופיל פאַרנעמען מיט פּאָליטישע פאָרמולעס. די ארבעטס־באַוועגונג אין ארץ־ישראל איז זייער א קאָמפּליצירטע דערשיינונג; אין א קאָנצענטרירטער פאָרם אַנטהאַלט זי אין זיך אלע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געשאַפן די ביל"ו־באַוועגונג, און אויך אלע יענע געדאַנקען, פאַר וועלכע עס האָבן געקעמפט י. ל. פּינסקער און י. ל. ליליענבלום, און דערנאָך הערצל און סירקין מיט באָראָכאָוון. עס איז דאָ געווען א קיצור־הדרך סיי ביי די פּאַרטייען און סיי ביי דער יוגנט. זיי האָבן געירשנט אידעען און סימבאָלן, און זיי גייען ביים שיין פון באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן.

לאָמיר נעמען די פראַגע פון הכשרה, אזוי ווי זי איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער דאָזיקער באַראַטונג. איך האָב געזען בחורים, וואָס האָבן מיטגעבראַכט קיין ארץ־ישראל אַן אויסגעצייכנטע הכשרה, — אָבער גענוגט עס דען? די עיקר פראַגע איז, צי איז זיי, צוזאַמען מיט דער פאַכלעכער הכשרה, געגעבן געוואָרן אויך די חלוצישע הכשרה, און צי האָבן זיי בכלל אָנטשפּראָכן דעם לעבן אין ארץ־ישראל און אירע באַדינגונגען. איך שאַץ

טעכנישע קענטעענישן, יעדן פאך וואָס לאָזט זיך באהערשן, אָבער קודם־כל מוזן מיר האָבן דעם ג ו ט ן ז ע ל נ ע ר. וויכטיק איז אונז דער פאכמאן, וואָס וויל זיין א זעלנער, וואָס איז גרייט צו זיין א זעלנער פון דער חלוצישער ארמיי אין ארץ־ישראל, א זעלנער וואָס שטעלט זיך אין אונזערע רייען, אין רשות פון כלל.

ס'איז נויטיק א ברייטע קולטור־טעטיקייט און א פארטיפונג פון העברעאיש־קענטעניש אין „החלוץ". אָן דעם וועלן מיר ניט קענען פאר־פאנצערן די יוגנט קעגן כלערליי שטרויכלונגען און געפארן, וואָס לויערן אויף איר אין איר וועג. מען דארף אָנגרייטן „צידה לדרך", שפייז אויפן וועג. אָן אזא שפייז און אָן א טיפער העברעאישער קולטור וואָלט איך אויך ניט אויסגעהאלטן. די ערשטע קרבנות אויף אונזער וועג זיינען געווען די, וואָס זייערע ווארצלען אין אונזער קולטור זיינען ניט געווען גענוג טיף. מיר זיינען ארומגערינגלט דורך א רייכער וועלט — מיט פאָליטישע און קולטור־רעלע פערספעקטיוון, און מיר אין אונזער קליין אָרעם וועלטל ראנגלען זיך אָפט ארום צווישן האָפענונג און פארצווייפלונג. איז ווען איך נעם אונזער טרוקענע יוגנט־פרעסע און זע איר קולטורעלע באַדנלאָזיקייט — האָב איך מורא פאר דער דאָזיקער שוואכער פאָזיציע פון דער יוגנט, וואָס האלט זיך נאָך אין אנטוויקלען.

*

איך שאַץ הויך די קיבוצישע באוועגונג און האלט אז עס ליגט אויף איר א היסטאָרישע אויפגאבע, אָבער די ראָמאנטיק אין שייכות צו א לעבנס־פאָרם טאָר מען ניט אוועקשטעלן אויפן אָרט פון דער ראָמאנטיק אין באצוג צו דער עצם קאָלאָניזאציע אין ארץ־ישראל. עס איז א גרויסער דערציערישער און אויך פאָליטישער פעלער, צו קומען און פראָקלאמירן א באשטימטע לע־בנספאָרם אלס דער א י י ן א ו ן א י י נ צ י ק ע ר וועג אין לעבן: זאָלסט וויסן זיין, אז דאָס — און נאָר דאָס — איז דיין וועג! — אזא דערציאונג מאכט דעם יחיד אָרעמער, און ער הערט אויך אויף צו זען ארץ־ישראל אלס עיקר. מען טאָר ניט פארוואנדלען לעבעדיקע ווערק אין דאָגמעס. דאָ לויערן אנטוישונגען פאר דער באוועגונג.

*

עס זיינען געווען גאנצע עפּאָכעס, וואָס זיינען געשטאנען אונטערן איינפלוס פון א דערציערישער ליטעראטור. עס קען זיין, אז די דאָזיקע צייטן זיינען שוין פארביי, און אז מיר לעבן אין אן עפּאָכע, ווען די טעכנישע דערציאונג, די פראקטישע, איז פילייכט פיל וויכטיקער. דעריבער שיינט

עס, אז אין אונזער דור קען מען ניט פֿאָדערן אַן אַלזייטיקע פּאַרטיפּונג אין ליטעראַטור, אַזוי ווי מיר האָבן עס געטאָן מיט אַ דור צוריק. אָבער עס איז קיין ספק ניט, אַז עס איז אונז נויטיק אַ באַדייטנדיקע ליטעראַרישע באַוואָפֿנונג, כדי אונזער באַוועגונג זאָל זיין שטאַרק און מעכטיק. עס ווערט געפֿירט קעגן אונז אַ שווערער קולטור־קאַמף. די גרויסע וועלט ציט צו זיך — שטייט דעריבער אין איר גאַנצער שאַרפֿקייט די פֿראַגע, ווי אַזוי צוצוגרייטן דעם יונגן דור אַזוי, אַז ער זאָל קענען שטיין פֿעסט אויף זיינע פֿיס.

איך מיין ניט, אַז די העברעאישע קולטור הייבט זיך אָן מיט אונז, אָדער אפֿילו מיט אַ דור פֿריער פֿון אונז. אַרום און אַרום זיינען מיר אַ יונגער צווייג אויפֿן העברעאישן קולטור־בוים, וואָס הגם ער זאָגט אַ סך צו און ער וועט זיך וואַרשיינלעך אַנטוויקלען און געבן פּרוכט, איז ער נאָך דאָך אָפּהענגיק פֿון דעם גאַנצן בוים.

איך האָב אין די גלות־לענדער ניט געפֿונען די ריכטיקע באַציאונג צום העברעאישן בוך און צייטונג, וואָס מיר, די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער, געבן אַרויס. אָן דעם וועט די יונגע באַוועגונג ניט קענען דערפֿילן אירע דערציערישע אויפֿגאַבן.

איך וואָלט וועלן דערוועקן די פֿראַגע, וואָס וועגן איר דאַרף דענקען דער „החלוץ״, און באַזונדער דאַרף וועגן איר טראַכטן די יוגנט־באַוועגונג: די העברעאישע שול. עס איז געקומען די צייט אויפֿצוהייבן מיט אייגענע כוחות די פֿאָן פֿון דער העברעאישער קולטור, וואָס פֿאַלט אַרויס פֿון די הענט פֿון אירע טרעגער. אויב דער „החלוץ״ און די יוגנט־באַוועגונג וועלן נעמען אויף זיך די דאָזיקע אויפֿגאַבע — בין איך זיכער, אַז עס וועלן זיך פֿאַר זיי עפֿענען נייע, געזונט־מאַכנדיקע קוואַלן.

א ר ב ע ט

רעכט אויף ארבעט

[פון שמועסן מיט די מדריכים פון הנוער העובד, 1934]

פארשקלאפונג קען דערוועקן אין דעם מענטשן איינגעשלאָפענע כוחות, קען ארויסברענגען א מעכטיקן ווידערשטאנדס־כוח — אויב דער פארשקלאפ־טער פ י ל ט די ביטערקייט פון זיין פארשקלאפונג. און דער גלות קען זיין א קוואל פון גאולה, אויב דער ייד ו ו י ט י ק ט אים אין זיין גאנצער טיפ־קייט. אָבער דער, וואָס זיין קנעכטשאפט איז פאר אים א נאטירלעכע זאך — ווי אזוי וועט ער באפרייט ווערן? וואָס פאר א טעם האָבן איוב׳ס יסורים, אויב ער אליין אנערקענט ניט זיין איוב׳שקייט?

וואָס פאר א געפיל דארפן אין אונז ארויסרופן יענע יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך צו אונז געראטעוועט פון גלות־פייער, און וואָס זייער זאָרג איז ניט פאר די וואָס זיינען פארבליבן אין דייטשלאנד, תימן, אלזשיר; פאר די וואָס קלאפן אויף די פארשלאָסענע טויערן פון ארץ־ישראל; פארן גורל פון חלוצים וואָס האָבן קיין סערטיפיקאטן ניט; פארן גורל פון „אומלעגאלע״ עולים. ניין, זיי זיינען פול מיט זאָרג פארן אראבישן ארבעטער. זיי זיינען פול מיט ספקות, צי ס׳איז דערלויבט צו קעמפן פאר יידישער ארבעט. א מאָדנע זאך: מיר אליין, אונזער וועזן און אונזער רעכט צו לעבן — ליגן אונטער א ספק, אָבער אונזערע פליכטן לגבי דעם אראבישן ארבעטער — פליכטן אמתע און כלומרשטע — זיי זיינען כולו זיכער.

אונזערע בעסטע רעוואָלוציאָנערע כוחות האָבן שוין לאנג געשטעמפלט דעם דאָזיקן יידישן טיפ, דעם רעוואָלוציאָנערן מעקלער, וואָס מיט זיין גאנצן זיין „א ליכט פאר די פעלקער״, א רעוואָלוציאָנער און א קעמפער און א העלד, איז ער שפלדיק, פחדנותדיק און אונטערטעניק, ו ו ע ן ד ע ר ג ו ר ל פ ו ן ז י י ן פ אָ ל ק ש ט ע ל ט א י ם פ א ר א נ ס י ו ן.

— — — לאָמיר נעמען די פראגע פון יידישער ארבעט. אז־אָך־און־ווי צו אונז, אויב יידישע ארבעט איז נאָך פאר אונז א „פראגע״. ווי גרויס דארף

ביי אונז זיין די גייסטיקע פאַרקריפּלונג, אויב די חרפּה וואָס ברעכט אונזער האַרץ איז ניט ד אָ ס, וואָס אונזערע וואַרצלען אין אַרבעט זיינען אַזוי ווייניק און אַזוי פלאַך, און אויב די דאגה וואָס פּרעסט אונז אויף איז ניט ד אָ ס, וואָס מיליאַנען ברידער אונזערע גייען צום גרונט, ניט האָבנדיק קיין אַרבעט און אפילו ניט קיין פּערספּעקטיוו צו אַרבעט און מענטשלעכער עקזיסטענץ; אַנשטאָט דעם זיצן מיר, קוועטשן די באַנק און פילאָזאָפירן, צי מעגן מיר פאָדערן אונזער רעכט אויף אַרבעט, צי ווערט עמיצער ניט געטראָפן דורך דער דאָזיקער פאָדערונג אונזערער, צי שעדיקט זי ניט דער וועלט־געזעלשאַפטלעכקייט און דער אַרבעטער־פּאַרברידערונג. מיליאַנען יידישע מענטשן זיינען אייביקע אַרבעטסלאָזע, וואָס גייען אויס פון הונגער און זיינען פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג — זייער עקזיסטענץ רירט ניט אָן ניט די וועלט־געזעלשאַפטלעכקייט און ניט די אַרבעטער־פּאַרברידערונג, אָבער אונזער קאַמף פאַר אַרבעט רירט יאָ אָן.

וואָס פאַר אַ מאָראַלישע דערקענטעניש איז דאָס, וואָס טעאָרעטיש אַנערקענט זי די רעכט פון יעדן מענטשן, און פּאַקטיש איז — „אויסער יידן"? און וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ מין פרומקייט יידישע, וואָס איז אַזוי ערלעך און פאַנאַטיש, וואַכזאַם און עמפּפינדלעך לגבי יעדער עוולה, וואָס איר רחמנות־געפיל נעמט אַרום אַלץ און אַלעמען, און נאָר אין איין איינציקן פּונקט איז זי בלינד און טויב — אין דעם יידישן פּונקט?

אונזער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט — וואָס איז זיין ציל? צי בלויז כדי צו פאַרזיכערן פּרנסה און אַ לייכט לעבן פאַר עטלעכע צענדליק טויזנט חברים פון דער הסתדרות? צי איז עס אַ קאַמף לטובת אַן אַריסטאָקראַטישע שיכט פון אַרבעטער־מיוחסים, וואָס וועט פאַרן רייטנדיק אויף די פּלייצעס פון עקספּלואַטירטע און פאַרשקלאַפטע מאַסן פון אַן אַנדער פאָלק? אָבער צוליב דעם דאַרף מען דאָך ניט אָט דעם גאַנצן קאַמף. די דאָזיקע מעגלעכקייטן זיינען פאַראַן פאַר אונז סיי ווי סיי. זיי זיינען אָפן פאַר אונז. דער קאַמף פאַר יידישער אַרבעט גייט אָן לטובת ד י צ ו ק ו נ פ ט י ק ע ע ו ל י ם, כדי צו פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פאַר מאַסן דעקלאַסירטע און פּרנסה־לאָזע, כדי צו פאַרזיכערן אַרבעט פאַר מאַסן פון אַ ר ב ע ט ס ל אָ ז ע. ווער עס פּסלט אונזער רעכט אויף אַרבעט, זאָגט ער אונז אָפּ אונזער רעכט אויף לעבן — רעכט אַלס יחידים און רעכט אַלס פאָלק. און ווער עס פאַרבאָט אונז צו פאָדערן אַרבעט און צו קעמפן פאַר איר — נעמט פון אונז אוועק די מעג־לעכקייט פון עליה, די עקזיסטענץ־מיטלען, דעם שאַנס צוריק איינוואָרצלען זיך אין פאָטערלאַנד און די האָפענונג צו פאַרווירקלעכן די טעריטאָריאַלע קאָנצענטראַציע.

פאלשע גלייכהייט

[פון שמועסן מיט די מדריכים פון הנוער העובד, 1934]

ס'וואָלט לייכטער געווען צו פאַרשטיין די פּראָבלעם פון יידישער אַרבעט אין ארץ ישראל (און כדי צו פאַרשטיין עס מוז מען דורכדרינגלעך באַגרייפן די היסטאָרישע אומשטענדן, אין וועלכע דאָס פאָלק האָט געלעבט און וועלכע האָבן אים דערפירט צו דעם היינטיקן מצב זיינעם), ווען ניט דער באַקוועמער שאַבלאָן־צוגאַנג, וואָס איז אַזוי אָנגענומען ביי דער יוגנט, — דער שאַבלאָן פון טערמינאָלאָגיע און „קאָסמאָפּאָליטישער" וועלט־אָנשויאונג. די דאָזיקע וועלט־אָנשויאונג, וואָס האָט געהערשט אין דער עפּאָכע פון השכלה און אין די קינדער־יאָרן פון סאָציאַליזם, צייכנט זיך אויס מיט איר אויסטערלישער איינפאַכקייט: די ווירקלעכקייט פון פעלקער, דער גורל פון פעלקער, זייערע ספּעציפישע היסטאָרישע אומשטענדן, זייערע באַזונדערע ליידן און ווייטיקן — דאָס אַלץ עקזיסטירט פאַר איר ניט. ס'איז פאַראַן אַ מענטש, ס'איז פאַראַן אַ מענטשהייט — און דאָס איז אַלץ. אַלע מענטשן זיינען גלייך און איין געזעץ גילט פאַר אַלעמען — ווערן במילא אַלע פראַגן פאַרענטפערט פון זיך אַליין. און נאָך איידער די וועלט וועט פאַרווירקלעכן אין לעבן די אַלגעמיינע גלייכהייט פון אַלע מענטשן, פאַרווירקלעכן די אָנהענגער פון דער קאָסמאָפּאָליטישער וועלט־אָנשויאונג די דאָזיקע גלייכהייט אין זייער געדאַנק: זיי פאַרטושן יעדע ספּעציפישקייט, גלייכן אויס אַלע פאַרקרימונגען, היפּן גראַציעז איבער די אומגעהויערע פּלאָנטערס, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דער מענטשלעכער געשיכטע, גלייך ווי זיי וואָלטן ניט עקזיסטירט. אין אַ באַשטימטן עלטער איז דאָ אַ געוויסער צויבער אין דער דאָזיקער איינפאַכדיקער אויפפאַסונג, וואָס גלעט אויס אַלע אומ־גלייכקייטן און מיידט מיט לייכטקייט אויס פאַרשיידענע שווערע פּלאָגן פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אַזאַ אויפפאַסונג איז באַזונדערס באַקוועם פאַר די אַלע פון די דער־נידעריקטע פעלקער, וואָס ווילן זיך ארויסדרייען פון זייער מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס און אויסשפּאַנען זיך פון דעם יאָך פון זייער ספּעציפישקייט, די וואָס ווילן זיך אויסלייזן דורך אַנטלויפן פון זייער פאָלק. פון דער צווייטער זייט און פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט איז אויך פאַר די אַרבעטער־פּאַרטייען פון די הערשנדע פעלקער באַקוועם גרינגצושעצן — קאָסמאָפּאָליטיש — די נאַציאָנאַלע ווירקלעכקייט און דעם נאַציאָנאַלן פאַקטאָר: אַנשטאָט צו אָנערקענען די גערעכטיקייט פון די פאָדערונגען פון די באַוועלה'טע פעלקער, אַנשטאָט אָפּצוזאָגן זיך פון די פּריווילעגיעס, וואָס אַפילו דער אַרבעטער, אַלס אַנגעהעריקער צום הער־

שנדיקן פאָלק, געניסט פון זיי, קענען זיי בעסער — אין נאָמען פון דעם דערהויבענעם קאָסמאָפּאָליטיזם — פריידיקן און פאָדערן פון די ארבעטער פון די אונטערדריקטע פעלקער, אז זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייערע פרעטענזיעס, זאָלן רעזיגנירן פון זייער נאציאָנאליזם, זאָלן אַדאָפּטירן די שפּראַך און קולטור פון דער „העכערער" נאציע. אזא אויפקלערונג פלעגן די דייטשע ארבעטער, אין משך פון לאנגע יאָרן, פירן צווישן די ארבעטער פון די סלאווישע פעלקער ; אזוי פלעגן זיינער צייט די רוסישע ס"ד — פּלעכאנאָוו און לענין — אויפקלערן די זאַך צו די פּוילישע און אוקראַינישע ארבעטער. און אָט אזוי פלעגן סאָציאַליסטן פון אלע הערשנדיקע פעלקער — דייטשן און רוסן און פּאָליאקן, אלע גלייך — פריידיקן צום יידישן ארבעטער. ערשט נאָך לענגערע קאמפן פון אונטערדריקטע פעלקער און זייערע ארבעטער־באוועגונגען האָט זיך דער סאָציאַליסטישער געדאנק עמאנסיפּירט פון דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעע און איז דערגאנגען צום באגריף פון *אינטערנאציאָנאליזם*: ניט די פארטושונג פון דער נאציאָנאלערווירקלעכקייט און ניט די פארלייקענונג פון נאציאָנאלער אונטערדריקונג, נאָר דאָס אנערקענען די גלייכהייט און סאָלידאריטעט פון די פעלקער. דער קאָסמאָפּאָליטיזם האָט ניט געוואָלט פארשטיין, אז *דער יחיד קען ניט עקזיסטירן אויסערהאלב זיין פאָלק*. דעריבער האָט ער אויך ניט פארשטאנען, אז גלייכהייט צווישן מענטשן איז ניט מער ווי א פּוסטע פראזע כל זמן ס'עקזיסטירט ניט די גלייכהייט צווישן פעלקער. *קיין שום רעזשים קען ניט זיין גערעכט לגבי א יחיד אויב ער איז ניט גערעכט לגבי דעם פאָלק פון דעם יחיד*. דער דאָזיקער געדאנק איז א נייער עטאַפּ אין דעם באוווסטזיין פון מענטשלעכער גערעכטיקייט און גלייכהייט. די וועלט, מיטן פּראָלעטאריאט אין דער שפּיץ, האָט ניט ווייניק געליטן פון דעם, וואָס זי איז אזוי שפּעט געקומען צום דאָזיקן באוווסטזיין, הגם אויך נאָך דעם ווי די וועלט האָט שוין יאָ דערגרייכט דעם דאָזיקן באוווסטזיין, איילט זי זיך נאָך לגמרי ניט צו פארווירקלעכן עס אין לעבן.

וואָס פאר א ווערט האָט גלייכהייט, אויב דו קענסט פון איר ניט גענים? איז דאָ קומסטו צום אונטערשייד צווישן *פאָרמעלער* און *רעאַלער* גלייכהייט. די הונדערט און פופציק יאָר פון יידישער עמאַנסיפּאציע האָבן אונז דערוויזן באשיינפּערלעך, מיט ליידן און באליידיקונגען, אז די יורידישע גלייכהייט האָט נאָך אונז ניט אויסגעגליכן אין דער געזעלשאפט, האָט ניט אַפּגעשאפט די מחיצות און באגרענעצונגען אין עקאָנאָמישן לעבן, אין באוווסטזיין און אין געזעלשאפטלעכע באציאונגען. אויך די ארבעטער האָבן — אויף זייער אייגן הויט — דערפילט די דיפערענץ צווישן גלייכהייט אין טעאָריע און גלייכהייט אין פּראקטיק. אין דער קאפּיטאליסטישער אָרדע־

נונג זיינען אַלע בירגער גלייכבאַרעכטיקט. אוודאי איז פאַראַן אין דעם אַ סך פּראָגרעס אין פאַרגלייך מיט דער פעאָדאַלער אָרדענונג אָדער דער פאַשיס־טישער אָרדענונג. און דאָך — וואָס איז דער ווערט פון דער דאָזיקער גלייכהייט צווישן דעם אַרבעטער און דעם באַנקיר? אַנאַטאָל פראַנס האָט עס גלענצנד כאַראַקטעריזירט: דער געזעץ איז גלייך פאַר אַלעמען — סיי פאַר ראָטשילדן און סיי פאַר דעם בעטלער, ביידע טאָרן זיי ניט נעכטיקן אויפן בריק...

די דאָזיקע שאַרפע סאַטירע דרינגט דורך די פראַגע ביז צו אירע טיפסטע טיפענישן. און ווירקלעך, אין באַצוג צו סאָציאַלע פראַגן פאַרשטייען שוין יעצט מערערע פון אונז — און די דאָזיקע פאַרשטענדעניש ליגט אין גרונט פון סאָציאַליזם — אַז די אַבסטראַקטע, פאָרמאַלע, מעכאַנישע גלייכ־הייט איז ניט אַלע מאָל אימשטאַנד איינצופירן מענטשלעכע גערעכטיקייט. אַלנפאַלס איז זי ניט ביכולת אויסצוראָטן די אָרעמקייט און הונגער און מענטשלעכע אומגערעכטיקייט. און אין יעדן פאַל ווען ס'ווערט קלאָר, אַז די יורידישע גלייכהייט איז נ י ט בכוח צו פאַרטיידיקן דעם שוואַכן און אונ־טערדריקטן און באַעוולה'טן, מעגן מיר און מוזן מיר אָפּטרעטן פון דער פאָרמעלער גלייכהייט לטובת דער לעבעדיקער, אמת־דיקער גלייכהייט. אַזוי איז עס אין באַצוג צו „דורכשניטלעכע" סאָ־ציאַלע פראַגן. אָבער ווי נאָר ס'קומט צו אונזערע ספּעציפישע פראַגן, צו אונזערע ליידן און ווייטאָקן, פאַלט אַפילו אונזער אייגענע יוגנט אַריין אין נעץ פון פאָרמעלן דענקען. כ'מיין, אויב אַ היינטיקער מענטש באַקומט אַ פאַרטיקע, גאַנגבאַרע געדאַנקען־ראַם, אַזאַ וואָס אויך יעדער יידישער מענטש קען זי קריגן און האַלטן זיך ביי איר מיט ביידע הענט — טאָ צו וואָס זאָל ער זיך נאָך מטריח זיין און ברעכן זיך דעם קאָפּ צוליב „אַ קליינקייט", צוליב דעם וואָס די דאָזיקע ראַם שעפּט ניט אויס דעם אינהאַלט פון ז י י ן לעבן? ס'שיינט, אַז פאַר אַ סך מענטשן איז עס אַ צו האַרבע פאָדערונג.

דער רוסישער געזעץ אין די צייטן פון די צאַרן פלעגט זיך אָפּט באַנוצן מיט אַ בפירושער באַגרענעצונג: „אויסער יידן". אָבער ניט שטענדיק איז נויטיק, אויפן געזעצגעבערישן אופן צו באַגרענעצן אונזערע רעכט — כדי מיר זאָלן זיין די געליטענע. מען קען זאָגאָר פעסט באַשטיין אויף פולער גלייכבאַרעכטיקונג, און דאָך צו פאַרמינערן אונזער טייל. ס'געשעט אַז ספּעציעלע באַדינגונגען לאָזן אונז ניט געניסן פון אַזאַ גלייכהייט, אָדער זיי ריכטן אַפילו די גלייכהייט ק ע ג ן אונז. די ארץ־ישראל־רעגירונג, צום ביישפּיל, נעמט ניט אָן חלילה קיין באַשלוס ניט צו באַשעפטיקן יידישע אַרבע־טער אין עפנטלעכע אַרבעטן. זי איז דורכאויס טריי דעם פּרינציפּ פון אַבסאָ־

לוטער גלייכהייט. אָבער דעם ארבעטס־לוין שטעלט זי פעסט אזוי, אז דער יידישער ארבעטער זאָל אויף אים ניט קענען עקזיסטירן. אויף אזא אופן פאַלן אריין אַלע רעגירונגס־ארבעטן אין די הענט פון די אראבישע פעלאכן און פון די איינוואנדערער פון עבר הירדן און הורן. דערביי טאָרן מיר ניט חלילה טענה'ן קעגן דיסקרימינאציע: דער גלייכהייט־פּרינציפּ איז דאָך אָפּ־געהיט געוואָרן אין זיין פולער ריינקייט! אדרבא, ווען די רעגירונג וואָלט דעם יידישן ארבעטער געצאָלט א העכערן לוין אָדער זי וואָלט פאַר אים בכלל געשאפן ספּעציעלע באַדינגונגען, וואָס זאָלן אים דערמעגלעכן אָנצו־נעמען רעגירונגס־ארבעט — ערשט דאַן וואָלט זי פאַרשוועכט דעם גלייכהייט־פּרינציפּ. און אזוי, למשל, קען מען אויך איינפירן אין ארץ ישראל אַן אַגראַר־רעפאָרם, וואָס זאָל אין דער מינדסטער מאָס ניט אָנרירן דעם פּרינציפּ פון גלייכהייט, און דאָך זאָל קיין איינציקער ייד ניט קענען געניסן פון איר. עס געניגט, למשל, ארויסצוגעבן א געזעץ, אז בלויז דער וואָס איז א דריטער דור אין לאנדווירטשאפט קען געניסן פון דער רעפאָרם און באַקומען פון דער רעגירונג א באַשטימטן שטח ערד... יאָ, ניט בלויז מיטן בייטש פון גזירות און דיסקרימינאציע קען מען שמייסן דעם שוואכן, — מען קען אויך די גלייכבארעכטיקונג פאַרוואנדלען אין א שמייסיקן בייטש.

מיטן בייטש פון „גלייכהייט" וויל מען שלאָגן אויך די יידישע ארבעט. און ניט נאָר פיינט, וואָס ווילן טאַקע פּראָסט פּשוט שלאָגן אונז, נאָר אויך אונזערע אייגענע מענטשן, וואָס זייער כוונה איז טאַקע באמת גלייכהייט און גערעכטיקייט און פּראָלעטארישע סאָלידאריטעט — אויך זיי פאָכען איבער אונז מיטן בייטש. מען פרעגט אונז: איר, סאָציאַליסטן, ווי אזוי דער־לויבט איר זיך אונטערצושיידן צווישן איין ארבעטער און דעם אנדערן לויט דער אָפּשטאַמונג אזוי, אז אייערע אינסטיטוציעס טיילן אויס ארבעט בלויז די יידישע ארבעטער און זאָגן זיך אָפּ צו באַשעפטיקן אויך אראבישע ארבעטער? וועט איר קענען דערשיינען פאַר א סאָציאַליסטישן טריבונאַל מיט אזא מין אויפפירונג? און ווען מיר פּרובירן „פונאנדערצושיפרירן" די דאָזיקע פאַראיינפאַכטע פאָרמולע און אויפדעקן דעם אמתן אינהאַלט אירן — וויל זיך דער מוח ניט אָפּזאָגן פון זיין באַקוועמער געוווינהייט: ער האָט זיך גערן צוגעוווינט צו פּשוטע נוסחאות. דערקלערן מיר ווידער: ניט מיר האָבן עס דערפונדן די דיסקרימינאציע צווישן ארבעטער און ארבעטער לויט זייער אָפּשטאַמונג. מיר זיינען געקומען קיין ארץ ישראל נאָכדעם ווי די ווירטשאפט אין די גלות־לענדער האָט אונז אויסגעשפּיגן. זיינען מיר געקומען אַהערצו, און די היגע ווירטשאפט האָט אונז ניט אויפגענומען. האָבן מיר זיך איבערצייגט, אז עס איז פאַראַן א ווירטשאפטס־ווירקלעכקייט אין דער וועלט, און אז די דאָזיקע ווירקלעכקייט איז ניט קיין קאָסמאָפּאָליטישע. ווי

מיר זאָלן ניט דעפינירן אירע געזעצן, בלייבט א פאקט: זי אונטערשיידט צווישן אונז און אנדערע און זי וויל אונז אומברענגען; און אויב מיר וועלן זיך ניט אנטקעגנשטעלן און פארטיידיקן זיך — וועלן מיר אומקומען. און נאָך גיבן מיר צו: אַט איז די גרויסע ברייטע אראבישע ווירטשאפט אויפגעפראלט פארן אראבישן ארבעטער און פולשטענדיק פארשלאָסן פאר אונז. פארשלאָסן מיטן כוח פון מעכטיקע אָביעקטיווע פאקטאָרן, וואָס וועלן ניט אָפּגעשאפט ווערן, אלנפאלס נאָך ניט אין משך פון א סך יאָרן. און אַט איז אויך די ארבעטס־ווירטשאפט פון דער רעגירונג פארשלאָסן פאר אונז אין איר גרעסטן, דעצידירנדן טייל. און אפילו א באדייטנדיקער טייל פון דער יידישער ווירטשאפט געהערט ניט צו אונז, נאָר דוקא צום אראבישן ארבעטער. און דאָס אלץ טרעפט ניט אין דער „גלייכהייט" און ניט אין דער גערעכטיקייט, אפילו ניט אין דער פראָלעטארישער סאָלידאריטעט. ווייל ס'איז דאָך „אָן אָביעקטיווע ווירקלעכקייט"! איז אונז איבערגעבליבן איין און איינציק ווינקל, וואָס מיר האָבן אים געשאפן מיט אונזערע אייגענע הענט און מיר האָבן אים דעראָבערט פאר זיך דורך שווערע קאמפן און מערערע קרבנות. איז אפילו פון דעם וועט אונז גאָרניט איבערבלייבן, אויב מיר וועלן עס ניט אָפּהיטן מיט אלע כוחות אונזערע, אויב מיר וועלן ניט האלטן אומעטום און שטענדיק אין איין אויסרופן: ס'איז אונזער אייג־ציקע נחלה. ס'איז א געזעץ אין דעם געלט־מארק: ביליקע מטבעות שטויסן ארויס פון מארק די טייערע מעטאלן. אזוי איז אויך אין ארבעטס־מארק: די ביליקע ארבעט שטויסט ארויס די טייערע ארבעט. וועלן די ביליקע און „באקוועמע" ארבעטס־הענט, וואָס זיינען פאראן אין גרויסע מאסן אין די בעדואינישע געצעלטן און אין די שכנותדיקע לענדער און וואָס אונזער ווירטשאפט און אונזער „רייכקייט" קלינגען אין זייערע אויערן ווי א לעגענדע, פארפלייצן אונז. זיי וועלן אונטערגראָבן די סאמע פונדאמענטן פון אונזער עקזיסטענץ. אויף זייערע פלייצעס, אויף זייער שווייס, אויף זייער ביליקער ארבעט וועט אויפגעהויבן און דערהויבן ווערן אונזערס א הייפל — א הייפל בעלי־בתים און פלאנטאטאָרן און משגיחים און אונטעריאָגער און פארמיטלער און אויך מיוחסדיקע ארבעטער — די פראָפעסיאָנעלע אריסטאָקראטיע. און אלע איבעריקע, די וואָס וועלן ניט „זוכה זיין" ארייננצובאקומען זיך אין דעם דאָזיקן אויבערשטן הייפל, ווער עס וועט וועלן לעבן פון ארבעט — זיי וועט בלייבן בלויז איין ים ארייג־צוווארפן זיך. וועט דער ים זיין די איינציקע רעטונג פאר אונז אלעמען, וואָס האָבן אָנגעשפּאָרט אהערצו, און פאר אלע די מיליאָנען, וואָס בענקען און לעכצן נאָך אַן ארבעטס־לעבן ביי אונז אין לאנד. וועט אַט דאָס זיין די „גלייכהייט"? אָט פאר אזא מין גלייכהייט וועלן מיר עס בויגן אונזער

קאָפּ? עפּעס האָבן מיר דאָך באַהויפּטעט, אַז אמתדיקע גלייכהייט אַנטהאַלט אויך גלייכע רעכט פאַרן יידישן פאָלק צו שפּייזן און צו באַשעפטיקן אין אַרבעט אַלע מיליאָנען יידן — ניט ווינציקער ווי עס האָבן דערצו אַ רעכט אַלע אַנדערע פעלקער! און נאָך האָבן מיר געזאָגט, אַז כל זמן די מענטש־לעכע גלייכבאַרעכטיקונג פאַרזיכערט ניט קיין ר עַ אַ ל עַ רעכט צו אַרבעט אויך פאַרן יידישן אַרבעטסלאָזן — איז די גלייכהייט אַ הינקענדיקע!

ניין, מיר ווילן זיך ניט אונטערגעבן דער דאָזיקער פאַלשער גלייכהייט. כל זמן ס'עקזיסטירט ניט אַ געזעץ אַזאַ און אַן אינטערנאַציאָנאַלער רעזשים אַזאַ, וואָס זאָלן פּ אַ ק ט י ש פאַרזיכערן די גלייכהייט פון דעם אַרבעטסלאָזן פאָלק מיט אַלע אַנדערע פעלקער — מעגן מיר און מוזן מיר מיט אונזער השפּעה און דרוק — פאַרריכטן דעם דאָזיקן פּגם, דעם שווערן פּגם אין דער וועלט־גערעכטיקייט, דעם פּגם וואָס אויסער אונז זאָרגט פאַר זיין באַזייטי־קונג קיינער ניט.

יידישע אַרבעט אויף שאַסייען

[אַ בריוו פון ארץ ישראל, געשיקט קיין אַמעריקע צו דער טאָג־צייטונג פון „פּועלי ציון" „די צייט", כ"א חשון תרפ"א, 1920; דער בריוו איז געשריבן געוואָרן אין יידיש]

עס איז כדאי איר זאָלט וויסן, ווי האַלט עס איצט ביי אונז מיט דער אַרבעט. ביי אונז גייט איצט אַ סדרה „כיבוש", מ'בויט שאָסייען, און אַהערצו זיינען איצט געווענדעט די הויפּט־כוחות און אויסזיכטן.

נאָך דעם ווי אין לאָנדאָן און ניו־יאָרק זיינען די תקציבים גרינדלעך געקירצט געוואָרן, כמעט צו נישט געוואָרן, און עס איז פון זיי אויסגע־שטראָכן געוואָרן יעדע מעגלעכקייט פון לאַנדווירטשאַפט און אַרבעט — קענט איר דאָך מיינען, אַז ביי אונז הערשט אַן אַרבעטסלאָזיקייט, די ביי־אָנגעקומענע וואַלגערן זיך אין די גאַסן, זוכן שיפן אויף צוריק וכדומה. האָט איר אַ טעות. גאָט איז אַ פאָטער, אָדער ארץ ישראל איז אַ מוטער. אַ שטיקל ישועה האָט אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן פון גאָר אַן אַנדער צד. אַן אמת טאַקע, די פינאַנציעלע לאַגע פון ציוניזם און די ווירטשאַפטס־סיסטעם פון דער לייטונג האָבן שמערצלעך געטראָפן דעם קיום פון די קבוצות, אָפּגענומען ביי זיי די האָפענונג, זיי זאָלן זיך קענען אין גיכן שטעלן אויף די פיס, פּאַראַליזירט בכלל די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג (וועגן אינדוס־טריעלע איז פאַרשפּאָרט צו רעדן — זי האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן) און איבערגעלאָזן די עקזיסטירענדע אַרבעטס־ווירטשאַפטן אָן שום הילף אין

זייער לאנג־יאָריקן שווערן ראנגלען זיך מיט די דעפיציטן. עס איז דערביי געשטאַנען די סכנה, אז די ניי־אָנגעקומענע ארבעטער און חלוצים זאָלן ניט האָבן ניט נאָר קיין אָרט ווו ארייַנצודרינגען אין דער לאנדווירטשאפט, נאָר אפילו פשוט וואָס צו טאָן, ווי איבערצוקומען. אָבער אונזער ארבעטער־עולם האָט אליין מיט זיינע כוחות, מיט זיין גרויסער אָנשטרענגונג אָפּגע־שטויסן אויף א צייט די סכנה פון דעם חורבן, און אויף זיין אייגענער אחריות געעפנט די טויערן פון נייער ארבעט פאר זיך, פאר די ניי־אָנגע־קומענע און אָנקומענדע. די ארבעטערשאפט האָט זיך א לאָז געטאָן צו א נייעם „כיבוש" — צו רעגירונגס־ארבעטן.

אויפן וועג פון כנרת ביז טבריה איז איצט לעבעדיק. ווייסע געצעלטן זיינען צעשפרייט איבערן וועג. עס גייט א פריילעכע ארבעט. די ווולקאנישע פעלזנבערג פון טבריה ווערן פון יידישע יונגעלייט מיט פולווער אויפגע־ריסן, די אויפגעריסענע שטיינער מיט האמער צעקלאפט, איבער די „וואדיס" ווערן בריקן געבויט, דער באָדן ווערט געבראָכן, דער וועג ניוועלירט, טאַטשקעס און וואגאָנען אויף רעלסן לויפן ארום הין און צוריק, אָנגעלאָדן מיט אויסגעגראָבענע ערד.

זעקס הונדערט ארבעטער, „אלטע" און נאָר־וואָס אָנגעקומענע פון שיף, טבריה׳ר, ספרדים און באפרייטע לעגיאָנערן, יינגלעך און מיידלעך, בלוט און מילך, פון גאָר דער וועלט: פון קרים, פון ליטע, פון גאליציע, פון דייטשלאנד, פון פוילן, פון אוקראינע, זיינען דאָ קבוצות־ווייז צעשפרייט איבערן וועג. זיי בויען דעם שאָסיי פון טבריה ביז צמח (אייזנבאַן חיפה—דמשק).

דער שאָסיי איז די לענג 12 קילאָמעטער. א ברייטער וועג, אויפן ברעג פון ים כנרת. צוגעפאסט כדי דורכצופירן אן עלעקטרישן טראַמוויי.

די ארבעט ווערט געפירט ניט פון א בעל־הבית, ניט דורך א קבלן — אָן אונטערנעמער, אָן שום הילף פון משגיחים, אָן א שטאב פון אויפפאסערס און משרתים. דאָס האָט די הסתדרות הפועלים החקלאים, די לאנדווירט־שאפטלעכע ארבעטער־אָרגאניזאציע, די הויפט־זייל פון „אחדות־העבודה", אָנגענומען די ארבעט דירעקט פון דער רעגירונגס־אָפּטיילונג פאר עפנט־לעכע ארבעטן. צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער ארבעטער־שאפט אין ארץ ישראל דערשיינט א יידישע ארבעטער־אָרגאניזאציע אלס א יורידישע פערזאָן, אנערקענט פון דער רעגירונגס־אינסטיטוציע, געחתמעט אויף א נאָטאריאלן קאָנטראַקט, און גאראנטירט פאר אויספירן אָן ארבעט. די ארבעט באטרעפט בערך א 30.000 פונט.

די הסתדרות הפועלים החקלאים פירט אויס די ארבעט ניט אלס אָן אָרגאניזאציע פון טאָג־לוינער, וועלכע ארבעטן אונטער דער השגחה פון

די רעגירונגס־באאמטע. ניין, זי אליין איז איצט די בעל־הבית׳טע פון דער ארבעט, זי איז ערוב פאר דער טעכנישער אויספירונג. אויף איר אחריות זיינען די כלים און מאטעריאלן, אין אירע הענט ליגט די גאנצע טעכנישע אדמיניסטראטיווע און עקאָנאָמישע פאַרוואַלטונג פון דער ארבעט.

דאָס איז געווען א פאַרזוך א געוואגטער, כמעט א חוצפה׳דיקער. די הסתדרות האָט גוט געוווסט, וועלכע מניעות און שוועריקייטן עס שטייען איר פאָר. עס האָט געפעלט צום איבערנעמען אזא ארבעט — כמעט אלץ. ניט קיין געלט אויף פירן די זאך, ניט קיין נויטיקע מאשינען צו פארלייכטערן און פאַר׳שפּאָרן ארבעט, ניט קיין טעכנישער פערסאָנאל, ניט קיין עלעמענט פון ארבעטער געניטע אין דעם פאך. ניט גרינג איז אויך געווען צו דערשלאָגן זיך צו דער רעגירונגס־ארבעט. עס זיינען פאראן אלטע בעלי־חזקה: אראַ־בישע, יידישע און מצרישע בעלנים, אלטע אונטערנעמער, וועלכע ווייסן, ווו מ׳דארף אונטערשמירן, וועלכע האָבן אונטערן האנט מצרישע ארבעטער וויפל די הארץ געלוסט, מיט ווייבער און קינדער, מיט אויפפאסער, מיט בייטשן, און ווייסן ווי צו שטעלן מקחים.

די הסתדרות האָט אָבער די וואנד דורכגעבראָכן. פאר איר איז געווען קלאָר פון אָנהויב אָן, אז דאָ האנדלט זיך ניט נאָר וועגן באשעפטיקן עטלעכע הונדערט ארבעטער (הגם דאָס אליין איז אין אנדערע תנאים א גאנץ וויכ־טיקע געלעגנהייט, צוליב וועלכער עס איז כדאי א סך, א סך כוחות אוועקצולייגן ביז מען באקומט זי). דאָ גייט וועגן עפּענען א בייעם, א פארמאכטן קוואל פון גרויסע ארבעטס־מעגלעכקייטן, וועגן דערציען און אָרגאַניזירן דעם יידישן ארבעטער ער זאָל קענען טעכניש און אָרגאַניזאַ־ציאָנעל איבערנעמען אין זיינע הענט די גרויסע מלוכה־ארבעטן: וועגן, פּאָרטן, אייזנבאַנען; עס האנדלט זיך וועגן אָרגאַניזירן די ארבעט אזוי, זי זאָל ניט זיין קיין אָפּקומעניש, ניט קיין קוים ביי דער נשמה דערהאַלטענע, נאָר א געזונדע לעבנסמעגלעכקייט, א זאך פון מענטשלעכער עקזיסטענץ, גייסטיקער באפרידיקונג און ארבעטס־לייסטונג.

די הסתדרות האָט באשטימט א קליינע גרופּע פון אלטע, פעאיקע און טרייע חברים כדי אָנצופירן די ארבעט, צוגעצויגן אייניקע טעכנישע כוחות און צוגעטראָטן צו דער ארבעט. די שוועריקייטן זיינען געווען פיל, איבער־פיל. די רעגירונג האָט געדארפט צושטעלן כלים, רעלסן, וואגאָנעטן, שפּייז, קאָלדרעס וכדומה. פון דעם אלץ האָט מע באקומען נאָר א טייל. געלט פאר דער ארבעט גיט זי ארויס ערשט לאחר זמן, נאָך דעם ווי מ׳גיט ארויס די ארבעט. די הסתדרות אליין מוז נאָך איינלייגן קאוציע, ערבות, און מוז האָבן אָן אייגענעם אומגאנגס־קאפּיטאל אויף אויסהאלטן די ארבעטער, אויף איינקויפן די כלים, וואָס די רעגירונג האָט זיי ניט. קיין אייגענע פאָנדן האָט

די הסתדרות ניט. דער קפא"י (פאלעסטינא־ארבעטער־פאָנד) איז כידוע, צום גרויסן באדויערן, ניט געווען ביכולת קומען אונז צו הילף. די געלט פאר דער ערבות און א באשרענקטן אומגאנגס־קאפיטאל האָט אונז אויסגעליען דער ועד־הצירים. מער האָבן מיר ניט פון אים נישט געפאָדערט. צי וועט זיין ריוח אָדער הפסד, וועלן מיר פארדינען אָדער ניט — דאָס איז אינגאנצן אונזער זאך, אונזער אחריות. קיינער קען אונז ניט זאָגן קיין דעה, און פון קיינעם אָבער האָבן מיר ניט קיין רעכט צו פאָדערן הילף, ווען מיר פארלירן.

ווען די ארבעט האָט זיך אָנגעהויבן, זיינען נאָך אין לאנד ניט געווען געננוג פרייע ארבעטער כדי אויסצופירן די זאך. נאָר גראָד דעמאָלט האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די שיפן, מיט די ערשטע גרעסערע פארטיעס חלוצים. באלד איז געקומען צו הילף דער הסתדרות די קרימער קבוצה, תלמידים פון יוסף טרומפעלדאָר, וועלכע האָבן זיך גוט אָפּגעוואלגערט אין קאָנסטאנטי־נאָפּאָל ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו אונזערע ברעגעס. זיי האָבן אויפ־געפאסט דעם ענין ווי געהעריק און האָבן זיך איבערגעגעבן דער זאך. באלד איז געוואָרן די לאגע לייכטער: עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען פון גאָר דעם לאנד; די שיפן האָבן געטאָן זייערע, און די צאָל ארבעטער אויפן שאָסיי איז דערגאנגען ביז 600.

די ארבעט ווערט געפירט דורך א לייטונג פון פינף: 3 באשטימטע פון דער הסתדרות, 2 אויסגעוויילט פון די ארבעטער אויפן פלאץ. די גאנצע זאָרג פאר דער טעכנישער זייט, פאר די פינאנצן, בוכהאלטונג, באציאונגען מיט דער אויסערער וועלט, פראָדוקטן — ליגט אויף דער לייטונג. דאָס איז א גאנץ קליינע רעפובליק מיט אלע אירע זאָרגן און נויטן, און עס פאָדערט זיך א סך ווירטשאפטלעכע פּאַרזיכטיקייט, כדי צו האלטן דעם בודזשעט אין אָרדענונג, און עס פאָדערט זיך א סך חברישע איבערגעבנקייט און טאקט כדי די נייע אומדערצויגענע, אומדערפארענע ארבעטער זאָלן פארשטיין די נפקא־מינה צווישן דער ווירטשאפטלעכער זעלבסטפארוואלטונג פון אַן ארבעטער־אָרגאניזאציע ביז א פריוואט־אונטערנעמונג, און אריינגעצויגן ווערן אין דעם גייסט פון דער ארץ־ישראל'דיקער קבוצה־ארבעט.

די ארבעט ווערט אממייסטן געטאָן דורך קלענערע און גרעסערע קבוצות, ארטעלן בקבלנות ד. ה. פער אקאָרד, פון מעטער־קוב וכדומה. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס שליסנדיק דעם קאָנטראקט איז אויסגעקומען צו קאָנקורירן מיט די פרייזן פון פריוואטע קבלנים, וועלכע געניסן פון נידעריקע שכירות און זייטיקע ריווחים, ארבעט אויס דער ארבעטער גע־ווינטלעך פון זיבן ביז צען שילינג א טאָג. אמאָל — מערער. דערביי דאַרף מען ניט פארגעסן, אז דאָס רוב ארבעטער זיינען נייע. ביי די ארץ־ישראל'־דיקע פארהעלטענישן קען מען פון אזא התחלה צופרידן זיין.

עסן עסט מען אין דער געמיינזאמער ארבעטער־קיך. דריי זיינען זיי, לויט די פארשיידענע פונקטן ווו עס קאָנצענטרירן זיך די מחנות. א חבר — אַן עקאָנאָם פארזאָרגט זיי אלעס. א 30 חברות זיינען באשעפטיקט מיט דער ארבעט אין קיך. דער עסן איז צוזאט: קומט נאָך נישט צו דער מדרגה פון די איינגעאָרדנטע קבוצות (כנרת, דגניה), אָבער אָן אַן ערך בעסער ווי אין די אמאָליקע ארבעטער־קיכן, ווו די עסער פלעגן זיין האלב־הונגעריק, און די קיכערינס — פארשווארצט.

עס עקזיסטירט א קופת־חולים (א קראנקן־קאסע), ווו יעדער טראָגט אריין זיין אָפּצאָל. עס זיינען דאָ באזונדערע געדונגענע צימערן פאר די קראנקע, אויפן מיטן וועג, אין די בנינים פון חמי־טבריה, מיט א פעלשערין און מיט שוועסטער, און מיט א באזוך פון א דאָקטאָר יעדן טאָג.

עס איז אינטערעסאנט צו זען, ווי אזוי אויך מענטשן, וועלכע זיינען ניט אין שטאנד צו ארבעטן שווערע פיזישע ארבעט (עלטערע, אינוואלידן) געפינען זיך אָפּט באשעפטיקונג דאָרט, ווו עס איז א גרויסע צאָל יידישע ארבעטער. אזעלכע, וואָס די פריוואט־ווירטשאפט וואָלט זיי פשוט ארויס־געוואָרפן — קומען דאָ זייער גוט צוניץ.

און וווהין דער יידישער ארבעטער גייט, גייט די שכינה מיט אים. אין יעדער פון די דריי מחנות געפינען זיך אָפּטיילונגען פון דער קולטור־קאָמיסיע פון אחדות־העבודה; א ביבליאָטעק; זעקס חברים — לערער; פאָרטראַגן שבת און אמאָל אין מיטן וואָך.

א טייל פון די לערער ארבעטן א האלבן טאָג פיזישע ארבעט, און דעם אנדערן האלבן טאָג לערנען זיי. דאָס וואָס די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט געהאט די חוצפה אויסמעקן דעם קולטור־בודזשעט, וועלכער איז באַ־שטעטיקט פון לאָנדאָנער קאָנפערענץ פאר דער קולטור־ארבעט פון די ארבעטער־אָרגאניזאציעס, האָט טאקע אָנגעטאָן גרויסע יסורים די אלע, וועלכע באשעפטיקן זיך דערמיט, נאָר דאָך האָבן זיי זיך נישט אונטערגעגעבן, און די ארבעט ניט אָפּגעשטעלט. אין דחקות, אין נויט (בוכשטעבלעך) ווערט די ארבעט געטאָן, נאָר דאָס איז אַן ענין בפני עצמו.

דער שאָסיי פון טבריה—צמח איז דער ערשטער, נאָר שוין ניט דער איינציקער. מען ארבעט שוין אויך אויף די וועגן ביי חיפה, נצרת, ראש־פינה. די טעג האָט די הסתדרות הפועלים החקלאים אונטערגעשריבן א קאָנטראקט וועגן א נייעם שאָסיי פון טבריה ביז טפחה — 13 קילאָמעטער די לענג. פאר די 200 חלוצים, וואָס זיינען אָנגעקומען די לעצטע וואָך, און פאר די קומענדע שיפן איז דאָס די איינציקע ישועה.

די ארבעטער שטעלן ארויס דער הסתדרות החקלאית נייע פאָדערונ־גען. די הסתדרות מוז האָבן אירע מאשינען, אירע קיכן, אירע צעלטן, בעטן,

געלעגערס וכו׳. זי מוז האָבן אין איר רשות א גוטן טעכנישן פּערסאָנאַל. ביי היינטיקן טאָג קען זי דאָס פון אירע מיטלען ניט שאפן. דאָס דארף זיין איינע פון די אויפגאבן פון „פּאַלעסטינא־ארבעטער־פאָנד״: העלפן אויפבויען די גרויסע ארבעטער־ארטעלן, און מאכן די אָרגאניזירטע ארבע־טערשאפט פארן איינציקן ארבעטס־אונטערנעמער אין לאנד.

כנרת.

פאר וואס קעמפן מיר?

[אַן ארטיקל וועגן די געשעענישן אין פתח־תקוה דעם 16.12.1927. יידישע ארבעטער, וואָס זיינען דאן געשטאַנען אויף וואך־פּאָסטנס ביי די טויערן פון די פרדסים פון יידישע אייגנטימער, וועלכע האָבן באַיקאָטירט יידישע ארבעטער, זיינען צעשלאָגן און פאַרוואונדעט געוואָרן דורך דער בריטיש־ארבישער פּאָליציי]

ס׳איז נישט געגוג צו באקלאָגן זיך, וואָס מען האָט אונזערע חברים געשלאָגן, פאַרוואונדעט און ארעסטירט. אונזער פליכט איז צו וויסן גענוי וואָס איז געשען, וואָס איז די באדייטונג פון דעם געשעעניש. האָבן מיר געליטן א מפלה אָדער א נצחון? זענען מיר באגאנגען א פעלער אָדער געמאכט א גרויסן אויפטו? פאַרזעצן אָדער איבערייסן? אויף די דאָזיקע פראגן דארפן ענטפערן נישט בלויז די ארבעטער אין פתח־תקוה, נאָר די ארבעטערשאפט אין גאנצן לאנד.

דער פאל פתח־תקוה געהערט צו יענע קארדינאלע געשעענישן, וואָס אין זייער ליכט אנטפּלעקן זיך אויפסנייי אין פולער קלאָרקייט די דערשיינונגען פון אונזער לעבן, די כוחות וואָס ווירקן אין זיי און זייער היסטאָרישע ראָל.

דריי פאקטאָרן האָבן געווירקט אין די געשעענישן: דער יידישער ארבעטער, דער פרדס־באזיצער, די רעגירונג. ווי אזוי האָבן די דאָזיקע דריי פאקטאָרן געהאנדלט?

יעדער איינער פון זיי האָט געטאָן זיין שליחות מיט טרייִשאפט, טריי זיין „נאטור״ און זיין אינערלעכער לאָגיק, און יעדער איינער פון זיי קומט אונז לערנען: וואָס איז זיין אָרט און ראָל אין אונזער קאָלאָני־זאציע־באוועגונג אין לאנד.

וואָס האָט געטאָן דער ארבעטער אין פתח־תקוה? א גרויסע זאך, וואָס איז נאָכנישט געווען אין דער געשיכטע פון „כיבוש העבודה״.

אין יאָר תרפ״ח (1928), אין דער עצם שווערער דעפּרעסיע, וואָס

איז געוועז אויסגעגאסן איבערן לאַנד און איבער גרויסע טיילן, מידע און פאַרפייניקטע, פון דער ארבעטערשאַפט. האָבן מיר זוכה געוועז צו א גרויסן געראַנגל, אַן ערן־געראַנגל, וועלכער האָט באַוויזן, אַז דער ארבעטער האָט נישט פאַרלוירן זיין כוח, אַז היינט אַזוי ווי פריער שטייט ער טריי אויף זיין פּאָסטן. דאָס יאָר איז א יובל־יאָר. נישט בלויז פופציק יאָר פונעם אָנהויב פון אונזער לאַנדווירטשאַפטלעכער ארבעט אין לאַנד, פונעם גרויסן חלוצישן ווערק פון די ירושלימער יידן — די גרינ־דונג פון פתח־תקוה. איצט איז אויך 25 יאָר זינט עס האָט אָנגעפאַנגען די צווייטע עליה, וועלכע האָט באַנייט די פאָדערונג פון יידישער ארבעט און איר פאַרצווייפלטן קאַמף. דער ארבעטער, וואָס איז דאַן געקומען אין לאַנד, האָט געפונען די יידישע ארבעט פאַרלאָזן און פאַריתומט, כמעט אויסגעמעקט פונעם בוך פון ישוב. חיבת ציון, וועלכע האָט אויס דער שטרעבונג צו ארבעט ממש און צו אַן עליה פון יידישע מאַסן, אָנגעהויבן מיט די חלוצישע ווערק פון פתח־תקוה און גדרה, — האָט פאַרגעסן אירע יוגנט־חלומות. איינצלנע זענען געוועזן אין דער ערשטער תקופה די קעמפער פאַר יידישער ארבעט: מ י כ א ל ה א ל פ ע ר ן, י ה ו ש ע ב ר ז ל י און ז א ב י ע ב ץ — דער פרומער און תמימותדיקער שרייבער, וועלכער האָט מוטיק געקעמפט קעגן דער באַליידיקנדיקער באַציונג צו יידישער ארבעט מצד די באַאַמטע פון באַראָן. ערשט מיט דער צווייטער עליה האָט דער געדאַנק פון יידישער ארבעט אָנגעהויבן ווערן א געזעלשאַפטלעכער כוח. די צווייטע עליה איז עס געוועזן די וואָס האָט דערקלערט, אַז יידישע קאָלאָניזאַציע אָן יידישער ארבעט מאַכט צונישט דעם גאַנצן ענין פון ציוניזם, סיי מאָראַליש און סיי עקאָנאָמיש.

ווי אַזוי האָט אין משך פון די פינף און צוואַנציק יאָר געקעמפט דער ארבעטער אין דער מושבה פאַר זיין עקזיסטענץ און ארבעטס־רעכט? וואָס איז געוועזן זיין כוח? וואָס איז געוועזן זיין געווער אין דאָזיקן קאַמף? האָט אים די רעגירונג געהאָלפן? האָט אים די ציוניסטישע באַוועגונג פאַרשטאַנען? האָבן די קאָנגרעסן אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש? איינ־זאַמע, הילפלאָזע, פרעמדע און נישט־פאַרשטאַנענע אויך פאַר דער באַווע־גונג, אין וועלכער מיר האָבן זיך דערצויגן, פרעמדע פאַר די אָנפירנדיקע אַנשטאַלטן, אָן שום ווירטשאַפטלעכער הילפס־קראַפט און אָן דער הילף פון אַן ערנסטן געזעלשאַפטלעכן כוח, האָבן מיר ווייניקע געפירט אונזער קאַמף פאַר דאָס רעכט אויף ארבעט. און ווי יעדע איינזאַמע אַנזאָגער, וואָס גייען די ערשטע אין היסטאָרישן קאַמף, האָבן מיר געליטן מפּלות. די אָנשטרענגונגען און דעראָבערונגען האָבן נישט אויסגעדויערט. נאָך זיי פלעגט פון מאָל צו מאָל קומען א דעזערציע פון פראָנט. עס האָבן

פארלאָזט נישט בלויז די וועלכע האָבן זיך אַנטוישט פון לאַנד, אָדער זענען געבליבן אין לאַנד און זיך איינגעאָרדענט נישט ביי ארבעט. עס האָבן פארלאָזט אויך די, וועלכע האָבן מיט גרויס אַנטשלאָסנקייט דעצי־דירט, נישט צו ברענגען מער זייער לעבן א קרבן אויפן מזבח פון עקזיס־טענץ־נישט עקזיסטענץ אין דער מושבה און האָבן געווידמעט זייערע כוחות דער „שאפונג פון אַן ארבעטנדיקן ישוב״, דער שאפונג פון אַן ארבעטס־ווירטשאפט, וואָס געפינט זיך אין געזעלשאפטלעכן רשות פון דער ארבעטער־באוועגונג.

אָבער אויך אין דער צייט, ווען די ארבעטער־באוועגונג האָט געווידמעט אירע בעסטע כוחות א נייער געוואַגטער לייזונג, דער שאפונג פון זעלבסטשטענדיקע ארבעטס־ווירטשאפטן, האָט זי געוווּסט אז זי איז נישט מוותר און זי טאָר נישט מוותר זיין אויפן ארבעטס־פּלאַץ אין דער פּריוואטער ווירטשאפט. און מיטן אָנהויב פון דער עליה זענען די אָנ־שטרענגונגען באנייט געוואָרן מיט מער כוח. נאָך יאָרן פון אַנטוישונגען און דורכפאלן און מערערע קרבנות פון „אומבאוווּסטע סאָלדאטן״, האָט אָנגעפאנגען ווידער — טראָץ די אומבאוווּסטע אויסזיכטן, טראָץ די „צוציִונגס״־כחות פון ארץ־ישראלדיקן „כרך״ — א נייער שטראָם פון „דעראָבערונג״ פון דער מושבה. ווי שטאַרק איז געווען דער דאָזיקער שטראָם, וועלכע כוחות האָבן אים געהאָלפן? אמת, הינטער אים איז שוין געשטאנען א פיל שטארקערע ארבעטערשאפט, און דער געדאנק פון ארבעט איז „אין פּרינציפּ״ אנערקענט געוואָרן אין אלגעמיינעם צבור, און אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן זענען שוין אָנגענומען געוואָרן עטלעכע באשלוסן נישט צו שטיצן אונטערנעמונגען וואָס באַיקאָטירן יידישע ארבעט. אָבער דאָס אלץ איז געווען נאָר אין פּרינציפּ. פּ א ק ט י ש א י ז ד י ד ע ר א ָ ב ע ר ו נ ג פ ו ן ד ע ר א ר ב ע ט פ א ר ב ל י ב ן ד י ז א ך פ ו ן ד י ד ע ר א ָ ב ע ר ע ר א ל י י ן. נישט די ציוניסטישע אַנשטאלטן, נישט די כוחות וואָס ווירקן אין ישוב, האָבן געגעבן ערנסטע הילף, און צו אונזער בושה דארפן מיר מודה זיין, אז אויך אונזער הסתדרות האָט נישט געווידמעט דער מושבה די געהעריקע כוחות. דער לאַנדווירטשאפט־לעכער אַרבעטער איז געווען א שטיף־זון אין אונזער באוועגונג. אָבער א טיפער און געזונטער אינסטינקט האָט געפירט דעם ארבעטער אין דער מושבה, וועלכער ראַנגלט זיך פאר זיין קיום און צוקונפט. ער האָט געוווּסט, אז ארבעט ווערט אים געגעבן אין א קלענער מאָס, און אז דער ארבעטס־לוין געניגט נישט אפילו צו דערהאלטן דעם גוף אין דער מאָס ווי עס פארלאנגט עס די שווערע ארבעט. ער האָט געוווּסט אז די מושבה זיכערט אים נישט קיין מינימאלע מענטשלעכע עקזיסטענץ; ער האָט

געוווּסט אַז תמיד דראַט אים די קאָנקורענץ פון חורנ׳ער בעדוּאִין, פון באר־שבע, און אפשר אויך פון מצרים. אָבער ער האָט געפילט, אַז מיטן וווּקס פון זיין צאָל אין דער מושבה וועט אויך וואַקסן זיין כוח. און מיט דעם דאָזיקן גלויבן האָבן זיך יחידים און קיבוצים און חבורות געראַנגלט פאַר זייער עקזיסטענץ און שוויגנדיק געטראָגן די ליידן פון זייער קיום אין דער מושבה.

און די געשעעניש פון תרפ״ח האָבן באַרעכטיקט דעם דאָזיקן גלויבן. צום ערשטן מאָל איז די פראַגע פון יידישער אַרבעט אַוועקגע־שטעלט געוואָרן עפנטלעך אויפן טאָג־אָרדענונג פונעם לעבן אין לאַנד. די געשלאָגענע פּיקעטן פון די פּתח־תקוה׳ער אַרבעטער זענען אַ וויכטי־קער פּאָליטישער אויפטו, נישט בלויז פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג נאָר פאַרן ציוניזם בכלל. די פראַגע פון דער עקזיסטענץ פון יידישן אַרבעטער אין דער יידישער ווירטשאַפט — אַ פראַגע וואָס אָן איר פּאָזיטיווער לייזונג איז נישטאָ קיין עליה און ס׳איז נישטאָ קיין יידישע קאָלאָניזאַציע און קיין האָפענונג פאַרן ציוניזם — איז דורך זיי אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון דער באַהעלטעניש און אַוועקגעשטעלט שאַרף און קלאָר פאַר די אויגן פון ישוב, פון דער רעגירונג, און ביז דעם פּאַרלאַמענט אין לאָנדאָן געבראַכט געוואָרן. דאָס איז דער גרויסער זכות פון די פּיקעטן, וואָס פיל האָבן וועגן זיי שוואַרצע נביאות געזאָגט. ווער עס וועט וועלן פאַרשטאָפּן זיינע אויערן און פאַרמאַכן זיינע אויגן — וועט נישט קענען. דאָס האָבן זיי דערגרייכט! מיט וועלכע מיטלען? מען זאָגט אונז: נאָר נישט מיט „כוח״! יאָ, דער אַרבעטער אין דער מושבה האָט עס געטאָן מיט כוח. וואָס איז דער דאָזיקער כוח? נישט קיין כוח פון אַנגריף און אַנפאַל, נאָר דער כוח פון דער עקידה. דער וועג, וועלכן עס גייען רעוואָלוציאָנערן אויס אַ שטאַרקן אימפּולס, בעת זיי האָבן נישט קיין כוח צו ענדערן דעם מצב. ווער עס גיט זיך איבער דער עקידה, שטעלט אַוועק זיין קעגנער אין אַ נסיון. ער גיט אים אַ מעגלעכקייט נישט אָנצוצינדן דאָס פייער אונטערן קרבן. אונזערע אַרעסטירטע און געשלאָגענע חברים זענען פּילייכט כלל נישט געווען זיכער, אַז די פּיקעטן וועלן זיי ברענגען אַ נצחון, אָבער זיי זענען געגאַנגען דעם וועג אויס אַן אינערלעכער נויט־ווענדיקייט, וועלכע האָט דאַסמאָל נישט אַנטוישט. איך זע דעם פאַל פּתח־תקוה ווי דעם וויכטיקסטן אויפטו פון אונזער באַוועגונג אין דער לעצטער תקופה, אַ טאַט וואָס קומט באַלויכטן און דינען אַלס אַ סימבאָל און פאָן. אויך ווייטע מענטשן, זייטיקע און גלייכגילטיקע, האָבן איצט געהערט פאַר וואָס מיר קעמפן. נישט קיין שטיצע, נישט ברויט פאַר הונגעריקע, נאָר די געזונטמאַכונג פון ציוניזם און זיין רעטונג.

וואָס האָבן געטאָן די אנדערע פאקטאָרן? די פאקטאָרן וואָס הערשן אין דערווירטשאפט, איבער קאפיטאל, איבער פיזישער קראפט, איבער דער פאָליציי? דער ארבעטער פארמאָגט נאָר איין ברירה. די אנדערע האָבן דאָך, כלומרשט, עטלעכע ברירות. אָבער אויב צו משפטן לויט זייער פארהאלטן זיך, האָבן אויך זיי, ווייסט אויס, נישט קיין „פרייען אויסוואל". זיי האָבן געהאנדלט ווי לויט פאָרויסבאשטימטע געזעצן.

די רעגירונג, די וואָס פאר דער דרויסנדיקער וועלט האלט זי זיך ביי פאָרשריטלעכע אידעען, די וועלכע דערקלערט אז זי איז געקומען קיין ארץ־ישראל מיטן צוועק איינצופלאנצן קולטור און פארטיידיקן דאָס לאנד, האָט זי דען נישט געהאט א געלעגנהייט צו דערשיינען אין דעם פאל ווי א פארנונפטיקע רעגירונג, וועלכע באמיט זיך אויסצומיידן סכסו־כים, וועלכע שטעלט זיך אויף דער זייט פון שוואכן וואָס פארלאנגט זיין רעכט? אָבער זי האָט געהאנדלט פארקערט. ווייזט אויס, זי זאָרגט זיך אפשר, אז דער ארבעטער אין לאנד איז נישט גענוג דערצויגן צום פּאָלי־טישן קאמף, אפשר איז ער צופיל געניגט צו פרידלעכער ארבעט, און כדי אויסצוּוואָרצלען פון זיין הארץ די אילוזיעס וועגן דער מעגלעכקייט פון צוזאמענארבעט מיט דער רעגירונג און איינצופלאנצן אין אים דער־קענטניש, אז דער ארבעטער האָט נישט קיין אנדערן וועג ווי דעם וועג פון קאמף קעגן דער רעגירונג — האָט זי באשלאָסן צו שיקן אויפן יידישן ארבעטער איר פאָרשטייער — דעם פאָליציאנט און זיינע נאגייקעס. אויב דאָס איז די אויפגאבע פון דער רעגירונג: צו דערוועקן אינם ארבעטער דעם באוווסטזיין פון זיינע קלאסן־פארהעלטענישן און דעם געפיל פון בונט און אויפשטאנד — דאן האָט זי עס געטאָן בשלמות.

זאָל, אלזאָ, די ביטערע לעקציע, וועלכע אנטפּלעקט דעם צוויי־פנימדיקן כאראקטער פון דער רעגירונג אין לאנד, אויסוואָרצלען די פאלשע אילוזיעס און ברענגען מיט זיך נישט מורא און אונטערגעבנקייט, נאָר המשך פון קאמף.

און דער „ועד חקלאי" (לאנדווירטן־קאָמיטעט) האָט אויך דערפילט א שליחות. מען דארף נישט פארמישן דעם ועד חקלאי מיט דער מושבה פתח־תקוה. דער ועד חקלאי איז א באשעפעניש פון די לעצטע יאָרן און אין אים האָבן זיך צונויפגעגאָסן איבערלעבענישן פון דער באראָנישער באאמטנשאפט מיטן מאָדערנעם יידישן עפענדיזם. דאָס איז א פּאָליטישע קערפערשאפט, וואָס זאָרגט נישט נאָר פאר זיינע לויפנדע אינטערעסן. ער זאָרגט אויך פארן מאָרגן: אפשר חלילה וועט זיך מערן דער יידישער ארבעטער און זיין כוח וועט זיך שטארקן. ער וויל זיך פון פאָרויס פאר־זיכערן קעגן דער סכנה פון אלגעמיינע וואלן אין דער מושבה, קעגן דער

סכנה פון גערעכטע שטייערן, חלילה. דאָס איז דער פּיפּיקער קאַפּיטאַליזם, וואָס שעמט זיך נישט. מער ווי ער זאָרגט פאַר זיין גראָשן, שרעקט זיך דער ועד חקלאי פאַרן יידישן אַרבעטער. און ס'איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש, אַז פאַרן נישט־יידישן אַרבעטער האָט ער גאָר קיין מורא נישט. דעריבער וועט ער זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּשטעלן אבי... צו מאַכן אַ סוף צו דער „אַרבעטער־הערשאַפט" אין דער מושבה. און אַזוי האָט ער געהאַלטן אין איין פאַרשאַרפן די ענינים, ביז ער האָט אַריינגעבראַכט דעם אַראַבישן פּאָליציאַנט אין דער מושבה און ביז ער האָט דערפירט די זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון דער יידישער מושבה צו אויפלייזונג.

און די פראַגע איז: וואָס ווייטער? מאַנכע מיינען, אַז דער ענין איז פאַרענדיקט: אונזערע חברים זענען אַרעסטירט, דער קטיף וועט פאַרגעזעצט ווי שטענדיק, אַראַבישע סוחרים באַשיצן דאָס „יידישע פאַרמעגן" קעגן יידישן אַרבעטער. „הבטחות" איינצואָרדענען יידישע אַרבעטער וועלן געגעבן ווי שטענדיק — און אַלץ פירט זיך ווייטער ווי ס'דאַרף צו זיין. ווער־עס־איז קען טראַכטן, אַז דער ענין איז פאַרענדיקט. אָבער דער ענין איז נישט פאַרענדיקט. מיר וועלן נישט פאַרלאָזן דעם קאַמף אין מיטן, זאָלן דאָס וויסן די פּרדס־באַזיצערס פון פתח־תקוה, זאָל עס וויסן דער ישוב און זאָל וויסן די רעגירונג, אַז אין דאָזיקן קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט וועלן מיר זיך נישט אונטערגעבן. אָדער די פראַגע וועט פּאָזיטיוו געלייזט ווערן, אָדער די אַרבעטער וועלן אויפהויבן די פאָן פון קאַמף און זי נישט אַראָפּלאָזן. אויב מיר ווילן נישט אונטערגיין אָדער פאַרלאָזן דאָס לאַנד — מוזן מיר פאַרפעסטיקן אונזער קיום אויף אַרבעט. און אויב די פּאָזיטיווע לייזונג וועט נישט געגעבן ווערן — וועלן קומען נייע פּיקעטן, און אויפן אָרט פון די היינט אַרעסטירטע וועלן קומען אַנדערע חברים. די זאַך איז נישט מער אַן ענין פון אַן איינצעלנעם אַרבעטער און אַן איינצעלנעם לאַנדווירט. מיטן כוח פון די געשעענישן, מיטן כוח פון געזעלשאַפטלעכן דרוק, מיטן כוח פון דער פאַרטעמפּטקייט פון די אַרבעטער־פיינט און דער רשעות פון דער מאַכט, איז דער ענין אַרויס אויף דער ברייטער געזעלשאַפטלעכער אַרענע. און אונזער פליכט איז נישט צו פאַרזוימען די געלעגנהייט וואָס די געשעענישן גיבן אונז: מיר דאַרפן פאַרוואַנדלען די זאַך פון אַרבעטער אין דער זאַך פון פאָלק, מאַכן אונזער באַוועגונג פאַרן רוקן־ביין פון דער גאַנצער פאָלקס־באַוועגונג, צונויפזאַמלען אונטער דער אַרבעטער־פאָן גרויסע מאַסן, די וואָס לעבן אַרום דעם אַרבעטער, וואָס זייער צוקונפט און די צוקונפט פון זייערע קינדער איז צו זיין אין דער אַרבעטס־מחנה.

טבת תרפ"ח.

מיטן פנים צום דאָרף

[א רעדע געהאַלטן אויף א יוגנט־פאַרזאַמלונג אין ירושלים, 1934]

יונגע חברים! איך ווייס נישט, וואָס איר טראַכט אין אייערע הערצער פון די אויסטערלישע מענטשן וועלכע קומען צו אייך אין אַזאַ צייט, ווען דאָס לעבן אין דער שטאָט איז אַזוי באַקוועם און אַ סך מענטשן פון דאָרף פאַרלאָזן זייערע ווײַנגערטנער און גייען אין שטאָט אַרײַן. אויב אין אַזאַ צייט זאָגן זיי צו אייך די מענטשן: פאַרלאָזט די שטאָט, גייט אין דאָרף, צו אַ שווערער אַרבעט וואָס באַצאָלט זיך נישט גוט! בעת אין דער שטאָט לייכט אייך אַ חלום צו לערנען נאָך אַ ביסל ענגליש, אַ האָפענונג אַ מאָל צו קריגן אַ פּאָסטן, זיין צווישן „אָנשטענדיקע" מענטשן, וואָס זענען בעסער אָנגעטאָן און אַ סך פאַרגעניגנס זענען פאַר זיי אָפן. וואָס ווילן די דאָזיקע מענטשן פון אייך? פאַרוואָס קומען זיי צו אייך אין נאָמען פון פאָלק, אין נאָמען פון חלוציזם און אין נאָמען פון בויען דאָס לאַנד? די ארץ־ישראל־יוגנט איז דאָך געוווינט, אַז חלוציזם איז אַן ענין פאַר די גלות־יידן. יענע אין דעם גלות — האָבן נישט וואָס צו טון, און אויב זיי ווילן עולה זיין, מוזן זיי דערפאַר באַצאָלן דעם פּרייז פון אַרבעט און חלוציזם. דאָרט אין גלות מוזן זיי זיך צוגעוווינען אַרבעטן, כדי באַקומען אַ סערטיפיקאַט, און דאָ פאַרשוואַרצט ווערן אין אַרבעט. אָבער צו וואָס דאַרף די ארץ־ישראל־יוגנט דווקא גיין צו אַרבעט? זי האָט אַ סך מעגלעכקייטן אין לאַנד, און ווען נישט — קען זי זיי געפינען אין אויסלאַנד. ווארעם אין דער צייט, וואָס דאָס יידיש יינגל אין גלות פּייניקט זיך מיט אַלערליי יסורים כדי צו קומען קיין ארץ ישראל, האָבן פיל פון דער ארץ־ישראל־יוגנט קיין אַנדער זאָרג נישט ווי צו קומען נאָך חוץ־לארץ. עס זענען געווען צייטן, ווען אויך די עלטערן האָבן זיי אין דעם צוגעהאָלפן. מען האָט געלערנט די זין פראַנצויזיש און זיך באַמיט זיי צו שיקן קיין אַמעריקע, אויסטראַליע און אַפריקע. דאָרט זענען פאַראַן גאָלד־גרובן און מען דאַרף נישט לעבן ווי אַ פּויער אין ארץ ישראל. יעצט איז די זאַך געוואָרן אַ סך לייכטער. די ארץ־ישראל־קינדער דאַרפן נישט לויפן קיין חוץ־לארץ כדי צו לעבן אַ לייכט לעבן. יידישע יינגלעך ענדיקן גימנאַזיעס און אַנדערע מיטל־שולן אין לאַנד. דער עיקר — די באַשייניקונג זאָל זיך געפינען אין דער טאַש פון יינגעל, און דאָס עפנט שוין פאַר אים די טירן פון אַלע מינים אוניווערזיטעטן, און אויך די גאַנצע וועלט. אויב ארץ ישראל וועט דאַרפן אַ דאָקטאָר אָדער אַן אַדוואָקאַט, וועט ער ארץ ישראל טון די טובה, צוריקקומען אָננעמען דעם פּאָסטן און פאַרדינען גוטע פאַרדינסטן. אויב אָבער ארץ־ישראל וועט אים דעם גוטן פּאָסטן

נישט געבן, וועט ער לעבן דאָס לעבן פון אַן ארץ־ישראל־עמיגראַנט אין חוץ־לארץ, זיך אַרומדרייען און זיך גרויסן מיטן ספּעציעלן יחוס פון געבוירן זיין אין ארץ־ישראל.

און אָט אין אַזאַ לאַגע קומען צו אייך מענטשן און זאָגן: קינדער, קלערט וועגן אייער וועג, קלערט איבער אייער לעבן און פאַרטראַכט זיך צי איר זענט אָפּגעריסענע בלעטער פון פאָלק, צי איר זענט עפּעס אַ זאַך וואָס האָט נישט קיין שום פאַרבינדונג מיט די יסורים פון פאָלק, מיט זיינע האָפענונגען און בויונג — און אפשר האָט איר דאָך אייער חלק אין דער זאַך, און נישט בחינם האָבן אייך לערערס געלערנט און מיט אייך גערעדט איבער פאָלק און לאַנד. זיינען דאָס געווען בלויזע ווערטער, אָדער האָבן זיי אויך געהאַט אינהאַלט? אויב זיי האָבן געהאַט אינהאַלט, איז ער דאָך מחייב. און דער דאָזיקער אינהאַלט זאָגט: פאַראַן אַ חשבון פונעם יחיד און פאַראַן אַ חשבון פון דעם כלל. איך ווייס, אַז אין אונזערע שולן רעדט מען, נאַטירלעך, אַ סך איבער דעם גורל פון פאָלק, איבער זיין עבר, איבער זיינע רעכט און האָפענונגען. רעדט מען אָבער אויך פון דער איצטיקער לאַגע פון פאָלק, פון אונזער קעגנוואַרט אין חוץ־לארץ און אין לאַנד? עס קען זיין, אַז אַ סך פון אייך האָבן הנאה פון זייער לעבן, אין אייערע היימען פילט זיך אפשר אַ מאַטעריעלע דערלייכטערונג, אַ מצב פון וווילשטאַנד, פון פאַרדינען. איך וואָלט אָבער געוואָלט, קינדער, אַז איר זאָלט אויך טראַכטן איבער דער צווייטער זייט פון דער מטבע: איז עס אַן אמתער אויפשטייג פון בויען אין לאַנד, איז אין דעם פאַראַן ממשות, ווערן מיר פעסטער דאָ אין לאַנד — אָדער איז דאָס אויפבלי בלויז אַ שיינבאַרע זאַך, אַן אויסערלעך אויפבלי, נישט קיין וווקס פון פּראָדוקציע — נאָר אַ וווקס פון פאַרברויך. דער פאַרברויך אין לאַנד בליט, די אויסגאַבן פאַרגרעסערן זיך, און די פאַרגעניגנס פון לעבן ווערן אפשר מער. ווערן מיר אָבער פאַרוואָרצלט אין לאַנד? דאָס איז די פראַגע. אויב מיר ווילן ריכטיק זען, קענען מיר זיך איבערצייגן, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך סימנים וואָס ווייזן אונז, אַז אונזער איצטיק וואַקסן דאָ אין לאַנד, יענע הויכע הייזער, די פאַרשידענע פאַרדינסטן, זענען צווייפלהאַפטע פאַרדינסטן, פאַרדינסטן וואָס דאָס פאָלק האָט פון זיי קיין הנאה נישט. מיר אַלע פרייען זיך ווען דאָס לאַנד ווערט רייכער, מיר פרייען זיך פון דעם קאַפּיטאַל וואָס פליסט אַריין אין לאַנד, מיר פרייען זיך וואָס דאָס לעבן איז געוואָרן לייכטער און אַז דער אַרבעטער קען עסן ברויט צו זאַט. באַדאַרף מען אָבער פרעגן: וואָס איז דער מקור פון אָט די פאַרדינסטן? שטאַמען זיי פון דעם, וואָס די ערד האָט דעם אַרבעטער געגעבן מער פּרוכט? פון דעם וואָס די אינדוסטריע בליט און האָט

דעראָבערט פרישע מערק — אָדער קומען די פאַרדינסטן פון גאָר אַנדערע קוועלן? מען דאַרף זען, צי די פאַרדינסטן קומען פון דעם וואָס מען דערוועֶרבט פרישן באָדן, וואָס מען שטעלט אויף נייע פונקטן, ווירטשאַפטן און פּרדסים — אָדער אפשר זענען די אַלע רווחים נאָר צווייפלהאַפטע?

ווי עס ווייזט זיך אויס, זענען די איצטיקע פאַרדינסטן נישט קיין פּראָדוקט פון שאַפונגס־כוחות, פון פאַרמערן און פאַרפעסטיקן די אַרבעטער, נאָר פאַרדינסטן וואָס גייען איבער פון האַנט צו האַנט און גייען אַרויס לבסוף פון אונזערע הענט. אויב צום ביישפּיל א פּלאַץ אין א שטאָט גייט א דורך צען הענט — צען מענטשן פאַרדינען. דער פּלאַץ ווערט טייערער, און יעדער ספּעקולאַנט האָט דערביי פאַרדינט. די פראַגע איז אָבער, ווערט דאָס פאָלק ישראל אויך פון דעם רייכער? מיר מוזן זאָגן: ניין! נאָך מער: דורך אַזעלכע פאַרדינסטן ווערט דאָס פאָלק אָרעמער. צען מענטשן האָבן פאַרדינט אויפן חשבון פון מיליאָנען יידן אין גלות, וואָס גייען אויס אין זייער אָרעמקייט און חלומען קומען קיין ארץ־ישראל. ווילט איר זיין שותפים צו די דאָזיקע מאוסע פאַרדינסטן, אָדער איר ווילט זיין פון די וואָס בויען דאָס לאַנד פאַר די יידישע מאסן וואָס ווילן קומען אַהער?

חיים ווייצמאַן האָט אמאָל געזאָגט: „ווי אַזוי ווייס מען וואָס עס איז א נוצלעכע עליה קיין ארץ־ישראל, וואָס עס איז אַזוינס א ציוניסטישע אמתע עליה?" האָט ער געזאָגט: אַן אמתע און נוצלעכע עליה איז די וואָס עפנט די טויערן פון ארץ־ישראל פאַר נאָך אַן עליה וואָס וועט קומען נאָך איר. א שעדלעכע עליה איז די וואָס פאַרשליסט די טויערן פון לאַנד פאַר א ייד, וועלכער שטייט פון יענער זייט טויער און קלאַפּט אויף אים. אויב דער קרן קיימת קויפט ערד און דערמעגלעכט א צאָל יידן זאָלן איבערגיין פון א לופט־לעבן צו א פּראָדוקטיוון לעבן אין לאַנד און שלאָגן וואָרצלען אין דער ערד, מיט דעם פאַרזיכערט ער נישט בלויז א צאָל יידן אין לאַנד, נאָר ער שאַפט א באַזיס וואָס אויף אים זאָלן זיך קענען דערהאַלטן הונדערטער און טויזנטער. אָבער אַז יידן נעמען אַרויס ערד פון איין יידס האַנט און גיבן עס א צווייטן ייד — דוכט זיך אַז זיי בויען עפּעס, אָבער פאַקטיש בויען זיי גאָרנישט. זיי שליסן נאָר די טויערן פון לאַנד פאַר טויזנטער יידן.

עס זענען פאַראַן תקופות פון געלט־אינפלאַציע, און פאַראַן מענטשן וואָס זיינען דאַן צופרידן. פאַקטיש איז אָבער דער ווערט פון די מיליאָנען א נישטיקער. דער ווערט פון געלט איז דאָס וואָס מען באַקומט פאַר אים. די סחורות און חפצים ווערן אָבער ביי דער אינפלאַציע פון געלט כסדר טייערער. אין ארץ־ישראל מאַכן מיר יעצט אַזאַ מין אינפלאַציע. מען

פאַרידנט, מען קלינגט מיט מטבעות, מיט א סך מטבעות — דערמיט פאַר־לירט אָבער דעם יידס געלד זיין ווערט. אויב פריער, ווען א ייד איז געקומען אין א״י און ער האָט אין זיין טאַש געהאַט 500 פונט, האָט ער זיך געקאָנט קויפן א פלאַץ און מויערן א הויז — באַדאַרף ער יעצט צו דעם זעלביקן פלאַץ און הויז האָבן 5000 פונט. דאָס איז דער פועל־יוצא פון דער „פינאַנץ־פּאָליטיק", וועלכע יידן פירן איצט אין לאַנד. און אויב עס איז נאָך נישט גענוג פאַר די יידן, וואָס זיי טון, קומט נאָך די רעגירונג און „העלפט" זיי. באַשרענקענדיק די עליה, האָט די רעגירונג געבראַכט צו דעם וואָס עס איז שוואַכער געוואָרן דער דראַנג פון יידישער אַרבעט, און אַלס פועל־יוצא פון דעם האָט דער יידישער אַרבעטער פאַרלאָרן פיל פּאָזיציעס, באַזונדערס אין דער מושבה, אין די עפנטלעכע אַרבעטן און אין דער מלוכה־ווירטשאַפט. איז דאָס נאָך נישט גענוג — איז צוגעקומען נאָך א צרה. דער יידישער איכר רעכנט, אַז איצט איז געקומען די צייט זיך צו באַפרייען פון דעם עול וואָס הייסט: יידישע אַרבעט. יעצט האָט ער א גוטן אויסרייד. שטענדיק איז געווען באַקוועמער פאַרן איכר און פאַרן אַרבעטס־געבער בכלל צו אַרבעטן מיט אַן אַראַבישן אַרבעטער, וואָס איז דער טיף פון א קנעכט וואָס ווייס צו חנפענען זיין בעל הבית. יעצט ווען עס איז שווער קריגן א יידישן אַרבעטער און די ווירטשאַפט ליידט פון מאַנגל אין יידישע אַרבעטס־הענט — האָבן די איכרים אַן א שיעור תרוצים כדי חרוב צו מאַכן די פּאָזיציעס פון יידישער אַרבעט.

און אויב איר רעכנט, אַז דאָס איז די לעצטע צרה, מוז איך אייך זאָגן: עס איז פאַראַן נאָך א גרעסערע צרה. איר זאָלט נישט רעכענען אַז דער יידישער אַרבעטער איז פריי פון יעדער שולד. אויב דער יידישער אַרבעטער אין דער מושבה פאַרשטייט נישט דעם ווערט פון זיין פּאָזיציע און ער האַלט זי נישט טייער, איז נישט גרייט אויף קרבנות זי צו היטן, ווייל ער קען איצט האָבן אַן אַנדערע, א מער לייכטע און באַקוועמע פּאָזיציע און ער זאָגט: וואָס פאַרא חטא איז דאָ אין דעם וואָס איך וויל אויך לעבן, איך וויל אויך אָפּשפּאָרן א ביסל געלט — קען מען פון פּריוואַטן שטאַנדפּונקט צו אים קיין טענות נישט האָבן. דער יידישער אַרבעטער האָט אָבער אַלע יאָרן געזאָגט, אַז ער איז א חלוץ, דער חלוץ פון פאָלק, ער פּלאַסטערט נייע וועגן פאַרן פאָלק, און אויב ער איז הייַנט מפקיר די פּאָזיציע פון יידישער אַרבעט אין דער מושבה, — שטעלט ער אין גרויס סכנה זיין צוקונפט און די צוקונפט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער פאַרלירט א פּאָזיציע, וואָס מען וועט זי דערנאָך נישט קענען מער צוריק איינעמען.

אויב מיר ווילן ענדערן די לאַגע, איז נישט גענוג מיר זאָלן שרייען

אויף אנדערע, מיר דארפן זען, וואָס מיר אליין זענען פעאיק צו טון. מיר האָבן אין די לעצטע חדשים א סך געטון אין דער מלחמה פאַר יידישער ארבעט. מיר האָבן מאָביליזירט חברים פון די משקים, אנשטאַלטן, פאַך־ארבעטער, און זיי האָבן פאַרלאָזט זייערע פלעצער און זענען געגאנגען ארבעטן שווער אין פרדס פאַר א ביליקן פּרייז. מיר האָבן מאָביליזירט ארבעטער, וואָס האָבן אליין איינגעאָרדנטע ווירטשאַפטן, פון דגניה, עין חרוד, נהלל און זיי האָבן מפקיר געווען זייערע ווירטשאַפטן, וועלכע האָבן אָן דעם אויך געליטן פון מאַנגעל אין ארבעטס־הענט, זיי זענען געגאנגען און זיך געשטעלט אין די ארבעטער־רייען אין שרון, כדי צו היטן די דאָרטיקע פּאָזיציעס פון יידישער ארבעט, זיי זאָלן בלייבן געהיטן פאַר די נייע עולים.

די ארבעטער האָבן געוווּסט, אז די מאַנדאַט־רעגירונג האָט זיך געשטעלט אין דער זייט פון דעם איכר, אז דאָס רעגירונגס־געזעץ פאַרבאָט שטעלן וואַך־פּאָסטנס — דאָך זענען הונדערטער חברים געגאנגען און געשטעלט זיך אויף זייערע פּאָסטנס. אין ירושלימער תפיסה פייניקן זיך די בעסטע פון אונזערע חברים, פון די ארבעטער אין כפר סבא. ווייל זיי האָבן געפירט דעם קאַמף פאַר יידישער ארבעט און זיי זענען פאַר־משפט געוואָרן אויף חדשים טורמע.

און ווען איר מיינט אָבער, אז די וואַך־פּאָסטנס גענִיגן און עס גענוגט די גרייטקייט צו גיין אויף אייניקע חדשים אין תפיסה — האָט איר א טעות. מיר מוזן וויזן, אז מיר זענען מיט אונזער לעבן גרייט אויסצופילן יעדן ליידיקן חלל. אויב די רעגירונג פאַרוועהרט אונז אריינ־צוברענגען די צאָל נויטיקע ארבעטס־הענט, איז אונזער יעדנס חוב פול צו מאַכן דעם ליידיקן חלל מיט וויפל מיר קענען נאָר. יעדעס קינד, יעדעס יינגל און יעדער יוגנטלעכער קען דאָ דערפילן א וויכטיקע אויפגאַבע. אין דער צייט פון די פּסח־וואַקאַציעס האָבן מיר געזען, וואָס פאַר א אויפגאַבע עס האָבן אויסגעפירט די הונדערטער שילער, וואָס האָבן געאַרבעט ביים קטיף פון די ציטרוסן. אין די משקים אין עמק דערנענטערט זיך א גרויסער און הצלחהדיקער בציר פון די וויינטרויבן. די משקים וועלן פון דעם אפשר נישט רייך ווערן. עס וועט זיי אָבער פאַרזיכערן א גאַנץ יאָר ברויט צו דער זאַט. עס פעלן ארבעטס־הענט און נישט נאָר פאַר די שווערע ארבעטן, נאָר אפילו פאַר די לייכטע, און אין דער לאַגע קען יעדעס יינגל, יעדער יוגנטלעכער, יעדעס מיידל און יעדע יוגנטלעכע דערפילן אַן אויפגאַבע.

אויב זיי זיינען דאָ אין לאַנד, אויב זיי זיינען דערצויגן אין א יידישער שטוב, אין א יידישער שולע, אויב זיי זענען נישט פרעמד צו זייער פאָלק,

צו די יסורים און צו די האָפנונגען פון זייער פאָלק — טאָר קיינער פון זיי נישט בלייבן זיצן מיט פארלעגטע הענט, און זיך באהעפטן צו דער פאראזיטן־און בטלנים־מחנה וואָס שאפט זיך אין לאנד. אויב עס איז פאראן א ממש אין דער דערציונג וואָס איר האָט באקומען אין דער יידי־שער שולע און וואָס איר קריגט אין די יוגנט־אָרגאניזאציעס, וואָס דריקט זיך זיכער נישט אויס בלויז אין כינוסים, אין שפיל און אין ספאָרט, נאָר דינט דער ערנסטער זאך פון אָנגעהערן צו דער ארבעט, צו דער מחנה וואָס די ארבעט איז ביי איר א פראגע פון לעבן און טויט — ווערט איר אויפגעפאָדערט נישט נאָר בלויז אויף דעם אָוונט און נישט בלויז אויף די טעג פון די וואקאציעס, נאָר דאָס איז די אמתע פאָדערונג — נישט איך פאָדער עס פון אייך, נאָר דער גורל פון יידישן פאָלק און אייער צוקונפט פאָדערן עס פון אייך.

פילייכט טראכטן אייניקע פון אייך אויף אזא אופן: איצט איז פאראן אין לאנד א גרויסער פאָרט און עס זיינען פאראן אינטערנאציאָנא־לע געזעלשאפטן, און עס איז דאָ האָפנונגען אויף פאָסטנס, און דער דראנג וואָס איז פריער געווען אויף דער יוגנט און אויף די עולים פון איבערגיין צו ארבעט, איז איצט מער נישטאָ. עס איז מעגלעך, אז א יידיש יינגל מאכט זיך א חשבון, אז אלע אדוואָקאטן אין לאנד פארדינען גוט, יידן זעט אויס האָבן ליב זיך צו משפטן; דאָקטורים פארדינען גוט, יידן זעט אויס האָבן ליב זיך צו היילן; עס איז פאראן א גרויסער האנדל מיט ערד, פארמיטלונגס־ביוראָען מערן זיך, עס איז דאָ האָפנונגען אויף פאָס־טנס. צו וואָס אלזאָ גיין צו לאנדווירטשאפט אין דאָרף אריין? ווען איר מאכט אָבער דעם חשבון פון אונזער וועלט און דעם חשבון פון אייער צוקונפט און נישט בלויז פון דער „פּראָספּעריטי״, וואָס מען ווייס נישט ווי לאנג זי וועט אנהאלטן — מוזט איר זאָרגן אויף מאָרגן און אויף איבערמאָרגן, אויף דער צייט פון אייער רייף ווערן און אויף דער עלטער, און דעמאָלט וועט איר פארשטיין, אז די אלע פּראָפעסיעס גיבן נישט קיין זיכערקייט אין לעבן. דעם בולטן ביישפיל האָבן געגעבן די יידן אין דייטשלאנד, וואָס האָבן געבויט זייער צוקונפט אויף די דיפּלאָמען פון אוניווערזיטעט, אויפן פרייען בארוף און אויף הצלחה אין מסחר. פונקט ווי אין דער גאנצער וועלט וועט אָט דער שטאנד חרוב ווערן, ווען עס גייען אויף נייע עקאָנאָמישע כוחות, וואָס שטופן אים ארויס, אזוי וועט אויך זיין ביי אונז, ווען מיר וועלן נישט האָבן קיין ווארצלען אין דער ערד, אין געזונטער ארבעט ביי א געזונטערווירטשאפט, וועט אונזער קיום קיין קיום נישט האָבן, און אונזער צוקונפט וועט קיין צוקונפט נישט זיין.

זאָל יעדער מאכן זיין פריוואטן חשבון, זאָל יעדער רעכענען דעם

חשבון פון פאָלק, פון וועלכן ער שטאַמט און מיט וועמענס כוח ער אָדער זיינע עלטערן זענען געקומען אין לאַנד אריין, זאָל ער טראַכטן וועגן די וואָס גייען אַ דורך בגניבה די גרעניצן פון לאַנד און יעצט זיצן זיי אין עכו אָדער אַנדערע תפיסות און אויך דאָ אין ירושלים. זאָל יעדער וויסן אַז זיין גורל איז פאַרבונדן מיט דעם פאַרצווייפלטן קאַמף, וואָס דאָס פאָלק פירט אויף לעבן און טויט אין משך פון דורות, ווייל עס האָט נישט קיין אַנדערן אויסוועג נאָר די איינע שפּאַלט וואָס פירט צום אַרבעטס־לעבן אין לאַנד. אין בין זיכער, אַז די דערקענטניש פון דער שותפות מיט דעם לעבן פון פאָלק מוז ברענגען צו אַן ענדערונג אין לעבן פון דער יוגנט. ער וועט וויסן אַז דאָס אַנטלויפן קיין אויסלאַנד כלומרשט צו לער־נען, און בעצם איז עס נאָר צוליב קאַריערע — אַז דאָס אַנטלויפן קיין אויסלאַנד און דאָס זוכן זיך לייכטע פּרנסות, ברענגט פאַראַרעמונג און שאָדן דעם עקאָנאָמישן קיום אונזערן אין לאַנד. ער וועט מער נישט גיין אין די וועגן אין וועלכע עס איז געגאַנגען די יוגנט פון מאה שערים, בתי הונגרים און עיר עתיקה, וואָס האָבן צוגעשטעלט שוחטים, חזנים, שמשים און אַנדערע כלי־קודש פאַר דער גאַנצער גולה. זיי וועלן אויך נישט גיין אין די וועגן פון די קינדער פון די איכרים, וואָס האָבן פאַרלאָזט די פּראַצע פון זייערע עלטערן און זענען געגאַנגען קיין אויסטראַליע, אַפרי־קע און אַמעריקע. און אויך נישט אין דעם וועג וואָס איז געגאַנגען אַ טייל פון דער יוגנט פון די מיטל־שולן, וואָס זענען אַרויס קיין חוץ־לאַרץ שטודירן און גלייך פאַרגעסן די ירושה וואָס דער לערער האָט זיי געשענקט. איך האָף, אַז יענע וועגן וועלן יעצט נישט זיין וועגן פון דער יוגנט אין ארץ־ישראל. זי וועט פילן, אַז זי איז ראוי און מסוגל צו טראָגן די לאַסט פון דער חלוצישער בויונג אין ארץ־ישראל, נישט ווינציקער ווי די יוגנט וואָס קומט פון חוץ־לאָרץ.

ארבעטער־קאלאניזאציע

די שאפונג פון אן ארבעטנדן ישוב

[א פאָרטראג, געהאלטן אויף דער קאָנפערענץ פון די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער
אין יהודה, 1914]

שאפן אן ארבעטנדן ישוב — דאָס וועט אפשר זיין דער פאסיקסטער אויסדרוק פאר דער געדאנקען־שטופע, צו וועלכער מיר זיינען דערגאנגען. מיר דוכט, אז דאָס איז איצט דער הויפּט־וועג פארן יידישן ארבעטער אין לאנד.

ניט מיטאמאָל און ניט מיט דער הילף פון א פריערדיקער טעאָריע און פארטיקע געדאנקען זיינען מיר דערגאנגען צו דעם פונקט. מיר זיינען געגאנגען און גייען מיט פארשיידענע שטעגעלעך, און נאָך מער, מיר האָבן געבלאָנדזשעט און בלאָנדזשען אָן וועגן. באזונדער און אינאיינעם האָבן מיר געזוכט אונזערע סטעזשקעלעך אין געדאנק און טאט, די סטעזשקעלעך פונם יחיד און פונם כלל. אויך אין אונזער ארבעט האָבן מיר אריינגעלייגט פארשיידענע כוחות און באגערן, פארשיידענע כוונות און האָפענונגען האָבן מיר געלייגט אין אירע רעזולטאטן. און אין פאר־שיידענע ווינקעלעך זיינען געשאַפן געוואָרן יענע איינצלנע אויפטוען, וואָס זייער הויפּט־אינהאלט איז געווען איינער: די ארבעט פונם זעלבסט־שטענדיקן ארבעטער, אונטער דער אייגענער לייטונג, אויף דער אייגענער אחריות. אָן ארבעט אָן א פרעמדן יאָך, א באפרייטע און באפרייערישע. רופט זיי, ווי איר ווילט: קבוצות, קאָאָפּעראציעס, ארבעטער־ישובים, מושבי־עובדים. וואָס איז דער לעבעדיקער גייסט פון דעם אלעם, אויב ניט די באפרייטע און באפרייערישע ארבעט? ווו קומען זיך צונויף אלע אונזערע געדאנקען, אויב ניט ארום שאפן א זעלבסטשטענדיקן ארבעטער־דאָרף אין רשות פון פאָלק?

אלץ וואָס איז געטאָן געוואָרן, צי דורך יחידים צי דורך גרופּעס,

איז געטאָן געוואָרן צופעליק, ניט לויט אַן אויסגעהאלטענעם פּלאַן. אבער ניט צופעליק זיינען געווען די שטימונג און די גייסטיקע באוועגונג, וואָס האָבן דאָס געבוירן. דאָס איז געווען באשטימט אין די טיפסטע קעמערלעך פון דער עליה־און ארבעטס־באוועגונג פון אָנהייב אָן. דאָס האָט זיך געשפייזט פון די זעלבע מקורות, פון וועלכע עס האָט זיך געשפייזט די באוועגונג אליין. און די עצם ארבעט, איר לעבן, אירע דורכפאלן און נצחונות, אירע חשבונות און באגערן — זיי האָבן עס געבראכט צו א פארקערפערונג. יאָ, די ארבעט האָט געטראָגן אין זיך די זוימען און וואָס זי האָט געשאפן, האָט זי געשאפן פון זיך אליין.

די יידישע ארבעטער־באוועגונג האָט באשאפן א יש מאין: זי האָט באשאפן דעם יידישן ערד־ארבעטער. זי האָט באשאפן זיין עמבריאָן, האָט אויפגעקליבן זיין שטויב פון אלע עקן וועלט און האָט אין אים אריינגעבלאָזן א לעבעדיקע נשמה. זי האָט אים אויך געגעבן זיינע קאָלאָניזאטאָרישע שטרעבונגען. זי האָט באשאפן די ערשטע מענטשלעכע יסודות וואָס זיינען נויטיק אויף צו שאפן אַן ארבעטער־דאָרף, זי האָט אויך באשאפן די נויטווענדיקייט און דעם באוווסטזיין, אז דאָס איז מעגלעך. פאר אונזערע אויגן ווערט באשאפן דער יידישער ארבעטער דורך דער יידישער ארבעט, און זי שטרעבט צו א פארבעסערונג, צו פארוואָרצלען זיך אין דעם באָדן. די ווירטשאפט פּראָגרעסירט און פארצווייגט זיך אדאנק דער יידישער ארבעטס־באוועגונג. די מעגלעכקייט זיך אויסצוהאלטן פון א קליינעם אָבער גוט באארבעטן שטח ווערט אלץ נאָענטער, עס ווערט געשאפן א גייסטיקע גרייטקייט אריינצולייגן כוחות אין יעדן ווינקעלע פון דער ווירטשאפט, ניט מאכנדיק קיין חשבונות, אז עס וועט אפשר מיט דער הילף פון אנדערע קאָסטן ביליקער; עס פארשפּרייט זיך די נייגונג צו ארבעטן און זיך ספּעציאליזירן אין די פארוואָרפנסטע לאנדווירטשאפט־לעכע ווינקעלעך, וואָס ביז די לעצטע יאָרן האָט זיך מיט זיי קיינער פונם ישוב ניט פארנומען; די פּרווּ הייבט אָן אנטיילצונעמען אין דער לאנדווירטשאפטלעכער ארבעט, — די אלע העלפן שאפן דאָס ארבעטער־דאָרף, דערנעענטערן דעם אויסלייזונגס־טאָג פון דער יידישער ארבעט.

אינעווייניק, אין אונזער מחנה, הייבט עס זיך שוין אָן דאָס אלץ זיך צוזאמענצושליסן אויב ניט אין א סיסטעם, אין אַן אָנשויאונג פון דעם ישוב, איז אלנפאלס אין א נשמה־צושטאנד, וואָס איז נאָך אפשר וויכטי־קער פאר דער איינוואָרצלונג פון דאָס נייע אין לעבן. פון דרויסן איז נאָך אלץ געבליבן, ווי געווען: אלץ, וואָס ווערט געטאָן און דאַרף געטאָן ווערן, ווערט געמאכט דרך אגב, געלעגנהייטלעך. די אלע ענינים, די קבוצות, די מושבי־הפועלים געפינען זיך נאָך אויפן צווייטן פּלאַן. אין

דער ארבעט פונם ישוב פאַרנעמט נאָך דער געדאַנק פונם ארבעטער־ישוב בכלל קיין אָרט ניט. עס האָבן זיך ערשט פאַר אים געעפנט שמאָלע שפּעלטעלעך.

פאַרברייטערן די דאָזיקע גרענעצן אין געדאַנק און טאַט, מאַכן די ארבעטער־זידלונג פאַר א ווינקלשטיין אין דעם יישוב, אין דער טעאָריע און פּראַקטיק פונם יישוב, און דער עיקר, צוגרייטן זיך פאַר דעם צוקונפטיקן יישוב, אז מיר זאָלן ווערט זיין צו ווערן זיינע טרעגער — דאָס דאַרף זיין די אויפגאַבע פון אונז, ארבעטער.

*

אין די ארבעטער־ישובים דאַרף מען קודם־כל זען זייער הויפּט־ציל: די קאָלאָניזירונג פון ארבעטער. עס דאַרף אלעמען דורכדרינגען דאָס באַוווּסטזיין, אַז קאָלאָניזירן דעם ארבעטער — איז דער א׳ און דער ת׳ פון קאָלאָניזירן דאָס לאַנד, אז דאָס איז די איינציקע נאַציאָנאַלע קאָ־לאָניזאַטאָרישע סיסטעם. פיליכט וועט מען סוף־כל־סוף פאַרשטיין, אז אויב דאָס פאָלק וויל אויסלייזן זיין באָדן און ווידמעט דעם דאָזיקן צוועק אלע זיינע טרוימען, מיטלען, זין און טעכטער, הייסט עס בשום אופן ניט, אז זיין כוונה איז אויפצושטעלן א מחנה גוט־באַזיצער און א צו זיי פאַרשקלאַפטן לאַנדווירטשאַפטלעכן פּראָלעטאַריאַט. און אויב מיר ווילן, אז די עליה קיין ארץ־ישראל זאָל זיך ניט באַנוגענען מיט טוריסטן און חשובע געסט, מוז דער באַגריף וועגן קאָלאָניזירן ארץ־ישראל ווירקליך ווערן פול מיט א לעבנס־אינהאַלט, מיט א מענטשלעך־קאָלאָניזאַטאָרישן אינהאַלט. ווער עס איז עולה קיין ארץ־ישראל צו ארבעטן, קען טאַקע פאָדערן פון זיך — און דאַרף פאָדערן פון זיך — צו קענען ארבעטן אויך ביי שווערע בעלי־בתים. אָבער צוליב וואָס פאַר א צוועק? וואָס איז דאָ פאַר אַ צוציענדע פּערספּעקטיוו? ניט שוין כדי צו דינען אלס א פּוס־בענקל פאַר די גוט־באַזיצער, וואָר ווועלן אין זייער גוטהאַרציקייט באַווי־ליקן אריינצונעמען אויך א יידישן ארבעטער אין די מחנות פון פאַר־שקלאַפטע פרעמדע ארבעטער? ניט שוין, אין דער אמתן, כדי צו זיין אַן ארבעטער — אָפּגעריסן פון דער ערד, אַן אָביעקט פאַר די מעשים תעתועים פון די משגיחים און די קאַפּריזן פון באַאַמטע, שטענדיק פול מיט פאַר־ביטערונג און באַליידיקונג און צער, א „שברי כלי״ אין דער ארבעט, אָדער — אין בעסטן פאַל — א מין לאַנדווירטשאַפטלעכער בעל־מלאכה, וואָס דער קלענסטער ווינט וועט אים פאַריאָגן, וואָס די קינדער זיינע וועלן אויסוואַקסן באַדנלאָזע, היימלאָזע אָן אָן אייגענעם ווינקל, אָן אייגענע ד׳ אמות? אַן ארבעטער א מסתפק במועט זוכט „תכלית״, וויל באַלוינונג; דער חלוץ — דער אידעאַליסט — וואָס קוקט צו דער צוקונפט, ע ר — וויל

אויף א באלוינונג, גייסטיקע באפרידיקונג, דעם באוווסטזיין, אז ער אַרבעט ניט כדי צו שאפן א שקלאפן־רעזשים, ניט כדי אויפצושטעלן דורות פון „באטראקעס״, אויף צו ברענגען א נעבעכדיקע גאולה — ער אַרבעט און קעמפט כדי צוצוגרייטן א מענטשלעך לעבן פאר זיך, פאר די קינדער, פארן פאָלק.

די איינציקע פערספעקטיוו איז — אומאָפּהענגיקע, זעלבסטשטענ־דיקע אַרבעט. „ברויט פארן אַרבעטער און פרייהייט פארן גייסט״. ווען די פאָלקסטימלעכע מאסן־קאָלאָניזאציע וועט זיך דורברעכן א וועג, וועט די שטרעבונג צו דער פאָלקס־גאולהווירקלעך ווערן אַ ווירקנדיקער, איינפלוסרייכער פאקטאָר אין לעבן פון פאָלק, וואָס יעדער איינער וועט טרוימען וועגן איר פארווירקלעכונג. די פאָלקס־ קאָלאָניזאציע איז דער שליסל צום פאָלקס־הארץ, די טרייב־קראפט פאר דער עליה.

די מאסן־קאָלאָניזאציע, ווי נאָר זי וועט זיך אָנהויבן — וועט במילא דורלייגן פאר זיך א וועג און וועט שאפן דעם נויטיקן מענטשן־מאַ־טעריאַל. זי וועט אונז געבן דעם ערד־מענטש. און אז עס וועט קומען דער טאָג, ווען מיר וועלן האָבן דעם פארפולקאָמטן ערד־אַרבעטער, דעם גערטנער, דעם וואָס האָדעוועט פי, הינער, בינען, דעם מילכיקער, דעם פלאנצער, דעם לאנדווירטשאפטלעכן הויז־אינדוסטריעלער — וועלן עס די אַרבעטער־יישובים געבן, און ניט דער גרויסער פרדס. דאָס קינד, וואָס וועט געבוירן ווערן אין דעם אַרבעטער־יישוב, וועט זיין א קינד פון דער ווירטשאפט, — ביז איצט האָבן מיר אזוינס ניט געהאט. אויב דאָס קינד פון דער קאָלאָניע ווערט איצט דערצויגן אלס „משגיח״ — וועט דאָס קינד פונם אַרבעטער־יישוב דערצויגן ווערן צו אַרבעט.

*

אין דער שאפונג פון די אַרבעטער ישובים דארפן זיך באטייליקן דער פּרט און דער כלל. דער פּרט וועט אינוועסטירן זיין פריוואטע איניציאַטיוו, זיינע כוחות, ענערגיע, אַרבעט און לעבנס־האָפענונג; דער כלל — די געזעלשאפטלעכע איניציאַטיוו, די נאציאָנאלע עיקרים, דעם באָדן און דעם קרעדיט. דאָס פאָלק דאַרף דעם אַרבעטער געבן דעם באָדן, — געבן ניט אַלס א מתנה און ניט אויף אויסצאָלן נאָר אין אַרענדע, אויף צו באנוצן אים כל זמן ער וועט אים באאַרבעטן און כל זמן זיינע קינדער און קינדס־קינדער וועלן אים באאַרבעטן. דאָס דאַרף געטאָן ווערן דורך דעם קרן קיימת לישראל. דאָס איז די היסטאָרישע אויפגאבע פון קרן קיימת, — אזוי האָבן עס אין זייער וויזיע, מיט זייער רוח הקודש, געזען די גרינדער פון קרן קיימת, נאָר ליידער איז עס נאָך ביז איצט ניט פארווירקלעכט געוואָרן. אין דער גאנצער אַרבעט פון קרן

קיימת וועט אנקומען א נייע תקופה, אויב דער וועג וועט זיין קלאָר: ניט אויסצובריינגען געלט אויף קלייניקייטן, ניט קיין הלוואות, ניט הייזער בויען אָדער דאָסגלייכן, ניט קיין פושקע פאר כלערליי צדקה־צוועקן, ניט קיין קאָלאָניזאַטאָרישע פארמיטלעריי, אזוי ווי עס זעט אויס היינט צו טאָג, נאָר — אויסצולייזן דעם באָדן און איבערגעבן אים אין די הענט פון דעם ארבעטער. ווען עס וועט קומען אזא תקופה אין דער טעטיקייט פון קרן קיימת — וועט אויך אַנטשטיין אַ נייע תקופה אין דער באַציונג פון פאָלק צום קרן קיימת, — דאָס פאָלק וועט דאן דערפילן און וויסן, וואָס פאַר אַן ארבעט דער קרן קיימת טוט אין ארץ ישראל. אַלץ וואָס מיר טוען — האָט אַ בת־קול. דער היינטיקער „בת־קול" ווייס צו דערציילן וועגן ניט־יידישער אַרבעט, אַרבעטסלאָזיקייט צווישן יידן, אנטוישונגען, פארפרעמדקייט. אנדערש וועט זיך הערן דער „בת־קול" פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט, וואָס וועט געפירט ווערן דורכן פאָלק, צוגעפאסט צו די באַדערפענישן פון דעם יידישן פאָלק — דער בת־קול פון דער ארבעטנדיקער קאָלאָניזאציע. דער דאָזיקער בת־קול וועט זיך דורכלייגן וועגן, וועט גיין פון לאנד צו לאנד, וועט אויפציטערן באהאלטענע סטרונעס אין האַרצן פון דעם צעשפרייטן, צעריסענעם פאָלק, און וועט פאר אונז אַנטפלעקן פארלעגענע אוצרות, מענטשלעכע אוצרות, בריענדיקע און שאפנדיקע כוחות, וואָס מיר האָבן פון זיי קיין אַנונג ניט געהאַט. און אפשר וועט ער זיי אליין שאפן.

דעם קרעדיט, וואָס וועט נויטיק זיין פאר דער שאפונג פון די ארבעטער־ישובים — אויף וואַסער־אינסטאלאציע, אויף בויען הייזער און שטאָלן, אויסבעסערן דעם באָדן — וועלן דארפן צושטעלן די פארשיידענע קאָלאָניזאטאָרישע אינסטיטוציעס. ברעקלעך פון אגראַר־קרעדיט ווערן צעשפרייט איבער גאַנץ ארץ־ישראל, אָבער עס ווערט געמאכט אַן אַ סיסטעם און אַן אַ פערספעקטיוו. דער אמתער בטוח איז „נאַטירלעך" דער בעל־הבית, אפילו ווען ער זיצט זיך אין חוץ־לארץ און די ארבעט אין ארץ־ישראל ווערט פאר אים געמאכט דורך פארטרעטער, דערביי — אָן קיין שום זיכערקייט אז זי ווערט געמאכט ווי עס באַדאַרף צו זיין און אַז זי וועט געטאָן ווערן מיט יידישע הענט. אז עס וועט זיין אַ וועלכע ס'איז געזעלשאפטלעכע קאָנטראָל און אז עס וועט געזאָרגט ווערן פאר די נאַציאָנאַלע אינטערעסן, זיי זאָלן ניט געשעדיקט ווערן. און אז דער דאָזיקער „בטוח" זאָל האָבן גענוג קרעדיט, זאָרגט מען ביי אונז פון אלע זייטן. א סך ענערגיע האָט מען ביי אונז אריינגעלייגט כדי צו פאַר־וואַנדלען אונזער רייכסטע קאָלאָניזאטאָרישע קאַסע — די „פּאַלעסטינאַ־קאָמיסיע" — אין א מין קאָלאָניזאציע־באנק פאר גוט־באַזיצער, וואָס זיצן

אין חוץ־לארץ און דארפן נעבעך האָבן די רחמים פון דעם פאָלק און זיינע וויל־טוער, הגם מיט די זעלבע געלט וואָלט מען געקענט אוועק־שטעלן אויף דער ערד הונדערטער און אפשר טויזנטער אַרבעטער. עס וועט נאָך פיליכט קומען א צייט און מען וועט זיך כאפּן, וואָס פאר אַ געוואַלטיקער פעלער עס איז דאָ באַגאַנגען געוואָרן. אָבער ביז וואָס־ווען זיינען מיר געצווונגען אומאויפהערלעך צו מאָנען און מאָנען קרעדיט פאר דער אַרבעטער־קאָלאָניזאציע, צוציען און ציען אלע נאַציאָנאַל־קאָלאָניזאטאָרישע פאַקטאָרן צו דעם צוועק. אָבער מיר טאָרן זיך ניט באַנוגענען מיט דעם פּאַראַנענעם. עס מוז ענדלעך געשאפן ווערן אַ קאָלאָ־ניזאַטאָרישע אינסטיטוציע, וואָס זאָל זיין אינגאנצן אָדער הויפּטזעכלעך געווידמעט דעם דאָזיקן ציל — צוצושטעלן קרעדיט פאר דער אַרבעטער־קאָלאָניזאציע. דאָס וועט דארפן זיין אַן אינסטיטוציע וואָס זאָל דערגענצן די טעטיקייט פון קרן קיימת. אָנשטאָט דעם פארנעפּלטן באַגריף וועגן אַן אַגראַר־באַנק, וואָס זיינע מיטלען זאָלן ניט קלעקן אפילו אויף א התחלה און וואָס זיין טעטיקייט קאָן עווענטועל געווענדעט ווערן קעגן די אינטע־רעסן פון נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאציע, דארף קומען דער קלאָרער געדאנק וועגן אַ קרעדיט־געזעלשאפט, וואָס זאָל העלפן בויען די ארבעטער־געזעלשאפט, וואָס זאָל ערטיילן קרעדיט אויף באשטימטע, באגרענעצטע און קאָנקרעטע באדינגונגען (דער עיקר: קרעדיט ניט פארן פרט, נאָר פארן כלל), קרעדיט — וואָס זאָל זיין דורכויס געוויד־מעט די אינטערעסן פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאציע.

דער יידישער ערד-מענטש

[פון א רעדע, וואָס איז געהאלטן געוואָרן אויף א צוזאמענקונפט פון קולטור־טוער און אינטעלעקטואלן פארן קרן קיימת לישראל, 1943]

אין געראנגל פאר דער פארווירקלעכונג פון דעם ציוניזם פארנעמט די אגראר־קאָלאָניזאציע און דער קאמף פאר איר א באזונדערן פלאץ. די אגראר־קאָלאָניזאציע שאפט די באזע פארן פּאָליטישן קאמף — און זי האָט אויך אויסגעפורעמט דעם מענטש, דעם טיפּ מענטש, וואָס איז, לויט זיין כאראקטער און גייסט, מסוגל צו ווערן דער טרעגער פון קאמף און פאר־ווירקלעכונג צוגלייך.

די פראגע פון דעם טיפּ מענטש, וואָס די פארווירקלעכונג פון ציוניזם פאָדערט, טאָר ניט אונטערגעשאצט ווערן. דעם דאָזיקן ענין האָבן ביי אונז

צו לייכט גענומען סיי „ספעציאַליסטן" און סיי פּאָליטיקער, אָבער באַוואוּ־גונגען דערגרייכן זייער ציל בלויז דורך אַ באַשטימטן טיפּ מענטש. מיר נויטיקן זיך אין אַ טיפּ מענטש, וואָס איז פּעאיק ניט נאָר קעמפן אויף באַריקאַדעס, אָדער תּופס זיין אַ פּאָליטישע סיטואַציע, אָדער אַפילו זיין אַ פּעאיקער „אָרגאַניזאַטאָר". די פּאַרוווירקלעכונג פון ציוניזם פאָדערט אַ טיפּ מענטש, וועלכער איז אַן אייגנאַרטיקער סינטעז פון פאַרשיידענע אייגנ־שאַפטן: אַ מענטש וואָס באַזיצט אַ ווירדע־געפיל, וואָס טרייבט אים זיך צו שטעלן אין קאַמף קעגן פאַרקנעכטונג און דערנידעריקונג, אָפענער און פאַר־שטעלטער; אַ טיפּ מענטש וואָס לעבט מיט זיין פאָלק און איז פּעאיק זיך צו פאַרטיידיקן קעגן אומרעכט און זיך שטעלן קעגן עוולות, און גלייכצייטיק איז ער אַ קאָנסטרוקטיווער מענטש אין פולן זינען פון וואָרט; אַ מענטש פון התמדה און האַרטנעקיקייט; אַ מענטש, וואָס פאַרנעמט זיך יעדן טאָג, זיין גאַנץ לעבן, מיט גרויע, קליינע מעשים, וואָס זיינע הענט פאַלן ניט אַראָפּ ביי שטערונגען און אומגליקן. אָט דער דאָזיקער טיפּ מענטש וועט דעם פאָלק אומקערן זיין אבידה — די ערד, די געזונטע עקאָנאָמיק, די פּאָ־ליטישע פרייהייט, די העברעאישע קולטור, דעם כּבֿוד, וואָס איז געפאַלן אין די אויגן פון פרעמדע און אין זיינע אייגענע אויגן. אין דער גרויסער וועלט קען זיך אַ סאָלדאַט באַנוגענען מיט זיינע מיליטערישע אייגנשאַפטן, אין קיין אַנדערע אייגנשאַפטן נויטיקט ער זיך ניט, — פון דעם יידישן מענטש, דעם סאָלדאַט פון זיין פאָלק, ווערט געפאָדערט פיל מער. ער דאַרף זיך ראַנגלען מיט דער וויסטעניש און דעם פעלז, מיט זומפּן און זאַמדן, מיט אָנגריפן פון דער באַהעלטעניש און געזעצלעכע גזירות. ער דאַרף זיך אויך ראַנגלען סיי מיט דער קולטורלאָזיקייט און סיי מיט אַ קולטור וואָס איז פיינטלעך צו זיין אייגנאַרט, מיט אַן אַסימילאַציע־גייסט, וואָס איז אויך אַריינגעדרונגען אין זיינע אייגענעביינער. אויב מיר וועלן אַזאַ טיפּ מענטש ניט האָבן, וועלן אונדז ניט העלפן אַפילו קיין גינסטיקע פּאָליטישע סיטואַציעס — אָן אים וועלן מיר ניט אויסהאַלטן די שווערע סיטואַציעס, וועלכע מיר מאַכן איצט דורך, און וואָס וועלן נאָך דויערן ווער ווייס ווי לאַנג. און אויף דעם טיפּ מענטש קען מען זאָגן: „מארץ יצמח" — ער וועט אויסוואַקסן פון דער ערד. אויפן באָדן פון דעם יידישן נאַציאָנאַל־פאָנד וואַקסן ניט נאָר ווייץ און גערשטן און פאַרשיידענע גרינסן און פּרוכט. אויף דעם דאָזיקן באָדן וואַקסט אויך דער דאָזיקער טיפּ מענטש. עס איז כּדאַי, אַז מיר זאָלן אַ טראַכט טאָן, וואָס עס וואָלט געוועזן דער גורל פון אונדזער באַוועגונג, ווען זי וואָלט ניט געהאַט אָט דעם דאָזיקן רוקנביין, וואָס פייער קען אים ניט פאַרטיליקן און וואַסער קען אים ניט ווייך מאַכן.

מיר קענען די יידישע יוגנט, מיט איר ענטוזיאַזם און גרייטקייט

אויף מסירת־נפש. אָבער מיר האָבן זי אויך געזען אין איר געפאלנקייט און צעשטויבטקייט, בעת זי האָט זיך געלאָזט טראָגן מיט יעדן ווינט, בעת זי האָט זיך געלאָזט פארצויבערן פון יעדן מיראזש. בלויז דער באָדן פון ארץ־ישראל — און מער קאָנקרעט: דער באָדן פון קרן־קימת — האָט זי פעסט געמאכט. ער האָט די יידישע יוגנט איינגעשפאנט אין דער פּיאָנערן־ארמיי פון פאָלק, וועלכע שטייט אין די ערשטע שורות פון דעם קאמף פון יידישן פאָלק פאר זיין קיום, פון חניתה ביז ווארשע, און אין יעדן פלאץ, ווו יידן קעמפן פאר זייער לעבן און פאר זייער נשמה.

דער ציוניזם איז די יידישע אוטאָפּיע — אפשר די סאמע קאָמפּליצירט־סטע פון אלע אוטאָפּיעס, ווייל איר וויזיע נעמט אויך אריין עלעמענטן פון דער סאָציאלער אוטאָפּיע. איז עס טאקע ניט קיין אוטאָפּיע צו פארוואנדלען דעם יידן, ווי די וועלט איז אים געוווינט צו זען, דעם ייד פון „יריד" און דער בערזע און פריץ׳ס „הויף" — אין דעם מענטש פון ארבעט און ערד? און עס וואקסט דאָך שוין ביי אונז אויס דער טיפ פון א דערוואקסענעם און יונגן מענטש, וואָס זעט אויס ווי א שטיק ערד, וואָס פאראייניקט אין זיך די באשטענדיקייט און ערנסט און עקשנות פון דעם דורותדיקן ערד־מענטש מיט דער פּראקטישער בילדונג, וואָס בלויז די סאמע מאָדערנסטע קולטור־מלוכות האָבן באוויזן צו געבן זייערע לאנדווירטן. אין דעם אליין ליגט דאָך שוין א שטיק פארווירקלעכונג פון דער אוטאָפּיע. און דער, וואָס טראכט זיך אריין, ערנסט און שטרענג, אין דער סאָציאלער פּראָבלעמאטיק פון דער וועלט, מוז דאָך איינזען, אז אויב עס וועט ניט אנטשטיין אזא נייער טיפ מענטש, א סינטעז פון דעם אינטעלעקטואל און ארבעטס־מענטש, איז פאראן א ספק, צי עס וועט קומען יענע סאָציאלע אָרדענונג, צו וועלכער די מענטשהייט שטרעבט און זי ווייס ניט, צי זי דערנענטערט זיך צו איר, אָדער זי דערווייטערט זיך פון איר.

אן אוטאָפּיע — איז העברעאיש אלס אן אומגאנגס־שפּראך, אן אוטאָפּיע איז א לעבעדיקע העברעאישע ליטעראטור, וואָס איז ניט קיין ענין פאר א הייפל אינטעליגענטן און תלמידי חכמים, נאָר א ליטעראטור פאר אר־בעטנדיקע מענטשן, פאר פרויען און קינדער, א ליטעראטור, וואָס צענטליקער טויזנטער שפייזן זיך גייסטיק פון איר, בלויז פון איר.

אן אוטאָפּיע איז צו קומען אין א לאנד, וואָס אנדערע זיינען געוואָרן זיינע בעל־הבתים און עס אויסלייזן מיט געלט. עס איז ניט שווער צו באווייזן, אז דאָס איז איבער די כוחות פון א פאָלק, באזונדערס איבער די כוחות פון א פאָלק, וואָס האָט ניט קיין מלוכה־מאכט און קיין מלוכה־קאסע, און אלע זיינע דערגרייכונגען זיינען אָפּהענגיק פון פרייוויליקע אָנשטרענגונגען.

און גאָר און גאָר אָן אוטאָפּיע איז דער באָדן, וואָס ווערט דערלייזט ניט מיטן כּוח פון דעם יחידס באַגער נאָך אייגנטום און זיין תּאווה נאָך רווחים, נאָר מיט די גראָשנס פון פאָלק — באָדן וואָס ווערט דאָס אייגנטום פון דער נאַציע. ווי אַזוי האָט דער ציוניזם כּמעט צופעליק זיך דערוואָרבן דעם דאָזיקן סאָציאַלן ווערט, וואָס בדרך כּלל דערגרייכן אים פעלקער בלויז דורך טייכן בלוט? אוודאי איז אין דער תּורה פאַראַן דער פּסוק „לי כל הארץ", און אַלע ווייסן, אַז עס איז געווען אַ פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק, צבי שאַפּיראָ, אין וועמען עס האָט געפלאַמט אַ ניצוץ פון די גרויסע אוטאָ־פּיסטן, און אַז עס איז געווען הערצל. אָבער וואָלטן מיר דערצו זוכה געווען, ווען עס וואָלט ניט געווען קיין היסטאָרישע שעת־הכּושר? ווען דער יידישער נאַציאָנאַל־פאָנד וואָלט ניט געשאַפן געוואָרן אויפן פינפטן קאָנגרעס, צוליב הערצלס אומגעדולד, וואָלט ער דאַן געשאַפן געוואָרן אויפן זעקסטן קאָנגרעס, אויפן אוגאַנדע־קאָנגרעס, אין די „קליינע יאָרן" פון הערצלס יורשים, אָדער אין דער צייט, ווען עס האָט ביי אונדז געהערשט די אידעאָלאָגיע פון דער „פּריוואַטער איניציאַטיוו"? לאָמיר זיך ניט נאַרן, פיל פון די בעסטע ציוניסטן האָבן דאָך געהאַלטן, אַז דער פּסוק „די ערד זאָל ניט פאַרקויפט ווערן אויף אייביק" קען געברויכט ווערן פאַר פּראָפּאַגאַנדע, אָבער ער טויג ניט אויף צו „פירן געשעפטן". די בעסטע העברעאישע שרייבער און די בעסטע ליטעראַרישע טריבונעס האָבן דאָך געטענהט, אַז מען דאַרף אָפּשאַפן דעם „אומפּראַקטישן" פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלן באָדן, און זיי האָבן מסביר געווען, וואָס פאַר אַ גוטע געשעפטן דער נאַציאָנאַל־פאָנד וואָלט געקענט מאַכן, ווען ער וואָלט פאַרקויפט אַלע זיינע באָדנס און מיטן ריווח געקויפט נייעם באָדן. איצט, נאָך די אַלע זאַכן וואָס מיר האָבן געזען מיט אונדזערע אייגענע אויגן, נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז דער פּריוואַטער קאַפּיטאַל פאַרלירט יעדן אינטערעס אין באָדן, בעת ער דערזעט ערגעץ אַנדערש בעסערע פּערספּעקטיוון אויף פּראָפיטן, און ער האַלט זיך אַפילו ניט אָפּ פון אויסצוליפערן יידישן באָדן צו פרעמדע, און אין געוויסע פאַלן איז מען אַפילו געצוווּנגען צו רופן דעם נאַציאָנאַל־פאָנד, ער זאָל ראַטעווען די דאָזיקע באַדראָטע באָדנס — וועלן אפשר סיי די פּראַקטיקער און סיי די אינטע־לעקטואַלן פאַרשטיין, ווי גרויס עס איז די סכּנה מפקיר צו זיין די אַגראַרע צוקונפט פון פאָלק אין די הענט פון פּראָפיט־זוכער. און אפשר וועלן זיי אויך פאַרשטיין, וואָס עס וואָלט געוואָרן פון דעם חלום פון יידישער לאַנדווירט־שאַפט, לאַנדווירטשאַפט ממש, מיט יידישע הענט, ווען ניט די אוטאָפּיע פון נאַציאָנאַלן אייגנטום אויף באָדן.

אָבער צוויי שווערע פעלערן האָבן שטענדיק באַגלייט אַלע אונדזערע אוטאָפּיעס: פאַרשפּעטיקונג אין צייט און פאַרשמעלערונג פון פאַרנעם. די

געשיכטע פון ציוניזם איז פול מיט פארשפעטיקונגען, מיט וועלכע מיר מוזן זיך שעמען. וועגן אונזערע פארשפעטיקונגען בלויז בנוגע באַדן וואָלט מען געקענט שרייבן א דערשיטערנדיקן בוך.

און פארשפעטיקן מיר דען אָט די אלע יאָרן בלויז בנוגע באַדן? ווייטיקן מיר איצט ניט, יעדער איינער פון אונז, אויף יעדער שיף, וואָס האָט געקענט קומען און איז ניט געקומען? אפילו אוסישקין, אין זיין ווילן א שטופ צו טאָן דעם ענין באַדן, פלעגט אמאָל זאָגן: יידן פאר ארץ־ישראל וועלן שטענדיק זיין, אָבער באַדן וועט ניט זיין, און דאָס האָט געזאָגט א מענטש, וואָס איז געקומען פון רוסישן יידנטום, און האָט מיט די אייגענע אויגן געזען די איבערקערעניש וואָס עס האָט דורכגעלעבט. די גאנצע געשיכטע פון ציוניזם, און אפשר דער גאנצער גורל פון ציוניזם, וואָלט מסתמא געהאט גאָר אן אנדער פנים, ווען עס וואָלט ניט פארשפאַרט געוואָרן דער געבענטש־טער קוואל פון רוסישן יידנטום. און פונדעסטוועגן האָט אפילו א מענטש ווי אוסישקין, געקענט זאָגן, אז עס איז ניטאָ וועגן וואָס צו זאָרגן: יידן וועלן שטענדיק זיין. איצט קענען מיר זיך בארויקן מיט אזעלכע ווערטער. יעדער דור פון „עליה", וואָס איז ניט עולה, איז אן אבידה פארן לאנד. די קאטאסטראָפע, וואָס איז איצט געקומען איבער אונזער פאָלק, באַרירט ניט נאָר די געקוילעטע און דערשטיקטע, נאָר די גאנצע אומה, פארמינדערט אירע מעגלעכקייטן, איר שאפונגס־קראפט, איר פאָזיציע אין דער וועלט. ווער קען זאָגן וווהין דער דאָזיקער פראָצעס קען פירן? אוודאי זיינען נאָך פארבליבן יידן — און מיר מאכן ניט חלילה קיין ווערט־אונטערשיידן צווישן די פארשידענע יידישע קיבוצים, ווער ווייס ווו עס איז פארבאָרגן דער זאָמען פון אונזער צוקונפט? אָבער פון שטאנדפונקט פון באלדיקער ציוניסטישער פארווירקלעכונג, איז אוממעגלעך ניט צו אונטערשיידן צווישן דינאַמישע און סטאַטישע שיכטן אין יידנטום. דעם ישוב אין ארץ־ישראל האָבן אונז געגעבן אונזערע ברידער אין די לענדער פון פארניכטונג — און פון זיי האָבן מיר דערוואַרט די בויער־ארמיי.

נאָך קיינמאָל איז דער אמת פון ציוניזם ניט געווען אזוי קלאָר, ווי אין דעם איצטיקן קאטאסטראָפאלן מאָמענט. און קיינמאָל איז נאָך דער ציוניזם אזוי ניט געשלאָגן געוואָרן ווי איצט, דורך דער פארניכטונג פון אייראָפּעאישן גלות. מיר זיינען איצט געבליבן א „שארית ישראל" — און ערשט איצט ווייסן מיר דעם אכזריותדיקן טייטש פון דעם דאָזיקן וואָרט.

דער ארבעטער־כלל אלס קאלאניזאטאר

[פון א רעדע אויף א זיצונג פון דער מזכירות פון דער מפלגת פועלי ארץ־ישראל, 13.1.1943]

מיר ווייסן ניט, וואָס וועט קומען אויף אונז און אויף אונזער לעבנס־ווערק. מיר ווייסן אָבער, וואָס מיר ווילן. דאָ וועלן מיר ריידן וועגן אונזער קאָלאָניזאַטאָרישער טאָט — דעם גרונט־שטיין פון יעטוועדער עליה.

עס זיינען געווען טעג, ווען אונזערעווירטשאַפטן זיינען געווען ווייניק אין צאָל און שוואַך אין כוח. מערסטנטייל האָבן זיי זיך אליין ניט געקענט אויסהאלטן, און זייערע דעפיציטן פלעגן פאלן צו לאסט אויפן קאָלאָניזאַציע־בודזשעט. מיר האָבן דאן ניט געהאט קיין וויכטיקערן ציל, ווי צו מאכן די ארבעטער־ ווירטשאַפט זעלבסטשטענדיק, אראָפצונעמען זי פון די קעסט פון „תקציב" (בודזשעט). מיר פלעגן אָבער גלייכצייטיק טראכטן אויך וועגן דעם, וואָס מיר וועלן טאָן און ווי אזוי מיר וועלן זיך פירן, ווען עס וועט קומען דער טאָג און אונזער ווירטשאַפט וועט ארויס אויפן ברייטן וועג. מיר האָבן זיך געזאָגט: פירן די ווירטשאַפט, אזוי אַז זי זאָל טראָגן זיך אליין און זאָל אויסהאלטן אירע ארבעטער — דאָס איז אונזער ערשטער ציל, אָן וועלכן אונזער גאנצער בנין איז קיין בנין ניט. אָבער דאָס אליין געניגט ניט. דער חלוציזם פארענדיקט זיך ניט מיטן אויפשטעלן די ווירטשאַפט און פירן זי. די ווירטשאַפטן, נאָך דעם ווי זיי ווערן סטאַביליזירט, דארפן ערשט דינען אלס געווערקצייג פאר די, וואָס וועלן קומען נאָך זיי. מיר האָבן זיך געזאָגט: דער ארבעטער, וואָס באַזעצט זיך אויפן באָדן, דארף זיך באטראכטן ניט בלויז אלס אַ קאָלאָניזירטן, נאָר אויך אלס א קאָלאָניזאַטאָר — ער קאָלאָניזירט זיך און קאָלאָניזירט אַנדערע. דער ארבעטער־כלל דארף זיך באטראכטן אלס א קאָלעקטיוון קאָלאָניזאַטאָר, וואָס פירט אויס די אויפגאַבע מיטן כוח פון באַוווסטזיין און ווילן, מיטן כוח פון חלוציזם און אחדות, מיטן כוח פון חברישקייט און עקאָנאָמישער צוזאמענארבעט, אויך מיטן כוח פון געזעלשאַפטלעכער שפּאָרזאמקייט, וואָס זי — די ארבעטערשאַפט — קען איינפירן און איינהאַלטן. מיר האָבן געדענקט, אַז עס איז אונזער פליכט צו שטיצן די אקומולאַציע פון געזעלשאַפטלעכע מיטלען, ווייל צונויפגענומענע אָרעמע גראָשנס קענען פארוואַנדלט ווערן אין אַ וויכטיקן הילפס־מיטל פאר דער אַרבעטערשאַפט אין דער אויספירונג פון איר חלוצישער שליחות. מיר האָבן געוואָלט האָבן „א גרויסן פארמעגן" — ארבעטער־פארמעגן — וואָס איז א שטופּע צום פאָלקס־פארמעגן.

צוליב דעם אלעמען האָבן מיר נאָך דאַן געוואָלט אויפשטעלן אַ קאָאָפּעראַטיווע געזעלשאַפט פאַר אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, וואָס אירע מיטלען זאָלן קומען פון אינווייניק, מצד די וואָס קאָלאָניזירן זיך און מצד קאַנדידאַטן אויף שפּעטערדיקן קאָלאָניזירן זיך.

איך וועל זיך דאָ ניט פאַרנעמען מיט „געשיכטע". איך וועל נאָר זאָגן בקיצור: מער ווי אין אַלע אַנדערע פאַלן פון אויפשטעלן פינאַנץ־אינסטיטוציעס האָט דאָ, אין דעם פאַל, די הסתדרות געהאַט „אַ שווערן געבורט". פּראָיעקטן וועגן געלט־אַקומולאַציע מיטן אייגענעם כוח פון די וואָס קאָלאָניזירן זיך — האָבן אויסגעזען ווי בייזע חלומות, ווי אויף צו רייצן זיך. אויך דער אומגליק פון דער צעריסנקייט אינערהאַלב דער אַרבעטערשאַפט און דער קעגנזייטיקער אומצוטרוי האָבן אין אָנפאַנג ניט ווייניק געשטערט. און אַזוי איז עס געווען, אַז די קאָנפערענצן האָבן באַשלאָסן און ווידער אַמאָל באַשלאָסן — און די עצם זאַך איז, בעוונותינו הרבים, ווי עס באַדאַרף צו זיין ניט געמאַכט געוואָרן. ערשט נאָך דער פאַראייניקונג פון „אחדות העבודה" מיט „הפועל הצעיר" (אגב: עד היום איז נאָך ניט ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן, אין וואָס פאַר אַ מאָס די דאָזיקע פאַראייניקונג — טראָץ פאַרשיידענע אומגינסטיקע אומשטענדן — האָט גורם געווען צו פאַרגרעסערן די ציוניסטיש וואָג און די שעפעריש׳ע קראַפט פון דער אַרבעטערשאַפט) איז צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן פאַר דער עקספּאַנסיע פון זעלבסטשטענדיקער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט פון דער הסתדרות. „ניר" איז דאַן סוף־סוף געקומען אויף דער וועלט, הגם ניט מיטן פולן פאַרנעם און מיטן פולן פּראָגראַם, נאָר אַלס אַ געזעלשאַפט פאַר אַגראַר־קרעדיט. „ניר" האָט דאַן — מיטן כוח פון דעם ערשטן שטויס, וואָס עס איז איר געגעבן געוואָרן — אַנטוויקלט אַ גרויסע טעטיקייט.

פון דאַן האָט די לאַנדווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע (ההסתדרות החקלאית) דורכגעמאַכט עטלעכע יאָרן אָן אַ וועלכן־עס־איז נייעם אויפשטו. מיר האָבן אָפּגעטיילט און אונטערשיידט צווישן „חברת ניר בערבון מוגבל" (די געזעלשאַפט ניר מיט באַגרענעצטער האַפטונג) און „חברת התישבות העובדים — ניר השיתופית" (די געזעלשאַפט פאַר אַרבעטער־זידלונג — קאָאָפּעראַטיווע „ניר"). אָבער די דאָזיקע לעצטע האָבן מיר ניט באַוויזן אַרויסצוציען פון איר פאַרחלשטקייט, מיר האָבן זי ניט פאַר־וואַנדלט אין אַ הויב־קראַפט פאַר אונזער שאַפונג.

אונזערע ווירטשאַפטן האָבן דערגרייכט אַ מצב פון ווירטשאַפט־לעכער הצלחה. אייניקע פון זיי, באַזונדערס די ערשטע און די גוט־אויסגעריכטעטע, האָבן עס דערגרייכט נאָך פאַר דער מלחמה. אונזערע

ישובים האָבן עס דערגרייכט א דאנק לאנג־יאָריקע אָנשטרענגונגען, א דאַנק אומאויפהערלעכן גיין פאָרויס. דערנאָך זיינען געקומען די מלחמה־אומשטענדן און האָבן אויך צוגעהאָלפן. די מלחמה, וואָס האָט כמעט אומגעבראכט אַ וויכטיקן צווייג פון דערווירטשאפט אין לאנד — די ציטרוסן; וואָס האָט געלאָזט וואַקסן א סך הערנער — פארשיידענע „מלחמה־גבירים״, שפעקולאנטן און אויסהונגערער פון די מאסן — די זעלבע מלחמה האָט אויך משפיע געווען צום גוטן אויף דער לאנדווירטשאפט און אויף דער אינדוסטריע. דערביי איז קיין ספק ניט, אז צווישן אַלע די, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין דער אַפּראָוויזאציע פון דער מלחמה, האָבן די ארבעטער־ווירטשאפטן געמאכט דעם בעסטן געברויך פון זייערע רווחים. אויב מיר זאָלן נעמען אין באטראכט די אלגעמיינע אינטערעסן פון דער געזעלשאפט. אונזער פראָדוצענט אנטוויקלט זיין ווירטשאפט, דערגענצט וואָס עס פעלט איר, טראָגט אריין פארשיידענע נויטווענדיקע אויסבעסערונגען, צאָלט אָפּ חובות, קערט אום די קאָלאָניזירנדע אינסטיטוציעס זייערע אינוועסטיציעס, און אין א סך פאלן קערט ער אום די אינוועסטיציעס נאָך אפילו פ א ר ד ע ר צ י י ט.

לאנגע יאָרן פלעגט מען זיך ביי אונז ארומטראָגן מיט ספקות, צי וועלן אונזערע לאנדווירטשאפטלעכע ישובים זיין אימשטאנד ביסלעכווייז צוריקצוצאָלן דאָס, וואָס ס׳איז אין זיי אינוועסטירט געוואָרן. מען פלעגט מלמד זכות זיין אויף די ארבעטער־ישובים און דערקלערן, אז ווען אפילו דער „האנדלס־באלאנס״ איז ניט אין אָרדענונג, הייסט עס נאָך ניט, אז אויך דער „נאַציאָנאלער באלאנס״ איז א נעגאטיווער. יאָרן־לאנג פלעגט אונז פארפאָלגן די שרעק־געשטאלט פון דער באַאַמטיש־פילאַנטראָפּיסטישער־קאָלאָניזאציע, וואָס איר ב ו ד ז ש ע ט איז געווען ניט מער ווי ק י צ ב ה. און יאָרן־לאנג פלעגט מען באשולדיקן אונזער זידלער — דעם וואָס האָט זיך געראנגלט מיט דער וויסטעניש ארויסצוציען פון איר ברויט — אז ער באציט זיך לייכטזיניק צו די נאציאָנאלע געלטער, וואָס זיינען אינוועסטירט אין זיין ווירטשאפט. און „וויסנשאפטלער״ פלעגן קומען און טענה׳ן, אז עס זיינען ניטאָ קיין קונצן: ווער עס אינוועסטירט ניט זיין אייגענעם קאפיטאל, ווער עס באקומט אלץ פון פרעמדע — ק ע ן ע ר נ י ט זיין פאראנטוואָרטלעך, ס׳איז שוין א גזירה אזא.

און אָט ווייזט זיך ארויס, אז אונזערע ווירטשאפטן, אין אלע זייערע פאָרמען — אפילו די דורכאויס אָפּגעפרעגטע — זיינען געוואָרן פארטרויאונגסווערט און קרעדיט־פעאיק, — און ניט נאָר אין די פינאנץ־אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות, נאָר אויך אין אלגעמיינע און פריוואטע באנק־אינסטיטוציעס. אונזערע ווירטשאפטן האָבן זיך אויסגעלערנט

אריינצוטראָגן צענטליקער טויזנטער פונטן א יאָר, אלס ארענדע־אָפּצאָל דעם קרן קיימת, און אויך די לויפנדיקע אָפּצאָלן (אין א סך פאלן — אויך פ א ר ד ע ר צ י י ט) דעם קרן היסוד.

אפשר — דיינו?

איך האָב די העזה צו זאָגן: ניין, ניט — דיינו.

ניט אומזיסט באטראכטן מיר זיך אלס חלוצים און אונזער ווירט־שאפט אלס חלוציש. דאָס איז ניט קיין כבוד־נאָמען אויף צו פיינען זיך מיט אים. דער דאָזיקער נאָמען פארפליכטעט. א דאנק דעם וואָס אונזער ווירטשאפט איז א חלוציש, האָבן מיר פ א ר א י ר געפאָדערט דאָס וואָס מיר האָבן געפאָדערט. און מיט דעם זעלבן רעכט פאָדערן מיר איצט פ ו ן א י ר. איר סטאביליזירונג איז ניט פאר איר אליין, איר קאפיטאל געהערט ניט נאָר צו איר. אפילו דעם פריוואטן קאפיטאל האָבן מיר געוואָלט לערנען, ער זאָל נישט טראכטן, אז אלץ וואָס ער האָט דערגרייכט — האָט ער מיט זיין אייגענעם כוח דערגרייכט; מיר האָבן אים געגעבן צו פאר־שטיין, אַז אָן דער הילף פון דעם נאציאָנאלן קאפיטאל און אָן די אויפבוי־אָנשטרענגונגען פון דעם גאנצן כלל — וואָלט ער ניט געקומען צו זיינע דערגרייכונגען. על אחת כמה וכמה, אז א ו נ ז ע ר ווירטשאפט — די דירעקטע שאפונג פון דעם כלל — דארף עס וויסן. און עס איז אונזער פליכט איינצופלאנצן דעם דאָזיקן באוווסטזיין אין די הערצער פון די בויערס. אלץ דאָס צו וואָס אונזער ווירטשאפט האָט זוכה געווען, האָט זי דערצו ניט נאָר מיטן זכות פון אירע בויערס זוכה געווען. א סך האָבן זיך צוזאמען מיט זיי געמיט. אין אונזער ווירטשאפט האָט א חלק דער כלל בויערס און דער כלל העלפערס און אויך די יידן, וואָס ווערן איצט חרוב אין דער וועלט, און די יידן — ווו זיי זאָלן ניט זיין — וואָס לעכצן נאָך עליה. אלע יידן האָבן א חלק אין דעם אויפבוי־ווערק. און אונזער חוב צו דעם כלל, וואָס האָט אונז געהאָלפן בויען, איז ניט קיין געוויינט־לעכער חוב, אזא וואָס לאָזט זיך צוריקצאָלן מיט קרן און פראָצענטער. מיר וועלן ניט קענען — און לויט מיין מיינונג, וועלן מיר אויך ניט וועלן — ארויסנעמען אונזער האלז פונעם יאָך פון דעם דאָזיקן חוב. דאָס איז א פ ק ד ו ן. אַן אייגנארטיקער פקדון, וואָס מיר זיינען פארפליכטעט אָפּצוהיטן אים, גוט און ערלעך זיך באנוצן מיט אים, און אפילו פארגרע־סערן און פארשטארקן אים.

איז אונזער ווירטשאפט, ווען זי געניסט פון הצלחה, ווען זי פאר־פעסטיקט זיך, קען זי זיך ניט באנוגענען מיטן ריווח, מיט דער סטאבי־ליזירונג, מיט דער פארפעסטיקונג, און זאָגן: גוט און ווויל איז מיר! — זי דארף זיך פארוואנדלען אין א הויב־קראפט צו ברענגען אַנטוויקלונג,

סטאביליזאציע און פאַרפּעסטיקונג פאַר נייע התחלות, פאַר ווייטערדיקע ווירטשאַפטן.

נאָך אין די טעג פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די צאָל פון אונזערע ווירטשאַפטן איז געווען קלענער פון דער צאָל פינגער אויף איין האַנט, זיינען מיר שוין אויפגעפאָדערט געוואָרן צו א הסתדרותישער עקס־פּאַנסיע. מיר זיינען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו העלפן דעם שוואַכערן צווישן אונז, דעם ארבעטסלאָזן, דעם פּליט, דעם ארויסגעטריבענעם. מיטן כוח פון יענע ווירטשאַפטן איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער „המשביר", וואָס האָט געפירט א פאַרצווייפלטן קאַמף קעגן די מלחמה־ספּעקולאַנטן. און איצט, ווען מיר זיינען פריי פון דער זאָרג פאַר ארבעטסלאָזע, ווען א סך פון אונז געניסן פון פּראָספּעריטי — דוקא איצט גייען מיר — פונעם שטאַנדפּונקט פון די א ל ג ע מ יי נ ע אינטערעסן — זייער שוואַך פאָרויס. די געלעגנהייט, וואָס ווערט אונז געגעבן צו פאַרפעסטיקן אונזער ווערק, איז גאָר און גאָר א טראַגישע. אונזער הארץ פּלאַצט ווען מיר קוקן זיך צו און זען, פון וואַנען עס קומען די מלחמה־פאַרדינסטן און צו וואָס פאַר א צוועקן מען באַניצט זיך מיט זיי. מ י ר טאָרן ניט געניסן פון די מלחמה־פּראָפיטן פאַר אונזערטוועגן.

פאַרשטייט זיך, אז דאָ האַנדלט זיך ניט בלויז וועגן דער לאַנד־ווירטשאַפט. ניט ווייניקער פון דעם האָבן מיר אין זינען יעדע אנדערע ווירטשאַפט אונזערע, איינגערעכנט די שטאָטישע קאָאָפּעראַציע. ווער עס דענקט אנדערש קלייבט זיך במילא אויס אַן אַנדער געזעלשאַפט: די געזעלשאַפט פון די מלחמה־פאַרדינער. איך ווענד זיך קודם כל צו דער לאַנדווירטשאַפט, ווייל זי איז דער חלוץ פון די חלוצים. אויב זי וועט טאָן אירס, וועלן מיר האָבן כוח פאַרצוזעצן און צו פאַרפליכטן אויך אנדערע.

לאָמיר נאָר ניט מורא האָבן צו זיין „אַן אכזר" לגבי דער ווירט־שאַפט, צו „עקספּלואַטירן" דעם פּרט לטובת דעם כלל. אין דעם דאָזיקן זיין „אַן אכזר" איז דאָ א גרויסע ברכה, מיר פאַרטיידיקן דורך דעם אויך דעם „עקספּלואַטירטן", אז ער אליין זאָל ניט פאַרצוקט ווערן דורך אַן אכזריות'דיקער וועלט, און אז עס זאָלן זיך צו אים ניט צוקלעפּן די מידות פון די פאַרצוקער, די מידות פון סדום. מער פון א וועלכן־עס־איז אנדער טייל פון ישוב האָט די הסתדרות שטענדיק באַוויזן אָנצוטאָן אויף אירע חברים „א יאָך", אָנוואַרפן אויף זיי פאַרשיידענע מצוות, און מיטן כוח פון דעם דאָזיקן שווערן יאָך און פון די דאָזיקע פאַרפליכטנדיקע מצוות האָט זי געטאָן פאַר אירע חברים דאָס אלץ וואָס זי האָט באַוויזן צו טאָן: זי איז זיי בייגעשטאַנען אין אַ שווערער שעה, האָט אין זיי ארייַנגעגאָסן קראַפט, האָט דערהויבן זייער גייסט — אזוי, ווי קיין שום אנדער קרייז אין ישוב

האָט ניט באַוויזן צו טאָן. די נייגונג צו „פאַרלייכטערן דעם יאָך", „רחמנות צו האָבן" — איז טאַקע ניט מער ווי אכזריות — לגבי דער הסתדרות אינגאַנצן און לגבי יעדן פּרט אין איר, וואָס וועט מאָרגן־איבערמאָרגן דאַרפן אָנקומען צו איר כּוח, איניציאַטיוו, גאַראַנטיע, שפּענדונג, סאָלידאַ־ריטעט. די סאָלידאַריטעט איז אונזער גרעסטער קאַפּיטאַל, און ס'איז יעדן חבר זייער און זייער כּדאַי צו צאָלן פאַר איר. און דער געזעלשאַפטלעכער קאַפּיטאַל — דער פּראָדוקט פון דעם „יאָך" און פון דער „אכזריות" — ער, און קיינער ניט ווי ער, באַפרוכפּערט די פעלדער פון אונזער לעבן. עס איז א פאַרדראָס צו זען די בעסטע עסקנים אונזערע, ווי אַזוי זיי פאַרשווארצן זיך און אונז דעם פּנים, קלאַפּנדיק אין פאַרשלאָסענע טירן, אַנשטאָט צו ווענדן זיך צום ברכה־קוואַל, וואָס אַנטוישט קיינמאָל ניט, אַנשטאָט צו גראָבן נייע ברונעמס איגעם פעלד פון חברישער סאָלידאַ־ריטעט.

איך האָב טענות פאַר פאַרנאַכלעסיקן די דאָזיקע ברונעמס אונזערע. מיר האָבן פאַרשפּילט צייט, און דאָס איז א פאַרלוסט וואָס לאָזט זיך ניט צוריקצוקערן. אָבער מיר האָבן נאָך ניט אַלץ פאַרשפּעטיקט, הגם ניט ווינציק. אונזער צבור, ווען מען מאָנט עפּעס פון אים, גיט אפילו צומאָל אַ קנייטש דעם שטערן, אָבער ער רופט זיך אָפּ. דער אָפּהאַלט איז על פּי רוב מצד די וואָס דאַרפן זיין די מאָנער.

די פאָדערונגען, מיט וועלכע די הסתדרות קומט צו אירע חברים, האָבן געשאַפן אייביקע גיטער. ניט נאָר מאַטעריעלע — אויך גייסטיקע. זיי דערציִען, זיי שאַפן די חברישע צונויפשליסונג, זיי פאַר־שטאַרקן דעם עלעמענט פון גליכהייט אין דעם לעבן פון דער הסתדרות, זיי אַנטוויקלען אין אונז זיטן און געדאַנקען־גאַנגען וואָס א דאַנק זיי איז די הסתדרות געוואָרן דאָס וואָס זי איז— אַן איינציקער און אייגנ־אַרטיקער כּוח, זייער טעטיקייט גיסט זיך אפילו אַריבער די גרענעצן פון דער הסתדרות. ווען ניט אונזער אייגענער גרויסער אָפּצאָל פאַר דער קופּת חולים, וואָלטן מיר אין אונזער לאַנד, וואָס באַזיצט נישט קיין סאָציאַלע געזעצגעבונג, ניט דערגאַנגען צו א פאַראַלעלן אָפּצאָל מצד די אַרבעטס־געבער, און מיר וואָלטן ניט דערגאַנגען צום „כּופר הישוב" און „מגבית ההתגיסות וההצלה" (דער מאָביליזירונג־ און רעטונג־קאַמפּיין), ווען ניט דאָס וואָס מיר אַליין האָבן אויף זיך גענומען דעם יאָך פון שווערע מצוות.

מיר פאָדערן פון אַנדערע מען זאָל זיך גרייטן צו גרויסע טעג. אָבער וואָס הייסט עס: גרייטן זיך? עס איז ווייניק צו דערוויַיזן טעאָרעטיש די אויפנעם־קראַפט פון ארץ ישראל. עס גענוגט אפילו ניט צוצוגרייטן

פראקטישע פראיעקטן: מען דארף צוגרייטן אויך כלים, וואס זאלן באוועגט ווערן באלד ווי נאר עס וועט קומען דער מאמענט, ווען עס וועלן קומען די ערשטע עליה־כוואליעס, ווען עס וועלן זיך ארײַנרייסן מעפּילים, ווען עס וועלן זיך זעלבער צוריקקערן פון פראנט.

ניט אלץ וואס דארף געטאן ווערן, כדי צו פארלויפן דעם וועג דער צייט, זיינען מיר איצט אימשטאנד צו טאן. עס זיינען דא זאכן, וואס מיר האבן ניט געטאן באצייטנס, און איצט זיינען מיר געפּענטעט און מיר קענען ניט טאן. מער ווי מיר ווערן באשטראפט פאר זיין פאנטאסטן און ניט־פראקטישע, צאלן מיר שטראף דערפאר וואס מיר זיינען קלוג און פראקטיש. איצט זעען מיר, ווי ניט קלוג מיר זיינען געווען מיט אונזער חכמה, ווי שלעכט מיר האבן פארשטאנען מיט אונזער פּיקחות.

דריי זאכן, דריי אינסטרומענטן, דארפן מיר באלד שאפן: איינעם פאר די באדערפעגישן פון דער חלוציש־קאלאניזאטארישער איניציאטיוו, איינעם — פאר דער הסתדרותישער אינדוסטריע; איינעם פאר אונטערנע־מונגס־ארבעטן אין דער לאנדווירטשאפט. דאסמאל — וועגן דעם ערשטן אינסטרומענט.

אונזערע פינאנץ־אינסטיטוציעס — דער בנק הפועלים און „ניר", די „חברה" — זיינען געגרינדעט געווארן אלס דערגענצונגס־אינסטיטוציעס צום נאציאנאלן קאפיטאל. די ראם פון זייער טעטיקייט, טראץ דעם גרויסן פארנעם, איז פארויס באשטימט: זיי אפערירן טייער מיט געליענעם קאפיטאל. זיי האבן אויפגעטאן א גרויסע זאך: זיי האבן איינגעשפּאנט דעם פּריוואטן קאפיטאל אין אונזער קאלאניזאציע־ווערק, אבער זיי מוזן צאלן פּראצענטער און צוריקצאלן דעם קאפיטאל. די דאזיקע באדינגונגען באגרענעצן זייער טעטיקייטס־פעלד.

מיר דארפן דעריבער האבן — אויסער דעם וואס מיר פארמאגן אין דעם דאזיקן געביט — נאך א חלוציש־קאלאניזאטארישן פאנד, פול מיט איניציאטיוו, געוואגטקייט, איינשטעלונג, אזא וואס זאל גיין פאר דעם נאציאנאלן קאפיטאל; א פאנד, וואס זאל געהערן איינגאנצן צו אונז, וואס זאל ניט זיין אפהענגיק פון אבליגאציעס, פּריאריטעט־אקציעס, פּראצענטער, און וואס זאל — ווען עס וועט נויטיק זיין — קענען דינען אלס א זשירא־פאנד. דאס אלץ פארמינערט ניט אויף א האר דעם ווערט פון דעם נאציאנאלן קאפיטאל, וואס איז אויך א חלוצישער קאפיטאל. אבער עס זיינען פאראן — און עס וועלן נאך זיין — חלוצישע אונטערנעמונגען, וואס אפילו דער נאציאנאלער קאפיטאל וועט ניט וואגן צוצושטיין צו זיי, סיידן א וועלכער ניט איז „ריזיקאנט" וועט זיך איינשטעלן און גיין דער ערשטער. עס וועט אויך געשען, אז אונזער איניציאטיוו־קאפיטאל

וועט דינען אלס מוסטער, צוציונגס־קראפט און רעגולאטאָר אזוי ווי די קליינע שיפל, וואָס פירט אריין א גרויסע שיף אין פּאָרט אריין.

אין דעם לעבן פון דער הסתדרות זיינען דאָ טעג פון דערהייבונג און טעג פון דערנידערונג. אין די טעג פון דערהייבונג פארשטארקט די הסתדרות איר אינערלעכע סאָלידאריטעט — איר „קרן קיימת״... — אין טעג פון דערנידערונג ווערן מיר שוואך אליין און שוואכן אפּ אונזערע חברים, און דאַן־דאַן פארשפּילן מיר געלעגנהייטן, וואָס וואלגערן זיך ממש ביי אונזערע פיס.

טאָ זאָלן די איצטיקע טעג ניט אריבער אָן שאפנדיקער התעוררות. זאָל באנייט ווערן דער עקספּאנסיע־כוח פון דער חברת־העובדים.

א בריוו צו מיינע חברים אין דגניה

[צו איר 25־יאָריקן גרינדונגס־טאָג]

עס וועלן אייך זיכער פיל מענטשן באגריסן היינט. אומעטום ווו נאָר די וויזיע פון אונזער ווערק, — און איך האָב קיין מורא ניט צו באצייכענען עס מיט די סאמע נאַיִוויסטע ווערטער: די גאולה פון פאָלק, די גאולה פון דער ערד און די גאולה פון דער ארבעט, — איז ניט בלויז סתם־דיבורים, דאָרטן וועט מען פילן און אויך פארשטיין, וואָס איז פאר אונז דער טאָג פון דגניה.

ניט נאָר אָן אָרטיקער משפחה־יום־טוב פון די איינוווינער און בויער; ניט בלויז דער געבורטס־טאָג פון איינעם פון די פּרעכטיקע ווינקלעך אין דער שאפנדיקער ארץ־ישראל; ניט בלויז א ווינקל־שטיין אויף דער מזרח־זייט פון ירדן, וואָס זאָגט אָן די באנייאונג פון זיין היסטאָרישן ריעזן אין ארבעט, שפּראך, קולטור און פּאָליטיק, נאָר אויך: דאָס היימלאנד פון דער קבוצה, דאָס וויגעלע פון דעם יידישן ארבעטער, וואָס האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיין האלדז דעם בעלי־בתים־יאָך און באארבעט זיין ערד אלס פרייער, זעלבסטשטענדיקער, פאָלקס־טרייער מענטש.

אין דעם טאָג פון דגניה׳ס יום־טוב האָב איך אָן אינערלעכע באדער־פעניש ארויפצוברענגען דעם אנדענק פון אונזערע ע ר ש ט ע אין אום־דזשוני, די וואָס אין זייער גורל איז אויסגעפאלן דער זכות דורכצוברעכן די ערשטע שפּאַלט אין דער מויער פון דער באַאַמטיש־אפּוטראָפּסישער ווירט־שאפט, די וואָס האָבן ג ע וו א ג ט צו נעמען אויף זיך די פולע אחריות פאר דער ארבעט, פארן אינוועטאר און פאר דער גערעטעניש. דריי פאַק־

טאָרן האָבן זיך זיינערצייט צונויפגענומען אויף אויסצופירן דעם דאָזיקן משונה׳דיקן פאַרזוך: 1) דער טיפּ פון דעם „ג ל י ל ־ א ר ב ע ט ע ר״, וואָס האָט באַוויזן דורכצוגיין פאַרשיידענע גלגולים פון דער צווייטער עליה און דערגרייכן אַ הויכע מאָס פון פּאַכמענישקייט אין דער אַרבעט און גאַנצקייט אין דער נשמה און האַרטנעקיקייט אין ווילן און פאַרוואָרצלטקייט אין דער ערד; 2) דער ק ר ן ק י י מ ת, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך צו באַפרייען פון דער אויפפאַסונג פון פּאַסיוויטעט און אָפּוואַרטעניש און וואָס האָט באַוויזן צו דערווערבן געוויסע ערד־שטחים, וועלכע מען האָט געדאַרפט אָפּהיטן און באַאַרבעטן; 3) אַ ר ט ו ר ר ו פּ י ן, וואָס איז נאָך געווען ניי אין לאַנד, פריי פון אַלטע טראַדיציעס, „באַציאונגען״ און „חשבונות״, וואָס האָט זיך צוגעקוקט צו אַלץ אַרום מיט אַן אָפענעם האַרץ און מיט אַן אויפריכטיקן ווילן צו שאַפן, גרייט צו טאָן אַלץ וואָס קען העלפן אַריינצושטראָמען פרישן בלוט אין די מידע אָדערן פון דעם ישוב.

די ציוניסטישע פּרעסע האָט דאַן ניט געפונען פאַר נויטיק צו דערציילן וועגן דעם דאָזיקן „ווערטלאָזן פאַקט״, גלייך אַזוי ווי זי האָט ניט געהאַלטן פאַר וויכטיק צו מעלדן וועגן אייך, די לייט פון „חדרה׳ער קאָמונע״, און אייער אָנקומען קיין אום־דזשוני. אַפילו אין ארץ־ישראל אַליין, און אַפילו צווישן די אַרבעטער האָבן ניט פיל געוווּסט וועגן דעם דאָזיקן משונה׳דיקן אַקט.

איך בין דענסטמאָל געווען אַ נייער אַרבעטער אין פּתח־תקוה, און איך געדענק נאָך, ווי אַזוי עס האָט זיך פאַרשפּרייט אַ מאָדנער קלאַנג וועגן דער דאָזיקער „רעפּובליק״ — אַזוי האָט מען עס גערופן — פון זעקס בחורים, — די איינציקע מיידל האָט מען נאָך ניט גענומען אין באַטראַכט, — וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דרום־מזרח פון כנרת. מיט איר דרייסטקייט און ווילדקייט האָט די דאָזיקע געשיכטע דערמאָנט די פריערדיקע דערציילונג וועגן דעם יידישן בחור, וואָס האָט זיך פאַרדונגען אַלס אַ מאַטראָס צו אַן אַראַבער — אייגנטימער פון אַ שיפל אויפן ים המלח. איך געדענק נאָך די ביטול־רייד פון אייניקע פון די אויסגעפּרוּווטע אַרבעטער, וואָס פלעגט מיך מקרב זיין און דערציען צו אַ „ניכטערער״ וועלט־אַנשויאונג, — ער האָט עס מיך מכבד געווען מיט דער דאָזיקער געהיימער ידיעה: אָט האָסטו דיר אַ נייע אַוואַנטוריסטישע געשיכטע, וואָס וועט זיכער האָבן אַ דורכפאַל. און אויף די פליגלען פון יענע ביטול־רייד איז צו מיר דערגאַנגען אַ ליכטיקער שטראַל. איך האָב נאָך ניט געוווּסט קיין שום ממשותדיקע זאַך, אָבער א י י נ ס האָב איך געוווּסט: דער אויפשטייג פון דעם יידישן אַרבעטער וועט קומען פ ו ן ד אָ ר ט ן. פון דאַן אָן האָב איך ניט גערוט, איך האָב געוואַנדערט פון איין קאָלאָניע צו דער אַנדערער, איך האָב געאַרבעט אין פאַרשיידענע צווישן־

סטאַנציעס, ביז איך האָב אין עטלעכע חדשים ארום צוגעוואַנדערט צו דעם פונקט, וואָס האָט צו מיר געפּישופּט פון דערווייטן. פון די הויכקייטן פון ד אַ ל אַ י ק ע האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט דער צויבער־ווינקל, אין וועלכן עס האָט זיך באַהאַלטן דאָס קליין הייזל פון אום־דזשוני.

און ווירקלעך — אום־דזשוני האָט ניט אַנטוישט, איר צויבער האָט זיך ניט אויסגעוועפּט. אויך די מענטשן אירע האָבן ניט אנטוישט. עד היום קען איך זיי ניט פאַרגעסן דעם חסד זייערן, וואָס זיי האָבן מיך — א בייעם, שוואכן און פיבערנדיקן ארבעטער — באַהאַפטן צו זייער ארבעט, וואָס ריינער און ערנסטער פון איר האָב איך אין מיין לעבן ניט געזען. עס איז געוועזן אַן אויסערגעוויינלעכער מענטשן־צוזאמענשטעל. ניט קיין קאָמפּאַניע פון פריינד, וואָס שאַצט איבערהויפּט אַפּ אינטימע, חברישע באַציאונגען און זוכט אין זיי א באַפרידיקונג, נאָר א גרופּע מענטשן, וואָס האָבן זיך צונויפּ־גענומען מיטן ציל צו שאַפן א ווערק, און נ אָ ר צוליב דעם ווערק. ווירקלעך — דאָ איז געווען די קווינט־עסענץ פון „גליליזם”. ניט קיין אידעאָלאָגישע ריידעכץ, ניט קיין שפּילעוודיקע ראָמאַנטיק, אויך ניט קיין איבעריקע ווייכ־קייט. אויף וויפיל איך, דער נייער און דער יונגער, האָב געקענט אריינ־דרינגען אין זייער וועלט אריין, האָב איך געזען ווי אזוי א גרויסע רייפקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף די דאָזיקע מענטשן, פונקט דער היפּך פון אלץ, וואָס איך פלעג טרעפן ביי יידישע יונגעלייט. א ז ע ל כ ע פעלשן ניט זייער ארבעט. אלץ האָט זיך קאָנצענטרירט און צונויפגעפּרעסט אין איין פונקט, אין די ד׳ אמות פון ערד און ארבעט און ווירטשאַפט. און אַן געמאַכטער ערנסטקייט, אָן זעלבסט־באַרימעריי. אין זייער ערנסטקייט האָב איך ניט געזען קיין פאַרהאַרטקייט, און אין זייער האַרבקייט האָב איך ניט געפילט קיין קריגערישקייט. פאַר הומאָר איז אויך קיין סך צייט ניט געווען — צווישן דער ארבעט, טאָג און נאכט, און צווישן דעם געכאַפּטן אָפּעסן. אלץ איז געווען געפּרעסט.

דוכט זיך, אז קיינער פון זיי — פון די ערשטע זיבן און פון די עטלעכע וואָס זיינען צו זיי צוגעקומען אין די זומער־מאָנאַטן — איז ניט פארבליבן אין דער קיבוצישער באוועגונג, אָבער זייער זכות וועט ניט פארגעסן ווערן. זיי זיינען געווען די אַ נ פ אַ נ ג ע ר, זיי האָבן פאַר זיך ניט געהאַט קיין שום לעבעדיקן ביישפּיל. אפילו דער נאָמען „קבוצה” האָט נאָך ניט עק־זיסטירט. עס איז פשוט ניט געווען קיין פאָרמולאַר פאַר אזא אָפּמאַך ווי דער, וואָס זיי האָבן געשלאָסן מיט דעם „ארץ־ישראל־אַמט”, און זיי האָבן ניט געוווּסט ווי אונטערצושרייבן זיך — האָבן זיי געחתמעט: „קבוצת פועלים” (א גרופּע ארבעטער). זיי האָבן קיינעם ניט געוואָלט נאָכמאַכן, זיי האָבן גאָר קיינעם אין זינען ניט געהאַט. און זיי האָבן ניט געמאַכט קיינע חשבונות.

זיי האָבן גאָר געוואָלט טריי מקיים זיין דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר וויכטיק אַלס א תיקון פאַר יידישע אַרבעט. און דאָס וואָס זיי האָבן געטאָן, וואָס זיי האָבן מתקן געווען, און דאָס וואָס זיי האָבן פּראַקטיש איינגעפירט אין די אַרבעטס־באַציאונגען און אין דעם לעבנס־שטייגער — האָבן זיי פון זיך אַליין אַרויסבאַקומען. מיט זייער טאַט האָבן זיי געגעבן אַן אויסדרוק צו פאַרבאָרגענע, לעבנסווירדיקע באַדערפענישן.

מיין טרייע ברכה שיק איך אויך צו דער „חדרה׳ער קאָמונע", אין וועלכער עס איז געלעגן צונויפגעוויקלט דער עמבריאָן פון דגניה. א נאָענטער שכן אייערער בין איך געווען, א חבר אין דעם חדרה׳ער סניף פון „עבודה" — דער ערשטער פּאַרזוך פון א לאַנד־קאָמונע, וואָס האָט געשטרעבט צו חלוציש־דעראָבערישע אויפגאַבן; זי האָט דאַן געהאַט סניפים אין חדרה, סג׳רה און אום־דזשוני. די מחיצה צווישן אונז האָט אונז ניט געשטערט. איך האָב שוין דאַן אָפּגעפרעגט די ממשותדיקייט פון די אידעאָלאָגישע קעגנזאַצן צווישן מענדל פּורטוגלי און יוסף זאַלצמאַן און צווישן אייך, און מיין נאַריש הארץ האָט מיר ניט געזאָגט נביאות, אַז עס וועלן נאָך אַמאָל אויסוואַקסן און פאַנאַנדערוואַקסן זיך נייע קעגנזאַצן, אָפּגרונטן, וועלכע לאָזן זיך ניט איבערבריקן, צווישן דער „קבוצה" און דעם „קיבוץ". מיט א באַזונדער פאַרגעניגן פלעג איך אייך באַזוכן אין אייער וווינונג, פון וועל־כער עס האָט געשטראָמט משפּחה־וואַרעמקייט, יוגנטלעכע לויטערקייט און אפילו א ביסל מוטערלעכער גנאָד. ווו האָט עס יענע צייטן זוכה געווען אַן אַרבעטער־וווינונג צו פילן אויף אירע ווענט, אויף איר געגרייטן טיש, די באַרירונג פון דער ווייכער האַנט פון א פרוי — א חברה? די בלויזע „קאָמונע" (פון וואַנען האָט זיך צו אייך גענומען דער דאָזיקער פרעמד־שפּראַכיקער נאָמען?), מיט איר ווייסקייט און חברישקייט און האָפערדיקייט, האָט ווי אויפגעהויבן די פאָן פון א לייכטן, פריילעכן רעוואָלט. עס איז אויף איר ניט געלעגן די דערשלאָגנקייט פון דעם אַרבעטער אין דער קאָלאָניע. די קאָמונע האָט רעוואָלטירט קעגן דער יתומדיקייט און אָפּגעלאָזנקייט און אַפּאַטיע פון דעם דערשלאָגענעם און געפאַלענעם אַרבעטער אין דער קאָלאָ־ניע, דעם אַרבעטער וואָס האָט געשטעקט אין דעפיציטן, קרענק, איינזאַמקייט, נעבעכדיקער אַלט־בחורישקייט, האָפנונגסלאָזיקייט.

איך האָב אייך דאַן געזען אין אייער אָנהויב. שוין דאַן האָט מען געקענט אין אייך אונטערשיידן באַזונדערע סימנים, וואָס האָבן אייך אויס־געטיילט פון פאַרשיידענע אַנדערע קבוצה־שפּראָצונגען. איך האָב עס דענסט־מאָל ניט געקענט דעפינירן, אָבער זאָגן פלעג איך זיך: דאָ איז דאָ א טאַלאַנט צום לעבן; סימנים פון אַן אינערלעכן גלייכגעוויכט, פון היטן די כוחות, פון ניט מפקיר זיין זיך; סימנים פון גובר זיין דעם גייסט פון וואַנדערונגען,

פון נע־ונד, דעם גייסט פון בעדוּאינישקייט אָדער דלותדיקער באַהעמע, וואָס איז דאַן געווען שטאַרק פאַרשפּרייט. אין דער צייט, וואָס אַ סך פון די „ווילע יונגען“, וועלכע האָבן פאַרמאָגט אַ שפע פון כוח און ענערגיע און קרבנות־גרייטקייט, האָבן וועגן זיך געקענט זאָגן מיט ביאַליק׳ס שפּראַך: „קיין איינציקן טרייען פלאַץ האָבן מיר ניט, צו פאַרבינדן דעם לעבן מיט אים“, האָט איר געזוכט שטאַנדהאַפטיקייט, הגם ניט בעלי־בתיש־פּויערישע שטאַנדהאַפטיקייט פון אַרום אייך. איר האָט שוין דאַן געוווּסט, אַז מען טאָר ניט גרינגשעצן דאָס פאַרבעסערן דעם לעבן, און געוווּסט האָט איר עס אויך פּראַקטיש, ניט נאָר טעאָרעטיש. אייער פּריש אויסזען האָט געזאָגט: האָפנונגען, וואָס וועלן פאַרווירקלעכט ווערן; מעשים, וואָס וועלן אויסגעפירט ווערן, וואָס קענען אויסגעפירט ווערן, וואָס וועלן איינגיכן אויסגעפירט ווערן.

אָפּטמאָל פלעג איך זיך פרעגן: מיט וואָס האָט איר זוכה געווען — הגם אַנדערע האָבן ניט זוכה געווען — צו זיין די אָנפאַנגער און אויך די פאַרזעצער און די אָנהאַלטער? פון אַלע אונזערע חברים, וואָס זיינען געווען ערשטע און אָנפאַנגער, ווי ווייניק זיינען געווען די, וואָס האָבן זוכה געווען פאַרצוזעצן און אָנצוהאַלטן! און נאָר גאָר ווייניקע האָבן געהאַט דעם באַזונדערן זכות פאַרצוזעצן און אָנצוהאַלטן ניט סתם אין לאַנד, נאָר אין איין קאָנקרעטן ווערק, צוצולייגן אַ שטריך און אַ טאָט צו אַ טאָט און צו זען זייער אויפטו קאָנצענטרירטערהייט. ניט פאַרטושט, ניט צעזייט און צעשפּרייט אויף אַלע זייטן. וויפיל זיינען זיי געווען מיט אונז די, וועלכע זיינען אַרויס, ווי רחל זאָגט: „מונטערע, קרעפּ־טיקע אין ווייטן וועג אַרויס — — — און איינציקווייז, איינציקווייז זיינען זיי מיד געוואָרן, האָבן זיך געבראָכן, זיינען געפאַלן אין די וועגן“? עס זיינען געווען גוטע, וווּנדערבאַרע חברים, טיפזיניקע, מוטיקע, איידעלע און קרעפּ־טיקע און זיי האָבן ניט זוכה געווען אַריינצוּוועבן זיך ווי עס באַדאַרף צו זיי אין דעם געוועב פון דער גאולה־טאָט. ווער עס איז יונגערהייט אויס־געריסן געוואָרן פון לעבן, און ווער „דאָס לעבן“ האָט אים געשליידערט און אַרויסגעריסן פון זיין פאַרפּלאַנצונגס־באָדן. פונקען פון זייער גייסט לייכטן אַרום צווישן אונ... עס זיינען דאָ אויך טאָטן זייערע, וואָס זיינען איינגעפלאָכטן אין דעם ווערק. ווער עס זעט — זעט, ווער עס געדענקט — געדענקט, — זיי אַליין האָבן ניט זוכה געווען צו זען די פּרוכט פון זייער פּראַצע.

און איר זייט — די גליקלעכע. ניט נאָר אייער גליק איז עס, נאָר אויך אייער זכות: איר זייט די ערשטע, וואָס פּשוט און ערלעך זייט איר געשטאַנען אויפן יסוד פון שטאַנדהאַפטיקייט אין אונזער ווערק. אין

די שפּעטערדיקע עליות איז עס געוואָרן אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. אָבער ביז מיר זיינען געקומען דערצו! געדענקט איר נאָך די דאָזיקע טעג פון פּלאָגעניש, ווען איר האָט זיך אָפּגעגעבן ניט נאָר מיט שאַפן זאַכן, נאָר אויך מיט איינהאַלטן דאָס געשאַפענע, מאַכן פון דער קבוצה אַ ג ע ש ע ע נ ע ם פ אַ ק ט און פון דעם קאָלאָניזירונגס־פּלאַץ — אַ ש ט ע נ ד י ק ן אָרט, ש ט ע נ ד י ק — ווי מיר האָפן — פאַר אייערע קינדער און קינדס־קינדער? האָבן דען אויף אייך — ווי אויף אונז אַלעמען — ניט געלויערט פאַרוואָרלאָזיקייט און יתומדיקייט? האָט זיך דען דער שטן — דער פאַרפירער — ניט מאַסקירט אין כלערליי קאָלירן פון דערהויבענע ענינים כדי אַראָפּצופירן אייך פון אייער וועג — אייער ערד? איינגעקלעפּטע, איינגעוואָרצלטע חברים האָבן אייך פאַרלאָזן; שווערע שטורעמס האָבן זיך צעשפּילט איבער אייערע קעפּ — שטורעמס פון פּסיכאָזע און אָפּהענטיקייט און מיראַזשן, — און עס זיינען מיט אייך פאַרבליבן בלויז געציילטע, אָבער די דאָזיקע „געציילטע" — אַ מין חוט־השדרה — זיי האָבן אויסגעהאַלטן. מיט דער דאָזיקער אויסהאַלטונג האָט איר געראַטעוועט ניט נאָר זיך און אייער ווערק, — איר האָט געראַטעוועט אונז אַלעמען. איר האָט פאַריאָגט אַלדאָסבייז פון דעם ק י ב ו צ י ש ן ווערק און איר האָט אונז — דער גאַנצער אַרבעטער־משפּחה — דערמעגלעכט אַנדערע טעג. אין אייער זכות און אין זכות פון אַלע אַנדערע געטרייע עקשנים, וואָס זיינען געבליבן שטאַרק גייסטיק און פיזיש אַפילו אין טעג פון שוואַכקייט און אָפּהענטיקייט, קענען מיר היינט באַטראַכטן אַ טייל פון דענסטמאָליקע פּלאָגענישן אַלס קינדער־קראַנקייטן אָדער וואַקסווייטאָקן. ווי אומגליקלעך וואָלט געווען די באַוועגונג אונזערע — מיט אַלע פליגלען אירע — ווען ניט איר און אייער גלייכן, וואָס האָבן אין שווערע טעג געהאַט און אָפּגעהיט דעם פּקדון, וואָס איז אייך איבערגעגעבן געוואָרן.

איך וואָלט דערמיט געקענט — אין פרידן — אָפּשליסן מיין באַגריסונג צו אייך, — איז אָבער מיין געדאַנק פאַרנומען ניט נאָר מיט אונזער אָנהויב, נאָר אויך מיטן המשך; און אין אייך זע איך ניט נאָר די, וואָס האָבן פאַרדינסטן און טראָגן די אחריות לגבי דעם עבר, נאָר אויך לגבי אַלץ וואָס עס שטייט נאָך אונז ערשט פאַר. איך וואָלט ניט געווען טריי צו זיך און צו מיין באַציאונג צו אייך, ווען איך וואָלט אין מיינע באַגריסונגס־ווערטער ניט אַריינגעפלאָכטן עפּעס פון מיינע טראַכטענישן, וואָס מאַטערן מיך אַזוי. אויך איצט אין דעם עצם טאָג פון אונזער שמחה, וויל איך זיך ניט צוריקהאַלטן פון אויסדריקן פאַר אייך מיין זאָרג, און ניט דווקא מיט רמזים.

איך בין ניט רואיק לגבי געוויסע דערשיינונגען ביי אונז. איך זע ווי עס ציען זיך אויף אונז גרויסע סכנות, און ניט דווקא פון „אַן אויסער־

לעכן שונא״. זען די סכנות הייסט ניט — ניט זען דעם וווקס און דעם אויפבוי פון אונזער באוועגונג. אָבער עס טרעפט, אז דוקא די עפּאָכעס פון וווקס און אויפבוי זיינען עס די, וואָס דעקן אויף אדער אפילו שאפן נייע הארבע שוועריקייטן; אין אזעלכע צייטן, אויב גרויסע באוועגונגען געפינען ניט אין זיך גענוג פאָרויסזעהונג־קראַפט און גענוג אקטיוויטעט אנטקעגנצושטעלן זיך — זיינען די כוואַליעס פון אויפשטייג עלול צוריקצוגיין און אוועק־שווענקען די פרוכט פון פיל־יאָריקער ארבעט.

צו א י י ך ווענד איך זיך ניט כדי אויפצודעקן די חטאים פון דעם ברייטן ציבור, וואָס געפינט זיך אויסערהאַלב דער חלוצישער שאַפונג און אויך ניט כדי צו אַנטפּלעקן די ווונדן פון דעם גאַנצן כלל. איך ווענד זיך צו אייך וועגן אַ צרה, וואָס איז מער אַן אינערלעכע, מער אַ דעליקאַטע, און שקול איז זי אין מיינע אויגן אנטקעגן א סך חטאים און פשעים: דער אינערלעכער ג ו וואַ ל ד ־ ר י ס אין דעם ווערק פון דער קבוצה (אָדער פון דעם קיבוץ — פון מיינעטוועגן איז עס אלץ איינס: אויסער דעם אונטער־שייד צווישן זכר און נקבה האָב איך קיינמאָל ניט געקענט באגרייפן די טיפע קעגנזאצן אין דעם אינהאלט פון דיביידע טערמינען — ניט פון פילאָלאָגישן שטאַנדפונקט און ניט פון דעם סאָציאָלאָגישן. זייט זשע מיר מוחל, אויב איך וועל ניט אזוי מקפיד זיין אין דעם געברויך פון איין טערמין אָדער דעם אַנדערן).

איך קלייב זיך ניט דאָ מרחיב זיין דעם דיבור וועגן דעם. איך האָב אויך ניט בדעה אָנצוווייזן אויף דער טיפער סתירה, וואָס די באַוועגונגען, אין וועמענס אויגן דער כוח פון דער געזעלשאַפטלעכער שאַפונג איז אָפּהענגיק פון דער מאָס פון ווירטשאַפטלעכער, עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער שותפות, ווייזן ניט ארויס אַזעלכע עס איז מאָס פון פעאיקייט, און אפילו וועלכע ס׳איז מאָס פון פארשטאנד און גוטן ווילן אָפּצושאצן דעם שעפערישן כוח און די מעגלעכקייטן, וואָס ליגן באַהאַלטן אין זייער אייגענער שותפות מיט די סאָמע נאָענטסטע צו זיי קערפּערשאַפטן. איך מיין דאָ אויך ניט פונאנדערצולייגן פאר אייך די דערציערישע און מענטשלעכע פלאָגן, וואָס שטאַמען פון דעם דאָזיקן גוואַלד־ריס, און אונטערצושטרייכן אויף וויפיל ער דערנידעריקט די קבוצה און פארדאַרבט די חלוצישע דערציונג אין ארץ ישראל און אין חוץ־לארץ. איך גלויב, אז אסך פון אייך זעען עס און פילן עס גלייך מיט מיר. אויך האָב איך דאָ ניט אין זינען צו מאָלן און צו באשרייבן, ווי ווייט דער דאָזיקער גוואַלד־ריס פירט צו דער פעלשונג פון די אינערלעכע באַציאונגען אין אונזער מחנה, און צו דער פארטונקלונג פון דער ליכט, וואָס שטראַלט ארויס פון אונזערע בעסטע מענטשן און בעסטע מעשים.

אין דעם מאָמענט בין איך מיך מצמצם אין איין פּונקט, וואָס איז נוגע דער גאַנצער אַרבעטס־משפּחה און וואָס צוליב דעם איז די דערמאָנטע צרה אונזערע שקול אין מיינע אויגן אַנטקעגן אַסך געפאַרן, וואָס לויערן אויף אונז: דער פאַקט, וואָס אונזערע קיבוצישע כּוחות זיינען דורך דעם גוואַלד־ריס צעטיילט אויף גרופּעס, מיט זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען, און וואָס דערצו־נאָך זיינען בכלל ניטאָ קיין באַציאונגען צווישן דעם קיבוצישן פליגל — מיט זיינע גרופּעס — און צווישן דעם פליגל פון די מושבים אין אונזער באַוועגונג — אָט דער פאַקט וועט אוועקרויבן פון אונזערע חלוצישע עלעמענטן זייער פעאיקייט און זייער האָפענונג צו דינען אַלס וועג־ווייזנדער און רעגולירנדער כּוח אין דער אַרבעטערשאַפט, אַזוי ווי עס איז געווען פון זינט עס איז אַנטשטאַנען אונזער באַוועגונג.

פון איר אָנפאַנג איז אין צענטער פון אונזער באַוועגונג געשטאַנען דער חלוצישער אימפּולס. אונזער באַוועגונג איז געבענטשט געוואָרן מיט געשפּאַנטע, אומרואיקע כּוחות, וואָס האָבן פון זיך אַראָפּ־געוואָרפן דעם בעלי־בתּישן טראַכט, וואָס האָבן ניט געוואָלט זען די אידיי און דאָס לעבן אַלס צוויי באַזונדערע וועלטן. איז אַנטשטאַנען די נויטווענ־דיקייט אַריינצושמעלצן אַלע כּוחות פון גייסט און טאַט אין דעם הגשמה־ווערק אַריין; איז אוממעגלעך געווען צו באַנוצן זיך מיט די פאַראַנענע, באַקוועמע געזעלשאַפט־מאָדעלן; איז געקומען די אומאויפהערלעכע אָנשטרענגונג צו פאַריכטן, באַנייען, ענדערן. פונדאַנען — דער כּוח אָנצו־טרייבן זיך אליין און אַלץ אַרום זיך. אַזאַ איז זי די חלוצישע מחנה, וואָס, אפילו געפינענדיק זיך אין די סאַמע פאַרוואָרפנסטע ווינקלעך פון לאַנד, איז עס זי די, וואָס פורעמט אויס די געשטאַלט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און ריכט איר וועג. די דאָזיקע מחנה איז קיינמאָל ניט געווען קיין איינהייטלעכע, און אירע שאַפונגען זיינען קיינמאָל ניט געגאַנגען אין איין ליניע. עס זיינען אין איר געווען קאָלירן און סטילן, געשמאַק־אונטערשיידן און אַנשויאונג־אונטערשיידן און מיינונגס־פאַרשיידנהייטן. ערשט נאָך מערערע לעבנס־דערפאַרונגען און נאָך שאַפונגס־אָנשטרענ־גונגען איז די חלוצישע מחנה דערגאַנגען צו דער דערקענונג פון איר אינערלעכער אחדות, צו דער דערקענונג פון איר אחדות אין דער קאָלאָניזאַטאָרישער שאַפונג — אַן אחדות וואָס איז ניט מבטל און אונטערדריקט ניט קיין קאָלירן און סטילן, נאָר זי פאַסט זיי אום און דערהייבט זיך איבער זיי. ווען ניט די דערקענונג פון דער אייניקייט פון אונזער קאָלאָניזאַטאָרישער שאַפונג, און ווען ניט די דערקענונג פון דער אינערלעכער אייניקייט אין די חלוצישע רייען, וואָלטן מיר ניט געקענט דערגרייכן דעם אויפבוי פון דער הסתדרות —

אין איר גאַנצן פולן אינהאַלט — און דעם אידייאישן, פּאָליטישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן איחוד, צו וועלכן מיר זיינען געגאַנגען אין פאַרלויף פון פינף און צוואַנציק יאָר.

די דאָזיקע דערקענונג פון אַחדות האָט עס זיינערצייט באַזיגט די פּאַרטייאישע דיפערענצן, וועלכע די צווייטע עליה האָט מיטגעבראַכט פון די גלות־לענדער. זי האָט פון זיי אוועקגענומען זייער טעם, זי האָט באַנייט חברישע באַציאונגען צווישן מענטשן, וואָס האָבן פריער געהערט צו „פיינדלעכע" לאַגערן. זי האָט אויפגעהייבן דעם לעבנס־ניוואָ און האָט ברייטער געמאַכט די האָריזאָנטן, ווייל זי האָט אונז באַפרייט פון קליינ־קעפלדיקייט און ענגהאַרציקייט.

די עצם העגעמאָניע פון די חלוציש־קאָלאָניזאַטאָרי־שע עלעמענטן אינערהאַלב דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל — די העגעמאָניע וואָס באַשטימט די געשטאַלט פון דער הסתדרות און אירע אינסטיטוציעס — איז ניט מעגלעך סיידן מיר זאָלן איינהאַלטן די איינציקייט פון אונזער קאָלאָניזאַטאָרישער שאַפונג און די געשלאָסנקייט פון די חלוצישע רייען אינערהאַלב דער ניט־פּאַרמעלער איינציקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. זאָל זיך דער חלוצישער אַוואַנגאַרד אין דער הסתדרות שפּאַלטן און צעברעקלען אויף פאַרשידענע טיילן — פאַרלירט ער דאַן זיין מאָראַלישע רעכט און געזעלשאַפטלעכע פעאיקייט איינצוהאַלטן אין זיינע הענט זיין גייסטיקע העגעמאָניע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

יעדע קאָלאָניזאַטאָריש־חלוצישע קערפּערשאַפט וועט אפשר איינ־האַלטן — הגם בלויז צייטווייליק! — אירע פּאָזיציעס, וועט זיך שפּייזן פון די ברעקלעך, וואָס פאַלן אַראָפּ פון דעם עליה־טיש, און זי וועט זיך פרייען, מאַכנדיק דעם חשבון פון אירע דעראָבערונגען אין ארץ־ישראל און אין חוץ־לארץ, אָבער די אַרבעטער־מאַסן אין ארץ־ישראל וועלן אריינפאַלן אין די הענט פון דער אזוי געראָפענער „סטיכיע": די כוואַליעס פון פּראָס־פּעריטי און קריזיסן; די "איינאָרדנונג" פאַר יעדן פרייז און אין אַלע באַדינגונגען; דאָס כאַפּן שטיקער „קאָניונקטור", כדי צו פאַרלירן ביי כלערליי נאַרערייען, ספעקולאַציעס, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פּאַניק־אויסברוכן. די אַרבעטער־מאַסן וועלן פאַרטאַכלעווען זייער געזעלשאַפט־לעכע ענערגיע און וועלן זיך אָנזאַפּן מיט לופט פון דער פיליסטערישקייט, וואָס איז אין תוך אנטיציוניסטיש (אפילו ווען עס דעקלאַמירט פּאַטריאָטיש) און אנטי־סאָציאַליסטיש (אפילו ווען עס פּלוידערט רעוואָלוציאָנעריש). דאָס דאָזיקע ארץ ישראל׳דיקע פיליסטערישקייט סיי עס איז בירגערלעך און סיי פּראָלעטאַריש (מיר האָבן שוין אזוינס אויך!), איז שטענדיק פּאַראַזיטיש, ווייל עס עקזיסטירט מיטן זכות פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער

שאַפונג, רייטנדיק אויף איר און עקספּלואַטירנדיק זי און — גלייכצייטיק — וואַרפנדיק שמוץ אויף איר.

אויב מיר וועלן ניט פאַרמאָגן אַ געשלאָסענע געזעלשאַפטלעכע איינהייט, וואָס זאָל זיין פּאַראַייניקט אין איר חלוצישן גייסט און זען איר אויפגאַבע און מיסיע ניט נאָר אין איר אייגענעם חלוצישן לעבן, נאָר אויך אין דעם וואָס זי וועט ריכטן די עליה־און־אַרבעט שטראָמען צו אַ לעבן מיט אַן אינהאַלט, אַ לעבן פון שאַפונג און דעראָבערונגען, וועלן די אַרבעטער־מאַסן — סיי פאַרוואָרצלטע אין לאַנד און סיי נייע עולים — זיין אויסגעשטעלט אויף דער סכנה צו פאַרראַטן די אידייע, וועלכע האָט באַלויכטן זייער לעבן אין דעם פינצטערן גלות און וואָס מיט איר כוח זיינען זיי געקומען אַהערצו. אַן אַ פאַראייניקטן חלוצישן כוח, וואָס איז מסוגל צו עפענען וועגן פאַר די איינוואַנדערנדיקע מאַסן און אויסצונוצן אַלע געלעגנהייטן — סיי פאַראַנענע און סיי אַזעלכע, וואָס מען דאַרף זיי נאָך ערשט אַנטדעקן — כדי אויפצונעמען זיי אויף אַ ק אָ נ ס ט ר ו ק ט י װ ן אופן און כדי אַריינצוציען זיי אין דער קאָלאָניזאַטאָרישער שאַפונג און אין דער גאַנצער גייסטיקער אַטמאָספערע פון אַ שאַפנדיקן און באַנייענדיקן דור, וועלן די דאָזיקע מאַסן בילדן אַנטי־סאָציאַלע שיכטן, וואָס וועלן שטיין ק ע ג ן דער שאַפונג פון דעם יידישן חלוצישן דור.

מער ווי ווען ס'איז, נויטיקן מיר זיך איצט, אין די טעג פון מאַסן־עליה, אין דער דעראוואַרטונג פון נאָך גרעסערע מאַסן, כן ירבו — אין אַ פאַראייניקטן חלוצישן כוח, וואָס זאָל זיין ראוי צו שטיין אין שפּיץ פון די מאַסן און פירן זיי. אָן אַזאַ כוח וועלן אונז ניט העלפן אַלע אונזערע פּראָפעסיאָנעלע און ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען, די קאָאָפּעראַציע און דער שיכון.

אין דעם טאָג פון דגניה'ס יום־טוב, דער יום־טוב פון דער גאַנצער קיבוצישער באַוועגונג, בלייבט מיר ניט מער איבער ווי ווענדן זיך צו אייך און אויסצודריקן פאַר אייך מיינע זאָרגן. אַנערקענענדיק אייערע פאַרדינסטן, גלויבנדיק אין אייער צוקונפט, זיכער זייענדיק, אַז איר זייט נאָך אין אייערע פולע כוחות, זאָרגענדיק פאַר אונזער אַלגעמיינעם גורל — ווענד איך זיך צו אייך, חברים פון דגניה: דאָס איז מיין ווונטש און דאָס איז מיין פאָדערונג, — אַז איר — און מיר מיט אייך — זאָלן זיך אָננעמען מיט כוח, אַז איר — און מיר מיט אייך — זאָלן זיך שטאַרקן און אויפשטעלן די איינהייט פון דער חלוצישער מחנה אינערהאַלב דער ארץ־ישראל'דיקער אַרבעטערשאַפט.

1935.

די אידעע פון „ניר״

[פון א פאָרטראג אויפן לאנדווירטשאפטלעכן צוזאמענפאָר אין חיפה, שבט תרפ״ו]

די געשיכטע פון „ניר״ הייבט זיך אָן פון יענער קליינער פאַרזאמלונג אין אום־דזשוני אין פסח תרע״א (1911), ווו מיר האָבן געלייגט דעם יסוד פון אונזער היינטיקער הסתדרות. אונזערע תקנות זיינען דאן געווען קורץ, די אָרגאַניזאציע איז געווען שוואך, דער יסוד איז שוין אָבער געווען. ניט קיין פּראָפעסיאָנעלן פאריין האָבן מיר דאן געגרינדעט, נאָר א געזעלשאפט, וואס איז בלא יודעים געווען א געזעלשאפט פאר ארבעטס־קאָלאָניזאציע. מיר האָבן דאן ניט געהאט קיין העזה זיך אָנריפן „הסתדרות״, האָבן מיר גע־גרינדעט נאָר דעם „ועד פועלי הגליל״.

די דאָזיקע אָרגאַניזאציע האָט ארויפגעלייגט אויף די ווירטשאפטן פליכטן אויך לגבי יענע ארבעטער, וואָס זיינען ניט געווען אָנגעהעריק צו איר. לאָמיר זיך דערמאָנען דעם שטרייק אין סעדזשערע, בעת די שטרייקער האָבן באקומען באשעפטיקונג אין די ארבעטער־ווירטשאפטן, אָדער די אויס־פירונג פון דער ארבעט אויף צו טריקענען דעם זומף פון כנרת, אין וועלכער ס׳איז שוין געווען פאַרבאָרגן דער קערנדל פון צוקונפטיקן משרד לעבודות ציבוריות (אָמט פאר עפנטלעכע ארבעטן) און די שטרעבונג צו פארוואנדלען אונזער הסתדרות אין אָן אנשטאלט, וואָס פירט אויס ארבעט און קאָלאָניזירט.

פון די ערשטע טעג אָן האָט זיך אין אונזער באוועגונג אנטפּלעקט א סתירה וואָס ווערט מיט דער צייט פארענטפערט ביי אונז: וואָס איז דער שאפונג־וועג פון דעם ארבעטער, ביחידות אָדער צוזאמען מיט אנדערע? לויט דער איינשטעלונג און דער מענטאליטעט, וואָס מיר האָבן מיטגעבראכט פון חוץ־לארץ, זיינען מיר געווען געניינגט צו דער אויפפאסונג פון „יחיד״. מיר האָבן געדארפט אראָפּנעמען די קייטן פון כלל, דעם שטויב פון דורות, ס׳האָט אונז באגלייט דאָס געפיל פון איינצלנע, פון די „לעצטע פארטיידיקער פון פעסטונג״, וואָס זיי האָבן צו מאכן די לעצטע אָנשטרענגונג: פאלן אָדער מאכן א סוף צו דעם גלות. דאָס אלץ האָט ביי אונז פארשטאַרקט און פאר־טיפט דאָס באוווסטזיין פון דעם יחיד. אין אונזערע ערשטע פארזוכן איז געווען א סך יסודות פון גבורה פון יחידים. אזוי האָט מען צום אָנהויב אויפ־געפּאסט אויף דעם געדאנק פון כיבוש העבודה: דער יחיד האָט געמוזט אין לייד און קרבנות זיך האלטן פעסט אין דער פרעמדער סביבה. אזוי האָט אויך פארשטאנען זיין וועג דער ארבעטס־מענטש אין גליל, וואָס איז געוואָרן א פאַכטער ביי יק״א. לאָמיר היינט ניט וואַרפן קיין שטיינער אויף די, וואָס האָבן אָנגעהויבן מיט אונז דעם כיבוש פון גליל און כיבוש עבודה אין יהודה, און וואָס האָבן אונז פאַרלאָזן, ווייל זיי האָבן ניט געפילט קיין

באַדן אונטער זייערע פיס. דאָס זיינען די רעזולטאַטן פון דעם וועג פון יחידים, די רעזולטאַטן פון העראָישע אָנשטרענגונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן ביחידות, אָן דער סביבה פון א געזעלשאַפט און אָן דעם גלויבן אין איר כוח.

בעת איך בין אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל, האָב איך געטראָפן צווישן די ערשטע ארבעטער די הערשנדיקע אידעאָלאָגיע — „יעדערער פאר זיך״. ס׳האָט געהערשט דאָס באַוווסטזיין, אז ס׳איז גענוג דער יחיד זאָל איינ־אָרדנען זיך אליין, ממילא דערפילט ער דערמיט זיין חוב פארן פאָלק. אָבער די באַדינגונגען, אין וועלכע דער ארבעטער האָט זיך איינגעפונען, די נויטיקייט צו געפינען אָן אחיזה פאר זיך אין דער פרעמדער קאַלטער סביבה, — דאָס אַלץ האָט געפאָדערט, אז די יחידים, וואָס קעמפן איטלעכער פאר זיך, זאָלן זיך צונויפנעמען צוזאמען; ס׳האָט געבראַכט צו דער פאַרייניקונג, וואָס טראָגט אין זיך די זוימען פון דער היסטאָרישער שליחות און דערהויבט אויך דעם יחיד. דער כוח פון אַלעמען צוזאמען האָט געזאָלט ווירקן אין יעדער שעה פון נויט: בעת א קראַנקייט, און אין די שווערע צייטן פון דער מלחמה, ווען מיר זיינען געוועזן פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג. ער האָט אונז ארויסגעפירט אויפן וועג פון זעלבסטשטענדיקער שאַפונג, און ווען ניט ער וואָלטן געגאַנגען פאַרלאָרן א סך באַמיאונגען פון יחידים, פון איטלעכן אין זיין ווינקעלע. ניט נאָר קופת־חולים — די שאַפונג פון דער גאָר ערשטער תקופה פון די „וועדים מחוזיים״ (ראַיאָן־קאָמיטעטן) און אנדערע אנשטאַלטן פון דער הסתדרות, נאָר אויך אונזער ווירטשאַפטלעכע שאַפונג, סיי די קבוצה און סיי דער מושב, וואָלטן ניט געקומען צו דער ליכטיקער וועלט, ווען ניט די צוזאמענשליסונג פון כוחות צו יענער צייט. ס׳איז א טעות, אויב מען מיינט, אז דער מושב איז א פאָרם פון אינדיווידועלער קאָלאָניזאַציע. קיין שום פויער אין דער וועלט ווייסט ניט פון אזא מין פאָרם פון געזעל־שאַפטלעכן לעבן און פון אזא מאָס פאַרבינדונג צווישן דעם יחיד און דעם כלל, ווי די, וואָס הערשט אין אונזערע מושבים.

מיר גרייטן זיך צו נייע אויפטועך, צו דער פאַרברייטערונג פון עליה, צו דער פאַרשטאַרקונג פון אונזער כוח אינעווייניק און כלפי חוץ. אונזער דערפאָלג איז אין א גאָר גרויסער מאָס אָפּהענגיק דערפון, אין וואָס פאר א מאָס ס׳וועט אונז געלינגען אויפצושטעלן דעם כלל, וואָס האַנדלט יושרדיק אין זיינע באַציאונגען מיט די איינצלנע חברים און וואָס שליסט זיי אַלעמען צוזאמען צוליב דער געאייניקטער שאַפונג, אין איינקלאַנג מיט זיין היסטאָרישן באַרוף. פון שטאַנדפונקט פון אונזערע קאָלאָניזאַטאָרישע באַדערפענישן ליידט איצט אונזער באַוועגונג פון ערנסטע פעלערן, וואָס מוזן באַזייטיקט ווערן. יענער כוח פון א משפחה־סביבה, מיט וועלכן אונזער

באוועגונג האָט זיך אפשר געקענט באַנוגענען אין אירע ערשטע טעג, — איז איצט ניט מער מסוגל ארומצונעמען אלע ארבעטס־מענטשן אין לאַנד און די נויטן פון דער עליה, דערציִען און געבן די זיכערהייט, אַז ס׳וועלן ניט זיין קיין אפטריניקע צווישן אונז, און אַז איטלעכער נייער עולה זאָל ארויף אויפן וועג פון אונזער היסטאָרישער פאַרווירקלעכונג אין לאַנד.

עס איז איצט וויכטיק אויפצושטעלן דעם אומפאַסנדיקן אינסטרומענט, וואָס שטייט אין רשות פון דער ארבעטס־קאָלאָניזאַציע. ער וועט אפשר זיין אין אַנהויב אָרעם און באַשיידן, אָבער צום סוף וועט ער אויסוואַקסן אַ דאַנק זיינע אינערלעכע כוחות און אויך מיט דער הילף פון יענע טיילן פון פאָלק, וואָס זעען אין אונזער ארבעט די פאַרווירקלעכונג פון זייערע שטרעבונגען. דער דאָזיקער אינסטרומענט וועט צווינגען די קאָלאָניזאַטאָרישע אַנשטאַלטן, ווי אויך די פּאָליטישע פאַקטאָרן — די רעגירונג און די אויסלענדישע כוחות — זיך צו רעכענען מיט אונז ווי מיט אַ קאָלאָניזירנדיקער ארבעטער־באַוועגונג. פון דער אַנדער זייט איז אויך וויכטיק — כדי צו פאַרפעסטיקן די פּרינציפּיעלע יסודות פון אונזער באַוועגונג — צוצוגעבן כוח דער הסתדרות, אין וועלכער מיר האָבן אריינגעלייגט אונזערע בעסטע קרעפטן, געבן איר דאָס, וואָס ס׳פעלט איר נאָך דערוויַיל.

מען זאָגט, אַז „ניר" הייסט — סאָציאַליזירונג פון דער עקזיסטירנדיקער ווירטשאַפט. ס׳הייבט זיך גאָרניט אָן. מיר לייגן ניט פאָר צו טאָן אַ זאַך, וואָס מיר זיינען ניט בכוח צו טאָן, און וואָס איז ניט געגעבן אין אונזער ווירקלעכקייט. „ניר" איז ניט קיין נייע באַשעפעניש. דאָס איז אַ פולע און אומפאַסנדיקע קאָאָפעראַציע פון אלע ווירטשאַפטן לשם קאָלאָניזאַציע, קרעדיט און קעגנזייטיקער הילף, און צוגלייך מיט דעם — אַ געאָרדנטע קאָנטראָל פון דעם ארבעטער־כלל איבער זיינע ווירטשאַפטן.

הגנה

יידישע גבורה

[אריינפיר צו דער אַנטאָלאָגיע „ספר הגבורה“, ארויסגעגעבן פון דעם הסתדרות־פאַרלאַג „עם עובד“, 1941]

„די לערע, וואָס האָט ניט קיין בית־אב, קיין היסטאָרישן יחוס, איז ניט קיין לערע“ — אזוי האָבן געזאָגט אונזערע חכמים. און אויף דער שפּראַך פון אונזער צייט: יעדע קולטור, וואָס האָט ניט קיין בית־אב, איז ניט קיין קולטור. און אויך א פאָלקס־באַוועגונג אויב זי איז עפּעס מער ווי שוים אויפן וואַסער, מוז זוכן איר היסטאָרישן יחוס, מוז זי פרעגן פון וואַנען זי שטאַמט. „זאָלסט וויסן פון וואַנען דו קומסט און וווּהין דו גייסט“ — איז ניט בלויז אַן עטישער פּרינציפּ, נאָר א טיפע לעבנס־באַדערפעניש. מיר האָבן א טיפע באַדערפעניש זיך צו דערגרונטעווען צו די וואָרצלען פון אונזער זיין, צו זוכן אונזערע מקורות. און אפילו אויב מען ענטפערט אונז ניט — דאַרפן מיר ניט אויפהערן זוכן.

ווי ווייניק מרי ווייסן וועגן אונזער עבר! צוזאַמען מיטן פאַרלוסט פון פּאָליטישער פרייהייט איז פאַרלאָרן געגאַנגען די פרייהייט פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע. עס איז ניט געווען קיין מאַכט, וואָס זאָל זאָרגן פאַר אונזער היסטאָרישן זכרון. אדרבא, כמעט יעדע מאַכט האָט אָפּגעווישט, אויסגעמעקט, פאַרברענט, חרוב געמאַכט. איצט זעען מיר מיט אונזערע אייגענע אויגן וואָס מלחמות, גירושים און גזירות טוען צו קולטור־רייכטימער. און זיי זיינען דאָך אונזער שטענדיקער גורל; די רואיקע יאָרן זיינען דאָך אין אונזער געשיכטע שטענדיק געווען ניט מער ווי קורצע הפסקות. יעדע איבערוואַנדערונג פון איין גלות אין צווייטן האָט אויך פאַרניכטעט די טרעגער פונעם נאַציאָנאַלן זכרון, מיטן וואָרצל אויסגעריסן היסטאָרישע טראַדיציעס, צעריסן פאַמיליעס, צעשניטן פאַרבינדונגען, חרוב געמאַכט מאַטעריעלע און גייסטיקע רייכטימער. וואָס קענען פאַגראָם־יתומים וויסן וועגן דעם, וואָס עס איז געשען פאַר זייער צייט? וואָס קען

פארבלייבן פון א פאמיליע־טראדיציע ביי קינדער־פליטים? און ווי גרויס זיינען די אוצרות, וואָס זיינען געזונקען אין אָפּגרונט פון פארגעסעניש צוזאמען מיט די גלידער, וואָס זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן פון פאָלקס־קערפּער! מען דארף זיך אפשר חידושן אויף דעם, וואָס עס איז יאָ גע־ראטעוועט געוואָרן און אָפּגעהיט געוואָרן.

גרויס איז דער כוח פון פארגעסן, באזונדערס אין דער יידישער געשיכטע. פיל האָט גורם געווען דער שמד, פיל האָט גורם געווען דער שייטער־הויפן, פיל האָט גורם געווען די מורא פאר טיראַנען, פיל האָט גורם געווען דער גורל פון באזיגטע. און דאָרטן ווו עס האָט ניט דערגרייכט דער לאנגער אָרעם פון דער אויסערלעכער צענזור, האָט ארויפגעלייגט איר האנט די אינערלעכע צענזור. אין דען צו אונז דערגאנגען איין שורה פון דער קנאים־ליטעראטור? יענע אנטפלעקונגען פון יידישער גבורה, וואָס האָבן ניט זוכה געווען צו קיין נצחון, זיינען אויסגעמעקט געוואָרן. דער גורל פון באזיגטע! א יידיש קינד האָט געמעגט טראכטן וועגן שמשון און גדעון, וועגן דוד און זיינע גבורים, וועגן די העלדנטאטן פון „ספר הישר”, אָבער אפילו די גבורה פון רעבעלירנדיקע חשמונאים האָט ניט זוכה געווען צונויפ־געזאמלט און אָפּגעהיט צו ווערן אין אַן אָריגינעלן העברעאישן בוך, און איר אָנדענקען איז לעבן געבליבן אין אומקלאָרע קלאנגען און מגולגל גע־וואָרן אין דעם נס פון אייל־לעמפּל. און יעדע גבורה וואָס איז געקומען נאָכן חורבן, יעדער פארזוך אראָפּצוווארפן די קנעכטשאפט פון גלות, אָט די אלע גרויסע קרבנות פון מוטיקע קעמפער וואָס האָבן זיך אנטזאגט שלום צו מאכן מיט דער ממשלת זדון, זיינען אָפּגעווישט געוואָרן פון זכרון, זיינען פארלאָרן געגאנגען אין אומקלאָרע מעשיות און אומפארשטענדלעכע ווערטלעך, און זיינען ווי פארטריקנטע בלומען פארלייגט געוואָרן אין די ווינקלען פון דער אגדה און הלכה.

ערשט מיט דעם אויפקום פון ציוניזם האָט א ניי ליכט אויפגעשיינט איבער דער באזיגטער און פארגעסענער יידישער גבורה. די פארגעסענע העלדן פון מסדה זיינען דערלייזט געוואָרן פון דער פרעמדער שפּראך, אין וועלכער יוסף פלאוויוס האָט זיי פאראייביקט, ר׳ עקיבא האָט זיך פאר אונז אנטפּלעקט ניט נאָר ווי א זקן און א ראש־ישיבה, נאָר ווי דער נביא פון אַן אויפשטאנד, און בר־כוזיבא, „דער זון פון ליגן”, איז אין פאָלקס־באוווסטזיין ווידער געוואָרן בר־כוכבא, „דער זון פון שטערן”.

די ריזן־געשטאלטן פון ר׳ עקיבא און בר־כוכבא (וועלכע זיינען פריי פון די קאָנפליקטן, וואָס זיינען געווען צווישן ר׳ יוחנן בן זכאי און די קנאים) סימבאָליזירן די צוויי הויפּט־וועגן פון דער יידישער גבורה נאָך דעם חורבן — די פארהייליקטע גבורה פון גייסט און די פארשטויסענע גבורה

פון קערפער, וואָס זיינען אמאָל געגאנגען צוזאמען און אמאָל באזונדער. אויב זיי האָבן ביי זייער פאָלק געהאט א פארשיידענעם מזל, איז אבער אין תוך זייער מזל געווען איינער און דער זעלבער. דער נס פון חנניה, מישאל און עזריה איז ניט געשען מיט זייערע קינדס־קינדער, די מקדשי־השם, וואָס האָבן זייערע נשמות אויסגעהויכט מיטן „אחד", וואָס האָבן געזונגען אויפן שייטערהויפן און האָבן מיט זייערע אייגענע הענט געפירט דעם חלף איבער די העלזער פון זייערע קינדער, כדי זיי זאָלן ניט „פארשטונקען ווערן אין זייער געשטאנק". די פארטיידיקער פון מסדה, שמעיה און אחיה, בר־כוכבא און די אנדערע מורדים, וואָס זיינען אויפגעשטאנען ביי יידן איינער נאָך דעם צווייטן, אין ארץ־ישראל און ארום איר, אין משך פון הונדערטער יאָרן נאָך דעם חורבן, האָבן ניט זוכה געווען צו די נצחונות פון די חשמונאים. אויף די געשטאַלטן פון די חשמונאים שיינט דאָס ליכט פון זיגרייכער גבורה: „די העלדן זיינען געפאלן פון די הענט פון די שוואכע, און די פילע — פון די הענט פון די ווייניקע, און די טמאים — פון די הענט פון די טהורים, און רשעים — פון די הענט פון צדיקים". קען געמאָלט זיין א גרעסערער נצחון־הימן? אָבער די קעמפער פון מסדה זיינען איינגעוויקלט אין דער טראגישער גלאָריע פון באזיגטער גבורה: „מיר זיינען געווען די ערשטע צו הויבן אויף זיי (די רוימער) א האנט, און מיר זיינען פארבליבן די לעצטע צו קעמפן מיט זיי — — — עס איז אונז קלאָר, אז מאָרגן וועט קומען אונזער סוף, מיר האָבן אָבער די ברירה צו שטארבן א העלדן־טויט — — — זאָלן אונזערע פרויען שטארבן איידער זיי וועלן פאראומרייניקט ווערן, זאָלן אונזערע קינדער שטארבן איידער זיי וועלן פארזוכן דעם טעם פון קנעכטשאפט".

דאָס איז דער גורל פון דער יידישער גבורה זינט דעם חורבן. אין תוך איז ניטאָ קיין אונטערשייד צווישן דעם גורל פון די מורדים אין גליל און דעם גורל פון די פארטיידיקער פון טולטשין, צווישן די וואָס האָבן זיך געשטעלט קעגן מוחאמעדן און די וואָס האָבן זיך פארבאריקאדירט קעגן די קרייץ־פאָרער, צווישן די מורדים קעגן דער רוימישער אימפעריע און די וואָס האָבן זייערע לעבנס אוועקגעגעבן פאר זייער גלויבן. זיי אלע זיינען לכתחילה געוואָרן פאראורטיילט. זייער גבורה איז א דורכויס טראגישע גבורה. עס איז ניט דער טראגיזם פון שמשון און שאול, וואָס אפילו בעת זיי זיינען געפאלן האָבן זיי זיך געמעגט טרייסטן, אז זייער נצחון איז ניט ווייט .די יידישע גבורה זינט דעם חורבן איז א גבורה אָן אויסזיכטן אויף נצחון. די גבורה פון גלויביקע, וואָס גאָט האָט פון זיי באהאלטן זיין פנים און זיי זיינען דאָך געבליבן ביי זייער טרייקייט און גלויבן. די גבורה פון מארטירער, וואָס ווייסן וואָס זיי קענען דערווארטן אין דעם קאמף מיט

די פילע און די רשעים, און זיי גייען אים דאָך אנטקעגן. די גבורה פון איוב־פאָלק, וואָס אפילו אין זיין געראנגל מיט גאָט, איז זיין אינערלעכסטע זאָרג: ניט באזיגט צו ווערן אין אייגענעם הארצן, ניט זינדיקן קעגן געוויסן. די ספּעציעלע תפילה פאַר קידוש־השם (עס איז דאָ אזא תפילה!) בעט ניט קיין דערלייכטערונג פון די יסורים, נאָר קדושה און טהרה און דעם כוח אויסצוהאלטן דעם נסיון: „אתה ידעת מצפון לבי".

די יידישע גבורה זינט דעם חורבן האָט זוכה געווען בלויז צו איין שכר: טריי צו זיין זיך אליין; א גבורה וואָס קומט בלויז פון אן אינערלעכן מוז און צוליב איר טראגישן גורל קריטיקירט מען זי. די בלבולים פון שונאים (לאָמיר זיי זיין דאנקבאר: זייערע בלבולים האָבן געראטעוועט פון דער פארגעסעניש פארשטויסענע נעמען אין אונזער געשיכטע, און פון זיי האָבן מיר זיך אויך דערוווּסט, ווי די יידישע מורדים האָבן באַ־אומרואיקט זייערע באזיגער) און די פאראכטונג פון „אויפגעקלערטע" (וואָס האָבן געזען ווי זייערע ברידער מאָרדן און פארגוואלדיקן, און ווי אונזערע ברידער קוילענען זיך אויס מיט די אייגענע הענט, און זיי האָבן געצויגן מיט די אקסלען אויף דער יידישער „משוגעת") — אָט דאָס איז געווען דער גורל פון דער באזיגטער יידישער גבורה אין א פרעמדער וועלט. די חכמה פון דעם אָרעמען ווערט פאראכט, און אין דער גבורה פון באזיגטן זעט מען ניט קיין פּראכט און קיין שיינקייט.

פרעמדע האָבן ניט באגריפן די גרויסע קראפט, וואָס איז געלעגן אין דער באזיגטער יידישער גבורה. אָבער עס זיינען אויך פאראן יידן וואָס זעען דאָס ניט. וואָס איז די פעולה פון א גבורה וואָס זיגט ניט ,און אפילו אירע קליינע נצחונות דויערן זייער ווייניק און זיינען ניט בכוח אָפּצושטעלן די צעבושעוועטע שנאה? — אזוי פרעגט די יידישע ניכטערקייט, פון די טעג פון די קנאים ביז דער זעלבסט־שוץ אין אונזער צייט. צו דער גבורה וואָס זיגט ניט האָט מען שטרענגע פאָדערונגען, מען איז איר גאָרנישט מוחל. אויב עס איז נאָך פאראן עמיצער וואָס ציילט אונזערע טרערן, איז אָבער ניטאָ ווער עס זאָל פאראייביקן אונזער גבורה.

אָבער די יידישע גבורה איז פאראייביקט אין לעבנס־בוך פון אונזער אומה. אפילו אויב זי איז ניט פארשריבן אויף די בלעטער פון א בוך, איז זי איינגעקריצט אין די טיפענישן פון דער נשמה. דער יסוד פון גבורה קען ניט אָפּגעטיילט ווערן פון דעם סוד פון יידישן קיום. אַן גבורה קען מען זיך ניט פאָרשטעלן דאָס יידישע לעבן, צווישן אגרעסיווע רעליגיעס, צווישן שטרייטנדיקע מלוכות, צווישן קעמפנדיקע קלאסן, אין צענטער פון רעוואָ־לוציעס, שטענדיק צווישן די ציינער פון געפאר. צי וואָלטן מיר, אַן דער דאָזיקער הארטנעקיקער גבורה, געהאט דעם כוח צו וואַרטן אויף דעם

נצחון, וואָס דאַרף אַמאָל קומען? פון די קנאים־ייִנגלעך, וואָס זייערע פּיי־ניקער האָבן פאַר זיי אויסגעקלערט כלערליי מוראַדיקע יסורים, און האָבן זייערע לייבער צעריסן אויף שטיקער, פאַדערנדיק פון זיי בלויז איין זאַך, אַז זיי זאָלן עפנטלעך מודה זיין, אַז זיי „נעמען אויף זיך דעם יאָך פון קיסר", און „קיין איינער פון זיי האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן און אַרויפ־ברענגען אויף די ליפּן, אַז דער קיסר איז זיין האַר", ביז דער קנאים־יוגנט פון אונזער דור, וואָס היט אָפּ דעם ייִדישן פייער אין אונטערערד און אין געפאַנגענשאַפט, — איז איין קנויט וואָס ווערט ניט פאַרבערענט, און אויב עס איז פאַראַן א זיכערקייט, איז דאָס די זיכערקייט.

און דאָס האַרץ פרעגט: וואָס וועט זיין דער גורל פון דער ייִדישער גבורה אין באַנייטן היימלאַנד? וועלן מיר דאָ זוכה זיין צו דער באַנייאונג פון דער גבורה פון די חשמונאים, וואָס איר שכר ליגט ניט נאָר אין איר געוויסן, נאָר אין איר נצחון?

„אין קיין דור איז ניט פאַרגאָסן געוואָרן קיין מער ריין בלוט, ווי דאָס בלוט פון די אקערער פון תל־חי". אָבער ניט ווי פאַרצווייפלטע מורדים און ניט ווי אינקוויזיציע־קדושים פאַלן אין ארץ־ישראל אקערער און פאַר־טיידיקער. דער צער פון זייער טויט איז דער צער פון שאול און יונתן, די גרינדער פון דער ייִדישער פרייהייט. אין זייער לעבן און אויך אין זייער טויט זאָגן זיי אונז: נחמו, נחמו עמי.

יזכור

יזכור עם ישראל די לויטערע נשמות פון זיינע זין און טעכטער:

שניאור שאַפּאָשניק
אהרן שער
דבורה דראַכלער
בנימין מונטער
זאב שאַרף
שרה טשיזשיק
יעקב טאָקאַר
יוסף טרומפּעלדאָר

די געטרייע און העלדישע, מענטשן פון ארבעט און שלום, וואָס זיינען געגאַנגען נאָכן אקער און האָבן מקריב געווען זייער לעבן פאַרן כבוד פון ייִדישן פאָלק און פאַר דער ייִדישער ערד.

זאָל דאָס פאָלק זיי געדענקען און זיך בענטשן מיט זײַנע קינדער, און טרויערן אויפן גלאַנץ פון דער יוגנטלעכקייט און אויפן פראַכט פון דער גבורה און אויפן הייליקן רצון און מסירות־נפש פון די, וואָס זײַנען געפאַלן אין שווערן געראַנגל.

זאָל דאָס פאָלק ניט רוען און זיך ניט טרייסטן, און זאָל ניט פאַרבײַ דער טרויער, ביז ס'וועט קומען דער טאָג, ווען דאָס פאָלק וועט צוריק אויסלייזן די אוועקגערויבטע ערד זײַנע.

אדר תר"פ, 1920.

די תל־חי־פאַרטיידיקער אין זייער לעבן און טויט

דאָס קליין הייפעלע מענטשן וואָס זײַנען ביים לעבן געשטאַנען אויף דער וואַך פון דעם צפון־טייל פון ארץ־ישראל — עלנדע און פאַרלאָזענע, אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע, הונגעריקע און געפרוירענע — האָבן זוכה געווען נאָכן טויט, אַז די יידישע געשיכטע זאָל זיי קרוינען און באַשיינען אַלס נאַציאָנאַלע העלדן. ס'איז אין דעם אַ צייכן פון דער צייט, וואָס זייער נאָמען איז ניט פאַרגעסן געוואָרן, זייער כבוד ניט פאַרשוועכט געוואָרן, וואָס זיי זײַנען אין די אויגן פון דעם פאָלק ניט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „בריונים" און „סיקריקין". ס'איז אין דעם אַ צייכן פון דער צייט, וואָס דאָס האָרץ פונעם יידיש קינד צאַפּלט ביי זייער אָנדענק, וואָס דער ציוניס־טישער פּאָליטיקער*, וועלכער האָט אין די סאַמע טעג פון תל־חי געטענה'ט, אַז „אויב מיר אַליין וועלן בלייבן און פאַרטיידיקן די דאָזיקע ערטער, וועט פון דעם גאָרנישט אַרויסקומען" — זינגט זיי לויב־געזאַנגען און גרויסט זיך מיט זייער נאָמען. ס'איז אין דעם אַ צייכן פון דער צייט, וואָס יענער איינזאַמער ווינקל, אויף וועלכע יידישע אַרבעטער האָבן יאָרנלאַנג — פאַר די געשעענישן און נאָך די געשעענישן — געהאָרעוועט אויפצולעבן אים פון זיין וויסטעניש — אָן הילף און אָן פאַרשטענדעניש מצד אונזערע „פּאָליטישע" קרייזן — וואָס יענער ווינקל ווערט יעצט פאַרוואַנדלט אין אַ ת ל־ח י י ם — אַ באַרג פון לעבן — וואָס דער וועג צו אים רוישט פון מאַסן.

אָבער אויך אין טאָג פון פייערונגען זאָל ניט פאַרטושט און פאַר־קריפּלט ווערן דער היסטאָרישער אמת, און זאָלן די תל־חי־העלדן ניט אָנגעטאָן ווערן אין אַ פאַלשן לבוש, וואָס קליידט זיי ניט. זאָל ניט פאַרגעסן ווערן, אַז די העלדן פון תל־חי זײַנען געשטאַנען אין אַ ד אָ פּ ל ט ן קאַמף:

---

* זאב זשאַבאָטינסקי.

ניט נאָר אין קאַמף מיט באַנדיטן און רויבער פון דרויסן, וואָס זיינען געקומען צו פאַרניכטן די וווּין־ערטער פון שלום און אַרבעט, נאָר אויך אין קאַמף מיט גלייכגילטיקייט, אַפּהענטיקייט, פאַרפרעמדקייט און פּחד — פון אינווייניק, מצד דעם ישוב אַליין און מצד זיינע פירער. זאָל ניט פאַרגעסן ווערן די שרעקלעכע איינזאַמקייט, אין וועלכער די מענטשן פון תל־חי זיינען געווען ביים לעבן, און וואָס פאַר אַ באַציִונג ס׳איז צו זיי געווען און וואָס פאַר אַ הילף ס׳איז זיי געגעבן געוואָרן — מצד די בעלי־יכולת.

דער מאָראַלישער און געזעלשאַפטלעכער אויסזען פון די תל־חי־מענטשן איז: אַרבעטס־מענטשן; קבוצה־מענטשן; מענטשן פון רעוואָלוציע און סאָציאַליזם. זייער גייסטיקע וועלט איז געווען דווקא אַ „שטעטנז״, ווי אַנדערע רופן עס. אָבער אין אונזער שפּראַך הייסט עס: לעבנספולע צונויפגיסונג פון ליבע צום פאָלק און צום לאַנד מיט די גלויבנס־עיקרים פון אַרבעטס־מאָראַל און סאָציאַלן יושר. די דאָזיקע צונויפגיסונג, וואָס האָט געשפּייזט זייער נשמה און וואָס ווערט אויסגעחוזקט דורך די נביאים פון דעם „לויטערן״ נאַציאָנאַליזם*, זי האָט עס געמאַכט פון זיי — זיי און ניט קיין אַנדערע — העלדן וואָס האָבן מקדש־שם־ישראל געווען אין אַ שעה פון נסיון; זי האָט געמאַכט פון זיי אמתע חלוצים, ס׳הייסט — די וואָס גייען אַנטקעגן דער צוקונפט, די וואָס טרעטן אויס פאַרן פאָלק אַ וועג צו אַן אַרבעטס־לעבן.

י״א אדר ב׳ תרפ״ט.

הרוגי מלכות

[אין די בלוטיקע טעג אין ירושלים, ניסן תר״פ, 1920]

דער דאָזיקער אַלטער נאָמען, איינער פון די ווייניקע איבערבלייבענישן פון אונזער לעצטער פרייהייטס־מלחמה, איז אויפסניי, דורך אַ פאַררעטערישער און אַכזריותדיקער האַנט, אַריינגעבראַכט געוואָרן אין אונזער לעבנס־געשיכטע.

פון זיך זעלבסט האָט דער נאָמען אויפגעשטיגן בעת דו ביזט געשטאַנען נעבן די זעקס געפאַלענע, וועלכע זענען שווייגנדיק געליגן אין זייערע ווייסע תכריכים, אין איין ריי, אונטערן דאַך אינעם הויף פון „הדסה״־שפּיטאָל.

* געמיינט די רעוויזיאָניסטישע פירער.

און אלץ ארום האָט געשטאַרקט דעם דאָזיקן געפיל: מאַסן ירושלים׳ער יידן, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט ביים טויער פון שפּיטאָל־הויף און זענען דורך אינדישע סאָלדאַטן געצוווּנגען געוואָרן זיך פונאַנ־דערגיין, דאָס מאַשין־געווער אויף דער גאַס, די אינדישע וואַך, און מער פון אַלעם — די לויה.

די רעגירונג אליין האָט געטאָן דעם חסד זיך צו באַשעפטיקן מיט אונזערע הרוגים. אפילו אויטאָמאָבילן פון „רויטן קרייץ״ האָט זי אונז געשיקט, און א מיליטערישע וואַך, און א מאַשין־געווער. אלץ. בלויז איין גזירה האָט זי אויף אונז גוזר געווען, אז די לויה זאָל פאָרקומען אין א שעה, ווען קיין מענטשלעכער פוס איז אויף דער גאַס נישטאָ, ווען צוליב די געזעצן פון באַלאַגערונגס־צושטאַנד וועט קיינער נישט וואַגן אַנצושליסן זיך אין דער לויה.

און אונזערע לייט, די פאַראַנטוואָרטלעכע און ערנסטע, האָבן אָנגע־נומען די גזירה. מיר וועלן זיי נישט משפּטן. זיי האָבן באַוויזן אין די דאָזיקע טעג זייער כוח און זייער אמת. אָבער ווי שווער איז משלים צו זיין מיט זייער אונטערגעבן זיך אין דאָזיקן מאָמענט.

שטום איז געווען די לויה, ווי די שטומקייט פונם גרויסן ווייטיק. דאָס איז געווען א לויה פון הרוגי־מלכות.

ארומגערינגלט פון פרעמדע האָט די לויה געצירט. אין פאַרמאַכטע אויטאָמאָבילן זענען געגאַנגען סיי די טויטע און סיי די לעבעדיקע. די פּינצטערניש פון די שווייגנדיקע גאַסן האָט אונז איינגעשלונגען. בלויז א פּיינטלעכע פּראַוואָסלאַווישע משפּחה איז געשטאַנען ביים באַריער און זיך צוגעקוקט.

און אויף די נייע קברים פון די הרוגי־מלכות, וועלכע פרעמדע הענט האָבן אויסגעגראָבן, בין געשטאַנען איך, א זון פון דער ייִנגער משפּחה פון ישראל, דער משפּחה פון ארץ־ישראלדיקע ארבעטער וואָס זענען דוחק דעם קץ; דער משפּחה וואָס איז געוווּנט צו קברים פון קדושים, וואָס גראָבט מיט אירע אייגענע הענט אירע אויסדערוויילטסטע קברים, און איך האָב געפילט, אז א נייער בונד איז צווישן אונז געשלאָסן געוואָרן, צווישן דעם ייִנגסטן ישוב וואָס פאַרלירט זיינע פעדערן נאָך איידער זיי זענען אויסגעוואַקסן, און דעם אַלטן ישוב וועלכער קען אונז נאָר פון ווייטנס.

אין טעג נאָך דעם האָב איך געוואָנדערט צווישן די יידישע היימען אין דער אלט־שטאָט פון ירושלים און כ׳האָב געזען זייערע ייִנגעלייט וואָס באַטייליקן זיך אין דער הגנה, כ׳האָב געזען די יידן וואָס בעטן הילף פון די „ציוניסטן״, כ׳האָב געהערט וועגן די זקנים וואָס פאַרשרייבן זייערע

נעמען אין דער ליסטע פון די שולדיקע אינם חטא פון זעלבסטשוץ, און איך האָב געוווּסט, אַז — וועלכע אויסערלעכע פּורעניות און אינערלעכע פּאַראַטן דער מאָרגנדיקער טאָג זאָל אונז נישט ברענגען — דער בונד איז געשלאָסן.

ניסן תר״פ, 1920.

לאָמיר זיך אָננעמען מיט גבורה

(פון ווערטער געזאָגטע אויף הגנה־קאָנפערענצן אין יאָר 1940)

מיר פירן ניט קיין ויכוח וועגן אונזער באַציאונג צום קריג, אָבער מיר מוזן דורכאויס קלאָר מאַכן, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך אין אים באַטייליקן. יידן האָבן ניט געפעלט אויף קיין שום פראָנט פון די פאַרבינדעטע: זיי קעמפן אומעטום אלס פּאַליאַקן, טשעכן, פראַנצויזן, בעלגיער, האָלענדער, ענגלענדער, דרום־אפריקאַנער. ווער וועט וואָגן צו באַהויפּטן, אַז מיר האָבן ווייניק קרבנות געבראַכט אין דער איצטיקער מלחמה? און ווען קרבנות וואָלטן באַצאָלט געוואָרן, ווען מען וואָלט געקענט דערווערבן רעכט מיט קרבנות אליין — וואָלטן מיר געקענט רוהיק זיין בנוגע אונזער צוקונפט. אָבער מיר באַנוגענען זיך ניט דערמיט, וואָס נאָכן קריג וועלן קומען יידישע פאָרשער און וועלן צונויפנעמען אין זייערע לאָגלען דאָס פאַרגאָסענע יידישע בלוט, און וואָס אין די אינטערפּעלאַציע־שטונדן אין די פּאַרלאַמענטן וועלן אונזערע פריינט אַריינטראָגן אָנפראַגעס און מיניסטאָרן וועלן אונז מזכה זיין מיט ענטפערס וועלכע וועלן פאַרטיידיקן אונזער כבוד, — אָט אַזוי ווי ס׳פּירט זיך שוין. דער אינהאַלט פון אונזער וואָלונטירן איז: מיר ווילן ניט זיין בלויז קרבנות. מיר ווילן זיין קעמפער, פולע שותפים — און ניט פאַרשטעלטערהייט — מיט דער דעמאָקראַטיע וואָס פירט אַ קריג אַנטקעגן דעם פיינט פון דער מענטשהייט, אונזער בלוטיקסטן שונא. דאָס וואָלונטירן פאַר דעם דאָזיקן קריג בכלל — און ניט בלויז פאַר דער פאַרטיידיקונג פון אונזער לאַנד — איז פאַר אונז אַ מ אָ ר אַ ל י ש ע ר געבאָט: אפילו נאָך אלע קרבנות אונזערע, וואָס מיר האָבן געבראַכט פרייוויליק און געצוווּנגענערהייט, ווילן מיר נאָך דערשיינען אלס קעמפער. אָבער אַ מאָראַלישן חוב דערפילט מען ניט זייענדיק פאַרמאַסקירט אָדער האָבנדיק פאַרשלייערט דעם נאַציאָנאַלן פּרצוף. יענע פאַקטאָרן אָבער וואָס באַשטימען עס, צי זאָל אונזער וואָלונטירן אָנגענומען ווערן אָדער ניט — וואָלטן אפשר געוואָלט זען אונז אלס זעלנער, אָבער ניט אלס ציוניסטן, אלס יידן. ס׳איז זיי די זאַך ניט באַקוועם, און זיי האָבן

דערביי פאַרשיידענע אויסרעכנונגען, און מיינט ניט אַז דווקא דער חשבון פון די אַראַבער. ס׳קען געמאָלט זיין, אַז אויך דער פּחד פאַר דער היטלעריס־טישער פּראָפּאַגאַנדע פאַלט אויף זיי אָן, ווען זיי האַלטן ביי זיך „משדך" זיין מיט די יידן. גלייך אַזוי קען מען זיך פאָרשטעלן, אַז זיי וואָלטן בכלל געוואָלט אָראָפּטרייסלען פון זיך יעטוועדע באַשולדיקונג, אַז זיי פירן „אַ יידישע מלחמה".

יתומים זיינען מיר אויף דער וועלט, און וואָס ערגער ס׳ווערט די לאַגע אין דער וועלט — אַלץ גרעסער ווערט אונזער איינזאַמקייט. אויף די שוואַכע פּלייצעס פון דער שארית ישראל דאָ אין לאַנד איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַן אומגעהויער שווערע משא, ניט לויט אונזערע כוחות. פּיליכט די גאַנצע צוקונפטיקע יידישע געשיכטע איז אָפּהענגיק פון דעם וואָס ס׳וועט מיט אונז דאָ געשען, פון דעם — ווי אַזוי ס׳וועט איצט פון דאָס ניי דערשיינען דער קליינער דויד אַנטקעגן דעם גרויסן גלית. דעם דאָזיקן געפיל דאַרף מען איצט איינפלאַנצן אין די הערצער; דאָס דאָזיקע העל־זען דאַרף דאָמי־נירן איבער אַלע אַנדערע זאַכן. מיר האָבן ניט געזוכט אַזעלכע העלדן־ראָלן, אָבער זיי זיינען אונז אָנגעוואָרפן געוואָרן, ניט פרעגנדיק אונז. און ס׳וועט אונז ניט גוט זיין, אויב מיר וועלן רעזיגנירן פון גבורה. קיין שום זאַך וועלן מיר ניט ראַטעווען דורך פּחדנות און שוואַכקייט. מיר ווייסן ניט וואָס עס טראָגט פאַר אונז דער מאָרגן, וואָס ס׳וועט פון אונז פאָדערן אונזער שיקזאַל. אָבער אויב ס׳איז נאָך אונז פאַרבליבן אַ האָפענונג — איז זי נאָר אין דעם, אַז דער קליינער ישוב אין ארץ ישראל וועט זיך אָננעמען מיט גבורה.

זאָל אונזער געווער ריין זיין

[אויס אַ רעדע אויפן 21־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, אויגוסט 1939, אין דער דיסקוסיע וועגן דער קאַמפּס־ליניע פון ישוב אין די געשעענישן פון די יאָרן 9—1936]

— — — בנוגע איין פראַגע האָב איך ניט וואָס לאַנג צו ריידן: דער גאַנצער קאָנגרעס האָט זיך דורכויס אָפּגעגרענעצט פון דער פאַרקריפּלטער קאַמף־סיסטעם, וואָס הייסט טעראָר. איין רעדנער האָט דאָ געזאָגט, אַז ער איז קעגן טעראָר ווי אויך קעגן דער הבלגה. דעם אמת זאָגנדיק, בין איך ניט אינגאַנצן תופס די טיפקייט פון דער דאָזיקער דעפיניציע. אפשר זאָלן מיר דאָך פרעגן, וואָס איז דאָס אַזוינס הבלגה, וואָס איז דער טייטש פון דעם וואָרט, וואָס גוטע ציוניסטן האַלטן, אַז מ׳דאַרף זיך שעמען מיט אים? דאָס וואָרט „מבליג"־זיין האָבן מיר געלערנט פון ירמיהו הנביא, און ס׳שיינט, אַז

ס׳איז ניטאָ מיט אים וואָס צו שעמען זיך. אָבער איך פרעג ניט וועגן דעם פילאָזאָפישן אינהאלט, נאָר וועגן דעם פּאָליטישן אינהאלט, וואָס איז אין דעם וואָרט אריינגעלייגט געוואָרן אין אונזערע טעג. וואָס איז דער פשט פון דעם דאָזיקן באגריף? הייסט עס דען ניט פארטיידיקן זיך, ניט קעגנ־שטעלן זיך דעם שונא, אָפּהאלטן זיך פון מוטיקער טאָט אין באצוג צו פאר־שווערער? בטלנישע, ישיבה־בחורישע באציאונגען צום האַלטן געווער? מפקיר זיין אונזער גוטס און אונזער לעבן? — ווי אזוי וואָגט מען עס אויף אזא אופן צו פארבלענדן אונזערע מאסן און פארדרייען דעם אמת וועגן דער ווירקלעכקייט אין דעם ישוב! דער טייטש פון הבלגה איז: זאָל אונזער געווער ריין זיין. מיר לערנען די תורה פון געווער, מיר טראָגן געווער, מיר שטעלן זיך קעגן אלע די וואָס גרייפן אונז אָן; אָבער מיר ווילן ניט אז אונזער געווער זאָל באפלעקט ווערן מיטן בלוט פון אומשולדיקע.

איך וויל דאָ ניט מרחיב הדיבור זיין. איך האָב ניט ליב עפנטלעך צו פּראָפּאַגירן מאָראלישע ווערטן. הבלגה איז א פּאָליטישע שיטה און גלייכ־צייטיק א מאָראלישע און זי פליסט ארויס פון אונזער געשיכטע און פון אונזער ווירקלעכקייט, פון אונזער כאראקטער און פון אונזערע קאמף־באַ־דינגונגען. ווען מיר וואָלטן זיך אליין ניט טריי געווען און מיר וואָלטן גע־גאנגען אין אַן אנדער וועג, וואָלטן מיר שוין לאנג פארשפּילט אונזער קאמף. און ווען מיר וואָלטן — אַנשטאָט טאטן פון אמתער גבורה — באגאנגען טאטן פון כלומרשטער גבורה, וואָלטן מיר זיך בלויז קאָמפּראָמיטירט און מיר וואָלטן געצוווּנגען זיין א צו הויכן פּרייז דערפאר צו באצאָלן.

איך שרעק זיך ניט אָפּ פאר צאָלן א פּרייז. ס׳איז נישט צו מאכן — מיר זיינען געצוווּנגען צו צאָלן טייער פאר דאָס רעכט אויסגעלייזט צו ווערן. איך בין גרייט צו צאָלן פאר עליה, קאָלאָניזאציע, זעלבסטפארטיידיקונג — פאר דעם האָב איך קיין מורא ניט. יידן צאָלן נאָך טייערער פאר דאָס רעכט צו זיין קנעכט אין דער וועלט. יידן צאָלן טייער אפילו פאר דאָס רעכט צו זיין קנעכט אין פרייהייטס־לענדער. איך בין גרייט צו צאָלן, — אָבער ניט פאר גלות און ניט פאר שקלאפעריי. איך בין גרייט צו צאָלן א הויכן פּרייז פאר ארץ ישראל און פאר אונזער פרייהייט אין איר, אָבער בשום אופן וויל איך ניט צאָלן פאר נארישקייטן און מעשים תעתועים, וואָס פארשווארצן אונז דעם פּנים.

ווייל מיר האָבן אָנגענומען די שיטה פון הבלגה איז אין ארץ ישראל אויף אַן ערנהאפטן אופן געשאפן געוואָרן א מין יידישע מיליץ, — א קערנדל פון וועלכן ס׳וועלן נאָך אמאָל ארויסוואקסן פיל וויכטיקערע זאכן. ווייל מיר האָבן אויסגעוויילט די סיסטעם פון הבלגה, זיינען מיר אימשטאנד געווען

צו פארטיידיקן דאָס פאראנענע און אויך שאפן נייע יידישע ישובים. אָן הבלגה וואָלטן מיר עס ניט דערגרייכט. אדאנק דער הבלגה האָבן מיר אפילו ביי דער פיינטלעכער אדמיניסטראציע און ביים בריטישן מיליטער ארויס־ גערופן א באַציאונג פון כבוד צום יידישן מענטש — דעם מוטיקן און דעם גערעכטן.

אין אונזער פארצויגענעם קאמף האָבן מיר געהאט דערפאָלג אין עפעס אזוינס וואָס איז פאר אונז פיל וויכטיקער: מיר האָבן ניט עוואקואירט קיין איין איינציקן פונקט אונזערן. ס'איז דאָ א מלחמה־געזעץ: פארקירץ ווי ווייט מעגלעך דעם פראָנט, און טאָמער האסטו שוואכע, ניט־באשיצטע פונקטן — שפּאָר זיך ניט איין און עוואקואיר זיי. דאָס איז די טעאָריע פון עוואקואַציע, וואָס די רעגירונג און מיליטערישע קרעפטן און אויך בכבודיקע יידישע פערזענלעכקייטן האָבן געהאלטן אין איין פריידיקן צו אונז. און מיר האָבן זיי ניט געפאָלגט. מיר האָבן געבראכט די מאכט־האָבער צום באַ־ וווסטזיין, אז מען קען אונז ניט צווינגען דערצו. נאָך מער: בכוונה און מיט א קלאָרן געדאנק האָבן מיר צעצויגן אונזער פראָנט. ווייסט איר דען וואָס איז דער טייטש פון שאַפן אין קריגס־באדינגונגען פופציק נייע פונקטן? איז דען דאָס א געוויינטלעכער, א נאָרמאלער, קאָלאָניזאטאָריש־ווירטשאפט־ לעכער ווערק? און ווייסט איר, ווו מיר האָבן געשאפן דעם גרעסטן טייל פון די נייע פופציק פּונקטן? ניט אין קיין זיכערע און באשיצטע פלעצער, נאָר דווקא אין די סאמע שווערסטע פלעצער: אין די ראנד־געביטן. אויפן צפון־גרענעץ פון ארץ ישראל, וואָס איז ביז יעצט ניט געווען באזעצט, האָבן מיר פוןביידע עקן אוועקגעשטעלט פיר סלופּעס, פיר מויערן־טורעמס. און מיר האָבן זיך אראָפּגעלאָזט צום דרום־גרענעץ און אויך דאָרטן אנידערגע־ שטעלט דריי סלופּעס. ביז גאָר ניט לאנג צוריק האָט די מאכט באטראכט די געגענט פון בית־שאן אלס א ריין אראבישע. יעצט האָבן מיר זי אין א באדייטנדיקער מאָס פאריידישט.

וואָס איז עס די דאָזיקע גייסטיקע צי פּאָליטישע באדערפעניש פון ציוניסטישע רעדנער און זשורנאליסטן און עסקנים צו פארמיאוסן די הבלגה און די הגנה אין די אויגן פון פאָלק? אָדער אפשר איז עס אַן אינסטרומענט אין אונזער אינערלעכן קאמף?

און הגם אלע קרייזן פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע זיינען ריין פון די זינד פון טעראָר, און הגם די יידישע געזעלשאפט באפרייט זיך אלץ מער אויך פון זינדיקע מחשבות — איז דאָך נאָך דאָ עפעס צו זאָגן כדי אויפצוקלערן די פראגע.

דאָס וואָרט „טעראָר” האָט אין אונזער צייט באקומען א נייע באדיי־ טונג. אמאָליקע צייטן, ווען עמיצער פלעגט ריידן וועגן טעראָר פלעגט ער

האָבן אין זינען דעם קאַמף מיט טיראַנען, אונטערדריקער. דער טעראָריסט־רעוואָלוציאָנער האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן אויף דער ריינקייט פון זיין געווער. ס׳איז באַקאַנט די געשיכטע מיט אַ באַרימטן טעראָריסט, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אומצוברענגען דעם הערשער פון מאָסקווע — איינעם פון די גרויס־פירשטן פון ראָמאַנאָוו הויז. אָבער ווען ער האָט דערזען, אַז דער גרויס־פירשט געפינט זיך אין דער געזעלשאַפט פון זיין פרוי און קינדער — האָט ער זיך צוריקגעקערט, ניט אָנגרייפנדיק אים. ער האָט אין סכנה געשטעלט זיך אַליין, דעם כבוד זיינעם אין די אויגן פון זיינע חברים, די אינטערעסן פון זיין אָרגאַניזאַציע — אַבי ניט צו פאַרגיסן אומשולדיק בלוט. דער טעראָר אָבער אין אונזערע טעג, דער וואָס ווערט רעפּרעזענטירט דורכן מופטי, האָט אַן אַנדער באַדייטונג און אַן אַנדער מאָראַל: צו פאַר־ניכטן אַ פאַרהאַסטן פאָלק, צו פאַרטיליקן אַ קאָנקורירנדיקע פּאַרטיי. דאָס איז דער פאַשיסטישער טעראָר. און ווען הינטער אַזאַ מין טעראָר שטייען נאָך פאַשיסטישע גרויסמאַכטן מיט זייער געלט און געווער און אינטריגעס — קומען טאַקע פון אים אַרויס רעזולטאַטן. ניט מיט דער הילף פון זיין אייגע־נעם טעראָר האָט דער אַראַבישער אויבערשטער אויספיר־קאָמיטעט דער־גרייכט דאָס וואָס ער האָט דערגרייכט, נאָר מיטן כוח פון זיינע פאַרבינדעטע און זיינע פּאַטראָנען, וואָס גרויסבריטאַניע האָט זיך זיי אונטערגעגעבן אין ארץ ישראל, גלייך אַזוי ווי זי האָט זיך אונטערגעגעבן אין אַנדערע ערטער. אָבער ווען ס׳קומען יידן און שלאָגן פאָר אונז אַזעלכע קאַמפס־מעטאָדן — מאַכן זיי אונז לעכערלעך פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט און מער ווי נעבעכ־דיק — פונם שטאַנדפּונקט פון אונזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ. דאָס איז ניט מער ווי אַ פאָרשלאַג פאַר מופטי־אַסימילאַציע. ניט שוין האָבן מיר פאַרלאָזן אייראָפּע און אַמעריקע, מיט זייער קולטור־אַסימילאַציע, כדי צו אַסימילירן זיך מיטן מופטי? כדי נאָכצומאַכן זיינע מעטאָדן און זיין טאַקטיק און צו באַהעפטן זיך מיט זיין מאָראַל? אַ שאָד וואָס די ציוניסטישע פּאָליטיק האָט זיך ניט געגעבן געגוג מי כדי אויפצוקלערן דער וועלט, ווי ווייט די אַראַבישע באַוועגונג אין ארץ־ישראל איז אַ נאָכשלעפּעניש פון דער „אַקס״ רוים—בערלין. דאַדורך וואָלט מען פילייכט אָנגעהויבן מער צו פאַרשטיין אונז אין ד ר ױ ס ן, און אפשר וואָלט עס מער קלאָר געמאַכט דעם אינהאַלט פון די מעטאָדן און מיטלען, וואָס ווערן אונז פון צייט צו צייט פאָרגעשלאָגן פון — א י נ ו ו י י נ י ק.

מיר דאַרפן ניט פירן אונזער פּאָליטיק קאַמף אויף אַן אַוואַנטוריסטישן אופן, דורך אינסצעניזירונג. איך ברויך ניט קיין אויפשטאַנד, וואָס קומט דורך פּראָוואָצירונג. גלויבן גלויב איך אין דעם ווערט פון אַ קאַמף, וואָס וואַקסט אויס אָרגאַניש, אַלס אומפאַרמיידלעכע אינערלעכע באַדערפעניש

פון ווירקלעכע אינטערעסן, פון ממשותדיקע כוחות. און איך פיל פאַר נויטיק ניט מטשטש צו זיין די דאָזיקע זאַך — אפילו אין באַציִאונגען מיט פריינד און חברים.

א גרוס צו די וואָלונטערן

חיילים און חיילות! יידישע וואָלונטערן, זייט געגריסט פון אַן אמאָ־ליקן וואָלונטער, איינער פון דעם אַמאָליקן יידישן גדוד, וואָס האָט דאָסמאָל ניט זוכה געווען צו זיין צוזאַמען מיט אייך און אָט באַגלייט ער אייך מיטן בליק און געדאַנק.

אלס א געוועזענער זעלנער (אזא טרויעריקער טיטל!) וואָס ווייס, אז די וואָכעדיקע לאַגער־טעג לויערן און ווילן דערשלינגען די ווייניקע גרויסקייט־מאָמענטן, ווינש איך אייך, אז אויך אין די שטונדן פון פלאָגן, וואָס זיינען אָנגעגרייט פאַר יעדן זעלנער, און ספּעציעל פאַר א יידישן זעל־נער, זאָלט איר ניט פאַרגעסן, אז אייערע ליידן האָבן א טעם, און איר זאָלט געדענקען, אז איר זייט ניט פאַרלאָזן, איר זייט ניט קיין „קהלשע יתומים", נאָר שליחים, פאָלקס־שליחים.

און ניט נאָר מיר — דער ישוב — וואָס זיינען אייך נאָענט געאָגראַ־פיש און געזעלשאַפטלעך, האָבן אייך געשיקט. זייער זייער פיל זיינען די, וואָס ווי נאָר עס וועט צו זיי דערגיין דער קלענסטער אָפּקלאַנג פון אייער עצם זיין — וועלן זיי פאַרבאַהאַלטן אין האַרצן דעם קלאַנג און וועלן טרוי־מען וועגן אים און געפינען נחמה און שטאַרקונג אין אים. מיליאָנען זיינען זיי! ברידער אונזערע און שוועסטער, פאַרוואָרפענע און אָפּגעריסענע, ניט קיין געטרייסטע און ניט קיין נקמה־גענומענע, אין די געטאָס, אין די פּיי־ניקונגס־קעלערס, אויף די פּליטים־וועגן, אין די מעפּילים־שיפלעך און ווו נאָר ערגעץ א שטיק גלות. איר זייט זייער נקמה, איר זייט זייער האָפענונג.

איר — סיי די וואָס האָבן איבערגעלאָזט נאָענטע משפחות און סיי וואָס האָבן קיין משפחות ניט — איר אַלע, איר אַלע, האָבן איין גרויסע משפחה, א מיט־געוואַלד־צעשיידטע, א צעטראָטענע מיט די פיס פון כולי־גאַנעס און אויסגעווייטאָקט דורך די הענט פון פריינד. די דאָזיקע משפחה — פאַרפייניקט און פאַרוווּנדעט — גיט זיך ניט אונטער. זי וועט ניט אָנטאָן קיין נחת־רוח די שונאים, און אויך ניט די גוט־ווינשער, — ביזן לעצטן יידן וועט זי זיך ניט אונטערגעבן.

און די דאָזיקע משפחה האָט אין אייערע הענט באַלייגט אַן אויסער־

אָרדנטלעך טייערן פּקדון: דעם קערנדל פון א יידישן מיליטערישן כּוח — אין א וועלט, וואָס די גערעכטיקייט קען אין איר ניט פּאַרווירקלעכט ווערן סיידן זי זאָל זיך אָנשפּארן אָן כּוח.

דער איצטיקער אינטערנאַציאָנאַלער טיטאַנען־קריג, וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכן אין דער וועלט־געשיכטע און וואָס פון אים איז אָפּהענגיק די געשטאַלט פון צוקונפטיקן מענטשלעכן לעבן אין דער וועלט, איז אויך א פעלקער־קריג, וואָס אזוינס איז נאָך ניט געווען. עס זיינען איצט ניטא קיין „סתם״־קעמפער. יעדער איינער, וואָס קעמפט כּדי ארויסצורייסן דעם שרעקלעכן אייטער — נאַציזם און פאַשיזם — וועלכער האָט פאַרפּעסטעט דעם מענטשלעכן אָרגאַניזם, פאַרציכטעט ניט אויף זיין פאָלק, זיין פאַטערלאַנד, זיין שפּראַך, — פאַרקערט, ער באַהעפט זיך מיט זיי, ציט יניקה פון זיי און שעפּט פון זיי כּוחות פאַר זיין פאַרצווייפלטן קאַמף. יעדעס פאָלק, גרויס צי קליין, דערשיינט אין דער איצטיקער מלחמה מיטן אייגענעם נאָמען און אייגענעם פאָן, ניט פאַרשטעלטערהייט, צונויפגעוואַקסן מיט זיין עבר און פאַרקוקט אין זיין צוקונפט.

יעדעס פאָלק — „אויסער יידן״. שונאים — ווי אויך גוטע פריינד — האָבן אייך געוואָלט זען, דווקא אייך און נאָר אייך, אַלס ס ת ם ־ זעלנער, בלויז אלס הארמאַטן־פלייש, אָן א יידיש געשטאַלט, אָן א יידיש לעבן אויפן פראָנט און אין לאַגער, אָן א פּערזענלעכן באַגער. אָבער ד ע צ י ־ד י ר ט ה אָ ט א י י ע ר ז ע ל ב ס ט ־ מ אָ ב י ל י ז י ר ו נ ג. דאָס איז אונז בייגעשטאַנען אין אונזער געראַנגל מיט די וועלט־תּקיפים, וואָס ווילן אויסבאַהאַלטן אונזער אַנטייל אין דער דאָזיקער מלחמה, וועלכע איז פאַר אונז, מער ווי פאַר ווע־מען עס איז, א מלחמה אויף לעבן און טויט. אייער וואָלונטירן האָט געגעבן דעם יידישן פאָלק זיין אייגענע רעפּרעזענטאַנץ — הגם פאַרלויפיק א קנאַפּע און ניט־גענוגנדיקע — אין די אַרמייען פון די פעלקער, וואָס קעמפן קעגן דער שאַנדע פון דער מענטשהייט.

און אויב מיר וועלן זוכה זיין צו מער פון דעם, וועט דאָס אויך זיין נאָר אין אייער זכות און אין זכות פון די וואָלונטערן וואָס וועלן נאָך פאַר־גרעסערן אייערע רייען.

דעריבער הייבן מיר צו אייך אונזערע אויגן אין דערוואַרטונג און זאָרג: צי וועלן אייערע הענט שטאַרק זיין? צי וועט אייך קלעקן מוט צו טראָגן מיט כּבוד און אין ריינקייט דעם טייערן פּקדון, וואָס איז אייך איבער־געגעבן געוואָרן?

און מער ווי מיר בענטשן אייך, ווילן מיר זיך בענטשן מיט אייך: אַז איר זאָלט מצליח זיין איינצוהאַלטן אין אייערע רייען אויפריכטיקע ברודער־שאַפט פון יידישע קעמפער, חבֿרישקייט און פריינטשאַפט — אין לאַגער

און אויפן פראַנט; אַז איר זאָלט ברענגען כבוד פאַר אייער פאָלק דורך אייער בונד מיט דער גרויסער מענטשלעכער קעמפער־משפחה, און אַז ווען איר וועט זיך בשלום צוריקקערן פון דעם פייער־בראַנד צום לעבן פון בויען און שאַפן, זאָלט איר פון פראַנט מיטברענגען אהבת ישראל, אַרבעטער־ברידער־לעכקייט און אַן אויסגעפּרוווטן געשלאָסענעם כוח, וואָס וועט פאַרטיידיקן דעם שלום און די גערעכטיקייט.

אלול תש״ב, 1942.

קולטור און דערציונג

קולטור פארן פאלק

[פון א פאָרטראָג „לקראת הימים הבאים" — אנטקעגן די אָנוקמענדיקע טעג — געהאלטן אויף דער זיבעטער לאנדווירטשאַפטלעכער קאָנפערענץ, פורים תרע"ח, 1918]

צי דאַרף מען אין דער אמתן שלום מאכן מיט דער לאגע, וואָס פויער־טום און עם־הארצות זיינען סינאָנימען? — ניין און נאָכאמאָל ניין. אויף עם־הארצות וועט ניט אויפגעריכט ווערן דאָס יידישע פויערטום, וועט ניט אויפ־געבויט ווערן די כנסת ישראל, וועט ניט אויפגעשטעלט ווערן די ארבעטס־געמיינשאַפט. „וכל בניך למודי ה'" („אלע דיינע זין וועלן זיין געלערנטע ביי גאָט"), — ס'איז אַן אוראלטע ברכה, מיט וועלכער מיר זיינען געבענטשט גע־וואָרן. לאָמיר זיך ניט שעמען מיט איר און לאָמיר זי ניט אנטוישן.

א פאָלקסטימלעכע, ברייטע און טיפע קולטור־טעטיקייט דאַרף באגלייטן אונזער גאנצע קאָלאָניזאַטאָרישע ארבעט. גאָר־גרויסע מיטלען און גאָר־גרויסע מענטשלעכע כוחות דאַרפן שטיין צו דער דיספּאָזיציע פון דער העברעאישער שפּראַך, צו פארוואנדלען זי אין א קנין פון פאָלק, וואָס קערט זיך אום צו זיין פאָטערלאנד, צו העלפן דעם ארבעטער אין זיין בילדונג און דעם יונגען דור אין זיין דערציאונג, אויך נאָכדעם ווי ער פארלאָזט די שולע. זאָלן אין אונזערע אויגן קיינע מיטלען ניט צו גרויס זיין — אויף וויפיל זיי וועלן אויסגעגעבן ווערן צו פארלייכטערן די פארשפרייטונג פון דער העב־רעישער שפּראַך צווישן די ניי־געקומענע. עס דאַרף געשאַפן ווערן א נעץ פון קולטור־אינסטיטוציעס, אָנהייבנדיק פון שפּראַך־קורסן פאַר עולים און ענדיקנדיק מיט א העברעאישער פאָלקס־ליטעראַטור, מיט א גוטן דערציערישן טעאַטער, א נאציאָנאַלן קונסט־מוזעאום, און א פאָלקס־אוניווערסיטעט, וואָס זאָל אנטשפּרעכן די בילדונגס־באַדערפעניש פון ארץ ישראל און דעם קול־טורעלן הויך פון דעם ארץ־ישראלדיקן ארבעטער.

אין דער יידישער געזעלשאַפט, וואָס בויט זיך אין ארץ ישראל, איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר צוויי קולטורן: די קולטור פון די „העכערע" קלאסן

און קולטור פון די „גייסטיק־אָפּגעשטאַנענע". די גאַנצע קולטור־שאַפונג דאַרף איינגעשלאָסן ווערן אין דער שאַפונג פון דעם פאָלקס־לעבן, שפּייזן אים און געשפּייזט ווערן פון אים. די ווערטן פון קולטור, וויסנשאַפט, קונסט און געדאַנק דאַרפן ווערן דאָס אייגנטום פון גאַנצן פאָלק, פון אַלע זיינע שיכטן.

אונזער קולטור-אַרבעט

[פון א רעפעראַט אויף דעם פּערטן הסתדרות־צוזאַמענפאָר, 1934]

די אַרבעטער־באַוועגונג אָן־און־פאַר־זיך איז א גרויסע קולטור־דער־שייַנונג און א וויכטיקער קולטור־פאַקטאָר. די עצם טענדענץ „להרים מעפר אביון", אַרויסצופירן דעם אַרבעטער פון קנעכטשאַפט צו פרייהייט, דער עצם רוף צום אויפשטאַנד, דער קאַמף קעגן א 14־שעהדיקן אַרבעטס־טאָג, קעגן א קעלער־לעבן — דאָס אליין איז דאָך שוין א מעכטיקער קולטור־פאַקטאָר. דער רוף צום אַרבעטער, ער זאָל זיך אליין באַפרייען, ער זאָל זיך אויף קיינעם ניט פאַרלאָזן, ער זאָל זיך פאַראייניקן אין איין געזעלשאַפט — דער רוף האָט אויפגעוועקט כוחות פון געדאַנק און נשמה, האָט אויסגעגלייכט איינגעבויגענע רוקנס. און ווירקלעך, אין אירע ערשטע טעג האָט די אַרבע־טער־באַוועגונג געדינט אַלס וויכטיקער פאַקטאָר אין דער גייסטיקער אויפ־לעבונג פון פאָלק. פון די טיפענישן פון קוילן־גרובן און פון די פינצטערנישן פון קעלערס זיינען אַרויס הארעפּאַשנע מענטשן, וואָס האָבן קיינמאָל קיין שול אין זייערע אויגן ניט אָנגעזען און ניט באַקומען קיין שום בילדונג, און זיי זיינען אונטער דער ווירקונג פונעם סאָציאַליזם דערגאַנגען צו א טיפן גייסטיקן לעבן, זיי האָבן זוכה געווען צו לערנען זיך און אַנדערע, און האָבן געשענקט דער אַרבעטער־באַוועגונג אירע בעסטע פּערזענלעכקייטן.

אָבער, בעת מיר קוקן זיך צו צו דעם, וואָס עס האָט געטראָפן די אַרבעטער־באַוועגונג אין די יאָרן פון איר רייפקייט, נאָך דעם ווי זי האָט אויפגעשטעלט א מעכטיקע פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג, ריזיקע פּאַרטייען, פיל צייטונגען, נאָך דעם ווי זי איז דערגאַנגען צו א מדרגה פון אן אַנטשיי־דנדיקער פּאַרלאַמענטאַרער אָפּאָזיציע און אויך צום אַנטייל אין דער מאַכט,— פרעגן מיר זיך אליין: ווי אַזוי האָט זיך עס אויסגעשעפּט דער גייסטיקער קוואַל, ווי אַזוי האָט זיך פאַרשמעלערט דער קולטורעלער האָריזאָנט?

ווער עס וועט גיין זוכן דעם ענטפער אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, וועט זיך ניט קענען באַגנוגענען דערמיט, וואָס ער וועט פאָרשן איר פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע לאַגע, די געלונגענע אָדער

דורכגעפאלענע שטרייקן און וואַלן, איר לאגע אין א צייט פון עקאָנאָמישן וווילשטאנד און צייטן פון ארבעטסלאָזיקייט. ער וועט מוזן נאָכשפּירן דאָס גייסטיקע לעבן, די אנטוויקלונג פון אידעען, די אנשטרענגונגען און דורכפאלן אינעם קולטור־לעבן. אפשר וועט דעמאָלט קלאָר ווערן, אז די אָרגאַניזאציאָנעלע און פּאָליטישע דערגרייכונגען און דעראָבערונגען זיינען ניט שטענדיק געגאנגען האנט ביי האנט מיט דעם קולטורעלן און גייסטיקן פּאָרשריט פון דער באוועגונג. דוקא אין דער תקופה פון פּראָפעסיאָנעלער און פּאָליטישער פעסטקייט זעען מיר אָפט א קולטור־פארפלאכונג, א פארשטיינערונג פון געדאנק, א פאראָרעמקייט פון די גייסטיקע כוחות פון דער דערציִערישער טעטיקייט. און אפשר דארף מען דאָ זוכן א שליסל צו דער ברענענדיקער היסטאָרישער רעטעניש פון דער מפלה פון אונזער דור.

א באוועגונג, וועלכע קומט ענדערן די אָרדענונג פון לעבן, פון געזעלשאפט און ווירטשאפט, א באוועגונג, וואָס וויל מאכן צו טרעגער פון א סאָציאלער דעמאָקראטיע די מאסן, וועלכע קענען נאָך ניט אײַנהאלטן ווי געהעריק אַ פּאָליטישע דעמאָקראטיע, — אזא באוועגונג האָט ניט קיין שום האָפענונג צו דערגרייכן איר ציל, אויב זי וועט ניט זוכן און געפינען וועגן, ווי אזוי אויפצוהויבן דעם גייסטיקן ניוואָ פון אירע חברים. פּאָליטישע און אָרגאַניזאציאָנעלע דעראָבערונגען אליין וועלן איר ניט העלפן אינם שווערן טאָג פון נסיון. און אויב ס'איז אוממעגלעך אויפצושטעלן א סאָציאַליסטישע אָרדענונג אין דער וועלט מיט דער הילף פון דער היינטיקער קולטורעלער מדרגה פון די ארבעטער, — על אחת כמה וכמה ,אז מען קען ניט אויפשטעלן אן ארבעטנדן יידישן פאָלק, וואָס זאָל זיין אויסגעלייזט פון גלות און בטלה־לעבן, אָן אויסערגעוויינטלעכע גייסטיקע אָנשטרענגונגען.

עס שיינט, אז פון אָנהויב אָן האָט אונזער באוועגונג, מער ווי אנדערע ארבעטער־באוועגונגען, אָפּגעשאצט די וויכטיקייט פון קולטור־אנשטרענגונגען, פונקט ווי זי האָט, א דאנק אונזערע גייסטיקע קרעפטן, אונזער קולטורעלער טראדיציע און אונזערע ספּעציפישע לעבנס־באדינגונגען, פריער פון אנדערע פארשטאנען דעם ווערט פון ווירטשאפטלעכן בוי, פון קאָאָפּעראציע און קעגנזייטיקער הילף אלס אָרגאנישע אויפגאבן און אנטשיידנדיקע גורמים אינעם גורל פונעם ארבעטער.

עס שיינט, אז מיר קענען אין אונזער עבר אָנצייכענען באדייטנדע קולטור־דערגרייכונגען. כ'וועל דערמאָנען בלויז איין ביישפּיל: אונזער חלק אין דער ווידעראויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך און איר פארשפרייטונג צווישן די מאַסן. אָבער אויפן קולטור־פעלד האָט אונז פאסירט דאָס, וואָס עס האָט פאסירט אויפן פעלד פון הסתדרותישן לעבן. די שפּייז וואָס מיר האָבן מיטגענומען אין אָנהויב פון וועג, קלעקט אונז היינט ניט

מער. און אפשר דראָט אונז די געפאר פון די גבעונים: „דאָס ברויט איז געוווען הייס, ווען מיר האָבן עס מיטגענומען פונדערהיים אינם טאָג, ווען מיר זיינען ארויס צו גיין צו אייך, און איצט איז עס אלט און פארשימלט; און די וויין־לאַגערן, ווען מיר האָבן זיי אָנגעפילט, זיינען ניי געווען — און איצט זיינען זיי געפּלאַצט״.

כדי מיר זאָלן ניט זיין א קליינע סעקטע, וואָס לעבט ערגעץ אין א ווינקעלע פונעם פאָלקס־לעבן, נאָר א קלאַס, וועלכער גייט בראש פון פאָלק, כדי אים אריבערצופירן צו א לעבן פון ארבעט און פרייהייט, פון א געזונטער ווירטשאַפט און קולטור — מוזן מיר אנטפּלעקן אלע אונזערע פארבאָרגענע אוצרות. מיר נויטיקן זיך אין אוצרות פון ווילן, בילדונג און פרייען געדאנק.

דער ענין איז ביי אונז קאָמפּליצירטער ווי ביי אנדערע. ווען דו נעמסט אָן ענגלישן ארבעטער, ווייסטו, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר, דו ווייסט, וואָס איז זיין געוויינטלעכע בילדונג. אלע האָבן זיי געלערנט אין דער זעלבער פאָלקס־שול, ריידן די זעלבע שפראך, זייער גרעסערער טייל לייענט דעם זעלבן מין צייטונג, באַזוכט דעם זעלבן קינאָ. אנדערש איז עס ביי אונז. אונזער ציבור איז זייער פילפארביק אין קולטורעלער הינזיכט. עס זיינען דאָ גייסטיקע באַדערפעגישן ביי א חבר, וואָס לעבט שוין פיל יאָרן אין דער באַוועגונג און איז טעטיק אין משק. און ס׳איז דאָ א נייער עולה, דאָס רוב אָן דער העברעאישער שפּראך, טיילווייז אָן בילדונג. און די שטופן פון ביל־דונג — ווי פארשיידן זיי זיינען: עס טרעפט אז די בילדונג איז א ברייטע און די דערפארונג אין ארבעט — א נישטיקע. און ס׳איז דאָ א קינד, וואָס וואַקסט אין לאנד, איינגעוואָרצלט אין משק און אין ארבעט, און ער איז ווייט פון דער גייסטיקער וועלט פון זיין חבר, וועלכער האָט זיך דערצויגן אין חוץ־לארץ. און עס זיינען דאָ קולטורן פון שפּראכן און לענדער און פון פארשיידענע געזעלשאַפטלעכע שיכטן.

אין אונזער קולטור־טעטיקייט קענען מיר זיך ניט באַגרענעצן מיט דער זאָרג פאַר דעם, וואָס קען ניט עברית, אָדער פאר דעם, וואָס האָט קיין בילדונג ניט. אויב מיר ווילן, אז אונזער באַוועגונג זאָל לעבן איר זעלבסט־שטענדיקן לעבן און זאָל דערציען אירע חברים אזוי, זיי זאָלן קוקן אויף דער וועלט מיט זייערע אייגענע אויגן, — קען זי זיך ניט באַגנוגענען דער־מיט, אז זיי זאָלן שעפּן זייער סאָציאַליסטישע בילדונג פון אַן אויסלענדישער צייטונג, און זייער יידישע און ציוניסטישע בילדונג זאָלן זיי באַקומען אין א העברעאישן זשורנאַל, וואָס לעבט ניט מיט די פראַגן און דערפארונגען פון דער חלוצישער באַוועגונג.

גלייכצייטיק האַלט איך ניט, אז אונזער קולטור־טעטיקייט דארף זיך איינשליסן אין יענער שמאָלער ראַם, וואָס הייסט „פּראָלעטקולט״. פונקט ווי

מען קען דאָס קולטור־לעבן ניט אָפּרייסן פונם לעבן פון קלאַס, אַזוי קען מען דעם קלאַס ניט אַרויסרייסן פונם פולן אומפאַנג פון דעם קולטור־לעבן אין אונזער צייט. יענע אויפפאַסונג, וועלכע שאַצט אָפּ אַ בוך, צי אַ ליד בלויז לויט דעם, וואָס פאַר אַ טעאָרעטישן אויספיר קען מען זיך פון זיי אָפּלערנען, איז גאָר ניט ניי. זי פירט אונז צוריק אַריין אין די צייטן פון די רבנים און זייער באַציאונג צו „וועלטלעכע" ביכער, וועלכע מען קען לייענען נאָר „אין אַזאַ שעה, וואָס איז ניט טאָג און ניט נאַכט". אָבער אויך אין דער רבנים־וועלט איז אויפגעשטאַנען דער ווילנער גאון און זיך קעגנ־געשטעלט דער דאָזיקער אויפפאַסונג. ער האָט געשריבן צו זיין תלמיד, אַז אויב עס וועט אים פעלן איין מאָס אין די וויסנשאַפטן, וועלן אים פעלן צען מאָס אין דער תורה. די זעלבע ווערטער דאַרפן געזאָגט ווערן אויך אין דער אַרבעטער־באַוועגונג: אויך דאָ וועלן פעלן „צען מאָס". דאָ מוז מען קעמפן פאַר עפּעס „ריינע פּענצטערלעך".

„דער וועג פון גייסט" — זיינע חשבונות זיינען ניט אַזוי פּשוט. מיר ווייסן ניט, צי דווקא די פּראָגראַמאַטישע בראַשור — און נאָר זי אַליין פירט דעם אַרבעטער צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ס'איז ניט לייכט פעסט־צושטעלן, ווער עס האָט שטאַרקער צעבונטעוועט דעם רוס, — צי די אָפּי־ציעלע רעוואָלוציאָנערע אויפרופן, אָדער אַזאַ קינסטלער און פילאָזאָף, ווי טאָלסטאָי, וועלכער איז געשטאַנען „פון דרויסן", געווען קעגן סאָציאַליזם און זיך באַצויגן מיט קריטיק סיי צו דער אַלטערווירקלעכקייט און סיי צו די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען.

און אויך אין אונזער ליטעראַטור. אויף ביאַליקן ליגט ניט קיין סטעמפּל פון דער אַרבעטס־ליטעראַטור. אָבער אויב עס וועט קומען דער היסטאָריקער צו פאַרשן די געשיכטע פון אונזער באַוועגונג, וועט ער ניט קענען אויסמיידן דאָס ליד „בשדה", וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט פער־ציק יאָר צוריק, און האָט אין אונז פאַרפלאַנצט פיל מער, ווי יעדע פּראָ־גראַמאַטישע אַגיטאַציע. און אַזוי אויך זיין אַרטיקל „הלכה ואגדה", וועלכער שטייט, דוכט זיך, אויסער די אָנגענומענע טעאָרעטישע ווערק אין דער אַרבעטס־באַוועגונג; און פונדעסטוועגן, ווער האָט אונז בעסער דערקלערט דעם גייסטיקן וועג פון אונזער באַוועגונג, ווי ער, ווען ער האָט געזאָגט: „אַ שטרעבונג אין האַרצן, אַ גוטער ווילן, אַ גייסטיקע אויפוואַכונג און אינערלעכע ליבשאַפט — די אַלע זאַכן זיינען שיין און נוצלעך, ווען זיי ענדיקן זיך מיט אַ טאַט, שטאַרק ווי אייזן, מיט אַן אומברחמנותדיקער פליכט. קומט און גיט אונז געבאָטן! זאָלן אונז געגעבן ווערן פאָרמען אויסצוגיסן אונזער ווייכן, פליסנדן ווילן אין פעסטע שטאַנדהאַפטע קערפּערס". ביאַליקס נאָמען ווערט ניט אַריינגערעכנט צווישן די סאָציאַליסטישע דיכטער, אָבער די

אממערסטן רעוואָלוציאָנערע געשטאַלט פון א יידישער אָרעמער פרוי, וואָס רודערט אונז אויף אַמשטאַרקסטן, האָט געגעבן ביאַליק אין זיין לעצטן שיר: „אלמנות״.

איך האָב געזאָגט: ביאַליק. כ׳האָב געקענט זאָגן: תנ״ך, אגדה, אַלטע און נייע ליטעראַטור, וועלט־ליטעראַטור און וועלט־געשעעניש, וועלכע גייען ניט אריין אין דער „אַנגענומענער״ ליניע.

און איצט — עפּעס וועגן די מיטלען און פאָרמען פון דער קולטור־טעטיקייט. פאַראייינצלטע קולטור־אויפטועו קלעקן ניט. מען קען ניט פירן קיין קולטור־טעטיקייט אָן א באַשטימטן אָרט פאַר באַגעגענישן, א נעסט פאַר קולטור־איניציאַטיוו. אין בעסטן פאַל האָבן מיר לייען־זאַלן. עס איז זייער א וויכטיקער ענין, און אויך דאָס האָבן מיר ניט אומעטום. אָבער מיר האָבן נאָך ניט קיין ארבעטער־קלוב אין פולן זין פון וואָרט. מיר האָבן ניט קיין לאָקאַל, וווּ עס זאָלן קומען צום אויסדרוק אונזערע קולטורעלע און געזעל־שאַפטלעכע אינטערעסן. מיר האָבן ניט קיין העכערע בילדונגס־אנשטאַלטן אין דער באַוועגונג, אנשטאַלטן פון א סעמינאַריעלן כאַראַקטער. מיר האָבן נאָך ניט געשאַפן דעם טיפּ פון א קולטור־פייערונג.

כדי ווי געהעריק אויפצונעמען דעם נייעם עולה, אריינפירן אים אין ארץ־ישראלדיקן לעבן אריין און געבן אים די ארבעטס־באַגריפן — איז ניטאָ קיין בעסערע מיטל ווי אויספלוגן. אויספלוגן ממש, אויב מעגלעך צו פוס, אין אַלע ווינקעלעך פון לאַנד. דער פאַבריק־ארבעטער דאַרף ארויסגיין אין דאָרף און זיך באַהעפטן מיטן לאַנד־ארבעטער. וויפל ווערטן פון דער באַווע־גונג קענען אין אַזעלכע אויספלוגן געשענקט ווערן דעם נייעם חבר, אויב דאָס וועט געמאַכט ווערן באַטראַכטערהייט!

קאָנסטרוקטיווע רעוואָלוציאָנערישקייט

[פון שמועסן מיט מדריכים פון הנוער העובד כ״ד באב תרצ״ד, 1934]

מיר רופן זיך רעוואָלוציאָנערן. פרעג איך: אנטקעגן וואָס רעוואָל־טירן מיר? ניט שוין בלויז קעגן דעם, וואָס מיר זיינען געוווינט צו רופן „טראַדיציע פון טאַטנ׳ס הויז״? אויב אַזוי — איז עס דאָך קיין חידוש ניט: אין דעם דאָזיקן רעוואָלט האָבן אונז מערערע און גרעסערע פון אונז מקדים געווען: מיר רעוואָלטירן אויך קעגן געוויסע רעוואָלוציעס, וואָס האָבן אונז מקדים געווען. מיר רעוואָלטירן אויך קעגן דאָס פאַרערן דעם „דיפּלאָם״, וואָס ס׳איז אנגעגאַנגען צווישן די בעסטע

פון די משכילים. מיר רעוואָלטירן קעגן דעם לופט־לעבן און ספעקולאציע, און ניט נאָר אין זייערע אלט־יידישע פאָרמען, — מיר רעוואָלטירן קעגן זיי אויך אין זייער מאָדערנעם נוסח, אין דער פאָרם פון דעם לופט־ און ספעקולאציע־לעבן פונם נאציאָנאלן און אינטערנאציאָנאלן יידישן אינטעליגענט, די פאָרם וואָס איז אונז מיאוסער פון אלע פריערדיקע גלגולים אירע. מיר האָבן רעוואָלטירט קעגן דעם אסימילאציע־טרוים פון די משכילים און פון די ערשטע סאָציאליסטן אונזערע. מיר האָבן רעוואָלטירט קעגן דעם גלותיזם און קעגן דער קולטור־אָרעמקייט פון „בונד״. און מיר דארפן נאָך ערשט דערציען אונזערע יונגע דורות צו אַן אבסאָלוטן רעוואָלט קעגן „שקלאפעריי אינערהאלב דער רעוואָלוציע״ אין אלע אירע דערשיינונגען.

פאראַן אזעלכע, וואָס באגרייפן דעם ענין פון אונזער רעוואָלט גאָר פשוט, אויף א דורכויס פרימיטיוו־רעוואָלוציאָנערן שטייגער: מיר וועלן צעשטערן די אלטע וועלט ביז צום גרונט צו, מיר וועלן פארברענען דאָס גאנצע האָב און גוטס, וואָס איז אָנגעזאמלט געוואָרן דורות־לאנג, און מיר וועלן אָנהויבן אלץ פון דאָס ניי — ווי נאָר־וואָס געבוירענע קינדער! וואָס אַן אמת, אין אזא מין פאָרמולע שטעקט א סך געוואַגטקייט און כוח פון פראָטעסט. זיינען טאקע געווען רעוואָלוציאָנערן, וואָס האָבן זיך *אזוי* פאָרגעשטעלט די אנארכיסטישע משיח־טעג. ס'איז נאָך אָבער א פראגע, צי אזא אויפפאסונג, וואָס זאָגט זיך נאַיוו אָפּ פון דער גאנצער ירושה פון דורות און וואָס וויל אָנהויבן צו בויען די וועלט פון אלף, צי איז זי א פראָגרעסיוו־רעוואָלוציאָנערע, אָדער זי איז אזא וואָס טראָגט אין זיך א טיפע רעאַקציע. ניט איין מאָל אין דער געשיכטע זיינען שוין חרוב געוואָרן אלטע וועלטן, און אויף זייערע חורבות זיינען אויסגעוואקסן ניט קיין אויסגעבעסערטע וועלטן נאָר אבסאָלוטע ווילדקייטן. גריכנלאנד און רוים האָבן שרעקלעך געזינדיקט, און אין זייער זינד זיינען זיי אומגעקומען. אָבער אויפן אָרט פון דער דאָזיקער אלטער וועלט — מיט איר קונסט און שאפונג — איז אנטשטאנען א וועלט א בארבארישע, פון וועלכער ס'ציען די יניקה און נאָך וועלכער ס'בענקען — די היטלערס. הונדערטער יאָרן זיינען פארלאָפן ביז דער מענטשלעכער גייסט האָט אביסל איינגעצוימט דעם דאָזיקן בארבאריזם. און אָט — אויף אונזערע אויגן — איז די וועלט ווידער צוריקגעשטויסן געוואָרן.

איך פרעג איצט ניט אָפּ די דאָזיקע אויפפאסונג, אויף וויפיל זי איז רעאל. איך פרעג ניט, ווי וועט אויסזען דער מענטשלעכער לשון נאָכדעם ווי ס'וועט איבער אים דורכגעפירט ווערן די „אָפּעראציע״ פון אויסרייסן אלע אלט־וועלטלעכע באגריפן. איך רייד נאָר וועגן דער *דערציערישער טענדענץ*.

צוויי כוחות זיינען אונז געגעבן געוואָרן: צו גערעדנקען און צו פאַר־געסן. אָן זיי ביידע קענען מיר ניט אויסקומען. ווען ס׳וואָלט אויף דער וועלט עקזיסטירט בלויז זכרון אליין — ווי וואָלטן מיר אויסגעזען? מיר וואָלטן דאָך צוזאַמענגעבראָכן געוואָרן אונטערן לאַסט פון די זכרונות. מיר וואָלטן פאַרשקלאַפט געוואָרן צו אונזער זכרון, צו אונזערע אור־אור־עלטערן. אונזער געזיכט וואָלט מיט זיך פאַרגעשטעלט ניט מער ווי א קאָפּיע פון די פאַרגאַנגענע דורות. און ווען מיר וואָלטן געגנצלעך באַהערשט געוואָרן פון פאַרגעסריי — וואָלט דען נאָך פאַרבליבן פּלאַץ פאַר קולטור, וויסנ־שאַפט, זעלבסטבאַוווסטזיין, גייסטיק לעבן? דער פּינצטערער קאָנסערוואַ־טיזם וויל פון אונז באַרויבן די פעאיקייט צו פאַרגעסן, און — פאַרקערט — די פּסיידאָ־רעוואָלוציאָנערישקייט זעט דעם „פּיינט” אין אַלץ וואָס דערמאָנט דעם עבר. אָבער ווען אין דעם זכרון פון דער מענטשהייט וואָלטן זיך ניט קאָנסערווירט ווערטפולע זאַכן, דערהויבענע אידעאַלן, דער אנדענק פון עפּאָכעס פון בליונג און פרייהייט און העלדישקייט — וואָלט בכלל קיין שום רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ניט דענקבאַר געווען, מיר וואָלטן פאַר־פוילט געוואָרן אין אונזער דלות און אָפּגעשטאַנענקייט, אייביקע שקלאַפן וואָלטן מיר פאַרבליבן.

די פּרימיטיווע רעוואָלוציאָנערישקייט, וואָס גלויבט אז די טאָטאַלע צעשטערונג איז די בעסטע תרופה אנטקעגן אַלע געזעלשאַפטלעכע אָנ־שיקענישן, דערמאָנט מיט א סך דערשיינונגען אירע דעם קינד פון אַ באַ־שטימטן עלטער, וואָס ברעכט זיינע שפּילצייג, ווייל ער וויל וויזן זיין בריה׳שקייט און דערגרונטעוווען זיך צום סאַמע סוד פונעם מעכאַניזם. אונזער באַוועגונג, לויט אירע גרונט־אייגנשאַפטן, שטעלט אנטקעגן דער דאָזיקער פּרימיטיווער רעוואָלוציאָנערישקייט איר קאָנסטרוקטיווע רעוואָלוציאָנערישקייט. אונזער באַוועגונג וויל אויך בשום אופן ניט שלום מאַכן מיט די דעפעקטן פון דער עקזיסטירנדיקער וועלט, זי זעט אויך איין די באַדערפעניש אין רעוואָלוציע אין איר גאַנצער טיפקייט, — זי ווייס אָבער ווי ווייט באַגרענעצט עס איז די שעפערישע קראַפט פון צעשטערונג און זי ווענדעט אירע אנשטרענגונגען אין דער ריכטונג פון בויאונג, וואָס נאָר זי אליין פאַרזיכערט דעם ווערט פון דער רעוואָלוציע. אונזער קאָנסטרוקטיווע רעוואָלוציאָנערישקייט קען זיך ניט באַנוגענען בלויז מיט ווירטשאַפטלעכן בויען אליין. זי מוז ארומנעמען אונזער גאַנצן לעבן און לייגן איר סטעמפּל אויף אַ׳נזער וועג אין לעבנס־שטייגער און קולטור. ווייל זי ווייס, ווי שווער ס׳איז דער אומגליק וואָס הענגט איבער דער וועלט, ווייל זי זעט איין די באַדערפעניש אין א רעוואָלוציע ביז צו אירע טיפענישן, ווייל זי ווייס, אז אויך „ביים טיר” פון צעשטערונג

„ליגן זינד" און אז אויף יעדן נייעם רעזשים לויערן פון הינטן־ארום די זינד פון דער אלטער וועלט. ד ע ר י ב ע ר ווייס זי אז רעוואָלוציאָנערע אָנשטרענגונגען (וואָס זאָגן צו דעם אויפבוי פון א נייער וועלט) האָבן ניט קיין טעם און קיין בארעכטיקונג סיידן זיי זאָלן באגלייט ווערן מיט נייע און פארבעסערטע בוי־מעטאָדן. דעריבער מעסט זי דעם ווערט פון דער רעוואָלוציע ניט מיט דער מאָס פון פארגאָסענעם בלוט, נאָר מיט איר כוח צו בויען, מיטן קענען די בוי־סיסטעמען, מיט איר ריכטן אירע מענטשן צו דער זייט פון בויען.

די גרויסע אָנזאָגער פון רעוואָלוציע זיינען אויך מענטשן פון גרויסער קולטור. מארקס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ליבע צו שעקספּירן און מיט זיין באגייסטערונג פאר דארווינען (ער האָט, אגב, אויך פארערט אונזער היסטאָריקער גרעצן). אמתע רעוואָלוציאָנערישקייט קען ניט גע־מאָלט זיין אָן הויכער גייסטיקייט. ס'זיינען אָבער דאָ „פּראָפעסיאָנאלן" פון דער רעוואָלוציע, וואָס פארוואנדלען זי אין א פּראָפעסיאָנעלן „צעך" און ליידיקן זי אויס פון יעטוועדן גייסט פון באוועגונג. דאָס איז באאמטן־דע־גענערירונג. און זי לויערט אויף דער רעוואָלוציע גלייך אזוי ווי זי לויערט אויף דער רעליגיע. און זי פארשוועכט די רעוואָלוציע גלייך אזוי ווי זי פארשוועכט די רעליגיע. די ענלעכקייט צווישן די דאָזיקע „פּאכלייט", וואָס עקספּלואטירן די באוועגונג, חנפה'נען איר און טראָגן זיך אויף די כוואליעס פון „קאָנסעקווענטער רעוואָלוציאָנערישקייט", און צווישן די אָנזאָגער פון דער רעוואָלוציע און אירע באַן־ברעכער, איז פונקט אַזאַ ווי די ענלעכקייט צווישן די רעליגיע־באאמטע, משרתים פון די תקיפים, פינצטערע קלערי־קאלן — און צווישן רבי עקיבא און דעם רמב"ם.

די ירושה פון דורות

[פון שמועסן מיט מדריכים פון הנוער העובד, כ"ד באב תרפ"ד, 1934]

א דור, וואָס שאפט און באַנייט, ווארפט נ י ט ארויס אין מיסט־קאסטן די ירושה פון דורות. ער קלייבט אָפּ און קלייבט איבער, אַמאָל שטויסט ער אָפּ און אַמאָל איז ער מקרב. און עס טרעפט, אַז ער האַלט זיך דווקא ביי אַ טראדיציע און ער פארשטארקט זי נאָך. צייטנווייז לאָזט ער זיך אַראָפּ צו די קופּעס פון אלטע זאכן, אַנטדעקט דאָרטן פארגעסענע ווערט־זאכן — רייבט ער זיי און רייניקט אָפּ פון דעם זשאַווער, לעבט אויף אַן אור־אלטע טראדיציע און שפּייזט מיט איר די נשמה פון דעם מאָדערנעם דור. אויב

ס׳איז דאָ אינעם לעבן פון פאָלק עפּעס אזוינס וואָס איז זייער אלטערטימלעך און זייער טיף איינגעוואָרצלט און וואָס איז אימשטאנד צו דערציִען דעם מענטשן און געבן אים כוחות אין זיין לעבנס־וועג — צי דאַרף מען עס, צוליב רעוואָלוציאָנערע טעמים, דווקא ארויסוואַרפן? ווען, למשל, דער אויפ־שטאנד פון ספּאַרטאַקוס וואָלט פאַרבליבן אין זכרון פון די אייראָפּעישע פעלקער ,און די קירכע — לאָמיר זאָגן — וואָלט אין פאַרלויף פון דורות געהאַלטן דעם טאָג פון דעם אויפשטאנד אונטער איר שוץ — וואָס וואָלט אין אזא פאַל געדאַרפט טאָן אן ארבעטער־באוועגונג, וואָס איז טריי צו איר מיסיע? אָפּזאָגן זיך פון דעם דאָזיקן טאָג, פאַרגעסן אים, גרינגשעצן אים, אָדער — אויסלייזן אים פון די הענט פון דער קירכע, אויפהייבן זיין ווערט און וואָרעמען אין די הערצער דעם אנדענק פונעם דאָזיקן טראַגישן אויפ־שטאנד? ס׳זיינען דאָ היינטיקע צייטן א סך האַנט־געמאַכטע פייערונגען: צוזאמענפאָרן, קאָנפערענצן, פּראָקלאַמירונגען, דאַטומס. ס׳זיינען דאָ צווישן זיי אזעלכע, וואָס האָבן א באַשטימטע פאַריבערגייענדיקע באדייטונג און אזעלכע וואָס האָבן קיין שום באדייטונג ניט. פון זיי וועט אפשר איינער פון טויזנט זוכה זיין צו א לאַנג לעבן; די איבעריקע אָבער וועלן פאַר־וועלקט ווערן מיטן ערשטן שטורעם־בלאָז. אנדערש איז מיט דאַטומס, וואָס האָבן זיך טיף פאַרוואָרצלט אין דער נשמה פון א פאָלק און וואָס דורות־לאַנג האָבן זיי אין זיך איינגעזאַפּט די איבערלעבונגען פון דעם פאָלק.

דאָס יידיש יאָר איז פול מיט טעג, וואָס אין זייער טיפקייט האָבן זיי ניט צו זיך קיין גלייכע ביי אנדערע פעלקער. נו, איז עס דער אינטערעס אָדער די אויפגאַבע פון דער ארבעטער־באוועגונג צו פאַרשווענדן די קרעפטן, וואָס זיינען אנטהאַלטן אין די דאָזיקע טעג? צי צוליב דעם וואָס דער אסי־מילאַטאָר האָט זיי אוועקגעוואָרפן פון זיך, ווייל ער האָט זיי ניט געברויכט, ווייל זיי האָבן אים געשטערט אין זיינע באַמיונגען צו אסימילירן זיך מיט די מאַכט־האָבער, ווייל ער האָט זיך געשעמט מיט זיי גלייך ווי מיט אלץ, וואָס שיידט אים אויס אלס ספּעציפישע דערשיינונג, — צי צוליב דעם אלע־מען זיינען זיי פּסול אויך פאַר אונז? האָבן דען די אסימילאַציע און די בירגערלעכע השכלה און אפילו דער יידישער סאָציאַליזם, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך זיי, ניט גרינגגעשעצט זאָגאַר די טייערסטע סאָציאַלע עלעמענטן, וואָס זיינען פאַרבאַהאַלטן אין דער יידישער טראַדיציע? אלס ציוניסטן־סאָציאַליסטן דאַרפן מיר זיך ניט נאָכשלעפּן בלינדערהייט אנדערע, נאָר זען מיט אונזערע א י י ג ע נ ע אויגן די ווערטן פון דער קעגנוואַרט און די ווערטן פון דער פאַרגאַנגענהייט און שאַצן זיי לויט אונזערע לעבע־דיקסטע אינטערעסן, לויט די פּראָספּעקטן פון אונזער צוקונפט.

אָט אַ פּאָר ביישפּילן: פ ס ח. א פאָלק היט אָפּ טויזנטער יאָרן דעם

אָנדענק פון דעם טאָג פון פארלאָזן דאָס שקלאַפן־הויז! דורך אלע טונעלן פון פארשקלאַפונג און גוואלדטאטן און אינקוויזיציע און שמד און פּאָגראָמען טראָגט דאָס פאָלק אין זיין הארצן די בענקענישן נאָך פרייהייט און גיט זיי א פאָלקסטימלעכן אויסדרוק, וואָס היפּט ניט איבער קיין שום יידן אין דער וועלט, אפילו דעם אָרעמסטן און פארשטויסנסטן! פון עלטערן צו קינ־דער, דורך אלע דורות, ווערט איבערגעגעבן די עפּאָפּייע פון יציאת מצרים ווי א פ ע ר ז ע נ ל ע כ ע ר אָ נ ד ע נ ק, וואָס ווערט ניט בלאס און ווערט ניט אָפּגעבליאַקעט. „בכל דור ודור חייב אדם לראות את עצמו כ א י ל ו ה ו א י צ א ממצרים" (אין יעדן דור מוז יעדער איינער באטראכטן זיך, ג ל י י ך ו ו י ע ר א ל י י ן ו ו אָ ל ט א ר ו י ס פון מצרים). ס'קען גאָר ניט געמאָלט זיין קיין העכערער רעקאָרד פון געשיכטלעכן באוווסטזיין, און ס'קען ניט גע־מאָלט זיין קיין פעסטערע צונויפגיסונג פון דעם יחיד מיט דעם כלל — אין דער ברייטקייט פון דעם ערד־קוגל און אין דער טיפקייט פון דער געשיכטע — ווי ס'איז דער דאָזיקער אור־אלטער פעדאגאָגישער געבאָט. כ'ווייס ניט פון קיין ליטעראריש ווערק, וואָס זאָל מער דערציען צו פאראאסן שקלאַפעריי און ליב האָבן פרייהייט, ווי די דערציילונג פון „עבדים היינו" און פון יציאת מצרים. און כ'ווייס ניט פון קיין שום אלטערטימלעכן אָנדענק, וואָס זאל אזוי געריכטעט זיין צו דער צוקונפט און זאָל אין זיך אזוי פארקערפערן א ס י מ ב אָ ל צו אונזער קעגנוואַרט און צו אונזער צוקונפט, ווי דער „זכר ליציאת מצרים".

וואָס פאר א טיפער פרייהייטס־אינסטינקט איז עס איינגעפלאנצט אינעם הארצן פון פאָלק, אז עס האָט געקענט נאָך אין זיינע פרילינגס־טעג שאפן אזא געניאלן ווערק און איבערגעבן עס פון דור צו דור! דאָס דאָזיקע ווערק האָט ניט קיין קלענעם חלק אין דעם גורל פון אלע יענע רעוואָלו־ציאָנערן און פרייהייטס־קעמפער, וואָס זיינען אויסגעוואקסן פון דעם יידישן שטאם. און מ י ר, וואָס צוליב דעם דאָזיקן ווערק זיינען מיר זוכה און מיר וועלן נאָך זוכה זיין צו באטייליקן זיך אין באנייען די טאָט פון יציאת מצרים — מיר זאָלן אים פארלייקענען?!

און ת ש ע ה ב א ב. ס'זיינען דאָ ניט ווייניק פארשקלאַפטע פעלקער אויף דער וועלט, און א סך, וואָס זיינען געווען אין גלות. די שטאָלצע פוילן, וואָס אירע פליטים זיינען סך־הכל געזעסן צוויי־דריי דורות אין גלות, האָט שוין אויך אין א גרויסער מאָס פארזוכט דעם טעם פון אסימילאציע. די מעכטיקע רוסלאנד האָט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע צעשפּרייט אירע פליטים איבער דער וועלט. און די דאָזיקע פליטים, וואָס זיצן „אויף די טייכן" פון פראנקרייך, למשל, באווייזן שוין זייער אסימילאציע, דאָס פארגעסן די רוסישע שפּראך, די פארפרעמדקייט מצד דעם יונגן דור, און

אלס א ביישפיל פאר זיך שטעלן זיי אונז, יידן, וואָס אונזערע צוויי טויזנט יאָר פון צעשפרייטקייט האָבן אונז ניט געקענט בייקומען. דאָס יידיש פאָלק האָט טאקע געקענט אָפּהיטן זיין טרויער־טאָג, דער טאָג פון פארלירן די פרייהייט, אז ער זאָל ניט פארגעסן ווערן. און אין דעם טאָג האָט יעדער איינציקער דור און יעדער איינציקער ייד באטראכט זיך גלייך ווי אויף אים אליין האָט זיך אראָפּגעלאָזט דער חורבן. יעדן יאָר, אין דעם טאָג, זיינען זודיקע טרערן פארגאָסן געוואָרן ,און איין דור צום אנדערן האָט זיין ווייטיק איבערגעוויזן. דער נאציאָנאלער זכרון האָט אין דעם דאָזיקן טאָג אריינגעטראָגן א סך פון זיינע ביטערסטע איבערלעבונגען, אָנהויבנדיק פון חורבן בית ראשון און בית שני און גירוש ספרד און ביז צו היינטיקע טעג — ביז צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. דער זכרון פון פאָלק האָט מיט סאמע פשוטסטע מיטלען באַוויזן אראָפּצולאָזן אין איין שעה א שווערן טרויער אויף יעדן איינציקן ייד איבער דעם גאנצן ערד־קוגל. יעדער אבר אין דעם גוף פון דעם פאָלק — אויב ער איז נאָר ניט אינגאנצן פארשניטן געוואָרן — איז אין דער שעה איינגעוויקלט געוואָרן אין פינצטערניש, פארזונקען געוואָרן אין צער, האָט פארוויקלט אין הארצן דעם געפיל פון חורבן, גלות און פאר־שקלאפונג. און יעדער שפעטערישער דור האָט נאָך פון זיין צייט עפּעס צו־געגעבן צום געפיל פון חורבן — אָנהויבנדיק מיט די קינות פון ירמיהו, דורך די שירים פון שפאניע און קלאָגלידער פון דייטשלאנד, ביז צו דער „מגלת האש״ פון ביאליק.

מ׳דערציילט, אז אַדאַם מיצקעוויטש, דער גרויסער פּוילישער דיכטער, וואָס האָט זיין גאנצן לעבן געקלאָגט אויף דער פארשקלאפונג פון זיין לאנד און האָט קאָמבינירט פארשיידענע רעוואָלוציאָנערע פּלענער ווי אזוי פוילן צו באפרייען, אז תשעה באב פלעגט ער גיין אין א יידישער שול אריין און פלעגט צוזאמען מיט די יידן קלאָגן אויפן פארלוסט פון זייער פאָטערלאנד.

ווי אזוי וועט זיך פירן דאָס פאָלק נאָכדעם ווי מיר וועלן זיין פאר־זאמלט פון אלע גלות־לענדער, באפרייט פון יעטוועדער פארשקלאפונג און אפילו אינערלעכער קלאסן־פארשקלאפונג? וועלן מיר דאַן פייערן תשעה באב מיט טענץ און מיט געזאנג, אָדער אפשר וועלן מיר וועלן ,אז יעדעס קינד, וואָס ווערט געבוירן אין פרייהייט און גלייכהייט און ווייס ניט דעם טעם פון הונגער און מאטעריעלער נויט, זאָל אין דעם טאָג ארויסברענגען אין זיין זכרון די ליידן פון אלע פריערדיקע דורות, וואָס האָבן אים דערפירט ביז צו דעם דאָזיקן טאָג?

— די פראגע וועלן מיר באהאנדלען ווען ס׳וועט קומען דער טאָג.

צו מײַנע חברים אין „אוהל״

עפּעס צווינגט מיך איבערצושרײַטן דאָס מאָל מײַן גרענעץ און רעדן וועגן ענינים, איבער וועלכע איך בין ניט געוווינט צו רעדן עפנטלעך. כ׳בין זיך מודה: דער דערעפנונגס־אָוונט פון „אוהל״ האָט מיך פאַרשכורט. כ׳גרייט זיך ניט זאָגן „מבינות״. איך קען ניט ארויסזאָגן א מיינונג צי איר האָט גוט געשפּילט. אָבער איינס ווייס איך:

פון דעם מאָמענט, ווען איך האָב געזען דעם דאָזיקן בית־מדרש־ווינקל פון די „מקובלים״ — איז מײַן אָטעם ווי מיט א צוואנג פאַרקלעמט געוואָרן. כ׳ווייס ניט וועמענס חלק איז דאָ גרעסער: צי דער געוויש פון פּרצ׳עס פליגלען, צי דער רעזשיסאָר וואָס האָט באוויזן וווּנדער, צי די פאַרשידענע קונסטן וואָס האָבן זיך דאָ צוזאמענגענומען און אונז באַצויבערט. אָבער איך ווייס: די אלע — סיי דער אינהאלט און סיי דאָס שפּילן — האָבן נאָר גע־פּרוּווט פאַנגען דאָס אומדערגרייכבארע, אָבער די אטמאָספער אויף דער בינע — זי האָט געפאנגען, דעראָבערט און צוגעשמידט.

און פון צווישן די ברעקלעך פון דערשיינונגען, וועלכע האָבן אויפס־נײַ אויפגעלעבט אין מיר די רעגנבויגן־געשטאלט פון פּרץ און וואָס האָבן אויפסנײַ דערוועקט אין מיר דאָס האַרצקלאַפּן פון מײַן יוגנט צו די שאַפונגען פון זײַן גייסט, האָט זיך אנטפּלעקט פאַר מײַנע אויגן די איינע און נייע דער־שײַנונג, וואָס איר נאָמען איז: „אוהל״.

וועל איך אײַך פאַרגעסן, מײַנע פרײַנט פון „אוהל״, דעם חסד וואָס איר האָט מיר געטאָן? איר האָט מיר צוגעגעבן נאָך אן אָוונט פון יום־טוב צו די טעג און נעכט וואָס דאָס לעבן האָט מיר דאָ געשענקט אויף אונזער ווײַניקער ערד. נאָך איין רינג אין דער צויבער־קייט, וואָס נאָר ווייל מיר לעבן אין איר, אין אונזערע טעג און אין אונזער דור, מיט אונזער „בלוט און פלייש״, דערקענען מיר זי ניט. מיר פילן ניט, אז דאָס איז די אייביק הערלע־כע מיסטעריע, וואָס איר נאָמען איז — ארץ־ישראל. און געבענטשט זאָל זײַן יעדע רגע, וואָס דערוועקט און פאַרשטאַרקט אין אונז דעם דאָזיקן געפיל.

א רינג נאָך א רינג — זיי זײַנען געציילטע. ס׳טרעפט אז זיי ווערן געגעבן אין רשות פון יחיד, און ס׳טרעפט אז זיי אנטפּלעקן זיך עפנטלעך. יעדער איינער פון אונז האָט זיכער זוכה געווען צו זייגע, ווער מער — ווער ווייניקער. וועל איך קענען אויסדריקן אלץ, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן? מײַנע ערשטע טעג פון ארבעט און איינזאַפּן די לופט פון לאנד. א ראַגאָזשע, אויסגעשפּרייט אויף דער ערד נאָך דער ארבעט. עין־גנים, כנרת, דער מדבר, הר־המוריה; קאָנפערענצן, זאַפּטיקע חברשע שמועסן. דאָטומס פון שאַפונג און פון שפּירן דאָס אָנקומענדיקע. דער ציבור אין זײַן אויפשטייג.

און אַט זייט איר געקומען און צוגעגעבן אַ רינג צו אונזער שעפערישער קייט, און אונז געגעבן אַן אָונט, וואָס האָט „געוועקט, אויפגעשטורעמט און אויפגעפרישט", און עדות געזאָגט אַז די שכינה איז ניט אוועק פון אונז.

אויב איך זאָל וועלן זאָגן אין מיין שפּראַך, וואָס „אוהל" איז פאַר מיר היינט, אַזוי ווי ער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אין דעם דערעפענונגס־אָוונט, וואָלט איך געזאָגט אַ זאַך, וואָס פיינשמעקער און עסטעטן וועלן עס עטוואָס פון אַ וואָכעדיקייט, פון אַ „קאַזיאָנע" זאַך, אַן אָנווייז אויף אַ נייער איידעלן חוש־הריח:

אַ הסתדרותיש ווערק.

און איך ווייס, אַז פיל און וויכטיקע וועלן זען אין דער פאַרבינדונג עטוואָס פון אַ וואָכעדיקייט, פון אַ „קאַזיאָנע" זאַך, אַן אָנווייז אויף אַ נייער ביוראָקראַטיע, וועלכע פאַרנעמט זיך הערשן איבער דעם מענטשלעכן געווירבל.

און איך האָב נאָך אַ נאָמען:

קבוצה.

פון דעם טאָג זינט ס'איז אַנטשטאַנען די ערשטע קבוצה אין לאַנד, האַלט איך אין איין ציילן זייער צאָל, גיב צו און נעם אַראָפּ: די לעבעדיקע קבוצות און די פאַרשוווּנדענע, די פאַלנדיקע און די זיך שטאַרקנדיקע. היינ־טיקע נאַכט איז מיר צוגעקומען נאָך אַ קבוצה: „אוהל". כ'האָב ניט געפרעגט, צי די „אוהל"־חברים האָבן אַ בשותפותדיקע קאַסע, אויב זיי עסן צוזאַמען. דעם ריח פון אַן אמתער קבוצה האָב איך אין זיי דערשפּירט, די שעפערישע קראַפט פון דער קבוצה, די צוגעבונדנקייט צום מענטש און צו דער מענטש־לעכער געזעלשאַפט, די אַטמאָספער פון קיבוצישער שאַפונג, די וואָס הערשט נאָר אין אַן אמתער קבוצה און צווישן מענטשן, וואָס זייער הארץ איז אָפן פאַר אַ קיבוציש לעבן.

אַלזאָ, אַנשטאָט צו רעדן וועגן קונסט, וועגן פעאיקייטן, וועגן פונקן, אַנשטאָט אָפּצושאַצן די מעלות און אויפדעקן די פעלערן, רעד איך גאָר וועגן הסתדרות און קבוצה. צי טו איך ניט דערמיט אַ „בערישע טובה" אונזערע יונגע קינסטלער?

איך שרעק זיך ניט דערפאַר. ווייל איך זע אין „אוהל" — ניט אַ גרופּע פון „קונסט־שילער" וואָס פאַרויילן זיך מיט בינע־ענינים, נאָר אַ באַזונדערע איינהייט. אַן אָנהויב פון אַ קונסט־ווערק, וואָס איז אַ שטיק פון דעם פלייש און גייסט פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. אַט די באַוועגונג איז זייער היים און זייער לאַנדשאַפט. און איך פאַרמאָג ניט קיין בעסערן לויב פאַר דעם אָנהויב, איך ווייס ניט קיין זאַך וואָס זאָגט צו מער און פאַרפליכטעט מער, ווי דאָס. דאָ איז די גאַראַנטיע קעגן מאָראַ־

לישער אפגעריסנקייט און געזעלשאפטלעכער איזאָלירונג, קעגן גייסטיקער לערקייט און אינדיווידואַליסטישער צעברעקלונג, וואָס מאכט אוממעגלעך יעדע גרויסע טעטיקייט וועלכע פארלאנגט א פאראייניקונג פון כוחות, קעגן גרויסקייטס־שגעון און א תאווה צו „אנערקענונג" — אלע די קראנקייטן וואָס לאָזן זיך פילן אין אונזער ליטעראטור און קונסט.

הסתדרותישקייט און קיבוצישקייט איז דער טייטש: געזעלשאפטלעכע צוזאמענשליסונג פון אינעווייניק און געזעלשאפטלעכע צוזאמענשליסונג מיטן שעפערישן ציבור; ציען יניקה פון דעם שטורעם, פון דעם גאולה־קאמף, פון דעם גרויסן געראנגל; זיך באהעפטן מיט די קולטור־אוצרות, האָבן א ברייטן קוק און גאָרן צו דעם וואָס דארף קומען, מיטהעלפן דעם פאָלק אין טראָגן זיין עול, גרויסע טריישאפט און ערנסטקייט אין קליינע ווי אין גרויסע זאכן. דאָס איז די לופט צום אטעמען, וואָס אָן איר וועט יעדער ליטעראַרישער און קינסטלערישער אָנהויב נאָר ברענגען ליידיקע בלומען און מוזן פארוועלקן.

איך ווייס, אז אויך צווישן אונז איז פאראן א מורא פאר „ארבעטער־קונסט". זיכער, פאראן אויף דער וועלט אזעלכע, וואָס בלאָזן זיך מיט דעם און האָבן עס פארוואנדלט אין א געשעפענסט. אָבער אויב צו רעכענען זיך מיט נאַראָנים, וואָס האָבן קאליע געמאכט און וועלן נאָך זיכער קאליע מאכן, — דאן טאָרן מיר זיך ניט האלטן ביי קיין שום דעפיניציע, ווייל אלץ לאָזט זיך פארקרימען און פארנארישן. אין דעם לויף פון לעבן איז ניטאָ קיין זאך, וואָס איז פארזיכערט קעגן טפשות, קעגן הוילער פראזע, קעגן דער מאָדע. אָבער אויב מיר זאָלן ארייננדרינגען אין דעם מהות פון דער זאך, — צי דען שעפט ניט אמתע קונסט פון דער אייגנשאפט פון דעם דור און פון זיין רוח־הקודש? זיכער, ווי א פייל פון בויגן וועלן מיר אנטלויפן פון יענער קונסט, וואָס יאָגט זיך נאָך עמיצנס רייט־וואָגן, אָן אונטערשיד ווער עס זיצט אין אים, א הער אָדער א קנעכט; מיר פאראכטן יעדע קונסט, וואָס פארקויפט זיך; זיכער וועלן מיר אויך ניט אכטן די זיך „פראָלעטאַר־ריזירנדיקע" הויף־קונסט, מיר וועלן זי פאַריאָגן פון אונזער מיט. אָבער צי איז דאָ היינט צווישן אונז אזעלכע, וואָס זייער הארץ ציט זיך צו פאר־נאסישער קונסט, וועלכע קאָקעטירט, לאָשטשעט זיך, קיצלט זיך? דאָס לעכצן צו אמתער מענטשלעכער פאָעזיע — צי צווינגט עס אונז ניט אויף דעם געזאנג פון מענטש וואָס לעבט מיט אונז, אונזער געזאנג?

און צי קענען מיר וועלכן ס'איז וויכטיקן קאפיטל אין דער קונסט, וואָס האָט ניט געטראָגן אין זיך די פיין פון דעם דור און זיין בשורה? וואָס איז געווען די פּאָעזיע פון פייערבערג, ביאַליק, טשערניכאָווסקי — אויב ניט די אינערלעכע פּאָעזיע פון ציוניזם, און וואָס זיינען געווען די אלע

אַנהויבן פון יידישער קונסט מיט א האַלבן יובל צוריק, אויב ניט „ציוניסטישע קונסט״ ? און וואָס זיינען אונז געווען ברענער און שמעונאָוויטש (אין זייער חוץ־לארץ׳דיקער תקופה) און אויך גנעסין און שאָפמאַן, די כלומרשטע אינ־דיווידואַליסטן, אויב ניט די פּאָעזיע פון דעם דור, וואָס זיין ליידנס־וועג האָט זיך געשלענגלט ביז דעם חלוצישן ווערק ? און צי איז דען דאָס אַלץ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אויפן ליטעראַרישן געביט ביי אונז, אין אונזער מיט, ניט פאַרבונדן מיט דער גייסטיקער וועלט, מיט די לעבנס־פּראָנטן פון א געווויסן דור, פון זיין באַוועגונג און ווירקלעכקייט ? און צי איז דען ניט די ריינע יחידישע פּאָעזיע פון אייביק אַן א קינד פון איר דור, פון איר פאָלק, אפילו פון איר קלאַס ?

און צי איז דען מעגלעך זיך פאַרצושטעלן, אַז דאָ אין לאַנד וועט אונז געבוירן ווערן א קונסט, וואָס וועט ניט זיין „אַרבעטעריש״ (ניט אין דער שילד, פאַרשטייט זיך, נאָר אין איר אינווייניקסטער אייגנטימלעכקייט) ? האָט דען די קונסט דאָ אין לאַנד אַן אַנדער זויגונגס־ערד, ווי די ערד פון אַרבעט, איר ווירקלעכקייט און גייסטיקע פּרוכט ? צי איז כלל מעגלעך, אַז צווישן אונז זאָל אַנטשטיין אַן אמתער קינסטלער, א יחיד אָדער א קאָלעקטיוו, וואָס האָט ניט געשלאָגן וואָרצלען אין דער דאָזיקער ערד ? די שרייבער, וואָס קלאָגן זיך אויף דער ליטעראַטור, וועלכע שפּאַנט זיך איין אין דעם אַרבעטער־וואָגן — זייערע אויגן זיינען בלינד געוואָרן, ווייל אויב ס׳איז אין די דאָזיקע יאָרן אויפגעקומען אין לאַנד א גייסטיקע שאַפונג — האָט זי דאָך אויף דער ד אָ ז י ק ע ר ערד אויסגעשפּראָצט און נאָר אויף איר. אַלץ וואָס אויסער איר — איז נאַקעטער שטיין. און וואָלטן זיי זיך פאַרטיפט אין דער זאַך, וואָלטן זיי אפשר איינגעזען, אַז עס האָט אַנדערש ניט געקענט זיין.

פאַראַן צווישן אונז אַזעלכע, וואָס האָבן מורא פאַר דער „שיטה״ און נעמען זי ניט אָן. מיין עצה איז : לאָמיר וועגן דעם ניט פירן קיין ויכוח, לאָמיר אָפּלאָזן די „שיטה״. לאָמיר זען די פאָרשטעלונג, לאָמיר עפענען ברייט אונזער האַרץ, מיר, דאָס פּובליקום, און אויך די שפּילער. לאָמיר אויפנעמען איינדרוקן און זיי אָפן אויסדריקן. און אַז מיר וועלן דערפילן עפּעס וואָס איז פעלערהאַפט, איבעריק, פאַלש, איבערגעטריבן, געשמאַקלאָז — וועלן מיר עס ניט באַהאַלטן. אָבער לאָמיר ניט פאַרוואַנדלען דעם ענין אליין און אונזערע איינדרוקן אין א ויכוח וועגן שטרעמונגען. ווער עס האַלט זיך ביים אַלטן, זאָל זיך ניט פאַרשליסן פאַרן נייעם, און דער אָנהענגער פון נייעם זאָל זיך ניט איינעקשנען און באַרעכטיקן יעדע פעלשונג מיטן תירוץ, אַז ס׳איז „שפּאָגל־ניי״. כ׳בין זיכער, אַז ניט די אָדער יענע שולע וועט איבער אונז הערשן. ווער עס קומט אין לאַנד, ברענגט מיט זיך זיין באַגאַזש. און

אפילו ווען דער באַגאַזש אַנטהאַלט עטלעכע אַנאַכראָניזמען און פּרעמדקייטן, דאַרף מען זיך נישט באַציִען מיט זלזול, ווייל דאָס איז עס וואָס באַרייכערט אונזער גייסט און פירט צו דער צוקונפטיקער קולטור־צוזאַמענ־שמעלצונג פון ארץ־ישראל, אין איר גאַנצקייט. ארץ ישראל איז אַ וויכטיקע לאַבאָראַטאָריִע, און זי לערנט און וועט נאָך לערנען אונז אַלעמען: דעם דענקער, דעם טרייען עסקן, דעם רעזשיסאָר און דעם שפּילער. און אויך דער אָנהעגנער פון אַלטן וועט „גיין אין חדר" אַריין, ווען אויך בעל־כרחו. אַלץ כדי ס׳זאָל אַנטשטיין אַן אמתע קונסט. פאַר איר וועלן מיר זיך אַלע שטעלן אויף די קני.

און אויך אַ רעפּערטואַר וועט זיין.

אין דער הינזיכט האָט דער דערעפענונגס־אָוונט פיל צוגעזאָגט. פּרץ, וועלכער האָט אַלע זיינע יאָרן געשטרעבט מיט אַלע כוחות צו דער בינע און ניט מצליח געווען — האָט דווקא אין ארץ־ישראל און אין העברעאיש געפונען זיין פאַרקערפּערער. און דעם טרייען פאַרקערפּערער, וואָס איז אַריינ־געדרונגען אין פּרץ׳עס גייסט, אָנגעטאָן פלייש זיינע געשטאַלטן און פאַר־וואַנדלט זיין אידעאישע חריפות אין אַ לעבעדיקע נשמה. דאָ איז ווירקלעך געווען „אַ גלגול פון אַ ניגון". אויב ניט רעדן וועגן דעם אָדער יענעם פּרט, האָט דאָך פּרץ אַזוי געזען די זאַכן. און איצט איז דאָ אַ האָפענונג, אַז באַהאַלטענע און וויכטיקע ווינקלען פון אונזער ליטעראַטור וועלן אויפסניי אויפלעבן אין דעם האַרץ פון פובליקום. איז דאָס ניט אַ בשורה פאַר אונזער ליטעראַטור?

אין דער מיט פון אַ צושויער־פּובליקום וואָס אַרבעט און שאַפט, אין דער אַטמאָספער פון קיבוצישקייט, פון דביקות, פון אמתער התלהבות און מסירת־נפש, פון ליבע צום פאָלק, פון געזעלשאַפטלעכע שטרעבונגען און אַ בענקשאַפט צו די קולטור־מקורות — זיינען מיר ניט דערלויבט צו האָפן, אַז עס וועט אַנטשטיין אַ ווערטפולע און וואָגיקע זאַך, וואָס וועט באַפרוכ־פערן אונזער גייסט און דערמונטערן אונזער האַרץ?

סיון תרפ״ו, 1926.

די ארץ־ישראלדיקע ארבעטער־באַוועגונג

דער נס פון דער צווייטער עליה

[רעדע, געהאַלטן אין פּתח־תקוה ביי דער פייערונג פון דער 25־יאָריקן יובל פון דער צווייטער עליה, אַפּריל 1929]

אין יעדן יובליי, אין יעדן געדענק־טאָג, אפילו ווען עס ווערט גע־פייערט א דעראָבערונג — ליגט א שטיק טרויער פאַר דעם בעל־היובל. ס'איז פאַראַן דאָס געפיל פון עבר, פון חסד נעורים, און אין יעדן עבר זיינען פאַראַן ניט נאָר נצחונות און דעראָבערונגען; ס'זיינען פאַראַן אויך מפּלות און פאַרלוסטן און א סך צער. און אין דער מאָס וואָס דער יום־טוב איז א יום־טוב פון מענטשן — אַלע האָבן אין דעם יום־טוב א חלק — איז אונזער חוב צו דערמאָנען ניט נאָר די שטייגנדיקע ליניע פון נצחון, נאָר אויך אַלע פּלאָנטערן און יסורים און אבידות, וואָס זיינען אויסגעפאַלן אויפן חלק פון יעדן איינעם פון אונז. אָבער אונזער באַוועגונג האָט איין זעלטענע אייגנ־שאַפט: אויף איר, אויף דער באַוועגונג, איז ניט חל די אַלטקייט. עס זיינען פאַראַן אבידות, אָבער דאָס געוועב ווערט כסדר באַנייט, און איז היינט אזוי יונג ווי אין זיין אָנהויב. וועגן דעם דאָזיקן נס פון דער צווייטער עליה וויל איך איצט רעדן, ניט כדי צו פאַרקלענערן די חשיבות פון די וואָס זיינען אונז פאַרויס געגאַנגען און די וואָס וועלן קומען נאָך אונז — פיל גבורה און מסירת־נפש וועט נאָך פון זיי געפאָדערט ווערן — און ניט צוליבן ווילן זיך צו גרויסן און זיך אליין בענטשן, נאָר כדי אנצוּוואַרפן עט־לעכע שטריכן וועגן דעם, וואָס עס איז געווען און וואָס עס איז ניט געווען נויטווענדיק פאַר דעם אויפבוי.

פאַר אונז זיינען געווען גרויסע העלדן — ביל"ו, די מענטשן פון זכרון־יעקב, ראשון־לציון, פּתח־תקוה, די מענטשן פון יסוד־המעלה, די מענ־טשן פון ראש־פּינה — וואָס פון שטאַנדפּונקט פון פּערזענלעכער גבורה, קענען מיר זיך מיט זיי ניט פאַרגלייכן. מיט דער דריטער עליה איז צו אונז געקומען א שפע פון יונגער ענערגיע, וואָס האָט געבראַכט צו א מעכטיקן אויפשוווּנג,

וואָס האָט אויסגעברייטערט אונזערע האָריזאָנטן, אין אַ מאָס וואָס איז אונז, די מענטשן פון דער צווייטער עליה, ניט געווען באַקאַנט. אָבער א באַזונדערע ראָלע איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון יענער עליה, וואָס האָט צוזאַמענ־געשמידט די עליה פון די ראשונים מיט די אחרונים.

ווען עס זיינען געקומען די ערשטע, האָט שוין אין זייערע הערצער געלעבט די אידעע פון יידנשטאַט, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין די ווער־טער פון פינסקער און לילינבלום. מיט א נחשון־שפרונג, מיטן גלויבן אַז מאָרגן־איבערמאָרגן וועט דאָס פאָלק קומען אין זייערע פוסטריט, ניט זעענדיק דעם דלות און די קראַפטלאָזיקייט פון דעם פאָלק, זיינען געקומען די מענטשן פון בילו. אָבער קיין המשך איז ניט געווען, און דער לויטערער קוואַל האָט זיך טראָפּנווייז אויסגעטריקנט, צומאָל אפילו אויך געוואָרן אומזויבער, אַזוי אַז עס האָט זיך געדוכט, אַז עס איז ניטאָ קיין האָפענונג, אַז דער קוואַל זאָל אָנהויבן קוועלן פון דאָס ניי, אַז ארום אים זאָלן אָנהויבן שטראָמען נייע קוואַלן וואָס זאָלן זיך צוזאַמענגיסן אין איין טייך. דאַקעגן, האָט די דריטע עליה פאַר זיך שוין געפונען א שטאַרקן שטראָמעדיקן קוואַל, א לעבע־דיק ווערק וואָס וועקט גלויבן, וואָס קען דינען ווי א מוסטער. דאָ איז שוין געווען בטחון אין דעם המשך, דער בטחון אַז נאָך די יחידים וועלן קומען מאַסן.

אַנדערש איז געווען די צווייטע עליה. זי איז געקומען אין א באַזונדער מזל, און די טראַגישקייט וואָס האָט זי באַגלייט האָט זי קריסטאַליזירט און פון איר געמאַכט א כוח אין פאָלק. אין וואָס פאַר א מצב זיינען מיר געקומען? אין ארץ־ישראל איז ניט געווען קיין סימן פון בליאונג, ניט עקאָנאָמישע און ניט קולטורעלע; דאָס איז אויך ניט געווען אין ציוניזם. די ציוניסטישע באַוועגונג איז אין יענעם מאָמענט געשטאַנען אויפן בְרעג פון אָפּגרונט. הערצלס חלום, וואָס איז, מיט זיין גאַנצן שווונג, דאָך געווען א וויתור אויף יעדער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן אומ־גלויבן ,אַז פון אַזא טעטיקייט קען עפּעס אַרויסקומען — דער דאָזיקער חלום האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן א טעמפּער וואַנט. די פליגלען זיינען אָפּגעהאַקט געוואָרן, דאָס ליכט האָט אָנגעהויבן צאַנקען, דער יאוש האָט אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די הערצער, עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צוריקטריט און דער פונאַנדערפאַל פון גאַנצע מחנות, וואָס האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום דער פאָן פון ציוניזם. די הערצלשע תקופה, וואָס האָט געבראַכט די בשורה פון דעם שנעלן קץ פון גלות, מיט דער הילף פון לייכטע מיטלען — דיפּלאָמאַטישע פאַרהאַנדלונגען פון פירער, פאַרקויפן שקלים, קלייבן אביסל געלט — די דאָזיקע תקופה האָט ניט געפונען דעם וועג צו פאַרווירקלעכונג. צוזאַמען מיט דער אַנטוישונג זיינען פאַר דער באַוועגונג געקומען אָרעמע,

מאָגערע טעג — וואָרעם די באַוועגונג האָט אין זיך ניט געפונען דעם כּוח צו פאָדערן ערנסטע מעשׂים, אָנצוצייכענען אַ וועג פון טעטיקייט וואָס זאָל ברענגען צו דער גאולה.

אָבער אינצווישן האָט די באַוועגונג אויפגעהויבן כוואַליעס און האָט אין די מאַסן אויפגעוועקט דעם הונגער נאָך דערלייזונג — און איצט זײַנען זיי געשטאַנען צעטומלטע, בעת אַרום זיי האָבן געדופן פייערלעך, וואָס האָבן פאַרשפּראָכן דערלייזונג פאַר דעם ייִד און דעם מענטש, און אַנגעבאָטן אַן אינהאַלט דעם לעבן פון פּרט. די ציוניסטישע באַוועגונג, מיט אַלע אירע גרויסע גײַסטער, מיט איר אינטענסיווער ייִדישקייט, האָט אַזוינס ניט געקענט פאַרשפּרעכן. אפילו אחד־העם האָט ניט באַוויזן צו אָנטפּלעקן די ווילנס־כּוחות אין דעם ציוניזם און אים פאַרוואַנדלען אין אַן אידעאַל מיט תּביעות, מיט התחייבותן, אַן אידעאַל וואָס לייגט אויף זײַנע אָנהענגער אַרויף דעם עול פון האַרבע געבאָטן. און גראָד בעת עס האָט זיך אויסגעוועפּט און ס׳איז פאַרשוווּנדן יעדע ברייטע האָפענונג אויפן ציוניזם, בעת די גאַנצע ייִדישע יוגנט האָט אָנגעהויבן פאַרלאָזן דעם לאַגער, בעת אַלע יסודות פון דער אידעע פון דעם אָרגאַנישן ציוניזם — ליבע צום לאַנד, אויפלעבונג פון דער שפּראַך, ערד־אַרבעט, האָבן זיך אָנגעהויבן אויפלייזן, גראָד אין יענעם מאָמענט, האָט זיך בדרך נס געפונען אַ קליינע, שוואַכע „שארית", וואָס איז אַליין געשטאַנען אויפן ברעג פון תּהום, און אָט דאָס הייפל האָט אין זיך געפונען אַ משונהדיקן כּוח. ניט קיין אמונה און בטחון, נאָר די קראַפט וואָס האָט זיך אפשר גענומען פון דעם געפיל, אַז ס׳קען זײַן אַז מיר זײַנען די לעצטע, און אויב די געשיכטע האָט גוזר געווען אַז ס׳איז פאַר אונדז ניטאָ קיין צוקונפט און קיין תּקומה, מוזן מיר זײַן די לעצטע, אָבער דעם קאַמפּס־פעלד טאָרן מיר ניט פאַרלאָזן. דער פאַקל וואָס יוסף חיים ברענער — אָט דער טרעגער פון „נאַציאָנאַלער כּפירה" — האָט אָנגעצונדן אויף די ברעגעס פון דער טעמזע מיט זײַן אויסגעשריי „אחרונים נהיה על החומה" — האָט געטאָן זײַן שליחות. עס איז געקומען אַ געפיל פון עקל — עקל צו דער ארץ־ישׂראלדיקער אָפּגעלאָזנקייט, עקל צו דער ווילן־שוואַכקייט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. עס איז געקומען אַ בונט — ניט קעגן רעגירונגען, ניט קעגן דער דעספּאָטיע פון די ראָמאַנאָווס, ניט קעגן דער געזעלשאַפט־לעכער אָרדענונג בכלל — נאָר אַ בונט קעגן דער באַוועגונג אין וועלכער דער דאָזיקער דור איז געבוירן געוואָרן, קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג, — קעגן דער ייִדישער אינטעליגענץ, קעגן דער העברעאישער ליטעראַטור — אַ בונט אויף אַלע שטחים פון לעבן. בלויז איין האָפענונג האָט אפשר געלויכטן פאַר די דאָזיקע מענטשן — די האָפענונג אַז דאָ, אין לאַנד, איז אַלץ כּשורה, און זיי דאַרפן נאָר קומען און ממשיך זײַן.

ס'איז מעגלעך, אז ווען די ערשטע פון דער צווייטער עליה זיינען געפאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט זיי געוואָרעמט די האָפענונג, אז זיי וועלן דאָ געפינען די אידיליע פון א יידישן פויער אין ארץ־ישראל. אָבער מיר ווייסן אלע וואָס די צווייטע עליה האָט אין לאנד געפונען. און דאָ איז אונזער חוב צו דערמאָנען די איינצלנע מענטשן פון די פריערדיקע עליות, וואָס האָבן אונז פארשטאנען און זיינען געקומען צוהילף. אזוי ווי די באַוועגונג וועט געדענקען אירע העלדן, וועט זי אויך געדענקען אירע פריינד, וואָס דער מוסטערהאפטסטער צווישן זיי איז געווען דער פארשטאָרבענער יהושע ברזילי. מיר געדענקען דעם באַשיידענעם מענטשן וואָס איז ניט געווען קיין עסקן און קיין אידעאָלאָג, אָבער ער האָט דער ערשטער געעפנט פאר דעם יידישן ארבעטער דעם וועג צו ארבעט אין דער קאָלאָניע — יעקב קראָל. מיר געדענקען צום גוטן דעם ביל"ו חיים חיסין, דעם ארץ־ישראלדיקן פאָרשטייער פון די חובבי ציון אין יענער צייט. און מיר געדענקען א מענטשן, וואָס איז געווען א באַאמטער ביים באַראָן, אָבער אין אים האָט געלעבט די נשמה פון א חלוץ — חיים קאַלוואַריסקי. מיר דערמאָנען זיך דעם ערשטן דאָקטאָר וואָס האָט זיך אָפּגערופן אויף דעם ארבעטערס ליידן און איז אים מסירת־נפשדיק געקומען צו הילף — ד"ר הלל יפה. מיר געדענקען ד"ר מאלקין, דעם זעלטענעם מענטשן, וועלכער איז אויך געווען צווישן די ערשטע וואָס האָבן דעם ארבעטער אויסגעשטרעקט א האַנט. מיר געדענקען דעם נאָמען פון דעם ערשטן צווישן די באַאמטע פון יק"א, וועלכער האָט אריינגעפירט דעם יידישן ארבעטער און ארבעטערין אין דער ארבעט און אויף דער שמירה, דעם אַגראָנאָם אליהו קראוזע, דעמאָלט דער לייטער פון דער פערמע סעדזשערא. און מיר אלע געדענקען דעם מענטשן וואָס איז צווישן אונז דעמאָלט ארומגעגאנגען ווי א לעגענדע, און וועט נאָך אונז זיין א לעגענדע אין דער צוקונפט — יהושע כאנקין, דער אויסלייזער פון עמק יזרעאל, דער גרויסער ברודער פון דעם יידישן ארבעטער אין לאנד. מען דארף אויך ניט פארגעסן, אז אין דער גאנצער פרעמדקייט וואָס האָט געהערשט אין דער ציוניסטישער טוערשאפט, אין דער פארשטענדענישלאָזיקייט פאר אזא דערשיינונג ווי די צווייטע עליה, וואָס ס'האָט געהערשט צווישן הערצלס אָפּיציעלע יורשים, ווי דוד וואָלפסאָן און זיינע פריינד, איז געווען איין מענטש, וואָס האָט ניט געקוקט אויף דער גאנצער ווייטקייט אין יאָרן און באַגריפן, אויף זיין אייגענעם שטייגער פארשטאנען דעם ווערט פון דעם ארבעטער און דעם חלוץ אין לאנד, — דאָס איז געווען מנחם אוסישקין.

דוכט זיך, אז מיט דעם איז געענדיקט די שיינע און באַשיידענע רשימה פון אונזערע פריינד און העלפער. פאר די אנדערע קרייזן אין ישוב זיינען

מיר געווען... — עס איז איצטער ניט די צייט צו באַנוצן די שאַרפע ווער־טער — ניט־געבעטענע געסט. קיינער האָט אונז ניט איינגעלאַדן און קיינער האָט אונז ניט געדאַרפט. אין אונזערע הענט האָט מען זיך ניט געגוויטיקט, און אין אונזער שכל — אוודאי ניט. ערשט שפּעטער, ווען מיר האָבן שוין געקענט פאַרצייכענען געוויסע דערגרייכונגען אין לאַנד, האָט זיך אין דעם ציוניזם באַוויזן דער יחיד במינו, דער מענטש, וועלכער איז — איך זאָג דאָס מיט מיין פולן באַוווּסטזיין — דער איינציקער אין דור וואָס האָט מיט דער גאַנצער טיפקייט פאַרשטאַנען די היסטאָרישע באַדייטונג פון דער יידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל — אַרטור רופּין. אין דער לאַגע פון שרעקלעכער פאַריתומטקייט אין דעם יידנטום — דאָס יידנטום פון נאָך קישינעוו און האָמעל און 1905 — וואָס האָט, ניט געקוקט אויף דעם פאַרשטאַרקטן באַציאַנאַלן ווייטיק, דאָך אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם וועג אָדער געזוכט דעם אויסוועג בלויז אין דעם אָפּזאָגן זיך פון דעם ציוניסטישן חלום; אין דער לאַגע פון פאַריתומטקייט צווישן פּאַרטיי־ און אידעע־חברים; אין דער לאַגע פון פאַריתומטקייט און פרעמדקייט אין דעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל — האָט די צווייטע עליה ממשיך געווען איר וועג, ניט שטענדיק מיט גלויבן, נאָר זייער אָפט אויס לעצטן יאוש; ניט אויס פרייד אין דער שיינקייט פון גלויבן, נאָר אויס עקל צו דער מיאוסקייט פון פאַרראַט, פון שוואַכקייט און רעזיגנאַציע; פאָלגנדיק דעם אינערלעכן באַפעל זיך מתגבר צו זיין און ניט פאַרלאָזן דעם קאַמפּס־פעלד.

מיר טאָרן זיך, חלילה, ניט שאַפן קיין אילוזיעס. לאָמיר ניט שילדערן די צווייטע עליה מיט פאַלשע פאַרבן. לאָמיר ניט באַטראַכטן יעדן איינעם פון אירע מענטשן ווי א העלד. מיר זיינען אויך היינט, אַזוי ווי מיר זיינען געווען בעת מיר זיינען עולה געווען פון גלות — אודים מוצלים מאש (האַלעוועשקעס וואָס זיינען געראַטעוועט פון פייער). מיר זיינען דורכגע־גאַנגען א כסדרדיקן סעלעקציע־פּראָצעס און עס האָט אין אונז געווירקט א כסדרדיקער ווידערשטאַנד־כוח. דער כסדרדיקער צוואַנג זיך אָנצושטרענגען, אָט דאָס האָט אונז אויסגעפורעמט און מעגלעך געמאַכט צו ווערן דער רינג אין דער קייט צווישן די ביל״ויים און דער לעצטער עליה. און אויב מיר וועלן מאַכן א חשבון, ניט בלויז דעם פערזענלעכן חשבון פון געווינס און פאַרלוסט — כאָטש עס איז מעגלעך, אַז ווי יחידים האָבן מיר דאָ געגאָסן דעם גרעסטן יוגנט־גליק, וואָרעם ניט נאָר די דעראָבערונגען, נאָר אויך די יסורים האָבן אונז געגעבן פרייד, זיינען פאַר אונז געווען א שפּיל — אויב מיר זאָלן מאַכן אָט דעם חשבון פון דער תקופה, וועלן מיר דערשטוינט ווערן זעענדיק, וואָס פאַרא מעגלעכקייטן עס זיינען נאָך פאַרבאָרגן אין ארץ־ישראל, אויב ווייניקע און שוואַכע ווי מיר האָבן דאָס אַלץ געקענט שאַפן. מיר וועלן

דערשטויגט ווערן פון דעם גרויסן עקאָנאָמישן און סאָציאַלן, קולטורעלן און פּערזענלעך־מאָראַלישן קאַפּיטאַל, וואָס די צווייטע עליה האָט איבערגעלאָזט די וואָס וועלן איר נאָכפאָלגן. מיר וועלן באַוואונדערן דעם גרויסן גליק וואָס איז באַשערט געווען דעם דאָזיקן דור. דער דאָזיקער דור האָט זוכה געווען מחדש צו זיין וויכטיקע ווערטן פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג און דעם גאַנצן פאָלק, פאַר דער העברעאישער ליטעראַטור און ארץ־ישראלדיקן ישוב. און אפשר האָבן די דאָזיקע נייע ווערטן אַזאַ באַדייטונג, אַז זייער ליכט וועט אַרויס אַריבער די גרענעצן אין וועלכע מיר לעבן. ווען מען פאַרגלייכט דעם אינהאַלט פון דעם ציוניזם, ווי ער איז געווען פאַר אונדז מיט זיין אינהאַלט איצט, מוז מען אייַנזען אַז די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג איז אַ דאַנק דער צווייטער עליה באַרייכערט געוואָרן, קאָמפּליצירטער געוואָרן, האָט אין זיך איינגעזאַפּט ברייטע נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע ווערטן. וואָרעם וואָס עס זאָל האָבן געווען, היסטאָריש גערעדט, די וויזיע פון הרצל, האָט זיך דאָך פאַרן פאָלק דער עצם אינהאַלט פון ציוניזם אַריינגעפּרעסט אין עטלעכע עלעמענטאַרע באַגריפן — לאַנד, מדינה, שפּראַך. דער מאָראַלישער אינהאַלט וואָס איז אַנטהאַלטן אין דעם באַגריף, וואָס די צווייטע עליה האָט געגעבן דעם ציוניזם, דער באַגריף „אַרבעט" מיט זיין ווירטשאַפטלעכן און סאָציאַלן פּירוש — האָט ניט נאָר טראַנספאָרמירט די ווירקלעכקייט פון דעם יידישן ארץ־ישראל נאָר אויך דאָס פּנים פון דער יידישער יוגנט אין גלות; און ס'איז ניטאָ קיין בעסערער באַווייז דערפאַר, ווי דאָס וואָס אַפילו אַן אַנטי־פּראָלעטאַרישע יוגנט־באַוועגונג איז היינט געצוווּנגען צו רעדן אין נאָמען פון דעם אַרבעטס־געדאַנק. אַפילו די חובבי ציון וואָס האָבן אונדז געגעבן די עצה: „היכבד ושב בביתך" — זיינען געצוווּנגען געווען צו לערנען, ניט אַ דאַנק דעם כּוח פון אונדזערע ווערטער, נאָר אַ דאַנק דעם כּוח פון די פאַקטן וואָס מיר האָבן באַשאַפן, די באַדייטונג פון דער אַרבעט אין דער דערלייזונג פון פאָלק.

און אויך דעם ארץ־ישראלדיקן ישוב האָבן מיר עפּעס געגעבן. מיר האָבן געשאַפן די צעלן פון דעם צוקונפטיקן יידנשטאַט און אַריינגעשטראָמט ניי בלוט ניט נאָר אין דער באַוועגונג, נאָר אויך אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. ווער עס געדענקט די לאַגע פון די קאָלאָניעס מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, ווייס ווי באַדנלאָז עס איז געווען זייער קיום, ווי אָרעם עס איז געווען זייער ווירטשאַפטלעכער פּאַרנעס. אַז מען גייט איצט אַרויס און מען זעט די מילך־ווירטשאַפט וואָס די אַרבעטנדיקע קאָלאָניזאַציע האָט געשאַפן, די גרינס־גערטנער, די עופות־צוכט, די יונגע פלאַנטאַציע־צווייגן, „תנובה", — מוז מען מודה זיין, אַז די באַוועגונג פון די וואָס מען האָט גערופן „שמענדריקעס" האָט געשאַפן ניט נאָר פּאָליטישע און מאָראַלישע

קנינים, נאָר אויך ווירטשאַפטלעכע קנינים פון דעם גרעסטן ווערט, ניט נאָר פאַרן ציוניזם, נאָר אויך פאַר אונזער עקאָנאָמיק.

אין געזעלשאַפטלעכן זינען האָט אונזער באַוועגונג זוכה געווען אויס־צורייסן מיטן וואָרצל א צאָל „פאַרפוילטע באַגריפן" — א פאַרשפּרייטער אויס־דרוק אין יענע טעג — ווי „תמיכה" און „שנוררות", עקספּלואַטאַציע און פּאַראַזיטיזם. שוין אין דער פאָדערונג וואָס מיר האָבן געשטעלט „וחי אחיך עמך", איז געלעגן א גרויסער סאָציאַלער אינהאַלט. פון דעם איז אַרויס־געוואַקסן די אַרבעטנדיקע קאָלאָניזאַציע אין אַלע אירע פאָרמען, די ווירט־שאַפטלעכע דעמאָקראַטיע, די קבוצה, דער מושב און דער קיבוץ, די גלייכהייט פון מאַן און פרוי, די דערציאונג פון קינד צום אַרבעטס־לעבן. און אַז מיר וואַרפן אַ בליק אויפן פּאָליטישן לעבן, זעען מיר ווידער, אַז די חלומות וואָס עס האָבן אין זיך אין דער פריערדיקער עפּאָכע געטראָגן איינזאַמע און געוואָגטע יחידים, ווי מ י כ א ל ה א ל פ ע ר י ן, האָבן אָנגעהויבן פאַרווירקלעכט ווערן אין די טעג פון דער צווייטער עליה. פון דער זעלבסטשוץ און דעם „השומר" און ביז דער מאָביליזאַציע אין דעם יידישן לעגיאָן — א ריי וואַגיקע און שטאַרקע אויסדרוקן פון יידישער פּאָליטיק אין ארץ־ישראל. אויפן געביט פון שפּראַך און קולטור וועלן מיר תמיד געדענקען די וואָס האָבן געקעמפט און געווירקט אויף דעם דאָזיקן פעלד, אָבער דער זכות אַרויסצופירן די העברעאישע שפּראַך פון דער שול און פון דער אינטעליגענטער פאַמיליע אין מאַרק אַרויס, אין גאַס און אין דער ווירטשאַפט, איז באַשערט געווען דער צווייטער עליה. די צווייטע עליה, וואָס איז ניט באַשטאַנען דווקא פון אינטעליגענטן, האָט מיט איר טיפן חוש פאַרשטאַנען גלייך פון דער ערשטער רגע זיך צו באַהעפטן מיט דער העברעאישער שפּראַך און זי צו פאַרוואַנדלען אין אַ לעבעדיקער שפּראַך.

די צווייטע עליה האָט עפּעס פאַרצייכנט אויך אין דער אַרבעטס־ליטעראַטור. די גאַנצע העברעאישע ליטעראַטור אין דער לעצטער תקופה האָט געמאַכט א גרויסן צושטייער צום פלעגן דעם ווילן צו נאַציאָנאַלער אויפ־ריכטונג. פון א ב ר ה ם מ א פּ ו ביז פ י י ע ר ב ע ר ג, פון מ י כ"ל ביז ז א ב י ע ב ץ, פון ר נ"ק ביז דעם „המעורר" — זיי אַלע האָבן געשאַפן צעלן פון געפיל און ווילן, וואָס האָבן געפונען זייער תיקון אין דער צווייטער עליה. און אויב ב ע ר ד י ט ש ע ווס ק י האָט, אָן א לייענער, אָן דער האָפענונג אַז עמיצער זאָל אים הערן, אָן קיין שום פעאיקייט צו דעקלאַראַציעס, אויפגעדעקט די שוואַכקייט פון דעם ציוניזם, איז געקומען די צווייטע עליה און געבראַכט די לייזונג פון זיין חלום. אָבער די צייט, אין וועלכער עס איז אויפגעקומען די צווייטע עליה, איז אויך געווען אַן אימהדיקע שעה פאַר אונזער ליטעראַטור אין מזרח־אייראָפּע, ענלעך צו דעם מאָמענט וואָס די העברעאישע ליטעראַטור

האָט איבערגעלעבט אין דייטשלאַנד ביים סוף פון דער השכלה־עפּאָכע. די העברעאישע ליטעראַטור האָט דעמאָלט פאַרלאָרן אַלע געזעלשאַפטלעכע כוחות, ס'איז געווען אַ מאָמענט פון אַ מאַסן־דעזערטירן פון קאַמפּס־פעלד. אין יענעם מאָמענט זיינען געקומען די מענטשן פון דער צווייטער עליה און האָבן געשאַפן, אויב ניט די ליטעראַטור, איז דעם באַזיס אויף וועלכן די צוקונפטיקע ליטעראַטור האָט געקענט געבויט ווערן — דעם העברעאישן לייענער.

און אויסער די אַלע קאָנקרעטע ווערטן האָט די צווייטע עליה אונדז געגעבן זיך אַליין: אַ טיפּ מענטש. די באַדייטונג פון די ביל"ויים איז געלעגן ניט נאָר אין דעם בויען גדרה, נאָר אין דער לעגענדע וואָס זיי האָבן געשאַפן אין פאָלק, די לעגענדע מיט וועלכער מיר האָבן געקוויקט אונדזערע הונגעריקע און דאָרשטיקע נשמות. אַזוי איז אויך געווען די צווייטע עליה: דאָס פאַרבילד פון דעם עקשן, וואָס ווייסט ניט ווי אַזוי מען פאַרלאָזט דעם קאַמף־פעלד — דאָס האָט אונדז געגעבן די צווייטע עליה.

בעת מיר סומירן איצט אונדזער לעבנס־ווערק, ווערט אַזוי פאַרשטענד־לעך די ברכה וואָס חברה חיותה בוסל האָט זיך אַליין געגעבן: אַז מיר זאָלן ניט וויסן פון קיין מלחמה צווישן טאַטעס און זין. און ניט אויפן חשבון פון די זין דאַרף מען דאָס פאַרשטיין — אַז זיי זאָלן ניט זיין קיין באַנייער און בונטאַרן — נאָר אויף אונדזער אייגענעם חשבון. מיר האָבן געזען פּראָצעסן פון מיד־ווערן און אַלט־ווערן אין חוץ־לאָרץ און אויך ביי אונדז. און איצט, ווען אונדזער עליה געפינט זיך שוין אין די מיטעלע יאָרן, דאַרף זי אויף זיך נעמען שווערע פליכטן. זי דאַרף וויסן, אַז זי האָט ניט קיין רעכט אַלט צו ווערן, וואָרעם זי שטייט נאָך — פון שטאַנדפּונקט פון דעם פאַרנעם פון אונדזער ווערק — ביים סאַמע אָנהויב. מיט דער הילף פון די אַלע אינסטרומענטן וואָס מיר האָבן געשאַפן — חברת העובדים, ניר, המשביר, ועדת התרבות, און אַנדערע — וועט די צווייטע עליה זיך פון דאָס ניי באַהעפטן מיט אַלע נייע מצוות, וואָס וועלן אויף אונדז נאָך אַרויפגעלייגט ווערן. און לאָמיר אויך ווינטשן דער נייער עליה וואָס וועט קומען אין לאַנד — אָט די איינציקע גאַראַנטיע, אַז אונדזער ווערק וועט לעבן — אַז די טראַגישע קאָנפליקטן צווישן אונדז און אונדזערע פאַרלויפער זאָלן דאָס מאָל אונדז אויסמיידן, און אַז מיר זאָלן אַלע מיט זיך תמיד פאַרשטעלן איין גלויבן און איין ווערק.

ארבעטער־אחדות

[פון בערל קאַצנעלסאָנס גרויסן מאמר „אחדות העבודה" צו דער ערשטער פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ אין פּתח־תקוה, כ"ד באדר א' תרס"ט, 1919]

א.

דער ווילן צו ארבעטער־ אחדות און אָרגאַניזירטקייט שטאמט פון דער ארבעטס־אייניקייט אין לעבן, פון דער קאָנקרעטער, אמתער, נאַטירלעכער ארבעטס־אייניקייט. אין לעבן, אין אמת פון לעבן, אין זיין וויטאָג, זיין שאַפונג, זיינע ליידן, זיין טרייסט — זענען מיר איין גאַנצעס: דער יידישער ארבעטער אין לאַנד. אפשר די איינציקע אייגנאַרטיקע פאָרמאַציע אין דער גאַנצער יידישער וועלט. אַלץ וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט אין לאַנד, די באַדינגונגען פון עקזיסטענץ, די ארבעט, די הגנה, די קראַנקייטן און וויטאָגן, די שוואַכקייטן און העלדישקייטן, אונזערע ווייטע פריינד און נאָענטע שונאים, —אַלץ, אַלץ פאַראייניקט, פאַרבינדט, גלייכט אויס אין שווערן קאַמף, ווענדעט אונזער פנים צו דעם איינציקן פולן אידעאַל, איז אונז מחייב אומעטום צו די זעלבע מעשים און וועגן. דאָס אַלץ מאַכט פון אונז איין „כלל" אין לאַנד. און טראַץ דעם אַלעמען הערן ניט אויף אונז צו פרעסן אויסערלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע שטרייטיקייטן, אָפּגעפרעמדקייט און אָפּגעזונדערטקייט.

צו וואָס? וואָס פאַר א זין האָבן די ארבעטער־שפּאַלטונגען? צי דען שפּאַלטן אונז לעבנס־בלוטיקע ענינים?

פון אונזער געבורטס־לאַנד, פון טאַטנס־היים האָבן מיר מיטגעבראַכט מיט זיך אונזערע שפּאַלטונגען. פון פאַרשיידענע שולן זיינען ארויס אונזערע חלוצים און געבראַכט מיט זיך קיין ארץ ישראל זייער ריידנס־אַרט, זייער פּראָזן־געברויך, זייערע טראַדיציאָנעלע באַציאונגען, זייערע אָפּשאַצונגען לויט א באַשטימטן נוסח. ווי זין פון פרעמדע שבטים, „יעדער אין זיין מחנה און אונטער זיין פאָן", צעשפּאָלטענע און קעגנזייטיק אָפּגעפרעמדטע — האָבן זיך דאָ באַגעגנט די חלוצים. און אז זיי זענען געקומען, האָבן זיי זיך אויס־געבויט יעדער א הייזל און יעדער א קלייזל פאַר זיך. צי איז נישט דאָס אַלץ פאַרעלטערט און אָפּגעלעבט? די לופט פון לאַנד, די אַטמאָספערע פון דער ארבעט האָט אונז ארומגערינגלט און געבראַכט צום היינטיקן מעמד. די ארבעט האָט אונז פאַרהאַרטעוועט, די לעבנס־יסורים האָבן אונז געשמידט, דער ווילן צו ווידעראויפלעבונג האָט אונז פאַרשיכורט, די העבראַאישע שפּראַך האָט זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט און האָט אונז דעראָבערט. איינציק איז די ליבע און איינציק די קנאה, איינציק איז די ביטערניש און איינציק דער שמערץ, און דאָך זיינען מיר געבליבן צעריסן, אָפּגעפרעמדט, פיינטלעך.

דאָס לאַנד האָט נישט געמאַכט קיין חילוק צווישן אונז, נישט זיינע קראַנקייטן, נישט די קויל פון שונא, נישט די אָרימקייט און נויט; סיי די רדיפות פון פיינט, סיי דער שפּאָט פון זאַטע און צופרידענע האָבן צווישן אונז ניט פונאַנדערגעטיילט. פונאַנדערגעטיילט האָט די ריידעריי, די געצענדינעריי פון ווערטער.

צוזאַמען זענען מיר געשטאַנען אויפן וואַך, צוזאַמען האָבן מיר געליטן אַרבעטס־וואַגלעניש, צוזאַמען האָבן מיר געוואַנדערט פון קאָלאָניע צו קאָלאָניע, צוזאַמען זענען מיר געלעגן אין די קראַנקן־הייזער, צוזאַמען זענען מיר געלייטערט געוואָרן אין אַלע שמעלץ־טעפּ, צוזאַמען האָבן מיר זיך פריי־וויליק מאָביליזירט — און נישט פאַרלאָזן אונזער פּאָזיציע.

מיר בויען צוזאַמען דאָס קבוצה־לעבן אין לאַנד. דעם מאַרך פון די ביינער, די יוגנט־זאַפט גיסן מיר אַריין אין די דאָזיקע ציגל, פון וועלכע ס'וועט אפשר אויפגעבויט ווערן אַ צוקונפטיקע אַרבעטס־געביידע. צוזאַמען פאַלן מיר, שטייען אויף און קלעטערן ווייטער, אין דער דאָזיקער אַרבעט, וועלכע איז אונז ניט אויפגעצוווּנגען געוואָרן פון דרויסן, לויט עמיצנס באַפעל, אָדער טעאָריע, נאָר ווייל אונזער אינערלעכער מהות מאָנט ביי אונז און באַפעלט אונז; דעם גאַנצן כוח פון סאָציאַלער שאַפונג, וועלכער איז אין אונז פאַר־באָרגן, טראָגן מיר אַריין אין דער דאָזיקער אַרבעט; מיר דריקן אויס דערמיט אונזער אמתע, גרינטלעכע, אָרגאַנישע נאָענטשאַפט צו דער אַרבעטס־באַוועגונג אין גאָר דער וועלט, און נישט מיט אויסערלעכע דעקלאַמאַציעס, נאָר מיט מעשים, מיט דער פּראַצע פון אונזערע הענט. און אָט זיינען פאַראַן קרייזן, וואָס האָבן זוכה געווען צו טראָגן אַ באַזונדערן שטעמפּל פון סאָציאַליזם, און די איבעריקע — זענען סתם־קרייזן, אָן אַ באַזונדערן נאָמען.

צוזאַמען בויען מיר די צוקונפטיקע העברעאישע קולטור אין לאַנד. מיט אַן אָנשטרענגונג פון אונזערע שוואַכע כוחות ווערן געשאַפן התחלות פון אַ נייער העברעאישער ליטעראַטור, וועלכע ציט איר יניקה פון אונזער לעבנס־קוואַל, דעם קוואַל פון אַרבעט און לעבן פון דעם נייעם ישוב, בירגערט זיך איין די העברעאישע שפּראַך אין מויל פון פאָלק, באַהעפטן זיך נייע מענטשן, אָן וויסן און בילדונג, צו די ווערטן פון דער העברעאישער קולטור, און דאָס אַלץ ווערט געטאָן אין שווערע באַדינגונגען, ביי אַן אומאויפהערלעכער אָנ־שטרענגונג פון ענערגיע, וועלכע קאָסט די נייע, די „גרים", ריזיקע אומ־שאַצבאַרע כוחות, צער און גלוסטונג, וואָס די גליקלעכע, די „וויסערס", וויסן ניט זייער טעם. און אָט באַשטימט מען פאַר אונז מדרגות: די זיינען העברעער אָן פשרות, און מיר — אַלע — זיינען מיר „פשרה־מאַכערס".

מען שניידט פלייש פון אַ לעבעדיקן, מען צייכנט גרענעצן און מען פאַרווישט גרענעצן, מען הענגט אויס שילדן און מען מאַכט מאַנאָפּאָלן אויף

גייסטיקע גיטער און לעבנס־שטרעבונגען, פונקט ווי ס׳וואָלט מעגלעך געווען, אַז מיר, קינדער פון איין ווירקלעכקייט און איין שאַפונג, זאָלן האָבן פאַר־שידענע באַדערפעניש און פאַרשידענע שטרעבונגען. און אַז ס׳זענען ניט בנמצא ספּעציעלע „שטרעמונגען״ אין די באַדערפענישן און אין די שטרע־בונגען, זוכט מען און מען טראָגט אַריין אין באַגריף פון געזעלשאַפטלעכע שטרעמונגען כל מיני מדרגות פון מידות און טעמפּעראַמענטן און זעלישע באַציאונגען, און מען מאַכט זיי פאַר אַן אייגנטום פון באַשטימטע געזעלשאַפט־לעכע גרופּן, און אַ פרעמדער, חלילה, טאָר ניט האָבן אין זיי קיין שום חלק. און די וועלכע זענען ממונה אויף דער דאָזיקער געזעלשאַפטלעכער חלוקה ווייסן גענוי, ווער עס פאַרמאָגט בענקעניש צום פאָטערלאַנד און פילט דעם צער פון פאָלק און ווער ניט, ווער עס האָט אַ שאַפונגס־ווילן און ווער — אַ סאָציאַלן באַוווסטזיין און ווער — געפילן פון בונט און אויפשטאַנד. מיט אַ ברייטער האַנט פאַרטיילן זיי די „פּעטע חלקים״ צווישן יענע, וועלכע זענען לויט זייער מיינונג — ראוי, און די איבעריקע, דעם ערב־רב, וואַרפן זיי צו די ביינער.

מען מאַכט וואָכעדיק דעם גאַנצן לעבן פונם כלל, פונם עולם, צוליב דער הייליקייט פון אַ קרייז, וועלכער איז ממונה אויף עפּעס אַזוינס, וואָס איז באַשטימט און הייליק בלויז פאַר אים. און דאָס רופט מען מיטן נאָמען: סאָציאַליזם אָדער נאַציאָנאַליזם, און מען פּלפּולט זיך און מען דיסקוטירט: וואָס איז וויכטיקער, וועמען געבן דעם פרימאַט. פונקט ווי אין דער ווירקלעכ־קייט פון ייִדישן אַרבעטער אין לאַנד — נישט אין ווערטער־פּלוידעריי — איז דאָ נאַציאָנאַליזם אָן סאָציאַליזם אָדער סאָציאַליזם אָן נאַציאָנאַליזם, פונקט ווי ס׳וואָלטן ביי אונדז געווען אַרבעטער, וואָס זייער ציוניזם דערלאָזט די פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע פון אַרבעטער, אָדער אַרבעטער, וואָס זייערע סאָציאַליסטישע פאַרלאַנגען שוועבן אין פרעמדע וועלטן און האָבן ניט קיין שייכות צום אויפבוי פון פאָלק און פון לאַנד.

און לאָמיר אָננעמען, אַז ס׳איז פאַרט עפּעס פאַראַן, אַז ס׳זענען דאָ, כביכול, אַזעלכע צייכנס, וואָס געהערן דווקא דער אָדער יענער קאַסטע (און דער רוב פון אונדז, וואָס האָט ניט קיין שייכות צו די אַלע דעפיניציעס, וואָס פאַר אַ צייכנס האָט ער?) — צי דען דאָס אָפּהיטן פון די פּאָזיטיווע אייגנשאַפטן פאָדערט דווקא, אַז מען זאָל זיך אָפּטיילן און אָפּזונדערן? צי דען געהערט ניט די סאָציאַלע שאַפונג פון גאַנצן לאַנד, אַזוי ווי זי איז, מיט איר כוח און שוואַכקייט, — צום גאַנצן אַרבעטער־כלל? צי האָט אַ זין צו צעשפּליטערן דעם פאַרמעגן פון גאַנצן כלל, וואָס געהערט צו אונדז אַלע — אויף קליינינטשקע לייסטונגס־שוואַכע, גייסטיק־מאָגערע ווירטשאַפטן, וואָס היטן אָפּ זייער אייגענעם ירושה־פאַרמעגן אַנשטאָט שטרעבן צו אַ פאַראייניקונג פון לעבן,

צו א שטאַרקונג פון כוחות, צו א קעגנזייטיקן באַאיינפלוסן, צו א גרויסער שפּרודלדיקער טאַט?

צו גרויס איז דער שטייער, וועלכן מיר האָבן געצאָלט און מיר צאָלן אונזערע אָרעמע גייסטיקע היימען, דער טראַדיציע פון שמות, וואָס אונזער לעבן האָט זיי שוין לאַנג איבערגעשטיגן מיט זיין אינהאַלט און באַשטאַנד. אונזערע זיידעס פלעגן ברענגען ארץ־ישראלדיקע ערד און לייגן צוקאָפּנס אין זייערע קברים. אין מיר, קומענדיק אין לאַנד, האָבן מיר אָנגעפילט אונזערע קעשענעס מיט גלות־ערד און מיר באַשיטן מיט איר דעם באָדן פון אונזער לעבן. און דעם אמת זאָגנדיק, זענען מיר דאָך אויך דאָרט, אין דעם ווייטן היימלאַנד אויסגעהאַקט געוואָרן פון איין פעלז, און אויך דאָרט זיינען מיר צעשטויבט געוואָרן, ווייל ס׳האָט אונז געפעלט איין צענטראַלער געדאַנק, איין אמתע טאַט, און אָט דעם דאָזיקן געדאַנק און טאַט האָט אונז געגעבן ארץ־ישראל. צי דאַרפן מיר ווייטער פאַרזעצן און ממשיך זיין אונזער שפּאַלטונג אין אונזער איינציקער ארבעט און איבערגעבן די שפּאַלטונג, אַזוי ווי די חסידים און מתנגדים, אלס אייביקע ירושה אונזערע קינדער און קינדס־קינדער?

...וואָלט לכל הפחות אין אונזער לעבן געווען א ברייטער רוים פאַרן צוזאַמענשטויס פון מיינונגען און שטרעמונגען, פאַרן געראַנגל פון געדאַנקען און מעשים — וואָלטן מיר געשוויגן, וואָלטן מיר געמוזט אָננעמען די רויז צוזאַמען מיט די דערנער. אבער עס איז דאָך נישט פאַראַן קיין שום אינהאַלט פאַר די שפּאַלטונגען, אחוץ א פאַרבלענדעניש, וואָס זעט נישט דאָס וואָס איז דאָ און זעט דאָס, וואָס איז נישטאָ. מענטשן זוכן א שפּאַלטונג און גראָבן זי אַרויס פון אונטער דער ערד, בשעת מיר שטייען אַלע צוזאַמען אויף א שמאָלן ברעטל! דער עצם פאַקט וואָס מען געפינט אָרגאַניזאַציאָנעלע פּירודים, וואָס האָבן נישט אונטער זיך קיין באַזיס פון אמתע חיוניותדיקע פּירודים — איז א מקור פון צרות און אומגליקן. א „פּאַרטיי", אַז זי האָט ניט א באַזונדערן אידעאישן אינהאַלט,מוז אַראָפּנידערן און ווערן א קליקע, א „אנשי־שלומנו"־זאַך, און די באַציאונגען צו אידייען, צו ליטעראַטור, אפילו צו פּאָעזיע, הערן אויף צו זיין באַפרייענדיקע, באַפרוכפּערנדיקע באַציאונגען. די פּאַרטיישע „געטריישאַפט" ברענגט דערצו, אַז אויך דאָרט הויבן אָן צו הערשן די באַזיץ־באַגריפן „מיינע" און „דיינע", און יעדער נייער געדאַנק און טאָט שטויסט זיך קודם־כל אָן אויף דער שאלה: „ביסט אָן אונזעריקער?"

אַז דו באַטראַכסט די פאַרשידענע קונדסערייען וואָס פרעסן אונז אויף, די אַלע קריגערייען און רייסענישן וואָס האָבן אויפגעטרייסלט אונזער לעבן און האָבן געמאַכט א תל פון אונז, אַז דו באַקלערסט זייער אינהאַלט און זין — ווערט בלאַס אונזער פּנים. וויבאַלד ס׳האָט געפעלט א באַזונדערע אידעע, א באַזונדערער אונטערשיידנדיקער אינהאַלט — פלעגט יעדער טעות אָדער

רשעות פון א פוסטן אינטריגאנט, פון א נארישן חטאים־זוכער, ארויסרופן א שטורעם, פארביטערן אונזער לעבן און מאכן אונז אלע צו שאנד, און אלץ, פארשטייט זיך, לשם שמים. וואַלן פון אַן ארבעטער־קאָמיטעט אין א קאָלאָ־ ניע פלעגן פארוואנדלט ווערן אין אַן אָביעקט פון קריגערייען און צאנקערייען, פון א צוזאמענשטויס פון וועלט־אַנשויאונגען כביכול. די בעסערע פון די פאר־ טיי־לייט פלעגן צוזאמען מיט אונז וויינען און קלאָגן דערויף. אבער ס׳איז נישט געווען דערצו קיין שום תרופה. ס׳זענען אפילו געווען א זעלכע, וואָס האָבן געזאָגט: איין פארטיי ווערט אויפגעבויט דורכן חורבן פון דער צווייטער. אין די שפארעס פון די היינטיקע פירודים וווינט די „קליפה", און זי רופט ארויס דעם שדים־טאנץ אין אונזער לעבן און איז מכשיל אויך יחידים מיט ריינע כוונות.

צי קאָן מען אויסדריקן מיט ווערטער די באזונדערע בויטוועגדיקייט אנצושטרענגען אלע אונזערע כוחות? און מיר, וואָס טוען מיר? ווער וועט אונז באדויערן, ווער זעט דאָס לעכערלעכע פון אונזער מצב? מיר זיינען געגליכן צו א קינד, וואָס האָט זיך צוגעבונדן אין א פערד־שפיל מיט א שטריק און וואגט נישט אָפצובינדן זיך, טאָמער, טאָמער חלילה וועט ער אויפהערן צו זיין א פערד.

גיט א קוק און זעט: לעבנס־זאכן, וואָס ווערן יעדן טאָג באשאפן, פשוטע, טאָג־טעגלעכע ענינים — פאראייניקן. אונזער נאציאָנאלער רענע־ סאנס, די באפרייאונג פון ארבעט, די אויפלעבונג פון אונזער שפראך — דאָס אלץ פאראייניקט. אלץ וואָס האָט א שייכות צו באפרייאונג — פאראייניקט. ווער זשע טיילט פונאנדער? די רעשטלעך פון גלות טיילן פונאנדער.

צי איז דען דער חלוציזם נישט דער אלגעמיינער יסוד פאר אונז אלע, אויך די וואָס פראָקלאַמירן אים מער און אויך די וואָס פראָקלאַמירן אים ווייניקער? צי איז דער פערזענלעכער, סאָציאלער און נאציאָנאלער אינהאלט פון די, וואָס האָבן זיך מתנדב־געווען פארן פאָלק, און דער פרייוויליקער דינסט פון חלוץ — נישט געמיינזאם פאר דער גאנצער ארבעטס־באוועגונג? צי ווירקן נישט אין אונז די זעלבע געזעלשאפטלעכע שטרעבונגען? צי זיינען זיי ניט קיין בפירושדיקער באשטאנד־טייל פון אונזער ארבעט, וואָס פאר א נאָמען מיר זאָלן ניט טראָגן? מ׳זאָגט אונז: דער נוסח איז פארשיידן, די שטימונגען זיינען פארשידן, ס׳זיינען פאראן באזונדערע אייגנטימלעכ־ קייטן, וועלכע מ׳דארף פלעגן און חלילה נישט פארווישן. זאָל אונז גאָט אָפהיטן פון הויבן אויף זיי א האנט. צי דען איז אונזער כוונה צו רודפן די אייגנטימלעכקייט? מיר ווילן רודפן נאָר די נישטיקייט און דאָס פסלענען איינער דעם אנדערן. און דערמיט וועלן מיר אָפרייניקן דעם וועג פארן פרייען געדאנק, פאר דער לעבעדיקער אינדיווידואליטעט. אלץ וואָס איז

אָריגינעל און אייגנטימלעך — אויף וויפל עס איז ביי אונז פאראַן — וועט זיך אויסטרעטן זיין וועג אין דער פּאַראַייניקטער אַרבעטערשאַפט, וועט קעמפן פאַר זיין מהות און עקזיסטענץ. אָבער צי דען פאַדערן אייגנטימלעכקייט און נוסח — דווקא באַזונדערע מחיצות? און אָן דער זינלאָזער מחיצה — האָבן זיי ניט קיין תקומה? אָט איז פאַראַן אין לאַנד אַ באַוועגונג פון אַרבעטאָרינס, וואָס האָט ניט זוכה געווען צו רוען אונטער די שכינה־פליגלען פון אַ פּאַרטיי — צי דען איז פאַרמינערט געוואָרן איר אייגנאַרטיקייט, צי האָט דען געליטן דערפון איר אינהאַלט?

מיינט ניישט, פריינד, אַז אייגנטימלעכקייט און נאַציאָנאַלע שאַפונג און נאַציאָנאַלע ווערטן, און דער סאָציאַליזם אינאיינעם מיט זיי — זיינען דער באַזיץ און אייגנטום פון אַ פּאַרטיי. ווער עס קומט און לעבט אין זיי און באַלעבט זיי און לייגט אַריין אין זיי זיין לעבן — באַקומט אַ זכות אויף זיי, אַפילו ווען ער האָט נישט קיין זכות־אבות. פאַרנעמט זיך נישט מיט פּראָקלאַמירן אייגנטום־רעכט פאַר דער אָדער יענער קאַסטע אויף אַזעלכע אינהאַלטן, וועלכע ווערן מיט יעדן טאָג דאָס אייגנטום פון כלל. אין דער גייסטיקער וועלט עקזיסטירן ניט קיין פּראָפּנס פאַרן „יין המשומר”, און זייגע היטערס קענען אין איין שיינעם פרימאָרגן אַרומזען זיך, אַז זיי היטן פּוסטע פּעסער.

פאַר אַ וויכטיקער נאַציאָנאַלער שאַפונג איז נויטיק אַ פאַרנעם, אַ גרויסער עולם, לופט צו אָטעמען און פרייהייט פון באַוועגונג. אין אַ אייגזאַמען געצעלט קען אפשר אויפשפּראָצן די ישועה, אָבער ניט אין אַ אָפּגעצאַמטן הויף פון „אנשי־שלומנו”. די יידישע אַרבעטס־באַוועגונג גאַרט און וואַרט אויף צאָלרייכע כוחות, גרויסע אין כמות און אין איכות, וועלכע זאָלן זי אַרויספירן אויפן ברייטן שלאַך און פאַרוואַנדלען אירע חלומות אין אַ ווירקלעכקייט. און אַז זיי וועלן ביי אונז געבוירן ווערן, וועלן זיי קומען צו אונז אַלע און ווערן אונזער אַלעמענס אייגנטום. אַלץ וואָס איז גוט און שעפעריש — געהערט צו אונז אַלע.

מ׳לערנט אונז אָפּצושיידן צווישן וואָכעדיקייט און קדושה, צווישן דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון אַרבעטער, וועלכעס איז וואָכעדיק און געהערט אונז אַלע און צווישן די „חיי נצח”, וואָס געהערן צו פּאַרטייען. מיר — זאָל דאָס אַ מאָל געזאָגט ווערן — שטרעבן צו דער הייליקייט פון כלל, צו דער דערהויבונג און אויפגאַנג פון גאַנצן כלל.

מ׳זאָגט אונז, אַז דער איחוד איז אַ חלום. אָבער שוין עטלעכע יאָר ווי מיר דערנענטערן זיך צו דעם דאָזיקן חלום. ער באַפרוכפּערט יעדעם מאָל אונזער אַרבעט, און האָט אונז געגעבן דאָס ביסל גוטס אין די לעצטע יאָרן. ווער זשע שטערט אונז צו פאַרווירקלעכן אים?

ב.

עס איז ביי אונז היינט א „בין־השמשות״־שעה. א שעה פון פארענדי־קונגען, פון חשבון־הנפש און ערב־התחלות, וועלכע איז פאסיק פאר סך־הכל׳ען, איידער עס וועט קומען די נייע עליה מיט אירע פארפּלאָנטערטע פראגן. אונ־זער היינטיקע עקזיסטענץ, נאָך א שטופּנווייזער צונויפשמעלצונג פון ישוב במשך פון יאָרן און נאָך אַן אלגעמיינער אייבבירגערונג אין לאנד, דערמעג־לעכט דעם איחוד. די שטרעבונג צו שאפן אַן אטמאָספערע פון א פרוכטבארער און פרידלעכער טעטיקייט איז מחייב אונזער איחוד, — אָבער פיל מער איז אים מחייב די נייע עליה גופא. מיר האָבן שטענדיק געווארט אויף איר. און אט דערנענטערט זיך די שעה. כוואליעס חלוצים שטראָמען פון לאנד צו לאנד, און די ערשטע כוואליעס זיינען שוין אָנגעקומען אייליק צו אונז דורך פאר־שידענע וואגלענישן און גלגולים. מיט אונז געפינען זיך היינט פרייוויליקע פון אמעריקע און ארגענטינע, איינצלנע חלוצים פון פוילן און רוסלאנד און די ערשטע אַנזאָגערס פון א פאָלקס־עליה פון רומעניע.

די נאציאָנאלע באפרייאונגס־באוועגונג פון אונזער תקופה וועט אויס־געפרווּט ווערן, אפשר דאָס לעצטע און אנטשיידנדיקע מאָל, דורך צוויי כוחות: דעם כוח פון דער נייער עליה, אירע טרעגער און אינהאלט, און דעם כוח פונם לאנד און דער נאציאָנאלער מאכט אויפצונעמען די דאָזיקע עליה.

די חלוצישע עליה, די ארבעטס־עליה — דאָס איז די יידישע אנטפּלעק־קונג פון יענעם פרוכטבארן כוח אין לעבן פון אלע פעלקער, וועלכער הייסט אין פרעמדע שפּראכן: רעוואָלוציאָנערער כוח. די געשיכטע, כביכול, יעדעס מאָל ווען זי פרווּט מאכן ראדיקאלע ענדערונגען און איבערקערענישן אין לעבן פון פעלקער, ווילט זיך אויס אין געהיימע וואלן אירע געטרייע שליחים וואָס טוען איר ווילן, און דאָס זיינען די וואָס ווינקען צו אונז פון נאָענטע און פון ווייטע דורות מיטן פלאם פון זייער הארץ און מיטן ברען פון זייער לעבן; די וואָס האָבן מיט זייער לעבן און טויט איבערגעלאָזן אונז בירושה דעם גליק פון פרייהייט, די ליבע צום פאָלק, די הייליקייט פון מענטש, די בענקעניש צו דער צוקונפט, די פערזענלעכע פליכט און דאָס נעמען אויף זיך דעם עול פון א שווער, פרוכטבאר לעבן. וואָס וואָלט געוואָרן פון דער סאָציאליסטישער באוועגונג אין אונזער יאָרהונדערט, אָן די צענדליקער טויזנטער פּיאָנערן, וועלכע האָבן געשטראָמט צו איר פון אלע קרייזן און האָבן אין איר אריינגעטאָן זייער טריישאפט, זייער יוגנט־פייער, זייער פרישע נשמה און זייערע וואכזאמע גרויע קעפ? וואָס וואָלטן געווען אָן זיי די אלע נאציאָנאלע באפרייונגס־באוועגונגען פון אונזער דור אָדער די פריערדיקע רעליגיעזע שאפונגס־תקופות?

די חלוציות און דער פרייוויליקער דינסט — דאָס איז א מין הייליקונג

פון א פייער־טאָג און לעבן פון א פאָלק. א נייע תקופה קען ניט געהייליקט ווערן אָן זיי. דורך זיי דערהויבט זיך די נשמה פון א פאָלק, אנטפלעקט זיך זיין שכינה, דערוואַכן זיין פראַכט און זיין גבורה.

און דאָס איז אויך דער אויסגאַנגס־פונקט פון אונזער אויפריכטונג. די שאפונג פון אונזער לעבן אין לאנד, אונזער געזעלשאפטלעכע שאפונג, דאָס ארבעטס־לעבן און אלץ וואָס פליסט פון אים ארויס — וואָס פאר אַן אויס־זיכט האָבן זיי אלע אָן אַ געניאַלן חלוצישן ווילן, וואָס דערוואַכט אין פאָלק? אלץ וואָס מיר האָבן געהאט ביז איצט — ביל״ו, די ערשטע ארבעטער און קאָלאָניסטן, די ארבעטער־באַוועגונג, די שמירה, די העברעאישע אומגאַנגס־שפּראַך, די פרייוויליקע מאָביליזירונג אין גדוד — דאָס זיינען דאָך מיניאַ־טורן, מיקראָסקאָפּישע באשעפענישן אין פארגלייך מיט דעם, וואָס מיר דער־ווארטן. ענערגיע פון איבערגעבנקייט און מסירות־נפש האָט נישט געפעלט ביי אונזער פאָלק, אָבער זי איז נישט אויסגעגאָסן געוואָרן אין שויס פון אונזער באָדן. אויף אלע וואָסערן איז זי געשיקט געוואָרן, אויף אלע פעלזן איז זי געזייט געוואָרן. און איצט אלץ וואָס ארום אונז טראָגט די בשורה: „ושבו בנים לגבולם״. דער בת־קול פון דער באפרייאונג קלאפּט מעכטיק אויף די הערצער און פראַלט אויף טויערן. נאָך א ביסל — און ס׳וועט אויפברויזן דער שטורם פון באפרייונג, און דער געפענטעטער נאציאָנאלער ווילן וועט צעברעכן זיינע קייטן און דערוואַכן צו א נייעם לעבן.

אָבער דאָס לאנד, דאָס לאנד — צי וועט עס אונז נישט פאררעטן, צי וועט עס אויפנעמען זיינע עולים, ז׳יינע צוריקגעקערטע זין? די אלע פריער־דיקע אַנהויבן פון עליה האָט דאָס לאנד (זיין רעגירונג, זיין ווירטשאפט, זיין יידישער ישוב) אָפּגעשטויסן מיט געוואַלט. ביי יעדן נייעם אַנהויב פון דער־וואכונג פלעגט א בת־קול ארויס פון דער חורבה פון פאָלקס־לעבן און ברומען: וואַגט נישט צו קומען אָן „מזומנים״. ווער עס האָט ניט גענוג געלט־מיטלען אויף צו קויפן זיך א נחלה אָדער א וויינגאָרטן און ווארטן כך וכך יאָרן, ביז דער וויינגאָרטן וועט געבן פרוכט — זאָל מוחל זיין און זיצן אין דער היים. צי וועט וויסן דאָס לאנד — נישט אָפּשטויסן די חלוצים, נישט אָפּטויטן די כוחות וואָס וועלן קומען, נישט דערשטיקן, צוליב מאנגל פון אויפנאַמס־קראַפט, די שפּראָצן פון אויפוואַכונג? דאָס איז די פראַגע. דאָס איז אפשר די צענטראַלע פראַגע פון ציוניזם וואָס ווערט רעאליזירט. צי וועט די עליה, די צאָלרייכע ארבעטס־עליה ווערן דער פונדאַמענט אין דעם ציוניסטישן פארווירקלעכונגס־פּראָצעס? צי וועט די לייטונג פון ישוב באטראַכטן אלס איר הויפּט־אויפגאַבע די שאפונג פון אויפנאַמס־באדינגונגען פאר דער עליה? צי וועט געלייסטעט ווערן די בריטיקע הילף, צי וועט געגעבן ווערן שוץ פאר דער עליה, לויט אירע באַדערפענישן? — —

דאָס אויפנעמען פון דער נייער עליה פאָדערט ניט נאָר ריזיקע געלט־מיטלען, א נאציאָנאַלן פארמעגן און א נאציאָנאַלע ווירטשאפט, נאָר אויך א ווילן און פארשטענדעניש, מענטשלעכע באציאונגען און הילף פון פריינד. און די דאָזיקע ארבעט קען נישט געמאכט ווערן אָן אונז, אָן דעם יידישן ארבעטער. אין אָט דער עליה־אויפנאמע וועלן מיר אויסגעפרווווט ווערן, צי זיינען מיר נישט פאראָרעמט געוואָרן, צי איז ניט אויסגעטריקנט געוואָרן אונזער קוואל, צי האָבן מיר נישט באנקראָטירט, צי וועלן מיר פארשטיין אויסצושטרעקן א ברייטע, הארציקע ברידער־האנט, צי וועלן מיר פארשטיין צו געבן אן אמתע פולע חברים־הילף? און די עליה מוזן מיר אויפנעמען, נאָך איידער זי איז אָנגעקומען אין אונזערע פאָרטן, נאָך מעבר לים. מיר זיינען בכוח ראטעווען זי פון פעלערן, און אונזער אויפגאבע איז — אָפצוהיטן איר זאכלעכן, ערלעכן, פּשטנותדיקן כאראקטער, איר גאנצקייט און אייני־קייט אין אלע לענדער, כדי זי זאָל נישט צעשפליטערט ווערן. גרויס איז די פראקטישע, אָרגאניזאציאָנעלע און דערציערישע ארבעט, וועלכע מיר דארפן טון צוזאמען מיט דער חלוצישער באוועגונג. איר גוטע סטרוקטור און איינ־אָרדנונג, איר אחדות און גאנצקייט, איר פראָקטישער און וואָלאָנטארישער כאראקטער וועלן מאטעריעל און גייסטיק פארפעסטיקן די גאנצע עליה. א זאכלעכע געזעלשאפטלעכע און גייסטיקע הכשרה, פראקטישע ארבעט און לאנד־קענטעניש, פּראָפעסיאָנעלע בילדונג, גרינדונג פון סאָלידע פינאנץ־אנשטאלטן, אסעקוראציע, גוטע אינפאָרמאציע, אָרגאניזירונג פון דער עליה — דאָס אלץ איז עלול צו דערלייכטערן דעם מצב פון חלוץ אין זיין עליה־וועג און אין ארץ־ישראל. א דאנק אונזער געמיינזאמער פראקטישער ארבעט וועלן זיך עפענען האָריזאָנטן, וועלן אָפּגעראמט ווערן שטרויכלונגען, וועלן זיך הערצער דערנענטערן, וועלן אָנגעצונדן ווערן פאקעלן, און מיט דער ליכ־טיקייט פון לאנד, פון ליבע צום פאָלק און פרייהייט פון ארבעטער — וועט ווערן ליכטיק ווייט ארום.

אָבער ווי וועט געטאָן ווערן די דאָזיקע ארבעט? צי קען מען זיך פאָרשטעלן, אז זי וועט געמאכט ווערן דורך פארשידענע קלייזלעך, ווו יעדער פון זיי שלעפט אויף זיין זייט? צי וועלן מיר באגעגענען דעם עולה מיט מחיצות, מיט ארייננשלעפן אים אין די מחיצות, מיט דער פאספאָרט־פראגע: וועַר ביסטו, א אונזעריקער, מאנשי שלומנו? צי דען אין אזא צייט וועלן מיר נעמען אויף זיך דעם חטא און די שאנדע פון אָפּוועגדן דעם מוח און נשמה פון עולה פון זיין דירעקטער ארבעט, פון זיין דערנענטערן זיך צום לאנד און צום לעבן פון די חברים, און מיר וועלן אים אריינפירן אין די טויערן פון דער הויכער שפּאלטונגס־פּאָליטיק? היתכן? צי וועלן מיר נישט פארשטיין צו בויען די איינציקע, גאנצע, ברייטע אָרגאניזאציע, אין וועלכער דער עולה

וועט געפינען זיין הויז, זיינע פריינד, די באפרידיקונג פון זיינע באדערפע־ נישן און זיין לעבנס־סביבה?

די פאראייניקונג פון אונזערע כוחות פאָדערט פון אונז נישט נאָר די ערשטע אָרגאניזאציאָנעל־פראקטישע פליכט פון אויפנעמען די עליה, נאָר אויך און הויפטזאכלעך — די אינערלעכע, שטענדיקע דערציערישע אויפ־ גאבן, ווי: דערציען דעם עולה און אינסטרוקטירן אין דער ארבעט, העלפן אים זיך איינוואָרצלען אין דער ארבעטערשאפט און אין אירע שטרעבונגען. דאָס אלץ האָט איין כוונה: צוצואיילן און דערלייכטערן פאר דעם נייעם עולה זיין איינבירגערן זיך און אקלימאטיזירן זיך אין לאנד — העלפן אים זיך צו באטייליקן אין דער שאפונג פון דער ארבעטס־געזעלשאפט און איר קול־ טור. און דאָ, אין דער געזעלשאפטלעך־דערציערישער ארבעט קומט דאָך פאר יענע ארבעט, וואָס איז איינע אין דער וועלט לויט איר שווערקייט, וויכטיקייט און אחריות, וואָס האָט ניט איר גלייכן נישט אין עבר פון אונזער פאָלק און נישט אין לעבן פון אנדערע פעלקער: דאָס אומקערן א פאָלק צו זיין שפראך. די דאָזיקע ארבעט פון צואייגנען די עולים די העבראישע שפראך און די גאנצע קולטור־ארבעט, וועלכע איז דערמיט פארבונדן, — אַן ארבעט וואָס פאָדערט צו באקעמפן אזוי פיל נאטירלעכע שטערונגען און אויסערלעכע מניעות, נויטיקט זיך קודם־כל — אין א ריינע אטמאָספערע, אן אטמאָספערע פון שלום און אייניקייט. נישט קיין קנאה וואָס קומט פון דרויסן, א פיינטלעכע, בייזע, דערצערנדיקע קנאה, נאָר יענער פאָזיטיווער אייפער, וואָס אנטפלעקט זיך אין חברישע באציאונגען, אויס נאָענטקייט, ליבשאפט און דערקענטניש פון מענטש. מיט איר קראפט וועלן מיר גובר זיין אויך די קעגנערשאפט צו אונז, וועלכע מיר קענען באגעגענען צווישן די נייע עולים, א קעגנערשאפט וואָס האָט ניט קיין באָדן און שטאמט פון צייטווייליקע השפעות. אָבער אויך נאָך דעם אלעם, וועט די ארבעט נאָך זיין גרויס און שווער. צי דען באזיצן מיר אן אנדערן כוח און אנדערע פאָרם פון געזעלשאפטלעכן לעבן, וואָס זאָל אונז זיכערן דעם דערפאָלג פון דער ארבעט, די דרינגנדע פארשפרייטונג פון שפראך, ווי די פאראייניקונג פון אונז אלע, די איינגעבירגערטע אין ארבעט און לעבן פון לאנד?

לאָמיר זיך פאראייניקן און לאָמיר נישט איבערלאָזן קיין שום שפאלט, דורך וועלכן עס קענען אריינדרינגען ווינטן פון פשרה און נאציאָנאלער שוואכקייט.

פארשידענע עלעמענטן וועלן קומען צו אונז פון פארשידענע לענדער און קולטורן, און פון פארשיידענע גייסטיקע קרייזן. זיי וועלן מיטברענגען זייערע אויפטועכצן, זייערע מענטאליטעטן און דעות, זייערע פארשידענע השגות, אונטערשיידן און השפעות. דאָס אלץ וועט אריין אין שמעלץ־טאָפ

פון לעבן אין לאַנד. און ס'איז וויכטיק, אַז אין דער לאַבאָראַטאָריע פון אונזער לעבן זאָל אַלץ זיין געוועגדעט אויף צו פאַרשנעלערן און דערלייכטערן די נייע צונויפשמעלצונג און קריסטאַליזירונג. זאָלן זיי קומען און געפינען אונז אַלס איין קערפּערשאַפט, וועלכע איז שטאַרק מיט איר גייסט און איינאָרד־נונג — און זיי וועלן בפשטות אַנערקענען דעם פאַקט פון אונזער לעבן, אַזוי ווי עס איז, מיט אַלע פּאָזיטיווע זאַכן, וואָס קריסטאַליזירן זיך און ווערן געשאַפן אין אונזער לעבן, און זיי וועלן זיך באַהעפטן צו אונז און באַ־פרוכפּערן אונזער לעבן. און אויב נישט, אויב עס וועט נישט זיין קיין צענטראַלער כוח, וואָס פאַראייניקט און שמעלצט צונויף די פאַרשידענע שיכטן און שפּרייט אויס אויף זיי דעם גייסט פון איינגעבירגערטער אַרבעטס־טראַדיציע — צי וועט דען די אַרבעטס־באַוועגונג נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דור־הפלגה, אין אַן ערב־רב? צי וועט דעמאָלט נישט גובר זיין יעדע קאָנאַקעדיקע פּראָזע, יעדע פאַרשווינדענע טראַדיציע, יעדע פּוסטע רוטינע אין זייער קרייז, כדי צו פאַרגרעסערן די פּרעמדקייט און צעשפּאַלטונג, כדי אויס־צוגראָבן און פאַרטיפן נייע אָפּגרונטן צווישן „אַלטע" און „נייע" און די פאַרשידענע נייע צווישן זיך. וואָס וועט דעמאָלט ווערן פון אונז, פון אונזער כוח, און וואָס פאַר אַ צוקונפט וועט דאַן האָבן די אַרבעטס־באַוועגונג?

לאָמיר זיך פאַראייניקן און עפענען ברייט אונזערע טויערן פאַר די עולים. לאָמיר גלויבן און פאַרלאָזן זיך אויפן כוח פון לאַנד און פון דער אַרבעט, אויפן כוח פון די געזונטע חושים, וועלכע דערוועקן זיך דאָ צו אַ נייעם, אַקטיוון לעבן. דאָ איז ניטאָ קיין פראַגע און קיין ברעקל סכנה פון אַ „מינדערהייט" פון איינגעזעסענע און אַ „מערהייט" פון נייע. די היסטאָ־רישע קייט איז מיט אונז, און איר כוח ווירקט אין אונז, אין זיי, אין אונז אַלע. מיר וועלן זיי באַגעגענען מיט צוטרוי, מיט די פּאָזיטיווע זאַכן וואָס מיר האָבן דעראָבערט, און לאָמיר נישט מורא האָבן פאַר זייערע פעלערן. מיר, קומענדיק אין לאַנד, האָבן געמוזט אָנהויבן כמעט אַלץ פון אָנפאַנג. די שאַפונגס־פעדים פון די ערשטע חלוצים זענען איבערגעריסן געוואָרן, און מיר האָבן ניט געהאַט אַן וואָס זיך אָנצוהאַלטן. אָבער די נייע — האָפן מיר — וועלן צוזאַמען מיט אונז ממשיך זיין דאָס געוועב. זיי וועלן זיך איינבירגערן צווישן אונז, און אין גיכן וועלן זיי אונז העלפן באַגעגענען יענע, וואָס וועלן קומען נאָך זיי.

געוויס וועלן שטענדיק זיין אונטערשידן, אויך באַדייטנדע און אָפּטמאָל אויך שמערצלעכע, צווישן דעם איינגעזעסענעם און דעם נייעם עולה. אָבער אַ לאַנד, וואָס איר צוקונפט שטיצט זיך אויף אַ שטענדיקן קיבוץ־גלויות, דאַרף פאַרשטיין מקבל־זיין דעם גורל און צונויפגיסן און צוזאַמענשמעלצן די עלעמענטן אין זיין ישוב.

צי שטרעבט דען דער ארבעטער צו זיין אין לאנד א חלק, א מערהייט, א קלאס? זיין מעכטיקער ווילן און שטרעבונג איז דאָך — צו זיין דאָס פאָלק גופא, דאָס יידישע פאָלק, וואָס לעבט פון פראַצע. און זיין וועג — איז דער וועג פון אַן אומענדלעכער עליה־קייט, מיט אלץ וואָס איז פארבאַרגן אין איר. זאָל זשע אונזער פאראייניקונג צוגרייטן די מעגלעכקייט פאר א פאראייני־קונג פון דער גאנצער החלוץ־באוועגונג, וואָס דערוואכט אויף דער וועלט, און זאָל זי צוגרייטן די כלים, אויפנאמס־ און ארבעטס־כלים פאר א גאנצער און ריינער טעטיקייט לטובת דער דערוואַרטעטער עליה.

וואָס איז אזוינס — איחוד?

[פון דעם מאמר „אחדות העבודה" צו דער פאראייניקונגס־קאָנפערענץ אין פתח־תקוה, תרס"ט, 1919]

ווי אזוי זאָל געבויט ווערן דער אָרגאניזאציאָנעלער איחוד פון די ארץ־ישראלדיקע ארבעטער?

אויפן יסוד פון דער אייניקייט, וועלכע הערשט אין לעבן, און קודם כל — ניט אויפן סמך פון פּאַראַגראַפירטן שולחן־ערוך וועגן מיינונגען און איבערצייגונגען. לאָמיר ניט בודק זיין דעם „אני מאמין", די „איבער־צייגונג" וואָס מען שווערט זיך אויף איר און מען באשווערט מיט איר. צי דען קען נישט געמאכט ווערן א גוטע ציוניסטישע ארבעט, איידער מען האָט אונטערגעשריבן א פּראָגראַמאטישן ווערסל וועגן נאַציאָנאַליזם און יידישקייט לויט דעם אָדער יענעם נוסח? צי דען לעבט ניט און שטרעבט ניט דער ארבעטער און קעמפט זיין קאַמף, איידער ער האָט זיך מתחייב געווען אַנצונעמען אָפּגעפּסקנטע טעאָריעס וועגן „מאַטעריע און גייסט", וועגן „היסטאָרישע פאַקטאָרן" און „אַנטוויקלונגס־געזעצן"? צי איז שוין ניט צייט אָפּצורייניקן די געזעלשאַפטלעכע שאַפונג פון קרומקייטן, באַפרייען זי פון חקרנישער גריבלעניש און אויסבויען זי אויף איינפאַכקייט, אויף אייניקייט פון לעבן און שטרעבן, פון ווילן און טאַט? דער ענין איז אלט און פשוט, אָבער ביי אונז שטעקן נאָך די לעכערלעכע באַגריפן וועגן אָרגאַניזאַציע און געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן, ווי וועגן שאַרפזיניקע און פּלפּולדיקע באַשעפענישן, וואָס אַמפּערן זיך און דעבאַטירן כסדר — א ירושה פון געטאָ־לעבן, א פאַרזעצונג פון דער לומדישער פּלפּול־טראַדיציע. אָבער ניט אזוי האָבן די שעפער פון ציוניזם און סאָציאַליזם פאַרשטאַנען זייער באַשטימונג. מיט פשוטע, טרוקענע און „מעכאַנישע" זאַצן האָבן גאָונישע אַרכיטעקטן

געבויט אייביקע בנינים פאַרן מענטשלעכן ווילן און טאַט. די „באַזעלער פּראָגראַם" אנטהאַלט ניט קיין שום פּאַטעטישע דעקלאַראַציע און קיין שום „טיפע" מיינונג וועגן יידנטום און נאַציאָנאַליזם. אָבער דוקא די דאָזיקע פּשוטע און „מעכאַנישע" באַזעלער פּראָגראַם האָט ארויסגעפירט דאָס פאָלק אויפן ברייטן לעבנס־וועג. און דער געניוס פון דער ארבעטער־באַוועגונג, בשעת ער איז געקומען פאַראייניקן די ארבעטער פון דער גאַנצער וועלט, האָט ער נישט געזאָרגט וועגן נעמען און טעאָריעס און ניט געטראַכט צו פאַרפליכטן עמיצן צו מיינונגען, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר די איינציק־ריכטיקע; ער האָט זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט געשאַפן אַן איינפאַכע אומפאַסנדע אייניקייט, אַן אַלגעמיינע און חיותדיקע אייניקייט, די אייניקייט פון געמיינזאַמער ארבעט, וועלכע ברענגט צו אַן אויסטויש פון געדאַנקען און „דערלויבט אין אירע גרענעצן כל מיני מיינונגען"*. און דאָס אַלץ אין פעסטן גלויבן, אַז די „גייסטיקע אַנטוויקלונג פון ארבעטער־קלאַס, וועלכע וועט קומען אַלס דרינגענדער רעזולטאַט פון געמיינזאַמער טעטיקייט און קעגנזייטיקער אונטערהאַנדלונג", וועט זיכער דערפירן צום געוווּנטשטן צוועק.

די פאַרשיידענע פּרוון, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין אונזערע דורות — איינצואימפּן געזעלשאַפטלעכע באַוועגונגען געוויסע צוואַנגס־אמתן, רעליגיעזע, פילאָזאָפישע אָדער עטישע טעאָריעס — צי וועלן זיי נישט דערפירן סוף־כל־סוף צו א שאַפונג פון א נייער רוטינע, צו א פּלפּולדיקער גריבלעניש, צו א פאַרשקלאַפונג פון מוחות און פאַרגליווערונג פון געדאַנקען, צו א מאָדערנער גלחישקייט און גאַטספאַרכטיקייט? א, גרויס איז דער געבענטשטער, באַפרייענדיקער כוח וואָס אנטדעקט די געזעצן פון לעבן און נאַטור; גרויס איז דער ווערט פון דאַרוויניזם אָדער מאַרקסיזם, אַלס קאַמפּ־פאַסן אין מענטשלעכן דענקען, נישט נאָר פאַרן געניוס, וואָס אנטדעקט זיי און באַלייכט מיט זייער הילף די פינצטערנישן פון דער וועלט, נאָר אויך פאַרן מיטל־מענטש, וועלכער איז זיי תופס א דאַנק דער ארבעט פון אייגענעם מוח. אָבער די דאָזיקע געזעצן, אַז זיי ווערן אויפגענומען אַלס גלויבנס־פּאַראַגראַפן, אַז זיי ווערן סטאַבילע און באַנאַלע דברות, וועלכע אונטער־ליגן נישט קיין קריטיק, פאַרלירן זיי זייער גאַנצן באַפרייענדיקן אינהאַלט און ווערן א מין געצנדינעריי, א טאַרמאַז און א פאַרשקלאַפונג.

צי נויטיקט זיך נישט יעדע באַפרייונגס־באַוועגונג אין פרייהייט פון געדאַנק און געפיל, אין ברייטן שוווּנג פאַרן יחיד, אַלס שפּייז פאַרן באַ־פרייענדיקן ארבעטס־ווילן?

פאַראייניקונג — באַדייט ניט צו מאַכן אונז אַלע פאַר א סעקטע,

---

* פון די סטאַטוטן פונעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל.

פאַר א רעליגיעזע אָדער סאָציאָלאָגישע געמיינדע. אָבער פאַראייניקונג שטרעבט אויך נישט צו שאפן א פארטיי. אין צענטער פון דער פארטיי שטייט אין אונזער צייט די שטרעבונג צו פּאָליטישער מאכט, די ענדערונג פון לעבן דורך דעראָבערן די מאכט, און דערמיט אויך — די קאָנצענטרירונג פון דער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט דורך פּראָפּאגאנדע, וואַלן, לייטונג און „פּאָליטיק". אפילו ווען די פארטיי טוט אַן אנדער ארבעט, באטראכט זי איר ארבעט אלס מיטל פאר דער פּאָליטישער מאכט. און אָט פון דעם דאָזיקן גלויבן אין דעם אנטשיידנדיקן כוח פון דער פּאָליטישער טעטיקייט, שטאמט די איבערטרייבונג פון „פּאָליטישע" נצחונות, פון פארטייאיש־מע־כאנישער מיליטערישקייט, וועלכע טראָגט אריבער דעם ארבעטס־ און שאַ־פונגס־צענטער פון דער גאס, פון לעבן, פון דעם יחידס כוח און זיין פאראנט־וואָרטלעכקייט — צום „צענטער", צום פירער, צום רעדנער, צו דער רעזאָלו־ציע און פארלאמענט. אין דער ארבעטס־באוועגונג אין ארץ־ישראל, אין דעם אויפבוי פון פּאָלק, איז די פּאָליטישע ארבעט, ווי וויכטיק זי זאָל נישט זיין, נישט דער פונדאמענט פון דער באוועגונג. די באוועגונג שטרעבט: צו שאפן דאָס לעבן אלזייטיק, אין זיין גאנצן פארנעם. די דאָזיקע שאפונג באזירט זיך אויף דער ארבעט גופא, אויף איר פרוכטבארקייט און אירע באדינגונגען, אויף אָרגאניזירן טאָג־טעגלעך דאָס לעבן פון ארבעטס־מענטשן, אויף א כסדרדיקער חלוציות, אויף א אומאויפהערלעכער פערזענלעכער אקטיוויטעט. אנטפלעקן די כוחות פון יעדן יחיד און שאפן די געוואונשענע באדינגונגען פאַר דער אנטפלעקונג פון די ארבעטער־כוחות — דאָס איז דער עיקר אין אונזער לאגע; דעראָבערן דאָס לעבן און שאפן עס יעדן טאָג — דאָס איז די טעטיקייט, וועלכע דער איחוד דארף אָרגאניזירן און איר מיטהעלפן.

אָט דאָס גערטנדל פארן בית־הפועלים, דאָ אין פתח־תקוה*, וועלכעס באדעקט דעם אָרט ווו עס זיינען פריער געוואקסן שטעכיקע דערנער און ווילדע גראָזן — דערציילט אונז וועגן די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָר־געקומען אין לעבן פון ארבעטער, אין דער ארבעטס־ באוועגונג פיל מער, ווי אלע דערציילונגען וועגן וואַל־אַקציעס אין ארבעטער־ועד במשך פון יאָרן.

אונזער לעבן שליסט נישט אויס פּאָליטיק און נישט אירע חסרונות. אונזער ארבעט קען נישט מוותר זיין אויף איר, אָבער די פּאָליטיק אין אונזער ארבעט טאָר ניט פארמינדערן די געשטאלט פון אונזערע עקאָנאָ־מישע, קולטורעלע און אינערלעך־געזעלשאפטלעכע טעטיקייטן, וועלכע ציען זייער יניקה פון איין מקור, און זיי באאיינפלוסן כסדר איינע די אנדערע,

---

* די שטוב אין וועלכער ס'איז פאָרגעקומען דער איחוד־צוזאמענפאָר.

און פון זיי אלע צוזאמען שטעלט זיך צונויף די גאנצע געזעלשאפטלעכע שאפונג.

נישט א פארטיי וועט אויפגעבויט ווערן דורכן איחוד — נאָר א געמיינשאפט. די ארבעטער־געמיינשאפט אין לאנד — זי וועט אויפגעבויט ווערן, כדי צו באפרידיקן אירע באדערפעניש, אויפבויען איר צוקונפט, די צוקונפט פון פאָלק. דאָס איז א כלל־בנין, וואָס נעמט ארום אלע ארבעטס־מענטשן, ווו זיי זאָלן נישט ארבעטן, און ער עפנט אונזער רשות־הרבים פאר אידעאישע ווינטן, פאר באפרוכפערנדיקע רעגנס.

די שטרעבונג פון דער ארבעטער־געמיינשאפט איז „אויסצופורמען דאָס לעבן פון יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל, אלס א געמיינשאפט פון פרייע און גלייכבארעכטיקטע ארבעטער, וואָס לעבט פון איר פראצע, הערשט איבער איר פארמעגן און אָרדנט איין אין אייגענעם רשות איר ארבעט, עקאָנאָמיק און קולטור".

אירע יסודות זיינען: נאציאָנאליזירונג פון באָדן, נאציאָנאלער קאַפּיטאל אויף צו שאפן די ווירטשאפט און געבן הלוואות די ארבעטער; א פאָלקס־עליה; פרייע ארבעטער־קבוצות, וועלכע פירן זייער ארבעט אין אייגענעם רשות; א חלוצישע באוועגונג, וועלכע טרעט אויס מיט איר לעבן וועגן פארן פאָלק; די אויפלעבונג פון העברעאישער שפראך און איר פארשפרייטונג צווישן פאָלק; אַן אומפאסנדע פאָלקס־קולטור.

און אלס א תורה שבלב, וועלכע קען נישט און דארף נישט דעפינירט ווערן אין פאראגראפן, אנטהאלט דער איחוד־געדאנק א גלויבן אין כוח פון דער ארבעט און אירע אָפענע און באהאלטענע אינהאלטן, א גלויבן אין ארבעטער־כלל און אין דער צוקונפטיקער עליה, וועלכע וועלן ניט פארפירן; און אויך א האָפנונג אויף א פרוכטבארע געזעלשאפטלעכע ארבעט אין דער ארבעטס־באוועגונג אויפן יסוד פון געדאנקען־פרייהייט, צוטרוי פון חברים און כבוד פון מענטש.

מיר און אנדערע קרייזן אין ישוב

אין משך פון 35 יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט די ארבעטער־באוועגונג אין ארץ־ישראל באוויזן פיל צו פאָדערן פון זיך און אויך פון די אנדערע קרייזן אין ישוב. מיר האָבן געפאָדערט יידישע ארבעט, מיר האָבן געפאָדערט מקיים צו זיין ציוניסטישע און ישוב־מצוות, מיר האָבן געפאָדערט די אנערקענונג פון די ארבעטער־רעכט אין לעבן פון ישוב און ציוניזם. א גרויסן

טייל פון די דאָזיקע פאָדערונגען האָבן מיר דערגרייכט, אפשר מער ווי עס האָט אין זיין צייט געהאָפט דער ערשטער דור פון דער ארבעטער־באַוועגונג, און בנוגע פיל אנדערע פאָדערונגען — פאָדערן מיר זיי נאָך אַלץ, און מיר באַשולדיקן די וואָס ענטפערן ניט. אָבער דער ציבור, צו וועלכן מיר קומען מיט באַשולדיקונגען, איז ניט אויסגעגאָסן פון איין שטיק. ער באַשטייט ניט אין גאַנצן פון שונאים פון ארבעטער־קלאַס, פון געלט־גייציקע מענטשן, פון אויסגעשפּראָכענע פורקי עול. אויך מיר, דער סאַמע פּיאָנערישער און אָר־גאַניזירטער טייל פון ישוב, דאַרפן זיך שטעלן די פראַגע: צי האָבן מיר שטענדיק באַוויזן צו פאָרמולירן אונזערע פאָדערונגען און שטרעבונגען אַזוי, אַז מען זאָל אונז הערן און ענטפערן?

מיר זיינען געקומען ווי א יונגע ברויזנדיקע, אויפגעברויזטע און אויפ־ברויזנדיקע באַוועגונג. די וועלט איז געווען קעגן אונז, פרעמדע האָבן אונז ניט פאַרשטאַנען, און מיר האָבן דער וועלט אָפּגעצאָלט מיט א טאָפּלטער פּאָרציע פון „ביטול היש". אונזער באַוועגונג האָלט אין איין אריינגעמען אין זיך — און דערין ליגט איר כוח און דאָס איז איר זכות — יונגע, שטורעמדיקע, טומלדיקע נייע כוחות. דער „זר לא יבין" זעט בלויז דעם שוים אויף דער אויבערפלאַך. אונזער אויסערלעכקייט איז ניט שטענדיק גלייך צו אונזער „תוך". אונזער אויסערלעכקייט איז ניט שטענדיק אָנציענדיק, ניט שטענדיק גערעכט, איבערצייגנדיק. ניט תמיד האָבן מיר געטאָן זאַכן בלויז צוליב זאַכלעכער נויטווענדיקייט, כדי צו דערגרייכן די געווינטשענע רעזולטאַטן. מיר האָבן געצאָלט א ציינז באַגריפן און באַציאונגען, וואָס מיר האָבן געבראַכט פון גלות — יעדער איינער פון זיין אייגענעם לאַנד. ניט שטענדיק האָבן מיר געהאַנדלט לויט די געבאָטן פון דער נויטווענדיקער טאַט — אַמאָל האָבן מיר זיך אויך געלאָזט פאַרפירן פון א טומלדיקער און גאַוההדיקער פּסעוודאָ־רעוואָלוציאָנערישקייט. ניט שטענדיק האָבן מיר פאַר־שטאַנען די באַדערפענישן און די שטרעבונגען פון אנדערע קרייזן אין ישוב, ניט שטענדיק האָבן מיר זיך געהיט ניט צו פאַרשאַרפן באַציאונגען.

כל זמן מיר זיינען אין ארץ־ישראל געווען א קליינע סעקטע, א סעקטע אין וועלכער עס האָבן זיך צונויפגעמישט עלעמענטן פון איסיים און קנאים, א סעקטע וואָס האָט געלעבט ערגעץ אין א ווינקל פון ישוב, וואָס איז פון קיינעם ניט אנערקענט געוואָרן און האָט קיינעם ניט אנערקענט, א סעקטע פון בויער־רעוואָלוציאָנערן וואָס שטורעמט קעגן אָנגענומענע מיינונגען און גיסט פעך און שוועבל אויף תקיפים און מכובדים, האָבן מיר זיך געקענט דערלויבן ניט צו זיין פאָרזיכטיק מיט דעם וואָס מיר האָבן געזאָגט און געטאָן בנוגע אנדערע. א דורכאויס־אָפּאָזיציאָנעלע גרופּע קען מען אורטיילן מיטן גאַנצן חומר־הדין לויט איר אינערלעכן כוח, לויט איר טרייקייט צו

זיך אליין און צו אירע פראָקלאַמירטע פּרינציפּן — אָבער מען קען צו איר ניט קומען מיט קיין הארבע טענות וועגן איר באַציאונג צו דער אויסערלעכער וועלט און וועגן אירע קריגערייען מיט תקיפים און מיט גלייכגילטיקע.

אָבער די דאָזיקע לאַגע האָט זיך שוין לאַנג געענדערט. פּאַקטיש האָבן מיר אפילו ווען מיר זיינען געווען קליין און שוואַך געבאַוועט נאַציאָנאַלע ווערטן — חלוציות, הגנה, ישוב, קולטור־ענינים — וואָס זיינען שפּעטער אָנגענומען געוואָרן פון דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. אפילו די גרופּעס וואָס באַקעמפן אונז טרינקען פון די ברונעמער, וואָס מיר האָבן אויסגעגראָבן. אָבער ס׳איז שוין אַ לאַנגע צייט, אַז מיר זיינען געוואָרן אויס שטיפקינדער פון דעם ישוב און פון דעם ציוניזם. מיר זיינען שוין מער ניט די פאַרוואָרלאָזטע און פאַריתומטע אַרבעטער, וואָס קלאַפּן אָפּ די שוועלן פון די קאָלאָניסטן און באַקומען ניט קיין ענטפער, נאָר דער רוב מנין און רוב בנין פון דער נאַציאָנאַלער קאָלאָניזאַציע, די אויסטרעטער פון נייע וועגן פון דער יידישער ווירטשאַפט, די ריכטונגס־געבער פון קאָ־לאָניזאַציע־שיטות, ניט נאָר פאַר אונז אליין נאָר פאַקטיש פאַר דער גאַנצער באַוועגונג. מיר האָבן ארייגעצויגן די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס אין דעם קאַמף פאַר יידישער אַרבעט, פאַר איר פאַרטיידיקונג און באַפעסטיקונג; מיר האָבן פאַרן גאַנצן ישוב אָנגעצייכנט די מעטאָדן פון זעלבסט־שוץ און ציוניסטישער פּאָליטיק; מיר האָבן אַרויפגעלייגט אַ בולטן שטעמפּל אויף די מעטאָדן פון אויפבוי פון לאַנד; כאָטש מיר האָבן אין קיין שום נאַציאָנאַלער אינסטיטוציע ניט קיין מערהייט, באַטראַכט מען אונז ווי די „מאַכטהאָבער״ — און, אין אַ געוויסער מאָס, מיט רעכט, וואָרעם אויף די עיקרדיקע שטחים פון דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם גייען מיר בראש פון פאָלק.

— — — איך וויל, אַז „דער ייד אין גאַס״ זאָל אין דעם מענטשן פון אונזער באַוועגונג זען דעם באַשיצער פון די אָרעמע, דעם וואָס שטייט ביי זיין זייט אין אַן עת צרה, דעם וואָס גייט דער ערשטער אין די שוץ־גריבער, דעם וואָס רופט זיך אָפּ דער ערשטער צו העלפן נייע עולים, דער קעמפער פאַר סאָציאַליזם, דאָס הייסט פאַר גלייכהייט, פאַר פרייהייט, פאַר נאַציאָנאַלער דיסציפּלין, פאַר פולע רעכט פאַר יעדן מענטשן, פאַר אַ גערעכטער געזעל־שאַפט. אָבער איך וואָלט כלל וכלל ניט געוואָלט געבן אַ געלעגנהייט יעדן מורמלער־העצער, אַז ער זאָל אין אונזער סאָציאַליזם קענען אריינטייטשן דעם מאַנגל פון דרך־ארץ פאַר אַ „הולך תמים״, דעם זלזול צו דעם גלויבן פון אַנדערע, די לעסטערונג פון יענעמס הייליקטימער. איך וויל ניט, אַז מיר זאָלן זיך אָנשטעקן מיט יענער פּראָווינציעלער אפיקורסות, וואָס האָט צע־פרעסן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג אין גלות און איז דאָרטן געוואָרן אַן „ערזאַץ״ פאַר קאַמף און סאָציאַלן שאַפן און דער קולטורעלער דערהויבונג

פון די מאסן. דאָרטן איז דאָס אפשר געווען פאַרשטענדלעך — וואָרעם דער קלאַסן־פּרינציפּ האָט דאָרטן אָנגענומען די פאָרם פון א „ברוגז" מיטן „פשוטן יידן". אונז פּאַסט דאָס ניט, און ניט נאָר צוליבן פשוטן טעם וואָס אונזער קלאַסן־פּרינציפּ האָט דעם טייטש: צו מאכן דעם פשוטן יידן פאר אַן אר־בעטס־מענטש, צו זאמלען אלע יידן — ממש! — אונטער דער ארבעטער־פאָן. מיר ווילן פאַראייניקן דאָס גאַנצע פאָלק אין חלוצישער ארבעט, און אויפן וועג דערצו — אקטיוויזירן דעם מאקסימום כוחות אין פאָלק פאר דער חלוצישער ארבעט. איך רעד ניט וועגן פרטים, איך רעד וועגן דער תמצית פון דער זאַך, וועגן אונזער סטיל. מיר, מיר אלע, געפינען זיך דאָך אין א לאַגע פון א פאָלק וואָס איז פאַרמשפּט צו פאַרטיליקונג — און אונזער קאַמף אין ארץ־ישראל איז דער איינציקער ממשותדיקער קאַמף קעגן דער דאָזיקער פאַרטיליקונג. איז דען אין דער דאָזיקער לאַגע ניט נויטיק א ביי־רעוויזיע, א נייער צוגאַנג צום „יידן אין גאַס", פאַרזוכן מקרבֿ צו זיין די הערצער און קאָאָרדינירן טעטיקייטן?

1939.

די הסתדרות

די געשטאלט פון אונזער באוועגונג

(פון א רעדע אין יאר־טאָג פון דער הסתדרות, 1933)

די באוועגונג דארף וויסן איר כוח און איר ווערט. מעגן מיר טאקע איצט, דרייצן יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער הסתדרות, פונאנדערוויקלען דעם גרויסן בילד פון אונזערע מעשים און דערגרייכונגען. דעם אמת זאָגנדיק, ציילן מיר פיל מער פון דרייצן יאָר. די אַרבעטער־באוועגונג אין ארץ ישראל ציילט צוויי מאָל דרייצן יאָר און נאָך אביסל. מיר דערנענטערן זיך שוין צו דרייסיק יאָר אַרבעטער־באוועגונג אין ארץ ישראל.

מיר וואָלטן געקענט דערציילן און דערציילן, ווי אזוי פון א הייפל ארבעטער — לא יוצלח׳ס, פארוואָרלאָזטע, איינזאמע, איבערפליסיקע, געסט אומגערופענע — זיינען מיר געוואָרן א גרויסע אָרגאניזירטע און געשלאָסענע מחנה. אונזער באוועגונג איז שטארק און פעסט. אָבער טראָץ אונזער גאנצן כוח דארפן מיר פעסטשטעלן, אז נאָך אלע אונזערע דערגרייכונגען און דעראָבערונגען איז נאָך די היסטאָרישע דעציזיע נישט געפאלן. די הויפט־שוועריקייטן זיינען נאָך ניט געלייזט געוואָרן.

אמאָל האָט דער ארבעטער אין ארץ ישראל געוויטאָקט — ווו ער האָט זיך נאָר געקערט — דעם ווייטאָק פון זיין איינזאמקייט. ער איז געווען איינזאם אין דעם פשוטן זין פון וואָרט, איינזאם אלס א פּרט, איינזאם אין זיינע ווייטאָקן, פילנדיק זיין פאריתומטקייט טאָג און נאכט: סיי וואַרטנדיק אויף ארבעט אויף דער בירזשע פון דער קאָלאָניע, סיי קלאַפנדיק אין דעם טויער, וואָס איז פארשלאָסן פאר אים, צי וואלגערנדיק זיך אין דעם שמוציקן, נעבעכדיקן „האָטעל", אָדער פרווונדיק קויפן אויף באָרג ביים קרעמער, צי עסנדיק אין אן אומבאקאנטן רעסטאָראַן. עס איז געווען א טראגישע איינזאמקייט פון א פאריתומט באשעפעניש, וואָס זעט אויס אזוי איבעריק אויף דער וועלט; א טראגישע איינזאמקייט פון א מענטש, וואָס ווייס ניט אז זיין לעבן האָט א טעם און אן אויפגאַבע

פון דער דאָזיקער אומגליקלעכער איינזאַמקייט זיינען מיר שוין לאַנג אַרויס. מיר זיינען אַרויס מיטן כּוח פון דער הסתּדרות און איר־ע כּסדרדיקע העלדישע טאָטן. אַ סך פון די ליידן פון דעם איינזאַמען אַרבעטער זיינען פאַר אונדז היינט־צו־טאָג אוראַלטע זכרונות. און דאָך איז פון אים פאַר קיין שום פאַל ניט אוועקגענומען געוואָרן דער טעם פון איינזאַמקייט. פאַרקערט — אונדזער איינזאַמקייט האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט און פאַרשאַרפט. עס איז שוין נ־ט מער קיין יתום־איינזאַמקייט, וועלכע מיר האָבן באַזיגט. עס איז אַ לאַגע פון אַ געמיינשאַפט, וואָס עס איז אויף איר גנזר געוואָרן צו לעבן און צו שאַפן און צו קעמפן אין איינזאַמקייט, אַלס אַ שטראָף פאַר טריי זיין די גרונט־פּרינציפּן, פאַר ניט וועלן שלום־מאַכן און אונטערגעבן זיך צו די אַרומיקע הערשנדיקע כּוחות, — כּוחות, וואָס זייער מאַכט און תּקיפות שטיצן זיך אויף קאַפּיטאַל און ירושה און פאַרגאַנגענהייט.

און אינטערעסאַנט: די דאָזיקע איינזאַמקייט איז ניט קיין פּראָדוקט פון אונדזער שוואַכקייט. אדרבא, עס איז דאָ אַ גרונד צו דענקען, אַז עס איז אַ רעזולטאַט פון אַן אָרגאַניזירטער, אויסגערעכנטער בלאָקאַדע, עס איז אַ פּראָדוקט פון פּחד: טאָמער וועט די אַרבעטערשאַפט ווערן צו גרויס אין צאָל און טאָמער וועט זיך שטאַרקן דער שאַפנדיקער און באַנייענדיקער כּוח פון איר הסתּדרות. די דאָזיקע בלאָקאַדע איז אַ מין „קאָמפּענסאַציע” פאַר אונדזערע דערגרייכונגען און דעראָבערונגען פאַרן ישוב און פאַרן ציוניזם.

אָן קיין שום איבערטרייבונג מעגן מיר זאָגן, אַז אונדזער באַוועגונג האָט באַנייט און פעסטגעשטעלט פּרינציפּן און גרונדלאַגן, וואָס זיינען גע־וואָרן דאָס אייגנטום פון גאַנצן פאָלק, ווערטן מיט וועלכע דאָס פאָלק בענטשט זיך. אונדזער באַוועגונג האָט געלייזט האַרבע, גרונטזעצלעכע פּראָבלעמען, וואָס קיינער פאַר אונדז האָט זיי ניט געקענט לייזן, האָט אפשר אַפילו ניט געוואָלט לייזן. אונדזער באַוועגונג איז דירעקט און דרייסט צוגעגאַנגען צו פאַרשיידענע פאַרשאָלטענע געזעלשאַפטלעכע ווייטאָקן, האָט זיך ניט אויסבאַהאַלטן פון זיי און מיט זיי ניט שלום געמאַכט, ווי אַנדערע האָבן עס געטאָן, האָט געמאַכט אַ ריכטיקן דיאַגנאָז און אויך געבראַכט אַ היילונג.

מיט דרייסיק יאָר צוריק און אַפילו נאָך מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז דער אַרבעטס־געדאַנק געווען אומפאַרשטענדלעך, אָפּגעפרעגט, אוטאָפּיש. ניט נאָר דער פּשוטער, רואיקער יידישער קאַפּיטאַליסט, וואָס איז דערצויגן געוואָרן דורך דעם באַראָנס באַאַמטע און האָט פאַרגעסן זיינע יוגנט־טרוי־מען; ניט נאָר דער פּרדסן — נאָר אַפילו די גדולי הדור, ליליענבלום און אחד־העם, האָבן מוותּר געווען אויף יידישע אַרבעט. סך הכל מיט צוואַנציק יאָר צוריק האָט אחד־העם באַטראַכט די שאַפונג פון אַ יידישן אַרבעטער־קלאַס אין ארץ ישראל אַלס אַן אוממעגלעכע זאַך. ער האָט באַוויזן דעם

קונץ פאַרצושטעלן זיך די גאולה פון דעם יידישן פאָלק — אָן א יידישער ארבעטערשאפט.

איז געקומען א הייפל מענטשן, אָן האָב און גוטס, אָן א געזעלשאפטלעכער פּאָזיציע. עס זיינען געקומען אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע בחורים און האָבן זיך אונטערגענומען צו לייזן די רעטעניש פון א מענטשלעכער עקזיסטענץ פארן יידישן פאָלק. ווי קיינער ביז זיי האָבן זיי קלאָר געזען די חרפה און די אוממעגלעכקייט פון לופט־לעבן, ליידיק־גייערײ און פארמיטלערײ — אלס פונדאמענטן פון דער פאָלקס־עקזיסטענץ. און זיי האָבן געפונען דעם אויסוועג דורכן אייגענעם לייב־און־לעבן, — זיי האָבן אים אנטדעקט פאר זיך און האָבן עס געלערנט די מאסן: א לעבן פון ארבעט! זיי האָבן ארויסגעשלעפט דעם ישוב פון א לאגע פון פאראזיטיזם, פון נאציאָנאלער שאנדע, פון עקספּלואטירן פרעמדע און זיין פארשקלאפט צו פרעמדע. זיי האָבן ארויסגעצויגן דאָס גאולה־ווערק פון שפלות, נישטיקייט, פאלשקייט, און האָבן אים צוריקגעקערט זיין אָריגינאַליטעט, זיין ווארהאפטיקייט, זיין מאטעריעלע עקזיסטענץ־מעגלעכקייט און זיין מאָראלישע בארעכטיקונג. זיי האָבן ארײנגעגאָסן אין דער ציוניסטישער באוועגונג זייער קראפט, זייער שאפונג. זיי האָבן געשאפן און געלייגט נייע וועגן אין דער ארבעט, אין ווירטשאפט, שפּראך, ליטעראטור און געזעלשאפטלעכער אָרגאניזאציע, — זיי האָבן געשאפן עפעקטיווע ווערטן, וואָס דינען אלס מוסטער אפילו פאר זייערע קעגנער, וואָס מאכן זיי נאָך.

איצט זעען מיר ווי אזוי דער אָפּגעפרעגטער, אוטאָפּישער פּרינציפּ פון יידישער ארבעט איז געוואָרן אן אנערקענטע זאך, און אפילו די קעגנער און באַיקאָטירער פון דעם יידישן ארבעטער איז זיין אָרגאניזאציע שווערן — בקולי קולות — טריישאפט צו יידישער ארבעט.

עס איז א פארדינסט פון דער ארבעטער־באוועגונג, וואָס זי באנייט און שאפט נאציאָנאלע און געזעלשאפטלעכע ווערטן, — ווערטן, וואָס פון זייערע ברעקלעך שפּייזן זיך אפילו אָפּאָנענטן און פיינט. אָבער אין ישוב וויל אונז קיינער ניט אנערקענען דעם דאָזיקן פארדינסט אונזערן, גלייך אזוי ווי מען פארגעסט ווי אזוי מיר האָבן דורכגעבראָכן מויערן און געעפנט טויערן פאר דער עליה, ווי מען פארגעסט וואָס מיר זיינען געווען פארן ישוב אין די טעג פון געשעענישן און קריזיסן — פון זינט די ערשטע שומרים ביז צו דער פארטיידיקונג פון ירושלים און ביז צום שטיין אויף דער וואך אין די טעג פון חודש אב תרפ״ט און נאָכדעם.

אין דעם איצטיקן שווערן מאָמענט פאר דער גאנצער ארבעטער־באוועגונג, פאר דער גאנצער מענטשהייט — קען אונזער באוועגונג, די יינגסטע ארבעטער־באוועגונג אין דער וועלט, קוקן מיט א געפיל פון באפריי־

דיקונג, אפילו מיט א ביסל גאוה, אויף אונזער פּערספּעקטיווער פּאָזיציע. און דאָך לאָמיר זיך ניט איבערנעמען. מיר דאַרפן נאָר גוט באַגרייפן אונזער איינגנאַרטיקע ווירקלעכקייט, וואָס האָט אונז געהאָלפן צו גיין פון איין דערגרייכונג צו דער אנדערער.

איר קענט גוט דעם כוח און דעם ווערט פון דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג און פון דעם כסדרדיקן קאַמף פאַר די אַרבעט־און־עקזיסטענץ־באַדינגונגען אין א געגעבענעם פאַך. אָבער ווען מיר זאָלן פאַרגלייכן אונזער כוח מיטן כוח פון אנדערע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס וועלן מיר זיך איבערצייגן, אז באַזונדערס שטאַרק זיינען מיר דערמיט וואָס מיר באַטראַכטן זיך ניט בלויז אלס פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן ניט איינגעשרומפּט דעם נאַציאָנאַלן און מענטשלעכן האָריזאָנט פון דעם אַרבעטער־קאַמף, אזוי ווי עס האָבן עס געטאָן גרויסע און שטאַרקע אַרבעטער־באַוועגונגען, וועלכע האָבן אין דערדאָזיקער איינשרומפּונג געזען אן אידייאישן ראַדיקאַליזם און קלאַסן־טריישאַפט.

אונזער פאָלק איז גרויס און צעשפּרייט, פול מיט כיתות און ליידיק פון אלץ, ערדלאָז און אַרבעטסלאָז, דעריבער איז ניט געמאָלט די סאָציאַלע באַפרייונג פון דעם יידישן אַרבעטער סיידן דורך נאַציאָנאַלער באַפרייונג. און אויף וויפל דער פאַרבאַדינג פון זיין נאַציאָנאַלער אויסלייזונג איז די שאַפונג פון באָדן און אַרבעט פאַרן פאָלק, אויף אזויפיל איז זיין נאַציאָנאַלע באַפרייונג אָפּהענגיק פון דער שאַפונג און פון דעם וווקס פון א יידישן אַרבעטער־קלאַס, וועלכער נוצט אויס דעם גאַנצן כוח פון זיין אייניקייט און אָרגאַניזירטקייט כדי צו דערוואָרבן פאַר זיך אַרבעטס־געביטן און מענטשלעכע עקזיסטענץ־באַדינגונגען.

פון דאַנען דרינגען אַרויס די ספּעציפישע באַדינגונגען פאַר דעם פאָרשריט פון דעם קאָלאָניזאַטאָרישן ווערק, פון דאַנען — דער ספּעציפישער פּלאַץ וואָס דער יידישער אַרבעטער פאַרנעמט אין דאָרף פאַרנעמען אין דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג; פון דאַנען — דער חלוצישער כאַראַקטער פון דער ארץ ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג; פון דאַנען — די אומאויפהערלעכע שטרעבונג צו ברייטע האָריזאָנטן און גרויסן טאַט־אומפאַנג, וואָס מיר טרעפן ניט אין אנדערע באַוועגונגען.

פון דעם ערשטן מאָמענט אָן, ווען אונזער טעטיקייט איז נאָך געווען קליין אין אָרעם, איז איר ריכטונג געווען צו ברייטע האָריזאָנטן. שוין דאַן, בעת מיר זיינען נאָך געווען ווייניק און שוואַך, האָבן מיר זיך באַטראַכט אלס פּיאָנערן פון אן אַרבעטער־קלאַס, אלס אן אוואַנגאַרד, און לויט דעם האָבן מיר באַשטימט אונזערע אויפגאַבן. און נאָך איידער מיר זיינען רייף געוואָרן פאַר זעלבסטשטענדיקער קאָלאָניזאַטאָרישער טעטיקייט, האָבן זיך ביי אונז

אָנגעמערקט צוויי היפּט־שטריכן, וועלכע האָבן שפּעטער אויסגעפורעמט די געשטאַלט פון אונזער באַוועגונג. די צוויי יסודית זיינען: אַרבעטער־חברישקייט און דאָס באַוווסטזיין פון אונזער חלוצי־שער מיסיע אין לעבן פון פאָלק.

דער עלעמענט פון חברישקייט איז אויפגעקומען אין אונזער באַוועגונג פון אירע ערשטע טעג אָן. די איינזאַמקייט און פּאַריטומטקייט האָבן פאַרטיפט די פאַרבינדונגען פון חברישקייט. די נויט און דער עלענד האָבן אויפגעצווונגען קעגנזייטיקע הילף. פון אָנהויב אָן איז עס שוין געווען מער ווי בלויז קעגנזייטיקע הילף. פון אָנפאַנג אָן איז שוין דאָ געלעגן דער קערנדל פון גלייכהייט. פון דאַנען זיינען אַרויסגעפלאָסן די שטרעבונגען צו נייע פאָרמען פון לעבן אין פון ווי־דשאַפט אויפן גרונט פון קאָאָפּעראַציע, קעגנזייטיקע אחריות, גלייכהייט און געזעלשאַפטלעכע אייניקייט.

פון אונזער אָנפאַנג אָן זיינען מיר געווען דורכגעדרונגען מיטן באַוווסטזיין, אַז מיר זיינען שליחים פון אונזער פאָלק, אַז ניט צופעליק זיינען מיר אהער געקומען, און אַז מיר האָבן ניט קיין אַנדער לייזונג אויסער דער לייזונג פון דער לעבנס־פראַגע פון פאָלק.

פון דאַנען שטאַמט אונזער בייגונג צו מעסטן און וועגן און אָפּשאַצן יעדע טאַט און יעדן טריט, אַזוי ווי פון דעם וואָלט געווען אָפּהענגיק דער גורל פון פאָלק — צום גוטן אָדער צום בייזן. פון דאַנען — דער שפּרודלדיקער ווילן צוצופּאַסן יעדע טאַט צו דער איינציקער לייזונג פון דער פאָלקס־נויט; פון דאַנען — די זאָרג פאַר עליה און פאַר יעדן עולה באַזונדער; פון דאַנען — די זאָרג פאַר דער לאַגע אין די גלות־לענדער און פאַר דער דערציאונג און הכשרה פון דעם יונגן דור; פון דאַנען — די אַנשטרענגונגען אַנצוצייכענען וועגן פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג — טראָץ אַלע אַנטוישונגען. מיר האָבן געגלויבט, אַז אונזער אַרבעטער־באַוועגונג איז אַנטשטאַנען כדי אויסצופירן גרויסע טאַטן, מיר האָבן געפילט דעם פליגל־גערויש פון די גרויסע טאַטן און מיר האָבן זיך אויסגעלערנט צו ציען אַ ליניע פון די טאָג־טעגלעכע קלייניקייטן צו די פון דערווייטנס צוויבערנדיקע גרויסקייטן.

דער דאָזיקער סינטעז פון חברישקייט און נאַציאָנאַלער טרייבשאַפט איז אונז בייגעשטאַנען אין שווערע קריזיסן וועלכע פלעגן אונז באַפאַלן, ווען עס פלעגט זיך צומאָל דוכטן, אַז מיר זיינען שוין פאַר־משפּט צו אונטערגאַנג. אַזעלכע טעג פון נסיון זיינען געווען אַ סך: די טעג פון דער וועלט־מלחמה און די גירושים פון ארץ־ישראל, די אַראַבישע איבערפאַלן אין יאָר 1921, די קריזיסן פון אַרבעטסלאָזיקייט אין די יאָרן 1923 און

1926, די געשעענישן פון חודש אב תרפ"ט (1929). ווען מיר וואָלטן דאַן ניט פאַרבליבן פעסט אויף אונזערע פאָזיציעס — בשעת טויזנטער אַנדערע זיינען זיך צעלאָפן, האָבן פאַרלאָזן דאָס לאַנד און האָבן זיך אַנטוישט — וואָלטן מיר זיך אפשר איצט ניט געקענט באַרימען מיט אונזער „פּראָספּעריטי".

די דאָזיקע צונויפגיסונג פון חברישקייט און חלוציזם, וואָס מען דאַרף זי זען אַלס אַ כסדרדיקע שטייגערונג צו אַרבעטער־מאַקסימאַליזם און נאַציאָנאַלן מאַקסימאַליזם, — זי האָט עס צונויפגעשלאָסן די אַרבעטער־מחנה אין ארץ ישראל און האָט פון איר געמאַכט איין אייג־הייט, וואָס רופט זיך: די הסתדרות. אין דער דאָזיקער צונויפגיסונג ליגט דער סוד פון דער אייניקייט אין אונזער באַוועגונג, דער סיד פון איר כוח און מאַכט. כל זמן דער דאָזיקער סינטעז פון חברישקייט און חלוציזם עקזיסטירט, וועלן אונז ניט בייקומען קיין שום ברעכער.

אָבער אויך די דאָזיקע דערגרייכונג, וואָס איז וויכטיקער פון אַלע מאַטעריעלע אוןווירטשאַפטלעכע דעראָבערונגען אונזערע, שטייט פון מאָל צו מאָל פאַר אַ פּרווו. עס איז ניט קיין אויסערלעכע דעראָבערונג, וואָס קוים איז עס איין מאָל געמאַכט, בלייבט עס. עס איז קיין הויז, וואָס האָסטו אים אויסגעבויט —שטייט עס. עס איז אַ גייסטיקע דעראָבערונג, וואָס מען דאַרף זי יעדן טאָג באַנייען, וואָס ווערט פון מאָל צו מאָל געשטעלט פאַר נייע און האַרבע נסיונות. און יעדן נייעם נסיון דאַרף מען באַטראַכטן אַלס אַ לייַ־טערנדיקן שמעלץ־טאָפּ צום פאַרהאַרטעווען די דעראָבערונג. אָן אַזעלכע נסיונות קען זי פאַרלירן איר געשפּאַנטקייט און עלאַסטישקייט.

אויך אין די טעג פון „פּראָספּעריטי", ווירטשאַפטלעכן אויפבלי און וווקס קענען מיר ניט רואיק בלייבן מיט אונזערע דערגרייכונגען. מיר דאַרפן בודק זיין און ווידער בודק זיין, צי דורך עקספּאַנסיע און אויסברייטערונג ווערן מיר ניט אָפּגעשוואַכט. כל זמן מיר זיינען געווען קליין און שוואַך, זיינען אויך די מיראַזשן און פאַרפירענישן געווען ווייניק. אָבער זינט עס מערן זיך די רייכטימער, עס מערט זיך די מחנה — מערן זיך אויך די פאַר־פירענישן.

אָט, למשל, לאָמיר נעמען דעם עלעמענט פון גלייכהייט אין אונזער לעבן. צו פולער, אומפּאַסנדיקער גלייכהייט זיינען מיר פריער אויך ניט דער־גאַנגען. אָבער כל זמן אונזער מחנה איז געווען אייגהייטלעך, איז ניט געווען קיין אינטערשייד צווישן אַן אַרבעטער מיט אַ ווירטשאַפט און אַן אַרבעטער אָן אַ ווירטשאַפט, צווישן אַ פּאַכלאָזן אַרבעטער און אַ פאַכמאַן, צווישן אַ טאָג־אַרבעטער און דעם וואָס אַרבעט בקבלנות, — און מען האָט כמעט ניט געדאַרפט קיין באַזונדערע הסתדרותישע און פּריוואַטע אָנשטרענגונגען כדי איינצוהאַלטן די טענדענץ פון גלייכהייט אין אונזער לעבן. אפילו דער

אונטערשייד צווישן דעם לעבן אין א קבוצה און אויסע־האלב דער קבוצה — איז מער געווען א זאך פון געשמאק און געזעלשאפטלעכער נייגונג איידער א מאטעריעלער אונטערשייד.

איצט אָבער שמייכלט צום ארבעטער א פּארפּרעדיישער רייץ: ביזט דאך א פאכמאן — טאָ וואָס האָסטו צו פארבלייבן מיט דיינע חברים. גיי ארויס, פארדין א סך, העלף דיינע קרובים און מאך אליין אויך א לעבן. מען זוכט אזעלכע ווי דו — קענסט נאָך זיין א מנהל צי א קבלן. קענסט בכלל גוט פארדינען, אויב דו וועסט פון זיך אראָפּוואַרפן דעם יאָך פון די הארבע הסתדריתישע מצוות, און ווער רעדט נאָך — אויב דו וועסט אריבער צו אן אנדער מחנה!

מיר טאָרן זיך ניט לאָזן בארויקן דורך דער „פּראָספּעריטי" און לאָזן אלץ גיין מיטן שטראָם. מען דארף אויפהייבן די פאָן פון דעם הסתדרותישן פּוריטאניזם. מען דארף באנייען די הסתדרותישע עטיק, וואָס איז אזוי מחמיר און אזוי מקפיד, אָבער זי איז אויך אזוי מענטשלעך און לעבנספול. מען דארף פארשטארקן די טענדענץ פון גלייכהייט — עס זאָלן אין אונזער באוועגונג זיין נאָר מענטשן, וואָס יאָגן ארויס פון זיך יעדן שפּיר פון עקספּלואטאציע. מען דארף שטרענג אָפּהיטן שווערע, אומבאקוועמע פּאָזיציעס: היינט וועלן זיי לייכטזיניק פארלאָזן — מאָרגן וועלן מיר זיי וועלן צוריקגעווינען און וועלן ניט קענען.

די באוועגונג איז אימשטאנד צו שאפן אן אטמאָספער, וואָס זאָל העלפן דעם פּרט צו לעבן א חלוצישן לעבן, צו באזיגן שוואכקייטן און דעם פארפירערישן רייץ פון דער ארומיקער בעלי־בית׳שער סביבה.

שמועסן איבער דער הסתדרות

[שלוס־שמועסן אין דעם סעמינאַר פון דער הסתדרות, רחובות, ניסן תש"א, 1941]

א. וועגן אייניקע דעפיניציעס

פריינט און שונאים צוגלייך באשעפטיקן זיך א סך מיט דער הסתדרות און באמיען זיך אויסצוגעפינען פאר איר פארשיידענע דעפיניציעס: ווער עס פאסט זי אויף פון קלאסן־שטאנדפּונקט, און ווער פון פּראָפעסיאָנעלן, קאָלאָניזאטארישן אדג"ל. איך וועל דאָ ניט צוגעבן קיין דעפיניציעס און פאָרמולעס. קען מען דען, בכלל, נעמען א לעבעדיקן אָרגאניזם און צעגלידערן אים אויף אזא אופן: דאָ איז ער סאָציאליסטיש און דאָ ציוניסטיש, דאָ פּראָלעטאריש און דאָ ישובֿיסטיש, דאָ פּראָפעסיאָנאליסטיש און דאָ קאָאָ־

פּערצעפּטיוויסטיש. אין א לער־בוך פון געאָמעטריע אונטערשיידן מיר: א פּינטל, א ליניע, שטח. אָבער דער לערער וואָרנט און זאָגט: אזוי איז עס אין דעם לער־בוך, אין לעבן אָבער זיינען ניטאָ — ניט קיין פּינטל, ניט קיין ליניע און ניט קיין שטח. אין דער רעאַלער ווירקלעכקייט זיינען פאַראַן קעגנ־שטאַנדן, און די אַנטהאַלטן אומצעטיילטערהייט די פּינטלעך און די ליניעס און די שטחים. און ווען מיר פּרובירן דורכצופירן אזא מין צעגלידערונג אין דער הסתדרות און אויסצוגעפינען ווו איז דער סאָציאַליסטישער טייל און ווו דער ציוניסטישער — איז עס ניט מער ווי א שטייער־אָפּצאָל פאַר אונזער אַנגענומענעם אַרט־דענקען און אַרט־ריידן. ווייל דער לעבעדיקער גוף לאָזט זיך ניט צעגלידערן. שוין צענדליקער יאָרן ווי יידישע יונגעלייט, אין די גלות־לענדער און אין ארץ ישראל, ווערן — לויט דעם טראַפּאַרעט פון געדאַנקען־זשאַרגאָן, געפרעגט: וואָס ביסטו מער — ציוניסט צי סאָציאַליסט? גלייך ווי אויב מער ציוניזם מוז עס באַדייטן ווייניקער סאָציאַליזם, און פאַרקערט. די פראַגע זאָגט אויף זיך אַליין עדות, אז זי זוכט ניט די לעבעדיקע אידעע און די לעבעדיקע טאַט, נאָר די פּינטלעך און ליניעס פון דעם לער־בוך. ס׳איז גלייך ווי מען וואָלט איינעם געפרעגט: וואָס ביסטו מער — א יידישער מענטש צי א קולטור־מענטש? כאילו אויב מער מענטש באַדייט עס — ווייניקער ייד.

ב. מיט וואָס האָט זיך געענדיקט די קאָנפערענץ אין חיפה?

אויף דער קאָנפערענץ אין חיפה, וואָס האָט געגרינדעט די הסתדרות, האָבן מיר ניט פיל גערעדט וועגן עיקר־זאַכן, — מיר זיינען געקומען צו דער קאָנפערענץ מיט פאַרטיקע, כמעט אָפּגערעדטע, פאָרשלאָגן. דעם חבר ש. יבנאלי איז איבערגעגעבן געוואָרן די אויפגאַבע, אויפצוקלערן — ביים דערעפענען די קאָנפערענץ — די צילן פון דער הסתדרות, וואָס האָט גע־דאַרפט געשאַפן ווערן. און ער האָט גערעדט וועגן זאַכן, וואָס אויף א פּראָ־פעסיאָנעלער אַרבעטער־קאָנפערענץ האָבן זיי געקענט קלינגען גאָר אויס־טערליש, יוצא־דופן׳דיק. ער האָט אייגנטלעך גערעדט וועגן איין זאַך: וועגן דער רעטונג פון דעם יידישן פאָלק. ער האָט געזאָגט אזוי:

„שוין יאָרן־לאַנג ווי גרויסע טיילן פון אונזער פאָלק אין די גלות־לענדער הענגען צווישן לעבן און פאַרניכטונג... דאָס געבאָט פון דעם יידישן אַרבעטער און דאָס געבאָט פון דעם גאַנצן דור איז: ניט די פאַרזעצונג פון דער עקזיסטענץ, נאָר די רעטונג פון דעם פאָלק. דער אויפבוי פון ארץ ישראל און די רעטונג פון דעם גרעסטן טייל יידן פון גלות — דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם איצטיקן דור, און אויב ער וועט עס ניט טאָן — וועט ער פאַרראַטן זיין שליחות. ווער זשע וועט

אויף זיין פלייצע נעמען די דאָזיקע ארבעט? — דער יידישער ארבעטער אין ארץ ישראל!״

די „פיר טויזנט יידישע ארבעטער וואָס לעבן פון אַרבעט אין ארץ ישראל״ זעט דער רעפערענט אלס „א כוח וואָס האָט צו זיך ניט קיין גלייכן״ אין באצוג צו דער אויפלעבונג פון דעם פאָלק. מיר האָבן ניט קיין אינדיווידועלן אויסלייזער, ווי זיינער צייט משה רבנו, דאַרף אנטשטיין א קאָלעקטיווער אויסלייזער. דער יידישער ארבעטער — ער איז בארופן און ער איז פארפליכטעט צו אנטפלעקן פארן פאָלק די מעגלעכקייט אויסגעלייזט צו ווערן פון גלות. די באדערפעניש אויפצושטעלן די הסתדרות קען מען נאַטירלעך דערקלערן מיט פארשיידענע גוטע ארגומענטן. און איך קען אייך ניט פארזיכערן, אז די קאָנפערענץ האָט פארשטאַנען און אָפּגעשאַצט, פאר־וואָס די אויפשטעלונג פון דער הסתדרות ווערט ארגומענטירט דוקא אזוי און פארוואָס דוקא אזוי ווערט דערעפנט די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטערשאַפט.

כדי צו באצייכענען ווי אזוי עס האָבן זיך אין דער הסתדרות צונויפ־געגאָסן די באהעפטונג מיטן פאָלק און די זאָרג פאר זיין גורל און די איבערגעגעבנקייט צו זיין רעטונג מיט דער סאָציאַלער עמפּפינדלעכקייט און מיטן אָנשלוס אָן דער וועלט־ארבעטערשאַפט און מיטן פּאָרויסזען די אָנ־קומענדיקע ענדערונגען אין דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג — וועל איך אייך ציטירן אייניקע ווערטער, וועלכע זיינען געזאָגט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ פון „אחדות העבודה״ אין פתח תקוה (אדר תרע״ט, 1919), וואָס איז פאָרגעקומען פאר דער גרינדונג פון דער הסתדרות:

„עס זיינען דאָ פעלקער וואָס צוליב זייער ספעציעלער לאגע ווערט דער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר דער צענטער פון זייער לעבן. אָבער עס זיינען דאָ עפּאָכעס אין דער געשיכטע, ווען דער סאָציאַלער אינהאַלט ווערט דער לעבנס־צענטער פון דעם גאנצן פאָלק. אזא פאָלק איז אונזער פאָלק; אזא עפּאָכע איז אונזער עפּאָכע״.

און נאָך פריער, אין די ערשטע טעג פון דער בריטישער אָקופּאַציע, ווען ווייצמאַן און די איבעריקע מיטגלידער פון ועד הצירים זיינען געקומען קיין ארץ ישראל, האָט זיי די אָרגאַניזאַציע פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע ארבעטער („הסתדרות הפועלים החקלאים״) אויפגענומען מיט א קליינעם מעמאָראַנדום, אין וועלכן די ארבעטערשאַפט האָט — אפשר צום ערשטן מאָל — געפּרוּווט רעפּרעזענטירן זיך פאר דער יידישער וועלט. דאָרט איז געזאָגט געוואָרן:

„ניט אלס א געמיינשאַפט, וואָס נויטיקט זיך אין הילף, וואָס קומט זיך משתדל צו זיין פאר זיך, פאר דער פארלייכטערונג פון איר לאגע, שטעלט

זיך פאַר די אַרבעטערשאַפט פאַר אייך — די רעפּרעזענטאַנטן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דער אַרבעטער, וואָס געפינט זיך היינט צו טאָג אין לאַנד, האָט זיך דורך ווייטאָקן און שטרויכלונגען דורכגעלייגט א וועג, האָט פאַר זיך דערוואָרבן די מעגלעכקייטן פון מאַטעריעלער עקזיסטענץ, האָט פאַרנומען זיין פּאָזיציע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד און ער קען און וועט נאָך קענען אויסטראָגן אַפילו די שוועריקייטן פון זיין לאַגע. אָבער דער יידישער אַרבעטער באַטראַכט זיך ניט נאָר אַלס בוי־מאַטעריאַל נאָר אויך אַלס איינער פון די בויער, אַלס אָרגאַניזירטער טייל פון דער גאולה־באַוועגונג, אַלס א חלוצישע געמיינשאַפט וואָס האָט וואָלונטירט ניט אויף א יאָר און ניט אויף צוויי יאָר נאָר אויף זיין גאַנצן לעבן. און פון זיין באַזונדער שטאַנד אין לעבן, פון זיין רעאַלער ראָל אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם — פליסן אַרויס זיינע אָנשויאונגען אויף דער עקזיסטירנדיקער לאַגע אין ארץ ישראל, זיינע פאָדערונגען פון זיך אַליין און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג בנוגע דער צוקונפטיקער טע־טיקייט, זיינע ווונשן און שטרעבונגען. די אַרבעט אַלס אַזעלכע איז פאַר אונז ניט קיין צופעליקער פּרט, נאָר א גרונטשטיין צו דער אויסלייזונג פון פאָלק. דער יידישער אַרבעטער באַטראַכט ניט די אויסלייזונג פון פאָלק און די באַפרייאונג פון דער אַרבעטערשאַפט אַלס צוויי פאַרשיידענע און קעגנגע־זעצטע באַגריפן. זיי האָבן זיך ביי אים צונויפגעגאָסן אין איין זעלישער גאַנצקייט. די מטבע וואָס אויף איין זייט אירער איז אויסגעקריצט די גאולה פון דעם פאָלק, און אויף דער צווייטער — די פאַרשקלאַפונג פון דער אַרבעט, איז אין זיינע אויגן פּסול. ציוניזם, וואָס זאָל זיין געבויט אויף פאַרשקלאַפונג און עקספּלואַטאַציע, איז לויט אונזער מיינונג ניט נאָר אומגעוווּנשן און אוממאָראַליש, נאָר אויך אוממעגלעך. די אַלע, וואָס וועלן זייער גוף און נשמה אַריינלייגן אין דעם אויפבוי פון דער „נאַציאָנאַלער היים", וועלן ניט וועלן אַז די דאָזיקע היים זאָל זיין פאַר זיי און פאַר זייערע קינדער א שקלאַפן־היים. און דאָס פאָלק, וואָס שאַפט זיין צוקונפט מיט זיין שווייס, בלוט, מאַרך פון די ביינער — וועט מיט זיין אייגענעם גוטן ווילן ניט פאַרציכטן אויף זיין פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט. אויף צו פאַרווירק־לעכן דעם ציוניזם דאַרף מען האָבן ניט בלויז די הסכמה פון מאַכטהאָבער און אַפילו געלט פון מאַגנאַטן — אויב ס'וועלן זיך געפינען אַזעלכע. דער ציוניזם רופט דאָס פאָלק צו פאַרווירקלעכן אים, און פון די פאָלקס־טיפע־נישן שעפּט ער גראַנדיעזע מענטשלעכע, חלוצישע כוחות און אָן א שיעור פאָלקס־איבערגעבנקייט און התעוררות. אָן דעם האָבן מיר דאָך בכלל קיין האָפענונג ניט. און די ווען אין אונזערע צייטן ניט קומען אָן א דערהויבע־נער גאולה־וויזיע. די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין חוץ־לארץ דאַרפן

פילן בחוש, דארפן זען באשיינפערלעך, אז דער אינערלעכער, מענטשלעכער אינהאלט פון אונזערע נאציאָנאלע אספּיראציעס אין דער בייער געזעלשאפט, וואָס מיר קלייבן זיך צו בויען אין ארץ ישראל, איז — אַ לעבן אין אַ גרויסן פארנעם, א שעפעריש לעבן פאר די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן".

ווען איר וועט שטודירן די דאָקומענטן פון דער פאַרגעשיכטע פון דער הסתדרות וועט איר געפינען א סך זאכן, וואָס זיינען ניט צום געפינען אין אנדערע ארבעטער־באוועגונגען.

אין דעם ערשטן סטאטוס פון דער הסתדרות רעדט זיך ניט בלויז וועגן אויסבעסערן די ארבעטס־באדינגונגען פון דעם ארבעטער, נאָר אויך וועגן זאָרג פאר דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבעט. ענלעכע פאראגראפן קען מען געפינען אויך אין פריערדיקע דאָקומענטן פון „אחדות העבודה" און פון דער לאנדווירטשאפטלעכער אָרגאניזאציע. ס'איז ביי אונז ליידער ניט קיין סך פארבליבן פון די קאָנפערענצן פון דער לאנדווירטשאפט־לעכער אָרגאניזאציע פון די ערשטע צען יאָר אירע, די פון פאר דער גרינדונג פון דער הסתדרות. אָבער אָט לייענען מיר אין איינעם פון די פארבליבענע דאָקומענטן אַ רעזאָלוציע, אין וועלכער ס'רעדט זיך וועגן זאָרג פאר דער פּריוואטער ווירטשאפט, אויב זי באשעפטיקט יידישע אר־בעטער. און אָט איז פארבליבן א טייל רעזאָלוציעס פון דעם „פאראייניקטן ארבעטער־קאָמיטעט אין ארץ ישראל" (ס'איז געווען אזא פרווו צוזאמענשליסן ביידע לאנדווירטשאפטלעכע צענטראל־קאָמיטעטן — אין יהודה און אין גליל — און דעם „השומר"); זיינען דאָרטן דאָ רעזאָלוציעס וועגן לאנד־ווירטשאפטלעכער פארפולקאָמונג און וועגן אן אויפפאָדערונג צו עולים, אַז זיי זאָלן אין חוץ־לארץ דורכמאכן א הכשרה־פּעריאָד, און וועגן ספּעציעלער טעטיקייט אויפן געביט פון קולטור און פון פאר־שפרייטן די העברעאישע שפּראך און איר ליטעראטור, — און דאָן לייענען מיר נאָך אזא רעזאָלוציע: „צוזאמען מיט דער כסדרדיקער פארטיידיקונג פון די פּרינציפּן פון יידישער ארבעט און פון אַרבעטער־אינטערעסן — דארפן מיר זיין טעטיק אויפן געביט פון דערציאונג און זעלבסט־קריטיק און מיר דאַרפן זיך באמיען צו באזייטיקן די נעגאטיווע זייטן פון אונזער לעבן און ארבעט".

נאָך אין אן אנדער רעזאָלוציע ווערט אין דעם זעלבן גייסט געזאָגט: „די ארבעטער־פּרעסע דארף ערלעך און אומצווייפנימדיק באלייכטן אלץ וואָס ס'געשעט אין דעם ארבעטער־לעבן, ווי אויך קריטיקירן די ארבעטער אויף וויפיל זיי פארדינען קריטיק — ניט מורא האָבנדיק פאר בייזוויליקע קעגנער, וועלכע קענען אונזער זעלבסט־קריטיק פארוואנדלען אין א וואָפן קעגן אונז".

איר מעגט זיך חוזק מאַכן פון דער דאָזיקער נאַיוויטעט פון אייערע פאָרגענגער, וואָס שטייענדיק אין א שווערן קאַמף מיטן דרויסן האָבן זיי געהאַלטן, אז אַן ארבעטער קען זיך ניט באַנוגענען מיט זיין קאַמף קעגן כלערליי „דרויסנס", נאָר ער מוז זיך קודם־כל פלייסן אויסצורייסן דאָס שלעכטס פון די אייגענע רייען. אויב איר וועט זיך גוט ארייַנטראַכטן וועט איר אפשר מסכים זיין, אז דווקא א דאַנק דעם דאָזיקן צוגאַנג איז עס געלונגען דעם ערשטן דור פון דער הסתדרות צו פאַרהאַרטעווען זיינע אייגנשאַפטן. אַלנפאַלס מוזט איר מודה זיין, אז די דאָזיקע אויפפאַסונג איז געווען אַן אָריגינעלע, ניט קיין געבאָרגטע. אין אַנדערע ערטער פלעגט מען זיך דאָך דאַן אויסלאַכן פון דער דאָזיקער טענדענץ צו „זעלבסט־פאַרפולקאָמונג".

ג. דער כאַראַקטער פון א באַוועגונג

איך וויל אייך דאָ ניט באַשעפטיקן מיט דער געשיכטע פון דער הסתדרות. איך וויל אָבער, אז איר זאָלט זיך ארייַנטראַכטן אין דעם כאַראַקטער פון אונזער באַוועגונג, אין אירע זייטן און אייגנשאַפטן, מיט וועלכע זי צייכנט זיך אויס. מען קען די הסתדרות ניט פאַרשטיין, סיידן מען זאָל זי באַטראַכטן אלס א ספּעציפישן אָרגאַניזם אין דעם יידישן פאָלק און אין דער וועלט.

מטבעות, וואָס קומען ארויס פון איין פורעם, זיינען ענלעך איינע צו דער אַנדערער. אַנדערש איז עס מיטן לעבן פון מענטשן, לעבן פון פעלקער, לעבן פון באַוועגונגען. ס'איז אוממעגלעך צו פאַרשטיין א סאָציאָלאָגישע דערשיינונג, סיידן מען זאָל זען דאָס וואָס עס מאַכט זי ענלעך צו אַנדערע דערשיינונגען און דאָס וואָס עס אונטערשיידט זי פון אַנדערע דערשיינונגען. יעדע געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג איז א טייל פון דער וועלט און געהערט צום שטח און צו דער צייט, — זי איז אָבער גלייכצייטיק שייך אויך צו זיך אַליין. און אודאי און אודאי, אז די יידישע געשיכטע, וויפיל די וועלט־כוחות זאָלן אויף איר ניט ארויפלייגן זייער סטעמפּל און זייער דרוק — הערט זי דאָך ניט אויף צו זיין א דורכויס אייגנאַרטיקע דערשיינונג.

כדי צו באַגרייפן דעם כאַראַקטער און דעם וועג פון א באַשטימטער ארבעטער־באַוועגונג איז ניט גענוג צו וויסן, ווען איז פאָרגעקומען די און די קאָנפערענץ און ווען איז אויסגעאַרבעט געוואָרן די און די פּראָגראַם, — מען דאַרף דערצו נאָך אויך גוט קענען דעם טרעגער פון דער באַוועגונג, ווי אויך זיין אידעאָלאָגישע אָפּשטאַמונג און קולטורעלע אַנטוויקלונג. דער ארבעטער קומט פריער פון דער באַוועגונג. ווער איז דער ארבעטער? ער קומט פון דאָרף צי פון שטאָט? ווער זיינען געווען זיינע עלטערן — פויערן פאַר־שקלאַפטע צי פרייע האַנטווערקער, גילדע־מיטגלידער? איז ער אויסגעוואַקסן

— פון א קולטורעלן „מדבר" אָדער ער האָט געירשנט קולטור־ווערטן? ווי אזוי, למשל, קען מען פארשטיין דעם אויפטו פון די ראָטשדעל־פּיאָנערן אין דער געברויכס־קאָאָפּעראַציע, אָדער לאַסאַלס אָרגאַניזאַציאָנעלן ווערק אָדער די ערשטע קעמערלעך פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, אויב מען זאָל ניט קענען די סאָציאַלע שיכטן, פון וועלכע ס'איז ארויסגעוואַקסן דער אינדוסטריעלער ארבעטער אין די מערב־לענדער? מען קען ניט באַגרייפן דעם באַזונדערן וועג און דעם שיקזאַל פון דער רוסישער ארבעטער־באַוועגונג, ניט קענענדיק דעם היסטאָרישן באָדן, פון וועלכן זי איז אויפגעקומען, ניט קענענדיק דעם רוסישן ד אָ ר ף, פון וואַנען עס שטאַמט דער רוסישער ארבעטער.

די געשיכטע פון דעם יידישן ארבעטער אין ארץ ישראל אונטערשיידט זיך אין א סך היבזיכטן פון דער געשיכטע פון יעדן אנדער ארבעטער אין דער וועלט. דער יידישער ארבעטער איז געקומען ניט פון דאָרף ווי אויך ניט פון א האַנדווערקער־שיכט. דער דלות פון די יידישע מאַסן איז אַן אנדער דלות און זיין גייסטיקע ירושה איז אויך אַן אנדערע. זיין אָפּשטאַמונג, די פאַקטאָרן פון זיין אנטוויקלונג, זיינע געירשנטע קולטור־ווערטן, דער גורל פון זיין פאָלק — דאָס אַלץ האָט אויסגעפורעמט זיין כאַראַקטער און זיין געשטאַלט. דער ג ל ו ת האָט פאַר אים געשטעלט פּראָבלעמען, וואָס קיין שום אנדער ארבעטער אין דער וועלט האָט אזוינס אין זיין לעבן ניט געהערט. זיין סאָציאַלע לאַגע צוזאַמען מיט זיין כאַראַקטער און זיין גייסטיקער ירושה האָבן אים דיקטירט ענטפערס, וואָס קיין שום אנדער ארבעטער האָט ניט געדאַרפט ענטפערן.

מיר באַצייכענען די באַזונדערקייט פון אונזער שיקזאַל און די ספּעציפישקייט פון אונזער וועג ניט צוליב באַרימעריי, נאָר כדי אריינצוטראַכטן זיך אין דעם און צו פארשטיין. דאָס וואָס דער יידישער ארבעטער האָט געשאַפן אין ארץ ישראל האָט ער געשאַפן ניט לויט א פאָרויסגעזעצטן פּלאַן. און מען קען ניט זאָגן, אז ער האָט געזען זיינע פּערספּעקטיוון. באַוווּסטזיניק און אומבאַוווּסטזיניק — מער אומבאַוווּסטזיניק ווי באַוווּסטזיניק — האָט דער יידישער ארבעטער אין ארץ ישראל דורכגעבראָכן אומבאַקאַנטע וועגן. עס זיינען געווען וועגן נייע — סיי דערמיט וואָס ער האָט אויסגעגאָסן נייע פורעמס פאַר זיינע באַדערפענישן און סיי דערמיט וואָס אין א סך זאַכן איז ער דערשינען פריער פון אנדערע, איידער די אנדערע — גרעסערע און שטאַרקערע פון אים — האָבן עס פארשטאַנען צו טאָן.

מיר געפינען אין דער הסתדרות א צונויפפאָרונג פון אויפגאַבן, וואָס אזוינס זעען מיר ניט אין קיין שום אנדער ארבעטער־באַוועגונג. דער אָרגאַניזאַציאָנעלער קען־צייכן פון דער הסתדרות איז די פּ ר אָ פּ ע ס י ע : אר־

בעט אין אַלע אירע פאַרמען, אַלע „פּראָפעסיאָס". זי האָט אַריינגענומען אין קרייז פון איר זאָרג און טעטיקייט אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט די מאַטעריעלע און פּראָפעסיאָנעלע באַדערפענישן און מיט די אַרבעטס־באַדינגונגען פון דעם אַרבעטער. און דאָך איז עס אַ גרויסער טעות צו באַטראַכטן די הסתדרות אַלס „פּראָפעסיאָנעלע". ס'הייסט: לויט איר באַשטאַנד איז זי אַן אָרגאַני־זאַציע אַ פּראָפעסיאָנעלע, אָבער קיינמאָל איז זי אַזאַ ניט געווען לויט איר גייסט און לויט דעם אומפאַנג פון אירע אינטערעסן. אָט וואָס ס'איז וועגן דעם געזאָגט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ אין חיפה: „דער וואָס רעדט וועגן בויען די הסתדרות אויף אַ פּראָפעסיאָנעלן יסוד דערווייזט, אַז ער קען ניט דעם יידישן אַרבעטער און זיין גייסט. דער מהות פון דער פאַרייניקונג הענגט אָפּ פונעם מהות פונעם אַרבעטער. אויב איר וועט אויסליי־דיקן די פאַרייניקונג פון דעם וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר דער לעבנס־אינהאַלט פונעם אַרבעטער אין ארץ ישראל — טאָ וואָס פאַרייניקט איר?"

דאָס וואָס אַזוי האָט זיך עס אָנגעהייבן — אין דעם איז אפשר קיין שום באַזונדער אויפטו ניטאָ. אויך אין דער גרויסער וועלט איז דאָך די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג אַנטשטאַנען אַלס גאולה־אָנזאָגרין. דער ערש־טער אינטערנאַציאָנאַל איז אויך געווען אַ פּראָפעסיאָנעלער לויט זיין באַ־שטאַנד און מאַקסימאַליסטישער לויט זיין גייסט. דאָס אָבער וואָס עס אונטערשיידט די הסתדרות איז דאָס, וואָס זי האָט זיך געשטעלט אויף דעם דאַזיקן וועג נאָכדעם ווי די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אין דער וועלט האָט זיך — מיט דער הסכמה פון די גרויסע פירער — אָפּגעזאָגט פון אים. ווייל דער גייסט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג איז שנעל צעבראָקלט געוואָרן, און הגם די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע איז אייגנטלעך שטאַרקער געוואָרן, איז זי אָבער איינגעשרומפּט געוואָרן אין די גרעניצן פון דעם טאָג־טעגלעכן פּראָפעסיאָנאַליזם, און איר גייסטיקע וועלט איז איינגעדאַרט און פאַרגליווערט געוואָרן — אפילו ווען זי האָט זיך נאָך געהאַלטן ביי דער אַלטער טערמינאָ־לאָגיע. די אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ ישראל האָט נאָך אין אירע ערשטע טעג איבערגעשפּרייזט דעם גרעניץ פון פּראָפעסיאָנאַליזם, אָבער אפילו שוין נאָך דעם ווי זי איז שטאַרק געוואָרן און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע, פול מיט מאַטעריעלע ווערטן און פול מיט טאָג־טעגלעכע אינטערעסן, האָט זי ניט אויפגעהערט צו זיין אַן אָרגאַניזאַציע צו פאַר־ווירקלעכן די וויזיע — יענע וויזיע, מיט וועלכער ס'האָט זיך געעפנט די חיפה'ער קאָנפערענץ.

ס'האָבן קיינמאָל ניט געפעלט קיין מענטשן, קיין טענדענצן — אַריינ־צוליגן די הסתדרות אין אַ סדום־בעטל פון פּראָפעסיאָנאַליזם. אומעטום געפינען זיך מענטשן וואָס באַהויפּטן, אַז זיי קענען זיך באַנוגענען מיט

„פראפעסיאנאלע אינטערעסן" אליין, און אויך צו אונז פאלן פון מאל צו מאל אריין מענטשן, וואס זיינען פרעמד אדער זיי מאכן זיך פרעמד צו דער אייגנארטיקייט פון דעם יידישן ארבעטער אין ארץ ישראל, מענטשן „ביכטע־רע", און זיי פאדערן פון דער הסתדרות, אז זי זאל זיין בלויז א פראפעס־יאנעלע. אין פארשיידענע צייטן און אין פארשיידענע פארמען האט מען געמאכט פון דעם פראפעסיאנאליזם א וואפן קעגן דער הסתדרות, און פון מאל צו מאל זעט זיך די הסתדרות געצוווּנגען אזעלכע אנגריפן מיט כוח אפצושטויסן.

ד. צי מעג אן ארבעטער־ארגאניזאציע באשעפטיקן זיך מיט עליה?

ס'וועט אפשר קלינגען ווי א קוריאז, אבער א פאקט איז, אז מיט א סך יארן צוריק האט זיך אין דער הסתדרות געפירט א ויכוח, צי מעג א פראפעסיאנעלע ארגאניזאציע באשעפטיקן זיך מיט עליה. אויף דער ערשטער קאנפערענץ פון די ארבעטער פון יהודה (עין גנים, שבועות, 1911), וואס האט זיך פארזאמלט עטלעכע וואכן נאך דער ערשטער קאנפערענץ פון די ארבעטער פון גליל, האט מען געוואלט דעפינירן די טעטיקייט פון דעם נייעם ארגאן — א צענטראל־קאמיטעט, וואס זאל געוויילט ווערן דורך אן אלגעמיינער פארזאמלונג פון די לאנדווירטשאפטלעכע אר־בעטער פון יהודה — אויף א ריין „פראפעסיאנעלן" אופן: „צו פארטיידיקן די עקאנאמישע און גייסטיקע אינטערעסן פון די ארבעטער". ס'איז איצט ניט אזוי לייכט אויסצומאלן דעם דענסטמאליקן אינהאלט פון דער הסתדרות, וועלכע האט ארומגענומען ביי צוויי הונדערט ארבעטער, מערסטנטייל אר־בעטסלאזע. פון אונזער גאנצער דענסטמאליקער „פראקטיק" געדיינק איך בלויז איין איינציקן פאל פון „פארטיידיקונג": ביי אן ארבעטער, וואס האט געארבעט ביי א מאטאר, איז אפגעהאקט געווארן א האנט — האבן מיר געפאדערט אנטשעדיקונג. דערנאך האבן מיר פארגעזעצט און געפאדערט צו פארזיכערן די, וואס ארבעטן ביים מאטאר אין די פרדסים. דער דאזיקער פארפאל האט אונז באשעפטיקט די גאנצע צייט צווישן איין קאנפערענץ און דער אנדערער, און אפשר נאך מער פון דעם. איז אט אויף דער צווייטער קאנפערענץ פון די ארבעטער פון יהודה (פתח תקוה, חנוכה, 1912) אויסגעבראכן א גרויסער ויכוח: צי דארף „די אומפארטייאישע אר־גאניזאציע פון די לאנדווירטשאפטלעכע ארבעטער אין יהודה" זארגן ניט נאר פאר דעם שוין פאראנענעם ארבעטער, נאר אויך פאר זיין פארמערונג און פאר דער עליה פון ארבעטער, און בפרט — צי מעג זי אויפפאדערן די עליה.

אין גליל איז עס קיין פראבלעם ניט געווען, צי ווייל אונזער פרא־

פעסיאַנעלע און אידעאָלאָגישע „בילדונג" איז געווען אַ קלענערע, צי צוליב דעם כאַראַקטער פון דעם אַרבעטער אין גליל, צי אפשר ווייל אין גליל איז דער אַרבעטער ניט געווען אַזוי „איבעריק" ווי אין יהודה און ער האָט ניט געפילט די ברענענדיקע באַליידיקונג פון אַרבעטסלאָזיקייט — אַ געפיל וואָס פלעגט מאַכן אַ טייל פון דעם אַרבעטער אין יהודה. דער אַרבעטער אין גליל האָט געלעכצט נאָך אַ צופלוס פון אַרבעטער, און אַלס אויסוואַנדערונגס־לאַנד האָט ער באַטראַכט... יהודה, וועלכע איז אין זיינע אויגן געווען ניט גענוג ארץ־ישראלדיק. דער אַרבעטער־קאָמיטעט פון גליל האָט דעריבער אויף איינער פון זיינע ערשטע זיצונגען באַשלאָסן צו דעלעגירן דעם חבר צבי יהודה קיין רוסלאַנד, צו ווערבירן מענטשן פאַר עליה. אויף מיר איז דאַן אַרויפגעלייגט געוואָרן מיין ערשטע „ליטעראַרישע" אויפגאַבע אין ארץ ישראל: מיטגעבן אים אַן אויפרוף, וועלכער זאָל דערציילן די לעזער, וואָס עס דערוואַרט זיי אין ארץ ישראל און וואָס מיר דערוואַרטן פון זיי. די זיבן קאָמיטעט־מיטגלידער — פאַרטייאישע („הפועל הצעיר" און „פועלי ציון") און אומפאַרטייאישע — האָבן אפילו קיין ברעקל ספק ניט געהאַט, אַז דאָס איז דער ריכטיקער וועג.

האָב איך אָבער צוריק איבערגעוואַנדערט קיין יהודה און האָב דאָרטן געפונען אַ גאַנץ אַנדערע אַטמאָספער. וועגן דעם גאַנצן ענין פון דעם אויפ־רוף „עלו"* האָט מען גערעדט מיט שפּאָס און אפילו מיט כעס. מען האָט געחוזקט פון די נעבעכדיקע רעזולטאַטן פון דעם אויפרוף, און מען האָט זיך אויך געקלאָגט אויף דער אומפאַראַנטוואָרטלעכקייט פון די וואָס האָבן גערופן עולה צו זיין. מעג מען דען רופן מענטשן, זיי זאָלן קומען קיין ארץ־ישראל? מעג מען דען נעמען די אחריות פאַר דער נויט און פאַר די אַרבעטס־באַדינגונגען און אַרבעטסלאָזיקייט, וועלכע דערוואַרטן זיי אין לאַנד? און איז עס בכלל אַן עסק פאַר אַרבעטער — צו דערוועקן עליה? איז דען דאָ אין דער וועלט נאָך אַזאַ אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיך באַשעפטיקן מיט ברענגען איינוואַנדערער? אַרבעטער דאַרפן בלויז „פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן". אויב זיי וועלן קומען — וועלן מיר זיי פאַרטיידיקן.

מען האָט אויך שאַרף קריטיקירט די דאָזיקע גאַנצע „קינסטלעכע" עליה. וואַנדערונג האָט אַ טבע, אַז זי גייט פון זיך אַליין צו ערטער, וווּ מענטשן קענען האָבן פרנסה, ערטער אַנטוויקלטע; אויב קיין ארץ ישראל וועט קומען דער קאַפּיטאַל און עס וועט געשאַפן ווערן פּלאַץ פאַר

* אַרויסגעגעבן דורך „הפועל הצעיר"; פריער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן ווייטקינס אויפרוף.

אַרבעטער — וועלן זיי ממילא קומען, און מען וועט זיי ניט דאַרפֿן אויף אַ קינסטלעכן אופֿן וועקן דערצו. אויך דער ענין פֿון די „קינסטלעכע״ אַרבעטער האָט ניט אַרויסגערופֿן קיין צוטרוי, אַפֿילו ניט קיין סימפּאַטיע. ניט נאָר אין די פֿויערן־קרייזן פֿלעגט מען פֿאַרקרימען מיט די ליפּן אויף די „קינסטלעכע״ אַרבעטער, וואָס וועלן קיינמאָל קיין אמתע אַרבעטער ניט זיין: מען דאַרף ס׳זאָלן קומען „נאַטירלעכע״ אַרבעטער „אָן חכמות״, — מיט זיי וועט מען שוין דורכקומען. אין די אַרבעטער־קרייזן אַליין פֿלעגט מען אויך ריידן קעגן די „בעלי־ביתישע קינדער״, וואָס קומען אַרבעטן פֿון דעם אייגענעם ווילן, פֿון „אידעאַליזם״. און סיי־ווי וועלן זיי זיך „אַנטווישן״ און וועלן אַוועקפֿאָרן. דער „נאַטירלעכער״ אַרבעטער, דער וואָס „מוז אַר־בעטן״, ער וועט האַלטן פֿלאַץ, און פֿון אים וועט נאָך אַמאָל אַרויסוואַקסן אַ יידישער אַרבעטער־קלאַס.

אויף יענער קאָנפֿערענץ האָט זיך, ווי דערמאָנט, צעפֿלאַקערט אַ גרוי־סער ויכוח, און ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די מערהייט איז קעגן די „אויפֿרופֿן״; איז מען דורכגעקומען אויף דעם, אַז מען זאָל זיך באַשעפֿטיקן ניט מיט עליה, נאָר מיט „אינפֿאָרמאַציע״: „די צווייטע קאָנפֿערענץ פֿון די קאָלאָניע־אַרבעטער אין יהודה אַנערקענט די אינפֿאָרמאַציע־דינסט אַלס איינע פֿון די וויכטיקסטע אויפֿגאַבן פֿאַר דער פֿאַרשטאַרקונג און פֿאַרמערונג פֿון דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט״. קיינער האָט זיך ניט געקענט קעגנשטעלן צו אַזאַ נוסח. אַזוי איז אַריינגעגנבֿעט געוואָרן די עליה, אַבי ניט אָנצורירן די „פּראָפֿעסיאָנאַליסטישע״ אידעאָלאָגיע פֿון דער נאָך שוואַכער הסתדרות.

דער אַלגעמיינער פּאָן איז דאָ אין אַ גרויסער מאָס געווען — די אויסזיכטלאָזע לאַגע פֿון דעם אַרבעטער אין יהודה און זיין אָפּגעשוואַכטקייט פֿון נאָך דעם „יאוש״. די „זיגערישע״ „אידעאָלאָגיע״ אויף דעם דאָזיקן פּאָן איז געווען: צו זיין גלייך מיט אַלע אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, צו זיין „אַן אמתע״ אַרבעטער־באַוועגונג.

אַ סך גלגולים האָט דורכגעמאַכט דער „פּראָפֿעסיאָנאַליזם״ אין דער געשיכטע פֿון דער הסתדרות. געוויסע קרייזן האָבן זיך באַמיט אָפּצוטיילן די פּראָפֿעסיאָנעלע טעטיקייט פֿון דער הסתדרות — פֿון אַלע אַנדערע געביטן פֿון איר טעטיקייט. פֿון מאָל צו מאָל פֿלעגן געמאַכט ווערן פּרוּוון אַרויס־צורייסן די פּראָפֿעסיאָנעלע אַרבעטער־אינטערעסן פֿון דעם אָרגאַנישן געוועב פֿון זיין לעבן, אויסצולייזדיקן די הסתדרות פֿון איר לעבנספֿולן, חלוצישן כאַראַקטער, אַ דאַנק וועלכן זי גייט אָן מיט איר טעטיקייט אויפֿן געביט פֿון עליה און קאָלאָניזאַציע אוןווירטשאַפֿט־בוי און עולים־אויפֿנעם און חלוצים־דערציאונג און אַ דאַנק וועלכן זי איז דאָס וואָס זי איז: אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז עקסקלוזיוו אין דעם לעבן פֿון פֿאָלק און פֿון דער

ארבעטער־באוועגונג. מען קען זיך פאָרשטעלן, ווי אזוי עס וואָלט אויסגעזען דער פּראָפעסיאָנעלער כוח פון דער ארבעטערשאפט, ווען זי וואָלט געפּאָלגט די דאָזיקע ראטגעבער אירע, ווען זי וואָלט איינגעגאנגען אויף דעם, אז איר פּראָפעסיאָנעלע עקזיסטענץ זאָל זיין נאקעט, אָן דער יניקה פון דעם באָדן פון דער חלוצישער שאפונג, פון דעם קאמף פון דער יידישער ארבעט פאר אירע רעכט, פון דער טיפער באהעפטונג מיטן לעבן און גורל און וויזיע פון דעם פאָלק. און דאַרף איך נאָך דען געבן צו פארשטיין, אז אלץ, וואָס ס׳איז דערגרייכט געוואָרן אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט — אָט די גאנצע ראדיקאלע ענדערונג אין דער לאגע פון דעם לוין־ארבעטער — איז געקומען ניט א דאנק די פריידיקער פון פּראָפעסיאָנאליזם, נאָר א דאנק די אנשטריינ־גונגען און קרבנות און מי פון די אלע, וואָס זיינען געווען גאנץ מיט זייער ציוניזם און גאנץ מיט זייער טרוים וועגן ארבעטס־קאָלאָניזאציע און וועגן אַן אינטעגראלער ארבעטער־אָרגאניזאציע?

צייטנווייז פּאָכעט מען מיטן פאָן פון דעם „ריינעם” פּראָפעסיאָנאליזם אויך פון א גאנץ אנדער זייט. פון די קרייזן פון די רעוויזיאָניסטן און פון יענע ארבעטער־פאריינען, וואָס די הסתדרות איז ניט גענוג „נאציאָנאל” פאר זיי, הערן מיר אָפט, אַז אויך זיי וואָלטן צוגעשטאנען צו אַן אלגעמיינער ארבעטער־פאראייניקונג, ווען זי זאָל נאָר זיין באַזירט אויף א ריין־פּראָפעסיאָ־נעלן יסוד. אויס שנאה צום סאָציאליסטישן גייסט, מיט וועלכן די הסתדרות איז דורכגעדרונגען, זיינען זיי גרייט מוותר צו זיין אויפן ציוניסטישן א י נ ־ ה א ל ט און אויפן ציוניסטישן כ ו ח פון דער הסתדרות.

ה. פעדעראַליזם

יענער ויכוח האָט שוין לאנג אויפגעהערט צו מאטערן די הסתדרות. אפילו די, וואָס פלעגן אמאָל מרעיש עולמות זיין מיט דעם לאָזונג פון פּראָ־פעסיאָנאליזם, דערמאָנען אים איצט ניט. דער צ י ו נ י ס ט י ש ע ר באָדן איז געוואָרן דערוויל געמיינזאַם פאר אלע הסתדרות־מיטגלידער צוגלייך: קרן קיימת, קרן היסוד און דער שקל — האָבן זיך איינגעבירגערט ביי אלע שטרעמונגען אין דער הסתדרות. אויך די פראגע פון ה ע ב ר ע א י ש האָט אויפגעהערט צו דינען אלס טעמע פאר ויכוחים. ס׳איז אָבער פון דאָס ניי אויפגעשווומען א ויכוח, וואָס מיר האָבן געמיינט, אז מיר זיינען שוין פון אים לאנג פטור געוואָרן: וואָס איז די הסתדרות — א קאָנפעדעראציע פון קערפערשאפטן, פון וועלכע יעדע איינע באשטימט, ו ו א ס ס׳איז געוווּנשן אז די הסתדרות זאָל זיך דערמיט באשעפטיקן און וואָס ס׳איז נ י ט געוווּנשן, אָדער די הסתדרות איז אַ ן א י י נ ה י י ט ל ע כ ע ר אָרגאניזם, וואָס איז פאר־אנטוואָרטלעך פאר זיינע ענינים?

די הסתדרות איז אויפגעשטעלט געוואָרן אויפן סמך פון דער פּאַר־אויסזעצונג, אַז די אַרבעטערשאַפט שטעלט מיט זיך פאָר איין געזעלשאַפט־לעכן אָרגאַניזם און אַז זי פירט אַן מיט אירע אינטערעסן ווי אַן אייגהייט־לעכע גאַנצקייט. מיר האָבן ניט פאַרמאַכט די אויגן אויף דער מעגלעכקייט פון מיינונגס־פאַרשיידנהייטן און אינטערעסן־קעגנזאַצן אינערהאַלב דער אַרבעטערשאַפט, אָבער מיר האָבן געמיינט, אַז אויפן וועג צום ווערן אַן אַרבעטס־פאָלק, וואָס פירט אַן זעלבסטשטענדיק מיט זיינע ענינים, דאַרפן מיר זיין אַן אָרגאַניזירטע אַרבעטס־געזעלשאַפט, וואָס פירט אַן מיט זיך אַליין. די אַרבעטס־געזעלשאַפט — חברת העובדים — האָט ניט צו איר דיספּאָזיציע קיין שום מכשירים פון מאַכט וואָס איז באַזירט אויף צוואַנג; זי עקזיסטירט בלויז אַ דאַנק דעם גוטן פרייען ווילן פון אירע חברים, און זיי — די חברים — גיבן עס איר די ברייטע פולמאַכט איינצונעמען פאַר זיי נאָך און נאָך לעבנס־געביטן און טעטיקייט־געביטן.

און די הסתדרות האָט טאַקע אַלץ מער און מער אויסגעברייטערט אירע טעטיקייט־געביטן. פון מאָל צו מאָל פלעגן זיך פירן ויכוחים צווישן די וואָס האָבן געשטרעבט אויסצוברייטערן און די וואָס האָבן געשטרעבט איינ־צושמעלערן אירע קאָמפּעטענצן. און מען מעג זאָגן, אַז די אינערלעכע נויטווענדיקייט פון דער הסתדרות אויסצושפּרייטן אין אויסצוברייטערן איר קאָמפּעטענץ — זי איז עס געווען די, וואָס האָט אַנטשיידעט אין די אַלע ויכוחים. מיר געדיינקען נאָך דעם ויכוח וועגן „און אויך קולטור" אויפן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער הסתדרות; מיר געדיינקען דעם ויכוח צי מעג די הסתדרות אַרויסגעבן אַן אייגענע טאָג־צייטונג און צי מעג זי זיך אָנשליסן אָן דעם פּראָפעסיאָנעלן אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל און צי דאַרף זי פאַרפליכטן אירע חברים אויסצוקויפן דעם שקל. די אַלע דאָזיקע און ענלעכע ויכוחים זיינען געווען ניט מער ווי שטאַפּלען אין דער פאַר־קערפּערונג פון דער זעלבסטשטענדיקייט פון דער הסתד־רות, וואָס דער ערשטער פונקט פון איר סטאַטוט זאָגט: „די דערלייידיקונג פון אַלע קאָלאָניזאַטאָרישע, עקאָנאָמישע און קולטור־על׳ע אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין ארץ־ישראל — אויפן וועג פון דער אויפריכטונג פון אַ יידישער אַרבעטס־געזעלשאַפט".

איך האָב מורא צו זאָגן, נאָר עס שיינט, אַז איצט מערקן זיך סימנים פון אַ פאַרקערטן פּראָצעס, פון אַ טענדענץ צו פאַרשמעלערן די קאָמפּעטענץ פון דער הסתדרות און אירע טעטיקייט־געביטן. אויף אַ בולטן אופן האָט זיך די דאָזיקע טענדענץ אַרויסגעוויזן, ווען ס׳איז אין דער מועצת ההסתדרות באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע פון אַ ביכער־פאַרלאַג.

די דיסקוסיע אין דער דאָזיקער פראַגע האָט זיך געפירט ניט וועגן

דעם, וואָס עס דאַרף מיט זיך פאָרשטעלן א ביכער־פאַרלאַג פון דער הסתדרות, וואָס זאָל ער דערגענטערן און וואָס דערווייטערן. דער ויכוח איז געווען: צי מעג זיך די הסתדרות פאַרנעמען דערמיט? און חברים, וואָס זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנאַליסטן און מינימאַליסטן און וואָס מען קען זיי ניט חושד זיין אין קעגנערשאַפט צו דער העברעאישער שפּראַך און צו דעם העברעאישן בוך אָדער אין מאנגל פון גוטן ווילן לגבי דער דערציאונג פון דער ארבעטערשאַפט, דוקא זיי האָבן געזאָגט: „ניין! מען דאַרף ניט!" און אין דער ארגומענטאַציע האָט אפילו ניט געפעלט א באַשטימטע מאָס פון אָפּנהערציקייט: הסתדרות, ניט דיין זאַך! לאָז עס איבער פאַר אנדערע און גיי ניט ארויס פון די ראַמען, וואָס מיר האָבן דיר געשטעלט!

ס'איז כדאי דורכצובלעטערן די פּראָטאָקאָלן פון דער הסתדרות און זען די אַנטוויקלונג פון די פאַרהאַנדלונגען וועגן דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון דער הסתדרות — פון אָנהויב אָן:

אויף דער חיפה'ער קאָנפערענץ, ווען ס'איז אריינגעטראָגן געוואָרן אין סטאַטוט דאָס בארימטע „און אויך קולטורעלע", איז אויך באַטראַכט געוואָרן די פראַגע וועגן דער ליטעראַרישער טעטיקייט פון דער הסתדרות און מען האָט אפילו געפאָדערט א טאָג־צייטונג. די חברים וואָס זיינען געווען קעגן — די חברים פון „הפועל הצעיר" — האָבן זיך באַטראַכט אלס די טרעגער פון דער ארבעטער־ליטעראַטור (זיי האָבן טאַקע געהאַט גרויסע פאַרדינסטן אויפן דאָזיקן געביט), — האָבן זיי געצווייפלט צי מעג מען די דאָזיקע טעטיקייט אָנפאַרטרויען דער נייער אָרגאַניזאַציע. איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן, אז אין קרייז פון דער טעטיקייט פון דער הסתדרות גייען אריין: „פּראָפעסיאָנעלע ליטעראַטור, פּראָפעסיאָנעלע פרעסע און א ביולעטין פון דער הסתדרות".

אויף דער צווייטער קאָנפערענץ (תרפ"ג) איז נאָך א וויכוח באַשלאָסן געוואָרן ארויסצוגעבן א טאָג־צייטונג. ס'איז אויך אין א רעזאָלוציע גערעדט געוואָרן וועגן דער „דרינגענדער נויטווענדיקייט צו גרינדן א הסתדרותישן ביכער־פאַרלאַג פאַר אלע ארבעטס־געביטן און פאַר דער אויפקלערונג פון דער טעטיקייט פון דער הסתדרות און פון דער ארבעטער־באַוועגונג". צווישן דער צווייטער און דריטער קאָנפערענץ איז געגרינדעט געוואָרן די צייטונג. ס'זיינען אויך ארויסגעגעבן געוואָרן צענדליקער איינצעלנע ביכער: דורכן ועד הפועל, דורך דער קולטור־קאָמיסיע, דורכן „דבר" און אנדערע. אָבער א ביכער־פאַרלאַג, אלס א שטענדיקע און סיסטעמאַטישע אינסטיטוציע, איז ניט געגרינדעט געוואָרן.

אויף דער דריטער קאָנפערענץ (תרפ"ז), וועלכע איז געווען זייער א

שווערע — זי איז אויסגעפאלן אין דער צייט פון דעם קריזיס אין „סולל־בונה״, פון די פארשארפטע קעגנזאצן אינערהאלב דער הסתדרות, פון ציוניסטישער כפירה, וועלכע האט מיט איר שטראם אוועקגעשווענקט געוויסע קיבוצישע עלעמענטן, — איז קלאר און דייטלעך באשלאסן געווארן צו גרינדן א „ביכער פארלאג, אלס אינסטיטוציע פון דער הסתדרות״. דער הסתדרות־ראט איז אויפגעפאדערט געווארן צו „פארשנעלערן זיין גרינדונג און סיסטעמאטישע טעטיקייט״. דאס מאל איז אפילו קיין אפאזיציע צום פארשלאג ניט געווען.

מען קען אזוי ווייטער אויסרעכענען ראט־זיצונגען און אנדערע זיצונגען, אויף וועלכע עס איז ווידער און ווידער באשלאסן געווארן צוצוטרעטן צו דער ליטעראַרישער טעטיקייט, און דאך איז דער פארלאג ניט געגרינדעט געווארן.

און נאכדעם ווי די הסתדרות איז אומאויפהערלעך געוואקסן און ס׳איז אלץ גרעסער געווארן איר אחריות פאר דער דערציאונג פון צענטליקער טויזנטער, נאך דעם ווי זי האט אויפגעשטעלט אייגענע שולן און זי דינט אלס הכשרה־און־דערציאונגס־פלאץ פאר טויזנטער יוגנטלעכע, נאך דעם ווי זי האט אייפגענומען צענטליקער טויזנטער ארבעטער מיט זייערע גייסטיקע באדערפענישן — נאך דעם אלעמען האט זיך דערהערט א בייזער: טוט ניט! — ס׳איז פראקלאמירט געווארן, אז מיט ליטעראַרישער טעטיקייט דארפן זיך פארנעמען פארטייען און ניט די ארבעטערשאפט אלס א גאנצע. איז עס דען ניט א מערקווירדיקע „אנטוויקלונג״ אין לעבן פון דער הסתדרות?

און די דאזיקע אנטוויקלונג — פון דער הסתדרות, וואס שטרעבט צו דערפילן דעם מאקסימום פון אירע מיטגלידערס באדערפענישן, ביז צו דער הסתדרות, וואס יעדע ארגאניזירטע אין איר מינדערהייט מעג קריטיקירן איר טעטיקייט און אפילו פארשמעלערן איר קאמפעטענץ — איז אויסגעפאלן אין א צייט ווען צענטליקער טויזנטער הסתדרות־חברים באטראכטן זיך ניט אלס רעפרעזענטירטע דורך די ארגאניזירטע פארטייען. לאמיר אננעמען אז זיי, די מינדערהייטן, באפרידיקן אליין זייערע גייסטיקע באדערפענישן, אבער פארוואס זאלן די אנדערע צענטליקער טויזנטער ניט טארן פאדערן פון דער הסתדרות, אז זי זאל זארגן פאר זייער בילדונג און דערציאונג און פאר דער באפרידיקונג פון אלע גייסטיקע באדערפענישן זייערע?

אן ארגאניזאציע, וואס איר גרונט־קעמערל איז דער מיטגליד, באשטימט איר טעטיקייט לויט די ווונטשן פון דער מערהייט. דאקעגן, אין א פעדעראטיווער ארגאניזאציע, וועמענס גרונט־קעמערל איז ניט

דער אינדיווידועלער חבר נאָר די „אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט", באַשטימט ניט די מערהייט. דאָ קען יעדע „אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט" — אַלץ איינס, צי זי איז אַ גרויסע צי אַ קליינע מינדערהייט — רייצן זיך מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט און זאָגן: איך וויל ניט! איך מאַך שבת פאַר זיך.

איידער דער געבוי פון דער הסתדרות האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אויף דער חיפה'ער קאָנפערענץ זיינען אַ לאַנגע צייט פריער געפירט געוואָרן דיסקוסיעס אויף דער טעמע: אַ פּאַרטיי־פעדעראַציע אָדער אַן אייניהייטלעכע אָרגאַניזאַציע? די חיפה'ער קאָנפערענץ איז דערמעגלעכט געוואָרן ערשט נאָך דעם ווי אַלע האָבן איינגעשטימט אָפּצוואַרפן דעם פאָרשלאַג וועגן פעדעראַטיוון בוי. און איצט — זיינען מיר עדים צו דער באַנייאונג פון דער טענדענץ פון אַ פעדעראַציע?

ו. די טאָג־טעגלעכקייט און די וויזיע

די הסתדרות איז ניט געבויט פון ציגל. זי איז אַ מענטשן־בנין. אַ געביידע פון ציגל קען מען איינמאָל אויפריכטן — און זי בלייבט שטיין. די הסתדרות אָבער מוז זיך פון מאָל צו מאָל באַנייען פון אינווייניק. היינע האָט אונטערשיידט צווישן משה רבנו און די פּיראַמידן־בויערס: משה האָט געבויט אַ לעבעדיקע מצבה — ער האָט געבויט אַ פאָלק. אין אונזערע צייטן ווייסן מיר ניט פון קיין יחיד, וואָס זאָל בויען אַ פאָלק. אָבער מיר ווייסן פון אַ געזעלשאַפט, וואָס בויט אַ פאָלק, און דאָס איז די מיסיע פון דער הסתדרות אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען: אָרגאַניזאַציאָנעלע, פּראָפעסיאָנעלע, ווירטשאַפטלעכע, קאָלאָניזאַטאָרישע און גייסטיקע. ניט זעענדיק די דאָזיקע מיסיע אירע — קען מען ניט פאַרשטיין די הסתדרות, איר כוח און אירע דערגרייכונגען. אין דער פיינטלעכער פּרעסע קען מען אָפט טרעפן איינעם און דעם זעלבן פזמון וועגן דער הסתדרות: ברוך השם, די אַרבעטער זיינען שוין געשלאָגן אין גאָר דער וועלט. אין לאַנד נאָר איז געבליבן, ווו דער סאָציאַליזם האָט זיך פאַראַנקערט און ווו ער האַלט זיך ביי דער „מאַכט" און ביי „דיקטאַטור", — אין אונזער ארץ ישראל. און אויף דעם קלאָגט היינט יעדער „נאַציאָנאַלער" נביא.

אָבער איך בין מודה: טראָץ דעם גאַנצן עקל וואָס עס דערוועקן די דאָזיקע שאַדנפרייד אין באַצוג צו דער וועלט־אַרבעטערשאַפט און די לעכצעניש נאָכן גן־עדן, אין וועלכן די ציוויליזאַציע און די פרייהייט זיינען גערעטעוועט געוואָרן פון דער סאָציאַליסטישער געפאַר; טראָץ דער גאַנצער לעכערלעכער פּראָווינציאַלישקייט פון די יפּצעניש, איבער דער „מאַכט" פון דער אַרבעטערשאַפט אין ארץ ישראל — אין דעם לאַנד, ווו עס איז נאָך ניטאָ אפילו קיין אַנשטענדיקע התחלה פון שיץ־געזעצן פאַרן אַרבעטער;

ווי יעדער נאציאנאלער און סאציאלער „שטייער" ווערט געגעבן אלס „נדבה", וואס אליאדע תקיף — וויל ער, צאָלט ער אים, וויל ער ניט, צאָלט ער ניט און ווי דער קאלאניאלער באאמטער איז שטענדיק גרייט צום דינסט פון אלע תקיפים פון אלע עדות, אָפּצוהיטן זיי אז דער ארבעטער זאָל זיי חלילה קיין שלעכטס ניט טאָן — טראָץ דעם אלעמען געפין איך א קערנדל פון אמת אין דער דאָזיקער קנאה לגבי דעם כיח פון דעם יידישן ארבעטער אין ארץ ישראל.

אין דער גאנצער וועלט זיינען מיר, ארבעטער, א געשלאָגענע ארמיי. און ניט דוקא אין די לענדער, וועלכע זיינען באהערשט געוואָרן דורכן פאשיזם. דער קאמף קעגן פאשיזם גען גראדע אויפהייבן דעם פרעסטיזש פון דער ארבעטערשאפט. אָבער ווען איז דאָס געזאָגט געוואָרן? ווען דער ארבעטער דערשיינט — אינגאנצן, און אומעטום — אלס פיאָנער פון דעם דאָזיקן קאמף, אלס א דינאמישער, מאטארישער וועלט־כוח. דער קאמף האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אין אנדערע באדינגונגען, ביז גאָר טרויעריקע, אזעלכע וואס האלטן נאָך אין איין שפאלטן די ארבעטערשאפט אין דער וועלט, וואָס האלטן נאָך די ארבעטער־באוועגונג אין דער וועלט אין א מצב פון א געשלאָגענער ארמיי. וואָס וועט אונז ארויסקומען אויב מיר וועלן פארמאכן די אויגן אויף דאָס אלץ?

נו, איז טאקע וואָר, אז דער ארץ־ישראלדיקער פליגל פון דער געשלאָגענער ארמיי האָט ניט געוואָלט זיין געשלאָגן. ער האָט ארויסגעוויזן אן אויסעראָרדענטלעכע שטאנדהאפטיקייט און אן אויסעראָרדענטלעכע שאפונגס־קראפט. און די שונאים פון דער הסתדרות האָבן פאר וואָס מקנא צו זיין זייערע פריינט, וואָס האָבן אזא דערפאָלג „דאָרטן", און צו וווּנדערן זיך אויף די סאָציאליסטן — די וועלט־שלים־מזלים — וואָס זיינען ניט מסכים צו זיין לא יוצלח׳ס — דאָ, אין ארץ ישראל.

דעם סוד פון די דאָזיקע גרויסע, אויסערגעוויינטלעכע דערגרייכונגען — דארף מען זוכן אין דער ווונדערבארער קאָמבינאציע פון איינשפאנען די טאָג־טעגלעכקייט אין דינסט פון דער וויזיע. צווישן ארבעטער־אָרגאניזאציעס איז די הסתדרות אָן איינציקע אין איר אַרט, אלס אָרגאניזאציע פון הגשמה. אין מיינע באמערקונגען צום שמועס איבער סאָציאליסטישע פּראָבלעמען האָב איך גערעדט וועגן דעם אָפּגרונט, וואָס ליגט צווישן דעם „פּראָגראם־מינימום" און דעם „פּראָגראם־מאקסימום" פון די פארטייען. זיי האָבן געהאַט א פּראָגראם אויף היינט און א פּראָגראם אויף לעתיד לבוא, — וויזיע און רעאַל־פּאָליטיק. ביי אונז איז ניט אזוי געווען. און מען דארף עס ניט דערקלערן דוקא מיט אונזער יושר אָדער מיט אונזער חכמה. ביי אונז איז די וויזיע געווען פאר־

קערפּערט און איינגעוויקלט אין דער סאַמער טאָג־טעגלעכער טאַט. מיטן מאָמענט ווען דער יידישער בחור איז אַראָפּ פון שיף און איז געגאַנגען זוכן אַרבעט אין פּרדס, האָט ער זיך געפונען גלייכצייטיק אין א סביבה פון פאַרדאַרבנקייט און אין א וועלט פון וויזיע.

די דאָזיקע צונויפשמעלצונג פון דעם טאָג־טעגלעכן געראַנגל און פון דעם שטרעבן צו דער וויזיע — א צונויפשמעלצונג וואָס ליגט אין יסוד פון דער חלוצישער עליה — איז כסדר געפלעגט געוואָרן דורכן אידעאישן כוח, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער־באַוועגונג. זי האָט אויך געפונען איר אָרגאַניזאַציאָנעלן און פּראַקטישן אויסדרוק אין דעם, וואָס מערערע פאַרשיידענע טעטיקייטס־צווייגן האָבן זיך דורכגעפלאָכטן אין דער הסתדרות. ניט די „צעגלידערונג פון די פונקציעס" און זייער צעשיידונג, נאָר די צופּאַסונג פון אַנטשפּרעכנדע אינסטרומענטן פאַר יעדער „פונקציע" און זייער אַ ר י י נ פּ אַ ס ו נ ג אין דעם אָרגאַניזם פון דער הסתדרות. א דאַנק דער דאָזיקער אַריינפּאַסונג האָבן זיך די פאַרשיידענע צווייגן קעגנזייטיק געהאָלפן. דאָס האָט באַפרוכפּערט דעם גייסט און דעם כוח פון דער אַרבע־טערשאַפט. ס׳איז געגליכן צו די פאַרשיידענע צווייגן אין לאַנדווירטשאַפט. א געזאַלצענער און געפּעפּערטער צווייג־פירער באַמיט זיך געוויינטלעך צו דערגרייכן, אַז זיין צווייג איז דער גאַנצער בעל־מפרנס, ער פאַרלירט נאָר פון דער שותפות מיט די איבעריקע צווייגן. די ווירטשאַפט אין אַלגעמיין האָט אָבער אַן אַנדער חשבון — דער חשבון פון קעגנזייטיקער אָפּהענגיקייט און קעגנזייטיקער עקזיסטענץ.

דאָס פאַרפּלאַנצן דעם ווערק אין דעם באָדן פון פ אָ ל ק, דער געפיל און דאָס באַוווסטזיין, אַז אַלץ וואָס די אַרבעטערשאַפט בויט און פאַרריכט מיינט עס די אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע טובה — אָט פון דאַנען האָבן זיך גענומען ביים אַרבעטער זיין גייסטיקע קראַפט און זיין געזעלשאַפטלעכע דערהייבנקייט, און א דאַנק דעם איז ער — טראָץ זיינע מאַטעריעלע פּלאָגן — געוואָרן דער „העכסטער קלאַס", דער „הערשער" אין דעם פאָלק.

און ד ע ר ה י י ב נ ק י י ט — מיינט דאָ, קודם כל, העכסטער פליכט־באַוווסטזיין.

ארבעטער־סאָלידאַריטעט

[פון א רעדע אויפן הסתדרות־ראט אין פעברואר 1936, אין דעם ויכוח איבערן קאמף מיט דער ארבעטסלאָזיקייט]

איך ווייס ניט אין דעם איצטיקן מאָמענט קיין שום וויכטיקערע זאך ווי ראטעווען נאָך אַן ארבעטער און נאָך אַן ארבעטערין פון דעם אומגליק פון דער ארבעטסלאָזיקייט. און איך ווייס ניט קיין מער וויכטיקערע טאַט, סיי פון ציוניסטישן און סיי פון פראָלעטארישן שטאנדפונקט, ווי אָט די טאַט, איבער וועלכער מיר זיינען גערופן איצט צו באשליסן: אז דער ארבעטער־כלל, יעדער ארבעטער און יעדע ארבעטערין, זאָלן אויף זיך נעמען א שווערע לאסט, אבי ניט צו דערלאָזן, אז די ארבעטסלאָזיקייט זאָל אונז דערשטיקן און עס זאָלן זיך מערן אירע קרבנות.

די פאָרשלאגן וואָס זיינען געבראכט געוואָרן צו דעם הסתדרות־ראט זיינען צוויי: פארטאָפּלען דעם רעגולערן אָפּצאָל פארן קרן חוסר עבודה און ארויפלייגן אַן איינמאָליקן שטייער אויף יעדן באשעפטיקטן הסתדרות־חבר אין דער הויך פון 12 ארבעטס־טעג. עס זיינען גאנץ הארבע פאָרשלאגן און אונזער עולם איז ניט געוווינט צו אזא גרויסן קרבן פון דעם אייגענעם ווילן. אויך די ארבעטער־באוועגונג אויף דער וועלט איז אין דעם ניט געפּרוווט געוואָרן.

איך ווייס ניט קיין ענלעכן ביישפיל אין דער אלוועלטלעכער ארבע־טער־באוועגונג, אז באשעפטיקטע חברים זאָלן ארויפלייגן אויף זיך א שווערן שטייער צו הילף די ארבעטסלאָזע חברים און כדי צו פארמיידן ארבעטס־לאָזיקייט. קיין שום פארטיי, ניט פון די אזוי־גערופענע רעפאָרמיסטישע און ניט פון די אזוי־גערופענע רעוואָלוציאָנערע, האָט דאָס ניט געפאָדערט פון אירע חברים. און צווישן די פארטייען זיינען דאָ ניט ווייניקע וואָס „האָבן געמאכט קאריערע״ אויפן רוקן פון די ארבעטסלאָזע. זיי האָבן גערופן פארזאמלונגען און אָרגאניזירט ספעציעלע אָרגאניזאציעס און געוויילט קאָ־מיטעטן און אָרגאניזירט דעמאָנסטראציעס, און אפילו זיך געגרייט צו פאר־כאפּן די מאכט מיט דער הילף פון דער ארבעטסלאָזיקייט. זיי האָבן געוווּסט צו פאָדערן מיטן פולן מויל פון דעם בירגערטום און פון דער מדינה. אָבער זיי האָבן ניט געוואָלט טראכטן וועגן נעבעכדיקן און פּאַליאַטיוון מיטל: פאָדערן קודם־כל פון דעם ארבעטער, ער זאָל מקיים זיין דעם געבאָט פון קעגנזייטיקער הילף און ארבעטער־סאָלידאַריטעט.

אין איר נאַיוויטעט האָט זיך די ארבעטער־באוועגונג יאָרנלאנג פאָרגע־שטעלט דעם צוקונפטיקן ארבעטער־זיג און די פארווירקלעכונג פון דער סאָציאַליסטישער אָרדענונג אין דער פאָרם פון א פייערלעכער פּראָצעסיע,

וואָס וועט אריינמאַרשירן אין ברייט־געעפנטע טויערן. און אויב עס וועלן זיך פאָדערן קרבנות — וועט מען זיי פאָדערן פון דער בורזשואַזיע. דער אַרבעטער האָט גאָר אויפן געדאַנק ניט אַרויפגעבראַכט, אַז אויך ער וועט זיין געצוווּנגען צו ברענגען שווערע קרבנות. ער האָט זיך געוואָלט באַנוגענען מיט די קרבנות, וואָס זיינע אויסדערווייילטע, באַרימטע העלדן האָבן געבראַכט, האָבן ש ו י ן געבראַכט — פאַר זיינעטוועגן. און דאָ זיינען געקומען טעג, ווען די אַרבעטערשאַפט איז אויפגעפאָדערט געוואָרן אַליין צו ברענגען שווערע קרבנות. איז דער אַרבעטער ניט גרייט געווען צו דעם. און ווייל ער איז ניט גרייט געווען צו ברענגען קרבנות פון זיין א י י ג ע נ ע ם ו ו י ל ן, איז ער אַליין געפאַלן אַ קרבן — ק ע ג ן ז י י ן ו ו י ל ן, אַ קרבן אויפן מזבח פון נויט. עס איז אַ כלל: ווו נאָר דער אַרבעטער איז ניט גרייט א ל י י ן צו ברענגען קרבנות, פון זיין א י י ג ע נ ע ם ו ו י ל ן, פאַר זיינע חברים, זיין קלאַס, זיין פאָלק, פאַרן שלום, פאַר דעם סאָציאַליזם — דאָרטן מוז ער פאַלן אַ קרבן א י ב ע ר ג ע ו ו א ל ט, אַ געצוווּנגענער קרבן פאַר זיינע שונאים, פאַר דער אונטערדריקונג פון זיין קלאַס, פאַר דער מלחמה, פאַרן פאַשיזם.

אין די אייראָפּעאישע לענדער, דאָרטן ווו די אַרבעטער־פּאַרטייען — די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע און די קאָמוניסטישע — זיינען געווען שטאַרק, האָט דער גוט־איינגעאָרדנטער אַרבעטער, דער מיוחס אין זיין פאַך, דער פעסט־זיצנדיקער אויף זיין פּאָסטן, ניט געוואָלט טיילן זיין ברויט מיטן הונגעריקן ברודער, אין תקופות פון קריזיס און אַרבעטסלאָזיקייט, ניט געזען אַלס זיין פליכט איינצושפּאַנען זיך אַליין און זיינע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס און זיינע פינאַנציעלע אינסטיטוציעס, כדי צו לאָזן אין באַוועגונג די רעדער פון דער ווירטשאַפט און דער אַרבעט. און דאַן זיינען געקומען אַנדערע, בלוט־שונאים, און האָבן די אַרבעטסלאָזע מאַסן — מאַסן אָן אַרבעט און ברויט און האָפענונג — איינגעשפּאַנט אין דעם רייטוואָגן פון מאַכט־גייציקייט. די רעזולטאַטן זיינען באַקאַנט: אונטערן פייף פון די ריטער אויף זייערע לייבער און ביים גערויש פון די פויקן אין זייערע אויערן — טראָגן זיך די איינגעשפּאַנטע מאַסן אין אַ ווילדן מאַרש איבער דעם צעטראָטענעם און בלוט־טריפנדיקן קערפּער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און פון דער מענטשלעכער קולטור.

די אייראָפּעאישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט ניט באַטראַכט דעם קאַמף קעגן אַרבעטסלאָזיקייט אַלס אַ טאַט, מיט וועלכער זי דאַרף זיך אַליין פאַרנעמען. זי האָט עס באַטראַכט בלויז אַלס אַן אָביעקט פאַר אַ פאָדערונג פון דער מאַכט, און פלעגט זיין זייער צופרידן יעדן מאָל, וואָס זי פלעגט פאָדערן נאָך אַ שטיקל „שטיצע". „שטיצע" ווערט אַ נויטווענדיקייט אומעטום ווו עס איז קורץ די האַנט אָדער קורץ דער ווילן צו פירן אַן עפעקטיוון

ממשותדיקן קאמף קעגן דער ארבעטסלאָזיקייט. פאַר דער „שטיצע" האָט די ארבעטערשאַפט באַצאָלט מיט דער דעגענערירונג פון הונדערטער טויזנטער ארבעטער־פאַמיליעס. דער ארבעטער־קלאַס האָט פאַרלוירן צענטליקער טויזנטער געטרייע זין. עס איז פאַרשניטן געוואָרן דער גלויבן אין דער אויפריכטיקייט פון די דיבורים פון דריי דורות וועגן קלאַסן־סאָלידאַריטעט. די ארבעטסלאָזע האָבן זיך נאָך אַלץ גערעכנט אַלס מיטגלידער פון דעם פראָפעסיאָנעלן פאַראיין און פון דער פאַרטיי, אָבער צווישן זיי און די גליקלעכע, וואָס זיינען איינגעאָרדנט אין ארבעט און האָבן פאַסטנס און זיצן רואיק אין זייערע וווינונגען און רופן זיך נאָך אַלץ „חברים" — האָט זיך אויפגעעפנט אַן אַפּגרונט, וואָס קיין שום אינזשינער וועט עס ניט איבערבריקן. אחדות איז — אַ ליגן! און טיף אין הארצן האָבן זיך איינגע־בראָכן די פונדאַמענטן פון דער באַוועגונג.

דאָ, אין ארץ ישראל, האָבן מיר געפּרוווט צו גיין אין עטוואָס אַנדערע וועגן. מיר האָבן אויפגעהערט פאַטאַליסטיש צו פאַרלאָזן זיך אויף דער מדינה און אויף דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט. דעריבער האָבן מיר געקעמפט קעגן סיוע (געלד־שטיצע), מיר האָבן שטענדיק געשטרעבט צו שאַפן אַר־בעט. און עס איז דער פאַרדינסט פון דער הסתדרות, וואָס מיר וואַרטן ניט ביז עס וועט אויסבּרעכן אַ קריזיס, און ווי נאָר עס ווייזן זיך די ערשטע דראָענדע סימנים — רופן מיר צו ממשותדיקע מעשים.

צי מעג די הסתדרות דערציִען יוגנט?

[פון אַ שמועס אין הסתדרות־סעמינאַר, רחובות, 1941]

צי האָט די הסתדרות דערציִערישע פליכטן לגבי דעם יונגן דור אין ארץ ישראל? צי איז די ארבעטערשאַפט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם ייִנגל און פאַר דער מיידל, וואָס וואַקסן אין ארץ ישראל, אָדער דאָס איז אַ זאַך, וואָס גייט ארויס פון אירע גרענעצן? — אַז די הסתדרות דאַרף זיך ניט מישן אין אַזעלכע זאַכן, האָב איך געהערט ניט נאָר פון קעגנער פון דער הסתדרות, נאָר אויך פון אירע חברים, און ניט דווקא פון חברים, וואָס זיינען גלייכגילטיק צו דער יוגנט־דערציִאונג.

אַן ערך מיט זיבעצן יאָר צוריק האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברויזונג שצווישן ארבעטנדיקע יוגנטלעכע אין תל־אביב. זיי האָבן געקלאַפּט אין די טירן פון געוויסע חברים פון דער הסתדרות. יענע חברים האָבן געהערט צו אַ באַ־שטימטער פאַרטיי, אָבער זיי האָבן עס ניט באַטראַכט אַלס זייער אויפגאַבע צו מאַכן פון די דאָזיקע ייִנגלעך קליינע פאַרטיי־לייט. זיי האָבן געהאַלטן,

אז א פאַרטייאישע דערציאונג קען אַנגעווענדעט ווערן אין א העכערן עלטער און אז מען דאַרף ניט אויפריכטן קיין פּאַרטייאישע מחיצות צווישן יוגנט און יוגנט. לויט זייער מיינונג איז עס די פליכט פון דער הסתדרות צו זאָרגן פאַר דער דערהייבונג און אפילו פאַר דער דערציאונג פון אירע צוקונפטיקע מיטגלידער, — האָבן זיי דעריבער גערינכטעט די דאָזיקע יוגנטלעכע ניט אין דער זייט פון אויפשטעלן א פּאַרטייאישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, נאָר אויף דעם וועג פון שאַפן א נייע משונה׳דיקע זאַך, וואָס קיין שום פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט ווייס פון אַזוינס ניט: ניט א יוגנט־סעקציע ביים פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, נאָר אַן אָרגאַניזאַציע פון אַרבעטס־יוגנט, די הסתדרות הנוער העובד, די טרעגערין פון פּראָפעסיאָנעלע, דערציערישע און קאָלאָניזאַטאָרישע אויפגאַבן. ס׳קען גרייללעך זיין, אז יענע חברים האָבן דער־מיט דערוויזן, אז זיי פאַרשטייען ניט דעם גייסט פון דער צייט, דער גייסט פון פּאָליטיש־אויטאָריטאַריסטישער באַציאונג צו דער יוגנט: דער יונגער מענטש איז ניט קיין ציל פאַר זיך אליין — ער איז נאָר באַשטימט צו באַדינען דעם, וואָס ס׳געלינגט אים איינצוּשפּאַנען דעם יוגנטלעכן אין זיין וואָגן. אויב אין א צייט, ווען יעדע פּאָליטישע קערפּערשאַפט און יעדע קאָלאָני־זאַציע־שטרעמונג אין ישוב באַמיט זיך צוצוגרייטן פאַר זיך פון דער יוגנט א דעפינירטע „רעזערוו־אַרמיי״ — ניט פאַרן פּאָלק, ניט פאַרן כלל, נאָר פאַר דער קערפּערשאַפט, פאַר דער שטרעמונג, — אויב אין אַזא צייט קומען צו גיין מענטשן און אָרגאַניזירן יוגנט און דערציען זי ניט אלס פּריוואַט־אייגנ־טום פאַר זיך, נאָר אלס אַלגעמיין־הסתדרותישע יוגנט, וואָס פאַר איר איז נאָך אָפן דער וועג פאַר דעציזיע און זעלבסטבאַשטימונג — איז דאָך קלאָר, אז מען דאַרף זיי חושד זיין אין פּאַרטיי־אינטריגעס, אין צביעות. איז טאַקע ניט געווען קיין הסתדרות־קאָנפערענץ, ווו מען זאָל ניט פּרווון קלאָגן זיך אויף דעם „הנוער העובד״ און פסלענען זיין אויפריכטיקייט. און דאָך, אויף וויפיל אין א באַשטימטן מאָמענט האָט זיך די הסתדרות ניט צוריקגעהאַלטן פון צו טאָן א זאַך, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר אַנשטענדיק און פאַר גע־ווּנשן, איז געשאַפן געוואָרן יענע ארץ־ישראלדיקע יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס ווען ניט זי — וואָלטן טויזנטער ייִנגלעך און מיידלעך ניט געפונען זייער וועג צו דער אַרבעטער־באַוועגונג און צו קולטור־לעבן, און צו חלוצ־ישער טאַט — אודאי ניט.

ליידער האָט זיך צווישן דער שול־יוגנט ניט געפונען קיין גרופּע וואָס זאָל געפינען איר וועג דירעקט צו דער הסתדרות, און די הסתדרות פון איר זייט האָט ניט געהאַט די דרייסטקייט צו זאָגן: אַזוי ווי מיר האָבן גע־האַנדלט לגבי דער אַרבעטס־יוגנט דאַרפן מיר האַנדלען אויך אין באַצוג צו דער שול־יוגנט. די פליכט צו זאָרגן פאַרן גורל פון דער יוגנט הענגט ניט

אָפּ פון דער „אָפּשטאַמונג" — זאָל עס זיין אַ פּראָלעטאַרישע אָפּשטאַמונג צי אַ בעל־ביתישע, צי אַן אינטעליגענטישע. יעדעס קינד אין ארץ ישראל איז אַ קאַנדידאַט אויף אַן אַרבעטס־לעבן, און יעדעס קינד וואָס ווערט רייף און גייט צו אַ לעבן פון אַ ליידיקגייער איז אַן אומשעצבאַרע אבדה, — טאָר די הסתדרות זיך ניט באַפרייען פון דער זאָרג פאַר דער חלוצישער דערציאונג פון דער יידישער יוגנט אין ארץ ישראל.

לאָמיר עס ניט גרינגשעצן. אַ ייִנגל, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין ארץ ישראל צו עלטערן, וואָס האָבן געשטרעבט צום לעבן אין פּאַטערלאַנד, לויערט אויף אים די געפאַר פון אָפּגעריסנקייט און אינערלעכער פּאַרטריקנטקייט און דאָס אַנטלויפן פון לאַנד. לאָמיר עס ניט אַוועקמאַכן מיטן האַנט. אין די טעג פון דער צווייטער עליה פלעגן מיר מקטרג זיין אויף די קינדער פון דעם אַלטן ישוב און פון די קאָלאָניסטן, וואָס דרייען זיך אַרום אין די האָטעלן פון ביירוט און קאַהיר און פּאַריז און וואַנדערן אויס קיין אַמעריקע און אויסטראַליע. אַ קליינע וויילע האָט זיך געדוכט, אַז די לאַגע האָט זיך געענדערט צום גוטן. עס האָט זיך אָבער איבערגעחזרט. געבוירענע אין לאַנד און דערצויגענע אין לאַנד, פון צפת און פון ירושלים, אייניקלעך פון די ביל"ויים, און מיט זיי — קינדער פון תל־אביב און חיפה, תלמידים פון כלערליי שולן אין ארץ ישראל — איז זיי ענג דער אָרט אין לאַנד און זיי ציגיינערן ליבערשט אַרום אין „דער גרויסער וועלט". אַלע זיינען זיי נאַטירלעך פול מיט „טאַלאַנטן", אַלע ווילן זיין געלערנטע און אַלע טראַכטן זיי בלויז וועגן „וויסנשאַפט" און „קונסט".

דאַרף מען דען דווקא פאַרלאָזן דאָס לאַנד, כדי אויסצוקערן זיך מיטן רוקן צו דער חלוצישער ירושה פון די עלטערן? **אין ארץ ישראל קען מען אויך פאַרלאָזן ארץ ישראל.** אין ארץ ישראל קען מען אויך דינען דעם אָפּגאָט, קען מען אויך ווערן קאַריעריסטן, ספּעקולאַנטן. מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז ארץ ישראל קען אויך דינען אַלס קאָרידאָר צו אַסימילאַציע. מיר האָבן געזען אַסימילאַציע פון איינקלעפּן זיך אין דער „העברעאישער" געזעלשאַפט, די ענגלישע, און מיר האָבן געזען אַסימילאַציע פון איינקלעפּן זיך אין דער „נידעריקער" געזעלשאַפט, די אַראַבישע.

אין אונזערע אייגענע רייען פילן מיר נאָך פיללייכט ניט די גאַנצע האַרבקייט פון דער פּראָבלעם. אָבער עס וועט דערגיין אויך צו אונז. פון דעם, ווי אַזוי עס וועט זיך פאַרהאַלטן דער „צווייטער דור" לגבי דער גייסטיקער טריקעניש, וואָס לויערט אויף אים, וועט אָפּהענגען דער גורל פון דעם חלוצישן ווערק. און דער לעבנס־וועג פון דער יוגנט, וואָס וואַקסט אין לאַנד, וועט דעצידירן לגבי דעם גורל פון דעם ישוב.

איז עס דערלויבט דער הסתדרות אַרויסצוציען זיך פון אָט דער זאָרג?

צו אונזערע לעזער

[אַן אַרטיקל, וואָס איז דערשינען אין ערשטן נומער פון „דבר", ט' סיון תרפ"ה, 1.6.25]

די טאָג־צייטונג, וואָס איר ערשטער נומער ליגט דאָ פאַר אייך, איז אַ גייסטיק קינד פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ ישראל און אַ פּראָדוקט פון אירע באַמיאונגען. דער באַוועגונג — אַ זון, דעם ווערק — אַ ברודער, דער שאַפונג — אַ חבר און אַ פריינט וועט זיין אונזער „ד ב ר". דאָס אליין באַפרייט אונז פון לאַנגע דערקלערונגען דאָ, אין דער הקדמה. ניי איז ער דער געוואַגטער טאַט — די טאָג־צייטונג, אָבער ניט ניי איז זיין שעפער און טרעגער: דער אַרבעטער. מיר גייען ניט אַרויף אויף אַ נייעם וועג, ווייל דער דאָזיקער אויפטו פון דער הסתדרות אויפן געביט פון פּרעסע, וואָס שיינט צו זיין ניי, איז בלויז אַ פאַרזעצונג פון דער פיזישער, ווירטשאַפט־לעכער, קולטורעלער, איינדיווידועלער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, וואָס דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטער טוט זי טאָג־איין, טאָג־אויס, אָן אויפהער, שוין אַט צוואַנציק יאָר, פון זינט ער איז געוואָרן אָן אַרבעטער אין ארץ־ישראל.

די אַרבעטס־עליה, וואָס האָט אין יענע טעג אָנגעהייבן דורכצוברעכן פאַר זיך אַ וועג קיין ארץ ישראל, האָט אין זיך געטראָגן אַ שטילן, אָבער אומבויגזאַמען, אַבסאָלוטן אויפשטאַנד קעגן דער יידישער ווירקלעכקייט און קעגן די ווינטן, וואָס האָבן דאַן געבלאָזן און געהערשט אויף דער יידישער גאַס. פון די טיפענישן פון דעם פאַלקס־לעבן, פון דער לעבעדיקער עמפּינדונג פון באַליידיקונג און ווייטאָק פון דער יידישער ווירקלעכקייט — האָט גע־שטראָמט די דאָזיקע איינזאַמע עליה, אַזוי אומפאַרשטענדלעך פאַרן ישוב, פאַרן ציוניזם, פאַר אייגענע קלאַסן־חברים, און דאָס אין אַ צייט, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז די קוואַלן פון ביל"ו און פון די אַרבעטער פון יאָר 1891 זיינען ענדגילטיק אויסגעטריקנט און פאַרוויסט געוואָרן. דער דאָזיקער דינער שטראָם איז ניט איבערגעריסן געוואָרן אפילו דאַן, ווען חורבות האָבן אים געצוימט דעם וועג, אדרבא — ער האָט זיך געשטאַרקט מיטן פּערמאַנענטן יידישן חורבן, מיט די אומענדלעכע יידישע יסורים. און ביים שיין פון די גרויסע סאָציאַלע קאָנפליקטן פון אונזער צייט, ביים ליכט פון דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער אידעע פון דער אַלוועלטלעכער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך פאַרהאַרטעוועט די יונגע יידישע באַוועגונג און האָט דורכגעלייגט איר אייגענעם וועג, דער וועג פון דער חלוצישער, פּראָלעטאַרישער שאַפונג, דער וועג פון דעם הסתדרותישן צוזאַמענשלוס. די דאָזיקע באַוועגונג ציט זיך ניט צוריק אפילו אין פאַל פון אַ צוזאַמענבראָך. די דאָזיקע באַוועגונג הערט ניט אויף צו פאַרנעמען זיך מיט קליינקייטן — בשעת איר אויג און איר האַרץ זיינען געווענדעט צו גרויסע זאַכן.

איין ווילן — א קלאָרער און אַן אבסאָלוטער — דריגגט דורך די דאַ־זיקע באוועגונג, וואָס קאָנצענטרירט זיך אין דער הסתדרות: ראַטעווען זיך און ראַטעווען דעם פאָלק פון א לעבן פון שאַנדע, פאַראַזיטיזם, באָדנלאָזיקייט און פארשקלאַפונג; אַריבערגיין אליין און אַריבערפירן די יידישע מאַסן צו א לעבן פון ארבעט און פרייהייט; פאַרוואָרצלען זיך אין דעם באָדן פון דעם פאָטערלאַנד; צונויפזאַמלען די צעזייטע און צעשפּרייטע יידישע מאַסן, און מיטן כוח פון דער קיבוציש־חלוצישער שאַפונג אויפריכטן דאָס ארבעטס־פאָלק אין ארץ ישראל און אזוי פאַרווירקלעכן בפועל ממש דעם סאָציאַלן און מאָראַלישן אינהאַלט פון דעם גאולה־געדאַנק.

די דאָזיקע באוועגונג, וואָס האָט אָנגעהויבן מיט די ערשטע באַמי־אונגען אויפן געביט פון כיבוש עבודה אין די קאָלאָניעס און האָט אונז געבראַכט — פאַרלויפיק — ביז צו נהלל און עין חרוד און ביז צו די ווירטשאַפטלעכע אונטערנעמונגען פון דער הסתדרות; די וואָס האָט אונז געגעבן ניט נאָר די ארבעטער־אינסטיטוציעס, נאָר אויך די ארבעטער אליין; די וואָס האָט אונטער דעם לבוש פון באָדן און ווירטשאַפט געטראָגן אין זיך א מאָראַלישן און קולטורעלן, רעוואָלוציאָנערן און קאָנסטרוקטיוון אינ־האַלט — די זעלבע באוועגונג האָט פון אירע ערשטע טעג אָן אַנטהאַלטן אין זיך אויך די באַמיאונגען פון דער ארבעטערשאַפט אויסצובויען אַן אייגענע ליטעראַטור און פּרעסע. אָנהייבנדיק מיטן ערשטן נומער פון „הפועל הצעיר", דורך וואָכנבלעטער און מאַנאַטשריפטן, דורך זאַמלביכער און בראשונן — האָלט־אַן דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער אין איין בויען זיין ליטעראַטור, די יונגע העברעאישע ליטעראַטור, וואָס איז דורך און דורך אויסגעבונדן מיטן לעבן פון דעם ארבעטער, וואָס שטראָפט אים און דערציט און ווייזט א וועג און פירט־אָן. דערפאַר האָט די העברעאישע ליטעראַטור אויך געפונען אין דעם ארץ־ישראלדיקן ארבעטער א נייעם לעזער: א מענטש, פאַר וועלכן דאָס געדרוקטע העברעאישע וואָרט איז ניט א מין פאַרבייסן, ניט א „באַציאַ־נאַלע מצוה", נאָר א לעבנס־פראַגע. פאַר דעם ארץ־ישראלדיקן ארבעטער איז זיין וואָכנבלאַט און זיין קונטרס געוואָרן זיין טעגלעך־ברויט: זיין אויסדרוק, זיין געוויסן און זיין שולע.

און איצט — מיט געמיינזאַמע כוחות — שטעלט אויף די הסתדרות די טאָג־צייטונג פון דעם ארבעטער.

א סך פון אונז האָבן מורא — מיט רעכט — פאַרן נייעם פּעקל, וואָס די הסתדרות נעמט אויף אירע פּלייצעס: ער איז צו שווער. א סך האָבן מורא — מיט רעכט — פאַר דעם גליטשיקן וועג, וואָס לויערט אויף א טאָג־צייטונג, ווייל זי איז — א טאָג־צייטונג. אָבער טראָץ דעם שווערן גע־וויכט פון דער דאָזיקער מורא טאָר עס ניט באַפרייען די, וואָס שטייען אין

דעם שווערן קאמף, אין דעם קאמף פון אונזער געזעלשאפטלעכן לעבן, און זיי זעען באשיינפערלעך דעם וווקס פון דער באוועגונג און די פאראנטוואָרט־לעכקייט, וואָס גייט אין די טריט פון דעם וווקס. עס איז א שווערער קאמף, עס שפּאַרט אלץ מער אָן דער פיינט: די בעל־ביתישע טעמפּקייט, די קלאסן־שנאה און קלאסן־קנאה, דער אַטאָוויזם פון לופט־לעבן און ליידיק־גייערײ וואָס האלט ביים פארפלייצן אונז. אונזערע באדערפעניש זיינען זייער אויס־געוואַקסן, אונזערע פּראָבלעמען האָבן זיך פארפילפאכט, עס האָט זיך פאר־שטארקט די נויטווענדיקייט צוניפצושליסן די באוועגונג, — ניט בלויז אר־גאניזאציאָנעלע צוניפשליסונג, נאָר אינערלעך־ווּיזענטלעכע. איז ווער וועט גיין אין דער דאָזיקער שליחות?

ווי איינפאך און לייכט זיינען געווען די פארבינדונגען צווישן חבר און חבר, צווישן חבר און „אנשטאלט" — כל זמן מיר זיינען געווען ווייניק אין צאָל. אַמאָל פלעגט אונזער שליח־ציבור גיין צופוס אָדער רייטן אויף אַן אייזל, וואנדערנדיק פון פונקט צו פונקט, ווו ער פלעגט זיך פארנעמען מיט די לויפנדע פּראָבלעמען.

אָבער ווי ווייט עס האָט זיך אַלץ געענדערט אין דער צייט! עס האָבן זיך געענדערט די צאָלן, די ווייטקייטן, די געביטן. עס האָט זיך געענדערט דער כאראקטער פון דער געזעלשאפטלעכער און ווירטשאפטלעכער טעטי־קייט; די פּראָבלעמען זיינען געוואָרן פיל קאָמפּליצירטער, און צו די אלטע, ניט־געלייזטע, פּראָבלעמען זיינען צוגעקומען א סך נייע. די הסתדרות, מיט איר גרויסער צאָל ווירטשאפטן און אונטערנעמונגען, מאכט גרויסע באמי־אונגען ארומצונעמען אירע חברים־מאסן, אין דאָרף און אין שטאָט, אין די זעלבסטשטענדיקע ארבעטער־ווירטשאפטן און אין די ווירטשאפטן פון לוין־ארבעט, — און עס פעלן אויס דערצו געזעלשאפטלעכע און דערציערישע כוחות. און אָט פארגרעסערט זיך די עליה, דאַרף מען דעם דאָזיקן מענטשן־שטויב, וואָס ווערט געבראכט אין שיפן צו די ברעגן פון אונזער לאנד, פארוואנדלען אין א באוווסטזיניקע, ווילנס־קרעפטיקע ארבעטער־מחנה, אין א פעסטע, צעמענטירטע געזעלשאפטלעכע איינהייט — איז ווער וועט עס טאָן? ווער וועט אויספירן די דאָזיקע גרונט־אויפגאבע אויפן געביט פון קיבוץ־גלויות? ווער וועט זאָרגן פאר דער אקלימאטיזירונג פון דער דריטער, פערטער, פינפטער עליה, אייגנטלעך — די פערמאנענטע עליה? ווער וועט פאראנטוואָרטלעך זיין פאר דער דערציאונג פון אונזער יוגנט, פאר אונזערע יונגע ברידער און שוועסטער, וואָס קומען צו אונז? און דער יונגער דור, וואָס ווערט געבוירן דאָ אין לאנד — וועמען וועלן מיר אים איבערגעבן, וועמען וועלן מיר אָנפארטרויען זיין דערציאונג, בילדונג, איינוואָרצלונג אין דעם געזעלשאפטלעכן לעבן און אין ארבעט?

דאָס אַלץ פאַרפּליכטעט אונדז צו נעמען אויף זיך נאָך אַ פּעקל און אויפצוריכטן דעם אינסטרומענט פאַר קאַמף, דערציאונג און אָרגאַניזירונג צוזאַמען: די טאָג־צייטונג.

אונזערע כוחות זיינען ביז גאָר אָרעם — אויב מיר זאָלן זיי מעסטן לויט די באַדערפעענישן. דעריבער קען מען היינט צו טאָג ניט זאָגן, וואָס „דבר" איז אימשטאַנד צו געבן, נאָר — וואָס וועט זיך פון אים פאָדערן. לאָמיר עס אָנצייכענען אין ווייניקע שטריכן: ברייטע, אַלזייטיקע און גרינד־לעכע אינפאָרמאַציע. דער אָרט, אין וועלכן מיר געפינען זיך; די צייט, אין וועלכער מיר לעבן; די אַרבעט, וואָס מיר טוען — דאָס אַלץ שמידט צו אונזער אויפמערקזאַמקייט צו דער גרויסער וועלט. מיר זיינען ניט אין דער באַקוועמער לאַגע פון „גלענצנדער איזאָלאַציע". אונזער לאַנד איז אינער־האַלב דעם פּלאָנטער פון אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען, אַזוי אַז מיר מוזן זיין געגנוי אינפאָרמירט און מיר מוזן שטענדיק שטיין אויף דער וואַך. אונזער ווערק ציט זיין יניקה פון דער מענטשלעכער קולטור פון אונזער אויפגעע־טרייסלטן דור און פון זיינע געדאַנקען־קוואַלן. אונזער אַרבעטס־מענטש, ווי ער זאָל ניט זיין, איז דורשטיק צו קענען די וועלט און איר ווירקלעכקייט, און גאַנץ באַזונדערס צו קענען דאָס לעבן פון דער אַלוועלטלעכער אַרבע־טערשאַפט מיט דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון אירע פראַגן און פּראָבלעמען. עס פילט זיך ביי אונדז אויך די באַדערפעניש קענען צו לערנען דאָס לעבן פון די שכנותדיקע פעלקער. עס זיינען אויך געגנוג שטאַרק אונזערע פאַרבינדונגען מיט די יידישע מאַסן אין די גלות־לענדער און מיר זיינען שטענדיק אַזוי נייגעריק צו וויסן אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין דער גרויסער יידישער וועלט, און ספּעציעל דאָס וואָס עס איז אונדז אַמנאָענטסטן: די באַוועגונגען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט ארץ ישראל בכלל, און מיט דעם אַרבעטנדיקן ארץ ישראל בפרט, און די חלוצישע באַוועגונג און די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג.

ביי דעם אַלעמען קענען מיר זיך ניט באַנוגענען מיט טאָג־אינפאָר־מאַציע. אין אונזער קליינער מדינה שטייען מיר פאַר גרויסע, שווערע און קאָמפּליצירטע פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. מיר נוי־טיקן זיך אויך אין אַ סך פּראַקטישן וויסן. מיר דאַרפן אויסבעסערן און פאַר־פולקאָמען אונזער אַרבעט. מיר דאַרפן געגנוי קענען אונזער לאַנד און איר אומגעגענט. אויך די וואַקסנדיקע משפחה און דאָס ניי־דערשינען קינד שטעלן פאַר אונדז פראַגן, וואָס די פאַראַנענע ליטעראַטור געניגט ניט אויף צו פאַר־ענטפערן זיי, — דאַרף עס געוויסערמאַסן טאָן די צייטונג. און ביבליאָגראַפיע און איבערזיכטן וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער וועלט פון קונסט און וויסנשאַפט, און אָפּהאַנדלונגען וועגן אַלץ וואָס עס ווערט געשאַפן און

באנייט אין דער וועלט — אלץ דאָס דארף געפינען דעם געהעריקן פּלאַץ אין „דבר".

מען דארף אוועקשטעלן קלאָר און דייטלעך די פּראָבלעמען פון דער ארבעטערשאַפט, אירע פאָדערונגען פון דער געזעלשאַפט און די אנשטאַלטן און די מאַכט־אָרגאַנען. „דבר" דארף אויפשניידן און אנטפּלעקן אלע דע־פעקטן און פארקריפּלונגען אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן; ארויסברענגען אויף דער ליכט יעדן פאַל פון אונטערדריקונג און יעדע עוולה; אויפדעקן די דערשיינונגען פון שפּעקולירן מיט דער האָפענונג פון פאָלק און פון רייך־ווערן אויפן חשבון פון דער פאָלקס־שאַפונג. מיט טריישאַפט און ניט רעכנענ־דיק זיך מיט די מיינונגען פון פיין־שמעקער דארף די צייטונג טאָג־איין טאָג־אויס פירן דעם קאַמף פון די ארבעטער און פון די פאָלקס־מאַסן פאר דער אויסבעסערונג פון זייערע לעבנס־באַדינגונגען און פאר דעם וועג פון דעם ארבעטער אין עליה, קאָלאָניזאַציע און לאַנד־פּאָליטיק. און „דבר" דארף זיך ניט פארשליסן אין די ד' אמות פון דער ארבעטערשאַפט אליין. די בלוט־טיקסטע אינטערעסן פון דער ארבעטערשאַפט אידענטיפיצירן זיך מיט די בלוטיקע אינטערעסן פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, פון די עולים־מאַסן, און די ארבעטער־צייטונג דארף זיך ווענדן צו די מאַסן, צו די עולים, צו דער יידישער יוגנט — ווו נאָר זיי געפינען זיך.

די צייטונג דארף קעמפן פאר שוץ־געזעצן לטובת דעם ארבעטער, דער פרוי, דעם קינד — אן אונטערשייד פון פאָלק, שפּראַך און גלויבן. און זי דארף אויך פירן דעם קאַמף פאר אונזערע נאַציאָנאַלע רעכט, פאר אונזער עיקר־רעכט אויף עליה, אונזער רעכט צו באַזעצן זיך אין לאַנד און שאַפן אן אויטאָנאָמע ארבעטס־געמיינשאַפט — אין אונזער גייסט. דער ארבעטער וועט אויפהייבן די פאָן פון דעם ג א נ צ ן ציוניזם — דעם פּאָליטישן, דעם טעריטאָריאַלן, און די צייטונג וועט זיין דער פאָן־טרעגער.

מען דארף ווידמען כוחות — פילייכט די בעסטע כוחות — דער אינערלעכער דערציאונגס־ארבעט. און „דבר" וועט זיין א צייטונג ניט פ א ר די ארבעטער, נאָר פ ו ן די ארבעטער; טויזנטער חברים וועלן זיך פון זייערע ארבעטס־פּלעצער ווענדן צו אים און ארויסריידן פון אים.

„דבר" איז געשאַפן געוואָרן אין שליחות פון דער הסתדרות. אָבער טריי דערפילן די דאָזיקע שליחות וועט ער נאָר בתנאי, אז ער זאָל האָבן דעם געהעריקן מוט צו באַהאַנדלען אלע לעבנס־פראַגן און אלע הסתדרות־פּראָבלעמען — פריי, אומאָפּהענגיק. דאָס איז זיין רעכט און אויך זיין פליכט.

דאָס רעכט אָפּצושאַצן, אויפצוקלערן און צו קריטיקירן איז ניט קיין באַזונדערע פּריווילעגיע פון דער רעדאַקציע פון „דבר" אָדער פון א וועלכן ס'איז באַשטימטן טייל פון דער הסתדרות. „דבר" איז די צייטונג פון דער

הסתדרות; דאָס הייסט ניט, אַז די צייטונג איז צוליב דעם געשטאַלטלאָז, ריכטונגסלאָז לגבי דעם ארבעטער־לעבן אין ארץ ישראל, אָבער דאָס הייסט, אז די צייטונג איז אָפן פאר אלע מיינונגען און פאר אלע שטרעמונגען, וועלכע די הסתדרות אנטהאלט. וואָס אַן אמת: עס איז אין דעם אי א חידוש אי א שוועריקייט. אָבער די הסתדרות, וואָס שטרעבט ארומצונעמען אלע ארבעטער און צונויפצושמעלצן די ארבעטער־באַוועגונג אין איין איינהייט, מוז שאפן א פלאטפאָרם, פון וועלכער עס זאָל קענען געגעבן ווערן אַן אויסדרוק צו אלע פארשיידענע אידעען, וואָס נעסטן זיך אין דער הסתדרות, און אפילו די פון קלייינע מינדערהייטן און אפילו פון יחידים. און דאָס איז אפשר אפילו איינע פון די דערציערישע הויפּט־אויפגאבן פון דער צייטונג. מיר דארפן נאָך א סך לערנען איינער פון אנדערן, מיר האָבן נאָך א סך וואָס מחדש צו זיין, מיט יעדער נייער עליה־כוואַליע נעמען מיר אויף אלץ נייע ניואַנסן פון געדאנקען, טעאָריעס, באַציאונגען. און דאָס אלץ דארף זיך אַקלימאַטיזירן ביי אונז. מיר וועלן ניט אונטערדריקן קיין געדאנקען. מיר וועלן בלייבן טריי דעם געבאָט פון משה העס פון פאר 75 יאָר: „פרייהייט פון ויכוח און אייניקייט פון טאַט״.

די גרינדונג פון בנק הפועלים

דער געדאנק צו גרינדן אַן ארבעטער־באַנק איז שוין פון לאנג רייף ביי אונז, מ׳האָט אים נאָר געדארפט פארווירקלעכן. זינט דער ארץ־ישראל־דיקער ארבעטער האָט אָנגעהויבן זוכן וועגן, ווי זיך צו באפרייען פון דעם יאָך פון ארבעט (אָדער ריכטיקער געזאָגט — פון ניט־ארבעט) ביי פרעמדע בעלי־בתים און זיך נעמען צו א פּרוקטבארער ארבעט אין זיין אייגענעם רשות און אין רשות פון פאָלק — איז אַקטועל געוואָרן די גרינדונג פון א ספּעציעלער פינאַנסיעלער אינסטיטוציע, וועלכע זאָל העלפן פארווירקלעכן אָט די שטרעבונג. די ערשטע קבוצות, וועלכע זיינען געוועזן אייב־צעלנע דערשיינונגען — זיינען געשאפן געוואָרן מיט דער הילף פון געלטער, וועלכע זיינען ארייגעפלאָסן צו אונז דורך פארשיידענע געלעגנהייטן. אויך דער קרן־קימת, אויך די „חברה להכשרת הישוב״, אויך דער קפא״י („פאלעסטינא־ארבעטער־פאָנד״) און אפילו יק״א — האָבן זיך באטייליקט פון מאָל צו מאָל מיט זייערע מיטלען אין דער גרינדונג פון די קבוצות. אָבער ס׳איז קלאָר, אז ס׳איז אוממעגלעך צו אנטוויקלען די קבוצה־ארבעט אין א ברייטן פארנעם און אין א פּלאנמעסיקער פאָרם, כל זמן ס׳איז נאָך ניט געשאפן געוואָרן די פעסטע פינאנציעלע אינסטיטוציע, וואָס איז פון

לכתחילה באשטימט צו געבן א לויפנדן קרעדיט פאר דער פראָדוקטיווער, קאָלעקטיווער ארבעט אין אירע פארשיידענע פאָרמען.

שוין אויף דער דריטער קאָנפערענץ פון דעם לאנדווירטשאפטלעכן ארבעטער־פארבאנד פון יהודה, אין בן־שמן, חנוכה תרע״ג (1912), אין די ערשטע יאָרן פון דער עקזיסטענץ פון די קבוצות, איז אָנגענומען געוואָרן א רעזאָלוציע, וואָס לויטעט: „די קאָנפערענץ אנערקענט, אז ס׳איז נויטיק צו גרינדן א באזונדערן פינאנציעלן אנשטאלט, וואָס זאָל קענען געבן גאראנטיעס אין א נויט־פאַל פאר די קבוצות ביי פריוואטע פערזאָנען און פארשיידענע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס״. דער באגריף וועגן דעם וועזן פון דער אינסטיטוציע און וועגן איר טעטיקייטס־קרייז איז נאָך געווען זייער באגרענעצט

די זעקסטע קאָנפערענץ פון די ארבעטער פון יהודה, אין פתח־תקוה, סוכות תרע״ז (1916) האָט אויך אנערקענט די נויטווענדיקייט „צו שאפן פארן ארבעטער־ציבור א פינאנציעלן אנשטאלט פאר ארבעטס־אנגעלעגנ־הייטן, וואָס זאָל שטיין אין רשות פון דער ארבעטער־אָרגאניזאציע אין ארץ־ישראל״. די קאָנפערענץ, וואָס איז ניט געווען בכוח אויפצוטאָן עפעס ממשותדיק וועגן דעם, האָט דאָך באשלאָסן צו זוכן וועגן, ווי אזוי צו רעאַ־ליזירן דעם פּלאַן.

דער געדאנק וועגן אן ארבעטער־באנק איז דערוועקט געוואָרן אויך מחוץ פון ארץ־ישראל. אונזערע ארץ־ישראלדיקע חברים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין די מלחמה־יאָרן אין אמעריקע, י. בן־צבי און ד. בן־גוריון, האָבן געמאכט פאָפּולער דעם געדאנק, און די פראגע איז אוועקגעשטעלט געוואָ־רן אויפן סדר־היום פון דער פועלי־ציון־באוועגונג.

צום זעלבן געדאנק וועגן אן ארבעטער־באנק איז געקומען אויך ד״ר א. רופּין, אָבער אויף אַן אנדער אופן. ד״ר רופּין האלט, אז ס׳איז ניט פאראן קיין מער צוגעפאסט פאָרם פאר יידישער ארבעט, ווי אויך פארן ארבעטס־געבער, ווי ארבעטער־קאָלעקטיוון, וואָס נעמען אָן ארבעט לויט קאָנ־טראקטן און זיינען פאראינטערעסירט עס אויסצופירן אויפן בעסטן אופן. כדי צו פארשטארקן און אנטוויקלען די קאָלעקטיוון און כדי דער ארבעט־געבער זאָל זען פאר זיך א שטארקע ארבעטנדיקע קערפערשאפט, וועלכע איז צוגעפאסט צו איר אויפגאבע, און כדי מען זאָל קענען באפרייען דעם ארבעטס־געבער פון דער זאָרג פאר דער עקזיסטענץ פון דעם קאָלעקטיוו, איידער ער האָט געענדיקט זיין ארבעט, — לייגט פאָר ד״ר רופּין דעם ציוניסטישן אָקציאָנס־קאָמיטעט, צו גרינדן אן ארבעטער־באנק, וואָס זאָל פארלייכטערן די ארץ־ישראלדיקע ארבעטער אָנצונעמען ארבעט לויט קאָנ־טראקטן, אין א פאָרם פון אונטערנעמערישע קבוצות אין דער לאנדווירט־

שאפט און ביי אונטערנעמער אין עפנטלעכע ארבעטן. ד״ר רופין שטעלט אויך פעסט, אז די באנק וועט קענען דערפילן מיט הצלחה איר אויפגאבע, נאָר אויב זי וועט זיין א באנק, וועלכע ווערט אָנגעפירט דורך די ארבעטער און אין זייער גייסט, און דערוועגבט זייער פולן צוטרוי.

דער אקציאָנס־קאָמיטעט האָט אָנגענומען ד״ר רופין׳ס פאָרשלאַג.

פעברואר 1920.

*

די באנק איז געשאפן געוואָרן ניט דורך דער אָדער יענער גרופע, ניט דורך דער אָדער יענער פארטיי, נאָר דורך דער אלגעמיינער ארבעטער־אָרגאניזאציע, די וועלכע נעמט אריין אין זיך אלע פראָפעסיאָנעלע פאר־איינען און אלע ארבעטער־קאָאָפעראטיון, אין שטאָט און אין דאָרף. מיט יאָרן צוריק האָבן אפילו פארשיידענע פארטייען געחלומט וועגן אן ארבעטער־באנק, אָבער דעם געדאנק פארווירקלעכט האָט נאָר די אלגעמיינע הסתדרות, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער קאָנפערענץ אין חיפה.

דער ארבעטער־ציבור אין ארץ ישראל זעט די באנק ווי א צענטראלע אינסטיטוציע פון זיין ווירטשאפטלעכער און סאָציאלער שאפונג.

דער ציל פון באנק איז ניט צו העלפן מיט א גמילות־חסד דעם יחיד; איר ציל איז ניט צו העלפן דעם פרט, אז ער זאָל קענען אלס פרט איבער־שטייגן זיינע חברים און זיך „באפרייען״ פון זיין קלאס. די ארבעטער־באנק איז די פינאנציעלע אינסטיטוציע פון דעם ארבעטער־קלאס. און איר פארלאַנג איז באדינען דעם גאנצן ארבעטער־קלאס. איר ציל איז צו העלפן דעם גאנצן אָרגאניזירטן ארבעטער־ציבור, אויפשטעלן זיינע קאָאָפעראטיוון, העלפן דערוועגבן נייע ווירטשאפטלעכע פאָזיציעס און שאפן נייע ארבעטס־מעגלעכקייטן.

אין דעם איז דער ווערט פון באנק ניט נאָר פאר דעם ארבעטער, וואָס געפינט זיך שוין אין לאנד, ניט נאָר פאר די שוין עקזיסטירנדע קאָ־אָפעראטיוון, נאָר אויך פאר די צענטליקער טויזנטער וואָס ווילן און וועלן נאָך עולה זיין.

די ארבעטער־באנק קען זיך אנטוויקלען און ווערן א גרויסער ווירט־שאפטלעכער פאקטאָר, נאָר דאַן ווען זי וועט זיין א גוטע פראקטישע באנק וואָס דינט דעם ארבעטער־ציבור. זי קען ניט געבן קיין סתם־הלוואות, נאָר אויפן גרונט פון זיכערע גאראנטיעס, אָבער די באנק קען באטראכטן א וועלכן־ניט־איז קאָאָפעראטיוו אלס קרעדיט־פעאיקן אויך דאַן, ווען א פריי־וואַטער קרעדיטאָר אָדער א נאציאָנאלע בירגערלעכע קרעדיט־אינסטיטוציע וועט גאָרניט וועלן מיט אים האָבן צו טאָן.

יַנואַר 1922.

דער אנהויב פון דער געברויך־קאָאָפּעראַציע אין ארץ ישראל

די יידישע ארבעטער־באַוועגונג אין ארץ ישראל, וועלכע האָט אין צענטער פון איר טעטיקייט אוועקגעשטעלט די שאַפונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער און קיבוצישער ארבעטס־ווירטשאַפט — אין לאַנדווירטשאַפט, בוי־ווערק און אינדוסטריע, — האָט אויך געשאַפן די איינציקע אין לאַנד געברויך־קאָאָפּעראַציע, און אין איר שפּיץ — דעם „המשביר", די „געזעל־שאַפט פאַר אַפּראָוויזאַציע און פאַרקויף פון דער פּראָדוקציע פון יידישע ארבעטער אין ארץ ישראל". דער „המשביר" איז ניט געווען דער ערשטער צו אָרגאַניזירן קאָאָפּעראַטיווע אַפּראָוויזאַציע אין ארץ ישראל. נאָך פאַר אים זיינען געווען פאַרשיידענע שוואַכע פּרוּוון און אָנהייבן צווישן די ארבעטער, און זיי זיינען אַלע ניט געלונגען. אויך אין ניט־ארבעטער־קרייזן זיינען פון מאָל צו מאָל — אויך נאָך דער גרינדונג פון „המשביר" — געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע פאַרזוכן אויפצושטעלן געזעלשאַפטלעכע און קאָאָפּע־ראַטיווע אַפּראָוויזאַציע־אינסטיטוציעס. עס האָבן זיך מיט דעם פאַרנומען סיי איינצעלנע עסקנים און סיי קהלות און קאָלאָניע־קאָמיטעטן. אָבער אַלע די פּרוּוון האָבן ניט זוכה געווען צו אריכות ימים און ניט צו אַ וועלכן־עס־איז דערפאָלג, סיי פון געזעלשאַפטלעכן, סיי פון געשעפטלעכן שטאַנדפּונקט.

די איין און איינציקע געברויך־אונטערנעמונג, וואָס האָט אויסגע־האַלטן ווי גוטע אַזוי שלעכטע טעג, האָט זיך אויסגעבויט און פאַרפעסטיקט אַ פּאָזיציע אין דעם עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד און האָט דערוואָרבן פאַר דער ארץ־ישראלדיקער געברויך־קאָאָפּעראַציע אַ שיינעם נאָמען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג איז — דער „המשביר".

דער „המשביר" איז דער ערשטער צענטראַלער ווירטשאַפטלעכער אַנשטאַלט, וואָס די ארץ־ישראלדיקע ארבעטער־באַוועגונג האָט פאַר זיך געשאַפן, און פון זינט ער איז געגרינדעט געוואָרן — ביז היינט צו טאָג — איז ער איינגעפעדעמט און איינגעוועבט אין דער געשיכטע, אונטערנעמונגען און שאַפונגען פון דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטערשאַפט. פון זיין גרינ־דונג־אָן האָט דער „המשביר" רעגולער אויסגעפונען — צווישן זיינע חברים־ארבעטער — טרייע מיטארבעטער און האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך אַ קליענטור, וואָס איז צו אים צוגעבונדן באַוווסטזיניק, צוגעבונדן דורך לעבע־דיקע אינטערעסן. אין פאַרלויף פון זיין עקזיסטענץ האָט דער „המשביר" אַלץ מער און מער פאַרטיפט זיינע וואָרצלען אין דער ארבעטערשאַפט, האָט געזאַמלט פּרוטה צו פּרוטה און האָט געשאַפן אַ באַדייטנדן, ווערטפולן גע־זעלשאַפטלעכן קאַפּיטאַל. דער „המשביר" האָט זיך אריינגעפלאָכטן אין דער ארבעטער־ווירטשאַפט — אין דאָרף און אין שטאָט — און מיטן וווּקס פון דער

דאָזיקערווירטשאַפט איז געוואַקסן אויך ער: ער האָט אַלץ אויסגעברייטערט זיין קליענטור, האָט פאַרפילפאַכט און פאַרצווייגט זיינע אויפגאַבן, — און נאָך שטייט ער אין אָנפאַנג פון זיין וווּקס.

דער „המשביר" איז געגרינדעט געוואָרן אין פרילינג 1916, אין די סאַמע טעג פון דער וועלט־מלחמה, לויט דער איניציאַטיוו פון די אַרבעטער פון גליל. און געקומען זיינען זיי צו דער גרינדונג פון „המשביר" ניט דער־פאַר וואָס זיי האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן די פּרינציפּן פון געברויך־קאָאָפּעראַציע. נאָך דער עצם אידעע איז דאָס האַרץ אין יענע טעג קנאַפּ־וואָס געגאַנגען. די אַרבעטערשאַפט איז נאָך דאַן געווען אַזוי קליין אין צאָל, די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס — אַזוי שוואַך; דער יידישער אַרבעטער האָט נאָך ניט געהאַט קיין באָדן אונטער די פיס, האָט זיך נאָך ניט דערוואָרבן קיין פּלאַץ אין דער ווירטשאַפט און אין דער אַרבעט. איז וואָס האָט אים די געברויך־קאָאָפּע־ראַציע געקענט צוזאָגן? די קאָאָפּעראַטיווע שטרעבונגען פון דער אַרבעטער־שאַפט האָבן זיך דאַן אויסגעדריקט בלויז אין דעם רייסן זיך צו זעלבסט־שטענדיקער ווירטשאַפטלעכער טעטיקייט, באַפרייטע פון דעם יאָך פון „בעלי־בתים", עמאַנציפּירטע פון די באַציאונגען צווישן „אַרבעטס־געבער און אַר־בעטס־נעמער" און פון דער באַדנלאָזיקייט פון צופעליקער, טעגלעכער לוין־אַרבעט. דער וועג האָט זיך דאַן פאָרגעשטעלט אַזוי: פאַראַנטוואָרטלעכע, פּראָדוקטיווע, שטענדיקע אַרבעט; קאָאָפּעראַציע און קעגנזייטיקע הילף אין אַרבעט, ווירטשאַפט, אַפּראָוויזאַציע. עס זיינען געווען די ערשטע יאָרן פון דער לאַנדווירטשאַפטלעכער קבוצה — די ערשטע עפעקטיווע דערגאַבערונג פון דער אַרבעטערשאַפט אויפן געביט פון ווירטשאַפט און עקאָנאָמיק. איז מען צו דער גרינדונג פון „המשביר" דערגאַנגען ניט פון דעם ווילן צו פאַר־ווירקלעכן די אידעען פון געברויך־קאָאָפּעראַציע נאָר פון דעם ווילן צו באַקעמפן דעם קריזיס, דעם שרעקלעכן יקרות און דעם הונגער, וואָס האָבן אַרומגענומען די גאַנצע אַרבעטערשאַפט אין די טעג פון מלחמה.

אויך אין נאָרמאַלע צייטן, נאָך פאַר דער מלחמה, האָט ארץ־ישראל — ווייט פון די וועלט־מערק — עקזיסטירט אויף נידעריקן — זייער נידעריקן — אַרבעטס־לוין און אויף הויכע פאַרמיטלונגס־קאָסטן. די אימפּאָרטירטע סחורות האָבן שטענדיק טייער געקאָסט. דאָס לאַנד — אָרעם אין אייגענע פּראָדוקטן — האָט געדאַרפט אימפּאָרטירן פון דערוייטנס אפילו ברויט, און די אַריינ־געפירטע סחורות פלעגן דערגיין צום קאָנסומענט ערשט נאָך דעם ווי זיי פלעגן דורכמאַכן פאַרשיידענע גלגולים פון לאַנד צו לאַנד, אָנהויבנדיק פון גאָר ווייטע עקספּאָרט־לענדער, טראַנזיט דורך סיריע אָדער מצרים, ביז צום קליינעם קרעמערל אין פתח תקוה, זכרון יעקב און טבריה. יעדער גלגול

פון האנט צו האנט פלעגט אלץ הייבן און טייערער מאכן די פרייזן. דער אראבישער פּראָדוצענט, דער פעלאך, וואָס לעבט איבערהויפּט פון זיין שייער, וואָס טרינקט די מילך און שפּינט די וואָל פון זיינע ציגן און שעפסן, וואָס שפייזט זיך מיט זיינע איילבערטן און פייגן — אזא בולטערביישפּיל פון „נאטור־ווירטשאפט"! — דער דאָזיקער פּראָדוצענט פלעגט דערשיינען אויפן מארק מער אלס פארקויפער איידער קויפער. און דאָס וואָס ער פלעגט קויפן איז אויך געווען הויפּטזעכלעך פון הויז־פּראָדוקציע: א ראָגאָזשע, א זיפּ, אן אָרטיקער אָקער־אייזן, שיך, א העמד. די באדערפענישן פון דעם יידישן ישוב אָבער זיינען געווען פּילפאכיקע, און עס איז אים — דעם ישוב — געווען גאָר שווער צוצופּאסן זיך צום מארק סיי אלס קאָנסומענט, סיי אלס פּראָדוצענט. איז ער — דער ישוב — שטענדיק געווען הינטער־שטעליק אויפן מארק. און אין דער דאָזיקער הינטערשטעליקייט האָט דער יידישער ארבעטער פארנומען דעם אויבנאָן.

און ווי נאָר די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז אויסער אלע אנדערע צרות צוגעקומען די ספּעקולאציע. ווייץ, נאפט און צוקער זיינען אינגאנצן פארשוווּנדן פון מארק און מען האָט זיי אין ערגעץ ניט געקענט קריגן, הגם גאָר היבשע קוואנטומס פון די דאָזיקע סחורות זיינען געווען פאר־באהאלטן אין גריבער און אין אנדערע פארשטעקטע ערטער. „פלייסיקע" מענטשן האָבן באקומען א גלענצענדע, אן אויסערגעוויינטלעכע געלעגנהייט נתעשר צו ווערן פון די ליידן, טרערן און הונגער פון זייערע ברידער. און זיי האָבן די געלעגנהייט ניט פארשלאָפן. די מענטשן־חיה האָט ניט מוותר געווען אויפן רויב. איינער דעם אנדערן איז — לויט דעם רוימישן שפּריכ־וואָרט — געוואָרן אַ וואָלף. די געלט־גייציקייט און פארדינסט־גיריקייט האָבן זיך אנטפּלעקט אין זייער פולער מאכט.

הילפלאָז איז געשטאנען דער איינצעלנער, איינזאמער, שוצלאָזער ארבעטער אנטקעגן די גזרות פון דער טערקישער רעגירונג און אירע סאַט־ראַפּן, אנטקעגן ארבעטס־לאָזיקייט און צוואנגס־ארבעט, אנטקעגן ארויסשיי־קונגען און ארעסטן, אנטקעגן ספּעקולאנטישע מעשים־תעתועים און הונגער־נויט. אויסער א פארהעלטניס־מעסיק קליינער צאָל ארבעטער, וואָס האָבן געארבעט זעלבסטשטענדיק אין לאנדווירטשאפטלעכע קבוצות אויפן באָדן פון קרן קיימת לישראל (דגניה, כנרת, מרחביה, תל־עדש, באר־טוביה), אָדער אזעלכע וואָס זיינען געווען באשעפטיקט ביי שטענדיקע ארבעטן אין עטלעכע פערמעס (בן־שמן, חולדה, פוריה, שרונה, רוחמה, מגדל), זיינען די ארבעטער — אין זייער גרעסטער צאָל — געווען פּראָסט פּשוט אַ־יסגעשטעלט אויף הונגער. אין די דאָזיקע באדינגונגען פון נויט און הונגער און ארויסשיקונגען, ווען דאָס לעבן איז געהאנגען אויף א האָר; אין

דער אלגעמיינער אטמאָספער פון „יעדער זאָרגט פאַר דער אייגענער הויט" און „זאָל זיך ראַטעווען — ווער ס'קען" — האָט זיך אין דער ארץ־ישראלדי־קער ארבעטערשאַפט פאַרשטאַרקט די געזעלשאַפטלעכע אייני־קונג, וואָס האָט מיט זיך געטראָגן פאַרלייכטערונג און הילף און וואָס איז ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אפילו אין דער צוואַנג־אַרבעט און אין די טור־מעס. עס האָט זיך אויסגעבילדעט אַ שטאַרקער זעלבסטשוץ אַנטקעגן הונגער־שרעק און הונגער־שאַנדע, אַ שוץ וואָס האָט איבערגעוווּנדן די נייגונג פון דעם פּרט צו ראַטעווען זיך אַליין פאַר יעדן פּרייז. די אַרבעטערשאַפט אין אַלגעמיין האָט ניט געקענט אַנטלויפן פון זיך אַליין, האָט ניט געקענט ניט פילן, אַז עס איז אוממעגלעך צו פאַרטראָגן אַזאַ לאַגע, ווען איין טייל איז זאַט, איז באַשיצט קעגן כלערליי אָנשיקענישן, איז פאַרטאָן מיט שאַפן אַ ווירטשאַפט, און דער אַנדער טייל איז הונגעריק און איז אויסגע־שטעלט אויף כלערליי פורעניות, ווייל אַזאַ לאַגע איז אַ שענדלעכע און גראָבט אונטער די סאַמע עקזיסטענץ־מעגלעכקייט פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט. און ווען דער דאָזיקער געפיל האָט שטאַרק דורכגעדרונגען פאַרשיידענע אַקטיווע קרייזן אין דער אַרבע־טערשאַפט, האָט עס געפירט צו דער גרינדונג פון „המשביר".

דער „המשביר" איז געגרינדעט געוואָרן אַלס אַן אַקציע־געזעלשאַפט, 10 פראַנק אַן אַקציע. זיין אויפגאַבע איז געווען: אויפצוקויפן תבואה — אין הורט — פון דעם ערשטן קוואַל, דירעקט פון שייער, ווען די פּרייזן זיינען נאָך נאָרמאַלע, און פאַרקויפן זי שפּעטער, בשעת'ן יקרות, און אָן קיין שום צוגאָב צו דעם פּרייז. קיינע פאַרדינסטן פאַר דער אינסטיטוציע, קיין קאַפּי־טאַל־אַקומולירונג, קיין שום דיווידענדן־פאַרטיילונג צווישן די קליענטן. דאָס אַלץ שטימט ניט מיט די קאָאָפּעראַטיווע פּרינציפּן. און אין דעם אמתן — די יסודות פון דער געברויך־קאָאָפּעראַציע, לויט ווי זיי זיינען פעסטגעלייגט געוואָרן דורך די „פּיאָנערן פון ראָטשדעל" (1844) און לויט ווי זיי גייען אָן ביז היינט צו טאָג, זיינען די גרינדער פון „המשביר" אפילו אויפן געדאַנק ניט ארויף. מער פון אַלץ האָבן זיי מורא געהאַט פאַר פּראָפיטן. דער ציל איז געווען איינער, און אַן אַנטשיידענער: קאַמף קעגן יקרות און הונגער.

ניט אַזוי לייכט איז עס פאַרווירקלעכט געוואָרן. איידער דער „המש־ביר" האָט דערוואָרבן די מעגלעכקייט איינצוקויפן סחורה און איידער ער האָט דערוואָרבן קרעדיט אויפן מאַרק, אין די שייערס און אין די פינאַנץ־אַנשטאַלטן, האָט ער געדאַרפט דערוועדבן דאָס האַרץ פון זיינע חברים. און געפאָדערט האָט זיך פון דעם חבר ניט נאָר דער אָפּצאָל פאַר דער אַקציע — ניט קיין קליינע סומע ווי פאַר יענע צייטן — נאָר אויך צוטרוי

און די עצם אנערקענונג פון דער נויטווענדיקייט און פון דער מעגלעכקייט פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג. און ניט בלויז אנערקענונג האָט זיך געפאָדערט, נאָר אויך — טאַט. די גרינדונג פון „המשביר" האָט פּאַרפּליכטעט, אַז די תבואה פון די אַרבעטער־ווירטשאַפטן זאָל פאַרקויפט ווערן קודם כל צום „המשביר", און ערשט דערנאָך צו אַנדערע. די נייע אידעע, וואָס לייגט אַרויף נייע פליכטן אויף די חברים פון די אַרבעטער־ווירטשאַפטן, איז אויפגענומען געוואָרן מיט פאַרזיכטיקייט און צוריקגעהאַלטנקייט אַפילו אין די קרייזן, וואָס זיינען געווען געוווינט צו טראָגן אויף זיך די משא פון געזעלשאַפטלעכע חובות: פעלן אונז דען אונזערע אייגענע דאגות, וואָס איר לייגט אויף אונז אַרויף אויך די דאָזיקע זאָרגן? וועלן די דאָזיקע נייע פליכטן ניט שעדיקן אונזער ווירטשאַפטלעכע שאַפונג, וואָס מיר — און נאָר מיר — זיינען פאַר איר פאַראַנטוואָרטלעך?

און אין די אַרבעטער־קרייזן אין יהודה, אין דער אַטמאָספער פון די פּריוואַט־ווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס, דאָרטן, ווו די אַרבעטער האָבן אַממערסטן געליטן און געפייניקט זיך — דאָרטן האָט מען זיך בכלל ניט ערנסט באַצויגן צו דער גאַנצער זאַך. „די גלייכגילטיקייט און די קעגנערשאַפט — דערציילט אַ חבר — זיינען געקומען פון מערערע אומגעלונגענע פּרוּוון צו גרינדן אַרבעטער־קיכן". מען דאַרף זאָגן: אויך פון די דאָזיקע פּרוּוון. ווייל דער עיקר זיינען זיי געקומען פון אומצוטרוי צו דער ערנסטקייט און פון אומגלויבן אין דער מעגלעכקייט פון קעגנזייטיקער חברישער הילף.

יאָ, די הענט האָבן געקענט אַראָפּלאָזן זיך.

און דאָך האָט געזיגט — דער טאַט.

.1924

דער ביכער־פאַרלאַג פון דער הסתדרות

[אַ פאָרטראָג אויפן הסתדרות־ראַט, 1941]

אויב דער געדאַנק פון אַ ביכער־פאַרלאַג, ווי אַ שטענדיקע און אומפאַסנדע אונטערנעמונג פון דער הסתדרות, איז אין די פריערדיקע יאָרן ניט רעאַליזירט געוואָרן, איז עס ניט דערפאַר, ווייל מען האָט דאַן גאָרניט געטאָן. פאַרקערט, די הסתדרות און אירע אנשטאַלטן האָבן יאָ עפּעס אויפגעטאָן, אויך אין די פריערדיקע יאָרן, אויפן געביט פון דער ליטעראַטור. עס זיינען פאַראַן ווערטפולע ווערק, וועלכע האָבן זוכה געווען צו אַן אַלגעמיינער אנערקענונג. גענוג צו דערמאָנען די מאָנאַטשריפט „השדה" פאַר די אַגריקולטור־

פראגן, און די ביכער וואָס זי גיט ארויס, און וואָס האָבן ניט קיין גלייכן אין קיין שום אנדער ווינקעלע פון אונזער פאַכמעניש לעבן. אויך די הסתדרות הפקידים (אָרגאַניזאַציע פון אָנגעשטעלטע) איז ארויף אויפן וועג פון פאַכ־מענישער ליטעראַרישער שאַפונג.

שוין אין די ערשטע טעג איז מען געווען איבערצייגט, אַז די הסתדרות דאַרף זיין טעטיק אויף דעם געביט. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען מיר זיינען געווען זייער אָרעם, האָט די הסתדרות חקלאית (לאַנדווירט־שאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע) געגרינדעט אַ ביכער־פאַרלאַג „א ד מ ה", וועל־כער האָט זיך שוין דעמאָלט דערוואַגט צו באַשטעלן אייניקע אָריגינעלע און איבערזעצטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן. שפּעטער, ווען ס'איז געשאַפן גע־וואָרן די קולטור־קאָמיסיע פון דער הסתדרות, האָט זי אין דעם פּעריאָד פון איר בליען געשיינקט אונז ביכער, וואָס האָבן ביז היינט זייער ווערט ניט פאַרלאָרן. „המסילה" איז געווען דאָס לייען־בוך און לערן־בוך פון דער באַוועגונג. קורץ נאָך אים זיינען דערשינען חיסין'ס ווערק „פונם טאָג־בוך פון אַ בילו"; דערנאָך — דאָס בוך „קריניצה", „קובץ הקבוצה", דאָס בוך פון לאַסאַל. עס זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן אַזעלכע ביכער, ווי „דברי פועלות", „השומר" — וועלכע זיינען אוצרות פון דער גאַנצער באַוועגונג. מיט דער איניציאַטיוו פון פאַרשידענע חברים זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אונטער־נעמונגען, ווי „ספרית ברזילי" און „חברה".

אויך „ד ב ר", אַלס ארויסגעבער, האָט ניט קיין קליינע רשימה פון ביכער. „דבר" האָט אויסגעלייזט די ליטעראַרישע ירושות פון חברים: צבי שאַץ און רחל; האָט צונויפגעזאַמלט און געראַטעוועט פון אונזער פּאָעזיע אין רוסלאַנד אלישע ראָדין און לענסקי; האָט געמאַכט דעם ערשטן פּרווו איבערצוזעצן אין עברית כמעט פאַרלאָרענע זאַכן פון א. ש. ליבערמאַנס ירושה; האָט געהאָלפן דער יונגער פּאָעזיע; האָט פאַרעפנטלעכט דאָקו־מענטאַלע ביכער, ווי „ברענערס בריוו", אָדער „די געשעענישן פון תרצ"ו". „דבר" האָט אויך ארויסגעגעבן בענדער וועגן דעם יידישן סאָציאַליסטישן געדאַנק. אָבער דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן ניט סיסטעמאַטיש, אָן ספּעציעלע מיטלען, מיט גרויסע אַנשטרענגונגען. עס איז אויך געמאַכט געוואָרן אַן אויפ־טו, וואָס שיינט צו זיין נאָר אַ צייטונגס־זאַך, נאָר ער איז זיך צעוואַקסן אין פיל בענדער: „ד ב ר ל י ל ד י ם". ניט פיל זיינען די זאָרגער פאַר אַ העב־רעישער קינדער־ליטעראַטור. די קליינע וועכנטלעכע צייטונג שפּייזט דאָס קינד און די משפחה און די שול ניט נאָר דאַן, ווען זי דערשיינט, נאָר אויך פיל יאָרן שפּעטער.

דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן כמעט אַגב־אורחא, אָן באַדינגונגען פאַר פאַרברייטערונג, אָן שטענדיקייט, אָן שטענדיקע מענטשן. ס'איז גע־

קומען די צייט, אז דאָס דאָזיקע אַרבעטס־פעלד זאָל טיף דורכגעאַקערט ווערן.

כדי ניט ארויסצורופן קיין טעות: איך מיין ניט קיין פאַרלאַג פון א פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע אָדער א פּאָליטישער שטרעמונג — די דאָזיקע זאַכן קענען און ווערן געטאָן דורך די פּאָליטישע שטרעמונגען אליין. מיין כוונה איז, אז די הסתדרות זאָל צוטרעטן צו דעם ווערק אזוי, ווי זי איז שוין צוגעטראָטן צו אייניקע וויכטיקע חלוצישע ווערק, אז די הסתדרות זאָל נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו שאַפן אין העברעיש דעם פּאָלקספאַרלאַג, א ביכער־פאַרלאַג, וואָס וועט געוויס ניט פאַרנאַכלעסיקן די דירעקטע באַדערפעניִשן פון דער פּראַקטישער, עקאָנאָמישער, פּראָפעסיאָנעלער און הסתדרותישער טעטיקייט, אָבער וועט זיך ניט באַנוגענען דערמיט און וועט זאָרגן צו דערפילן די גייסטיק־ליטעראַרישע באַדערפעניִשן פון דעם יידישן לעזער, בפרט דעם, וועלכער ל'עבט דאָס לעבן פון דער הסתדרות.

איך וויל דערקלערן, פאַרוואָס איז דאָס פאַר אונז ניִשט קיין סתם פּרומער ווונטש, נאָר טאַקע א לעבנס־נויט.

די גרינדער פון דער הסתדרות, די ערשטע גרופּן פון דער צווייטער און דריטער עליה, האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך א געוויסן גייסטיקן באַגאַזש. ניט דאָס איז די פראַגע, צי דער באַגאַזש איז געווען א גענוגענדער. געוויס איז ער ניט געווען קיין גענוגענדער. אָבער עס איז געווען א גייסטיקער באַגאַזש, וואָס האָט געקלעקט אויף יאָרן. ניט דאָס בוך און ניט דאָס ל'ערנען זיינען געווען דער עיקר אין אונזער גייסטיקן לעבן. דער איבערגאַנג פון א לעבן פון דעם בוך אָדער פון ליידיקגייערײ, צו א לעבן פון אַרבעט — אין דעם אליין איז געווען א גענוגענדע גייסטיקע אָנשטרענגונג, וואָס איז פעאיק צו באַרייכערן די נשמה און דעם געדאַנק. די דורות פון גרינדער — זייער גייסטיק ל'עבן איז ניט אזוי אָפּהענגיק געווען פון דער מאָס פון זייער בילדונג; די טעכנישע און ווירטשאַפטלעכע באַדערפעניִשן, וועלכע פלעגן געבוירן ווערן אין דער אַרבעט, האָבן געפּאָדערט זייער פאַרענטפערונג מער, ווי די אַלגעמיינע, אָדער פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע בילדונג. און דאָס אינטימע טייערע ווינקעלע וואָס איז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן אין דער אַרבעטס־ליטעראַטור, יענע פונקן פון געדאַנק און פּאָעזיע זיינען פאַר דעם הייפל אַרבעטער וואָס האָט געוווּסט זיין שוואַכקייט, גענוג געווען צו דערקוויקן די נשמה.

אין צווישנצייט זיינען מיר פון א הייפל געוואָרן א פאָלק; פון עולים און איינוואַנדערער, וועלכע שפּייזן זיך נאָך טיילווייז פון פרעמדע וועלטן — זיינען מיר געוואָרן א באַוועגונג וואָס איר גייסטיקער צענטער איז אין ארץ־ישראל. די בילדונג האָט מען געדאַרפט באַקומען אין לאַנד, און דאָס קינד

האָט מען געמוזט דערציען דאָ. מיר זיינען געוואָרן א באוועגונג, וואָס פאַר גרויסע טיילן פון איר איז עברית זייער איינציקע שפּראַך, די שפּראַך פון זייער ריידן און די שפּראַך פון זייער בילדונג, און דער דאָזיקער עולם האָט פאַרשיידענע גייסטיקע באַדערפעניש‏ן. ער האָט עלעמענטאַרע באַדערפעניש‏ן און האָט אויך מער קאָמפּליצירטע באַדערפעניש‏ן. און דער דאָזיקער עולם, וועלכער איז אַן ארץ־ישראלדיקער לויט דער שפּראַך און לויט זיין לעבנס־אינהאַלט — ווערט געשיקט צו זוכן זיין גייסטיקע שפּייז אין דרויסן, אין ווייטע מקומות. ס'איז ניט קיין געזונטע לאַגע, ווייל זי שטופּט דעם מענטשן צו א פרעמד־שפּראַך, ווייל אויסערלעכער מאַטעריאַל פאָדערט א באַאַרבעטונג און פאַרדייאונג; און לגבי מערערע פון דעם דור, וואָס וואַקסט אין דער באַוועגונג, באַדייט עס שיקן זיי צו מקורות, פאַר זיי געשלאָסענע. אויב נאָך צוואַנציק יאָר קיום פילט די הסתדרות באמת די גאַנצע ערנסטקייט פון דער אחריות פאַר איר צוקונפט, פאַרן גורל פון אירע אויפטוען; אויב דער אַרבעטער־כלל לייגט אריין אַזוי פיל כוחות אין דער דערציאונג פון זיינע קינדער; אויב מיר אַנטוויקלען יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און גלייכצייטיק באַמיען מיר זיך ניט צו דערלאַנגען זיי אַלעמען הילף דורך פּאַסנדער ליטעראַטור — איז עס פּונקט ווי מען וואָלט אַרויסגעשיקט מיליטער אויפן פראָנט און ניט מיטגעגעבן זיי דעם מינדעסטן וואָפן, וואָס איז זיי נויטיק.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז דער יונגער דור אין לאַנד איז דאָפּלט געשלאָגן געוואָרן: פון איין זייט איז אים ניט געלאָזט געוואָרן באַנוצן זיך מיט יענע בילדונגס־וועגן, וועלכע זיינען בדרך כלל אָפן געווען פאַר זיינע עלטערן, — סיי אויב ער קומט פון אויסלאַנד, פון באַדינגונגען פון חורבן, גזירות און שטערונגען אין בילדונג, און סיי אויב ער וואַקסט דאָ אין לאַנד, און שוין אין א יונגן עלטער רייסט ער איבער די לימודים און גייט אַרבעטן. און אפילו אויב ער ענדיקט די שול — איז דער גייסטיקער באַגאַזש ניט גענוג פאַר די באַדערפעניש‏ן פון א דור, וועלכער שטייט אין די ערשטע רייען פון א גרויסן נאַציאָנאַלן פראָנט און וועלכער ווערט אויפגעפאָדערט צו בויען א פעסטן געזעלשאַפטלעכן בנין. פון דער אַנדער זייט, — אויך יענער גייסטיקער פאַרמעגן, וועלכן די באַוועגונג האָט געשאַפן אין ארץ־ישראל אין משך פון פינף און דרייסיק יאָר, און וועלכער איז אָנגעזאַפּט מיטן גייסט פון די הסתדרות־גרינדער, ווערט וואָס א מאָל ווייניקער צו־טריטלעך פאַר די יונגע לעזער. עס זיינען אַוועק די צייטן, ווען יעדער לעזער איז געווען באַהאַוונט אין פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון דער ליטעראַטור, האָט געשעצט אַלטע בלעטלעך און געוווּסט, וואָס עס באַהאַלט זיך אין זיי און וווּ צו זוכן דאָס וואָס ער דאַרף. ס'איז א פאַקט, אַז איצט דאַרף מען די זאַכן אַרויפלייגן אויפן האַנט, העלפן פאַרדייען. און אויב די באַוועגונג שאַצט

ניט אַפּ וואָס זי פאַרמאָגט; אויב זי ווייס ניט וואָס איז דער גייסטיקער פאַרמעגן, וואָס זי האָט אין משך פון די יאָרן באַשאַפן, און קען ניט צונויפ־נעמען די זאַכן, אָפּקלייבן די ווערטפולע און מאַכן זיי צוטריטבאַר פאַרן וואַקסנדיקן דור — הייסט עס, אַז זי איז אַליין מוותר אויף איר שאַפונג.

די דאָזיקע באַדערפעניש צו געבן דעם חבר פון דער באַוועגונג, די מאַסן פון דער באַוועגונג און די קינדער פון דער באַוועגונג אַ גייסטיקע שפּייז, קען ניט געמאַכט ווערן אויף אַ ציטווייליקן אופן, אַבי אָפּצוטאָן. עס זיינען פאַראַן ליטעראַרישע פּרוכטן וואָס ווערן לייכט צייטיק, אָן אַ ספּעציעלער זאָרג, אָן אַ השגחה. און עס זיינען פאַראַן אַזעלכע, וועלכע פאָדערן אַ טיפן אַקער, אָן אָפּקלייב, אַ קאָנטראָל און אַ באַאַרבעטונג. עס זיינען דאָ ווערק — אויך געלונגענע — וועלכע פאָדערן ניט קיין פאָרשונג און פאַרטיפונג, און עס זיינען פאַראַן ווערק, וואָס פאָדערן אַ גרויסע צוגרייטונג־אַרבעט און ספּעציעלע אָנטשרענגונגען. ווער וועט זיי מאַכן?

צי איז דאָס ניט משונהדיק? אין אַ סך געביטן זיינען מיר די הויפּט־צושטעלער (אָדער די איינציקע) פאַר אונזער מחנה: אויפן געביט פון אַרבעט, אויפן געביט פון מאַטעריעלן געברויך; מיר פאַרשטייען, ווי שעדלעך עס איז צו זיין אָפּהענגיק פון מעקלערס, ווי וויכטיק עס איז די הסתדרותישע געברויך־קאָאָפּעראַציע, ווי וויכטיק עס איז אונזער אונטערנעמערישע טעטיקייט. אָבער אין דער גייסטיקער וועלט האָבן מיר זיך פאַרלאָזן אויף אַנדערע, זיי זאָלן אונדז אַרויסהעלפן. ניט אויס גרינגשעצונג פון דעם, וואָס אַנדערע טוען און ניט כדי אָפּצוזאָגן זיך פון דעם, וואָס אַנדערע טוען, פאָדער איך צו אָרגאַניזירן אונזער ווערק. ס׳איז דאָ ניטאָ קיין פראַגע פון מאָנאָפּאָל. יעדער שאַפנדער כוח וועט זיך אַליין אַנטפּלעקן און וועט ווייזן, וואָס ער קען.

איך רייד וועגן דעם ענין קודם־כל מצד די באַדערפענישן פון דעם לעזער: ס׳איז אַ לעבנס־נויט פאַר אַ מענטשן צו לייענען אַ גוטן בוך און ניט פאַרשווענדן זיין צייט אויף ווערטלאָזע ביכער; די זאָרג פאַר דער היים, פאַרן קינד, פאַר דער בילדונג פון לערער, פון כלל־טוער, די זאָרג פאַר דער יוגנט, וואָס שפּייזט זיך פאַקטיש פון אַ צופעליקער אינסטרואירונג און צופעליקע בראָשורן.

און ס׳איז דאָ נאָך אַ זייט אין דער פּראָבלעם: די באַציאונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג צום יידישן גייסטיקן שעפער. צי האָט די אַרבעטער־באַוועגונג אַ פליכט צו זאָרגן פאַרן יידישן שעפער? איך זאָג: יאָ! אונזער באַוועגונג, וואָס ליידט דעם ווייטאָג פון יעדן אַרבעטנדן מענטש, דעם ווייטאָג פון זיין פאַרשקלאַפונג, פון זיין אַרבעטסלאָזיקייט — זי קען ניט זיין פריי פון מיטפילן דעם גייסטיקן שעפער.

און ס'איז דאָ נאָך אַ פּראַגע — ניט נאָר די פּראָגע פון לעזער און שרייבער, נאָר פון גאַנצן כלל, די זאָרג פאַר דער שאַפונג פון פאָלק. מען מוז זען מיט אָפענע אויגן, וואָס עס דערוואַרט אונדז אין גייסטיקן לעבן אין לאַנד. עס הערשט נאָך ביי אונדז אַ גייסטיקער מישמאַש. מיר שפּייזן זיך פון עטלעכע ירושות, פאַרבאַרגענע און לעבעדיקע, און מיר בילדן נאָך ניט קיין איינהייטלעכן קולטורעלן קערפּער. דאָס האָט אַ געוויסע מעלה: מיר אונ־טערליגן ניט איין קולטור. עס עקזיסטירן נאָך פאַרשיידענע מקורות צום שעפּן, ס'איז נאָך דאָ אַ טענדענץ צו באַפרייען זיך פון כלערליי אָפּהענגי־קייטן. ביים וואַקסנדן דור ווירקט נאָך די טענדענץ צו עפּעס אייגענעם. אָבער, וואָס דערוואַרט אונדז אין גייסטיקן זינען, אויב די זאַכן וועלן זיך ווייטער אַנטוויקלען אַזוי, ווי זיי אַנטוויקלען זיך? עס זיינען דאָ גוטע מענטשן, וואָס כאַפּן זיך אויף פון צייט צו צייט און „אַנטדעקן" סכנות. זיי זיינען מייסטענס געצוויגט צו זען די געפאַר ניט דאָרטן, וווּ זי עקזיסטירט. ביי מערערע איז געוועזן אַ מאָל אַן איבערצייגונג, אַז יידיש וועט זיין אַ סכנה פאַר דער אויפלעבונג פון עברית. און אָט, נאָך צוואַנציק יאָר פון דער אַזוי־גערופענער מאַסן־עליה קען מען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז די געפאַר פון יידיש עקזיסטירט ניט. זאָלן אַריינקומען אין לאַנד מאַסן, וועלכע קענען ניט קיין עברית — ניט דאָ שטעקט די געפאַר פאַר עברית. אַ מענטש, וואָס קען העברעיש און איז צו דער שפּראַך ניט צוגעבונדן — ער איז פאַר אונדז אַ פיל גרעסערע געפאַר. אין אַזעלכע זיינען דאָ צענטליקער טויזנטער. זיי קענען אויך זיין „פּאַטריאָטן פון עברית", אָבער דער דאָזיקער פּאַטריאָטיזם עקזיס־טירט כל זמן ער שטערט ניט זייער קאַריערע אָדער זייער פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט.

ווען עס וואָלט אין ציוניזם געהערשט דער געדאַנק, אַז די פּראַגע פון נאַציאָנאַלער קולטור איז פאַר אונדז אַ גורל־פּראַגע (ווייל גייסטיקע פאַר־פעסטיקונג איז דאָך אַ באַדינג פאַר דער מלחמה אין אַנדערע שטחים), וואָלטן זיך אויך געפונען וועגן פאַר ממשותדיקע ענדערונגען אין דער לאַגע פון דער ליטעראַטור און אין דעם גייסטיקן זעלבסטגעפיל פון דעם דור. אָבער עס איז ניט אַזוי, און פּונקט ווי אין די אַנדערע ענינים זיצן מיר ניט און וואַרטן, אַז עמיצער זאָל זיך אויפכאַפּן און פאַרשטיין, און עס זאָלן זיך געפינען די מיטלען, נאָר מיר טוען דאָס אונדזעריקע — אַזוי דאַרף די הסתדרות זיך מאָביליזירן צו אונדזער גייסטיקער פאַרפעסטיקונג, ווייל דאָס איז אַ לעבנס־פּראַגע פאַר איר, פאַר איר צווייטן און דריטן דור. אַ ביכער־פאַרלאַג קען זיין בלויז אַ טייל פון דעם פּראָגראַם.

ניט איין מאָל איז אין דעם לעצטן דור די גייסטיקע טעטיקייט אוועק־געשטעלט געוואָרן ווי אַ קעגנזאַץ צו דער קאָלאָניזאַטאָרישער און פּאָלי־

טישער. מיר האָבן אין אונזער געשיכטע א שווערע ירושה: דער טראַגישער קעגנזאַץ צווישן די יבנה־לייט און די קנאים. יעדער פעסימיסט, יעדער ווער עס פארגינט אונז ניט קיין גרויסן ציוניזם, רעדט אין נאָמען פון „יבנה". מיר ווייסן ניט די כוונות פון בן־זכאי, אָבער עס זיינען דאָ פארשיידענע יבנה׳ס: א יבנה פון פוילן, א יבנה פון פלאוויוס, א יבנה פון די קעגנער פון פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט. אָבער די יידישע געשיכטע קען אויך א ביי־שפּיל פון א פאראייניקונג פּון פּאָליטישן און סאָציאלן אקטיוויזם מיט גייס־טיקן אקטיוויזם: דער בונד צווישן רבי עקיבא און בר־כוכבא. אזא פאראיי־ניקונג פאָדערט זיך פון אונזער דור.

אין פּאָליטישע און סאָציאלע באוועגונגען איז פאראַן א נייגונג אי־בערצושאַצן דעם ווערט פון איין פאַרקטאָר און ניט צו דערשאַצן דעם אנדערן. דאָס איז א שלעכטע מידה. מיר האָבן געזען, ווי טייער עס האָבן ארבעטער־באוועגונגען אין דער וועלט באצאָלט פארן איבערשאַצן דעם ווערט פון פּראָפעסיאָנאַל־אָרגאַניזאַטאָרישער אָדער פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט און וויפיל זיי האָבן פאַרלאָזן צוליב פארנאַכלעסיקן דעם געביט פון דערציִען, סיי אין ענגן און סיי אין ברייטן זין פון וואָרט. און אויב די זאַכן זיינען ריכ־טיק לגבי יעדער גרויסער באוועגונג, זיינען זיי נאָך ריכטיקער לגבי אונז. אויב ס׳איז דאָ א באוועגונג וועגן וועלכער מען קען זאָגן: צוערשט איז גע־ווען די אידעע — איז אונזער באוועגונג. מיר וואָלטן ניט געקומען אין לאַנד אריין, ווען ניט א געוויסע גייסטיקע וועלט פון דורות, וועלכע זיינען געווען פאַר אונז. געוויס וועט מען זיך באַמיען אונז אויפמערקזאַם צו מאַכן אויף דעם אָביעקטיוון מוז, וואָס איז דערביי געווען, ווייל אלע וועגן זיינען פאר אונז געווען געשלאָסן. זיכער אזוי, אָבער דער זעלבער מוז איז געווען ניט נאָר פאַר אונז, נאָר פאַר נאָך מיליאָנען יידן — פאַרוואָס האָט ער ניט גע־ווירקט אויף זיי? דער מוז עקזיסטירט, אָבער מען דאַרף אים זען, און ניט אלע יידן האָבן אים געזען. בלויז א טייל האָט אים געזען — א טייל וואָס א באַשטימטע גייסטיקע באוועגונג האָט אים געעפנט די אויגן און געווענדעט זיין הארץ. און א באוועגונג, וועלכע האָט נאָך ניט באוויזן צו געפינען א שטאַרקן עקאָנאָמיש־פּאָליטישן באַזיס, וועלכע מוז נאָך קעמפן פאַר עלע־מענטאַרע רעכט, וועלכע מוז נאָך פירן א לאַנגדויערנדע מלחמה פאַר זעלבסטשטענדיקייט, אָנהויבנדיק פון נידעריקסטן מוניציפּאַלן קערנדל ביז צום העכסטן; א באוועגונג, וואָס אויך דאָס, וואָס זי האָט דערוואָרבן געפינט זיך נאָך תמיד אין געפאַר — אזא באוועגונג, אויב זי קען זיך אליין ניט שטאַרקן, אויב זי קען זיך ניט פעסט קעגנשטעלן קעגן פאַרלייקענען זיך אליין, קעגן שפלות — איז זיך אליין פון פאָרויס מפקיר דעם פיינדלעכן שטורעם.

עס איז דא אייניקע מאָל געוואָרפן געוואָרן דאָס וואָרט „העגעמאָניע" — העגעמאָניע פון ארבעטער אין דעם פאָלק, אין דעם ישוב, אין דעם ציוניזם. טייל האָבן די זאך געטייטשט צום גוטן און טייל צום שלכטן. העגעמאָניע — באדייט ניט: „איך — און אויסער מיר גאָרניט"; העגעמאָניע באדייט ניט: פארלייקענען די עקזיסטענץ פון אנדערע קרייזן אָדער גרינגשעצן זיי; העגעמאָניע באדייט אויך ניט דיקטאטור. העגעמאָניע ווערט ניט דערוואָרבן דוקא דורך מאכט־מיטלען. העגעמאָניע באדייט: גייסטיקע הערשאפט, אנטשיידנדיקע השפעה, גיין פאָרויס אין לעבן פון פאָלק. און יעדע באוועגונג, וועלכע האלט זיך ניט בלויז פאר א פראָפעסיאָנעלן פאראיין, שטרעבט צו העגעמאָניע. „בני משה" האָבן געשטרעבט צו א העגעמאָניע אין דער חיבת־ציון־באוועגונג. דער ארבעטס־געדאנק קען זיך בכלל ניט פארווירקלעכן, אויב ער וועט ניט דערגיין צו א העגעמאָניע אין לעבן פון פאָלק. ס'איז ניט גענוג, אז דער יחיד, וועלכער טראָגט א געוויסן געדאנק, זאָל זיך באמיען אים צו פארווירקלעכן אין זיין פערזענלעכן לעבן. עס איז אומבאדינגט נויטיק, אז דער געדאנק זאָל ווערן א קנין פון כלל. ווען די ארבעטער־באוועגונג שאפט באשטימטע פאָרמען פון קאָלאָניזאציע, ווען זי פירט דעם קאמף פון דעם ארבעטער אין דער מושבה, ווען זי קעמפט אויס פאָזיציעס אין דעם מוניציפאלן לעבן, ווען זי קעמפט פאר עליה — זיינען דאָס אלץ דערשיינונגען פון דעם קאמף פון דעם ארבעטס־געדאנק פאר זיין פארווירקלעכונג, און זיין פארווירקלעכונג קען קומען בלויז דורך א העגעמאָניע אין דעם פאָלק. איך בין זיך מודה: פאר מיר איז דער ענין פון דעם ביכער־פארלאג, פון דער יוגנט־דערציאונג, פון שאפן א העברעישע קינדער־ליטעראטור, — אויך א קאפיטל אין דעם קאמף פון ארבעטער און חלוץ פאר דער העגעמאָניע אין ציוניזם.

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם

[פון א שמועס מיט די מדריכים פון הנוער העובד, 1934]

סאָציאַליסטישער ציוניזם איז ניט קיין מעכאַנישער צוזאַמענשטעל פון צוויי ווערטער: ציוניזם און סאָציאַליזם; ער איז אויך ניט קיין פשרה צווישן צוויי קעגנזעצלעכע פּרינציפּן. ווער עס דענקט אזוי — האָט פּשוט ניט באַגריפן זיין גייסטיקן און אידעאישן אינהאַלט, זיין אינערלעכע גאַנצקייט. דער סאָציאַליסטישער ציוניזם האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר דער וועלט נאָך דעם ווי ס'האָט שוין עקזיסטירט א יידישער סאָציאַליזם, דאָס הייסט: ניט נאָר סאָציאַליסטן־יידן, וואָס זיינען געווען שליחים און פּריידיקער פאַר אַנדערע פעלקער, נאָר עס האָט שוין עקזיסטירט דער „בונד", אַן אָרגאַניזאַציע פון יידישע אַרבעטער אינערהאַלב זייער פאָלק. נאָר וואָס דען, דער „בונד" האָט איבערגענומען פון זיינע רבי'ס די סאָציאַליסטישע תורה און האָט זי געבראַכט צום יידישן אַרבעטער „אזוי ווי זי שטייט און גייט", ווייל ער האָט ניט געהאַט גענוג דענקערישן מוט צו זוכן און אויסצוגעפינען, ווי אזוי ווירקט זיך אויס די נייע וועלט־אויפפאַסונג (וואָס מ'רופט קורץ: „סאָציאַלע רעוואָלוציע") אין די ראַמען פון יידישן פאָלק, ווייל ער האָט ניט געהאַט די פעאיקייט צו באַגרייפן דעם ספּעציפישן גורל פון דעם יידישן אַרבעטער, וואָס איז פאַרבונדן מיטן גורל פון זיין פאָלק.

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם איז אַנטשטאַנען אויס דער ר ע וו ו י ז י ע פון דעם עקזיסטירנדיקן ציוניזם און פון דעם עקזיסטירנדיקן יידישן סאָציאַליזם. די באַוועגונג איז אַנטשטאַנען אויס דעם נעגירן די גייסטיקע וועלט פון די הערשנדיקע באַוועגונגען: דער „אַלגעמיינער" ציוניזם (ס'הייסט — דער בעלי־בתישער) און דער אַלגעמיינער סאָציאַליזם אין זיין יידישער אַנטפּלעקונג (ס'הייסט — דער „בונד"). סירקין האָט דעפינירט דעם בעלי־בתישן ציוניזם אלס אזא, וואָס שפּייזט זיך מיט נאַציאָנאַלע מליצות, באַנוגנט זיך מיט קליינע נדבות, שטיצט פאַקטיש די כוחות פון רעאַקציע, איז ניט פעאיק אונטערצונעמען א גרויסע פאָלקס־קאָלאָניזאַציע און וואַגט

אפילו ניט צו טראַכטן וועגן דעם. סירקין האָט געזען דעם „בונד" אַלס אַזאַ, וועלכער קנעלט מיטן יידישן אַרבעטער מאַרקסיסטישע פּסוקים, ניט־זוכנדיק צו שאַפן אַ פעסטע באַזע, אַן אַרבעטס־באַזע פאַר זעלבסטשטענדיקער קולטור און נאַציאָנאַלער פרייהייט, ווייל ער באַגרייפט ניט, אַז אַן אמתע גאולה פאַרן יידישן אַרבעטער איז אוממעגלעך כל זמן דאָס פאָלק וועט ניט אויסגעלייזט ווערן פון גלות.

דער סאָציאַליסטישער ציוניזם האָט אָנגעהויבן אַלס איינע פון די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין אונזער צייט. ער האָט אונטערגעוואָרפן אונטער זיין שניידיקער קריטיק ניט נאָר די בעלי־בתּישע און קאַפּיטאַליסטישע וועלט. ער האָט רעוואָלטירט ניט נאָר קעגן דעם צאַר און זיין „אָכראַנקע" און די קהלשע תּקיפים, ער האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אויך אויף דאָגמעס, וואָס האָבן זיך איינגעבירגערט אין דער סאָציאַליסטישער וועלט. ער האָט געוואָגט צו דענקען זעלבסטשטענדיק און אויף אייגענער אחריות. און דאָס איז איינע פון די שווערסטע זאַכן. אין דער צייט וואָס יידישע סאָציאַליסטישע משכּילים האָבן זיך באַנוגנט מיט דעם וואָס זיי האָבן געפונען פאַרטיקערהייט, און האָבן ניט געוואָגט נאָכצוטראַכטן נאָך די טעאָריעס פון זייערע לערער, טעאָריעס וועלכע זיינען פאַר זיי געווען הייליק — האָט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם כּסדר געשטרעבט צו פאָרשן און קאָנטראָלירן די סאַמע געהייליקטע תּורות.

ס׳טרעפט, אַז אַ וויסנשאַפטסמאַן שטויסט זיך אָן אָן אַ וועלכן ס׳איז קליינעם פּרט, וואָס שטייט אין ווידערשפּרוך צו אָן אָנגענומענער טעאָריע, און דאָס באַוועגט אים פון דאָס ניי אויסצופאָרשן די גאַנצע טעאָריע. פּונקט אַזוי איז אויך דער סאָציאַליסטישער ציוניזם באַוויזן געוואָרן צו באַטראַכטן פון דאָס ניי גרויסע פאַראַלגעמיינערונגען אין ליכט פון „אַ קליינעם פּרט": די אָנגעווייטיקטע יידן־פראַגע, וואָס האָט ניט געפונען ניט איר אויפקלערונג און ניט איר לייזונג אין די אָנגענומענע אומפאַסנדיקע טעאָריעס. דער ערשטער דור פון סאָציאַליסטישן ציוניזם האָט טיף דערפילט דעם יידישן שמערץ. זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז די אָנגענומענע רעדערייען שעפּן ניט אויס די פּראָבלעם, און די אַלגעמיין־פאַרגעשריבענע רפואה איז ניט אימשטאַנד אויסצוהיילן די ספּעציפישע יידישע קראַנקייט. זיי האָבן פון סאַמע אָנהויב באַגריפן, אַז די הויפּטפראַגע באַשטייט אין פאַרזיכערן אַן אַרבעטס־עקזיסטענץ פאַר די יידישע מאַסן, און מיט זייער שאַרפן בליק האָבן זיי באַצייטנס איינגעזען, אַז דאָס פאַלן פון רוסישן צאַריזם און דאָס געבן „גלייכבאַרעכטיקונג" און דאָס אָפּשאַפן דעם „תּחום המושב" — דער געגאַרטער אידעאַל פון יידישע בעלי־בתּים און סאָציאַליסטן צוגלייך — וועלן ניט ראַטעווען דאָס פאָלק פון וואַנדערונגען און לופט־

לעבן. און אויב די עקזיסטענץ פון דעם יידישן ארבעטער אין די גלות־לענדער, האָט קיין צוקונפט ניט, האָט אויך קיין צוקונפט ניט דער גלותדיקער סאָציאַליזם. דער סאָציאַליסטישער ציוניזם האָט מיט צאָרן און שפּאָט געדודפּט די גייסטיקע אָרעמקייט און פלאַכקייט פון דעם גלות־סאָציאַליזם, די פּחדנות פון זיין געדאַנק, די אַנטפּלעקונג פון שקלאַפעריי אין דער רעוואָלוציע, דעם תּקיפותדיקן בטחון פון דעם „עם־הארץ אויף דער יידישער גאַס", ווי סירקין פלעגט רופן דעם „בונד", צי פון דעם גייסטיקן „אַל־רייטניק" אין דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג אין אמעריקע. אויס אינערלעכער כסדרדיקער קריטיק פון דעם לעבן און גורל פון פאָלק האָט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם פאַרטיפט און אויסגעברייטערט דאָס קריטישע אריינטראַכטן זיך אויך אויסער די גרענעצן פון יידישן לעבן.

אין יענע טעג, אויפן שוועל פון דעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָט דער אייראָפּעאישער סאָציאַליזם נאָך געלעבט א רואיק און אידיליש לעבן, און זיין געדאַנק — פול האָפענונג און אָפּטימיזם — פלעגט באַשטימט ווערן דורך אַלטע געטרייע „תלמידים" און געפירט ווערן לויט פעסטגעשטעלטע, שטייפע ליניעס. דער יידישער אינטעליגענט פלעגט אויף זיך נעמען באהבה אַלץ וואָס ס'פלעגט ארויסגיין פון דער שולע פון קאַרל קויטסקי און געאָרג פּלעכאַנאָוו, גלייך ווי דאָס יידיש שטעטל פלעגט מקבל באהבה זיין יעדע גזירה, וואָס די מאָדע פלעגט אויף איר אָנוואַרפן. ערגיץ דאָרטן אין פּאַריז זיצט דער „מאָדע־געזעצגעבער", שנייט־צו און נייט־אויף, און ווי ער הייסט — אַזוי מוז מקוים ווערן. אויך אין דעם גייסטיקן לעבן זיינען דאָ א סך, וואָס קומען אָן צום „פּאַריזער שניידער"; די וואָס בונטעווען זיך קעגן דער גייסטיקער מאָדע — זעען אויס ווי „משונה'דיקע" מענטשן, כמעט ניט ביי די געדאַנקען. אין יענע טעג האָט דער סאָציאַליסטישער ציוניזם געמוזט אָנציען אויף זיך א יאָך פון שווערער ארבעט. „אויב איר פאַרשטייט ניט אונזער זאַך — איז א סימן, אז נאָך א סך זאַכן באַגרייפט איר ניט", האָבן ווי געזאָגט די „ווידערשפּעניקע", ניט־געבעטענע קינדער — סירקין, זשיטלאָווסקי, באָראָכאָוו און זייערע חברים — צו די „הערשער" אין דעם סאָציאַליזם. פון דעם פּונקט פון אַסימילאַציע, פון גלות־„עמאַנציפּאַציע", איז דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער געדאַנק געשטויסן געוואָרן צו דער קריטיק פון באַשטימטע ווערטן פון עקזיסטירנדיקן סאָציאַליזם: די מיינונגען וואָס הערשן אין אים לגבי דער אויפפאַסונג פון נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, די אַגראַר־פּראַגע, קליין־פויער, קאָאָפּעראַציע, פעלקער־וואַנדערונגען און קאָלאָניזאַציע, די קנאַפּע פאַרשטענדעניש פאַר דער חלוציש־אַוואַנגאַרדישער ראָל פון דעם ארבעטער־סאָציאַליסט און די גלייכגילטיקייט לגבי דער פליכט פון

פערזענלעכער פאַרווירקלעכונג — דאָס אַלץ האָט שוין דאַן באַשעפּטיקט און געמאַטערט דעם ציוניסטיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק און אים געשטויסן אויסצוטרעטן פאַר זיך א י י ג ע נ ע וועגן.

אַזוי האָט אויסגעזען די באַוועגונג אין אירע פרילינג־טעג, ווען זי האָט נאָך געהאַט גענוג כוחות דורכצולייגן פאַר זיך אַ וועג דורך די שטרויכלונגען פון דער גלות־עקזיסטענץ ביז צום ברעג פון גאולה. דערנאָך איז זי צעשמעטערט געוואָרן דורך יענע זעלבע שטרויכלונגען. פיל פון די טרעגער פון דער באַוועגונג און פון אירע תלמידים האָבן ניט אויסגעהאַלטן דעם נסיון, טריי צו בלייבן „ביזן סוף" צו זייער געוואָגטן, העלדישן אַנהויב. ס'האָט זיי פאַרפעלט כוח פאַרצווזעצן און זעלבסטשטענדיק אויס־צולעבן זייער רעוואָלוציאָנערן געדאַנק, צו פאַרווירקלעכן אין לעבן די ווערטן־איבערשאַצונג, וואָס אין איר נאָמען האָבן זיי זיך אַנטפּלעקט און צוליב איר האָבן זיי זיך אָפּגעזונדערט. זיי זיינען מיד געוואָרן. זיי האָבן סוף־סוף געבויגן דעם קאָפּ פאַר די גזירות פון דעם „פאַריזער שניידער", וואָס גיט אַרויס געזעצן אין דער וועלט פון בלאָנדיקע ווינטן. וואָס אַן אמת, דער דאָזיקער געזעצגעבער, סיי ער איז געווען אַן אינדיווידועלער און סיי אַ קאָלעקטיווער — אויך אים האָט ניט פאַרשוינט דער גורל, אויך ער איז ניט איין מאָל אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון דער הויכקייט פון זיין פיעדעסטאַל אין טיפן תהום אַריין, אָבער זיין שטול איז ניט געבליבן פריי. ער איז אויסגעטוישט געוואָרן אויף אַן אַנדערן. און אַט אַזוי פירט זיך „אַ פאַריזער שניידער": כל זמן ער הערשט — הערשט ער אומבאַגרענעצט און קען גאָר קיין מאָל קיין טעות ניט האָבן. ווער וועט עס וואַגן אַנטקעגנשטעלן זיך אים? בלויז ווייניקע הארטנעקיקע האָבן פאַרצייכנט אויף דער געזעלשאַפט־לעכער אַנערקענונג און זיינען „אַראָפּ פון וועג", פון גלייכן וועג, און זיי — זיי די ווייניקע, האָבן עס אויסגעטראָטן די וועגן, אין וועלכע מיר גייען היינט.

ווער ווייס, צי וואָלט אונזער באַוועגונג אין ארץ ישראל אויפגעטאָן דאָס וואָס זי האָט אויפגעטאָן, ווען ניט די פריערדיקע געוואָגטע זוכענישן פון דעם סאָציאַליסטישן ציוניזם אין זיינע ערשטע צייטן.

אַ גרויס גייסטיק פאַרמעגן האָט זיך אָנגעזאַמלט אין אונזער באַווע־גונג פון די טעג פון משה העס און ביז היינט צו טאָג. וואָלט די דאָזיקע ירושה פולערהייט איבערגעגעבן געוואָרן צו אונזער יונגן דור, וואָלטן מיר אפשר זיך איינגעשפּאָרט אַ סך אומזיסטיקע קרבנות.

דער ציוניזם און די געזעלשאַפטלעכע רעוואָלוציע

[פון אַ פאָרטראַג אויפן זיבעטן צוזאַמענפאָר פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, פסח תרע״ח, 1918 : „לקראת ימים באים״ — די אָנקומענדיקע טעג אַנטקעגן]

די אַנערקענונג פון דעם אינערלעכן בונד צווישן דעם ציוניזם און דער געזעלשאַפטלעכער רעוואָלוציע — איז נאָך אַלץ אַ ווילד־פרעמדער געדאַנק אין אונזער באַוועגונג, הגם די אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ ישראל איז דער רעאַלער, פאַרווירקלעכנדיקער אויסדרוק פון דעם דאָזיקן געדאַנק, הגם זיינע שפּראָצונגען זיינען פאַרשפּרייט איבעראַל — ביז צו די פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך פון דעם יידישן געדאַנק. איך רייד דאָ ניט וועגן דעם היתר צו זיין אַ כשרער ייד און גלייכצייטיק וואַרעמען זיך ביים ליכט פון אַ וועלכער עס איז סאָציאַלער טעאָריע, נאָר וועגן דער איינהייט פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער שטרעבונג, וועגן דעם פולן מענטשלעכן אינהאַלט פון דער ציוניסטישער אידעע און איר פאַרווירקלעכונג. און ווירקלעך — די דאָזיקע אידעע איז ניט קיין נייע. די טרעגער פון דעם טיפסטן נאַציאָנאַלן געדאַנק האָבן פון סאַמע אָנהייב געפּרעדיקט די דאָזיקע אידעע. משה העס האָט אין זיין האַרצן געטראָגן דעם אָנזאָג פון דעם טיפן אוניווערסאַלן אינהאַלט פון ירושלים׳ס ווידעראויפבוי. טעאָדאָר הערצל, וואָס האָט ניט געפונען קיין באַפרידיקונג אין דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט און האָט זיך ניט געטרייסט מיטן בילד פון דער צוקונפט־געזעלשאַפט — האָט אויך געפילט און פאַרשטאַנען, אַז די יידישע געזעלשאַפט דאַרף זיין ניט נאָר אַ נייע, נאָר אויך „אַ בעסערע״. און דאָס איז דער קערנדל, וואָס ליגט באַהאַלטן אונטער דעם שאָלעכץ פון „אַלט־ניילאַנד״. און אין דעם גרויסן היסטאָרישן מאָמענט, ווען מיר האָבן געגרינדעט דעם קרן קיימת, האָט אונז די נאַציאָנאַלע השגחה ניט פאַרראַטן, און איר האַנט האָט עס אָנגעפירט מיטן געזעצגעבער, וואָס האָט אויף די לוחות אויסגעקריצט דעם געבאָט: אויסצולייזן דעם באָדן, אַלס אַן אייביקן פאָלקס־אייגנטום.

איינזאַמע אויסדרוקן און זוכונגען אַזעלכע האָבן זיך אַנטפּלעקט אין דעם ציוניזם פון זיין סאַמע אָנפאַנג אָן, — האָבן זיך אַנטפּלעקט און זיינען פאַרשווונדן. זאָל דערמאָנט ווערן צום גוטן איין מענטש, וואָס זיין פייער האָט זיך ניט אויסגעלאָשן. אַ מענטש אַ וואַכזאַמער, מיט אַן אומגעהויערן נאַציאָנאַלן געפיל און מיט טיפע חושים פאַר דער צוקונפט, וואָס איז געבליבן טריי די זוכענישן און בלאָנדזשענישן פון די ערשטע טעג און ביז

היינט־צו־טאָג: נחמן סירקין. ס׳איז געווען אַ מאָמענט, ווען דער סאָ־ציאַליסטישער ציוניזם האָט אָנגעהויבן ארומנעמען ברייטע מאַסן, און מיר זיינען דאַן געשטאַנען פאַר די ברויזנדיקע כוואַליעס פון אַ מעכטיקער נאַציאָ־נאַלער באַוועגונג. אָבער בלויז צער און הארצווייטוג דערוועקט אין אונז דער אָנדענק פון יענער גרויסער באַוועגונג, וואָס איז געווען באַרופן צו־פאַרוואַנדלען דעם ציוניזם אין אַ ברייטער פאָלקס־זאַך, און זי האָט פאַר־בלאָנדזשעט, זי האָט ניט געפונען קיין באָדן אונטער אירע פיס. טרייע, פרישע כוחות האָבן זיך געוואָרפן ווי פיש אויף דער יבשה, און האָבן ניט געפונען קיין שום אָנהאַלטס־פונקט. דער טעריטאָריאַליסטישער מיראַזש האָט זיי געררופן צו ווייטקייטן, און איבערגעלאָזן האָט ער זיי — אויף ווייטאָג — אין דעם מדבר פון גלות. דער נאַציאָנאַלער געדאַנק האָט ניט געפונען קיין שעפערישן אויסדרוק, קיין פּרוקטבארן לעבן, און האָט דעגע־נערירט. די אידעע האָט זיך אונטערגעגעבן און צוגעפּאַסט, האָט איינגע־בויגן דעם קאָפּ פאַר די בייזע ווינטן. פרישע כוחות זיינען אויסגעבראַכט געוואָרן אויף גאָרניט, די שעפערישע כוחות האָבן זיך אויסגעלאָשן און זיינען פאַרזונקען געוואָרן.

און נאָר אין דער עליה פון ארבעטער קיין ארץ ישראל האָבן די סאָציאַליסטישע בענקענישן פון דעם נאַציאָנאַלן ייד געפונען דעם באָדן, אויף וועלכן זיי האָבן געקענט פאַרפלאַנצט ווערן און וואַקסן. דאָ איז ער טריי צו זיך אַליין, דאָ לעבט ער זיין זעלבסטשטענדיק לעבן, טוט זיין ארבעט און שאַפט די צוקונפטיקע געזעלשאַפט, די יידישע ארבעטס־געזעל־שאַפט. פאַרשיידענע ליניעס האָבן זיך צונויפגעטראָפן אין דער ארבעטער־באַוועגונג: יחיד און כלל, פאָלק און ארבעטער, פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט, טרוים און קאָנקרעטע שאַפונג, אינדיווידועלער און סאָציאַלער אַקטיוויזם.

דער יידישער ארבעטער שעפט זיין וואָרט — ניט פון ביכער ארויס און ניט פון אָנגענומענע טעאָריעס. פון זיין לעבן ארויס, פון זיין ארבעט ארויס, פון זיין נשמה ארויס שטרעבט ער צו באַפרידיקן זיינע באַדערפעני־שן, צו פאַרווירקלעכן זיינע טרוימען אין זייער פולער מאָס, צו וועבן דאָס געוועב פון די דורות און פון דער צוקונפט.

נאציאנאלע שותפות

[פון שמועסן מיט די מדריכים פון הנוער העובד, 1934]

אונזער דור, דער אזוי גערופענער „נאך־מלחמה־דור", איז א דור פון מלחמות. אונזערע טערמינען און באגריפן זיינען מיליטערישע — יאָ צו דער זאך, ניט צו דער זאך. און מער ווי עס ווירקט אין אונז דער געדאנק, ווירקט אויף אונז די טערמינאָלאָגיע. דאָס וואָרט „מלחמה" רופט ביי אונז ארויס די אַסאָציאציע מיט גבורה. דאקעגן, דאָס וואָרט „הסכם" אידענטיפיצירט זיך ביי אונז כמעט מיט פּחדנות, דערוועקט ביי אונז א ניט־עסטעטיש געפיל. עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז צייטנווייז דארף מען זיך אפילו ניט מטריח זיין צו באהאנדלען א געוויסן פאָרשלאג: עס איז גענוג, אז עס זאָל פון אים שמעקן „א ריח" פון הסכם — איז ער במילא פסול. זיינען טאקע פאראן שטרעמונגען, וואָס אָפּערירן איבערהויפּט מיטן „חוש הריח".

די פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם עקזיסטירט ניט אויסערהאלב דער קלאסן־ווירקלעכקייט און פאַרטושט ניט די קעגנזאצן פון אינטערעסן און צילן. זי פאַרפליכטעט אָבער צו מיטארבעט צווישן די קלאסן.

עס זיינען דאָ אזעלכע, וואָס לייקענען ניט אין געמיינזאמען גורל פון פאָלק, און דאָך האלטן זיי, אז קלאסן דארפן צווישן זיך ניט קאָאָפּערירן: יידישע קאפּיטאליסטן וועלן בויען ארץ ישראל דורכן געבאָט פון זייערע קלאסן־אינטערעסן; דער יידישער ארבעטער וועט קומען קיין ארץ ישראל און וועט פירן זיין קלאסן־קאמף. אלץ וועט זיך אויפן בעסטן אופן איינאָרדנען דורך... קאמף, און דערביי וועלן ניט געשעדיקט ווערן ניט די „רעוואָלוציאָנערע" טראדיציע פון די יידישע ארבעטער־פארטייען און ניט זייערע באגריפן וועגן קלאסן־כשרות. די יידישע בורזשואַזיע, מיטן כוח פון דעם היסטאָרישן מוז, וועט זיין געצוווּנגען צו בויען ארץ ישראל. און אזוי ווי זי וועט גיין בויען אַן אנטוויקלטע קאפּיטאליסטישע ווירטשאפט אין אַן אָפּגעשטאנענעם פעאָדאלן לאנד וועט זי דאָך בשום אופן ניט קענען פלאנצן אירע פרדסים און בויען אירע פאבריקן סיידן זי וועט באשעפטיקן דעם אנטוויקלטן ארבעטער, דאָס הייסט — דעם יידישן ארבעטער. און דער יידישער ארבעטער, וואָס די קאפּיטאליסטישע בויאונג אין ארץ ישראל וועט אים רופן און וועט אים איינלאדן, וועט — לויטן געבאָט פון זיינע קלאסן־אינטערעסן — אויך קומען און וועט אויך דערפילן זיין חוב: ער וועט פירן זיין קלאסן־קאמף. דער יידישער ארבעטער וועט ניט האָבן וואָס צו זאָרגן פאַרן אויפבוי פון ארץ ישראל. דאָס וועט שוין פאר אים טאָן די בורזשואַזיע. ער וועט זיין דורכאויס פריי פאַרן קלאסן־קאמף. דער דאָזיקער

קאמף וועט פאר אים שאפן עליה־באדינגונגען, און ער וועט זיין פטור פון הכשרה־זארגן און פון חלוצישער דערציאונג. דאס איז דאך איבעריקנס אן עסק בלויז פאר די וואס זיינען נאך ניט דערוואקסן צום קלאסן־באוווסטזיין. דער יידישער ארבעטער וועט ניט דארפן קיין ציוניסטישע קאנגרעסן, קיין נאציאנאלע פאנדן, קיין ציוניסטישע ארגאניזאציע, קיין נאציאנאלע קאלא־ניזאציע — קיין שום זאך, וואס קען עקזיסטירן בלויז דורך צווישן־קלאסן־קאאפעראציע און דורך „פארטושונג" פון קלאסן־זעלבסטשטענדיקייט.

אבער די ארבעטער־עליה איז געגאנגען קיין ארץ ישראל מיט אן אנדער וועג, מיט דעם וועג, וואס איז פון אנפאנג־אן אנגעצייכנט געווארן דורך דעם סאציאליסטישן ציוניזם: **דער וועג פון צווישן־קלאסן־קאאפעראציע, ווייל אן איינצעלנער קלאס איז ניט בכוח אויסצופירן די גאנצע ארבעט.** דער יידישער קאפיטאליסט יאגט זיך ניט נאך דער חלוצישער ראל פון בויען א ווירטשאפט אין א וויסטן לאנד. און דער קאפיטאליסט, וואס וועט קומען — אויף וויפיל דאס לאנד, וואס בויט זיך מיט נאציאנאלע מיטלען, שאפט פאר אים א טעטיקייט־פלאץ און פארדינסט־מעגלעכקייטן — וועט זיך ניט יאגן נאך דעם יידישן ארבעטער, וועלכער קאסט טייער, איז רעוואלוציאנעריש געשטימט, מאנט א סך און איז על פי רוב ווייניק געשולט. בלויז חלוצישע אנשטרענגונגען אויפן געביט פון עליה, ארבעט און ווירטשאפטלעכער שאפונג, מיט דער הילף פון נאציאנאלע מיטלען און מיט דער קאמפעטענץ פון דער ציוניסטישער באוועגונג און מיט דער אקטיווער באטייליקונג פון דער ארבעטער־באוועגונג אין דער ציוניס־טישער ארגאניזאציע, כדי זי צו פארשטארקן און ריכטן, און מיט דער ממשותדיקער השפעה פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אויף די בוי־סיסטעמען — בלויז די אלע וועלן שאפן דעם פונדאמענט פאר א ברייטער פאלקס־עליה און וועלן פארזיכערן דעם ארבעטער א פלאץ, השפעה און רעכט אין דעם אויפבוי פון ארץ ישראל. און דאס איז וואס מיר רופן: צווישן־קלאסן־קאאפעראציע אין ציוניזם.

איצט, נאך דרייסיק יאר, לאזט זיך געוויסערמאסן אונטערפירן א סך־הכל. מען פלעגט אונז דאן פרעגן: מיט וואס פארנעמט איר זיך, נארישע מענטשען וואס איר זייט? איר בויט אויף א פרייוויליקן הסכם, וואס גלייך אזוי ווי מען מאכט אים קען מען אים מבטל מאכן. וואס פאר א צוואנגס־קראפט פארמאגט איר? ווער וועט אייך פאלגן? איר האט דאך ניט קיין פאליציי, קיין באפעלערישע מאכט. איר שוואכט נאר אפ די קאמפס־קראפט פון דעם ארבעטער, איר שפייזט אים מיט אילוזיעס, איר זייט לכתחילה מוותר אויף די דעראבערונגען, וואס קומען בלויז דורך „ריינעם קלאסן־קאמף".

היינט צו טאָג קענען מיר רעזומירן די רעזולטאַטן פוןביידע היסטאָ־רישע וועגן. מיר קענען קאָנטראָלירן אַלץ וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין לאַנד — אַלע עליה־כוואַליעס, אַלע אַרבעטס־פּאָזיציעס, אַלע אַרבעטער־אינסטיטוציעס — און פרעגן: מיט וועלכן כוח איז דאָס אַלץ געשאַפן גע־וואָרן — מיטן כוח פון דעם „ריינעם קלאַסן־קאַמף" אָדער מיטן כוח פון דער שאַפונג און מיטן כוח פון דעם קאַמף, וואָס די אַרבעטערשאַפט האָט געפירט אינערהאַלב דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע?

אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע — דער אָרגאַניזירטער נאַציאָ־נאַלער מאַכט־אָרגאַן, וואָס הערצל האָט געשאַפן — האָט זיך דער סאָציאַליס־טישער ציוניזם באַטייליקט פון אָנפאַנג אָן, און אין איר האָט דער ציוניסטי־שער אַרבעטער געפירט זיין קאַמף — צוערשט, זייענדיק שוואַך און נעבעכ־דיק און לעכערלעך, און דערנאָך ווערנדיק אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. עס איז ניט געווען קיין אַבסטראַקטער קאַמף, ניט לויט די „פאַרשריפטן" פון באַרימטע ביכער און אָנערקענטע בראַשורן, ניט קיין נאָכמאַכונג פון עפּעס דאָרט אין דער ווייטנס, נאָר אַ רעזולטאַט פון דער ספּעציפישער פּראָלעטאַריש־חלוצישערווירקלעכקייט, וואָס זי אַליין איז אַ רעזולטאַט פון די באַדינגונגען און אומשטענדן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען און גע־ווירקט און אויסגעוואַקסן סיי די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און סיי די ארץ־ישראלדיקע אַרבעטער־באַוועגונג; דער דאָזיקער קאַמף איז געווען אַן אויס־דרוק פון די לעבעדיקסטע אינטערעסן פון דעם אַרבעטער אין ארץ־ישראל און פון דעם עולה און פון דעם חלוץ, אַן אויסדרוק פון די פּרינציפּן אויף וועלכע עס איז געשאַפן געוואָרן אַ געזונטע און פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיק. די דאָזיקע פּרינציפּן זיינען געלעגן באַהאַלטן אין די טיפענישן פון דער ציוניסטישער אידעע, אָבער מען האָט זיי ערשט געדאַרפט אַנטפּלעקן. אַנטפּלעקט זיינען זיי געוואָרן אין דער שולע פון דעם ארץ־ישראלדיקן אַר־בעטער, און אין זיין וואַרשטאַט זיינען זיי פאַרהאַרטעוועט געוואָרן.

דאָ, אויף דער בינע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט זיך דער ציוניסטישער סאָציאַליסט באַטייליקט אין דעם קאַמף פאַר דער שאַפונג פון דעם קרן קיימת לישראל; דאָ האָט די ציוניסטישע אַרבעטערשאַפט געלאָזט הערן די פאָדערונג פון יידישער אַרבעט און האָט זי פאָרסירט — אַלס פונדאַמענטאַלן נאַציאָנאַלן פּרינציפּ — אין דעם געוועב פון געדאַנק און טאַט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע; דאָ, אויף דער דאָזיקער בינע, האָט זיך געפירט דער קאַמף פאַר אַ נייער קאָלאָניזאַציע — די אַר־בעטער־קאָלאָניזאַציע — און פאַר דאָס רעכט פון קאָלאָניסט אויס־צובילדן זיינע לעבנס־ און ווירטשאַפטס־פאָרמען לויט זיין אייגענעם ווילן, אייגענעם אויסוואַל און אייגענער שאַפונגס־פעאיקייט; דאָ זיינען אָפּגע־

שטויסן געוואָרן די אַנגריפן אויף די אַרבעטער־זידלונגען; דאָ האָט די אַרבעטערשאַפט געקעמפט פאַרן קאָלאָניזאַטאָרישן און פּראָגרעסיוון כאַראַקטער פון דעם ציוניסטישן בודזשעט, פאַר דער פּראָדוקטיוויזירונג פון דעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, פאַרן פּלאַץ פון דעם אַרבעטער־חלוץ אין דער עליה און אין דעם בוי פון דעם לאַנד, פאַר דאָס רעכט פון דעם אַרבעטער צו דערציען זיינע קינדער אין זיין גייסט, ניט זייענדיק באַשטראָפט דערפאַר און ניט זייענדיק באַוואָלה׳ט דורכן ציוניסטישן בודזשעט; דאָ האָט די אַרבעטערשאַפט געפירט אַ פּערמאַנענטן קאַמף פאַר דעם פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פאַר דעם פּלאַץ און איינפלוס פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַלע געביטן פון דער ציוניסטישער טעטיקייט אין ארץ ישראל און אין די גלות־לענדער; דאָ האָט די אַרבעטערשאַפט פאַרטיידיקט דעם ציוניזם קעגן פּאָליטישע אַוואַנטורעס און קעגן קאָלאָניזאַטאָרישע און עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען פרעמד דעם כאַראַקטער און די אינטערעסן פון דעם נאַציאָנאַלן אויפבוי. און דאָ, אין דעם סאַמע פּראָצעס פון טרייער מיטבאַטייליקונג און טעטיקייט, איז די אַרבעטערשאַפט — פון אַ הייפל איינזאַמע, אומהיימלעכע און אומפאַרשטענדלעכע — פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם הויפּט־כוח, וואָס פירט אָן מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג און שטייט פעסט ווי אַ פעלז קעגן כלערליי רעאַקציאָנערע שטרעמונגען און קעגן די אַנגריפן אויף די רעכט פון דעם אַרבעטער און זיינע דערגרייכונגען.

איז וואָס זיינען די רעאַלע דערגרייכונגען פון דער אַרבעטערשאַפט: דאָס שפּיל פון „קלאַסן־ברוגז" מיטן כלל־ישראל צי די אָרגאַניזירונג פון דעם „החלוץ", די אויסלייזונג פון דעם עמק און די שאַפונג פון דער קאָאָפּעראַטיווער ווירטשאַפט און די אַרבעטער־זידלונגען? וואָלט אָט דאָס אַלץ געשאַפן געוואָרן, ווען ניט דאָס וואָס מיר האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג? ווען ניט וואָס דער אַרבעטער־חלוץ האָט אַקטיוויזירט דעם ציוניזם? ווען מיר וואָלטן זיך ניט באַטייליקט אין די שאַפונגען און דערגרייכונגען פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און אין דער אויפשטעלונג פון דער כנסת ישראל — וואָס פאַר אַ באַדייטונג וואָלטן מיר היינט געהאַט? דעם ציוניזם וואָלטן געפעלט זיינע וויכטיקסטע שאַפונגען, און אונז וואָלט געפעלט קלאַסן־כוח, עס וואָלט אונז געפעלט שאַפונגס־קראַפט.

עס זיינען דאָ באַגריפן, וואָס אין אַ באַשטימטער תקופה באַנוצט זיך מיט זיי איין קלאַס, און אין אַן אַנדער תקופה ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין מכשירים אין די הענט פון אַ קעגנערישן קלאַס. דאָס וואָרט „פּאַטריאָטן", למשל, שיינט היינט־צו־טאָג צו זיין אַ נעגאַטיווער באַגריף. די רעאַקציע באַנוצט זיך מיטן דאָזיקן וואָרט, כדי צו פאַרפירן די מאַסן און אויפצופלאַקערן

אין זיי שלעכטע אינסטינקטן. אָבער די ערשטע, וואָס האָבן ארויסגעבראַכט דעם וואָרט „פּאַטריאָט" זיינען געווען די לייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, וואָס האָבן גערופן צו פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד — אין די טעג, ווען די לייט פון דעם „אַלטן רעזשים" — די אַריסטאָקראַטן און די הויף־מענטשן — האָבן פאַרראַטן דאָס פאָטערלאַנד. אויך די לייט פון דער פראַנצויזישער קאָמונע פון יאָר 1871 האָבן צעבלאָזן דעם פייער פון זייער „אהבת ציון" — פּ אַ ר י ז, די הויפּט־שטאָט פון דעם פאָטערלאַנד און דאָס פאָטערלאַנד פון דער רעוואָלוציע. אין די בורזשויען האָבן זיי געזען די, וואָס ברענגען־אום דאָס פאָטערלאַנד, די וואָס גיבן אים איבער אין די הענט פון שונא. און דער דאָזיקער פאַריזער פּאַטריאָטיזם האָט זיך אידענטיפיצירט מיט דער התלהבות פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. דאָס זעלבע האָט אויך געטאָן דער רוסישער קאָמוניזם. טראָצקי האָט באַגייסטערט די רויטע אַרמיי מיטן לאָזונג: „פאַרטיידיקט דאָס סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד!" די גאַנצע קאָמוניסטישע דערציאונג אין רוסלאַנד איז דורכגעדרונגען מיט דער פאַר־געטערונג פון דעם פאָטערלאַנד.

יעדער איינער, וואָס איז ניט פאַרשקלאַפט צו אַ בלינדער שנאה און צו פאַרשטיינערטע פאָרמולעס וועט אנערקענען, אַז אויך ביי אונז אידענ־טיפיצירט זיך די פאַרטיידיקונג און דער אויפבוי פון דעם פאָטערלאַנד מיט דער פאַרטיידיקונג און מיטן אויפקום פון דעם אַרבעטער. אונזער פאָטער־לאַנד איז אַן אַרבעטס־היים פאַרן יידישן פאָלק. און עס קען גאָר אַנדערש ניט זיין. אַזאַ מ ו ז עס זיין, אויב די יידישע געשיכטע האָט אַ זין. אויף פאַר־מיטלעריי און אויף אַ פּריצים־לעבן און רענטע־לעבן און אויף זיצעריי אין קאַפע־הייזער און „גאָלדענער יוגנט" וועט קיין פאָטערלאַנד ניט אויפגע־שטעלט ווערן. דער ציוניזם אין זיין פאַרווירקלעכונג — ער איז דער, וואָס לייטערט די יידישע מאַסן און פירט זיי איבער צו אַן אַרבעטס־לעבן. קלאַסן־צוזאַמענאַרבעט אין דער פאַרווירקלעכונג פון ציוניזם הייסט: ד י מ אַ ק ס י־מ אַ ל ע מ אָ ב י ל י ז י ר ו נ ג פ ו ן כ ו ח ו ת א י ן ד ע ם י י ד י ש ן פ אָ ל ק פ אַ ר ד ע ם א ו י פ ב ו י פ ו ן אַ ן אַ ר ב ע ט ס ־ פ אָ ט ע ר ל אַ נ ד. אָבער עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס באַהויפּטן, אַז צוזאַמענאַרבעט פון קלאַסן הייסט דווקא די פאַרשקלאַפונג פון דער אַרבעטערשאַפט צו דער בורזשואַזיע.

וואָלט די דאָזיקע טעאָריע געהאַט אַ וועלכע עס איז ממשות — וואָלטן די פיינט פון דער אַרבעטערשאַפט ניט געפרווט כסדר אויפצולעזן די דאָזיקע צוזאַמענאַרבעט. סוף כל סוף: ווער גייט ארויס פון כנסת ישראל? ווער גייט ארויס פון קאָנגרעס?

— — — צווישן די הערשער פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג (אויך צווישן אירע שקלאַפן) זיינען דאָ אַזעלכע וואָס זאָגן: בעסער אַנאַרכיע

איידער ארבעטער־הערשאפט. זאָל בעסער אַלץ חרוב ומוחרב ווערן, אַבי דער ארבעטער זאָל ניט בעלי־ביתעווען. ווער ווייס, צי וועלן זיי עפּעס פאַרדינען פון דער אויפלייזונג פון דער נאַציאָנאַלער שותפות, — מער ניט די קלאַסן־פיינטשאַפט, וואָס קאָכט אין זיי. זי הערצט עס זיי. אָבער — מיר? זיינען מיר פאַראינטערעסירט נאָכצוגעבן זיי? אדרבא, די דאָזיקע שנאה און די דאָזיקע אויפלייזונג־טענדענצן — דוקא זיי דאַרפן עפענען די אויגן פון דעם ארבעטער — אויב זיי זיינען נאָך פאַרמאַכט — און אויפדעקן דעם פּראָגרע־סיוון און שעפערישן ווערט פון דער נאַציאָנאַלער שותפות, באַזונדערס אין די היסטאָרישע באַדינגונגען, אין וועלכע עס אַנטשטייט און עס קאָנסאָלי־דירט זיך דער יידישער ארבעטער־קלאַס אין ארץ ישראל. און אויב עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס ווילן ליקווידירן די נאַציאָנאַלע שותפות — טאָ לאָמיר, ארבעטער, מיט אַלע כוחות פאַרטיידיקן זי!

מיר און די סאָציאַליסטישע וועלט

[אַ רעדע אויף אַ פאַרזאַמלונג פון „אחדות העבודה",
לכבוד דעם סאָציאַליסטישן פירער עמיל וואַנדערוועלדע, ניסן תרפ"ח, 1928]

שוין דרייסיק יאָר עקזיסטירט אונזער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג. קורץ נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט אונזער לערער און פירער נחמן סירקין פאַרעפנטלעכט זיין בוך וועגן „סאָציאַליסטישן יידנשטאַט". פיינט און פאַרפאָלגער פון אונזער באַוועגונג האָבן קיינמאָל ניט געפעלט. מיר זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן צוליב אונזער יידישקייט, מיר זיינען פאַרפאָלגט געוואָרן צוליב אונזער סאָציאַליזם. פאַרפאָלגונגען און קלעפּ מצד די יידן־פיינט און ארבעטער־פיינט האָבן מיר אויפגענומען ווי אַ זאַך, וואָס קומט אונז. אָבער מיר האָבן געליטן יסורים פון אַ באַזונדערן מין, יסורים פון די הענט פון ברידער, פאָלקס־ברידער און קלאַסן־ברידער.

קיין שום פאַרפאָלגונגען האָבן אונז ניט ווי געטאָן אַזוי, ווי די פרעמדקייט און פיינטשאַפט, מיט וועלכע מען האָט אונז אין אָנפאַנג באַגעגנט אין די קרייזן פון וועלט־סאָציאַליזם און אין דער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ. און וועלכע הארמאַטן זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן קעגן אונז! ערשטנס האָט מען פאַרלייקנט אונזער עצם נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. אַ מאַן ווי קאַוטסקי האָט ניט ווייניק מי פאַרשווענדעט, כדי אויפצווייזן, אַז אַ יידיש פאָלק עקזיסטירט גאָרניט אין דער ווירקלעכקייט. אונזער ווילן צו לעבן אַן אייגנאַרטיק נאַציאָנאַלן לעבן איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַ

זאַך, וואָס איז אין קעגנזאַץ צום סאָציאַליזם. אין דער צייט פון דער הער־שאַפט פון עבד־אל־חמיד האָבן זיי פאַרגעוואָרפן אונזער באַוועגונג, אַז זי שטרעבט צו אַ לאַנד אין וועלכער ס׳הערשט אַ מאָנאַרך, דער טערקישער סולטאַן, גלייך ווי מען האָט אונדז שפּעטער קריטיקירט, הלמאַי מיר ווילן אַ לאַנד, וואָס געפינט זיך אונטער אַ בריטישן מאַנדאַט. מען האָט אונדז געשראָקן, אַז גייענדיק אין אַ לאַנד, ווו רעליגיעס זיינען געבוירן געוואָרן, וועלן מיר פאַלן אַ קרבן פון קלעריקאַליזם. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז די גאַנצע ציוניסטישע באַוועגונג איז ניט מער ווי אַן אינסטרומענט אין די הענט פון גרויס־קאַפּיטאַל צוצוציען ביליקע אַרבעטער, וואָס לאָזן זיך לייכט אויסנוצן. איר ווייסט דאָך אַלע גוט, ווי שטאַרק דער גרויס־קאַפּיטאַל „ציט״ אונדז אַהער און וואָס פאַר אַ לייכטער מאַטעריאַל פאַר אויסנוצונג ס׳איז דער יידישער אַרבעטער אין ארץ־ישראל. די דאָזיקע אַלע אַרגומענטן דער־וועקן איצט בלויז געלעכטער, אָבער דעמאָלט פלעגט מען זיך פיל מיט זיי באַנוצן, כדי צו פאַרמיאוס׳ן אונזער באַוועגונג אין די אויגן פון דער וועלט און קודם־כל אין די אויגן פון יידישן אַרבעטער. אונזער באַפרייענ־דיקע באַוועגונג האָבן זיי פאַרגעשטעלט ווי אַ באַוועגונג פון אויסנוצונג און פאַרקנעכטונג און באַרויבונג פון פרעמדע פעלקער. די בעסטע מענער פון סאָציאַליזם האָבן פאַרשלאָסן זייער האַרץ ניט צו זען אונזער פּיין, אונזער אָרעמקייט, אונזער בלוט וואָס ווערט פאַרגאָסן, די לעבנס־כוחות, וועלכע ווירקן אין אונזער פאָלק און ווילן זיך ניט אונטערגעבן דער אונטערדריקונג און דעם אונטערגאַנג. און די יידישע אינטעליגענץ, וועלכע איז אַנטלאָפן פון איר פאָלק און געפונען פאַר זיך אַ ברייט אַרבעטס־פעלד אין פאַרשיידענע מדינות, האָט געזען אין אונדז — אין די וואָס בלייבן לעבן אין דערמיט פון זייער פאָלק און דערציען אים צו רענעסאַנס און זעלבסטשטענדיקייט — אַ געפערלעכן שונא. אַזוי האָבן אונדז אַרומגערינגלט פיינטשאַפט און פרעמדקייט מצד ברידער, וואָס צו דער זעלבער פאַן וואָס זיי האָבן מיר געשוואָרן טריישאַפט.

און אויב איצט, נאָך דרייסיק יאָר פון טעטיקייט און ליידן, איז אונזער באַוועגונג אַרויס פון דער סטאַדיע פון טרוימען און איז געוואָרן אַ ווירקלעכקייט, וועלכע רעדט פאַר זיך אַליין, און חבר וואַנדערוועלדע דער־קלערט, אַז אונזער באַוועגונג איז געבענטשט דערמיט, וואָס זי ווייס ניט קיין ווידערשפּרוך צווישן דער נאַציאָנאַלער שטרעבונג און סאָציאַליזם — איז דאָך פאַראַן אין דעם אַ באַצאָלונג פאַר די ליידן אין די יאָרן, וואָס זיינען פאַרביי.

דער מאַנגל אין פאַרשטענדעניש, וועלכן ס׳האָט אַרויסגעוויזן דער אָנגענומענער סאָציאַליזם אין באַצוג צו דער לאַגע פון אונזער פאָלק, צו

זיינע לעבנס־נויטן, צום געדאַנק פון זיין באַפרייאונג, האָט געדינט אַלס בייטש און טרייב־קראַפט אין אונזער קאַמף. ס'זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אונטערגעגעבן די הערשנדיקע מיינונגען און האָבן פאַרלאָזט אונזערע רייען. פון דער אַנדערער זייט, איז אויך ניט געווען שווער צו קומען צו דער מסקנה, אַז אויב דער סאָציאַליזם אַנערקענט ניט אונז און אונזערווירקלעכקייט, אונזערעליידן און האָפענונגען, דאַן איז ער אַליין פעלערהאַפט און אומגערעכט, און מען דאַרף זיך פון אים דערווייטערן. אָבער מיר האָבן ניט געוואָלט קיין איינע פון די דאָזיקע צוויי וועגן, מיר האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט אַנטלויפן פון זיך אַליין, פון אונזער פאָלק. און אויך דער סאָציאַליזם איז ניט געווען פאַר אונז אַ פרעמדע און אויסער־לעכע זאַך, וואָס אַ מענטש קען אַמאָל אָנטאָן, אַמאָל אויסטאָן. אין אונז איז געווען דאָס טיפע געפיל, אַז אונזער נאַציאָנאַלע אויסלייזונג איז אַן אָרגאַ־נישער באַשטאַנד־טייל פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און דער באַנייאונג פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. צוליב דעם האָבן מיר זיך אַנגענומען און געזאָגט זיך אַליין: סיי מען אַנערקענט אונז, סיי מען אַנערקענט ניט — מיר וועלן אונזער אָרט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג ניט פאַרלאָזן און מיר וועלן ניט מוותר זיין אויף אונזער רעכט צו אַן אייגן נאַציאָנאַלן לעבן און צו באַפרייאונגס־ און שאַפונגס־אַנשטרענגונגען אינערהאַלב אונזער פאָלק. און אויב מיר האָבן במשך לאַנגע יאָרן געקלאַפּט אָן די טויערן פון אינטערנאַציאָנאַל און זיי געפונען פאַרשלאָסן — זיינען מיר ניט געפאַלן אין מוט, ניט געבוקט זיך פאַר די אָנגענומענע אויטאָריטעטן און פאָרגע־זעצט אונזער וועג.

אונזער דאָזיקע לאַגע פון זיין איינזאַמע, ניט־אַנערקענטע און זיך ניט־אונטערגעבנדיקע, האָט אונז פאַרפליכטעט צו פאַרטיפן אונזער אייגענעם דענקען, דורכצופירן אונטער דער בייטש פון קריטיק אָנגענומענע באַגריפן און הנחות און ניט אָפּצושרעקן זיך פון זוכן נייע וועגן. און אונזער פאָלקס־ווירקלעכקייט מיט אירע אַלע אַנאָמאַליעס, און אונזער ווירקלעכקייט דאָ אין לאַנד מיט אירע אַלע ניי־אַנטשטייענדיקע פראַגן — דאָס אַלץ האָט פאַר־שטאַרקט אין אונז די באַדערפעניש אין זעלבסטשטענדיקן דענקען. און אין אונזער דאָזיקן מצב האָט אונז געהאָלפן די אינטעלעקטועלע אַרבעט, וועלכע איז געטאָן געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער וועלט־באַוועגונג.

אין יענע טעג איז איינער פון די „שטאַרקע״ אַרגומענטן קעגן אונז געווען דאָס, וואָס די שטרעבונג צו אַריבערפירן די יידישע שטאָטישע מאַסן צו לאַנדווירטשאַפט איז אַ רעאַקציאָנערע שטרעבונג. אין דער באַזונדערער אַטמאָספער פון רוסישן מאַרקסיזם איז דער דאָזיקער אַרגומענט געווען באַזונדערס שטאַרק. דער רוסישער פויער איז דעמאָלט דערקלערט געוואָרן

אלס ווערטלאָז פאַרן סאָציאַליזם, אַלע האָפענונגען זיינען געלייגט געוואָרן אויף דער יונגער רוסישער אינדוסטריע. און אָט ניט גענוג, וואָס מיר האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין רעאַקציאָנערן יאָך פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, האָבן מיר נאָך צוגעגעבן דעם אוטאָפּישן ענין פון איבערגאַנג צו לאַנדווירטשאַפט. היינט צו־טאָג, ווען די פיינט פון ציוניזם באַצייכענען דעם איבערגאַנג צו לאַנדווירטשאַפט אלס א צענטראַלע אויפגאַבע אינם איבערבוי פון דער יידישער עקאָנאָמיק, איז שווער צו גלויבן אין וועלכער מאָס ד י ז ע ל ב ע מ ע נ ט ש ן האָבן אויסגענוצט דעם אַרגומענט וועגן דער רעאַקציאָנערישקייט פון דער לאַנדווירטשאַפט קעגן דער „ציוניסטישער געפאַר".

די סביבה, אין וועלכער אונזער באַוועגונג איז אַנטשטאַנען, איז געווען פול מיט א רייע באַגריפן — פּראָדוקט פון דער אַלגעמיינער רוסישער ווירקלעכקייט — וואָס האָבן זיך כלל ניט געפּאַסט צו אונזער אייגענער ווירקלעכקייט. דער רוסישער סאָציאַליסטישער געדאַנק אין געווען געריכטעט צו איין פּונקט: די אומוואָרפונג פון אַבסאָלוטיזם. פון דער פּאָליטישער איבערקערעניש האָבן זיי דערוואַרט א לייזונג צו אַלע פראַגן. איין ענטפער איז געגעבן געוואָרן צו אַלע קראַנקייטן פון דער יידישער ווירקלעכקייט: דער „תחום המושב" וועט בטל ווערן, ס'וועלן אָפּגעשאַפט ווערן די באַגרעניצונגס־געזעצן — און ניטאָ מער קיין „יידן־פראַגע". יעדע עקאָנאָמישע, קאָאָפּעראַטיווע אָדער קולטור־טעטיקייט איז געווען א סימן פון „קליינבירגערלעכקייט". און מיר, וועלכע האָבן געזען אין דער יידישער אָנגעוויטיקטער ווירקלעכקייט ניט בלויז די פּראָדוקט פון רוסישן אַבסאָלוטיזם, מיר וואָס האָבן ניט געקענט אָפּלייגן אונזער קאָלאָניזאַטאָרישע, קאָאָפּעראַטיווע און קולטור־אַרבעט ביז נאָך דער רעוואָלוציע — וואָס פאַר א שווערן קאַמף זיינען מיר געצוווּנגען געווען צו פירן. אין אָט דעם קאַמף זיינען מיר ניט ווייניק געהאָלפן געוואָרן דורך דעם חבר וואַנדערוועלדע, דורך זיינע טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען און פּראַקטישע אויפטוען, וועלכער איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פון דער קאָאָפּעראַטיווער און קולטור־אַרבעט אין די קרייזן פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

דעם „חסד נעורים" אונזערן דערמאָנען מיר איצט צום גוטן. אָבער איך וויל איצט פאַרלאַנגען „אָפּצאָל" פאַר די דרייסיק יאָר איינזאַמקייט און יתמות אין דער אַרבעטער־וועלט־באַוועגונג. די פאַרלאַנגטע הילף איז א צווייפאַכע: א. הילף אין דער אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען; ב. הילף אין אונזער אידעאישן געראַנגל צווישן די יידישע אַרבעטער. אינערהאַלב דעם יידישן פאָלק שטייען מיר אויף צוויי פראָנטן: די קעגנערשאַפט פון די ניט־אַרבעטנדיקע קלאַסן צום אַרבעטער־ווערק אין לאַנד, און דאָס דערווייטערן זיך פון געוויסע קרייזן אין דער

ארבעטער־באַוועגונג פון דער נאַציאָנאַלער באַפרייאונגס־באַוועגונג. ס׳איז ריכטיק, אז דער ציוניזם מוז גיין אויף סאָציאַליסטישע אויפבוי־וועגן, אָבער פּאַקטיש פאַרווירקלעכט זיך דער דאָזיקער אמת מיט פיל צוזאַמענשטויסן און ראַנגלענישן. די קלאַסן־בלינדקייט און די פאַרשיידענע אינטערעסן באַווירקן די בירגערלעכע פּאַרטייען קעגנצושטעלן זיך דעם ארבעטער, אויך ווען זיין טעטיקייט דינט די אינטערעסן פון פאָלק אין א ברייטערן זין. אָבער אויף דעם דאָזיקן פראָנט פילן מיר זיך שטאַרק. שווערער איז דער צווייטער פראָנט אונזערער, אינערהאַלב דער יידישער ארבעטער־באַוועגונג. גרויסע טיילן פון דער מחנה האָבן זיך נאָך ניט באַפרייט פון זייער אַמאָליקער פרעמדקייט און שנאה צו אונז. בעת אונזערע חברים ארבעטער טרעטן אַרויס קעגן ציוניזם צוליב קלאַסן־„ריינקייט״, ווילן זיי ניט איינזען, אז דערמיט שוואַכן זיי אָפּ ניט נאָר דאָס נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־ווערק, נאָר אויך דעם כוח און די השפעה פון דעם ארבעטער אין לאַנד און אין ציוניס־טישן ווערק. און מיר פאַרלאַנגען פון די סאָציאַליסטישע פירער, וועלכע האָבן אונז געזען אין אונזער ארבעט, זיי זאָלן צוזאַמען מיט אונז גיין צום יידישן ארבעטער און העלפן אונז אויפקלערן אים אונזער וועג.

סאציאליסטישע פראבלעמען

דער אויפשטייג פון מענטש אין סאציאליזם

[פון פאָרטראַגן, וואָס ב. קאַצענעלסאָן האָט געהאַלטן אין סעמינאַר
פון „מחנות העולים" אין בן־שמן, תשרי תש"א]

אויב די ארבעטער־באוועגונג איז דערגאנגען צו וואָס זי איז דער־גאנגען, באגלייט פון אזעלכע גרויסע קריזיסן, קריזיס פון מענטש און קריזיס פון דער מענטשלעכער קולטור, איז עס נאטירלעך אז עס הויבן זיך אָן זוכענישן. און פאראן „שומרי חומות" (וועכטער אויף די מויערן), וואָס זאָגן: „ניין! דאָס גאנצע זוכעניש איז געפערלעך!", ממש ווי אונזערע זיידעס... איך וואַרף אָפּ דעם דאָזיקן צוגאנג. איך האלט, אז די גרויסע צוקונפט פון אונזער באוועגונג איז אָפּהענגיק דערפון, אז זי זאָל דורכגיין א תקופה פון באנייטער זוכעניש און באנייטער קריטיק. עס איז דאָך ניט קיין קריטיק פון שונא, נאָר א זוכעניש פון א מענטש, וואָס מוז דורכברעכן די וואנט און געפינען אַן אויסוועג. פאראן א פארצייטיקער העברעאישער מאמר: „כל הכופר בעבודה זרה נקרא יהודי" (ווער עס לייקנט אין אָפּגעטער — איז א ייד). דער מאמר איז אין מיינע אויגן א יסוד, לפחות פאר יעדער תקופה ווי אונזערע. דאָס יידנטום איז פון תמיד אָן פארבונדן מיטן גלויבן אין איין גאָט, און אָט קומט א תלמיד־חכם און זאָגט, אז דאָס יידנטום האָט געבויג איין זאַך: אָפּלייקענען עבודה זרה. איך זע אין דעם איינע פון די געניאלע דערשיינונגען אין יידישן געדאנק און אין יידישן כאראקטער. די באזונדערע יידישע קולטור הויבט זיך אָן ניט מיט א גרויסן „אני מאמין", נאָר מיט א קאמף קעגן עבודה־זרה. עבודה־זרה באדייט „פעטישיזם". און וואָס איז פעטישיזם? פאראן אויף דער וועלט שטערן, זון און לבנה, וואָס דערפילן זייערע אויפגאבן, און דאָס יידנטום האָט גאָרניט קעגן דער זון און די שטערן און דער לבנה. ווען הויבט זיך אָן דער געראנגל פון יידנטום מיט דער זון און די שטערן? — אין מאָמענט ווען זיי ווערן ע ב ו ד ה ז ר ה. אויב אזוי, איז דאָך ניט וויכטיק וואָס דיין מיינונג איז וועגן גאָט: צי ווי די מיינונג פון רמב"ם אָדער ווי שפּינאָזע. אָבער פאראן דאָ א קעגנערשאפט צום עצם פארוואנדלען אים אין עבודה זרה.

ס'איז נאַטירלעך פאַר יעדער אידעע, אַז אין איר לעבנס־וועג זאָפּט זי אַן א ביסל שטויב, פאַרלירט איר זאַפּטיקייט, און דאַן מוז קומען א תקופה פון נייער אונטערזוכונג און באַנייאונג פון די כוחות. א דור אין דער באַוועגונג ווערט ניט אומטריי דער באַוועגונג, אויב ער האַלט אַז עס איז וויכטיק דורכצופירן אונטערן גלאָז פון קריטיק מאַנכע באַגריפן, אָנגענומענע אין דער באַוועגונג. איך דערמאָן זיך אין דעם באַגריף „נביא און כהן". אויך אין א באַוועגונג זיינען פאַראַן פּראָפעטן, וואָס זיינען מבשר דאָס אָנקומען פון דער באַוועגונג, און דערנאָך קליידט זיך די באַוועגונג אין א בגד פון א קירכע, מיט א באַשטימטן קאַטעכיזם, מיט א געוויסן רעזשים, און עס זיינען אויך פאַראַן „וועכטער אויף די מויערן". און שטענדיק קומט אַן אידענטיפיצירונג צווישן קלער און דער רעליגיע, ביז עס דערשיינען מענטשן ווי יוהאַן הוס אָדער קאַלווין, אָדער בודדאַ, מענטשן וואָס מאַכן א רעוויזיע פון דער באַוועגונג, מענטשן פון קריטיק. מען זעט זיי ווי כופרים, אָבער זיי זיינען ניט קיין כופרים, — זיי זיינען די טרעגער פון גלויבן.

אונזער באַוועגונג איז זייער יונג. איך האָף, אַז זי האָט נאָך ניט באַוויזן פאַרשטיינערט צו ווערן אין אירע גייסטיקע מקורות. אָבער אַז מיר דאַרפן אַרויסטראָגן אונזערע מטלטלים אויף דער זון — אין דעם איז קיין ספק ניט! איז זייער פאַרב א גוטע, וועט זי ניט אָפּבלאַקעווען, און אויב עפּעס וועט אָפּבלאַקעווען — וועט עס דאָך זיין בלויז דאָס אויבערפלעכלעכע!

*

מיר דאַרפן זיך קלאָר מאַכן וואָס זיינען די פונדאַמענטאַלע ווערטן פון אונזער באַוועגונג. איך קלויב זיך ניט פאָרמולירן א פּראָגראַם, נאָר באַמערקונגען צו אילוסטראַציע. כ'וועל זיך נישט פאַרנעמען מיט דעפינירן דעם ציוניזם און דעם סאָציאַליזם; כ'וועל נאָר פעסטשטעלן: דאָס איז א כעמיש־אָרגאַנישע צונויפגיסונג און ניט סתם א מישונג. א חבר קען היינט הערן וועגן סאָציאַליסטישן ציוניזם און מאָרגן זאָגן, אַז דאָס אָדער יענץ שטימט ניט מיטן ציוניזם אָדער מיטן סאָציאַליזם. ווי לאַנג עס רעדט זיך וועגן א מישונג, לאָזט זיך מאַכן די פונאַנדערטיילונג. אָבער נאָך מיין מיי־נונג, איז דאָ ניטאָ קיין מישונג, און די זאַכן לאָזן זיך כלל ניט פונאַנדער־טיילן. איך וועל עס אויפקלערן. א מענטש מוז זיך דאָך אַמאָל פרעגן: פאַר־וואָס בין איך א סאָציאַליסט? ניט פאַרוואָס דער סאָציאַליזם עקזיסטירט ווי א באַוועגונג, און וועלכע היסטאָרישע פּראָצעסן האָבן עס דערפירט, עס זאָל אנטשטיין אַן אַרבעטער־באַוועגונג. יעדער מענטש קלויבט דאָך אויס א וועג פאַר זיך. דער אַרבעטער שליסט זיך אָן אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַריין, כדי צו הויבן זיין לוין, פאַרטיידיקן זיך קעגן דער אויסנוצונג פון אַרבעטס־

געבער און צוליב דער קעגנזייטיקער הילף. און איך קען מאסן ארבעטער, וואָס זיינען געקומען אין דער ארבעטער־באוועגונג צוליב אָט די צילן. אָבער אין אלגעמיין, מאסן מענטשן וואָס זיינען געקומען צו דער סאָציאַליסטישער באוועגונג — נישט כדי צו פארבעסערן זייין פריוואטע לאגע איז יעדער איינער פון זיי געקומען. מעגלעך אז איינצעלנע האָפן אויפצושטייגן, אָבער בדרך כלל, א יונגער מענטש וואָס שליסט זיך אָן א אידעע — זוכט א לייזונג צו עפעס.

פאראַן גרויסע אונטערשידן אין דער אויפפאסונג פון סאָציאַליזם אין פארשידענע פעלקער. אָבער מיר דאכט זיך, אז די איבערוויגנדיקע מערהייט פון מענטשען איז אייניק אינם אויסגאנגס־פונקט צום סאָציאַליזם: אָ פּ ש א פ ן די אומגערעכטיקייט, די עוולה. פאראַן אויף דער וועלט פיל אומ־גערעכטיקייט. דער גלויביקער זאָגט: די וועלט איז אריינגעטאָן אין זינד און מען דארף זי אויסלייזן פון זינד; דער מאָראַלישער דענקער טענה׳ט: ס׳איז פאראן ליגן און מען דארף שטרעבן צום אמת; אן אנדערער זאָגט: פאראַן סאָציאַלע אומגערעכטיקייט אָדער אונטערדריקונג און מען דארף קעמפן פאר פרייהייט, גלייכהייט אָדער אמת. דאָס זיינען פארשידענע פאָרמען פון א אידעאַל, וועלכער אנטפלעקט זיך פאר אונז פון דער אָדער יענער זייט. איך שטעל מיר נישט פאָר, אז וועלכער ס׳איז סאָציאַליסטישער דענקער האָט פונאנדערגעטיילט צווישן אמת און פרייהייט, אָדער צווישן גלייכהייט און פרייהייט. יענע גרויסע מאסן, די מיליאָנען, וואָס האָבן זיך ערנסט פארבונדן מיטן סאָציאַליזם, האָבן עס נישט געטאָן ווייל זיי האָבן געזען עפעס א ספעצ־יעלע אומגערעכטיקייט וועלכע עס לאָזט זיך, לויט זייער מיינונג, אויסבע־סערן מיט דער הילף פון סאָציאַליזם, נאָר זיי האָבן געזען אין סאָציאַליזם אן אומפאסנדע אויסבעסערונג, א סינטעטישע און פולקאָמע. און וואָלטן זיי געמיינט, אז נאָכן קומען פון סאָציאַליזם וועט נאָך פארבלייבן אומגערעכטי־קייט אויף דער וועלט — וואָלט דער סאָציאַליזם פיל פון זיי כלל נישט אינ־טערעסירט. אָט זיינען ווערטער פון א מענטש, וועלכער האָט געשפילט א גרויסע ראָל אין דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג און האָט משפיע געווען אויף באַקונין, הערצן און לעבין:

„ווען איך וואָלט געקענט ארויפגיין אויפן אויבערשטן שטאפל פון דעם אנטוויקלונגס־לייטער, וואָלט איך אויך פון דאָרט פארלאנגט פון אייך א דין־וחשבון וועגן אלע קרבנות פון די לעבנס־באדינגונגען און פון דער היסטאָ־ריע, און וועגן אלע קרבנות פון צופאל, פון עם־הארצות, פון אינקוויזיציע... און ווען נישט — וועל איך זיך אראָפּוואַרפן פון דעם אויבערשטן שטאפל פון לייטער מיטן קאָפּ אראָפּ. איך וויל נישט קיין בחנם׳דיק גליק, אויב איך זאָל נישט קענען זיין רואיק וועגן גורל פון יעדן איינעם פון מיינע ברידער“.

אדער ווי א רוסישער קינסטלער האָט געזאָגט: „כ'וועל פאַרלאַנגען און ענטפער אויף דער טרער פון יעדן קינד, און אויב נישט — וועל איך אָפּגעבן מיין לעבנס־קאַרטע דעם רבונו־של־עולם". סאָציאַליזם איז ניט קיין ענין פון א רעליגיע, אָדער א פילאָזאָפישער אַנשויאונג, אָדער א וועלט־אויסטייטשונג. סאָציאַליזם איז אן אידעאַל, וואָס זאָגט: מיר גלויבן, אַז ס'איז מעגלעך צו פאַרווירקלעכן אינעם מענטשלעכן לעבן גערעכטיקייט, פרייהייט און גלייכהייט. די זאַכן קען מען פאַרווירקלעכן — און מיר וועלן זיי פאַרווירקלעכן. א נישט־פולער אמת — איז א ליגן; פרייהייט וואָס איז ניט קיין פולע פרייהייט — איז קיין פרייהייט ניט.

און פאַר מיר איז דאָס דער אויסגאַנגס־פונקט אין דעם ציוניסטישן געדאַנק. בעת דער רוסישער קיסר, ניקאָלאַי דער צווייטער, איז נאָך געזעסן אויפן טראָן, האָט מען אונז געזאָגט, אַז די ציוניסטישע אויפפאַסונג איז ניט קיין פּראָלעטאַרישע, ווייל דער סאָציאַליזם אין רוסלאַנד האָט איין אויפגאַבע — אראָפּוואַרפן דעם קיסר פון טראָן, כדי די אַרבעטער זאָלן פאַרכאַפּן די מאַכט. אָבער מיר, וואָס זיינען דערגאַנגען צום ציוניסטישן געדאַנק אַנטקעגן א פיינטלעכער וועלט, האָבן געזאָגט: ניט בלויז דער סאָציאַליזם וועלכער לאָזט איבער איין קינד וויינען, איז ניט קיין סאָציאַליזם; אויך א סאָציאַליזם וועלכער לאָזט איבער איין פאָלק ניט אויסגעלייזט — איז קיין סאָציאַליזם ניט.

אלזאָ דער סאָציאַליסטישער ציוניזם קען ניט עקזיסטירן, אויב ער שטעלט ניט פעסט, אַז די פולע אָפּשאַפונג פון דער אומגערעכטיקייט לגבי דעם יידישן פאָלק איז א ניט־אָפּטיילבאַרער טייל פון סאָציאַליזם. און ס'איז נויטיק, אַז דאָס יידישע קינד אין ארץ־ישראל זאָל האָבן דעם מוט צו זאָגן, אַז ער איז א יידישער סאָציאַליסט. אין מיינע אויגן — דאָס איז דער אל'ף אין דער דערציאונג פון א יוגנט־באַוועגונג — אָן דעם איז נישטאָ קיין שום באַרעכטיקונג פאַר חלוציות און עליה אין א"י. נאָך מיין מיינונג קען מען אויך צו דער אַראַבישער פראַגע ניט צוגיין אָן דעם אויסגאַנגס־פונקט... פאַראַן גרויסע טיילן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער וועלט, וועלכע מיר פסלענען ווייל מיר זעען, אַז זיי ווייזן ניט קיין שום אינטערעס צו אינדיע, צו די נעגערס, צו סיאַם און באַרנעאָ, נאָר זיינען פאַראינטערעסירט בלויז אין דער גוטער לאַגע פון דעם אַרבעטער אין אייראָפּע. מיר פסלענען זיי און זאָגן, אַז זיי זיינען באַגרענעצטע טרייד־יוניאָניסטן, ווייל דער סאָציאַליזם האָט אויפגעהערט צו זיין פאַר זיי א אידעאַל וואָס לייזט וועלט־פּראָבלעמען און איז ניט מער ווי א וועכטער פון די פּריוואַטע מאַטעריעלע אינטערעסן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, אין ענגן זין פון וואָרט.

יעדער איינער איז מחויב זיך צו זאָגן, וואָס פאַרלאַנגט ער פון זיך און פון אנדערע, און לויט דעם וועלן מיר זיך קלאָר מאכן וואָס זיינען די יסודות פון אונזער סאָציאַליסטישער אנשויאונג. אָט איז געזאָגט געוואָרן: „סאָציאַליזם באַדייט אויפשטייג פון מענטש, שאפונג פון באַדינגונגען וועלכע דערהויבן דעם מענטש״. און איך שליס זיך אָן אין דעם מיטן גאַנצן הארצן. לאָמיר אָננעמען, אז מאָרגן וועט אנטשטיין א סאָציאַליסטישע אָרדענונג אויף דער וועלט. די ווירטשאַפט וועט אויסגעבעסערט ווערן און ס׳וועט ניט זיין קיין מאַטעריעלע אויסנוצונג. אָבער דער מענטש וועט ניט אויפשטייגן, נאָר אראָפגיין. מ׳האָט ארייגעזעצט דעם מענטש אין גן־עדן און ער האָט געגעסן — ניט פון עץ־הדעת נאָר פון דעם בוים פון לייכטזין. און דאַן — אָדער די אידעע איז א פאַלשע, אָדער מיר זיינען אינצווישן אוועק אויף א זייטיקן וועג.

לאָמיר זיך פרעגן: דער דאָזיקער סאָציאַליזם וואָס מיר פאַרווירקלעכן — אָדער וואָס ס׳איז אין אונזער מעגלעכקייט צו פאַרווירקלעכן — איז ער מקיים געוויסע ווערטן צי ניט? — איינער פון די ערשטע עלעמענטן אין דעם סאָציאַליזם פון דער ערשטער תקופה איז געווען — קאַמף קעגן עם־הארצות. דעם פיינד פון דער וועלט האָט מען געזען אין דער הערשאַפט פון עם־הארצות און אין דער הערשאַפט פון דער קירך און פון די מלוכה׳שע אינסטרומענטן, וועלכע פאַרטעמפּן דעם מענטשלעכן שכל. די פּראָפּאַגאַנדע פון די אנאַרכיסטן איז געווען געריכטעט קעגן די אינסטרומענטן. און כדאי מיר זאָלן פון דעם שטאַנדפּונקט אונטערזוכן זאכן. וואָלטן מיר דאָס געפּרווט טאָן מיט דרייסיק אָדער פערציק יאָר צוריק, וואָלט די דאָזיקע אונטערזוכונג געווען זייער אינטערעסאַנט, און זי וואָלט אויך באַרעכטיקט אַלע אונזערע האָפענונגען. למשל, ווען מיר וואָלטן פאַרגליכן דעם אייראָפּעאישן אַרבעטער און די אייראָפּעאישע קולטור פון יאָר 1840 מיט אייראָפּע פון יאָר 1900, וואָלטן מיר געפונען ריזיקע דערגרייכונגען וואָס זיינען צום טייל דורכגעפירט געוואָרן אונטערן פאַן פון סאָציאַליזם. אין 1840 איז דער אייראָפּעאישער אַרבעטער געווען באַרויבט פון יעדע רעכט (ניט נאָר פון וואַל־רעכט) און ער האָט בכלל ניט געהאַט קיין שום איינפלוס אויפן מלוכה־לעבן, אויפן געזעץ און אויף דער קולטור — אויסער עפּעס אָן אויפשטאַנד אָדער א ווילדן אויסברוך פון מאַשינען־צעשטערונג, אָדער אָן אָנטייל אין רעוואָלוציעס וועלכע ניט ער האָט אָנגעפירט. פאַרשטייט זיך, אז עס האָט געהערשט א מוראדיקע אָרעמקייט און א שרעקלעכע עם־הארצות. איז געקומען דער סאָציאַליזם און האָט די דאָזיקע מאַסע, וואָס איר לאַגע איז געווען געגליכן צו דער לאַגע פון קנעכט, אַלנפאַלס נידעריקער ווי די לאַגע פון בעלי־מלאכות אין מיטלאַלטער, אויפגעהויבן און איינגעפלאַנצט אין איר

באוווסטזיין פון איר מענטשלעכן ווערט, נאָך איידער ער האָט איר פאַר־זיכערט פרייהייט און פאַרבעסערט איר עקאָנאָמישע לאַגע. ער האָט איר געגעבן זעלבסט־באוווסטזיין, חברישקייט, אַן אידעע און קודם־כל — דרייסט־קייט. דאָס איז געווען דרייסטקייט פון באוווסטזיין קעגן בעל־הבית, קעגן הערשער, קעגן פּריץ, קעגן גלח, קעגן קעניג. דאָס אַליין איז געווען אַ גרויסע דערגרייכונג. שפּעטער האָט דער סאָציאַליזם אָרגאַניזירט דעם דאָ־זיקן אומגעבילדעטן און ניט־אָרגאַניזירטן אַרבעטער. און ס׳איז דערשינען אַ מענטש ווי ווייטלינג דער שניידער, וואָס האָט אָנגעשריבן אַ בוך פון וויזיע, און ס׳איז אויפגעשטאַנען בעבעל און זיין וואָרט האָט זיך געהערט אין דער גאַנצער וועלט. ווער עס לייענט די ליטעראַטור פון יענער צייט, זעט אין וועלכער מאָס ס׳איז דאַן געקומען צום אויסדרוק די דערהויבונג פון מענטש. און דער וואָס פאַרטיפט זיך ניט באַזונדערס אין פראַגן, וואָלט געקענט זאָגן מיט זיכערקייט, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג גייט פון דער־גרייכונג צו דערגרייכונג. אויב מיר וועלן פאַרגלייכן די לאַגע פון דעם אַרבעטער אין אייראָפּע פאַר דער וועלט־מלחמה מיט זיין לאַגע פופציק אָדער זיבעציק יאָר צוריק, וועלן מיר געפינען דערגרייכונגען וואָס במשך לאַנגע דורות האָבן מיר ניט געקענט חלומען פון זיי. זאַכן, וואָס דער קעניג אַליין האָט ניט געקענט דערגרייכן, זיינען געוואָרן דאָס אייגנטום פון מאַסן. און איבעריק צו זאָגן, אַז דער קעניג האָט אין דער פאַרגאַנגענ־הייט ניט געקענט הערן ראַדיאָ אָדער ריידן אין טעלעפאָן.

און אָט איז געקומען אַ געוואַלטיקע דעמאָקראַטיזאַציע פון דער וויסנ־שאַפט, פון דער טעכניק און דער קונסט. דער טעאַטער איז געוואָרן אַ פאָלקס־אייגנטום, די היגיענע האָט זיך פאַרשפּרייט אין ברייטע פאָלקס־שיכטן. איך ווייס ניט, אויב ס׳איז נאָך דאָ אַ פּעריאָד אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ווען דער נצחון פון מענטשלעכן שכל, נצחון פון דער פאַרנונפט, נצחון פון דער שטרעבונג צו פרייהייט, פון דעם אויפשטייג פון די מאַסן און פון דער סאָלידאַריטעט פון ריזיקע מאַסן, נצחון פון פעלקער און שבטים, האָבן זיך אַנטפּלעקט אין משך פון צוויי־דריי מענטשלעכע דורות און זיינען דורכגעפירט געוואָרן בעיקר אין נאָמען פון סאָציאַליסטישן אידעאַל.

*

מיר זיינען געוווינט צו זאָגן: דאָס בירגערטום האָט אונז געגעבן די דעמאָקראַטישע פרייהייט, די פּאָליטישע פרייהייט. די אָנגענומענע פאַר־מולע איז: די בירגערלעכע וועלט האָט געשאַפן די פּאָליטישע דעמאָקראַטיע; דער סאָציאַליזם דאַרף ברענגען די סאָציאַלע דעמאָקראַטיע. אָבער איך וויל פרעגן: ווער האָט עס געפּסק׳נט, אַז דאָס בירגערטום האָט אונז געגעבן פּאָליטישע דעמאָקראַטיע? כ׳רעד ניט איצט וועגן געוויסע תקופות, ווען די

בורזשואזיע האָט צעשטערט דעם פעאָדאַלן רעזשים — און זי האָט עס געטאָן אין ענגלאַנד א הונדערט יאָר פאַר דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זי האָט געגרינדעט א געוויסע אָרדענונג, אין וועלכער עס איז געווען פריי־הייט, אָבער דאָס איז ניט געווען קיין פּאָליטישע דעמאָקראַטיע. אין ענגלאַנד איז עס געווען אַן אָליגאַרכיע און ניט קיין פּאָליטישע דעמאָקראַטיע. די סאָציאַליסטן און ליבעראַלן אין ענגלאַנד האָבן כלל ניט געטראַכט וועגן פּאָליטישער דעמאָקראַטיע, גלייך ווי מען קען ניט זאָגן אַז אין פראַנקרייך אין 1840 איז געווען פּאָליטישע דעמאָקראַטיע. די פּאָליטישע דעמאָקראַטיע האָט דערגאָבערט **דער ארבעטער**. און וויכטיק איז עס צו וויסן, פאַרוואָס? אָט האָב איך געהערט אַן אויסדרוק: „פאַרפוילטע דעמאָקראַטיע״. אין אונזע־רע טעג איז דאָס א קלאַסישער אויסדרוק. פאַרשטייט זיך, פאַראַן פאַרשיידענע פּירושים, אָבער דער עצם טערמין עקזיסטירט... די בירגערלעכע דעמאָ־קראַטיע האָט פאַרמאָגט א באַגריף פון „צענז״, פון קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנאַרכיע און באַגריפן וועגן באַגרענעצטע רעכט פון פאָלק. אָבער די ליבעראַלע מאַכט האָט זיך ניט געוואָלט אריינמישן אין דעם גאַנג פון עקאָ־נאָמישן לעבן. דער מדינה גייט ניט אָן וואָס ס׳איז פאַראַן אָרעמקייט. דאָס איז געווען א הערשאַפט מיט געוויסע רעכט, וואָס איר פליכט איז געווען אָפּצוהיטן און ניט לאָזן באַגרענעצן די מאַכט פון קאַפּיטאַל. די פאַרברייי־טערונג אָדער די באַגרענעצונג פון תבואה־אימפּאָרט איז באַשטימט געוואָרן לויט א געוויסן חשבון. אָבער ווען דער ארבעטער איז דערשינען אויף דער אַרענע און האָט אַרויפגעלייגט זיין סטעמפּל, למשל אויף דער טשאַרטיסטן־באַוועגונג אין ענגלאַנד, האָט זיך דאָס בילד געענדערט. און דאָס וואָס מיר רופן „פּאָליטישע גלייכבארעכטיקונג״, „אריינמישונג אין עקאָנאָמישן לעבן״, זיינען וויכטיקע זאַכן וואָס האָבן באַשטימט א נייע באַציאונג צו דער מדינה.

ווען לאַסאַל האָט דעפינירט אין דער קלאָרסטער שפּראַך, און אפשר צום ערשטן מאָל, די פליכט פון דער מדינה כלפּי די נידעריקע שיכטן, האָט מען עס דאַן געהאַלטן פאַר זייער רעאַקציאָנער. דער ליבעראַליזם האָט געטענה׳ט: מיר זיינען דערגאַנגען צו פרייהייט און זיך באַפרייט פון דעם יאָך פון דער מדינה, און מען דאַרף ניט אריינברענגען די מדינה אין ענינים, וווּ מיר ווילן זי ניט האָבן... במשך פון לאַנגע יאָרן האָט דער דייטשער ליבעראַליזם געזען אין דער ארבעטער־באַוועגונג, ווי זי איז געשטאַלטעט געוואָרן דורך לאַסאַל, א רעאַקציאָנערן פאַקטאָר, וואָס איז מותר אויף די ווערטן פון ליבעראַליזם. אויך אינערהאַלב דער ארבעטער־באַוועגונג זיינען לאַנגע יאָרן געווען מענטשן וואָס האָבן אין די געזעצן צום שוץ פון ארבעטער און דער באַגרענעצונג פון די ארבעטס־שעהן געזען א זאַך, וואָס איז געווענ־

דעט קעגן ארבעטער. זיי האָבן געטענה׳ט: דער ארבעטער וויל פרייהייט... דער גאנצער ענין פון זען דעם ארבעטער אלס אָביעקט פון מלוכה׳שער זאָרג און אחריות — האָט ניט פארנומען קיין אָרט אין דעם לעבן, און די באַגריפן, וועלכע מיר רופן „פּאָליטישע דעמאָקראַטיע״, זיינען געווען געוואַלטיקע דעראָבערונגען פון דער ארבעטער־באַוועגונג.

די אלע זאכן זיינען פארשטענדלעך געווען פארבונדן מיט גרויסע פראָצעסן אין דער וועלט פון וויסנשאַפט, מיט גרויסע אנטדעקונגען און א פארשפרייטונג פון דער וויסנשאַפט צווישן גרויסע מאסן, און אויך מיט טאַטן פון גרויסער מענטשלעכער זעלבסט־אָפּפערונג. אמת, נאָך דעם ווי מיר האָבן געזען דעם פאשיזם און נאציזם — איז אין פארגלייך מיט זיי זעען אויס ווי א קינדער־שפּיל די שטערונגען, וואָס זיינען געווען אויפן וועג פון דער ארבעטער־באַוועגונג מיט הונדערט יאָר צוריק, אין ענגלאנד, דייטשלאנד און אמעריקע. אָבער די דאָזיקע שטערונגען האָבן ארויסגערופן א ווילן צום אָפּפערן זיך און א גרויסן מוט. און אָט שטייען מיר הונדערט יאָר שפּעטער און מיר פארשן די לאַגע און פרעגן: וואָס נאָך האָבן מיר דערגרייכט? האָבן מיר פאַרגעזעצט לויט דער דאָזיקער ליניע? איך פרעג ניט א פּאָליטישע פראַגע: האָבן בעבעל, קאַוטסקי און אנדערע אזוי געהאַנדלט? איך פרעג: איז אזוי ווייטער געגאַנגען די געשיכטע פון דער ארבעטער־באַוועגונג, אָדער עפּעס איז צעבראָכן געוואָרן?

*

מען קען ניט רעדן וועגן סאָציאַליזם אָן דער גרונט־הנחה פון גלייכהייט פון מענטש אלס מענטש. די ערשטע, וועלכע האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון פּאָליטישער גלייכהייט פון יעדן מענטש אלס אַבסאָלוטער אידעאַל, אלס ציל אָן־און־פאַר־זיך, זיינען געווען די סאָציאַליסטן. ניט די בירגערלעכע דעמאָקראַטן זיינען דאָס געווען. אויב צווישן די סאָציאַליסטישע דענקער פון פאר דער ערשטער מלחמה האָט זיך געפונען איינער וואָס האָט געוואָרפן אַ וואָרט, אז ס׳איז כדאי צו טראַכטן אויב דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט אין א באַשטימטן לאַנד קען ניט אַמאָל איבערפירן א גרויסן טייל פון ארבעטער־שטימען צו א ניט־פּראָלעטאַרישער פּארטיי, און דאַן איז כדאי צו באַגרענעצן דאָס וואַלרעכט — איז דאָס געווען אָן אויסדרוק פון א פאַנאַטיקער און ניט מער. אָבער אין דער בעלגישער ארבעטער־באַוועגונג איז אויפגעוועקט געוואָרן די פראַגע, אויב דאָס געבן וואלרעכט די פרויען איז לטובת דעם סאָציאַליזם, ווייל די סאָציאַליסטן האָבן באַקעמפט דעם קאַטאָליציזם און פיל סאָציאַליסטן האָבן געטענה׳ט, אז דאָס געבן וואַלרעכט די פרויען וועט ברענגען צו א פארשטאַרקונג פון דער קירך. קעגן דעם האָט זיך אנטקעגנגעשטעלט די טעאָרעטישע סאָציאַליסטישע וועלט, וועלכע האָט געזאָגט: איז

אזא זאך מעגלעך? קען דער סאָציאַליזם, צוליב צייטווייליקע אָפּאָרטוניס־טישע צוועקן, מוותר זיין אויף א פּרינציפּיעלן יסוד?! מעגלעך, אז ווען זיי וואָלטן געקומען צו א פּראַקטישן נסיון, וואָלטן זיי בכשל געוואָרן. אלב־פאלס אין טעאָריע האָבן זיי זיך קעגנגעשטעלט אזא צוגאנג.

ס'איז באַוווּסט, אז פאַרן ערשטן קאָנגרעס פון צווייטן אינטערנאַציאָ־נאַל, וועלכער איז פאָרגעקומען אין 1889־90, איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן א רעזאָלוציע קעגן אנטיסעמיטיזם און זי איז אָנגענומען געוואָרן אָן גרויסער סימפּאַטיע. ניט, חלילה, ווייל זיי זיינען געווען אנטיסעמיטן, נאָר צוליב דער אויסרעכענונג אז אזא באשלוס וועט ניט לייכטער מאכן די ארבעט פון אינטערנאַציאָנאַל. אויך אָן דעם האָבן די אַנטיסעמיטן געטענה'ט, אז דער אינטערנאַציאָנאַל איז פאַרקויפט צו די יידן. צום ביישפּיל, די פּרעכטיקע עסטרייכישע ארבעטער־באַוועגונג, וועלכע איז געווען וויכטיקער פון יעדער אנדערער ארבעטער־באַוועגונג אין צענטראַל־אייראָפּע, האָט זיך געפונען אין א ניט־אָנגענעמער לאַגע אין דער יידן־פראַגע. כמעט אַלע אירע פירער זיינען געווען געשמד'טע יידן. און ווייל דער היטלעריזם איז אריינגעדרונגען אין עסטרייך און טיילמאָל פלעגט דערשיינען אין דער „ארבייטער־צייטונג" אָן ארטיקל, פון וועלכן ס'האָט זיך געפילט אן אנטיסעמיטישער ריח, — האָבן די דאָזיקע פירער געטענה'ט, אז זיי זיינען ניט קיין שוץ־באַטאַליאָן פאַר די יידן...

צוליב וואָס דערמאָן איך דאָס? ניט ווייל איך פריי זיך צו אנטפּלעקן די שאַנד פון מענטשן ווי וויקטאָר אדלער און אָטאָ באַוער, נאָר כדי צו ווייזן, אז אין לעבן שטויסט זיך אָן יעדע גרויסע אידעע אין דער שוואכקייט פון אירע טרעגער. און מען דאַרף נאָכפאָלגן א אידעע, ניט בלויז אין אירע איינצעלנע אַנטפּלעקונגען, נאָר אין איר פולן גאנג. אין דער בייגונג פון א סאָציאַליסטישער פּאַרטיי צו פאַרראַטן דאָס וואַלרעכט פון דער פרוי אָדער פאַרמאכן די אויגן אויף די ליידן פון יידן — זע איך דעם אָנהויב פון א זינד. אָבער די באַצאָלונג איז געקומען שפּעטער און אין אנדערע פאַרהעלטנישן.

איך פרעג זיך: דער ערשטער סאָציאַליסטישער עיקר — אז יעדער מענטש דאַרף האָבן פּאָליטישע רעכט אין דער געזעלשאַפט, סיי ער איז אַן אייגנטימער צי ניט, סיי ער האַלט זיך ביי דער מיינונג אָדער ביי יענער — איז דאָס ביי אונז אַן אבסאָלוט אָנגענומענער עיקר אָדער ניט? — כ'מיין אז ניט. אין מיין קינדהייט, ווען איך בין געוואָרן א סאָציאַליסט, איז דער ענין, אז איך, א ייד אין רוסלאַנד, און מיינס גלייכן וועלן באַקומען וואַל־רעכט און מיר וועלן מיטן כוח פון דעם וואַלרעכט משפּיע זיין אויפן לעבן און קעמפן פאַר א גרינטלעכער ענדערונג — דאָס איז געווען פאַר אונז אַן

ענין פון א הייליק מענטשלעך רעכט. און אַט זעץ איך און זע, ווי דאָס דאָזיקע רעכט ווערט באַצווייפלט: אפשר איז מיר ניט כדאי צו געבן עמיצן וואַלרעכט... אין דער צייט פון נבוכדנצר איז ניט געווען קיין וואַלרעכט, אויך ניט אין דער צייט פון פרעה אָדער טיטוס. דאָס איז א מענטשלעכע דער־גרייכונג, וואָס איז דעראָבערט געוואָרן אין 19־טן יאָרהונדערט. און אין אונ־זער נאַיוויטעט האָבן מיר געגלויבט, אז דאָס איז אַן עיקר וואָס דערהויבט דעם מענטש.

און אנדער ביישפּיל: פרייהייט פון געדאַנק און וואָרט. כ׳ווייס ניט, צי דער מענטש איז געבוירן געוואָרן מיט פרייהייט פון געדאַנק און וואָרט און ער האָט עס שפּעטער פאַרלוירן, אָבער במשך פון פילע דורות האָבן מיר געטראַכט, אז די פרייהייט פון געדאַנק און וואָרט געהערט ניט בלויז צו חכמים, נאָר אויך צו נאַראָנים, ניט בלויז צו צדיקים נאָר אויך צו רשעים. אויב נאָר חכמים, איז עס אפשר גוט און באַקוועם פאַר עמיצן, אָבער פרייהייט פון וואָרט איז עס ניט... א לאַנגע צייט האָט די וועלט כלל ניט געוווּסט פון פרייהייט פון וואָרט. כ׳דערמאָן זיך, למשל, אין דעם ערשטן פאַל אין דער געשיכטע פון פאַרברענען א בוך — ווען א מלך פון יהודה זיצט אויף זיין טראָן, און מען לעזט אים פאָר דעם חיבור פון ירמיהו הנביא, און ער צעשניידט דעם חיבור און וואַרפט אריין אין פייער. דאָס איז די ערשטע באַגעגעניש פון פרייען, געזעלשאַפטלעכן מענטש מיט דער מאַכט, און דאָס איז די רעאַגירונג פון דער מאַכט... מיט א צייט צוריק האָבן מיר זיך דער־ווּוסט וועגן א מעשה מיט אַן אנדערן נביא, וואָס ווערט דערמאָנט אין די שריפטן פון לכיש, וועלכער איז אַנטלאָפן קיין מצרים און דאָרט האָט מען אים געכאַפּט און דערמאָרדעט...

ווען מיר דענקען וועגן דער דערהויבונג פון מענטש, דוכט זיך מיר, אז מיר דענקען וועגן א מענטש וואָס זיין גייסט פייניקט אים, וועלכער זאָגט: „איך קען דאָס מער ניט פאַרטראָגן" און ער מוז לאָזן הערן זיין שטים. מעגלעך, אז ס׳איז גוט, אז נאַרישע מענטשן זאָלן כלל ניט עפענען דאָס מויל. אָבער דערצו איז ניטאָ קיין קריטעריום. ווען מיר פאַרמאַכן איינעם דאָס מויל — ווייסן מיר ניט וואָס מיר האָבן פאַרלוירן. מיר ווייסן כלל ניט וואָס ס׳איז אונדז געגאַנגען פאַרלוירן נאָכן חורבן פון דער גריכישער וועלט און דער אַנטשטייאונג פון דער רוימישער קירך — וואָס מיר האָבן פאַרלוירן דורך דעם, וואָס פאַקטיש שפּייזן מיר זיך מיט ברעקלעך פון דעם גריכישן און רוימישן געדאַנק. ווען אַמאָל האָט איינגענומען אלעקסאַנ־דריע, האָט ער באַפוילן צו פאַרברענען איר גרויסע ביבליאָטעק (און איך שטעל מיר פאָר, אז מיר יידן האָבן געהאַט גאָר א גרויסן חלק אין דער דאָזיקער ביבליאָטעק) און זיין טאַט האָט ער באַגרינדעט אזוי: איז דאָרט

פאַראַן וואָס מוחמד האָט געשריבן אין קאָראַן, איז עס דאָך איבעריק; אויב דאָרט איז פאַראַן וואָס איז ניטאָ אין קאָראַן, — איז עס שעדלעך!"...

*

דער פּרינציפּ פון וואַלן באַדייט דאָס רעכט פון יעדן מענטש צו באַאיינפלוסן דעם גורל פון דער מדינה. פאַראַן דאָ צוויי זייטן: געוויסע ר ע כ ט פון מענטש און א געוויסע ג ל י י כ ה י י ט פון מענטש. ווייל די אידעע פאַרטראָגט ניט קיין אומגלייכהייט, ניט קיין עקאָנאָמישע און ניט קיין פּאָליטישע אומגלייכהייט. די סאָציאַליסטישע אידעע ליידט ניט די פאַרשקלאַפונג פון מענטש, און זי וויל ווי ווייט מעגלעך באַגרענעצן די הערשאַפט פון די אויסגעוויילטע, פאַרקלענערן די מעגלעכקייט פון דער הערשאַפט פון מענטש איבער מענטש, אפילו א דעמאָקראַטישע הערשאַפט, און איבערלאָזן דער מדינה בלויז דעם נויטיקן מינימום פאַר איר עקזיסטענץ. פאַרווירקלעכן דעם סאָציאַליזם און אויפבויען א געזעלשאַפט פון שותפות און גלייכהייט קען מען נאָר דורך א כסדרדיקער אויסברייטערונג פון די רעכט פון דעם מענטשן. און איך פרעג: האַלטן מיר זיך נאָך ביי דער דאָזיקער אָנשויאונג? אָט דער פּרינציפּ, וועלכן מיר האָבן באַטראַכט ווי פעלזן־פעסט — עקזיסטירט ער נאָך אָדער ניט?

אין מיין יוגנט האָב איך געהערט לויט מיין געדאַנקען־גאַנג צו א סאָציאַליסטישער שטרעמונג וועלכע איך האָב געהאַלטן פאַר זייער לינק... די פראַגע איז געווען: איז די אַרבעטער־פּאַרטיי ענלעך צו אַלע אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען, אָדער זי איז גרונטלעך אַנדערש פון זיי? א בירגערלעכע פּאָליטישע פּאַרטיי פאַרמאָגט ניט קיין אידעאַלן און אפשר אויך ניט קיין פּרינציפּן; זי וויל דערגרייכן צו דער מאַכט; זי וויל הערשן און אָפּהיטן די אָרדענונג, און איר עצם עקזיסטענץ איז ניט געבונדן מיט באַשטימטע פּרינציפּן. למשל, קיין מענטש קען מיר ניט דערקלערן, וואָס זיינען די פּרינציפּן פון די דעמאָקראַטן און רעפּובליקאַנער אין אַמעריקע. ס'איז דאָ א טראַדיציע, פאַראַן אינטערעסן, חשבונות, אָבער ניטאָ קיין פּרינציפּן. טיילמאָל איז אויך אין ענגלאַנד שווער אונטערצושיידן צווישן די קאָנסערוואַטיוון און אַנדערע פּאַרטייען. אָבער דער סאָציאַליזם שיידט זיך אונטער פון אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען דערמיט, וואָס ער האָט ניט קיין זכות הקיום אָן דער אידעע און אָן די פּרינציפּן. דאָס פּאָליטישע לעבן פאַרלאַנגט מאַנכעס מאָל פּאָליטישע פשרות און צופּאַסונג. און אין דעם זין איז געשטאַנען די פראַגע: איז דעם סאָציאַליזם כדאי מקריב צו זיין זיינע פּרינציפּן פאַרן פּרייז פון פאַרשיידענע געווינסן? א י ן ד ע ם זיינען געווען די מיינונגס־פאַרשידנהייטן. כ'האָב שוין דערמאָנט די פראַגע פון פּרויען־וואַלרעכט אין

בעלגיע. מאנכע האָבן געזאָגט: מיר ווילן דערגיין צו אַ גרעסערער השפעה אויף דער מדינה, מיר ווילן מער שטימען, אָבער געבנדיק וואָלרעכט דער פּרוי — האָבן מיר אַ זיכערן פאַרלוסט. און אנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָ האנדלט זיך וועגן פּרינציפּ פון פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיקונג פון דער פּרוי, און בעת דו ווילסט געווינען שטימען — פאַרלירסטו עפּעס וויכטיקעס דערפון. כלומרשט, אַ ויכוח צווישן פּראַקטישע מענטשן און „בטלנים". לויט מיין מיינונג — פּאָליטישע געווינסן וואָס ווערן געקויפט פאַרן פּרייז פון פּרינציפּן, זייער הפסד איז גרעסער פון דעם שכר. אויך די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס זייערע פירער האָבן אין פאַרשיידענע צייטן געזאָגט: „מיר זיינען ניט קיין יידישער שוץ־באַטאַליאָן" — אויך זיי האָבן עס געטאָן צוליב אַ חשבון, האָבנדיק מורא צו פאַרלירן זייער איינפלוס אין עסטרייך. דאָס איז געווען מיט צענטליקער יאָרן צוריק דער אינהאַלט פון דעם גרויסן ויכוח אין סאָציאַליזם, און דאָס האָט, אין אַ געוויסער מאָס, צעטיילט דעם סאָציאַליזם אויף פאַרשיידענע פליגלען. לאָמיך נאָך דערמאָנען דעם ויכוח אין פראַנקרייך אַרום דעם דרייפוס־פּראָצעס. אויך דאָ האָבן זיך געפונען פּראַקטישע מענטשן, וועלכע האָבן געטענה'ט אַז פון דעם שטאַנד־פּונקט פון סאָציאַליזם איז ניט כדאַי אריינצומישן זיך אין אַ פּריוואַטן ענין פון איין ייד, וועלכן מען האָט געטאָן אַן עוולה. מען וועט דאָס אויסנוצן קעגן אונז — האָבן זיי געטענה'ט. און עס האָט זיך געפירט אַ זייער שאַרפער ויכוח צווישן זיי און ז שאָ ן ז שאָ ר ע ס, וועלכער האָט אויפגעוויזן אַז אַ מדינה קען זיך ניט בויען אויף שקר, און אַ סאָציאַליסטישע פּאַרטיי קען ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף די עוולות וואָס מען טוט יידן.

און ווי די פראַגע פון פאָלקס־וואָלרעכט, וועלכער איז ניט געבוירן אין אָנפאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע און האָט ניט עקזיסטירט אין פריערדיקע רעזשימען, אויך ניט אין דער בירגערלעכער ליבעראַלער אָרדע־נונג, נאָר איז געשאַפן געוואָרן דורכן אַרבעטער־קלאַס, אַזוי איז אויך די פראַגע פון דער פרייהייט פון גייסט. די היסטאָרישע וועלט האָט ניט געקענט פיל פרייהייט פון גייסט, הגם זי האָט געקענט פיל קאַמפן פאַר דער פרייהייט פון גייסט. ס'איז כמעט ניט געווען קיין גרויסע באַוועגונג אין דער וועלט, קיין רעליגיע וואָס איז געקומען אויף דער וועלט, וועלכע האָט ניט געקעמפט פאַר גייסטיקער פרייהייט. כ'וועל זיך איצט ניט אומקערן צו דער געשיכטע פון רעליגיע, צום ענין פון דער נבואה און צום אָנהויב פון קריסטנטום. אָבער אויך אין די לעצטע יאָרהונדערטער איז דער גרעסטער און וויכטיק־סטער קאַמף געווען — דער קאַמף פאַר דער גייסטיקער עמאַנציפּאַציע פון דער וועלט, פאַר געבן אַ מענטש די מ ע ג ל ע כ ק י י ט צו דענקען אויך אין קעגנזאַץ צו דער געזעלשאַפט. אויב מיר וועלן פרעגן, ווער זיינען

די דענקער, וועלכע האָבן אממיינסטן באאיינפלוסט דאָס 18־טע און 19־טע יאָרהונדערט, וועלן מיר זען אז דאָס זיינען יענע מענטשן, וואָס האָבן געשאפן די דאָזיקע טראַדיציע אין ענגלאַנד און אין אנדערע לענדער און האָבן זיך מוסר־נפש געווען אויף איין וואָרט, אויף איין אויסדרוק. און איך ווייס ניט, אויב ס׳זיינען דאָ קאַפּיטלען אין דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס דערציילן וועגן די דאָזיקע גייסטיקע העלדן אין אלע שטחים פון דער וויסנשאַפט, רעליגיע, קולטור און סאָציאַלער אָנשויאונג, וועלכע האָבן געווּסט מקריב צו זיין זייער לעבן פאַר דאָס רעכט צו זאָגן זייער וואָרט אנטקעגן דעם הערשער. פון אליהוס „הרצחת וגם ירשת״ און ביז טאָלסטאָיס אַרטיקל „איך קען ניט שווייגן״ — ציט זיך א קייט מיט וועלכער מיר קענען נאָר שטאָלצירן.

מיט וועלכן כוח איז דער סאָציאַליזם אויסגעוואַקסן אין דער וועלט? מיט דעם כוח, וואָס פון דעם ערשטן מאָמענט פון זיין דערשיינונג האָט ער געזען דאָס דאָזיקע רעכט ווי זיין פונדאַמענטאַל רעכט. נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע האָט מען אין די ראַדיקאַלע קרייזן שאַרף קריטיקירט די רעזולטאַטן פון דער רעוואָלוציע. זיי האָבן געזאָגט, אז אלץ איז געבליבן ווי געווען, די אומגערעכטיקייט הערשט ווייטער, און די מענטשן זיינען שלעכט און פאַרדאָרבן. אָבער זיי האָבן צוגעגעבן, אז מינדעסטנס אין איין פּרט איז דאָ אַן ענדערונג: איצט קען מען קעמפן פאַר ענינים און קריטיקירן דערשיינונגען — א זאַך וואָס איז פריער געווען אוממעגלעך.

און איך פרעג: האַלטן מיר הייליק אין אונזער האַרץ די פרייהייט פון גייסט, אין דער זעלבער מאָס ווי דאָס איז געווען אָנגענומען אין די ערשטע צענטליקער יאָרן פון דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק? באַשטימט דאָס דעם ניווא פון דער געזעלשאַפט, די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, די סאָציאַליסטישע דערגרייכונגען? איז אויך אין אונזערע אויגן די פרייהייט פון וואָרט א טייערער ווערט אין דעם מענטשלעכן לעבן, וואָס אָן אים פאַלט די געזעלשאַפט?

אָט, למשל, דער ענין פון טויט־שטראָף. ווער האָט עס פאַרוואַנדלט דאָס אָפּשאַפן טויט־שטראָף אין אַן עיקרדיקן פּראָגראַמאַטישן ענין פון דער „הייליקייט פון מענטשלעכן לעבן״? דאָס איז געווען — דער סאָציאַליסטישער געדאַנק. געווען א צייט ווען יעדע תליה האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע וועלט, און כדי צו ראַטעווען א רעוואָלוציאָנער, אפילו א מענטש וואָס האָט געמאָרדעט אין רעזולטאַט פון זיינע אַנאַרכיסטישע אָנשויאונגען, האָט זיך די גאַנצע סאָציאַליסטישע און קולטור־וועלט איינגעשפּאַנט. און איך ווייס ניט, אויב ס׳איז ביי אונז אזוי אויך איצט. פאַראַן א קליינער העברעאישער ספר, וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט אַכט הונדערט יאָר צוריק — „מבחר

הפנינים", און אין אים רעדט זיך וועגן קעגנערשאפט צום טויט־שטראָף. דאָרט שטייט געשריבן:

„און מען האָט געזאָגט, אַז דער מלך האָט באַפוילן צו הרגענען איין מענטש. האָט איינער פון די וואָס זיצן פאַר אים, געזאָגט: מיין קעניג, דו קענסט טאָן וואָס דו האָסט נאָך ניט געטאָן, אָבער ניט ענדערן, דאָס וואָס דו האָסט געטאָן".

אזוי שטייט געשריבן אין א פאַרצייטיק ספר פון מיטלאַלטער!

און מארקס וואָס האָט געזאָגט?

„די רעוואָלוציע וועט צייגן ווייניקער בלוט־פאַרגיסונג, ווייניקער נקמה און אכזריות, געגנוי אין דער מאָס, אין וועלכער דער פּראָלעטאַריאַט וועט זיין געשטאַרקט דורך סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע עלעמענטן".

דאָס הייסט, אַז אויב ס'וועט זיין א ווילדע איבערקערעניש פון אר־בעטער, וועט זי בהכרח זיין באַגלייט פון בלוטיקער נקמה. אָבער אין דער מאָס אין וועלכער ס'וועט זיין אין דער איבערקערעניש סאָציאַליסטישער און קאָמוניסטישער באַוווסטזיין, וועט זיין אין איר ווייניקער נקמה און בלוט־פאַרגיסונג. אין פּראָגראַם פון „ספּאַרטאַקוס", וואָס ראָזע לוקסעמבורג האָט געשריבן, זאָגט זיך: „...די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע בויטיקט זיך ניט פאַר איר ציל אין קיין שום טעראָר. זי האָסט און פאַראַכטעט יעדן מענטשן־מאָרד". דאָס זיינען באַגריפן ניט נאָר פון פופציק און זעכציק יאָר צוריק, נאָר אויך פון פאַר צוואַנציק יאָר. איך דענק, דאָס די דאָזיקע באַגריפן עקזיסטירן מער ניט אין אונזער מחנה. און איך וויל דערמאָנען נאָך א וואָרט פון ראָזע לוקסעמבורג:

„דער פּרינציפּ פון פרייהייט איז ניט, אַז דו זאָלסט רעדן ווי ס'איז מיר געוווּנטשן, נאָר ווי ס'איז דיר געוווּנטשן".

און לאַסאַל האָט געזאָגט:

„מיטן אמת שטייט מען ניט אויפן מקח, גלייך ווי מען שטייט ניט אויפן מקח מיטן פייער־זייל, וואָס איז געגאַנגען פאַר די בני־ישראל אין מדבר. אָדער אַהין אָדער אַהער".

מיר רעדן וועגן אויפשטייג פון מענטש. דאָס הייסט: מיר ווילן זען דעם מענטש ווי א שטאָלץ באַשעפעניש, פריי, ווערטפול, וועלכער האָט פאַר זיך ניט בלויז די זאָרג פאַר זיין פלאַץ און דעם ווילן צו כבוד און טיטל און רו. אין הארצן ווייסט יעדער איינער, אַז אחוץ דער פאַרשטע־לונג פון א פאַרבעסערטער געזעלשאפט, האָט אים געצויגן דער טיף פון א רעוואָלוציאָנער. מיר האָבן זיך פאָרגעשטעלט א שיינעם מענטשלעכן טיפּ, א מוטיקן און אמתדיקן. דער דאָזיקער טיפּ ליידט ניט קיין שקר און מאַכינאַציעס. אָפענע ליבע, אָפענע שנאה. דאָס איז א מענטש, צו וועלכן

דאָס מיאוסע אין לעבן קלעפּט זיך ניט צו. ניט נאָר איז ער קעגן א געוויסער אָרדענונג. פיל מער פון דעם. און אָט זיינען געקומען טעג אין דער ארבעטער־באוועגונג, ווען די דאָזיקע גייסטיקע געשטאַלט פון א באוועגונגס־מענטש, פון א סאָציאַליסט, איז כמעט פארשוווּנדן. ער איז פארשוווּנדן אויף פאַר־שיידענע אופנים:

אין די כשרע דעמאָקראַטישע לענדער האָט ער אָפּגעטראָטן פאר די גרויסע יוניאָנס, פאר א באשטימטן רעזשים, פאר קאַריעריזם, פאר דער הערשאַפט פון סעקרעטאַרן, פון „באָסן". א פרייע און יוגענטלעך־פרישע באוועגונג פון גלייכע חברים איז פארוואַנדלט געוואָרן אין א מין אונטער־נעמונג, זייער אָן אָרגאַניזירטע, וועלכע פארטיידיקט ארבעטער, אָרדנט איין שטרייקן אאז"וו, און אין איר האָט זיך געשאַפן א מין ביוראָקראַטיע פון דער ארבעטער־באַוועגונג, וועלכע ברענגט מיט זיך פיל אונטערדריקונג, ניט דווקא דורך דירעקטער אונטערדריקונג, נאָר דורך דער אטמאָספער, אין וועלכער דער מענטש פון א רעוואָלוציאָנערער באוועגונג איז פארטוישט געוואָרן דורך א באאמטן, און מעג זיין א באאמטן פון א רעוואָלוציאָנערער באוועגונג.

מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך זיך געטראָפן מיט איינעם פון די גדולים פון אייראָפּעאישן סאָציאַליזם, אפשר דער וויכטיקסטער פאַרשער פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג ערב דער וועלט־מלחמה. ער איז געזעסן אַלס פליט ערגיץ אין א קליינעם האָטעל און האָט מיט פיל חכמה און רעזיגנאַציע אַזוי דערקלערט די דאָזיקע ענדערונג: „היינט צו־טאָג, ווען דו קומסט צו אַן ארבעטער־קאָנגרעס, זעסטו ווי יעדער איינער זיצט און פארשרייבט עפּעס אין א העפט. אָבער איך דערמאָן זיך אין קאָנגרעסן פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל פאַרן קריג: פּלעכאַנאָוו, בערנשטיין, זשאָרעס און אַנדערע. דעמאָלט זיינען געזעסן פ ע ר ז ע נ ל עכ קײ טן, היינט זיצן פּ א ר י י נ ס ־ ס ע ק ר ע ט א ר ן. די ענינים זיינען אין פולסטער אָרדענונג ביי די וואָס פארשרייבן. זיי זיינען ניט געווען אין אָרדענונג ביי יענע, אָבער זיי האָבן ניט גענדאַרפט פארשרייבן. ביי זיי האָט געאַרבייט די מחשבה".

און פאַראַן אַנדערע לענדער, אין וועלכע די דאָזיקע געשטאַלט האָט זיך געענדערט — אויף אַן אַנדער אופן. אַן אייגענע אָריגינעלע מיינונג — דאָס איז ניט א זאַך וואָס באַצייכנט דיין ווערט און פאַרנעם, נאָר א זאַך וואָס איז עלול דיך שטעלן אין א געפאַר. און ניט יעדער מענטש איז גרייט צו נעמען אויף זיך די סכנה פון אַרויסזאָגן א מיינונג. אויב דו שטרעבסט צום אמת און צו אַן אייגענער מיינונג — ווייסטו אַז דאָס איז געפערלעך, און עס איז ניט כדאי, און פאַרטרייבט פון דיר חברים; אויב אָבער דו פּאַסט זיך צו צו דער מיינונג פון די מאַכטהאָבער — ווערסטו א מקורב. און אַזוי

האט זיך אין א ריזיקער ארבעטער־באוועגונג געשאפן א נייער צוגאנג. יענער שטאלצער און מוטיקער מענטש, צו וועלכן מיר האבן אלע געשטרעבט — איז ניט געקומען, און מיר געוווינען זיך צו צום געדאנק, אז דער מענטש צו וועלכן מיר שטרעבן, איז א באאמטער אין דער אדער יענער פארם, וועלכער פארשטייט צו לעבן בשלום מיט יעדן רעזשים.

איך וויל ברענגען א ציטאטע פון די תקנות פון ערשטן אינטערנאציא־נאל. מארקס, זייער מחבר, איז געווען זייער שטאלץ מיט די תקנות. ער האט זיך געריכמט דערמיט, וואס ס'איז אים געלונגען צו פארייניקן ארום זיי אלע טיילן: „די באפרייאונג פון די ארבעטער דארף זיין דאס ווערק פון די ארבעטער זעלבסט. קעמפנדיק פאר זייער פרייהייט, דארפן די אר־בעטער שטרעבן ניט צו דער שאפונג פון נייע פריווילעגיעס, נאר צו דער איינפירונג פון גלייכע רעכט און פליכטן פאר אלע און צו דער אפשאפונג פון יעדער קלאסן־הערשאפט; די באמיאונגען פון די ארבעטער צו דער־גרייכן דעם ציל זיינען ביז איצט געבליבן אן דערפאלג, צוליבן מאנגל אין אחדות צווישן די ארבעטער פון פארשיידענע פראפעסיעס אין יעדן לאנד און צוליבן פעלן פון א ברידערלעכן פראנט צווישן די ארבעטער פון פאר־שיידענע לענדער". ווייטער זאגט זיך אין דעם אויפרוף פון אינטערנאציאנאל: „אלע פאריינען און איינצעלנע מענטשן, וואס שליסן זיך אן אין אינטער־נאציאנאל, באשטימען דעם אמת, די גערעכטיקייט און די מאראל אלס יסוד פון זייער באציאונג צו אלע מענטשן, אן אונטערשיד פון ראסע, גלויבן און נאציאנאליטעט; עס דארפן ניט זיין קיין פליכט אן רעכט, און קיין רעכט אן פליכטן". — איך צווייפל זייער, אויב וועלכע סאציאליסטישע פארטיי אין אונזערע טעג וועט זיין אזוי נאיוו צו זאגן, אז אמת, גערעכטיקייט און מאראל זיינען אירע יסודות.

*

וויליאם מאריס, איינער פון די אריגינעלע ענגלישע סאציאליסטן, וועלכער האט פארפאסט אן אוטאפיע וועגן דער סאציאליסטישער ארדענונג, האט אמאל אויפגעקלערט פארוואס מיר נעגירן יעדע הערשאפט פון מענטש איבער מענטש ווי אן אומגערעכטע ארדענונג. ער האט געזאגט: „דער מענטש איז ניט גענוג דערהויבן, ער זאל זיין ראוי צו זיין א הער איבער אן אנדערן מענטש". וועט זיך געפינען א מענטש, וואס איז דער סימבאל פון יושר און פארנונפט און גערעכטיקייט — וואלטן מיר אפשר געדארפט אים אנערקענען. אבער כל זמן מיר גלויבן ניט אין דער עקזיסטענץ פון אזא מענטשלעך באשעפעניש — נעמען מיר ניט אן די דאזיקע שיטה... מיר דוכט זיך, אז מיט דעם האט מאריס אויסגעדריקט די זעליש־מאראלישע באציאונג פון סאציאליזם צו הערשאפט. דער סאציאליזם שטרעבט אפצושאפן

יעדע הערשאפט. אָבער מיר ווייסן ניט ווי אזוי דאָס צו מאכן, און דערפאר גייען מיר ניט אויף דעם וועג פון די אנארכיסטן. קלאָר, אז מען דארף באגרענעצן די הערשאפט, אז זי זאָל פּילייכט זיין בלויז ווי א קאָמיטעט צום אָנפירן די ווירטשאפט, כדי די ארבעט זאָל זיך איינאָרדענען. במשך די לעצטע הונדערט יאָר זיינען פארוואנדעט געוואָרן פילע כוחות, כדי צו דערשיטערן די הערן־באגריפן: סיי הערשאפט אויפן יסוד פון אריסטאָקראַטישקייט סיי אויפן יסוד פון פארמעגן. און איך פרעג: איז איצט אונזער געדאנק ווירקלעך טעטיק אויף צו לייזן געזעלשאפטלעכע פראגן מיט א טענדענץ צו מאקסימום פרייהייט און מינימום הערשאפט פון מענטש איבער מענטש, כדי ניט צו קאָנצענטרירן די מאכט אין איין האנט, נאָר פונאנדערטיילן זי ווי מעגלעך אויף א ברייטערן שטח?

אין ברייטע קרייזן פון סאָציאַליזם האָט תמיד געהערשט א שטארקע קעגנערשאפט צו יעדער קאָנצענטראציע פון מאכט. די אידעע איז געווען: א וואָס מער פעדעראליסטישע אָרדענונג; קאָמונעס, שטעט, דיסטריקטן, וואָס באפרידיקן מאקסימום באדערפענישן. די הערשאפט איז פון אונטן. פאר מער אלגעמיינע באדערפענישן, צווישן קאָמונע און קאָמונע, צווישן דיסטריקט און דיסטריקט, וואָס די איינצעלנע צעלע קען ניט באפרידיקן — צו דעם וועט גערופן ווערן דער גרויסער כלל.

געווען נאָך א באגריף: קאמף קעגן ביוראָקראַטיע. א מענטש וואָס דארף דינען אלס פאָרשטייער פון כלל, מוז געוויילט ווערן דורכן כלל און געניסן פון זיין פארטרויען. אזוי ארום וועט ניט זיין קיין אָרט פארן יצר פון הערשאפט, פון אונטערדריקונג און אויסנוצונג פון אמט פאר פריוואטע אָדער ניט־פריוואטע צוועקן — אין קעגנזאץ צום ווילן פון די וויילער. מען דארף דאָס אויסראָטן דורך א באגרענעצונג פון דעם כוח פון דער ביוראָקראַטיע, דורך א באגרענעצונג פון דער נאָמינירטער באאמטנשאפט. דער דערוויילטער דארף ניט זיין איבער דעם וואָס האָט אים געוויילט, און ער ווערט ניט געוויילט אויפן גאנצן לעבן — נאָר אויף א באשטימטן צייטפעריאָד.

לענין האָט געהאט נאָך א ראדיקאלערע מיינונג אין דער פראגע. ער האָט געזאָגט, אז די מאכט דארף ניט געהערן צו איין באזונדערער שיכט, א מיוחסדיקער און פעאיקער; און דער מענטש וואָס ווערט געוויילט צו אַן אַמט, דארפן די וויילער אים קענען אָפּרופן יעדן טאָג.

און איך פרעג זיך: וואָס וועלן מיר טאָן, ווען מיר וועלן האלטן ביים איינאָרדנען א מדינה? וועלן מיר אויך איצט, נאָך דעם אלעם וואָס מיר האָבן דורכגעמאכט, בלייבן טריי דער אָנשויאונג פון אָפּשאפן יעדע אויבערהערשאפט, אזוי אז דער מענטש וועלכער פירט אָן מיט די ענינים, פירט

ער זיי אָן בשעת דאָס איז זיין אויפגאַבע, אָבער בשעת ער פאַרלאָזט דעם אַמט איז ער א חבר צוגלייך מיט מיר און ער דאַרף איבער מיר ניט הערשן; וועלן מיר טריי בלייבן דעם געדאַנק, אַז די אויסדערוויילטע קענען געוועקסלט ווערן דורך א פאַרזאַמלונג איין מאָל אין צוויי אָדער דריי יאָר... חכמים האָבן אַמאָל געפירט א ויכוח — וואָס קומט פריער: די תורה פאַרן פאָלק ישראל אָדער דאָס פאָלק ישראל פאַר דער תורה; איז שבת באַשאַפן געוואָרן פאַר ישראל, אָדער ישראל פאַרן שבת? און אונזערע חכמים האָבן געזאָגט: ישראל קומט פאַר אַלעמען... ווי קען מען דערקלערן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז דער טרעגער פון א היסטאָרישער שליחות און גלייכ־צייטיק ניט האָבן קיין צוטרוי צו אים? ווי פּאַסן זיך די צוויי טעאָריעס צוזאַמען? און ווידער, איך באַשעפטיק זיך ניט מיט היסטאָרישע אויפקלע־רונגען פאַר וואָס עס איז אַזוי. אָבער איך וויל אונטערשטרייכן, אַז פון דער טעזע אַז איין מענטש דאַרף ניט הערשן איבער א צווייטן, זיינען מיר דערגאַנגען צו דער איינשטעלונג, אַז ס'איז אוממעגלעך דורכצופירן וויכטיקע זאַכן ווי נאָר דורך א שטרענגער מאַכט, וועלכע איז ניט געוויילט פון דעם פאָלק, זאָגאָר ניט פון דעם אַרבעטער־קלאַס אָדער דער פּאַרטיי, נאָר א מאַכט, וואָס זי ווילט דאָס פאָלק, די פּאַרטיי און דעם אַרבעטער־קלאַס. מיר לעבן אין א תקופה, ווען ניט דאָס פאָלק ווילט זיין רעגירונג, נאָר די רעגירונג ווילט דאָס פאָלק.

די אַרבעטערשאַפט און די אינטעליגענץ

[פון א פאָרטראַג אויפן פערטן צוזאַמענפאָר פון דער הסתדרות אין יאָר 1934, אויף דער טעמע: „אונזער קולטור־אַרבעט"]

אינערהאַלב דער קולטור־פּראָבלעם פון דער אַרבעטער־באַוועגונג איז נאָך דאָ די פּראָבלעם פון דער אינטעליגענץ, וואָס ביידע צדדים מאַטערן זיך מיט איר. דאָ איז א מין טראַגישער ראָמאַן, א זיווג וואָס איז נאָך ניט מזלדיק. אייגנטלעך, קיין שום קלאַס אין דער וועלט, — אויב ניט נעמען אין אַכט דעם קאַפּיטאַליזם אין די טעג פון זיין אויפבלי, ווען ער איז געווען להוט נאָך דער טעכנישער אינטעליגענץ, — איז ניט געווען אַזוי פאַראינטערעסירט אין כוחות פון וויסנשאַפט און בילדונג און קונסט און דערציאונג, ווי די אַרבעטערשאַפט. און מיר זעען טאַקע, אַז ווען די אַרבעטערשאַפט דערוואַכט און טרעט אַרויס אין געזעלשאַפטלעכן קאַמף, שטייען צו איר צו משכילים, שרייבער, פּאָעטן און קינסטלער. און דאָך, — דאָך האָבן זיך בלויז גאָר

ווייניקע גייסט־מענטשן מיט לייב־און־לעבן באהעפט מיט דער ארבעטער־באוועגונג, האָבן מיט איר מיטגעמאַכט אַלע אירע צרות און האָבן זי ניט פאַרלאָזט אין טעג פון נסיון און אַפּהענטיקייט.

בדרך־כלל האָט די באַגעגעניש פון די צוויי צדדים ניט געבראַכט צו אַ פולקאָמער דערגענטערונג. נאָך מיט יאָרן צוריק האָבן שרייבער און דיכטער געקלאָגט אויף דעם תהום און אויף דער פרעמדקייט צווישן דעם „שוואַרצן" ברודער און דעם „ווייסן" ברודער, וואָס קענען זיך ניט דער־נענטערן. פון איין זייט האָט די אינטעליגענץ, וואָס שטאַמט פון „העכערע" געזעלשאַפטלעכע שיכטן, געבראַכט מיט זיך פאַרשיידענע גייס־טיקע און געזעלשאַפטלעכע העמונגען: פאָדערונגען און פּרעטענזיעס און געוווינהייטן, אויף וועלכע זי איז ניט גרייט צו פאַרציכטן. דער צוגעשטאַנע־נער אינטעליגענץ פעלט זייער אָפט גייסטיקע גאַנצקייט, עס פעלט איר די פעאיקייט צו באַהעפטן זיך מיט דער אַרבעט, מיט דער אויפגאַבע, מיט דער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט און עס פעלט איר דער כוח צו ברענגען מאַ־טעריעלע און סאָציאַלע קרבנות (די וואָס פאָדערן זיך ניט פון דעם באַטירלעכן אַרבעטער, ווייל זיי פאַלן אויף אים במילא, אַ דאַנק זיין לאַגע). און פון דער צווייטער זייט — האָט די אַרבעטערשאַפט ניט שטענדיק פאַר־שטאַנען, ווי אַזוי אויפצונעמען די גייסטיקע עלעמענטן, וואָס האָבן געזוכט אַ וועג צו איר. און אויף וויפל די אַרבעטער־באַוועגונג האָט איינגעשרומפּט איר קולטורעלן האָריזאָנט, אויף וויפיל זי האָט געפּענטעט איר גייסטיקן לעבן און האָט זיך געיאָגט נאָך „ממשותדיקע" נצחונות — אויף אַזויפיל איז זי דורכגעפאַלן מיט קאַריעריסטישע אינטעליגענטן, וואָס באַטראַכטן דעם אַר־בעטער־קלאַס אַלס אַ שפּרונג־ברעט פאַר זייער אויפשטייג, און אויף אַזויפיל האָט זי פאַרשלאָסן דעם וועג פאַר פרייע, גייסטרייכע, אומאָפּהענגיקע כוחות, וואָס זוכן נייע וועגן. עס איז ניט קיין צופאַל, אַז ווען די אַרבעטער־באַווע־גונג האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן, האָבן מיר אין איר און אַרום איר געזען גרויסע פּערזענלעכקייטן, ווי די ערשטע אוטאָפּיסטן און ווי העס, פּרודאָן, הערצען, לאַסאַל, מאַרקס. און גאָר אַנדערש זעט עס אויס אין דער שפּעטערדיקער תקופה. די יאָרן פון אויפבלי האָבן געבראַכט בלויז תלמידים, עפּיגאָנען, מיטלמעסיקע מענטשן. עס איז דאָך ניט אָנצונעמען, אַז אין די לעצטע פופציק יאָר זיינען ניט דערשינען קיין גאונים, באַוואָטאָרן. זיי זיינען דערשינען אין וויסנשאַפט, אין טעכניק, אין פילאָזאָפיע, אין דיכטונג. און ווי אויסטערליש זעט עס אויס, דאָס די הערשנדיקע אַנשויאונג פון דער רעליגיעזער וועלט, וועלכע גלויבט, אַז „די ערשטע זיינען געווען געגליכן צו מלאכים", הערשט אויך אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע האָט קאַנאָ־ניזירט איר עבר און אירע ערשטע פירער, באַנוגנדיק זיך איצט מיט מיטל־

מעסיקייטן. ניט שוין איז אין די פופציק יאָר פון א גרויסער קעמפנדיקער באוועגונג ניט געוועזן קיין פלאַץ פאַר גאונים פון גייסט?

אפשר איז אויך דאָ איינער פון די סודות פון דער שוואַכקייט פון דער באוועגונג. אודאי באַקומט קיין שום באוועגונג ניט קיין גאונים לויט אַ באַשטעלונג. און די מיטאַרבעט פון שעפער און קולטור־מענטשן קריגט מען ניט דורך חניפה צו דעם אָדער יענעם שרייבער אָדער דיכטער, וואָס ווילן אויפגעריכט ווערן ביי די אַרבעטער. אָבער דערוייטערונג פון חניפה און צופאַסונג — איז איין זאַך, און גייסטיקע ענגהאַרציקייט — איז אַן אַנדער זאַך. ניט קליין איז די צאָל פון גרויסע פערזענלעכקייטן, וואָס אַ דאַנק זייער אידעאישער אומאָפּהענגיקייט זיינען זיי אָפּגעשטויסן געוואָרן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

קלאַסן־זעלבסטשטענדיקייט

א סך מענטשן באַמיען זיך מיטן גאַנצן כוח פון זייער שכל אַריינצוגיסן אַ לעבעדיקע ווירקלעכקייט אין די פורעמס פון פאַרגליווערטע באַגריפן. די קלאַסן־זעלבסטשטענדיקייט פון דעם אַרבעטער איז ניט קיין הייליקע דאָגמע; אדרבא — זי איז אַ דינאַמישע דערשיינונג, וואָס וויל זיך ניט אַריינקוועטשן אין דעם סדום־בעטל פון קאָנסערוואַטיזם. די זעלבסטשטענדיקייט הייבט זיך אָן דאָרטן, ווו עס הייבט אָן צו אַנטשטיין דער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער שטעלט זיינע ערשטע טריט אין אַ געזעלשאַפט, וואָס נעגירט אים, איז אים מבטל, שטויסט־אָפּ, פענטעט. זיין זעלבסטשטענדיקייט שטייגט פון אינוויניק צוגלייך מיט זיין וואַקסן אַלס אַ כוח, מיט זיין דערגרייכן קראַפט. און זי ווערט נאָך שטאַרקער דאַן, ווען דער אַרבעטער־קלאַס ווערט אַ הויפּט־כוח אין דעם לעבן פון דער געזעלשאַפט — אַ כוח אַן איינפלוסרייכער, אַ וועג־ווייזער, אַזאַ וואָס רעגולירט דעם נאַציאָנאַלן לעבן. אָבער ניט שוין וועט אין אַלע עלטערס, אין אַלע סיטואַציעס די אַרבעטער־זעלבסטשטענדיקייט האָבן די זעלבע פאָרם? ניט שוין וועט די קלאַסן־זעלבסטשטענדיקייט ניט אויסטאָן די קינדער־קליידער און אַנטאָן קליידער, וואָס זאָלן זיך פאַסן צום רייפן עלטער?

אפילו אין דעם לעבן פון אַן איינצעלנעם מענטש קען מען אונטערשיידן צווישן די דערשיינונגען פון שטרעבונג צו זעלבסטשטענדיקייט — ביי אַ קינד, וואָס שטייט אַנטקעגן אַ דריקנדיקער און אויפצווינגנדיקער סביבה, און ער בונטעוועט, שרומפּט זיך איין, פאַרשליסט זיך אַנטקעגן דער סביבה, און

צווישן די דערשיינונגען פון זעלבסטשטענדיקייט און פארטיידיקונג פון דער זעלבסטשטענדיקייט ביי א מענטשן א דערוואקסענעם, וואָס דעראָבערט פאַר זיך א פלאַץ, זייענדיק זיכער אין זיינע כוחות, און ער קעמפט פאַר זיין שאפונג און פאַר דער אויסברייטערונג פון זיין השפעה־קרייז. א קינד, וואָס פארטיי־דיקט זיך מיט זיינע קינדערשע מיטלען, רופט ביי אונז ארויס סימפאַטיע; אָבער ווען א דערוואַקסענער מענטש באנוצט זיך מיט קינדערשע פארטיי־דיקונגס־מיטלען, מאכט ער אויף אונז אַן איינדרוק פון א שוואכן מענטש, וואָס ליידט פון א מינדערווערטיקייט־געפיל.

ווען דער ארבעטער־קלאַס הייבט זיך נאָר אָן צו קאָנסאָלידירן אלס א זעלבסטשטענדיקער כוח, זיינען זיינע גייסטיקע און אָרגאניזאַציאָנעלע כוחות געווענדעט צו אלץ דאָס, וואָס עס אונטערשיידט אים פון דער איבע־ריקער געזעלשאַפט. צייטנווייז מאכט ער זיך ניט וויסנדיק פון דאָס געמיינזאמע מיט די אנדערע, און אָפטמאָל שאצט ער פאַלש אָפּ דאָס אלגעמיינע. אויף אים ליגט נאָך ניט די אחריות פאַרן כלל. ער באַ־טראַכט זיך אזוי, ווי ער וואָלט קיין חלק ניט געהאַט אין דער געזעלשאַפט, ווי ער וואָלט ניט געהאַט קיין פאָטערלאַנד, ווי ער וואָלט געווען א פאָלק־לאָזער קלאַס. און די הויפּט־טרייב־קראַפט אין זיין לעבן איז — די באדער־פעניש צונויפצונעמען זיך — אלע ארבעטער צוזאמען — און קאָנסאָלידירן זיך אלס א כוח, א זעלבסטשטענדיקער כוח. אָבער ווען די ארבעטערשאַפט דערגרייכט א מדרגה פון א כוח, פון א פאַקטאָר אין דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, קען זי ניט פאַרבלייבן אויפן ערשטן שטאַפּל פון איר זעלבסטשטענדיקייט, דער איזאָלאַציע־שטאַפּל. סיי אין איר באַוווסטזיין און סיי אין איר טאַט, ווערט זי א שותף מיט דער געזעלשאַפט, אפילו ווען זי שטייט אין א שווערן געראַנגל מיט איר. און ווען איר כוח שטייגט נאָך מער און זי הייבט אָן צו קעמפן פאַר א דעציזירנדיקן פּלאַץ אין לעבן פון דער געזעלשאַפט און אין דער פאָרמירונג פון דער געזעלשאַפטלעכער געשטאַלט — שטאַרקט זיך אויך איר שותפות מיט דער געזעלשאַפט און עס שטייגט איר אחריות פאַר דער געזעלשאַפט. איר קלאַסן־איזאָלאַציע פאַרשווינדט ביסלעכוויַיז. איר זעלבסטשטענדיקייט צעטרענט אירע קינדער־קליידער. זי דאַרף שוין האָבן נייע קליידער, — קליידער פון א רייפער און זיגנדיקער באַוועגונג. די ריי־פע זעלבסטשטענדיקייט פון דעם ארבעטער־קלאַס אַנט־פּלעקט זיך ניט אין איזאָלירונג פון דעם פאָלק. נאָכדעם ווי דער ארבעטער־קלאַס דערגרייכט א מדרגה פון כוח, האָט ער קיין מורא ניט צו זיין „אויסגעמישט” מיטן גאנצן פאָלק, טאָמער וועט זיין באַדייטונג דורכדעם חלילה געמינערט ווערן אָדער טאָמער וועט זיין קלאַסן־זעלבסט־שטענדיקייט פאַרטוישט ווערן. אדרבא, ער ווערט להוט נאָך אקטיוון אריינ־

מישן זיך אויף צו פאַרריכטן די פעלערן פון דער געזעלשאַפט, כדי צו ריכטן זי לויט די באַדערפעינישן פון דעם גאַנצן פאָלק, און ניט דווקא לויט די אינטערעסן פון די „אויסדערוויילטע" קלאַסן, אַז כדי אַרויפצולייגן דעם שטעמפּל פון דעם אַרבעטער אויפן לעבן פון דעם גאַנצן פאָלק. אין דעם דערשיינט די קלאַסן־זעלבסטשטענדיקייט פון אַרבעטער.

און ווער עס קומט אין דער דאָזיקער תקופה און פאָדערט אין נאָמען פון קלאַסן־אומאָפּהענגיקייט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס זאָל פאַרשמעלערן דעם קרייז פון זיין באַאָבאַכטונג און זיינע אינטערעסן — פירט ער ניט דעם אַרבעטער־קלאַס פאָרויס, צו נייע דעראָבערונגען, צו זיין אַן אַנטשיידנדיקער פאַקטאָר אין לעבן פון פאָלק. ער באַמיט זיך פאַקטיש צוריקצוקערן אים צו זיין קינדהייט.

די זעלבסטשטענדיקייט פון דעם אַרבעטער־קלאַס ווערט ניט גרעסער דורך גרויסהאַלטעריי. „אני ואפסי עוד", „קיינער איז ניט גלייך צו מיר" אָדער דורך „ווער איז בעסער מיר — איז אַ פּיינט". די מאַכט פון אַרבעטער־קלאַס אין זיין פאָלק וועט ניט וואַקסן דורך דעם, וואָס ער וועט זיך באַציען מיט ביטול און וועט אויסדרייען דעם רוקן צו אַלע די, וואָס ווירקן אַרום אים. מיר האָבן געזען, ווי אַזוי די מערב־אייראָפּעאישע אַרבעטערשאַפט איז באַשטראָפט געוואָרן דערפאַר, וואָס זי איז אַ צו לאַנגע צייט — אַ צו לאַנגע צייט — געשטאַנען מיטן רוקן צום פּויערטום. די פּ אַ ק ט י ש ע קלאַסן־זעלבסטשטענדיקייט הענגט ניט אָפּ פון דעם, ווי אַזוי ספּעציליסטן פון טיטלען־פּאַרטיילונג וועלן אויסטיילן די קלאַסן־טיטלען. אַלץ, וואָס עס ברענגט צו דער אַלגעמיינער פאַרשטאַרקונג פון דער אַרבעטערשאַפט — אַלס געזעלשאַפטלעכע איינהייט; אַלץ, וואָס עס פאַרפעסטיקט די עקזיסטענץ פון דעם אַרבעטער און באַרייכערט זיין גייסט; אַלץ, וואָס עס עפנט פאַר דעם אַרבעטער וועגן צו די מאַסן און דערווערבט דעם צוטרוי פון די מאַסן; אַלץ, וואָס עס מאַכט אים אַ מער פילבאַרער שותף און אַ מער דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין לעבן פון פאָלק — אַלץ דאָס פאַרשטאַרקט זיין קלאַסן־זעלבסטשטענדיקייט.

.1944

היסטאָרישע געשטאַלטן

הערצל

נישטא אין אונזער צייט קיין מער באַרימטער און פאַרערטער נאָמען ביים פאָלק ווי הערצלס. ניטאָ קיין נאָמען, וואָס זאָל מער ווי דער נאָמען הערצל אויסדריקן די היסטאָרישע טענדענץ פון אונזער תקופה — די באַ־נייטע י צ י א ת מ צ ר י ם. דער נאָמען הערצל דינט ווי אַ פאָן פאַר גרויס־ציוניזם, פאַר ציוניזם פון קיבוץ גלויות, פאַרן טעריטאָריאַל־פּאָליטישן ציוניזם, וואָס שטרעבט צו שאַפן ניט א מוזעאום און א קולטורעלע זומער־וווינונג פאַר רייכע און פיינשמעקער, נאָר שטרעבט אויסצולייזן דאָס יידישע פאָלק און די יידישע מאסן פון אָרעמקייט, רדיפות און פּאָגראָמען, דער־דריקונג און שאנד, ארבעטס־ און פרנסה־לאָזיקייט, אָפּהענגיקייט פון פרעמדע. ניטאָ אזא נאָמען ווי הערצל, וואָס זאָל סימבאָליזירן דעם הייליקן אומרו, דעם שטענדיקן פייער, דעם געראנגל מיט די מעכטיקע שטערונגען, די דרייסטע, פאַר קיין זאך זיך ניט אָפּשרעקענדע שטרעבונג טאָג־איין טאָג־אויס, שעה־איין שעה־אויס, צו דער פ א ר ו ו י ר ק ל ע כ ו נ ג.

אָבער נישט אומזיסט האָט דאָס פאָלק אזוי באַוווּנדערט הערצלען. הערצל האָט דערפאַר באַצאָלט א פולן פרייז. ער האָט געגעבן אלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט: די רייכקייט פון זיין גייסט, די גוטסקייט פון זיין האַרץ, זיין הייסע ליבע און שטאַרקן ווילן, זיין עבודת פרך, דעם שלאָף פון זיינע נעכט, אלע זיינע געפילן און זיין גאַנץ פאַרמעגן, דאָס געזונט פון זיין משפחה און דעם גורל פון זיינע קינדער, און צום סוף — זיין לעבן. הערצל האָט באַדאַרפט דעראָבערן די הערצער פון די מעכטיקע און געווינען די אונטערשטיצונג פון די מדינות פאַר זיין גאולה־געדאַנק, פאַר דעם „יידנשטאַט”. אָבער איידער ער וועט דעראָבערן די הערצער פון די פרעמדע, האָט ער געדאַרפט דעראָבערן דאָס האַרץ פון זיין פאָלק. האָט ער געקלאַפּט אין די הערצער פון די גבירים, רבנים, פרנסים, אָבער די דאָזיקע טויבע ווענט האָבן זיך פאַר אים ניט געשפּאָלטן. איז ער דאַן געגאַנגען

צו די פאָלקסמאַסן, צו די אָרעמע פון זיין פאָלק, צו דער יוגנט, — און האָט זיי דעראָבערט. ער האָט זיי דעראָבערט מיט דעם שטורעם פון זיין אנטפלעקונג, דורך דאָס ווערק פון זיין לעבן — און דורך זיין טויט. זיי האָבן דערפילט: דאָס איז ער! זיי האָבן זיך צוגעקלעפט צו אים מיט זייער גאנצן הארצן, און זיינען געגאנגען אָן קווענקלעניש נאָך דעם בלענדענדיקן ליכט. דאָס בילד פון זיין קורצן לעבן איז דערגאנצט געוואָרן דורך זיין טויט. וואָס ניט אלע האָבן געוואָלט אָדער געקענט דערקענען אין זיין דערשיינונג און אין זיין לעבנסווערק, האָט זיך אַנטפלעקט אין ליכט פון זיין בליץ־טויט.

ער האָט געגעבן א סך מער פון דעם וואָס ער האָט פארשפּראָכן. ער האָט פארלאָזט די וועלט אינמיטן פון זיינע טעג, אָבער מיט זיינע ווייניקע ציוניסטישע יאָרן האָט ער טיף פאראקערט דאָס ציוניסטישע פעלד און איבערגעלאָזן א טיפן שניט אין דער יידישער געשיכטע. ער האָט ניט געשניטן מיט געזאנג, אָבער ער האָט געלאָזט אויפבליען דאָס פארזייטע. קיין פּאָליטישע הצלחה האָט ער ניט געהאט, אָבער ער האָט באשאפן א פּאָרבאדינג פאר יעדער דערגרייכונג: א יידיש־פּאָליטיש וועזן. א יש מאין. ביז אים זיינען געוועזן יידן פּאָליטיקער, פּאָליטיקער ביי פרעמדע פעלקער, וועלכע פלעגן אַמאָל, אויב זיי האָבן געהאַט אַ גוט האַרץ פאר זייערע ברידער, זיך באנוצן מיט זייער לאנדס־פּאָליטיק אָדער מיט זייער פּערזענלעכער שטעלונג לטובת ישראל. קיינער פון זיי האָט ניט געוואָלט זיין א יידישער פּאָליטיקער, קיינער פון זיי נישט געוואַגט צו טרוימען וועגן א יידישער פּאָליטיק. און ער, א שרייבער און דיכטער, אָן שטעלונג און אָן א פארמעגן, אָן פארבינדונגען און אָן אלץ, דערשיינט א גוטן פרימאָרגן אלס א יידישער פּאָליטיקער. א זון פון אונטערדריקטן און באליידיקטן פאָלק צינד זיך אליין אָן מיטן ברען פון דער פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט, און מיט דעם כוח פון דעם פלאַם ווערט ער דער בוימייסטער פון א מדינה און דער שעפער פון א פּאָליטיק פון א צעזייטן און צעשפרייטן פאָלק. א קינד פון א דור וואָס האָט פארלייקנט זיין פאָלק, א קינד פון אַ פאָלק וואָס האָט זיך אליין מבטל געווען, אנטפלעקט ער אין זיין הארצן אין איין טאָג אומפארגעסלעכע חלומות וועגן גאולה, דערשטיקטע שעפערישע כוחות פון דורות גאנצע, און ער גיסט זיי אויס אין שטאָל און פורעמט אויס באָדנלאָזע בענקשאפטן אין א פּאָליטישן ווילן, אין א שטארקן ווילן, וואָס וועט ניט רוען, ביז ער וועט נישט דערפילן זיין שליחות. ער האָט ניט דערגרייכט די הסכמה פון סולטאַן, אויף וועלכער עס האָבן די קינדער פון זיין דור אין זייער נאַיוויטעט און קורצזיכטיקייט געלייגט זייער גאנצע האָפענונג. ער האָט געהאט א סך אנטוישונגען און דורכפאלן אויף זיין גאנצן וועג, אָבער ער האָט זיך אליין געבראכט אלס א קרבן פארן פאָלק, א

לעבעדיקער ביישפיל, וואָס איז ניט משלים מיט א לעבן פון געטאָ, פון אַן אלטן צי א נייעם געטאָ.

*

עס האָבן דורות פון זיין הארצן ארויסגעשריען. הערצל האָט גערעדט ניט מיט קיין רעטעניש אָן מליצות. ביי דער דערעפנונג פון ערשטן קאָנ־גרעס האָט ער געזאָגט: „אונזער זאך איז אזוי מעכטיק, וואָס מען קען ניט אנדערש וועגן אירריידן סיידן מיט די סאמע איינפאכסטע ווערטער". און טאקע פשוט האָט גערעדט הערצל, וועלכער האָט פאָרויסגעזען די אָנקומענ־דיקע קאטאסטראָפעס, געזען דעם ברעג פון דער גאולה און געטראָגן אין זיך דעם גלויבן אין די שאפנדיקע פאָלקס־כוחות.

ער האָט ניט גערעדט וועגן זיין ליבע און רחמנות, נאָר זיין האַרץ האָט געפלאקערט מיט ליבע און מיטלייד צום כלל און פרט. בשעת זיין דיפלאָמאטישער נסיעה קיין ארץ־ישראל אויף א באגעגעניש מיטן מעכטיקן דייטשן קייזער, פאראינטערעסירט ער זיך מיט אַן אָרעמער פרוי — א ניט־לעגאלע עולה — זאָרגט און העלפט איר אויסמיידן די גזירות ביים אָנקומען אין לאנד.

ער רעדט ניט אָפן וועגן זיינע ליידן און קרבנות, אָבער ער האָט זיי טאָג־טעגלעך, קלענערע און גרעסערע. הערצל גיט אָפּ זיין מאַרך און פלייש, ברענגט זיך זעלבסט אויפן מזבח, פארברענט זיך אין גאנצן, און ביזן לעצטן נשמה־אָטעם שפּייזט ער די באוועגונג מיט זיין ווארעמקייט און ליכט.

און זיי, די מענטשן פון זיין דור, אָנהענגער און קעגנער, גייען אין זיין ליכט, זיינען פון אים באצויבערט, בונטעווען זיך קעגן זיין הערשאפט און זעען אים אין זיין גרויסקייט און אין זיינע דורכפאלן, זעען און ווייסן ניט וואָס זיי זעען.

*

דער דור, וואָס האָט געלעבט מיט הערצלען, געזען זיין צויבער און געטרויערט איבער זיין טויט א סך יאָרן נאָך דעם — דער דאָזיקער דור טראָגט אין זיך זיין געשטאלט און זויגט פון זיין לויטערקייט, אפילו ניט ווייסנדיק געגוי דעם אוצר פון זיינע געדאנקען, טראכטעניש און וויזיעס. אָבער מען קען מורא האָבן, אז דער קומענדיקער דור וועט וויסן פון הערצלען בלויז אלס נאמען, אלס לאָזונג און פאָן, העכסטנס אלס א שיינע לעגענדע.

די אויבערפלעכלעכע נאציאָנאלע פראזע, וואָס רינגלט אונז ארום, איז עלול צו פארוואנדלען די רייכסטע גייסטיקע גיטער אין שערבלעך און

אויסליידיקן פון יעדן אינהאלט אונזערע בעסטע מענטשן. עס איז דאָ א חשש, אז דער קומענדיקער דור וועט הערצלען ניט קענען און וועט ניט פארשטיין דעם גייסט פון הערצלען, דעם מענטשן, דעם דיכטער און נביא, דעם דענקער און געזעצגעבער, דעם פירער און דעם קרבן.

אין דער ציוניסטישער ווירקלעכקייט שטויסן מיר זיך אָן ניט איינמאָל אויף דער פארקריפלונג פון הערצלס געשטאלט, א פארקריפלונג במזיד און צוליב מאנגל אין וויסן. מען וויל הערצלען ארויסשטעלן אלס סימבאָל פון אבסטראקטן נאציאָנאַליזם, וועלכער לענקט זיך ניט רעכטס אָדער לינקס (דער עיקר, פארשטענדלעך לינקס!) — א נאציאָנאליזם, וואָס פארלייקנט דעם טיפן צוזאמענבונד צווישן צושטאנד פון פאָלק און די עקאָנאָמישע געזעלשאפטלעכע באציאונגען אין אים. הערצל האָט דאָך אויף זיך זעלבסט געזאָגט: „איך בין דער מענטש פון די אָרעמע". נאָך א פארזאמלונג פון יידישע ארבעטער אין ווייטשעפעל, שרייבט ער אין זיין טאָגבוך: „כ'האָב אָנגענומען א פעסטן באשלוס צו זיין שטענדיק ראוי וואָס מער און מער צו זייער ליבשאפט און גלויבן". צו וואָס פאר א געשטאלט וועלן מיר איצט פאַרגלייכן די פיינט פון די ארבעטער, וועלכע פארוויקלען זיך אין הערצלס מאנטל?

הערצל פלעגט פארמיאוסן יעדן נאציאָנאלן שאָוויניזם. אין זיין טאָג־בוך האָט ער געשריבן: „מיין צואה פארן יידישן פאָלק — בויט אייער מדינה אזוי, אז דער פרעמדער צווישן אייך זאָל זיין צופרידן". ער איז געווען פול מיט זאָרג וועגן די באציאונגען צווישן די יידן און דער אָרטיקער באפעל־קערונג און געזוכט א בכבודיקן און פרידלעכן אויסוועג. צי דען קען מען מיט זיין נאָמען פארדעקן א גאוהדיקן, קריגערישן און קריג־זוכנדיקן נאַ־ציאָנאליזם?

אין הערצלס נאָמען וויל מען אונז איינריידן, אז דער „לויטערער" ציוניזם איז „נייטראל" לגבי דער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, און אז יעדע שטרעבונג אויפצובויען ארץ ישראל אויף יסודות פון ארבעט און געזעל־שאפטלעכער גערעכטיקייט איז א „פארראט". אָבער הערצל זעלבסט איז געווען גאָר א שארפער קעגנזאץ צו אָט דער פאלשער אויפפאסונג.

הערצל האָט געזען אין דעם „יידנשטאַט" איינע פון די וויכטיקסטע אָנשטרענגונגען אויסצוהיילן די ווונדן פון דער וועלט. ער האָט אין איר איינגעזען דעם קינד פון א תקופה, באהאָפטן מיט די בייסטע טעכנישע דער־גרייכונגען און סאָציאלע אויסבעסערונגען פון דור. ער האָט ניט אויפגעפאסט די סאָציאליסטישע קאָנצעפּציע אזוי ווי זי איז, ער האָט אָבער גלייכצייטיק שארף קריטיקירט די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג, די פאראָרעמונג פון די מאסן און זייערעליידן, די געפאלנקייט און נארישקייט פון די געלט־מאגנאטן, די

עלנדקייט פון די ליידנדע און די גאוה פון די הערשער. בעתן צווייטן קאָנ־גרעס האָט הערצל אויסגערופן: „די אלע צווישן אונז, וועלכע זענען גרייט אָפּגעבן זייער לעבן פאר דער זאך, וועלן שטארק באַזויערן, אויב זיי וועט געלינגען צו גרינדן בלויז א נייע געזעלשאפט, אָבער ניט קיין מער גערעכ־טע". ער האָט דאָך געוואָלט, אז דאָס אויסגעוויילטע לאנד זאָל זיין אויך אַן ארבעטס־לאנד.

ניין, מיר וועלן זינדיקן לגבי הערצלען און לגבי דעם ציוניזם, אויב הערצל וועט ביי אונז פארבלייבן בלויז אַ שיינער נאָמען. די פארגאנגענע 30 יאָר פון דעם טאָג נאָך זיין טויט האָבן איבערגעשפרייזט אייניקע דורך אים אָנגעמערקטע נאָענטע עטאַפּן, אָבער גלייכצייטיק האָבן זיי בארעכטיקט און באשטעטיקט זיין נבואה, פאָרויסגעזען אויף דור־דורות. אָבער זיין וויזיע איז נאָך ניט פארווירקלעכט געוואָרן. ער האָט אנטפּלעקט דעם דאמף — די יידישע צרות; ער האָט געשאפן דעם מאָטאָר — די ציוניסטישע באוועגונג; ער האָט געוויזן דעם ברעג — די ארבעטנדיקע געזעלשאפט אין היימלאנד. צו דעם ברעג שטרעבן מיר. מיר זיינען נאָך אָבער צו אים ניט דערגאנגען. זיין טרוים פאָדערט פון אונז א סך: אונזער הארץ, אונזערע הענט, אונזער האָרע־וואניע, אונזער פעסטן גייסט, דאָרשט צו פרייהייט, ליבע צום פאָלק, פיינט־שאפט צו שפלות, דאָס אנטלויפן פון פוסטקייט און די שטרעבונג צום גרויסן.

זיין־אונזער וויזיע פאָדערט פון אונז די באהעפטונג מיט דער גרויסער געשטאלט, וועלכע שפרודלט מיט שווונג, דרייסטקייט, אָפּפער־וויליקייט, דינאמישקייט, אומדערמידלעכע ארבעט, טייער האלטן יעדן מאָמענט פון שאפונג און צייכענען א ריכטליניע פאר דער צוקונפט.

.1934

א. ש. ליבערמאַן

א.

וויניק זיינען געווען די לעבנסטעג פון א. ש. ליבערמאַן און קורץ איז געווען זיין טעטיקייט אין דער העברעאישער ליטעראַטור. ער האָט אָנגעהויבן אין יאָר 1875 מיטן „השחר" און פאַרענדיקט מיטן „האמת" אין 1877 — ווען ער איז מיט געוואַלט אוועקגעריסן געוואָרן פון דער ליטעראַטור און איז איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה. פון דעם ביסל וואָס ער האָט געשאַפן — נאָך וויניקער איז דערגאַנגען צום העברעאישן לייענער. דאָס רוב פון זיינע שריפטן איז פאַרפאַלן געוואָרן, און דאָס אָפּגעראַטעוועטע איז אויך געבליבן פאַרבאָרגן. אָבער דאָך האָבן די נעמען „בר דרורא", „דניאל איש חמודות" און „אַרטור פריימאַן", וואָס דורך זיי איז ליבערמאַן געוואָרן באַקאַנט מיטן לעזער, געמאַכט טיפע קריצן אין אונזער ליטעראַטור. דער יונגער שרייבער, באַשאָנקען מיט פעאיקייטן און געשמאַק, אין וועמען עס האָט געגליט דער פייער פון רעוואָלוציאָנערער שאַפונג, האָט אָנגעצונדן דעם פלאַם פון סאָציאַליזם אין דער העברעאישער ליטעראַטור, און די בעסטע יונגע ליטעראַרישע כוחות אין יענע טעג האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אונטער זיין פאָן.

דער אָנזאָגער איז מיט די ווערטער פון זיין פעדער „יחי העולם" — (זאָל לעבן די וועלט!) — געפאַלן אין קאַמף, האָט אין יסורים און איינזאַמקייט אויסגעהויכט זיין נשמה. די שילער און חברים האָבן זיך צעשפּרייט, ווער דאָ און ווער דאָרטן. קיין גייסטיקע יורשים, קיין פּאַרזעצער נאָך זיך האָט ער ניט איבערגעלאָזן — ניט אין דער ליטעראַטור און ניט אין לעבן. אָן איינזאַמער איז ער אוועקגעגאַנגען. זיין פערזענלעכקייט האָט ניט פאַרלאָרן איר צויבער אין די דערינערונגען פון זיין דור. אָבער זיין לעבנסאויפטו איז פאַרבליבן א רעטעניש, אַן אומפאַרשטענדלעכע און איבעריקע זאַך.

מיט דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג איז דערמאָנט געוואָרן דער נאָמען פון א. ש. ליבערמאַן: ניט אַלס סאָציאַליסט פון יידישער אָפּשטאַמונג, נאָר אַלס יידישער סאָציאַליסט, אַלס סאָציאַליסט אין זיין פאָלק. ער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט געהאָפט אויפן סאָציאַליזם פון זיין פאָלק, פון זיינע בחורים און פון זיינע מאַסן.

ליבערמאַנס געשטאַלט אין איר פולער גייסטיקער הויך איז אויפגעלעבט געוואָרן ערשט מיטן וווּקס פון אַרבעטער־דור אין ארץ־ישראל. זיין זוכעניש, בלאָנדזשעניש און איינזאַמקייט האָבן געפונען זייער טעם: דער רעוואָלוציאָנערער ברען, דער פלאַם פון פאָלקס־ליבע, די פאַנאַטישע באַציאונג צו אַרבעט און גלייכהייט, די אוניווערסאַלע רעוואָלוציאָנערישקייט

און באַהעפטונג מיטן פאָלק, מיט זיין וויטאָק, שפּראַך און קולטור. טאַקע ליבערמאַן דער מענטש, וועלכער האָט זיך געראַנגלט, געבלאָנדזשעט און געזוכט אין דער איינזאַמקייט איז לויט זיין אינערלעכקייט, זיין מהות — געווען אַן אַנזאָגער. דער רעטזעלהאַפט־משונהדיקער ליבערמאַן, וועלכער איז פרעמד געווען אויך פאַר אייגענע חברים און פריינד, איז אנטפּלעקט געוואָרן אלס רינג פון די ערשטע רינגען אין דער געשיכטלעכער קייט פון דורות, וואָס שאַפן דאָס ארבעטנדיקע פאָלק אויף זיין ערד.

ב.

די טיפע ליבשאַפט פון ליבערמאַנען צו העברעאיש איז געווען פאַר זיין דור אומפאַרשטענדלעך. פּ. סמאָלענסקין האָט וועגן אים געשריבן: „אַ מענטש, וועלכער האָט ניט קיין געמיינזאַמקייט ניט מיט דער אמונה און ניט מיט דער ליבע צום פאָלק, זאָל גאָר אויסקלייבן די העברעאישע שפּראַך, אלס מיטל אויף אויסצודריקן זיינע געדאַנקען פאַר דער אויסערלעכקייט. ער האָט זיך דאָך לאַנג אָפּגעקערט פון בית־ישראל, האָט ניט קיין היים, טאָ פאַר וועמען רעדט ער העברעאיש?"

וו. יאָכלסאָן, פון ליבערמאַנס ערשטע חברים אין ווילנער קרייז, שרייבט אין זיינע זכרונות: „מיר האָבן געהאַלטן יידיש פאַר א געקינצעלטע שפּראַך און העברעאיש אלס טויטע שפּראַך, וואָס קען אינטערעסירן בלויז די פאַרשער". ליבערמאַנס שטעלונג איז געווען אַן אַנדערע, און יאָכלסאָן האָט זי אזוי פאָרמולירט: „אין אונזער קרייז איז ער געווען דער מענטש, וועלכער האָט אוועקגעשטעלט די פראַגע פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און קולטור־אייגנשאַפטן פון יידישן פאָלק און די נויטווענדיקייט פון א סאָציאַ־ליסטישן ביכער־פאַרלאַג אין דער שפּראַך פון די יידן. אין דער פראַגע פון שפּראַך, יידיש אָדער עברית, — האָט זיך ליבערמאַן ארויסגעזאָגט לטובת דער לעצטער, אויפקלערנדיק, אַז פריער פון אַלץ דאַרף מען צוגרייטן אַן אַרמיי פון פּראָפּאַגאַנדיסטן פון דער תלמודישער אינטעליגענטער יוגנט, ווייל אויפקלערן דעם סאָציאַליזם וויסנשאַפטלעך איז מעגלעך בלויז אין א שפּראַך, וואָס פאַרמאָגט א רייכע ליטעראַטור, כאָטש מען רעדט ניט אויף איר".דאָס זיינען געווען ראַציאָנאַלע מאָטיוון כדי צו באַגרינדן עס, אָבער די אמתע פאַרוואָרצלטע באַציאונג צו העברעאיש שפּרודלט ארויס ביי ליבערמאַנען פון יעטוועדער שורה, געשריבן דורך זיין פעדער: לעבעדיקער שפּראַכלעכער חוש, ליבע צו קלאָרקייט און גענויקייט, שלייפונג פון שפּראַך, באַנייאונג פון ווערטער, שטרענגע באַציאונג צו דער אָרטאָגראַפיע.

ש. ל. ציטראָן דערציילט, אז ליבערמאַן בעת זיין אויפהאַלט אין פּעטערבורג, ווען ער איז געווען א סטודענט אין דער טעכנאָלאָגישער שול,

האָט פאַרפאַסט א בוך וועגן פּאַלעסטינאָגראַפיע א. נ. „מחקרי ארץ כנען וסלע ערב״.

בעת ליבערמאנס ארעסט אין ווין, איז ביי אים געפונען געוואָרן א העברעאישער כתב־יד א. נ. „משאת־נפשנו״, וואָס קלערט אויף דעם סאָציאַ־ליזם. דער גורל פון דעם בוך איז ניט באַוווּסט.

צווישן די העברעאישע שרייבער, וועלכע האָבן זיך יענע יאָרן באַ־טייליקט אין דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור אָדער אין דער סאָציאַליסטי־שער באַוועגונג — דאַרף מען פאַררעכענען: ד״ר יהודה־לייב קאַנטאָר, ד״ר יצחק קאַמינער, יהל״ל, משה קאַמיאַנסקי, משה־ליב ליליענ־בלום, צבי הכהן שערעשעווסקי, מרדכי אדלמן (מיוחס), אליעזר צוקערמאַן, י. ל. דאַווידאָוויטש (בן דוד), אליהו־וואָלף ראַבי־נאָוויטש (או״ר), מאָריס ווינטשעווסקי (בן־נץ, יגלי איש הרוח) און ד״ר אהרון מזא״ה.

ג.

א. ש. ליבערמאַן איז געווען דער איניציאַטאָר פון דעם ערשטן יידישן סאָציאַליסטישן פאַריין: די „אגודת הסוציאליסטים העברים״ אין לאָנדאָן.

אָט די „אגודת הסוציאליסטים העברים״ האָט געגרינדעט דעם ערשטן יידישן פּראָפעסיאָנעלן פאַריין: אין א ספּעציעלער פּראָקלאַמאַציע אין יידיש זיינען אַלע יידישע אַרבעטער אין לאָנדאָן איינגעלאַדן געוואָרן אויף א מיטינג, צונויפגערופן אויף „אור יום ז׳ באלול ה׳תרל״ו״ (26־טן אויגוסט 1876). צווישן די געקומענע איז אויך געווען דער באַרימטער רוסישער סאָציאַליסט פּ. לאַווראָוו. ליבערמאַן האָט רעפערירט וועגן „דער יידישער לאַגע אין פאַרשיידענע לענדער״. דער תמצית פון זיינע רייד איז געווען, אז כל־זמן ס׳וועט עקזיסטירן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, וועלן די יידן ניט זיין קיין גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, סיי אין א מאָנאַרכיסטישער און סיי אין א דעמאָקראַטישער מלוכה. אין דעם פאַרבאַנד האָבן זיך פאַרשריבן 50 מיט־גלידער, און ליבערמאַן האָט די אגודה א נאָמען געגעבן „חברים כל בעלי־מלאכה״ — קעגנזעצלעך צו „כל ישראל חברים״.

נאָך איידער עס איז געגרינדעט געוואָרן די „אגודת הסוציאליסטים העברים״ אין לאָנדאָן האָט ליבערמאַן געפּרוּווט שאַפן א יידישן סאָציאַליס־טישן פאַריין פון די יידישע סטודענטן, וועלכע שטאַמען פון רוסלאַנד און האָבן שטודירט אין מערב־אייראָפּע. ער האָט דעם פאַריין א נאָמען געגעבן: הסקציה העברית של האינטרנציונל״ (די יידישע סעקציע פון אינטערנאַציאָ־נאַל). אין בערלין האָט די „סעקציע״ געציילט 9 חברים. אויף ליבערמאַנס וועג פון לאָנדאָן קיין ווין, זיינען זיך צונויפגעקומען אין בערלין 30 פּערזאָן, צווישן זיי: אהרון זונדעלעוויטש, אליעזר צוקערמאַן א. אנד. ס׳איז באַשלאָסן

געוואָרן אַרויסצוגעבן דעם „האמת" אונטער דער רעדאַקציע פון ליבערמאַנען בײַ צוקערמאַנס נאָענטער מיטאַרבעט. די „סעקציע" איז געווען ווידערווילליק פאַר דער מערהייט פון ליבערמאַנס חברים, פריינד און תלמידים. ד"ר מ. אַהרנסאָן, זיין געריכטס־חבר, רופט זיך אָפּ וועגן ליבערמאַנען אין זיינע זכרונות מיט פאַרהערלעכונג און ליבשאַפט צו זיין זויבערער נשמה און פעאיקייטן; ער האָט אָבער ניט געקענט שענקען זיין פאַנטאַסטישן דענקען: „ליבערמאַן האָט געטרוימט פון אַ צייטונג און זאַמלהעפטן אין העברעאיש. בײַ אים זיינען דערצו ניט געווען ניט קיין מיטלען און ניט קיין לייענער, ניט קיין באַהעלפער און ניט קיין אַנטשפּרעכנדיקע באַדינגונגען. ער האָט זיך באַמיט צו שאַפן דעם ערשטן קרייז אין בערלין. און ווען ער האָט זיך אויס־געהאַלטן אין לאָנדאָן, האָט ער גערופן די בערלינער פריינד: „הסקציה העברית של האינטרנציונל". צווישן די אַלע בערלינער איז געווען נאָר איין מענטש (הורוויטש), וועלכער איז מיטגעגאַנגען מיט ליבערמאַנס „פאַנ־טאַזיעס" און מיט ערנסטקייט אויסגעפילט די פליכט פון אַ סעקרעטאַר אין דער „סעקציע". ער האָט ליבערמאַנען געשיקט בריוו און ראַפּאָרטן, געפרעגט זיין הסכמה און באַשטעטיקונג.

ד.

אהרון זונדעלעוויטש, ליבערמאַנס חבר פון ווילנער קרייז, שטעלט פעסט: „ליבערמאַנס געדאַנקען האָבן ניט געפונען קיין שום אָפּקלאַנג בײַ אונזערע חברים". און זונדעלעוויטש איז געווען איינער פון די ווייניקע אין יענעם קרייז, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ יידישע נשמה, וואָס זיין פאָלקסטימלעכע יידישקייט איז ניט געוואָרן אויסגעוועפּט אפילו נאָך צענטליקער יאָרן אין דער רוסישער קאַטאָרגע. ניט איינמאָל האָט ער אונטערגעשטראָכן זיין יידיש־קייט. אָפנהאַרציק און מיט אַ קלאָרן באַוווסטזיין דערציילט ער פאַרן צאַרישן געריכט, זיצנדיק אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק (אין דעם באַוווסטן משפט פון די „זעכצן", אָקטאָבער 1880), אַז ער האָט זיך קעגנגעשטעלט, אַז דעם אַטענטאַט אויפן צאַר זאָל אויספירן דער ייד גריגאָרי גאָלדבערג, ווייל אין דאָזיקן פאַל וואָלט מען לייכט געוואָרפן די שולד אויף די יידישע קעפּ. אַלס ייד מיט אַ נאַציאָנאַלן געפיל האָט אים אויך געשילדערט דער רוסישער רעוואָלוציאָנער סטעפּניאַק אין זיין ראָמאַן „אַנדריי קאָזשוכאָוו", אין דער געשטאַלט פון אַ „פּעטער". ווען זיינע רוסישע חברים זאָגן אים: דו ביזט דאָך דער איינציקער פון אונז, וועלכער איז ראוי צו דעם נאָמען „בירגער פון דער וועלט", האָט ער זיי געענטפערט: „דאָס איז פיין, אָבער ניט איבעריק אָנגענעם". ער דערלויבט זיך צו פאַרלייקענען דעם עקזיסטירנדיקן קולט פון „פּויער" און רוסיש „פאָלק", און ער זאָגט פּשוט, אָן פּאַטאָס, מיט אַ לאַנג־

זאמער פּאַרווייטיקטער שטים: „כ'בין צו אייער פאָלק ניט צוגעבונדן. און ווי קען איך זיין צו אים צוגעבונדן? מיר, יידן, האָבן ליב אונזער פאָלק. דאָס איז אַלץ וואָס איז אונז אויף דער וועלט איבערגעבליבן. אַלענפאַלס האָב איך אים ליב מיט א טיפהייסער ליבע. פאַרוואָס זאָל איך ליב האָבן אייערע פּויערים, וועלכע אונטערדריקן מיין פאָלק און פירן זיך אויף מיט אים באַרבאַריש? מאָרגן וועלן זיי אפשר פּאָגראָמירן דאָס הויז פון מיין פאָטער — א האַרעפּאַשנעם ארבעטער, פונקט ווי זיי האָבן פּאָגראָמירט אנדערע יידן, האַרעפּאַשניקעס. כ'קען רחמנות האָבן אויף אייערע פּויערים צוליב זייערע ליידן, פונקט ווי איך האָב רחמנות אויף אַראַבער, כינעזער און מאַלאַיער און אויף יעטוועדער געפּייניקטער באַשעפעניש. זיי זיינען מיר אָבער ניט נאָענט צום הארצן. כ'קען ניט טרוימען אייערע חלומות און געשמאַקלאָז קניען פאַר „פאָלק". און די אַזוי־גערופענע „העכערע געזעלשאַפט", די העכערע שיכטן ,— וואָס קען מען פילן צו די שרעקעוודיקע קראַליקלעך, א׳יסער אַן עקל־געפיל? ניין, אין אייער רוסלאַנד איז ניטאָ וואָס צו האַלטן טייער, אָבער איך קען די רעוואָלוציאָנערן און זיי האָב איך ליבער פאַר מיין פאָלק. מיט זיי בין איך באַהעפט און כ'האָב זיי ליב ווי ברידער, און דאָס איז דער איינציקער צוזאַמענבונד, וואָס פאַרבינדט מיך צו אייער לאַנד".

ווייניק זיינען געווען, וועלכע האָבן געפילט אַזוי ווי זונדעלעוויטש און האָבן געקענט אַזוי ריידן ווי דער „פעטער" פון סטעפּניאַק, ווייניקע זיינען געווען וואָס האָבן געוווסט, אַז זייערע פּאָטערס זיינען אויך אָרנטלעכע, כשרע האַרעפּאַשניקעס, און זיי דאַרפן ניט קניען פאַרן רוסישן פּויער. אָבער אפילו פאַר די דאָזיקע מענטשן זיינען געווען פרעמד ליבערמאַנס טרוימען.

בנוגע דער באַציונג פון די סאָציאַליסטן־יידן צו זייער פאָלק, האָבן זיך אַנטפּלעקט א רייע מדרגות: אַפּטעקמאַן שמדט זיך, ווייל ער וויל — „זיך באַהעפטן מיטן רוסישן פאָלק און זיין גאָט"; זלאַטאָפּאָלסקי נעמט אנטייל אין צונויפשטעלן אַן אויפרוף צו פּאָגראָמירן יידן; אליעזר גאָלדנבערג — גייט אוועק פון זיינע חברים נאָך א סך יאָרן פון רעוואָלוציאָנערער ארבעט, צוליב פאַרבאָרגענע יידישע ווייטיקן. אהרון זונדעלעוויטש — פאַר אים דאָס יידנ־טום איז: פאַמיליע, ווייטיק, גורל, אָן א צוקונפט און אָן א גלויבן. און ענדלעך — א. ש. ליבערמאַן, דער וואָס ראַנגלט זיך און זוכט אין פאַרלאָרנ־קייט, דער וואָס פלאַמט מיטן רעוואָלוציאָנערן פאָלקס־פייער און מיט דער גאָלדענער קייט פון דער קולטור פון זיין פאָלק.

וועגן ליבערמאַנס שווערער איינזאַמקייט שילדערט אביסל לעאָ דייטש, איינער פון יענעם דור, וועלכער באַאָבאַכטעט איצט אָביעקטיוו יענע טעג: „ליבערמאַן איז געווען זיכער, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן האָבן

א גרויסן קולטורעלן ווערט און מען דאַרף זיך צו זיי באַציען אַנדערש, ווי מיר האָבן זיך צו זיי באַצויגן אין יענע טעג.

„די יידישע רעוואָלוציאָנערן פון דער „וופּעריאָד"־גרופּע — האָבן זיך צו ליבערמאַנס פאַנטאַזיעס בעסער באַצויגן ווי די יידן. לאַווראָוו און זיינע חברים פלעגן גוטמוטיק שמייכלען איבער דעם „נייעם משיח". ליבערמאַנס יידישע חברים פלעגן אָבער שיטן מיט פעך און שוועבל אויף זיינע „משונה־דיקע טרוימען".

„איצט איז די זאַך ניט פאַרשטענדלעך, ווי האָבן מיר, יידן־סאָציאַליסטן, זיך קעגנגעשטעלט דעם רופן אַזאַ פאַרזאַמלונג (פון יידישע אַרבעטער אין לאָנדאָן); אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז דאָס אַלץ, אָנהויבנדיק מיטן געדאַנק צו גרינדן אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע אָרגאַניזאַציע און ענדיקנדיק מיט אַ יידישער פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז געשריבן מיטן דאַטום פון אַ יידישן לוח — מיט איין וואָרט: אַלץ וואָס ליבערמאַן האָט געטאָן און געטראַכט האָט ביי אונדז אַרויסגערופן אַ שטאַרקע אומצופרידנקייט און אַפילו אַ פאַרדרוס. די צעפאַלונג פון דער „אַגודה" נאָך אַ האַלביאָריקער עקזיסטענץ האָט אַרויס־גערופן אַ פרייד ביי ליבערמאַנס קעגנער.

„אַלע אַקטיווע רעוואָלוציאָנערן, אַחוץ אַ הייפל קריסטלעכע חברים, האָבן זיך אַנטשידן קעגנגעשטעלט צו ליבערמאַנס פּלענער. און אין דעם איז די סיבה פון זיינע דורכפאַלן. מען האָט אים, אמת, ניט באַיקאָטירט, מען האָט אים ניט פאַרשטויסן פון דער געזעלשאַפט, אָבער מען האָט אין אים געזען אַ סימפּאַטישן חבר, וועלכער איז אַראָפּ פון „דרך הישר" און איז אַריינגעפאַלן אין נאַציאָנאַלע שטימונגען".

בעת ליבערמאַנס פּראָצעס איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט אַ בריוו, וואָס איז אים געשיקט געוואָרן פון אַ חבר — אַ רוסישן יידן. אין בריוו איז אַזוי געשריבן:

„איך זעלבסט בין אַ ייד, אָבער איך קען ווייניק די יידישע אַרבעטער. די רוסישע יידן זיינען אָפּגעגעבן צו געלט און פאַר אים וועלן זיי זייער כבוד פאַרקויפן. ניט כדאַי פאַרלירן פאַר זיי כוחות. אין דייטשלאַנד וועלן די יידן אפשר אַנטיילנעמען אין וואַלקאַמף, אָבער אין רוסלאַנד, וווּ פּאָליטישע אַקטיוויטעט הייסט: מקריב זיין זיך, ריזיקירן מיטן לעבן — דאָרט זיינען יידן ניט נוצלעך. ווייל איינס קענען זיי טון: איבערפירן אומלעגאַלע ליטע־ראַטור, באַקומען פּאַספּאָרטן, צושטעלן קאָנספּיראַטיווע וווינונגען. אַזעלכעס קענען זיי טאָן, און דאָס אויך נאָכדעם, ווען מען וועט זיי באַצאָלן מיט מזומנים".

אַזוינע ווערטער און נאָך אַזעלכע דיבורים זיינען געהערט געוואָרן אין דער סביבה, אין וועלכער עס האָט געוויטיקט, געטרוימט און געפיבערט און איז געפאַלן טויט דער ערשטער העלד פון יידישן סאָציאַליזם.

יוסף ויתקין

[פון א רעדע אין יאָר 1937, אויף אַן אזכרה, 25 יאָר נאָך ויתקינס טויט]

מיט 25 יאָר צוריק איז געשטאָרבן יוסף ויתקין, עלנט און איינזאַם. ער האָט ניט איבערגעלאָזן קיין גרויסע „ירושה", לויט די אַנגענומענע באַגריפן, און ס'איז ניט מעגלעך אַנדייטן אויף זיינעם א קאָנקרעטן אויפטו. אויך אין דער ליטעראַטור האָט ער בלויז געציילטע בלעטער. ווייניקע געדענקען אים, און פאַר א סך איז ער אומבאַוווּסט. ווען ניט דער כפר ויתקין, דער דאַרף וואָס טראָגט זיין נאָמען, וואָלטן אפשר א סך ניט געהערט זיין נאָמען. פונדעסטוועגן שווימט אויף זיין אַנדענק, אלס איינער פון די עלטסטע אין דער באַוועגונג, אלס איינער פון די ערשטע.

זיין זכות צו זיין פון די ערשטע איז ניט קיין צופעליקייט, און ויתקין האָט פאַר דעם באַצאָלט גאַנץ טייער. ער איז, לויט זיין נאַטור, פון די ערשטע געווען. זיינע שריפטן צייכנען זיך ניט אויס מיט קיין ספּעציעלער ליטעראַרישער פּעאיקייט, אָבער פון יעדן וואָרט און אויסדרוק איז ניכר, אַז ער האָט אליין אויסגעפונען זיין געדאַנק און אים אויסגעהאַקט פון דעם אייגענעם שטיין.

ויתקין איז געווען דער פּיאָנער און אָנזאָגער פון דער צווייטער עליה. ער איז עולה געווען מיט בערך פערציק יאָר צוריק, ביים אויפבלי פון פּאָליטישן ציוניזם. ארום דער דאָזיקער פּאָן האָט זיך דאַן צונויפגעזאַמלט דאָס בעסטע פון דער יידישער יוגנט, אָבער קיינער האָט זיך ניט פאַרטראַכט פון עליה קיין ארץ־ישראל. קיינער האָט דערצו דעמאָלט ניט גערופן, ניט הערצל און ניט אחד־העם. דער ישוב אין לאַנד איז געווען איינגעשרומפּן, און פון דער איינזאַמקייט איז מען געוואָרן באַהערשט פון יאוש־געדאַנקען, זיך מיטציענדיק מיטן טעריטאָריאַליזם. אין יענער צייט איז ויתקין עולה געווען אין ארץ־ישראל און אין איר פאַרבליבן. געפּרוּווט אַרבעטן פיזיש, אָבער די כוחות האָבן אים ניט געדינט. עס האָט אים געצויגן צו דער שול, אָבער אויך זי האָט אים ניט צופרידנגעשטעלט. די אַטמאָספער וואָס האָט דאַן געהערשט אין די קאָלאָניעס, וואָס זיינען געווען געבויט אויף עקספּלואַטאַציע פון ביליקער אַראַבישער אַרבעט, און דער רעזשים פון דעם באַראָנס אַדמיניסטראַציע — דאָס אַלץ איז אים געווען ווידערוויליק, און צוליב די דאָזיקע אַנטוישונגען איז ער געווען געצוווּנגען פאַרלאָזן ראשון־לציון. און ס'וואָלט געווען נאַטירלעך, ווען אזא יונגער מענטש ווערט פאַריאושט און פאַרלאָזט דאָס לאַנד. אָבער ויתקין איז געקנאָטן געוואָרן פון אַן אַנדער ליים. אין די מינוטן פון גרויסער פאַרצווייפלונג איז ער ניט געווען מסוגל זיך אונטערגעבן, ווייל ער האָט סימבאָליזירט דעם שאַפנדיקן

יאוש, מיט וועלכן עס איז געווען דורכגעדרונגען די צווייטע עליה.

בעת דער צווייטער עליה איז ויתקין געווען דער עלטסטער חבר אין דער מחנה פון יוגנטלעכע, וועלכע זיינען עולה געווען. ער האָט באוויזן קאָנצענטרירן געדאנק און דערפארונג און געקענט קריטיש אָפּשאצן אייניקע אומרייפע געדאנקען, וואָס האָבן פארכאפּט די מוחות פון די יונגע עולים. ער האָט ניט געקענט משלים זיין מיטן לאָזונג פון „כיבוש־העבודה" אלס שטרעבונג צו פארבלייבן דוקא לוין־ארבעטער. נאָך פריער פאר דער שאפונג פון דער קבוצה און מושב האָט שוין ויתקין תופס געווען, אז כיבוש־העבודה איז בלויז אן עטאַפּ צו דער ארבעטנדיקער התישבות. פונקט ווי ויתקין האָט פריער באגריפן, אז זיין א ציוני־ציון איז נאָך ניט גענוגנד — און די הויפטזאך איז: עליה. ניט אלע האָבן דעמאָלט אָפּגעשאצט זיין שטעלונג צו התישבות, און עס איז ניט קיין וווּנדער, ווען מען נעמט אין אכט די דורכפאלן פון די ערשטע התישבות־פּרווון: אין די קאָלאָניעס פון פלאנצונגען אין יהודה, אין די מושבות פון יק"א, ווי אויך צווישן די פויערן אין גליל. אָבער ויתקין האָט געוואַגט אויפצוהויבן די פאָן פון דער ארבעטנדיקער קאָלאָניזאציע.

זיין רוף צו עליה, זיין אויפפאָדערונג צו גיין אויף די וועגן פון ארבעט און התישבות אין ארץ־ישראל און צו שאפן אן אנטשפּרעכנדיקע שול פארן פאָלק, — אָט די דריי זאכן כאראקטעריזירן ויתקינען אלס אזא, וועלכער האָט אלץ פאָרויסגעזען. און דאָס איז געווען אין א תקופה, ווען קיינער האָט זיך עס ניט פאָרגעשטעלט און ניט געגלויבט, אז מען קען ארייננברענגען נייע יידן אין לאנד.

ס'איז אויסגעדריקט געוואָרן א ווונטש, אז ויתקין דאַרף זיין דער סימבאָל פון „אחדות האומה", פון פאָלקס־אייניקייט. די שטרעבונג צו פאָלקס־אייניקייט איז דאָך איינע פון די דערהויבנסטע. נאָר ווי אזוי ווערט עס דערגרייכט? די אחדות פון פאָלק איז דאָך דער תמצית פון סאָציאַליזם, וועמענס איינשטעלונג איז ברענגען גלייכהייט, דעמאָקראטיע — דאָס פאָלק זאָל זיין אייניק. אָן דעם פארלאנג צו אייניקייט און פאָליטיש־סאָציאַלער גלייכהייט — איז ניטאָ קיין האָפענונג גובר צו זיין די שפּאלטונגען און די ברידער־קאמפן אינעם פאָלק. דערפאר קען טאקע ויתקין דינען אלס סימבאָל פון „אחדות־האומה", ווייל ער האָט די דאָזיקע וויזיע פון אחדות האומה אין זיך געטראָגן און ער האָט געזען דעם ריכטיקן וועג, וואָס פירט צו איר: חלוצישע עליה, ארבעט, נאציאָנאלער באָדן און ארבעטנדיקער ישוב.

נחמן סירקין

[פון דעם אריינפיר צום בוך „כתבי נחמן סירקין", ערשטער באנד, דערשינען אין שבט תש"ג 1943]

א.

ווער און וואָס איז געווען נחמן סירקין?

א בחור אן אויפברויז, א שטורעמדיקער. ער קאָכט זיך און בונטעוועט. א „קאָפּ" און „שגיונות". זיין סביבה איז געווען מחולק אין זיין אָפּשאַצונג. יש אומרים, אז ער איז געווען א שאַרפער קאָפּ, א חריף; אנדערע ווידער מיינען, אז ער איז געווען א מתמיד. אָבער לכל הדעות איז ער געווען „ניט גאָר אינגאַנצן קלאָר ביים זינען".

געבוירן איז סירקין אין מאָהילעוו — א שטאָט פון באַרימטע רעוואָ־לוציאָנערן. פון איר זיינען אויך אַרויס די ערשטע ביל"וצעס: ישראל בעל־קינד מיט זיינע ברידער און שוועסטער. א גייסט פון ווידערשפּעניקייט האָט זיך אין סירקינען באַוויזן נאָך יינגלווייז. מען האָט אים אַרויסגעטריבן פון גימנאַזיע, ווייל ער האָט פּראָטעסטירט קעגן א לערער, וואָס האָט פּוגע געווען אין יידישן כבוד. אין מינסק, ווו ער האָט פאַרענדיקט די גימנאַזיע און געגעבן לעקציעס, איז ער שוין געווען פאַררעכנט צווישן די „חובבי־ציון". בעלי זכרונות, וואָס געדענקען סירקינען נאָך פון יענע צייטן, דערציילן, אז שוין דעמאָלט פלעגט ער אַרויסזאָגן „משונהדיקע מיינונגען". אין מינסק האָט ער זיך געחברט מיט רעוואָלוציאָנערן פון „אונטערערדישן" רוסלאַנד. האָט מען אים אַרעסטירט. אַרויס אויף דער פריי, האָט ער איבערגעלאָזט דעם טאַטנס שטוב און איז אוועק קיין לאָנדאָן. זיך אַרומגעדרייט אין באַרימטן יידישן קוואַרטאַל פון לאָנדאָן — אין ווייטשעפּל. אין עלטער פון א יאָר צוואַנציק איז ער אָנגעקומען קיין בערלין. האָט זיך מיט אימפּעט אַראָפּגעלאָזט אינעם ים פון למודים, הגם ער האָט קיין ספּעציעלן „פאַך" ניט געלערנט. א גרויסן דורשט צו וויסן האָט ער פאַרמאָגט, אים האָט אינטערעסירט פילאָ־זאָפיע, סאָציאָלאָגיע, פּסיכאָלאָגיע, עקאָנאָמישע פאָרשונגען, נאַטורוויסנשאַפט און חכמת ישראל. צו לערנען איז אים אויסגעקומען מיט א הונגעריקן מאָגן. און מען האָט געדאַרפט זיך קליגן, כדי אָפּצופּטרן דעם מאָגן מיט פאַרשיידענע המצאות.

צי האָט ער געלערנט תורה לשמה? געוויס ניט צוליב א פאַך, ניט צוליב קאַריערע, צוליב וויסן, כדי צו זעטיקן דעם דורשט און די ליבשאַפט צו וויסן. אָבער אויך א „לא לשמה" איז געווען אין זיין לערנען. ער האָט שטודירט, כדי דערמיט עפּעס „אויפצוטאָן". אלצדינג, וואָס ער האָט געלערנט, האָט אים באַדאַרפט העלפן אין פאַרענטפערן די וועלט־קשיות, וואָס האָבן

געעגבערט דעם מוח. און ניט נאָר איין פראגע מאטערט אים, אים זיינען נוגע אַלע פראגן פון דער איצטיקער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, וואָס מען געפינט ניט אין איר ניט קיין גערעכטיקייט, ניט קיין חכמה, ניט קיין פרייהייט און ניט קיין גלייכהייט. און דער עיקר עגבערט דעם מוח די נאַציאָנאַלע פראגע. וואָס וועט זיין מיטן פאָלק ישראל? ווו אהין פירט אים זיין וועג אין דער געשיכטע? און אזוי ווי ער איז פארוואָגלט געוואָרן קיין מערב־אייראָפּע און זעט דאָ מיט זיינע אייגענע אויגן די גדלות פון יידן אין דייטשלאנד, ווו זיי זיצן זיך אונטערן שוץ פון זייער וויסנשאַפט, פון זייער געלט און פון זייער גלייכבארעכטיקונג, — פאָדערט פון אים א תשובה די פראגע: ווו אהין־זשע פירט דער וועג, וואָס מיט אים זיינען אוועקגעגאנגען די יידן פון מערב־אייראָפּע, זייערע חכמים און גבירים?

סירקין זוכט, פאָרשט. אָבער ניט דאָס אליין: ער משפט אויך און טראָגט ארויס זיין פסק־דין אויף די דייטשע יידן.

אין זיינע ערשטע העברעישע ארטיקלען („זכרון לחכם", „המגיד" תרמ"ט) — ער איז דעמאָלט געווען אלט 21 יאָר — רעדט ער ארום די מיינונגען פון די חכמי־ישראל אין מערב־אייראָפּע, און ניט קוקנדיק אויף זיין יראת־הכבוד פאר אזעלכע געלערנטע, ווי גייגער מיט זיינע חברים און זייערע דערגרייכונגען אין דער פאָרשונג פון יידישער וויסנשאַפט, גיט ער אָט אזא בילד וועגן דעם א י נ ע ו ו י י נ י ק ס ט ן וועג פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע:

„דעם אידעאַל פון שיינקייט און ריינקייט האָט דער ייד דערזען אין זיינע שכנים און איז אוועק מיטן פרעמדן וועג, און אויף זיך אליין האָט ער אויסגעגאָסן א פאַמויניצע און ער איז נמאס ומיאוס געוואָרן אין די אייגענע אויגן. — — —

„פאר א שמייכעלע, פאר א קליין מעסטעלע חניפה האָט יעקב פארקויפט זיין בכורה, און מיט זיין נשמה האָט ער באצאָלט זיינע שונאים פאר זייער חסד, וואָס זיי טרעטן אים מער ניט מיט די פיס מיט זייער גוישער האָפער־דיקייט. די הייליקסטע האָפענונגען, וואָס צוליב זיי האָבן זיינע קינדער זיך מוסר־נפש געווען, זיינען אָפּגעקילט געוואָרן אין זיין הארצן, פארלאָשן געוואָרן דער פייער פון ליבע צו ציון און ירושלים, וואָס האָט געפלאקערט אין זיין הארצן ווי א געטלעכער פלאם אין אלע צייטן פון גלות, און דער יידישער גייסט האָט זיין פרצוף צוגעדעקט און האָט זיך צעוויינט".

ניט אלצדינג וואָס א מענטש שרייבט אין אזא עלטער זאָגט עדות, אז ער וועט ווייטער אויך אזוי אָנגיין אין זיין גייסטיקן שטרעבן. אָבער סירקינס המשך באווייזט אונז, אז ניט פון פרעמדן מויל זיינען געשריבן געוואָרן די ערשטע ארטיקלען זיינע.

אינם דאָזיקן פראַגמענט פון אַ יונגען בחור געפינען מיר שוין דעם נשמה־ריטם פונם שפּעטערדיקן סירקין. מען זעט דאָ שוין אַרויס זיין אימפּעט, זיין שנאה צו קריכערישקייט, זיין חוש פאַרן וועג פון דער יידישער געשיכטע און זיין כעס אויף יענע לייט, וואָס לויפן אַריבער פון די גערודפטע צו דער מחנה פון די תקיפים. „יידישער גייסט" איז פאַר אים ניט קיין פּוסטע מליצה. ער איז אַריינגעטאָן אין אים, ווייטאָגט און נעמט זיך אָן זיין קריוודע, און ער האָט גרויס צער ווען דער יידישער גייסט ווערט פאַרשוועכט. מיר זעען שוין אַרויס אין דעם אַרטיקל יענעם סירקין, וואָס האָט שפּעטער אַ שליידער געטאָן אין פּנים פון פאָלק די באַשולדיקונג, אַז ער האָט פאַרביטן דעם „אתה בחרתנו" מיט אָן „אתה מאסתנו" — ניט אויסגעקליבן, נאָר פאַרמיאוסט האָסטו אונז אין די אייגענע אויגן!..

אויב סירקינס פייערדיקער געדאַנק וואָלט נאָר דערפירט געוואָרן ביז אָט די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען, וואָלט ער פאַררעכנט געוואָרן צווישן די געטרייע חובבי ציון. אָבער סירקינס שיף איז נאָך זייער ווייט פונם האַפן. ער קעמפט מיט די טרעגער און תמימותדיקע חסידים פון דער חיבת־ציון־באַוועגונג, מיט זייערע קליינע השגות און נעבעכדיקע גענגלעך. ניטאָ צו אים קיין גלייכן אין שנאה צו קליינקעפּלדיקער בעל־הבתישקייט, צו שמאָלע האָריזאָנטן, צו פאַרגליווערטקייט, צום הכנעהדיקן דרך־ארץ פון די חובבי ציון פאַרן „גביר".

חיבת־ציון האָט סירקינען ניט אָפּגעריסן פון דער קעמפערישער השכלה. געווען אין אים אַ ניצוץ, אַ היפּשע ירושה פון ליליענבלומען, סמאָלענסקין און יהודה־לייב גאָרדאָן. זיין יראת־הכבוד פאַר דער העברעישער קולטור־שאַפונג, זיין טיפער באַהעפט צום תנ"ך, וואָס איז געווען פאַר אים אַ לעבנס־בוך, זיין טיפער אינטערעס פאַרן „כוזרי", פאַרן „מורה נבוכים" און די אַנדערע חקירה־ספרים פון מיטלאַלטער, האָבן ביי אים ניט אָפּגעשוואַכט די אָפּאָזיציע צו דער יידישער „פּראַקטישער" גלות־אמונה מיט אירע תרי"ג מצוות, וואָס ער האָט געזען אין איר די ירידה פון דער יידישער נביאים־רעליגיע.

ער האָט געלעבט אין דער וועלט פון די נביאים, פון די גרויסע אוטאָ־פּיסטן און רעוואָלוציאָנערן. געווען פון יענע דענקער און טוער, וואָס פאָדערן אַ סך און נעמען אַרום אַ סך. די שאַפונגען און אויפטוען פון היינע, לאַסאַל, מאַרקס, סען־סימאָן, פּרודאָן, הערצען, טאָלסטאָי און אַנדערע דענקער זיינען געווען אָפן פאַר אים. ער לאָזט זיך אַראָפּ אינם ים פון דער פּאָליטישער און סאָציאָלאָגישער ליטעראַטור. ער קומט צו די פאַרזאַמלונגען פון די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און שטודירט די פראַגן פון דער נאָענט. נאָר ער רוט ניט און בלייבט דאָ ניט שטיין. ער קוקט אַריין אין ספרים, אָבער פאַרטיפט

זיך אויך אין די אייגענע געדאנקען. ער נעמט ניט איבער קיין אָנגענומענע מיינונגען. א גרייטער פסק־דין, אַן אָנגענומענער אלגעמיינער געדאנק — איז אים ניט מחייב. ער פילט זיך ווי א תנא, וואָס מעג האָבן זיין קעגנערישע מיינונג. ער האָט זיך זיינע אייגענע טענות, זיינע אייגענע ראיות מיט זיינע חידושים און אויפטוען. זיין סאָציאליזם מיט זיין רעוואָלוציאָנערישקייט קען מען ניט אריינשפארן אין דער ראַם פון די פּאָפּולערע בראָשורעס. ער פּאָדערט א סך הן פון דער רעוואָלוציע, הן פון סאָציאליזם און הן פון נאציאָנאליזם. ער וויל ניט נושא־חן זיין און קריגן עמעצנס „הסכמה" מיט דער הילף פון א פשרה־געדאנק, מיטן פרייז פון א צייטווייליקן, פארבייגייענדיקן נצחון. ער איז גרייט זיך איינצושפּאַרן אויף זיין אייגענער פּאָזיציע און ארויסטרעטן אין קאַמף קעגן דער גאַרער וועלט. זיין צוגעבונדנקייט צו דער רעוואָלוציע וועט אים ניט דערפירן, אז ער זאָל שלום מאכן מיט די סימנים פון איר געפאלנקייט, מיט אירע פאָנען־טרעגער, וואָס זיינען געוואָרן די כלי־קודש פון דער „פּראַקטישער" סאָציאליסטישער אמונה.

ב.

ער איז גרייט צו מלחמה. אונזערע חכמים פון אמאָליקע צייטן וואָלטן אויף אזא מענטש געזאָגט, אז „די תורה קאָכט אין אים". די תורה פון סירקין איז ניט קיין גלאַטע, ניט־ערע און סיסטעמאטישע. זי איז אין עצם ברען און קאָך. ס'קאָכט אין אים דער שארפער שכל, וואָס רייסט אראָפּ די שאָלעכץ פון אלע פראגן און ווערט צעווייטיקט פון דעם ליגן אין אָנגענומענע „אמתן". ס'קאָכט אין אים די שנאה צו געפאלנקייט, קריכערישקייט, צו א לעבן אין שקלאפעריי; ס'קאָכט אין אים דער כעס צו צביעות, צו כל המינים צביעות, סיי יענע וואָס פארבאַהאַלטן זיך אונטער דער מאסקע פון אמונה, טראַדיציע און נאציאָנאליזם, סיי יענע, וואָס טוען אָן אויף זיך דעם שטריימל פון סאָציאליזם, רעוואָלוציע און „מענטשהייט".

א מענטש פון קאַמף און שטרייט. ניטאָ זיין גלייכן אין ארויספּאָדערן אויף א מלחמה. און ניט נאָר מיט א שונא, נאָר אויך קעגן אַן אייגענעם חבר. ניט נאָר קעגן די „תלמידים", נאָר אויך מיט די מארקסיסטישע רבנים און פויפּסטן אליין. א מענטש אָן שום פּחד. ער שרעקט זיך אפילו ניט פאר אזוינס, וואָס מיר אלע האָבן דערפאר מורא: צו זיין קאָמיש, לעכערלעך. „שעמט זיך ניט פאר אָפּלאכער" — איז געווען ווי איינגעקריצט אין זיין כאראקטער. אין די וויכוחים מיט די קעגנער האָט ער זיך ניט אונטערגעגעבן זייער געדאנקען־גאַנג און איז ניט געגאנגען אין זייערע פוסטריט כדי זיי אָפּצופרעגן, נאָר ער פלעגט קעגן זיי ארויסטרעטן מיט זיין אייגענער לאָגיק, וואָס איז ניט געווען גלייך צו זייער גאַנג, מיט זיין אייגענער שארפקייט,

וואָס איז ניט געווען געגליכן צו זייער חריפות, און וואָס איר ציל איז געווען ניט קיין וויץ אָדער סתם אַ פריילעכע מחשבה. ניין, די כוונה פון זיינס אַ שאַרף ווערטל איז געווען אויפצודעקן די נאַרישקייט, וואָס האָט געשטעקט אין זייער חכמען זיך, צערייסן די שפּינוועב פון זייער געדאַנקען־בנין.

וויפל בליצן און שפּריצן פון סירקינס וויכוחים מיט קעגנער זיינען פאַרבליבן אויף צענטליגער יאָרן אין זכרון פון זיינע חברים און אפילו ווען זיי זיינען דערנאָך געוואָרן זיינע קעגנער!

ג.

כל זמן סירקין פלעגט שמייסן זיינע קעגנער מיט דער בייטש פון סאַטירע, האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס פלעגן זיך צוהערן צו זיינע רייד. מען איז טאַקע אָפט געווען אויף אים אין כעס, אָבער מען האָט אויך אָפט הנאה געהאַט פון זיין חריפות.

גאָר אַנדערש איז אָבער געווען סירקינס גורל, בעת ער פלעגט זיך נעמען אַרויסגעבן זיינע אייגענע מיינונגען, זיין אייגענע וועלט־אַנשויאונג. דאָ פלעגן זיך זיינע צוהערערס אָנשטויסן אויף משונהדיקע ענינים, וואָס האָבן זיך אײַנפלוג גאָרניט געלייגט אויפן שכל.

שמריהו לעווין, וואָס האָט סירקינען געקענט נאָך פון זיין מינסקער תקופה, סך הכל איז ער דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר צוואַנציק, דערציילט אונז אין זיינע זכרונות, אַז שוין אין יענע צייטן, דהיינו אין יאָר 1888, „האָט סירקין זיך געפּלייסט צונויפצופירן און באַהעפטן ביידע אידעאַלן — דעם יידישן נאַציאָנאַליזם מיטן אַלגעמיינעם סאָציאַליזם און געפּרוווט זיי מצרף צו זיין אין איין אַלגעמיין־מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע שטרעבונג".

שוין אַזאַ מין נטיה אַליין צו פאַראייניקן אין גייסט אַזעלכע שטרע־בונגען, וואָס האָבן זיך יעדן בר־דעת אויסגעדוכט ווי סתירות, ווי היפוכים, האָט געמוזט דערפירן דערצו, אַז מען זאָל שאָקלען מיטן קאָפּ אויף סירקינען און צווייפלען אין דער נאָרמאַלקייט פון זיין שכל. ס'טייטש, האָט מען שוין אַזוינס געהערט? אַזאַ מין אומנאַטירלעכער זיווג — יידישקייט און סאָציאַ־ליזם! אָבער סירקין איז נאָך ווייטער געגאַנגען. אין זיינע בערלינער לעקציעס האָט ער זיך געפּלייסט אויפצווייזן, אַז אויב דער יידישער סאָציאַליזם וויל ניט פאַרבלייבן אַ צוטשעפּעניש צו דער בורזשואַזער אַסימילאַציע, מוז ער ווערן ציוניסטיש; און פון דער צווייטער זייט פלעגט ער טענהן, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע פרייהייט־באַוועגונג וועט זינדיקן און פעלשן זיך אַליין און פאַרשוועכן די יידישע געשיכטע, אויב זי וועט ניט ווערן סאָציאַליסטיש.

אָט אַזוי האָט זיך פאַרמאָסטן אַ יונגערמאַנטשיק, אַ האַלבער מטורף אין פּלוג, און איז אַרויסגעטראָטן מיט זיינע „פאַנטאַזיעס" קעגן אַלע אָנגענומענע

מיינונגען, קעגן דעם סאָציאַליזם פון זיין צייט, אין זיין דעמאָלטיקער פאָרם, און קעגן חיבת־ציון פון זיין צייט, און איר דעמאָלטיקער געשטאַלט.

און אין דער אייגענער צייט, בעת די דייטשע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט געפייערט אירע נצחונות, וואָס זיינען געווען אויפגעבויט אויפן פּראָלע־טאַריער פון דער אינדוסטריע, האָט סירקין געפרווט געפינען א ברייטערן יסוד פאר זיין סאָציאַליזם און האָט געלייקנט אין אָרטאָדאָקסישן מאַרקסיזם, אז נאָר דער פּראָלעטאַריער אליין טראָגט מיט זיך די סאָציאַלע רעוואָלוציע: ניין, אלע פארשקלאַפטע, אלע קעמפערישע קלאַסן נעמען אנטייל אין איר, און די פארווירקלעכונג פון סאָציאַליזם הענגט ניט אָפּ נאָר פון דער קאָנצענ־טראַציע פון קאַפּיטאַל, ווי עס פאָדערט די מאַרקסיסטישע טעאָריע. דער עיקר איז, אז די באַפעלקערונג, און זאָל דאָס זיין נאָר א טייל פון איר, זאָל דער־פילן, אז ס׳קען אזוי ווייטער ניט גיין און אז מען קען ניט מער דולדן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג — אָט דעמאָלט וועלן אלע זיך אנטקעגנשטעלן דעם קאַפּיטאַליזם און וועלן אַרויסווייזן זייער מאַקסימאַלן אימפּעט אויף צו פאַרבייטן די עקזיסטירנדיקע אָרדענונג מיט א סאָציאַליסטישער סיסטעם. און דאָס יידיש פאָלק, וואָס איז פארשקלאַפט און ווערט געדריקט און געטראָטן מיט די פיס, איז דאָס נאָר נאַטירלעך ווען ער וועט פאַראייניקן זיין גורל מיט די רעוואָלוציאָנערן. דאָס יידישע פאָלק מוז אנטייל נעמען אין יעדער סאָציאַליסטישער פרייהייטס־באַוועגונג, אָבער דערביי ניט מוותר זיין אויף זיין נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט. פונקט פאַרקערט: אין דער אלגע־מיינער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג מוז דאָס יידישע פאָלק שטרעבן צו זיין נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. דאָס יידישע פאָלק, וואָס ליידט מער פון אלע אנדערע פעלקער און וואָס ווערט געשטויסן אונטערן דרוק פון זיין געשיכטע צו נאַציאָנאַלער באַפרייאונג, וועט ניט וועלן אויפבויען זיין ביי הויז אויף א צעפוילטן פונדאַמענט, ער וועט ניט אריינפירן אין זיין באַנייטן לעבן א געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, וואָס איז פארמשפט אויף אונטערצוגיין.

אָט אזוי האָט געדרשנט סירקין אין יענע יאָרן. „און תמיד פלעגט ער פאַרבלייבן איינער אליין מיט זיינע מיינונגען, ניט די ציוניסטן און ניט זייערע קעגנער האָבן אים געשטיצט".

און אויב די תורה סירקינס איז שוין פאר זיך אליין געווען אזא משונהדיקע, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם דאָזיקן איינדרוק דער פאַקט, וואָס זי האָט קיין חסידים ניט געהאַט, וואָס נאָר איין מענטש אויף דער וועלט האָט זי פּראָפּאַגאַנדירט.

שפּעטער אין די קומענדיקע טעג וועט אונז סירקין דערציילן וועגן זיך אליין: „אַן אינעווייניקסטער אינסטינקט און א טיפע זיכערקייט אין א העכערן אמת האָבן מיך געמאַכט באַהאַרצט און געגעבן כוח אָנצוהויבן די

פראַפּאַגאַנדע פאַרן סאָציאַליסטישן ציוניזם און זיך אווקשטעלן קעגן דער גאַרער יידישער אינטעליגענץ פון יענער צייט״.

איינער אליין, איינער קעגן אלעמען.

ד.

— — — הערצלס באַווייזן זיך האָט פאַרענטפערט אַ סך פראַגן. מיטאמאָל איז געקומען אַ סוף צו דער ירידה, צום קריזיס, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ ריי יאָרן אין דער חיבת־ציון באַוועגונג. די פאָן האָט מען אויפגעהויבן. און אויך פאַר סירקינען האָבן זיך אָנגעהויבן נייע טעג. איצט איז אָנגעקומען זיין צייט, ער האָט שוין געקענט אַרויסגיין אויף דער פרייער וועלט. ער איז געקומען צום ערשטן קאָנגרעס, אָנגעלאָדן מיט זיין גייסטיקן באַגאַזש, מיט גרויסע פאָדערונגען הן ווי אַ ציוניסט, הן ווי אַ סאָציאַליסט. ער שטעלט זיך אַוועק אין די רייען פון הערצלס מחנה, אָבער איז ניט מוותר אויף זיינע אייגענע חלומות. און ווידעראַמאָל באַגעגענען אים ביטול, געלעכטער, חוזק און דער פחד פון די כשרע ציוניסטן, וואָס האָבן מורא פאַר די מסוכנע סאָציאַליסטן: זיי קענען נאָך אַלצדינג קאַליע מאַכן. און ווידעראַמאָל גייען אַוועק די געציילטע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געקומען צום ציוניסטן־קאָנגרעס צוליב זייערע קווענקלענישן, ספקות און האָפענונגען, זיי זיינען געקומען מיט אַ ווילן צו גלויבן, אָבער דעם כוח פון גלויבן האָבן זיי ניט פאַרמאָגט. און נאָענטע חברים דרייען זיך אויס מיטן רוקן צו סירקינען. אָבער סירקין, אַ געפּרוווטער מיט מפלות, פאַלט ביי זיך ניט אַראָפּ.

„אויב ס׳איז מעגלעך, אַז אין דעם מוח פון איין מענטש זאָל זיך שאַפן אַ זיווג פון צוויי געדאַנקען, אַ שיינע האַרמאָניע פון אַ יידיש לאַנד מיט אַ יידישער רעוואָלוציע, הייסט פאַרוואָס־זשע זאָל דער אייגענער סינטעז ניט ווערן דער לעבעדיקער און שעפערישער געדאַנק פון דער גאַנצער יידישער אינטעליגענץ, פון דעם גאַרן יידישן המון? אָט דעמאָלט האָב איך אויף מיר גענומען די שווערע און אומדאַנקבאַרע אויפגאַבע צו זיין אַ סאָציאַליסט צווישן ציוניסטן און אַ ציוניסט צווישן סאָציאַליסטן. פאַרשטייט זיך, אַז יעדער צד פלעגט מיך אָפּשטויסן מיט ביידע הענט און מיך שיקן צום צד שכנגד״.

ה.

די פרוכט פון דעם דאָזיקן באַשלוס און פון זיינע ערשטע לעקציעס נאָכן קאָנגרעס איז געווען די בראָשור: „די יידן־פראַגע און די יידיש־סאָציאַליסטישע מלוכה״, וואָס איז לכתחילה געווען אָפּגעדרוקט אינעם סאָציאַליסטישן זשורנאַל „דייטשע וואָרטע״ (יולי 1898). מען קען זאָגן מיט זיכערקייט, אַז דאָ האָט מען צום ערשטן מאָל אויף אַ סאָציאַליסטישער טרי־

בונע דערהערט די שטים פון א ייד, וואָס באַהאַלט זיך ניט, וואָס פאַרווישט ניט זיין פּרצוף און רעדט ווי א ייד, ווי א גלייכער מיט גלייכע, וואָס בעט ניט מחילה און זאָגט ניט קיין הלל פאַר זיין פאָלק, וואָס אַנטפּלעקט אָן רחמנות די ווונדן פון זיין נאַציע, די סתירות פון זיין לעבן, איז מוסר־מודעה וועגן זיין נאַציאָנאַלן שטרעבן, ניט מורא האָבנדיק פאַרן „מה יאמרו", פאַר די רייד פון פאַרשיידענע לייט, און פאָדערט זיין רעכט אויף פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט.

סירקין איז ניט געווען דער ערשטער יידישער סאָציאַליסט, וואָס האָט פאַרטראַכט דעם ציוניסטישן געדאַנק. שוין דער יונגער לאַסאַל איז בשעתו שטאַרק צערודערט געוואָרן פונעם בלוט־בלבול אין דמשק: ער האָט דענסט־מאָל געחלומט וועגן דער נאַציאָנאַלער באַפרייונג פון דעם יידישן פאָלק, אָבער עלטער געוואָרן, האָט ער דעם חלום פאַרגעסן פונקט ווי א סך יידן־רעוואָלוציאָנערן האָבן פאַרגעסן די נאַציאָנאַלע חלומות פון זייער יוגנט. פינף און דרייסיק יאָר פאַרן ערשטן ציוניסטן־קאָנגרעס האָט דער גרויסער יידי־שער סאָציאַליסט משה העס אַרויסגעלאָזט זיין חיבור „רוים און ירושלים" — דעם ערשטן ספר וועגן יידישן ציוניסטיש־רעוואָלוציאָנערן געדאַנק. נאָר ניט זיין נאָמען, ניט זיינע אויפטוען און פאַרדינסטן פאַר דער אַלגעמיינער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג זיינען ניט בייגעשטאַנען משה העסן, און די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור האָט געמאַכט א שווייג וועגן דעם אַפּיקורסישן ספר פון א יידישן סאָציאַליסט. אַצינד אָבער האָט זיין תלמיד און גייסטיקער יורש נחמן סירקין זוכה געווען פונאַנדערצעוויקלען די פאָן פון יידישער נאַציאָנאַלער פרייהייט אויף דער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישער טריבונע.

פאַראַן נוסחאות פאַרעלטערטע אין דער דאָזיקער בראָשור און ס'איז קאָנטיק אויף זיי דער סטעמפּל פונעם צייט־גייסט; צייטנווייז פילט זיך, אַז סירקין האָט מיט געווויסע פאָרמולעס געגעבן זיין אָפּצאָל פאַרן געדאַנקען־גאַנג פון זיין דור. אָבער דאָס אַלצדינג איז נישט מער ווי דאָס שאָלעכץ. דער עיקר פון די אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען איז אַן אַנדערער. אדרבא, א סך מיינונגען, וואָס זיינען דעמאָלט געווען ביז גאָר טשעקאַווע און האָבן אַרויס־גערופן ספקות און א שאָקל מיטן קאָפּ, זיינען דערנאָך אויף אַזוי ווייט באַרעכטיקט געוואָרן פון דער ווירקלעכקייט, אַז זיי דוכטן זיך אונז איצט אויס ווי „באַוווסטע" זאַכן און מיר כאַפּן זיך ניט, אַז אין דער אמתן זיינען זיי אין זייער צייט געווען חידושים. זייט ביי זייט מיט געדאַנקען און אָפּ־שאַצונגען, וואָס די צייט האָט זיי געפּסלט אָדער פאַרריכט, געפינען מיר אין דער בראָשור די עיקרים, וואָס די צייט האָט זיי באַרעכטיקט און פאַרשטאַרקט. די בראָשור סירקינס באַלאַנגט ניט צו יענע ספרים, וואָס זיינען אונז מסביר

א טעאָרעטישע שיטה און ווילן זיין די פּוסקים אחרונים. די בראָשור איז אַן אָנזאָגער, א קול מבשר, און איז די פּערטע אין דער רייע גרונטווערק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג: אין דער רייע תיכף נאָך די בראָשורן פון לילינבלום, פּינסקער און הערצל. אויך איבער סירקינס בראָשור שוועבט דער גייסט פון ראשונים, עס ברענט אין איר דער פלאַם־פייער פון פּיאָנערנ־טום, און זי קוקט אַריבער אויף יענער זייט פון היינטיקן טאָג.

ו.

פּונקט ווי הערצל הויבט אויך סירקין אָן מיט די יידישע צרות, מיט דער יידישער טראַגעדיע, מיטן אייביקן פּלאָנטער פון די באַציונגען צווישן יידן און ניט־יידן. אין יענע צייטן האָבן ציוניסטן אין מזרח־אייראָפּע געזען עפּעס א פאַרשוועכונג פון זייער געדאַנק, בעת מען האָט אים באַגרינדעט ניט מיט דער אויפלעבונג פון אינעוויייניקסטן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, נאָר געבראַכט פאַר אים די עיקר־ראיות פונם אויסנוויייניקסטן כוח, פונם אַנטי־סעמיטיזם. סירקין, וואָס איז אויך געקומען פון אינעוויייניק און זעט דעם וועזן פון דער יידישער געשיכטע אינם „קאַמף אָן הפסקות אויף צו דערפירן דעם געדאַנק פון אונזערע נביאים ביז צו ממשות, ביז פאַרווירקלעכונג אין לעבן", אָט דער אייגענער סירקין קווענקלט אָבער ניט צו מאַכן פון דער מאַטעריעלער יידישער נויט, פון די צרות פון יידישן המון דעם אויסגאַנגס־פּונקט פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער זעט אין דער אויפלעבונג פון די נאַציאָנאַלע כוחות ניט אַן אָפּגעשיידטע זאַך, וואָס איז ווייט פון דער מאַטעריעלער און פּאָליטישער ווירקלעכקייט און הענגט ניט אָפּ פון דער יידישער לאַגע צווישן די פעלקער פון דער וועלט. נאַציאָנאַלער וועזן פון יידישן פאָלק איז אין זיינע אויגן א ממשות, וואָס רופט ניט אַרויס קיין ספקות; יידן פאַרמאָגן א באַזונדערן מהות, וואָס טיילט זיי אויס צווישן אַנדערע פעלקער, אָבער אויף דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן וועזן זיינען משפּיע די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע כוחות פון דער וועלט, וואָס באַ־שטימען די פאַרהעלטענישן פון יידישן קיום. „דער געפיל און באַוווסטזיין פון דער יידישער נאַציאָנאַלער גאונות, וואָס יידן האָבן מיטגעבראַכט נאָך פון ארץ־ישראל, האָט א צוגאָב־חיות באַקומען פון דער יידישער נויט, פון די יידישע צרות". די רדיפות און יסורים ווירקן ניט אין א פּוסטן חלל, זיי זיינען ניט משפּיע עפּעס אויף א פינצטערן גוף אָן דער אייגענער אויסשטראַ־לונג. ס'איז פאַראַן א באַזונדער יידישער וועזן, א בולטער יידישער קיום, א יידישער כאַראַקטער, פאַראַן א היסטאָרישע ירושה, וואָס ציט זיך נאָך פון יענע צייטן, בעת יידן האָבן געלעבט א זעלבסטשטענדיק לעבן אין ארץ־ישראל. און דער אַנטיסעמיטיזם איז פאַר אים ניט קיין צופאַל, נאָר די

פּרוקט פון יידישן מצב און פון דער אַלגעמיינער וועלט־לאַגע. ס׳מינערט דעריבער גאָרניט דעם כבוד פון ציוניזם, אויב ער מאַכט פון דער יידישער נויט, פון רדיפות אויף יידן דעם אויסגאַנגספּונקט פאַר דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. פּונקט אַזוי ווי די נויט פון די פאָלקסמאַסן רופט אַרויס די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וואָס „שעפּט איר ממשותדיקן און מאָראַלישן כוח אין דער נויט, אין דער עקאָנאָמישער ירידה פון ברייטע פאָלקסשיכטן״, אַזוי איז אויך מיטן אַנטיסעמיטיזם, „וואָס אין אים איז פאַראַן אַ קראַפט פאַר דער יידישער מאָראַלישער אויפלעבונג, אַן אויסגאַנגספּונקט אויף צו באַנייען די לעבנספאָרמען פון גאַנץ יידישן כלל״.

די בראָשור הויבט זיך אָן מיט די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע ווערטער:

„די שטענדיקע אָנגעצויגנקייט, וואָס הערשט צווישן יידן און דער אַרומיקער וועלט זינט יענעם מאָמענט, ווען זיי זיינען אַריין אין שותפותדיקע באַציונגען, אָן אָנגעצויגנקייט, וואָס האָט אין אַנדערע טעג, אין דער נייער צייט אָנגענומען די פאָרם פון אַנטיסעמיטיזם, קען מען זי פאַרשטיין און אויפקלערן דורך די אַלגעמיינע באַוועגנדיקע כוחות, וואָס הויבן אָן משפיע זיין איטלעכס מאָל, ווען די יידישע וועלט און די ניט־יידישע שטויסן זיך צונויף. און ווייל פיינדלעכע באַציונגען צווישן יידן און ניט־יידן געפינען מיר ביי אַלע פעלקער און אין אַלע צייטן, מוז מען זוכן די סיבות פון די דאָזיקע דערשיינונגען פון איין זייט אין די באַזונדערע מידות פון יידישן פאָלק גופא, אין דער משונהדיקייט פון זיין היסטאָרישער לאַגע, און פון דער צווייטער זייט אין די בשותפותדיקע לעבנספאָרמען פון די מענטשן בכלל אין פאַרגאַנגענע צייטן און אין אונזערע טעג, וואָס זיי האָבן דאָס געמאַכט אַרויסשפּראָצן און געשפּייזט די פאַרשיידענע אַנטפּלעקונגען פון דער שנאה צו יידן.

פון יענעם טאָג אָן, ווען יידן האָבן אָנגעוואָרן זייער נאַציאָנאַלע און פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט אין ארץ־ישראל, האָבן זיי אָנגעהויבן לעבן אַ משונהדיקן לעבן, וואָס האָט ניט זיין גלייכן אין דער געשיכטע, אַ לעבן פון אַ פאָלק אָן אַ לאַנד, אַ לעבן פון אַ נאַציע אין צעזייטקייט און צעשפּרייט־קייט. און אָט אין זייערע וואַנדערונגען האָבן יידן זיך באַגעגנט מיט אַ סביבה, וואָס איר כאַראַקטער, אירע נטיות, איר גייסט און נשמה זיינען פּונקט דער היפך פון די יידישע״.

און סירקין מאָלט אונז אויס ווייטער ווי אַזוי־אַרום ס׳האָט אַרויס־געשפּראָצט די יידנפראַגע און האָט אָנגענומען שאַרפע פאָרמען אויפן יסוד פון „דער אייביקער קעגנערשאַפט, וואָס הערשט אין אַלע צייטן צווישן דעם שטאַרקן און שוואַכן, צווישן דעם שונא און דעם גערודפטן, וואָס שטאַמען אַלע פון אַ ניט־גלייכער צעטיילונג פון קראַפט און מאַכט אין דער וועלט״.

„די וועלט איז געווען פול מיט שנאה און פאראכטונג צו דעם פרעמדן, וואָס האָט צו איר אריינגעוואנדערט, און וואָס פונקט אזוי גרויס ווי זיין שוואכקייט איז געווען קאָנטיק זיין ווידערשפעניקייט, און צו דער מאָס פון זיין אָנמאכט איז געווען געגליכן זיין עקשנות".

„פון דעם פאקט, וואָס מען האָט יידן גערודפט, האָט מען געמאכט דעם אויספיר, אז ס'איז רעכט אויף זיי, אז די רדיפות קומען זיי; פון זייער שוואכקייט האָט מען ארויסגעדרונגען זייער זינד, זייער פארברעכן".

„אַל־דאָס־בייז, דאָס ערגסטע, וואָס איז נאָר פאראן אין דעם מין מענטש, האָט אויסגעפרווט זיינע כוחות אויפן יידישן פאָלק".

ז.

סירקין האָט געזען ניט נאָר איין זייט פון דער מטבע, ניט נאָר די שנאה און קנאה, די אכזריות און דעם חוזק פון דער קריסטלעכער וועלט. ער שאנעוועט אויך ניט די יידן און מאָלט אויס מיט שווארצע פארבן, ווי יידן האָבן אָפּגעענטפערט זייערע פייניקער און שענדער מיט א באהאלטענער, סארקאסטישער שנאה און א שטילער פאראַכטונג. סירקין משפט ניט די יידן לכף זכות. ער „פארענטפערט" ניט דעם יידישן סוחר און פראָצענטניק שיילאָק („שיילאָק לייקנט ניט, אז ער וויל נקמה נעמען פון אנטאָניוסן"), ער זעט דוקא אין שיילאָקן דעם סימבאָל פון דער יידישער באציונג צו דער ארומיקער קריסטלעכער וועלט. „מען האָט צוגענומען ביי יידן זייער נאציאָנאלן קיום, זייער פאָלקסכאראקטער, זיינען זיי אויפגעשטאנען און האָבן געלייקנט די מענטשלעכקייט פון דער קריסטלעכער וועלט". „מען האָט פאר יידן איבער־געלאָזט נאָר ווינטיקע און מיאוסע פרנסות, זיינען זיי געוואָרן אין זייערע הענט צעשטערנדיקע כלי־זין פאר דער קריסטלעכער געזעלשאפט". „פונם גויס בויט האָט ער געצויגן זיין חיונה, פונם גויס שוואכקייט האָט ער געשעפט זיין כוח, פונם גויס ווילדקייט און עם־הארצות — די מעלות פון זיין שטאנד". דער ייד האָט געזען אין דעם גוי דעם סימבאָל פון געוואַלט־כוח, אכזריות און ווילדקייט, און האָט דעריבער צו זיך אליין געזאָגט און זיינע קינדער גע־לערנט: נאָר איר ווערט אָנגערופן מענטשן, און ניט די אומות העולם זיינען מענטשן".

אין געטאָקטע, ווי פון שטיין אויסגעהאַקטע שורות מאָלט אונז סירקין דאָס בילד פון א סדר־נאכט און זעט אין אים דעם סימבאָל פון דער יידישער קעגנערשאפט און פיינטשאפט צו דער וועלט:

„אין הוילער שרעק פארן בלוטדורשטיקן קריסטלעכן המון איז זיך דער ייד געזעסן מיט זיין הויזגעזינד אין דער סדר־פסח־נאכט און האָט אין הייליקן ציטער זיך פארטראכט איבערן טראגישן גורל פון זיין פאָלק. אלצ־

דינג אין דער נאכט איז געווען א טיפמייניקער סימבאָל פאר זיין היסטאָ־רישער נויט. דער ווייסער קיטל — אָט די תכריכים — וואָס דער טאטע פון דער משפחה האָט אים געטראָגן, איז געווען א זכר לחורבן ירושלים און צום אונטערגאנג פון דער נאציאָנאַלער גדולה; דער מרור האָט דערמאָנט די יסורים אין מצרים, וואָס זיינען אין דער יידישער נשמה געוואָרן אן ערשט רינגל פון דער קייט יסורים אין צוויי־טויזנטיאָריקן גלות; דער רויטער וויין, וואָס האָט ארויסגעשיינט פון די כוסות, האָט געוועקט זכרונות וועגן יידישן בלוט, וואָס די וועלט האָט אים פארגאָסן אָן רחמנות. און אז די פסח־צערע־מאָניע האָט ארום האלבע נאכט דערגרייכט ביז צום העכסטן פונקט, האָט מען די טירן געעפנט פאר אליהו הנביא, ער זאָל אריינקומען און די גאולה ברענגען און דענסטמאָל פלעגט דער בעל־הבית ארויסשיקן מיט א הויכן קול זיין קללה צו דער וועלט: שפוך חמתך... גיס אויס דיין גרימצאָרן אויף די גויים, וואָס ווייסן דיך ניט... וואָרעם זיי האָבן אויפגעפרעסן יעקבן און זיין וווינונג חרוב געמאכט..."

מערנישט, אָט דער דאָזיקער „ניין!" צו דער וועלט, וואָס האָט ארויס־געשריען פונם „שפוך חמתך", איז נאָר געווען איין זייט אינם גייסטיקן לעבן פון געטאָ־ייד. ווי אומגליקלעך וואָלט דאָס יידיש פאָלק געווען, ווען דאָס דאָזיקע נקמה־געפיל וואָלט געווען דער איינציקער יסוד פון זיין נשמה. זיין גליק איז געווען, וואָס ער האָט פארמאָגט אויך אנדערע געפילן און געדאנקען־גענג. אַן אויסדרוק פאר זיי האָט ער געגעבן אין זיינע ימים־נוראימדיקע תפילות.

„אויב די רדיפות האָבן געמאכט פונעם ייד א שונא פון דער וועלט, האָבן אָבער זיינע ליידן אים אויסגעלייטערט און אויפגעהויבן ביז צו דער מדרגה פון וועלט־שמערץ. דאָס פאָלק פון הענדלער האָט מיט אמאָל דער־פילט, אז עס איז א פאָלק פון ליידנדיקע; דאָס פאָלק פון פאראזיטן האָט אין זיך דערזען א פאָלק פון געפייניקטע; די אייגענע מענטשהייט, וואָס ער האָט זי אָפגעשטויסן, האָט ער אין די „ימים נוראים" געבעטן פאר איר צו זיין גאָט מיט אַן אָנגעווייטיקט הארץ". — — — „דער אייגענער ייד, וואָס האָט אום פסח־צייט געשיקט זיין כעס און זיין קללה אין דער וועלט אריין, האָט אום ראש־השנה אויסגעגאָסן זיין הארץ אין הייליקע תפילות פאר דער וועלט: „און זיי וועלן אלע ווערן איין וועלט־פארבאנד, כדי צו טאָן דיין ווילן מיטן גאנצן הארצן" — אזוי זאָגן מיר אין די ראש־השנהדיקע תפילות — „און דאָס אומרעכט וועט פארמאכן דאָס מויל, און אל־דאָס־בייז וועט אוועק ווי א רויך, וואָרעם דו וועסט אויסמעקן דאָס בייזוויליקייט פון דער ערד".

אָבער ניט נאָר אין תפילות און מנהגים אליין זעט סירקין די צווייאי־

קייט, די סתירות אין דער באַציאונג פון יידן צו דער וועלט. די געטאָ־קינדער זיינען פאַרטאָן ניט נאָר אין מסחר, נאָר אויך אין מעדיצין, ניט נאָר אין ציילן געלט און שרייבן וועקסלען נאָר אויך אין ציילן די שטערן און אין שטודירן און פאָרשן לשמה. דאָס געטאָ גיט פון זיך ארויס ניט נאָר געלטמענטשן, ניט נאָר פראַצענטניקעס, נאָר אויך דיכטער און דענקער — אַן אבן־גבירול, אַ יהודה הלוי, אַ רמב״ם און אַ שפינאָזא, וואָס זיינען מוותר אויף אַלע תענוגים פון דער וועלט צוליב געהויבענעם נחת פון דיכטונג און וויסנשאַפט.

דאָס לעבן פון יידן אין גלות, בדרך כלל, איז פול מיט סתירות. זיי שטאַמען פון די יידישע צרות. אָבער דאָס גלות־לעבן האָט אויך צוגעגרייט די יידן, זיי זאָלן קענען ביישטיין די צרות.

„אויפן באָדן פון שנאה און רדיפות, פאַרשקלאַפונג און בזיון האָט ארויסגעשפּראָצט און זיך אַנטוויקלט די האָפענונג אויף גאולה — און די דאָזיקע האָפענונג איז ניט געווען סתם אַ פאַרנעפּלט געפיל. ניין, זי האָט אויך משפיע געווען ווי אַ פּראַקטישער כוח, וואָס האָט פאַרכאַפּט די הערצער״. „אין געטאָ איז ירושלים ניט חרוב געוואָרן, וואָרעם זי האָט ווייטער געלעבט אין די הערצער פון די געטאָ־יידן״. די דאָזיקע צווייאַיקייט גופא, וואָס סירקין אַנטפּלעקט זי אין לעבן פון געטאָ, אין דער נשמה פונעם געטאָ־ייד, ווירקט אויך אין דער באַציאונג פון סירקינען צום געטאָ־יידנטום. וויפיל גאַל גיסט ער אויס אויף דעם פאַרדאַרבענעם יידישן לעבן אין געטאָ, אויף זיין גייסטיקער פאַרגליווערטקייט, אויף זיין תלמודיש־פּאַרפּילפּולטער יידישקייט, אויף זיין „שייַלאָקנטום״ לגבי דער גוישער וועלט. און פונדעסט־וועגן איז ער פול מיט דרך־ארץ צום געטאָ־ייד צוליב זיין אינעווייניקסטן גייסטיקן כוח, צוליב זיין תקיפות און איינגעשפּאַרטקייט, צוליב דעם ניט־אונטערגעבן זיך. „דער געטאָ־ייד האָט זיך ניט געשעמט און האָט ארויסגע־שטעלט מיט ווערדע זיין יידישקייט פאַר דער גאָרער וועלט — אין זיין שפּראַך, אין זיין קליידונג, אין זיין לעבנסשטייגער און אין זיינע מנהגים״.

ניט נאָר פאַרן געטאָ־ייד, אויך פאַר סירקינען איז דאָס נעבעכדיקס יידיש לעבן אין געטאָ געווען פול מיט אַ געהויבענעם אינהאַלט. דאָס יידיש געטאָ־פאָלק איז אין דער אייגענער צייט אַן ארויסגעשטויסן און אַן אויס־דערוויילט פאָלק.

„פאַרשיידענע גייסטיקע מידות, היסטאָרישע סתירות און נאַציאָנאַלע כוחות מיט טיפע וואָרצלען האָבן זיך באַהעפט כדי אָפּצוהיטן דעם יידישן קיום אין אַלע אומגליקן פון אַלע צייטן און מאַכן פון אים אַ לעבעדיקן עדות פון דער וועלט־געשיכטע״.

נאָר אָט האָט זיך באַוויזן אַ ניי קאַפּיטל אין דער וועלטגעשיכטע און

מיט אים אינאײנעם איז אינפלוג געקומען א סוף צו דער ײדישער גויט און — צום ײדישן פאָלק.

ח.

דער נצחון פונם נײעם פּאָליטישן רעזשים אין אײראָפּע האָט אויך פאַר ײדן געבראַכט די עמאַנציפּאַציע, די בירגערלעכע גלײכבארעכטיקונג. סירקין זאָגט בפירוש, אַז ניט די ײדן האָבן פאַר זיך אויסגעקעמפט די עמאַנציפּאַציע, נאָר אַז זײ האָבן זי געקראָגן און זוכה געװען פונם זאַק־רויב, װאָס דער היסטאָרישער פּראָצעס האָט זײ צוגעװאָרפן. די גלײכבארעכטיקונג איז אויס־געפאַלן אויף זײער חלק װי א פּועל־יוצא פונם נצחון פון אַן אַלגעמײנעם פּרינציפּ — דעם פּרינציפּ פון ליבעראַליזם און דעמאָקראַטיע. אויך פאַר דער בירגערלעכער געזעלשאַפט איז דאָס מער „אַן ענין פון פּרינציפּיעלער אויס־געהאַלטנקײט אײדער א ממשותדיקע באַדערפעניש".

און פונדעסטװעגן האָבן ײדן געקראָגן זײערע רעכט, זײער גלײכ־באַרעכטיקונג ניט אומזיסט. נײן, זײ האָבן פאַר איר באַצאָלט א פולן פּרײז — מיט א פעלשן אין זיך, מיט א נאַציאָנאַלן פאַרראַט.

„דאָס אײגענע פעלקל ישראל, װאָס האָט דאָ גאַרניט לאַנג דרײ מאָל אין טאָג געדאַװנט און מתפּלל געװען צו זײן גאָט, אַז ער זאָל אים צוריק־פירן קײן ירושלים, איז מיט אַמאָל צעשמאָלצן געװאָרן פון פּאַטריאָטיזם, פון ליבע צו זײן װױנאָרט".

„אױב ײדן האָבן אמאָל געקוקט אויף זיך װי אויפן צענטער פון דער באַשאַפענער װעלט, װי אויפן אלף און תיו פון דער װעלט־געשיכטע, האָבן זײ איצט אָנגעהויבן אָפּלאַכן און חוזק מאַכן פון זיך אַלײן, פאַראַכטן זיך אינעװײניק אין אזא מאָס, װי ס'האָבן ביז דענסטמאָל זיך ניט דערװעגט דאָס טאָן אפילו זײערע ערגסטע שונאים". די עמאַנציפּירטע „באַפרײטע" ײדן האָבן א פּלי געטאָן צו דער קאַפּיטאַליסטישער סעודה כדי צו געניסן פון אַל־דאָס־גוטס. אַלצדינג װאָס האָט געשטערט פון אינעװײניק אין צו־פּאַסן זיך צו דער נײער סביבה, אַלצדינג װאָס האָט נאָך געגעבן אַן אָנצו־הערעניש אויף אַן אָפּגעזונדערטן ײדישן קיום — האָט מען אַרויסגעװאָרפן װי אַן איבעריקן באַלאַסט. דער תכלית האָט זיך באַהעפט מיט דער אידעע: אַראָפּצװאַרפן די פאַרעלטערטע ײדישע ירושה און צעשמאָלצן װערן אין ים פון דער מענטשהײט. די ײדישע בורזשואַזיע האָט „מפקיר געװען דעם ײדישן נאַציאָנאַליזם מיט אַלע זײנע האָפענונגען, מיט אַלע זײנע אידעאַלן, כדי צו קענען פרײ אַרומשפּאַצירן — אַן דער ײדישער משא — איבער דער קאַפּיטאַליסטישער בירזשע". דער ײד האָט געװאָלט איבערלאָזן פאַר זיך נאָר יענע פּראַקטישע מעלות, װאָס ער האָט אָנגעזאַמלט אין זײן עקזיס־

שענק־קאמף אין געטא. נאָר דאָ האָט ער אַ ביטערן טעות געהאַט אין חשבון. די קאַפּיטאַליסטישע סעודה האָט ניט געקלעקט פאַר אַלעמען.

ט.

די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטס־אָרדענונג, וואָס האָט צוגעזאָגט יידן עמאַנציפּאַציע, גלייכע רעכט מיט אַלע אַנדערע בירגער פון לאַנד — קען ניט האַלטן איר צוזאָג. דער קאַפּיטאַליזם קען ניט באַפרידיקן די באַדערפעענישן פון אַלע בירגער אין אַ גלייכער מאָס, ער קען זיי ניט זאַט מאַכן און ער מוז פאַרשאַרפן זייער קאַמף פאַר דעם שטיקעלע ברויט, פאַר דער פּאָזיציע, פאַר דער מאַכט איבערן לאַנד. און אינם דאָזיקן קאַמף באַוויזט איטלעכער זיינע נעגל, און ווידער אַמאָל שטעכט מען די נעגל אינעם ייד אַריין. און אויב אפילו מען נעמט ניט אַוועק לויטן געזעץ די רעכט ביים ייד, קומט אָבער די געזעלשאַפט אַליין און מינערט פּאַקטיש זיינע רעכט. וואָס דאָס געזעץ באַוויזט ניט אָפּצוטאָן דעם ייד, קומט די באַוועגונג פון פאָלקס־שנאה (אַנטיסעמיטיזם) און איז ממלא וואָס ס׳פעלט נאָך.

„די פרייע קאָנקורענץ ווערט מגולגל אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט אין אַ קאַמף פון אַלעמען קעגן אַלעמען, אין אַ שטענדיקער מלחמה פון איין מענטש קעגן צווייטן, פון איין קלאַס קעגן צווייטן". אין דער דאָזיקער מלחמה איז איין מענטש אַ שונא דעם צווייטן און אים מקנא. און אויב דו האָסט עמעצן פיינט, מוזטו אויפדעקן אַלע שוואַכקייטן פון דיין קעגנער און זיי אַרויסשטעלן פאַר דער וועלט. איצט איז מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן, אַז די יידישקייט איז אָט אַזאַ שוואַכער פּונקט, וואָס רייצט די געשאַרפטע ציין פונעם שונא. אפילו נאָך דער אַסימילאַציע, נאָכן אויסמישן זיך מיט דער אַרומיקער סביבה, אפילו נאָכן שרייענדיקן פּאַטריאָטיזם — האָט דאָס דאָזיקע „פינטעלע ייד" ניט אויפגעהערט עקזיסטירן. אַלע קונצן פון דער יידישער פאַרשטעלעניש און שפּיל אין באַהעלטעניש האָבן ניט געהאָלפן. אַדרבא, וואָס מער יידן האָבן זיך פאַרשטעלט, אַלץ שטאַרקער איז געוואָרן די שנאה צו זיי.

„אָט אַזוי האָט זיך צעפלאַקערט די שנאה צו יידן מיט נאָך אַ גרעסערער קראַפט... שנאה, פאַרפאָלגונג, חוזק — זיינען ווידער אַמאָל אויסגעפאַלן אויף זייער גורל, פּונקט ווי אין די צייטן פון מיטלאַלטער. פון געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט ווערן יידן שוין לאַנג באָיקאָטירט, און אויך פּאָליטיש פאַרשפּרייט זיך אַלץ מער דער לאָזונג מבטל צו מאַכן זייער גלייכבאַרעכטיקונג. דער ציל־פּונקט פון דער דאָזיקער פאָלקס־באַוועגונג קעגן יידן איז דער גירוש, אַרויסטרייבן יידן גאָר אינגאַנצן פונעם לאַנד".

נאָך זיינען די יידן פון מערב־אייראָפּע רואיק געזעסן אויף זייערע

ערטער און האָבן געקוקט אויפן אַנטיסעמיטיזם ווי אויף אַ פאַרבייגייענדיקן וואָלקן, וואָס קען נאָר צייטנווייז טונקעלער מאַכן אָבער ניט אינגאַנצן פאַרפינצטערן די הימלען פון דער עמאַנציפּאַציע; נאָך האָבן די יידן פון רוסלאַנד, פּוילן און רומעניע געוואַרט און צו גאָט תפילה געטאָן, אַז ער זאָל זיי אייבּטיילן אַ גלייכן חלק מיט די יידן פון דייטשלאַנד, עסטרייך און אונגאַרן. און פונדעסטוועגן קווענקלט ניט נחמן סירקין און לאָזט אַרויס פון זיין מויל די התראה: דער ציל־פּונקט פון דער פאָלקס־באַוועגונג קעגן יידן — איז דער גירוש, אַרויסצוטרייבן זיי גאָר אינגאַנצן פון לאַנד!

ו.

אויפן אַנטיסעמיטיזם האָט סירקין געקוקט ווי אויף אַ דערשיינונג, וואָס איז ניט אויסצומיידן, כל זמן עס עקזיסטירט אַ געזעלשאַפטס־אָרדענונג אויפן יסוד פון קאָנקורענץ. דאָס איז דער באָדן פון היינטוועלטיקן אַנטיסעמיטיזם .און אויף אים בויט זיך אויף דער „אידעאָלאָגישער גאָרן״, די תורה פון דער שנאה און קעגנערשאַפט צווישן די פאַרשיידענע ראַסן. אין דער תקופה, בעת סירקין האָט געשריבן זיין בראָשור, איז די ראַסן־תורה נאָך געווען אַ גרינגגעשעצטע, שטאַרק אין דער נידער. נאָר סירקין האָט פאָרויסגעזען, אַז די דאָזיקע תורה וועט עולה לגדולה זיין און ווערן אַ כלי־זין צו רודפן און אַרויסצושטופּן יידן און וועט פאַרבייטן דעם רעליגיעזן מאָטיוו, די חלוקי־דעות ביי די פאַרשיידענע אמונות, וואָס האָבן אָנגעוואָרן זייער חן און ווערט אין דער היינטוועלטיקער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

און פּונקט אַזוי ווי דער אַנטיסעמיטיזם איז אין אונזערע צייטן ניט געבונדן מיט דער רעליגיע, פּונקט אַזוי איז ער אויך ניט געקניפּלט מיט אַ באַשטימטן קלאַס. אין סירקינס סביבה איז געווען פאַרשפּרייט אַ זייער פּשוטע און באַקוועמע אויסטייטשונג פונם אַנטיסעמיטיזם פון „קלאַסן־שטאַנדפּונקט״; אַזוי ווי ס׳איז דאָך באַוווּסט און אָן שום ספק, אַז דער פּראָלעטאַריאַט איז הוילע שלימות און ווייט פון יעדן שאָוויניזם אָדער סתם מענטשן־האָס, און די בורזשואַזיע איז דאָך ווידעראַמאָל באַוווּסט, אַז זי איז דער מקור פון אַלע זינד אין דער געזעלשאַפט, ממילא איז דאָך דערפון געדרונגען, אַז אַנטיסעמיטיזם געפינט מען נאָר ביי דער בורזשואַזיע. סירקין טרעט אַרויס קעגן דער דאָזיקער אייגנרעדעניש: דער אַנטיסעמיטיזם איז ניט קיין אינטערעס פון אַ ספּעציעלן קלאַס. „אין דער פאָרם פון אַ מעגלעכקייט איז דער אַנטיסעמיטיזם פאַראַן ביי אַלע קלאַסן״. אפילו דער אַרבעטער־קלאַס איז ניט פאַרפּאַנצערט קעגן אַנטיסעמיטיזם. און ווי אַ תלמיד, וואָס לערנט זיך ביי דער ווירקלעכקייט, פּרוּווט ער אויס און מאָלט אונז די פאַרשיידענע קלאַסן־כוחות, וואָס שפּייזן די שנאה צו יידן. „זי דערגרייכט צו איר העכסטן

פונקט ביי יענע קלאסן, וואָס כאַפּן מפּלות און מוזן זיך אונטערגעבן אין געזעלשאַפטלעכן קאַמף: די דאָזיקע קלאַסן קעמפן ווי פאַרצווייפלטע אויף א באַדן, וואָס גליטשט זיך אַרויס פון אונטער זייערע פיס״.

סירקין גיט סימנים פאַר די דאָזיקע קלאַסן, און אַז מען לייענט זיינע ווערטער אַצינד, נאָך פאַרגאַנגענע פערציק יאָר, וועט מען אין דעם בילד, וואָס ער מאָלט, דערקענען גרינג יענע קלאַסן, וואָס האָבן אויפגעהויבן די פאַן פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם: „זיי זיינען קינדער פון קאַפּיטאַליסטן־קלאַס, אָבער זייער קאַפּיטאַל זיינען חובות; זיי זיינען אינפלוג פאַרמעגלעך, אָבער אפילו אַרבעטס־קראַפט פאַרמאָגן זיי אויך ניט. מיט איין פוס שטייען זיי אין פאַרמעגלעכן קלאַס, אָבער מיטן צווייטן פוס שטעקן זיי שוין אין דעם לאַגער פון פּראָלעטאַריאַט. און אָט אַזוי לויפן זיי אַהין און צוריק, האָבנדיק פאַר די אויגן דעם שרעקנדיקן אויסקוק אַריינצופאַלן אין פּראָלעטאַרישן תהום. — — — הגם זיי זיינען שטאַרק געפאַלן אין מעמד, אין עקאָנאָמישן פּרט, פונדעסטוועגן זיינען זיי ניט מער ווי א נאָכשלעפּעניש פון דעם הערשנ־דיקן קלאַס. — — — די דאָזיקע ירידה־קלאַסן מאַכן א רעוואָלוציאָנערן אָנ־שטעל, אָבער זייער אָפּאָזיציע איז א קאַטילינישע*, ניט קיין פּרינציפּיעלע און האָט ניט אין זינען טובת הכלל. — — — טאָמער וואַרפט מען צו א ביינדל אויף אָפּצולעקן, זיינען זיי תיכף צופרידן מיט זייער קיצבה, און — אויס אָפּאָזיציע: שוין ווידער אַמאָל ניטאָ קיין בעסערע וועלט פון דער דאָזיקער וועלט און זיי ווערן ווידער געטרייע העלפער פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפטס־אָרדענונג. „ניץ אויס, עקספּלואַטיר, אָבער לאָז אויך איבער פאַר אַנדערע, אַז זיי זאָלן אויך קענען עקספּלואַטירן!״ — אָט דאָס איז זייער לאָזונג כלפּי די הערשער, די שררות אין דער איצטיקער געזעלשאַפט״.

און סירקין דערקענט, שוין אין אירע ערשטע אַנטפּלעקונגען, דעם גייסטיקן פּרצוף פון דער באַוועגונג און פון איר פירערשאַפט.

„דער אָפּפאַל, די ערגסטע עלעמענטן פון דער בורזשואַזער און פּראָ־לעטאַרישער געזעלשאַפט, אַלע יענע, וואָס האָבן אָנגעוואָרן יעדן געפיל פון אמת און כבוד, אַלע יענע חשודע מענטשלעך, וואָס פאַרמאָגן נאָר דעם כוח אויפצווועקן די נידעריקסטע אינסטינקטן פון די מענטשן — אָט זיי אַלע האָבן דאָס אויפגעהויבן די פאַן פון אַנטיסעמיטיזם און זיינען געוואָרן די

---

* קאַטילינאַ — א זון פון א רוימישער פּאַטריצישער משפּחה, וואָס איז פאַראָרעמט געוואָרן. שטרעבנדיק צו מאַכט האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום אינטריגעס. ער האָט אָרגאַניזירט אַן אויפשטאַנד פון יונגע פּריצים און באַפרייטע זעלנער, צוזאָגנדיק אַז ער וועט זיי אַרויסראַטעווען פון זייער נויט. דער נאָמען קאַטילינאַ איז געוואָרן א שם־דבר פאַר דעמאַגאָגישע מרידות, וואָס ווערן אָרגאַניזירט אָן געוויסן און אָן פּרינציפּן.

הויפט־רעדנער פון דער קאטיליניש־רעוואָלוציאָנערישער באוועגונג אין דער איצטיקער צייט״.

וואָס מיר רופן היינט אָן מיטן נאָמען פאשיזם, האָט סירקין בשעתו אָנגערופן מיטן נאָמען „קאטילינישע רעוואָלוציאָנערישקייט״.

אָבער אויפדעקנדיק די סאָציאלע שפלות און מאָראלישע געפאלנ־קייט פונם אנטיסעמיטיזם, איז סירקין ניט אוועק מיטן וועג פון יענע יידן, וואָס באַרואיקן זייער גייסט, באַרימען זיך מיט דער שענדלעכקייט פון זייערע שונאים און טרייסטן זיך דערמיט, אז די פינצטערניש וועט אינגיכן אָפּטרעטן איר אָרט פארן ליכט פון דער זון. סירקין זעט און זאָגט פאָרויס:

„דער אנטיסעמיטיזם האלט אין איין וואקסן און פונאנדערשפרייטן זיך. וואָס מער די שטאנדן און קלאסן וועלן צעטרייסלט ווערן, וואָס מער דאָס לעבן וועט ווערן שווערער און ס׳וועט אויספעלן זיכערקייט אין דער צוקונפט, וואָס גרעסער און שטארקער ס׳וועט ווערן דער שטורעם אויפן מיטלשטאנד און ס׳וועט וואַקסן די מורא פארן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַר־יאַט, אלץ מער וועלן זיך שטארקן די כוואליעס פון אנטיסעמיטיזם. און די פייַנטלעכע כוחות, וואָס פירן מלחמה איינער קעגן דעם צווייטן, וועלן אָבער זיך פאראייניקן אין זייער בשותפותדיקן קאמף קעגן יידן״.

ער זעט, אז דאָס יידיש לעבן געפינט זיך אונטערן עול פון אן אכזרישן געזעץ, וואָס מען קען אים ניט אויסמיידן:

„כל זמן די געזעלשאפט וועט זיין אויפגעבויט אויפן געזעץ פונעם שטארקן און כל זמן יידן וועלן פאררעכנט ווערן צווישן די שוואכע, וועלן פיין און ליידן אָן א סוף פארבלייבן זייער גורל״.

אָט אזוי זעט סירקין די יידישע לאגע, און ער זאָגט דאָס ארויס מיט פשוטע אָבער וואָגיקע ווערטער, וואָס זיינען ראוי אויסגעקריצט צו ווערן אין די הערצער פון יעדן ייד און פון יעדן ערלעכן מענטש ביי די אומות העולם:

„די היסטאָרישע יידישע נויט איז אן איין־און־אייַנציקע און זי האָט ניט איר גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט״.

די צרות שטויסן יידן צו אָפּאָזיציע, צו פּראָטעסט. אָבער דער אינהאלט פונעם פּראָטעסט בייט זיך פון תקופה צו תקופה. אין די צייטן פון מיטל־אלטער איז דער יידישער פּראָטעסט געווען אָנגעזאפּט מיט שנאה און פאראכ־טונג צום טיראנישן שונא און מיט טיפן גלויבן אין דער חשיבות פון יידישן פאָלק, וואָס לעבט לפי זיינע אייגענע מנהגים און פירט זיך זיין אייגענעם לעבנסשטייגער. דער פּראָטעסט פונעם בורזשואזן ייד אין דער נייער צייט איז געווען מער פּערזענלעך, מער עגאָיסטיש. ניטאָ אין אים די זעלבסט־פּאַרטיידיקונג פונם כלל, וואָס היט אָפּ זיין זעלבסטשטענדיקייט און זיין כבוד פאַר די אויגן פונם שונא. ביי דער יידישער בורזשואזיע וויל דער פּרט, דער

יחיד, ראַטעווען זיך אַליין מיט כּלערליי מיטלען און המצאות, מיט וואָס עס מאַכט זיך נאָר אונטער דער האַנט, און מעג דאָס זיין פּאַרראַט צום אייגענעם אָפּשטאַם, צו דער אייגענער היים, מעג דאָס זיין אַן אַנטלויפן פונם געראָדפטן און דערנידעריקטן כּלל צו דער מחנה פון די תּקיפים און רודפים.

און די יידן־סאָציאַליסטן פון אונזער תּקופה, צי האָט זיך דען זייער פּראָטעסט געביטן לגבי דעם פּראָטעסט פון דער יידישער ליבעראַלער בורזשואַזיע?

דער עצם פאַקט, וואָס אַ ייד פון אונזער צייט, אפילו אויב ער איז ניט קיין פּראָלעטאַריער, טוט זיך אַ קער צום סאָציאַליזם, איז לפּי סירקינען דער אויסדרוק פון יידישן פּראָטעסט און דוכט זיך אים אויס נאַטירלעך און באַרעכטיקט, וואָרעם די יידישע נויט איז אַ פּועל־יוצא פון דער יידישער אָנמאַכט אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז אויפגעבויט אויף עקאָנאָמישער קאָנ־קורענץ און קלאַסנקאַמף און דער סאָציאַליזם זאָגט נביאות און איז מבטיח אויסצורייסן מיטן וואָרצל די עקאָנאָמישע קאָנקורענץ און מבטל מאַכן די פּריווילעגיעס פון איין נאַציע אָדער ראַסע קעגן דער צווייטער. ס׳איז בכן נאָר נאַטירלעך, אַז דער ייד איז נוטה צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס „שטרעבט — די איינציקע צווישן אַלע אַנדערע פּאַרטייען — אָפּצושאַפן די קלאַסן מיטן קלאַסנקאַמף און אויף אַ גערעכטיקן אופן פונאַנדערטיילן די מאַכט אין דער געזעלשאַפט".

סירקין פאַרצייכנט דעם פאַקט, אַז יידן האָבן מאַסנווייז אָנגעהויבן צושטיין צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי זינט יענעם מאָמענט, ווען ס׳האָט זיך באַוויזן דער אַנטיסעמיטיזם. דאָס לערנט אונז, אַז ניט צוליב קלאַסן־טעמים האָבן יידן פון פרייע פּראָפעסיעס, קינדער פון בורזשואַזע עלטערן זיך אַ קער געטאָן מיטן פּנים צום סאָציאַליזם, נאָר צוליב זייער יידישער לאַגע. אַזוי ווי פריער האָבן יידן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, וואָס האָט אויפגעהויבן די פאָן פון גלייכבאַרעכטיקונג, פּונקט אַזוי זוכן יידן איצנד אַן אָנשפּאַר ביי דער אָפּאָזיציאָנעלער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, ווייל די ליבעראַלן האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּשרות מיט די פּויסטן־מענטשן און די פאַרשטייער פון רעאַקציע, כּדי צו קריגן זייער חלק אין דער מאַכט.

וואָס באַטייט די אָפּאָזיציאָנערישקייט פון די יידן־סאָציאַליסטן?

אויף די שפּאַלטן פון אַ ניט־יידישער סאָציאַליסטישער טריבונע, מאָלט אונז סירקין אויס אָט אַזאַ מין טרויעריק בילד:

„די יידן־סאָציאַליסטן פון מערבֿ־אייראָפּע, וואָס זייער אָפּשטאַם דאַרף מען זוכן ביי דער אַסימילירטער יידישער בורזשואַזיע, האָבן מיטגענומען צום באַדויערן די אַסימילאַטאָרישע ירושה, און מען קען דערזען ביי זיי די

אייגענע סימנים פון אויספעלנדיקן ווערדע־געפיל, פון גייסטיקער אָרעמקייט, וואָס ביי די יידן פון דער קאַפּיטאַליסטישער בירזשע; מערנישט די אינעווייניקסטע פוילקייט באַווייזט זיך ביי זיי נאָך בולטער צוליב דעם סאָציאַליסטישן צודעק. ביי די יידן־סאָציאַליסטן האָט דער סאָציאַליזם זיך אַראָפּגעלאָזט און איז פאַרדאָרבן געוואָרן ביז צו אַ פאַרפרעמדן זיך פונעם יידישן פאָלק, פונקט אַזוי ווי דער ליבעראַליזם האָט דערפירט די יידישע בורזשואַזיע ביז צו דער אַסימילאַציע — — —

אַז זייער יידישקייט האָט די יידן־סאָציאַליסטן געשטויסן אויפן וועג פון דער רעוואָלוציע, האָבן זיי דערנאָך געמאַכט דעם גרויסן לאָגישן און מאָראַלישן פעלער, וואָס זיי האָבן ניט אָפּגעהיט די ריינקייט פון זייער פּראָטעסט. זיי האָבן באַדאַרפט אונטערשטרייכן און אויסטיילן דעם טעם פון זייער רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד קעגן דער קלאַסן־געזעלשאַפט — זייער שייכות צו איינעם פון די דערשלאָגנסטע און דערנידעריקסטע פעלקער פון דער וועלט. זיי האָבן באַדאַרפט אַרויסשטעלן זייער פּראָטעסט ווי אַ ספּעציעל יידישן פּראָטעסט לפי זיין מקור און אים דערנאָך אויפהויבן ביז צו אַ העכערער און אַלגעמיינער מדרגה: האָבן זיי אָבער געטאָן פּונקט פאַרקערט — — אַראָפּגענומען פון זייער פּראָטעסט יעדן יידישן כאַראַקטער. נאָך מער: אפילו פאַרווישט און אויסגעמעקט פונם באַוווסטזיין זייער שייכות צום יידישן פאָלק, און אַזוי האָבן זיי פאַרן יידנטום באַשאַפן נאָר אַ ספּעציעלן נוסח פון דער בורזשואַזער אַסימילאַציע".

די בורזשואַזע יידן האָבן איינגעוויקלט זייער אַסימילאַציע אין אַ פרעמדן פּאַטריאָטיזם. די סאָציאַליסטישע יידן האָבן איינגעוויקלט זייער אַסימילאַציע אין אינטערנאַציאָנאַליזם. יענע האָבן דערמיט געדינט דער מאַכט פונעם הערשנדיקן פאָלק, און די סאָציאַליסטן האָבן אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג פון פרייהייט און גלייכהייט פאַר אַלע פעלקער. סירקין זאָגט צו ביידע מחנות: „מען טאָר ניט באַרעכטיקן דאָס אויסטאָן זיך פון יידישקייט, אַ שפּלדיקן פירן־זיך, אָן כבוד־געפיל און אָן אחריות, לגבי דעם אייגענעם אָפּשטאַם — ניט מיטן ליגן פון אַ פרעמדן נאַציאָנאַליזם און ניט מיטן אמת פון אַלגעמיינעם אינטערנאַציאָנאַליזם".

ס'איז אַ ליגן, אַז דער רעיון פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם פאָדערט פונעם יידן אַ גלייכגילטיקע באַציאונג צום גורל פון זיין פאָלק. ניט צוליב דער אינטערנאַציאָנאַלער אידעע גיט זיך דער יידישער סאָציאַליסט אַ קער אָפּ פון זיין אייגענעם פאָלק, פונקט אַזוי ווי ניט צוליב דער ליבעראַלער אידעע איז דער יידישער בורזשואַ דערגאַנגען ביז אַסימילאַציע. הן ביי דעם יידישן סאָציאַליסט, הן ביי דעם בורזשואַ זיינען דאָס אַנטפּלעקונגען פון יידישער געפאַלנקייט, פון געדנוויליקער פאַרשקלאַפונג, פון מוטלאָזיקייט

און כאראקטער־פארדערבעניש — „אלץ רעזולטאטן פון אונזער פארשקלא־פונג אין משך פון טויזנטער יאָרן". דאָס וואָס יידן פארלייקענען זייער אָפּשטאם, וואָס זיי זיינען גלייכגילטיק צום כבוד און צו דער פרייהייט פון זייער רעוואָלוציאָנערן אויפשטאנד קעגן דער קלאסן־געזעלשאפט — זייער דער דאָזיקער נאציאָנאלער פארראט איז נאָענט צום אינטערנאציאָנאליזם פון די בירזשע־לייט, פון די כל המינים אַפּעריסטן, וואָס ווייסן ניט פון קיין אנדער פאָטערלאנד אחוץ זייער געלט, פון קיין אנדער נאציע אחוץ זייערע חברה־לייט און פון קיין אנדער כבוד אחוץ קריכערישקייט".

דער סאָציאליזם באגריסט יעדע אָנשטרענגונג פון די פארשקלאפטע פעלקער, וואָס קעמפן פאר זייער פרייהייט. דער סאָציאליזם האָט אנערקענט, אז די שטרעבונגען פון די פעלקער צו נאציאָנאלער פרייהייט זיינען אים נאָענט צום הארצן, ער באגייסטערט זיך אפילו פאר זיי און שטיצט זיי. די נאציאָנאלע פרייהייטס־באוועגונגען שפייזן זיך אומעטום פון דער סאָציא־ליסטישער געדאנקען־וועלט, פון דער מאָראלישער אויפלעבונג, וואָס דער סאָציאליזם טראָגט אריין אין געזעלשאפטלעכן לעבן, פון דעם סאָציאליס־טישן קאמף פאר גלייכהייט און פרייהייט. אויב די זין פון פארשקלאפטע פעלקער זיינען סאָציאליסטן, פילן זיי ניט קיין שום סתירה צווישן זייער נאציאָנאליזם און סאָציאליזם. זיי וועלן קיינמאָל ניט פּראָפּאגאנדירן נאציאָ־נאלע אסימילאציע און וועלן אין דער מעגלעכקייט צו אנטלויפן פון זייער אייגענעם פאָלק ניט דערזען א ספּעציעלע פּריווילעגיע. מיט וואָס־זשע שיידן מיר זיך אָפּ פון אלע אנדערע פעלקער אין דער וועלט? פארוואָס־זשע האָבן די יידישע סאָציאליסטן געמאכט פון דער אסימילאציע זייער גייסטיק האָב־און־גוטס און פרווון מיט אלע כוחות זיך אויסטאָן פון יידישקייט? פארוואָס זאָל דער יידישער סאָציאליזם ארומבלאָנדזשען און ארויסווייזן לגבי יידישע ענינים די אייגענע גייסטיקע פארשקלאפטקייט וואָס די יידישע בורזשואַזיע?

יא.

דער ייד, וואָס בענקט נאָך אסימילאציע און וויל זיך באהעפטן מיט די הערשנדיקע פעלקער און זייער רייכער קולטור, וועט א סך טעמים אויס־געפינען פאר זיין שטרעבונג. ער קען אויפווייזן די שוואכע פונקטן אין יידישן נאציאָנאליזם, אויפדעקן זיין נעבעכדיקייט, ארויסרופן ספקות אין זיין שאפנ־דיקן פראָגרעסיוון כוח, ער קען פרעגן קשיות וועגן דעם כאראקטער פון יידישן נאציאָנאליזם און וועגן זיין צוקונפט, און אָט פון דעם אלעמען קען ער מאכן דעם געהעריקן אויספיר, אז מען דארף זאָגן „ניין!" און אָפּלייקענען דעם יידישן נאציאָנאליזם. סירקין פלייסט זיך גאָר ניט אָפּצוּוואַרפן אָט די אלע טענות. ער איז אפילו נוטה אָנצונעמען א סך שלעכטע מיינונגען וועגן

דער יידישערווירקלעכקייט. מערנישט — ער קוקט אויף די יידישע שוואכ־קייטן ווי א היסטאָריקער: דאָס זיינען פארבייגייענדיקע דערשיינונגען, א פרוכט און א פועל־יוצא פון היסטאָרישע כוחות, וואָס זיינען משפיע אויפן יידישן גלות־לעבן. אָט דער גלות האָט דאָס פון יידן געמאכט א נעבעכדיק פאָלק, אָט דער הייַנטוועלטיקער גלות מיט זיין אסימילאציע האָט אויסגע־ליידיקט דעם יידישן נאציאָנאליזם און אָפּגענומען ביי אים דעם אינהאַלט און ער דערלאָזט ניט, אז ס'זאָל זיך אויפהאָדעווען ביי יידן א „געהויבענער נאציאָנאלער גייסט". אָט דאָס איז די טראגישע סתירה אין יידישן לעבן, נאָר מען דארף זיך ניט אונטערגעבן און מען מוז דאָס גובר זיין. סירקינס געדאנק פארמעסט זיך אין א קאמף מיטן מלאך פון דער אסימילאציע, וואָס געוועלטיקט איבער דער געדאנקען־וועלט פון דער יידישער אינטעליגענץ:

„הגם די יידישע אומה פארמאָגט ניט קיין קאָנטיקע נאציאָנאלע סימנים: זי איז צעזייט און צעשפרייט איבער אלע לענדער פון דער וועלט, רעדט אויף שבעים לשונות און אויף א מישמאש פון שפראכן, הגם זי פארמאָגט ניט קיין שום ממשותדיקן נאציאָנאלן האָב־און־גוטס און אויך ניט קיין נאציאָנאלע שעפער־קראפט, פונדעסטוועגן איז זי אן אויסטערלישע נאציע, און איר עצם קיום גיט אַן אינהאלט פאר איר וועזן. דער קיום פון יידישן פאָלק, וואָס יידן האָבן אים פארטיידיקט און אפגעהיט אין אַן עקשנותדיקן קאמף מיט דער ארומיקער וועלט אין משך פון טויזנטער יאָרן, האָט פאר זיך אליין א גרויסע חשיבות, וואָרעם יידן סימבאָליזירן מיט זייער קיום די פרייהייט פון דעם מענטש און א שטיק פון געהויבענע מענטשן־רעכט. היות דער קאמף קעגן יידן איז אן אומגערעכטיקער און ער שטאמט אָפּ פון דעם כוח, וואָס עס פארמאָגט דער שטארקערער, דער איבער־געוואלט־מענטש, איז בכן דער קיום פון יידישן פאָלק א לעבעדיקער פראָטעסט קעגן גזלנות, א קאמף פאר גערעכטיקייט, א שטרעבונג פון דעם מענטש צו זיין רעכט אויף עקזיסטענץ. א היפשע שטיק אלגעמיינע מענטשן־רעכט איז פארקערפערט געוואָרן אין יידן, און טאָמער גייען יידן אונטער, ווערט מיט זיי אינאיינעם נעלם דאָס מענטשן־רעכט. מען מוז דעריבער קוקן אויפן פארשווינדן פון יידישן פאָלק ווי אויף א פארשווינדן פון מענטשלעכקייט אין דער וועלט".

ס'האָבן קיינמאָל ניט אויסגעפעלט קלוגיטשקע, ניכטערע יידן, וואָס ס'איז זיי „שווער צו זיין א ייד", וואָס קלערן וועגן אנטלויפן און זיך ראטעווען, אָדער חכמענען זיך סתם, אָדער וואָס זיינען אריינגעפאלן אין א לעצטן יאוש, און זיי שפילן זיך דעריבער מיטן געדאנק און מיט דער האָפענונג, אז אָט וועט אָנקומען א צייט ווען דער לעצטער ייד וועט נעלם

ווערן פון דער וועלט. סירקין טרעט ארויס קעגן אַט די פארשוינען מיט זייער „פריילעכער" האָפענונג:

„פאר יידן אליין וואָלט דער נאַציאָנאַלער טויט געווען די גרעסטע טראַגעדיע אין זייער היסטאָרישן גורל, און יענע יידישע תקופה, וואָס וואָלט באַדאַרפט טרינקען פון אזא ביטערן בעכער, וואָלט אוודאי געווען די ביטערסטע און טרויעריקסטע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. — — — ס'וועט די מענטשן דאָך אויפטרייסלען די טראַגיק פון דעם לעצטן ייד, וואָס וועט איבערלעבן די ווייטאָגן פון זיין שטאַרבנדיקן פאָלק אינמיטן א רייכער פּאַנאָראַמע פון נאַציאָנאַלע פארבן אין דער מענטשהייט, אויב אַט דער לעצטער ייד וועט נאָך זיין מסוגל צו א געהויבענעם געדאַנקענגאַנג בכלל. מיליאָנען יידישע קרבנות אין אלע לענדער פון דער וועלט, וואָס זאָגן עדות אויפן רעוואָלוציאָנערן ווידערשטאַנד פון יידישן פאָלק אין זיין קאַמף מיט די תקיפים פון דער ערד, — דאָס אַלץ וואָלט דאָך באַדאַרפט אויסזען אין זיינע אויגן ווי א נעבעכדיקע קאָמעדיע, ווי א פארשפּילטער ענין. — — — פאר יידן איז דאָס לעבן א מוז, א מצווה, וואָרעם זייער טויט וואָלט געווען א זינד".

און אויב דער סאָציאַליזם פון יידן וויל ניט פארבלענדן די אויגן און דינען ווי א דעקמאַנטל פאר דער תאווה זיך צו באַהעפטן מיט די הערשנ־דיקע פעלקער, אויב ער וויל זיך אויפהויבן ביז צו דער מדרגה פון אן ערלעכן מאַראַלישן „פּראָטעסט", טאָר ער ניט פארלייקענען די יידישקייט און זיך אָפּזאָגן פון א יידישן לעבן מיטן תירוץ, אז דאָס יידישע נאַציאָנאַלע לעבן איז אויסגעליידיקט און פארמאָגט ניט קיין אינהאַלט, נאָר פארקערט, ער מוז אנערקענען די יידישע נויט און דעם יידישן פּראָטעסט, — וואָס מיט זיי שפּייזט זיך דער אַלגעמיינער יידישער אויפשטאַנד קעגן אומרעכט אויף דער וועלט — און ער דאַרף ווערן אַן אמתער י י ד י ש ע ר סאָציאַליסט.

יב.

סירקין פארקניפּט זיין האָפענונג מיט די יידישע פּראָלעטאַרישע מאַסן פון מזרח־אייראָפּע, וואָס „די שפּראַך, דאָס געשריפט און דער אופן דענקען לייגן אויף זיי ארויף א בולטן נאַציאָנאַלן סטעמפּל און שיידן זיי אָפּ פון אלע אנדערע פעלקער".

אמת, לעת־עתה געפינט זיך דער יידישער פּראָלעטאַריאַט אונטער דער השפּעה פון דער אסימילאַציע, וואָרעם אין אָנהויב פון זיין אנטוויקלונג קריגט ער זיין קלאַסן־דערציונג פון דער אסימילירטער אינטעליגענץ, אָבער סוף־כל־סוף וועט ער די דאָזיקע השפּעה גובר זיין און אפילו ווערן דער לערער פון זיינע דערציער.

„דער יידישער סאָציאַליזם וועט זיך באַפרייען פון דער אסימילאַ־טאָרישער אַפּנאַרעריי און מיט א געפיל פון געטריישאַפט און פרייהייט וועט ער זיך פּראָקלאַמירן ווי א פאָרם פון שטאַרקן יידישן פּראָטעסט, וואָס האָט אין דעם סאָציאַליזם געפונען זיין תיקון".

און א חילוק איז פאַראַן צווישן סירקינען און די יידישע סאָציאַליסטן, וואָס זיינען געוועזן פאַר אים און געקומען נאָך אים, אפילו יענע, וואָס פאַרמאָגן א נאַציאָנאַלע באַוווסטזיניקייט: סירקין זעט אין דעם יידישן סאָציאַליזם ניט נאָר דעם אינטערעס פון די לוינאַרבעטער, נאָר אויך אַן אַלגעמיין־יידישן נאַציאָנאַלן ענין.

אזוי ווי די יידישע נויט דריקט מיט איר שווערקייט הן אויפן קרע־מער, אויפן בעל־מלאכה, הן אויפן יידישן מלמד און אינטעליגענט, וועלן בכן די דאָזיקע קלאַסן מענטשן, דערקענענדיק דעם כאַראַקטער פון די יידישע צרות און וועלנדיק זיך פאַרטיידיקן און באַוואָרענען זייער קיום, אין נאַציאָ־נאַלער אויפלעבונג זיך מצרף זיין צום סאָציאַליזם, וואָס וועט דעמאָלט זיין ריין פון אסימילאַטאָרישן שטויב.

„ווי א פּראָטעסט קעגן יידישע פּיין איז דער סאָציאַליזם מסוגל אריינ־צודרינגען אין גאַנצן כלל ישראל, וואָרעם די יידישע נויט פּילן אַלע קלאַסן, הן דער יידישער מיטלשטאַנד און אפילו די יידישע בורזשואַזיע. שפּאָט און שאַנד, נויט און באַליידיקונג זיינען דער גורל פון יידישן פאָלק אין אַלע זיינע קלאַסן, און בשעת דאָס יידיש פאָלק וועט זיך פאַרקלערן איבער זיינע צרות, וועט ער פאַרציטערט ווערן ביז אין די טיפענישן פון זיין האַרצן און דערקענען די גרויסע, אומענדלעכע טראַגעדיע פון זיין איצטיקן קיום".

און דענסטמאָל וועט פאַר אים ניט זיין גענוג א באַהעפט מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס וועט אויסדריקן זיין פּראָטעסט־געפיל: ער וועט דעמאָלט אויך געפינען דעם אויסדרוק פאַר זיינע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע אינסטינקטן, ער וועט זוכן א רפואה און גאולה שלמה — און דאָס וועט ער געפינען אין דעם ציוניזם.

ארטור רופין

[פון א רעדע אויף דער אזכרה־זיצונג פון ציוניסטישן אקציאָנס־קאָמיטעט,
שבט תש״ג, 1943]

מיט פופציק יאָר צוריק האָט א. ל. לעווינסקי, א באגאבטער העברעי־שער שריפטשטעלער, א מענטש מיט הומאָר, אָנגעשריבן א ציוניסטישע או־טאָפּיע: „ווי אזוי וועט ארץ־ישראל אויסזען שפּעטער מיט 150 יאָר? אגב־אורחא באריִרט ער דאָרטן א דעליקאטע פראגע: וואָס וועט זיין דער ביי־טראג פון די פארשיידענע יידישע שבטים אין דעם אויפבוי פון דער יידישער צוקונפט? ער פּרובירט טרעפן, אויף אזוי ווייט ווי מען האָט עס געקענט טאָן דעמאָלט, אין אָנהויב פון דער חובבי־ציון־באַוועגונג, וואָס עס וועלן אויפטאָן די רוסישע, די פראנצויזישע, די ענגלישע יידן. און צום סוף פרעגט ער: וואָס וועט זיין דער ביַיטראַג פון די דייטשע יידן? און ער ענטפערט מיט א שפּאַס: זיי וועלן קומען לאחר המעשה און שרייבן די געשיכטע פון דעם ישוב, זיי זיינען דאָך מייסטער אויף שרייבן געשיכטע. די אנדערע וועלן „מאכן געשיכטע״ און זיי וועלן זי — שרייבן.

קיין מענטש, אפילו ניט קיין נביא, האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט אז אזוי וועט זיין די גזירה פון דער געשיכטע און אזוי וועלן מאסן יידן פאר־לאָזן דייטשלאנד, אז זייער עליה וועט ניט זיין קיין אידיליע, נאָר וועט געטריבן ווערן פון א קאטאסטראָפע, וואָס אין פארגלייך מיט איר וועלן אויסזען זייער בלאס אלע פריערדיקע חורבנות פון יידישע קהילות, אז אזוי וועט קיין ארץ־ישראל קומען די שארית ישראל פון דייטשלאנד.

און ווער האָט זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט, אז צוואנציק יאָר פאר דער קאטאסטראָפע, דעמאָלט בעת די דייטשע יידן זיינען נאָך געווען צופרידן מיט זייער מערכה, בעת זיי זיינען נאָך גליקלעך געווען מיט זייער זיכער־קייט און וווילזיין און „וועלט־קולטור״, וועט גראָד פון זיי קומען צו די ער־שטע בויער אין לאנד, וואָס איז פארזונקען אין דלות און אין שוואכקייט און אָנמאכט, א מענטש וואָס זיין גאנץ הארץ וועט זיין מיט די בויער און ער וועט ווערן דער מייסטער פון דעם בנין און זיינע הענט וועלן זיך אָפּגעבן מיט יעדער מלאכה, פון צייכנען פּלענער ביז זיי דורכפירן, און ער וועט אויף זיין פּלייצע אָנלאָדן די גאנצע משא פון בוי, און ער וועט זיך אפילו ניט אָפּ־זאָגן פון דער בעטלער־טאָרבע און זיך ניט אָפּשרעקן פאר אלע שוועריקייטן?

אין יאָר 1907 איז צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל געקומען א יונגער מענטש, עפּעס העכער פון דרייסיק, וואָס איז געבאָרן געוואָרן און דערצויגן געוואָרן אין דייטשלאנד. ער איז געווען אן אדוואָקאַט, א פּרייסישער „אסע־סאָר״. ער איז ניט געווען דער ערשטער וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין

ארץ־ישראל „צו אונטערזוכן די לאגע". פאר אים זיינען געקומען פיל, וואָס זיינען קיין ארץ־ישראל געשיקט געוואָרן דורך אינסטיטוציעס און פילאנ־טראָפּן און סתם איינפלוסרייכע מענטשן, כדי צו פאָרשן און „ארויסזאָגן זייער מיינונג" און פארענטפערן די פראגן פון די, וואָס האָבן זיי געשיקט. ארץ־ישראל, דער „נייער ישוב" ווי דער „אלטער ישוב", האָט פון צייט צו צייט ארויפגעקוקט צו די דאָזיקע „פאָרשער" און „אונטערזוכער", וואָס וועט זיין זייער אורטייל: לשבט אָדער לחסד ?

א יאָר שפּעטער איז דער יונגערמאן צוריק געקומען, דאָס מאָל ניט ווי אַן „אונטערזוכער", נאָר ווי אַן „אדמיניסטראטאָר". ארץ־ישראל האָט געקענט אַ סך אדמיניסטראטאָרן. יעדער „נדיב", גרויס צי קליין, האָט געהאט זיינע „אדמיניסטראטאָרן". יעדע חברה, אַ קליינע, צי אַ גרויסע, האָט געהאט אירע „ממונים". זיי זיינען געשיקט געוואָרן צוליב גוטע צילן, זיי זיינען געקומען מיט גוטע כוונות — אָבער עפּעס אַ קללה איז אויף זיי געלעגן. צווישן זיי און די, וועמען זיי האָבן געדאַרפט „אדמיניסטרירן", איז געלעגן אַ תהום, איבער וועלכן עס איז ניט געווען קיין בריק. יאָרן שפּעטער וועט אפשר קומען אַ פאָרשער און באַווייזן, אז הירש, אָט דער אדמיניסטראטאָר וואָס איז געווען דער „ממונה" איבער די ביל"ויים און פון זיי געפאָדערט „דיסציפּלין" און דרך־ארץ, איז געווען אַ גוטער ייד און אַ חובב־ציון. יאָרן שפּעטער וועט אפשר די געשיכטע פעסטשטעלן, אז די דאָזיקע בחורים, די פאַנטאַזיאָרן, וואָס האָבן גאַרניט פאַרמאָגט, וואָס האָבן אַזוי ווייניק אויפגעטאָן, די שטור־רעמדיקע דיסקוטאַנטן און בונטאַרן, זיינען געווען די אבות־אבות פון דער צוקונפט און זייער „מזל" האָט געזען דאָס וואָס עס האָבן ניט געזען די חכמי־הדור. אָבער בשעת מעשה האָבן זיי, — דער עלזאַסער ייד הירש, דער „אדמיניסטראטאָר", און די רוסישע יונגעלייט, די ביל"ויים, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אויף דעם רוסישן רעוואָלוציאָנערן פאָלקיזם, — ניט געהאַט קיין שום געמיינזאַמע שפּראַך. אין זיינע אויגן זיינען זיי „ניהיליסטן"; ער איז פאַר זיי — אַ „טיראַן".

אָט דאָס איז געווען די ערשטע באַגעגעניש צווישן די ערשטע קאָלאָ־ניסטן און די פאָרשטייער פון די קאָלאָניזאַטאָרן. ניט פיל בעסער איז עס געגאַנגען מיט די שפּעטערדיקע אויפלאַגעס פון דער „אדמיניסטראַציע". דאָס האָט געקאָסט שווערע אומזיסטע קרבנות דעם גאַנצן קאָלאָניזאַציע־ווערק. דאָס איז געווען אַ טראַגעדיע פאַר אַלע צדדים, וואָס האָבן דערמיט געהאַט אַ שייכות; די כוונות זיינען צעשמעטערט געוואָרן אויף די פעלזן פון פרעמדקייט — די פרעמדקייט צווישן יידישע שבטים, און די סאָציאַלע פרעמדקייט צווישן „אנשי־מעלה" און „אנשי־מטה".

און אָט שיקט אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אירן אַן „אדמיניס־

טראַטאָר״ קיין ארץ־ישראל, וואָס פאַר א חידושים וועט ער באַווייזן? ער דאַרף אויפשטעלן אן אינסטיטוציע, וואָס איר דייטשער נאָמען איז שוין געווען באַקאַנט אין פאַריס: „פּאַלעסטינע־אַמט״! וואָס קען דאָס דאָזיקע וואָרט זאָגן דעם הארצן? די בעסטע מענטשן אין ישוב האָבן זיך געריכט אויף גרויסע צרות. עס איז זיך צונויפגעקומען אַן „ארץ־ישראל־באַראַטונג״ פון די וויכטיקסטע פּערזענלעכקייטן אין ישוב, כדי צו פּראָטעסטירן. אויב די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט א ביסל געלט — און דער גאַנצער בודזשעט פון „פּאַלעסטינע־אַמט״ האָט דעמאָלט באַטראָפן 8.000 פונט א יאָר, און מיט דעם דאָזיקן בודזשעט איז געשיקט געוואָרן א שליח מיוחד צו בויען דאָס לאַנד — איז ברוך־השם פאַראַן צווישן וועמען דאָס צו פאַרטיילן. ווער דאַרף עס האָבן א נייע „אַדמיניסטראַציע״? צו וואָס דאַרף מען האָבן נאָך א בירוראָ? וואָס קען צוגעבן א נייער מענטש וואָס קומט פון דערווייטנס, וועלכער קען ניט קיין העברעיש, וועלכער איז ניט באַקאַנט מיט יידישע זיטן, וואָס זיין פרעמדקייט איז אזוי בולט? אזוי האָבן גערעדט און אזוי האָבן געשריבן די, וועמען ס׳איז באַשערט געווען שפּעטער צו ווערן זיינע טרייע פריינד. גלייך פון אָנהויב, הייסט עס, האָט אויף רופּינען געלויערט די פרעמדקייט, וואָס האָט אין די לעצטע דורות שווער געמאַכט דעם קאָנטאַקט צווישן מזרח און מערב, צווישן דערווייטערטע יידישע שבטים. שוין דער אומפריינדלעכער קבלת פנים, וואָס מען האָט אים געגעבן, איז עלול געווען אים צו שטרויכלען. אָבער דער גוטער מזל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט געוואָלט, אז דער יונגער מענטש, וואָס איז קיין ארץ־ישראל געקומען אין איר שליחות, זאָל אליין אייַנזען די דאָזיקע שוועריקייטן און זאָל האָבן דעם אינערלעכן כוח זיך איר צו שטעלן אנטקעגן.

„דער מזרח־אייראָפּעאישער ייד איז פאַר די גרויסע פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן אין מערב־אייראָפּע ניט געווען קיין מיטאַרבעטער מיט גלייכע רעכט, נאָר בלויז אן אָביעקט פון זייער טעטיקייט. דער מערב־אייראָפּעאישער ייד האָט ניט געהאַט קיין שום באַגריף וועגן דעם גייסטיקן מוט פון דעם רוסישן יידן, וועגן זיין גרויסן אידעאַליזם, וועגן זיינע וואָגיקע זעלישע אייגנשאַפטן. ערשט א דאַנק דעם ציוניזם האָט זיך די דאָזיקע לאַגע געענ־דערט. דער תהום צווישן מזרח און מערב איז נאָך אין גאַנצן ניט פאַרשטאָפּט געוואָרן, אָבער די בריק איבער אים איז שוין געבויט געוואָרן״*.

יאָ, „א דאַנק דעם ציוניזם האָט זיך די דאָזיקע לאַגע געענדערט״. א דאַנק דעם ציוניזם האָבן זיך די יידן פון מערב און פון מזרח באַגעגנט גאָר אַנדערש ווי זיי האָבן זיך באַגעגנט אין פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונגען

* א. רופּין: „די יידן אין דער איצטיקער צייט״.

און קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפטן. שוין אויפן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט הערצל, צו זיין פרייד און איבערראַשונג, אַנטדעקט אין דעם מזרח־אייראָפּעאישן יידן גאָר אַן אַנדערע געשטאַלט ווי די, וואָס מען איז געווען געוווינט צו זען אין מערב־אייראָפּע. „איך בין זיך מודה, אַז פאַר מיר איז דאָס אויפטרעטן פון די רוסישע יידן געווען די גרעסטע געשעעניש אויפן קאָנגרעס... אויך זיי וועט דאָך ליגן די אויפגאַבע צו טאָן די ערשטע קולטור־אַרבעט אין וויסטן לאַנד, זיי ווילן דאָך און וועלן דאָך אויפאַקערן דעם באָדן. אָבער מיר האָבן שטענדיק געמיינט, אַז זיי וועלן זיך נויטיקן אין אונזער גייסטיקער הילף און פירערשאַפט — און אָט איז פאַר אונזערע אויגן אויף דעם באַזעלער קאָנגרעס דערשינען אַ רוסיש יידנטום מיט אַ קולטור־ניוואָ וואָס מיר האָבן זיך קיין מאָל ניט פאָרגעשטעלט". אין דער ציוניסטישער ספערע האָבן זיך פון דעמאָלט אָן און ביזן היינטיקן טאָג אַנטדעקט און אַנטפּלעקט איינע די אַנדערע די פאַרשיידענע שבטים, כאָטש ניט שטענדיק איז עס געווען אַן אידילישע באַגעגעניש צווישן ברידער. ווען רופּין איז געקומען צום ציוניזם, האָט ער שוין דאָרטן געפונען אַן אַטמאָספער, וואָס האָט מעגלעך געמאַכט גאָר אַן אַנדער באַגעגעניש צווישן מזרח און מערב. אָבער די אַטמאָספער אַליין מאַכט נאָך ניט די באַגעגעניש. ער אַליין, אַרטור רופּין, האָט באַזיצט די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן וואָס האָבן זיך געפאָדערט פון איינעם פון די הויפּט־בויער פון די „בריק".

שוין דער עצם פּערזענלעכער קאָנטאַקט מיט אים האָט געשאַפן די דאָזיקע בריק. פון אים האָט אַרויסגעשיינט יענע גייסטיקע פרייהייט, איידל־קייט און מענטשן־ליבע, וואָס נעמט אַוועק מחיצות און באַפרייט פון פאָר־אורטיילן, פאָראורטיילן פון אָפּשטאַם און קלאַס. ער איז דאָס געווען דער, וואָס האָט פון דאָס ניי אַנטדעקט יהושע כאַנקין און פאַר אים געעפנט זיין אַרבעטס־פעלד. ער האָט זיין צוטרוי געשענקט יצחק ווילקאַנסקין און אים געגעבן די מעגלעכקייט צו זוכן נייע וועגן אין דער יידישער קאָלאָניזאַציע. ער איז געווען אַ פריינד פון דעם פראַנצויזישן יידן פראַנק, דעם רוסישן יידן אליהו בערלין, דעם ספרדי ענתבי און אַפילו פון דעם צאַרטן בוטשאַטשער בחור, טשאַטשקעס, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן ש"י עגנון.

און עס איז אויך געווען אַ מזל וואָס רופּין איז קיין ארץ־ישראל געקומען אַ יונגער מענטש. דאָס לאַנד איז געווען יונג, זיינע בויער זיינען געווען יונג און אויך ער איז געווען יונג. ער איז ניט געקומען ווי איינער פון די באַרימטע „עקספּערטן", וואָס זיינען אָנגעלאָדן מיט תורה און דער־פאַרונגען און דערגרייכונגען און זיי זיינען מיט זייער פאַרגאַנגענהייט אַזוי טיף פאַרבונדן, אַז אין הארצן בלייבט ניט קיין פּלאַץ אויפצונעמען עפּעס מיט וואָס זיי זיינען נאָך ניט באַקאַנט. מיט אַלע זיינע פריערדיקע

דערגרייכונגען אויף פארשיידענע געביטן און זיינע סאָלידע קוואַליפיקאַציעס פאַר זיין אויפגאַבע איז ער קיין ארץ־ישראל געקומען ווי אַן אָנפאַנגער, האָט זיך באַטראַכט ווי אַן אָנפאַנגער, און ער האָט זיך ניט באַצויגן מיט קיין ביטול צו די אַנדערע אָנפאַנגער וואָס ער האָט געפונען אין לאַנד. ער איז קיין ארץ־ישראל ניט געקומען מיט אַ פאַרטיקער קאָלאָניזאַציע־סיסטעם, מיט פאַרטיקע סכעמעס און, מען קען אפשר זאָגן, אויך אָן דאָקט־רינערע פאָראורטיילן. דערפאַר האָט ער מיט זיך געבראַכט אַן אומאויס־שעפּלעכן קוואַל פון זעעלישער און אינטעלעקטועלער פרישקייט, אַ באַהאַל־טענעם טאַלאַנט צו גלויבן, וואָס איז געצוימט פון פאַרזיכטיקן און סקעפּטישן, זוכנדיקן און קאַלקולירנדיקן אינטעלעקט און אַן אומאויפהערלעכע גרייט־קייט צו לערנען. רופּין האָט דאָס גאַנצע לעבן געלערנט — אויף די פאַר־שיידנסטע געביטן. און ניט נאָר פון די ביכער האָט ער געלערנט, נאָר אויך פון זיין אַרבעט, פון זיין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט מענטשן. מער ווי יעדער אַנדערער, האָט ער געהאַט דאָס רעכט וועגן זיך צו זאָגן: „מכל תלמידי השכלתי".

רופּין איז ניט געווען קיין רעוואָלוציאָנער, ער האָט ניט געהאַט קיין אַספּיראַציעס צו זיין דער טרעגער פון אַ רעוואָלוציאָנערער שליחות, אָבער אין דער געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל האָט ער דורכגעפירט די רעוואָלוציאָנערסטע מיסיע. ער האָט אין גאַנצן, מיט אַלע זיינע אינערלעכע כוחות, זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם אויפבוי און מיטן כוח פון זיין קאָנסטרוקטיוויזם האָט ער דורכגעפירט אַ „פרידלעכע רעוואָלוציע". אָט יענע רעוואָלוציע אין אונזער קאָלאָניזאַציע, וואָס ווען זי וואָלט ניט געשען אין אַ באַשטימטן מאָמענט, — וואָלט דעמאָלט דער שעפע־רישער כוח פון ציוניזם אין גאַנצן צעטרענצלט געוואָרן.

ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל, און פון ארץ־ישראל צום ציוניזם, אין שווערע, כמורנע צייטן, — ניט אין די זוניקע טעג פון הערצלען, נאָר אין אַ ירידה־צייט, נאָך דעם אוגאַנדע־קריזיס. עס איז צעשמעטערט געוואָרן דער פּאָליטישער חלום, און אויך דאָס הארץ פון דעם אויסדערוויילטן טרוימער, וואָס האָט געוועקט גלויבן, איז צעבראָכן געוואָרן. עס האָט זיך אָפּגעטאָן די שיין פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. זי איז געבליבן אָן פּאָליטישע דערגרייכונגען און אָן קאָלאָניזאַטאָרישע טאַטן. עס איז ניט געווען קיין קאָנ־קרעטע אויסזיכטן אויף וואָסער ניט איז נצחון. ס'איז גרויס געווען די צאָל יידן, וואָס האָבן פאַרלאָזט די מחנה. אין יענער צייט האָט רופּין, דער ניט־ציוניסט — זיך פאַרבונדן מיט דעם ארץ־ישראל־ווערק.

ער האָט דעם ישוב געפונען אין זייער אַ שווערער לאַגע. דלות, ליידן, אָפּגעלאָזנקייט. דעם שטיקל ווירטשאַפט וואָס איז געשאַפן געוואָרן

אין לאנד האָט געפעלט יעדער סאָלידער יסוד, אָבער ער, דער עקאָנאָמיסט און סטאַטיסטיקער, האָט געזען ניט בלויז די ווירטשאַפט נאָר אויך דעם מענטשן. און דאָ האָט ער אויך געפונען א שווערע לאַגע. ער האָט פעסט־געשטעלט א דיאַגנאָז, ניט קיין עקאָנאָמישן און ניט קיין סאָציאָלאָגישן, נאָר א ביאָלאָגישן: „פּריצייטיק אלט־ווערן". ער האָט אויך געשעצט דעם אויפטו פון די ראשונים, זייערע קרבנות, אָבער ער האָט געזען זייער ירידה: זיי האָבן ניט קיין המשך. „עס זיינען פאַראַן קאָלאָניעס, וואָס מאַכן דעם איינ־דרוק פון מושבי זקנים". „די קינדער האָבן פון זייערע עלטערן ניט געירשנט די באַגייסטערונג און די האָפענונג". זיי פאַרלאָזן די „זינקענדיקע שיף". אין א צייט שפּעטער, ווען ער האָט איין מאָל פּרובירט פאָרמולירן דעם קריזיס, וואָס דער ישוב האָט דורכגעמאַכט ערב דער צווייטער עליה, האָט ער עס געטאָן אין די פאָלגנדיקע ווערטער: „דער בעל־הבית־ישער גייסט איז שטאַר־קער געוואָרן פון דעם גייסט פון חלוציות".

און אין איינקלאַנג מיט דעם דיאַגנאָז — די תרופה. פון אלע זייטן קומען פאָרשלאָגן וועגן „קאָנסאָלידאַציע". מען דיסקוטירט די פּרייזן פון וויינטרויבן און אָראַנזשן. אָבער ער, דער עקאָנאָמיסט און סטאַטיסטיקער, הויבט אָן פון דעם מענטשן: „עס איז נויטיק צו באַנייען דאָס בלוט; דאָס ארץ־ישראל־ווערק איז האָפענונגסלאָז אָן א נייעם טרעגער פון ציוניסטישן ענטוזיאַזם". און אַזוי ווי ער האָט געזוכט טרעגער פון ציוניסטישן ענטוזיאַזם, האָט ער זיי געפונען בלויז אין יענעם הייפל בחורים, יונגע עולים, וואָס די לופט פון ארץ־ישראל, וואָס מאַכט קלוג, האָט זיי ניט באַוויזן קלוג צו מאַכן. זיי האָבן נאָך ניט באַוויזן אין ארץ־ישראל צו שאַפן עפּעס א דבר של ממש, זיי האָבן נאָך ניט געוווּסט ווהין זיי גייען, זיי האָבן נאָך ניט אָנגעהויבן אַרויסצווייזן ווירטשאַפטלעכע פעאיקייטן און געווען ווייט פון פאַרשטיין ווירטשאַפטלעכע פּראָבלעמען. זיי זיינען נאָך אפילו ניט געווען קיין „נאַטירלעכע אַרבעטער" — אָבער זיי האָבן געפּיבערט מיטן פייער פון ציוניזם. אין קיין שום טעאָרעטישן בוך וועגן קאָלאָניזאַציע איז ניט געזאָגט געוואָרן, אַז גראָד אַזעלכע מענטשן וועלן טויגן פאַר א קאָלאָניזאַציע־ווערק. אַזעלכע האָט רופּין געפונען אין ארץ־ישראל — און אויף זיי האָט ער געלייגט זיין האָפענונג.

דער דאָזיקער מאַן, וועלכער איז געקומען פון דערווייטנס, האָט גע־פונען יענע געמיינזאַמע שפּראַך מיט דעם הייפל יונגע מענטשן, וואָס ציוניסטן וואָס זיינען זיי נאָענט געווען, מענטשן מיט א בשותפותדיקער קולטור, האָבן ניט געפונען. ס'איז ניט געווען קיין פּשוטער ענין. דעם „פּאַ־לעסטינע־אַמט" האָבן ניט געפעלט קיין פּראָיעקטן. עס זיינען געווען אלטע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין פינאַנציעלער הילף. ס'זיינען געווען

„אלטע ארבעטער", מאַהיקאַנער פון דעם באַראָנס תקופה, מיט זייערע פאַרדערונגען, עס זיינען געווען „פּראַקטישע מענטשן", וואָס האָבן געוווּסט ווי אזוי מען דאַרף אויסגעבן די געלטער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אויף דעם סאַמע פּראַקטישסטן אופן: איר ווילט פּלאַנצן א „הערצל־וואַלד"? אדרבא! אין ארץ־ישראל זיינען פאַראַן דערפאַרענע מענטשן, וואָס מען קען זיך אויף זיי פאַרלאָזן, אַז זיי וועלן שוין די אַרבעט טאָן. און זי וועט קאָסטן ביליקער ווי אַרבעט וואָס וועט געטאָן ווערן דורך נייע מענטשן און דווקא מיט יידישע הענט. איצט איז שווער צו גלויבן, אַז אפילו אין די זעלבסטשטענדיקע קאָלאָניזאַציע־אָנהויבן פון דער ציוניסטישער אדמיניסטראַציע זיינען די „ידי יעקב" כלל ניט געווען קיין זעלבסטפאַרשטענדלעכער ענין, און עס האָט זיך געפאָדערט א ביטערער און פאַרצויגענער קאַמף ביז דאָס איז געוואָרן א „דרך הטבע". די „פּראַקטישע מענטשן" האָבן געוווּסט, אַז עס זיינען פאַראַן אין דעם עקזיסטירנדיקן ישוב געננג ערטער, אין וועלכע צו אינוועסטירן דאָס ביסל ציוניסטיש געלט, אזוי אַז מען זאָל עס ניט פאַרשווענדן דורך „אומפּראַקטישע אַרבעטס־מעטאָדן".

רופּין איז געגאַנגען אויף אַן אַנדערן, אויף אַן „אומפּראַקטישן וועג". ער האָט געהאַלטן, אַז די „טרעגער פון דעם ציוניסטישן ענטוזיאַזם" דאַרפן ווערן די טרעגער פון דער קאָלאָניזאַטאָרישער טאָט. ער האָט זיך פאַרנומען מיט פּראָיעקטן פון זייער צווייפלהאַפטער פּראַקטישקייט, וואָס האָבן דערפאַר פאַרשפּראָכן אריינצושטראָמען ניי בלוט אין דעם קראַנקן קערפּער פון דעם ישוב: ער האָט געפּלאַנצט א וואַלד מיט אומדערפאַרענע אַרבעטער, אונטער דער לייטונג פון אומדערפאַרענע אַגראָנאָמען, ער האָט געבויט לערן־פערמעס, אין וועלכע אַרבעטער האָבן באַקומען א לאַנדווירטשאַפטלעכע שולונג. „פּראַקטישע מענטשן" האָבן געצויגן מיט די אַקסלען. זיי האָבן געקענט דערציילן, אַז דאָס אַלץ איז שוין אַמאָל געווען און עס האָט זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט. זיי האָבן געקענט באַווייזן, ווי וואַקלדיק עס זיינען די חשבונות און וואָס פאַרא פאַרלוסטן עס זיינען פאַרבונדן מיט די אַלע פּלענער. די חשבונות זיינען טאַקע געווען זייער וואַקלדיק; די פאַרלוסטן — זיכערע. אָבער דער לעצטער חשבון איז געווען א גערעכטער. דער פאַרלוסט איז געדעקט געוואָרן. די לערן־פערמעס האָבן ניט געבראַכט די רעזולטאַטן, וואָס די פּלענער האָבן פאַרשפּראָכן, אָבער זיי זיינען געוואָרן דער וואַרשטאַט, אין וועלכן עס איז אויסגעשמידט געוואָרן די חלוצישע טאָט, פון וועלכן עס איז געקומען די אַרבעטער־קאָלאָניזאַציע, פון וועלכן עס איז אַרויסגעוואַקסן די יידישע געמישטע לאַנדווירטשאַפט.

אין רופּינס לעבנס־בוך איז געשטאַנען דער כלל: „א טעות וואָס ברענגט צו א טאָט איז אָפטמאָל טויזנט מאָל ווערטפולער פון אַן אמת,

וואָס צוימט די ענערגיע און שוואַכט אָפּ די הענט״. דער דאָזיקער כלל איז געשטאַנען אין פולשטענדיקן קעגנזאַץ צו דעם „עכט־קויפמעניש״ שטאַנדפּונקט, וואָס עס האָט דעמאָלט פאַרטראָטן די ציוניסטישע פירער־שאַפט, וועלכע האָט רופּינען געשיקט קיין ארץ־ישראל. זי האָט פאַרגעצויגן צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, אַבי ניט צו מאַכן קיין טעותן און ניט צו שטעלן אין געפאַר קיין איין פּרוטה. רופּין האָט זיך פאַר קיין טעותן ניט געשראָקן, כאָטש תקיפים מיט גרויסע תביעות, וואָס האָבן ניט געקענט פאַרטראָגן קיין נייע מענטשן און קיין חידושים, האָבן אויף אים געקוקט מיט פאַרדעכטיקטע אויגן און געזוכט פעלערן און דורכפאַלן. רופּין האָט ניט געשטרעבט צו זיין אַן איש־מלחמה, אָבער פון צייט־צו־צייט איז קעגן אים פּראָקלאַמירט געוואָרן קריג און זיין גאַנצע טעטיקייט אין ארץ־ישראל איז פאַקטיש געווען פאַרבונדן מיט אַ פּערמאַנענטן קאַמף: געראַנגל מיט שונאים און מיט קעגנער, געראַנגל מיט „בעסער־ווייסער״, געראַנגל מיט פריינד, וואָס זיינען גרייט מפקיר צו זיין דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק פאַר יעדער נייער „מאָדע״. אין דעם דאָזיקן געראַנגל איז ער געווען דער פּיר־שפּרעכער פון דעם קאָלאָניזאַטאָריש־חלוצישן ווערק און האָט דערצויגן די ציוניסטישע באַוועגונג און דעם קאָלאָניסט אין איין און דער זעלבער צייט.

רופּין האָט געהאַט דעם גרויסן טאַלאַנט צו דערציען און מדריך צו זיין — ניט שפּאַנענדיק בראש און ניט רעדנדיק אויפן קול. ער האָט דער־צויגן און מדריך געווען ווי אַ באַגלייטער פון די טאַט־מענטשן, דורך אויס־שטרעקן אַ האַנט די נייע כוחות, וואָס האָבן געשטעלט די ערשטע טריט. ער האָט שטענדיק אַרויסגעוויזן אויפמערקזאַמקייט דער איניציאַטיוו פון דעם מיטמענטשן. ער האָט מענטשן געגעבן זיין צוטרוי, דורך זיין הילף און זיין באַנעמונג האָט ער אין זיי געשטאַרקט דעם גלויבן אין זיך אַליין און אין זייער טאַט. אויף אַזאַ אופן האָט ער זייער אַרבעט דיריזשירט און אין זיי געוועקט זייערע שעפערישע כוחות.

רופּין איז ניט געווען קיין מענטש פון „מאַנאַקולטור״. ער איז ניט געווען קיין „משוגע לדבר אחד״. ער איז געווען צווישן די איניציאַטאָרן פון דער גרינדונג פון תל־אביב, ער האָט געגרינדעט די „חברת הכשרת הישוב״, ער האָט דערמוטיקט כלערליי אָנהויבן פון אַן ארץ־ישראלדיקער אינדוסטריע. ער האָט געהאַט אַ חלק אין שיקן ש. יבנאלי קיין תימן און אין אָרגאַניזירן קאָלאָניסטן מיט אייגענע געלט־מיטלען אין „אחוזות״, אין גרינדן די אַרבעטער־באַנק און די „בנק־בעלי־מלאכה״, אין דעם יידישן פרידנס־געריכט און אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער עקספּערימענטאַלער סטאַנציע, אין דער קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט פאַר דייטשע פּליטים „ראַסקאָ״

און אין דעם „מכון לחקר הכלכלה״ („אינסטיטוט פאר עקאָנאָמישע שטודיעס״). ער האָט פארזייט פיל און פארשיידענע קערנדלעך. ניט אלע זיינען געראָטן אין דער זעלבער מאָס, און עס איז ניט קיין צופאל, וואָס זיין הויפט־אויפטו איז געווען די לאנדווירטשאפטלעכע קאָלאָניזאציע.

דער אנטשיידנדיקער פונקט אין רופּינס לעבנס־ווערק — און דאָס איז אויך געווען דער ווענד־פונקט אין דער געשיכטע פון אונזער קאָלאָניזאציע — איז געווען דאָס אָפּשאפן פון דעם אפּיטרופּסות־רעזשים. דער קאַמף קעגן דער סיסטעם פון פון־אויבן ארויפגעזעצטע אפּיטרופּסים איבער די קאָלאָניסטן איז פארבונדן מיטן נאָמען אחד־העם, און ער האָט געמאכט א גרויסן רושם אויף דער ציוניסטישער עפנטלעכער מיינונג. אָבער וואָס זאָל קומען אויף איר פּלאץ? אנטקעגן דעם רעאַלן קאָלאָניסט, וואָס איז געווען אָפּהענגיק פון די פרעמדע אדמיניסטראַטאָרן און האָט געלעבט פון „שטיצע״, איז גוט געווען אוועקצושטעלן די אידעאַלע געשטאלט פון א פרייען לאנדווירט, וואָס קאָלאָניזירט זיך מיט זיינע אייגענע מיטלען, לעבט פון דער הכנסה פון זיין ווירטשאפט, טראָגט פאראנטוואָרטלעכקייט פאר זיינע רווחים און פארלוסטן און בויטיקט זיך, ווי עס איז דער שטייגער ביי פּארוואָרצלטע פּויערים אין דער ברייטער וועלט, בלויז אין א טעכנישער עצה און אין א נאָרמאלן קרעדיט. אָבער נאָך צענדליגער יאָרן פון יידישער קאָלאָניזאציע אין ארץ־ישראל איז נאָך אין לאנד ניט געשאפן געוואָרן דער טיפּ פון א לאנדווירטשאפטלעכער אונטערנעמונג, וואָס שטייט אויף די אייגענע פיס, און אזא טיפּ פון אן אידעאלן לאנדווירט — א מענטש מיט אייגענע מיטלען, וואָס האָט ליב זיין באָדן און איז אויך א גוטער ארבעטער — איז אויך געווען בלויז אַן אָביעקט פון בענקשאפט אין דער חיבת־ציון ליטעראטור. די איינציקע מעגלעכקייט צו שאפן אן אמתע לאנדווירטשאפט איז געווען צו דערציען עולים, וואָס האָבן ניט קיין אייגענע מיטלען, דורכצופירן זיי דורך די פאר־שיידענע עטאפּן פון חלוצישער ארבעט און אויסשטאטן זיי מיט געזעלשאפט־לעכע געלטער. אָבער ווי אזוי גיט מען איבער מיטלען צו מענטשן, וואָס ווייסן ניט ווי אזוי זיך מיט זיי צו באנוצן? ווי אזוי דערציט מען מענטשן אָן משגיחים און אָן אדמיניסטראטאָרן? מיט די פראגן האָט זיך דער ציוניזם געראנגלט. די ערשטע קאָלאָניזאטאָרישע התחלות פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, די אזוי גערופענע „נאציאָנאלע פערמעס״ — כנרת, בן־שמן, חולדה — זיינען אויך געווען געבויט אויפן יסוד פון אן „אדמיניסטראציע״ פון פון־אויבן באשטימטע באאמטע — און דער עקספּערימענט איז ניט געלונגען. עס איז קלאָר געוואָרן, אז דער ארץ־ישראלדיקער ארבעטער איז ניט קיין „גוטער מאטעריאל״ צו ארבעטן אונטער דער השגחה פון באאמטע. די ווירטשאפט האָט זיך ניט באצאָלט, די באאמטע האָבן באשולדיקט די

ארבעטער, און די ארבעטער — די באאמטע. מען האָט זיך געקריגט אָן אַן אויפהער. מען האָט ניט געזען קיין אויסוועג.

און אָט האָט דער „פּאַלעסטינע־אַמט", נאָך א שווערן סכסוך צווישן די באאמטע און ארבעטער אין כנרת, מסכים געווען צו מאכן א קליינעם עקספּערימענט, איבערצוגעבן א גרופּע פון זעקס ארבעטער און איין ארבע־טערין א שטיקל באָדן פון דער פערמע אויף דער מזרח־זייט פון ירדן, דעם באָדן פון אום־דזשוני, און זיי לאָזן עס באארבעטן אויף אייגענער אחריות, אָן א דרויסנדיקער אדמיניסטראציע. אָט דער קליינער אינצידענט האָט געשפּילט אן אנטשיידנדיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער קאָלאָ־ניזאציע, אין דער געשיכטע פון דער ארבעטער־באוועגונג און אפשר אויך אין פורעמען דעם כאראקטער פון דעם ציוניסטישן ווערק בכלל. צי די מענטשן, וואָס האָבן זיך אין דעם באטייליקט, האָבן געזען וווהין די זאך וועט פירן, צי זיי זיינען בלויז געפירט געוואָרן פון זייער יוגנט־תמימות — די צוקונפט איז געלעגן פארבאָרגן אין דעם דאָזיקן קליינעם באשלוס.

דאָס איז פארשטייט זיך געווען בלויז אן עקספּערימענט, א קליינער, באשיידענער, פּאָרזיכטיקער עקספּערימענט. די וואָס האָבן זיך אין אים באטייליקט, זיינען געווען זייער פּאָרזיכטיק. דער עקספּערימענט איז ניט באגלייט געוואָרן פון קיין שום הויכע דיבורים. די ציוניסטישע פּרעסע, וואָס האָט געשפּייזט אירע לייענער מיט בשורות און נחמות וועגן קאפּיטאליסטן וואָס אָט באלד קומען זיי קיין ארץ־ישראל, וועגן גרויסע אונטערנעמונגען וואָס אָט באלד ווערן זיי געגרינדעט — האָט, דוכט זיך מיר, דער דאָזיקער טאַט ניט געווידמעט אפילו עטלעכע שורות אין דער כראָניק. אבער דאָס פעלן פון רעקלאַמע האָט דעם ענין ניט אָנגעטאָן קיין שאָדן. דער ערשטער עקספּערימענט האָט זיך גוט בארעכטיקט. עס איז פארפּעסטיקט געוואָרן דער צוטרוי צווישן דער קליינער גרופּע און דעם „פּאַלעסטינע־אַמט", ס'איז געשאפן געוואָרן א נייער נוסח פון באציאונגען צווישן באאמטע און קאָלאָ־ניסטן, א נוסח, וואָס איז ביז דעמאָלט אין ארץ ישראל ניט געווען. און אפילו ווען די דאָזיקע צייטווייליקע גרופּע האָט פארלאָזן דעם פּלאַץ און אויף איר אָרט איז געקומען א שטענדיקע גרופּע (די איצטיקע דגניה), האָט זיך ניט געענדערט דער דאָזיקער נוסח פון קעגנזייטיקן צוטרוי און דרך־ארץ.

ארום יענער צייט איז אויסגעבראָכן דער גרויסער שטרייק אין כנרת. אין דעם דאָזיקן שטרייק האָט דער באאמטן־רעזשים דורכגעמאכט א שווערן קריזיס. מער ווי די שווערע באדינגונגען, האָבן צו דעם דאָזיקן שטרייק געפירט שווערע „באציאונגען". די ארבעטער האָבן געלעבט אין גרויזאמע וווין־באדינגונגען. פילע קראַנקע האָבן ניט באקומען קיין שום מעדיצינישע באהאנדלונג. קראַנקע זיינען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, אָן בעטן, אונטער

א רינענדיקן דאך. אין דער זעלבער צייט איז פאר זייערע אויגן געבויט געוואָרן א פראכטפול הויז פאר דער פאמיליע פון דעם באאמטן. עס זיינען געווען צוויי טויט־פאלן, איינער נאָכן אנדערן, און דער באאמטער האָט זיך אנטזאגט צו געבן א פּאַר מויל־אייזלען פאר דער לוויה. ווען די אר־בעטער זיינען צוריקגעקומען פון דער לוויה, האָבן זיי צום באאמטן געשיקט א דעלעגאציע, וואָס האָט אים געלאָזט וויסן, אז ער איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער שטעלע. עס איז אָבער דעמאָלט געווען דער פארזיי־סעזאָן, און כדי די נאציאָנאלע ווירטשאפט זאָל ניט ליידן, האָבן די ארבעטער באשלאָסן צו נעמען די פערמע אין זייערע הענט ביז וואנען דער „פאלעסטינע־אמט" וועט באשליסן וועגן איר גורל, צו לייטן זי אין דער פּולסטער אָרדענונג, אזוי אז די ארבעט זאָל זיך ניט אָפּשטעלן אפילו אויף קיין איין שעה. די ארבעטער אין כנרת האָבן דעמאָלט אפילו ניט געחלומט, אז ס'וועט קומען א טאָג, ווען אזעלכע שטרייקן וועלן נאָך דער וועלט־מלחמה אויסברעכן אין דער גאנצער וועלט און וועלן טראָגן א ספּעציעלן נאָמען — „איטאליענישע שטרייקן". עס איז זיי אויך ניט איינגעפאלן, אז דער דאָזיקער משונהדיקער שטרייק, מיט דער זאָרג ניט צו פאראורזאכן דעם מינדסטן שאָדן דעם ארבעטס־סעזאָן, וועט באטראכט ווערן ווי דער סאמע ערגסטער פארברעכן, נאָך פיל הארבער ווי דאָס אָפּשטעלן די ארבעט, ווי אן אטענטאט אויף די רעכט פון אייגנטום, ווי אן אויפשטאנד.

דאָס איז ניט געווען קיין לייכטער נסיון פאר די פאָרשטייער פון דער העכסטער אינסטאנץ, פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, וואָס פון אלע זייטן קוקט מען אויס די אויגן אויף אירע מפלות און מען ווייזט מיט די פינגער אויף איר „שוואכקייט". רופּין איז דעמאָלט געשטאנען פאר א גאנץ שווערער אנטשיידונג. אין יענער צייט האָב איך זיך צום ערשטן מאָל מיט אים באגעגנט. מען קען ניט זאָגן, אז עס איז געווען א פריינדלעכע באגעגעניש צווישן דעם, וואָס האָט געטראָגן די אחריות פאר דער לייטונג פון דער פערמע, און דעם, וואָס האָט געטראָגן די אחריות פאר דער דורכ־פירונג פון דעם שטרייק. רופּין האָט געהאט א גאנץ בייזן פנים, ווען ער איז געקומען אויסהערן וואָס מיר האָבן געהאט צו זאָגן. אָבער זיין כעס אויף דער אומלעגאלער טאַט, וואָס די ארבעטער זיינען באגאנגען, וואָס האָט דעם יונגן „פאלעסטינע־אמט" און זיין לייטער פארשאפט פיל מער שאָדן ווי דער פערמע, און האָט געשטארקט זיינע קריטיקער, האָט אים ניט אָפּ־געהאלטן פון אויסצוהערן די רייד פון די בונטארן, פון פארשטיין זייער ביטערקייט און פון צו אנערקענען די נאציאָנאלע אחריות וואָס זיי האָבן ארויסגעוויזן אויף זייער אייגענעם שטייגער.

די ארבעטער זיינען געווען אליין. אויף דער זייט פון דעם לייטער

פון דער פערמע זיינען געשטאנען א צאָל פון זיינע פריינד, מענטשן מיט הויכע פּאָזיציעס און גרויסע פארבינדונגען אין ארץ־ישראל און חוץ־לארץ. רופין האָט זיך געפונען אונטער א שטארקן דרוק. דער אורטייל איז געווען: עס איז אָפּגעזאָגט געוואָרן דער באאמטער, וועלכער האָט דעמאָנסטרירט זיין באנקראָט אלס דער לייטער פון דער פערמע; עס זיינען אויך אָפּגע־זאָגט געוואָרן די ארבעטער, וואָס האָבן אָפּגעזאָגט דעם באאמטן אויף דער אייגענער אחריות.

צווישן אונז, די שטרייקער, זיינען געווען אזעלכע, וואָס האָבן זיך באקלאָגט אויף דער שטראָף. אונזער קריטיק האָט מען אָנגענומען — און דערפאר באשטראָפט מען אונז. עס זיינען אָבער אויך געווען אזעלכע, וואָס האָבן פריידיק באַצאָלט דעם פּרייז, וויסנדיק, אז א גרויסע זאך איז געשען אין ציוניזם. עס איז געפאלן דער באאמטן־רעזשים — און ער וועט שוין מער ניט אויפשטיין. דאָס, וואָס עס וועט געטאָן ווערן פון איצט אָן און ווייטער ,וועט אומפארמיידלעך געטאָן ווערן אויף אַן אנדער אופן.

זינט יענער צייט זיינען אויך בייע באָדן־שטחים דעראָבערט געוואָרן דורך דער „קבוצה": מרחביה, כרכור, כפר־אוריה, און אפילו דער קאָלאָ־ניזאציע־פּראָיעקט פון פראָפּ. אָפּענהיימער האָט זיך די גאנצע צייט גע־ראנגלט צווישן דער שיטה פון אדמיניסטראציע און דער שיטה פון זעלבסט־פארוואלטונג — און צום סוף האָט דער באאמטן־רעזשים דאָרטן אויך געליטן א מפלה. איצט, ווען מיר זעען דעם קבוצישן ווערק אין זיין גאנצער ווירטשאפטלעכער בליאונג, מיט זיין סאָציאלער סטאביליטעט ,מיט זיינע גרויסע דערגרייכונגען, קענען זיך פרעמדע עקספערטן דערלויבן אונז צו געבן זייערע קאָמפּלימענטן. אָבער אין יענער צייט, ווען מען האָט נאָך געבלאָנדזשעט אין דער פינצטער, און די טרעגער פון דער קבוצה זיינען אליין נאָך געווען פול מיט ספקות און וואקלענישן, האָט איר געקענט שענקען זיין צוטרוי נאָר איינער, וואָס איז געווען געבענטשט מיט א הארץ וואָס איז געווען אָפן פאר די שטימען פון דער צוקונפט.

רופין איז געווען דער גרויסער פריינד פון דער קבוצה, און ער האָט געהאט א גרויסן חלק אין איר אויפשטייג. מען דארף אים אָבער ניט צושרייבן קיין טעאָרעטישן שטאנדפונקט, וועלכער זאָל אים האָבן באוועגט צו שטיצן גראָד די קבוצה. עס איז אין אים געווען עפעס פיל וויכטיקערס: די ברייטקעפיקייט און ברייטהארציקייט, וואָס פאָלגט נאָך מיט סימפּאטיע מענטשלעכע זוכענישן, זייער גוטן ווילן און זייער איניציאַטיוו; גלויבן אין פרייען שאפן, הויכשעצונג פון שעפערישע כוחות. דערפאר האָט ער זיך קיין מאָל ניט פארפלאָנטערט אין ענג־הארציקע און אייפערזיכטיקע דיס־קוסיעס, מיט וועלכע פיל פאָרשער און עקספערטן זיינען נכשל געוואָרן.

דערפֿאַר האָט ער געעפֿנט אַ טיר אויך פֿאַר אליעזר יפּה׳ס „מושב עובדים״ און שלמה לביא׳ס „קבוצה גדולה״.

רופּין האָט בלויז געוואָלט אַרבעטן, פּאַרויס פֿירן דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק, אָבער מען האָט אים ניט געלאָזט אַרבעטן, אָן צו צווינגען אים זיך צו פֿאַרטיידיקן, צו באַשיצן דעם ווערק און זיין דרך. זיינע קאָנגרעס־רעדעס — רעדעס אין וועלכע ער האָט פֿאַרטיידיקט דאָס נייע קאָלאָניזאַציע־ווערק — זיינען צווישן די בעסטע שאַפֿונגען פֿון דער ציוניסטישער ליטע־ראַטור. איר וועט אין זיינע ווערטער ניט געפֿינען קיין איין סתם־רעטאָרישן פֿליטערל. ער איז געווען אַ געדולדיקער לערער. אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן, איז די אַטמאָספֿער גלייך לויטער געוואָרן. דער קאָנגרעס האָט פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן אַלע זיינע שאָלעכצן און איז געשטאַנען פּנים אל פּנים מיטן לעבעדיקן אינהאַלט פֿון ציוניזם.

אין די ערשטע יאָרן פֿון זיין קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט איז רופּין געצוווּנגען געוואָרן צו פֿאַרטיידיקן קעגן די „פּראַקטיקער״, די מענטשן מיט דעם „עכט־קויפֿמעניש״ שטאַנדפּונקט, זיין „ניט־קויפֿמענישן״ און „אומ־פּראַקטישן״ צוגאַנג צו קאָלאָניזאַציע־פֿראַגן: „איך אַליין בין יאָרן לאַנג געווען אַ סוחר, און די סוחרישע אינסטינקטן זיינען אין מיר איינגעקריצט ניט ווייניקער ווי אין וועלכן עס איז אַנדערן יידן, אָבער איך בין צופֿרידן, וואָס איך האָב דעם כוח די דאָזיקע סוחרישע אינסטינקטן אונטערצואָרדענען די העכערע פֿאָדערונגען פֿון אונזער נאַציאָנאַלער באַוועגונג״. און די, וואָס האָבן אים קריטיקירט, אַז אַמאָל דערלויבט ער זיך „אויסצוגעבן דעם לעצטן גראָשן״ גאַרניט ווי קיין פּראַקטישער מענטש, האָט ער געענטפֿערט: „אַלע מיליאָנען וואָס ס׳וועט אונז אַמאָל געלינגען צו זאַמלען, וועלן שפּעטער, ווען ארץ־ישראל וועט זיך אָנהויבן שנעלער אַנטוויקלען, ניט קענען קאָרעגירן דאָס, וואָס מיר פֿאַרשפּעטיקן אין אונזער צייט, און מיליאָנען וועלן דעמאָלט ניט זיין גענוג פֿאַר דעם פֿאַר וואָס עס פֿאָדערט זיך היינט בלויז הונדערטער טויזנטער״ (אויפֿן ווינער קאָנגרעס, 1913).

אין די נאָך־מלחמה־יאָרן איז די מאָראַלישע און זאַכלעכע אויטאָריטעט, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן אין דער אַרבעט, אים ניט ביי־געשטאַנען קעגן דער קריטיק פֿון פֿאַרשיידענע „מבינים״ און „עקספּערטן״ און בכלל מענטשן מיט אומבאַפֿרידיקטע אַמביציעס. דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק איז אַלע יאָרן געשטאַנען אונטער אַ האָגל פֿון דער קריטיק פֿון אַרויף־ און אַראָפּ־גייענדיקע „מאָדעס״. פֿריער איז רופּין געווען אַ דייטש, אַ „מערב־אייראָפּעאישער ייד״ און די אַקציעס פֿון „מערב־אייראָפּעער״ זיינען שטענדיק געשטאַנען זייער הויך אין ציוניזם. נאָך דער מלחמה האָבן זיך אין ציוניזם געפֿונען מענטשן, וואָס זיי זיינען געווען נאָך מער „מערבדיק״ פֿון די דייטשע יידן, און דאָס

האָט זייערע מיינונגען ממילא געגעבן א גרעסערן געוויכט. רופּינס אויפטו איז פון צייט צו צייט געשטאַנען פאַרן ריכטער־שטול. מיטן טאָן פון סופּעריאָ־ריטעט, פון בעסער־וויסן, פון בטחון אין דעם אייגענעם פּראָגנאָז, האָט מען געציילט חטאים פון דעם קאָלאָניזאַציע־ווערק און געזאָגט מוסר, און רופּין האָט זיך פאַרטיידיקט — מיט א סך הומאָר, מיט א טאָן פון מחילה, זיך ניט אריינגעלאָזן אין קריגערייען. אָבער אפילו א „מענטש אָן א גאַל" האָט דאָך אזעלכע זאַכן ניט געקענט אריבערטראָגן מיט א גרינג הארץ. אין זיין רעדע אויפן קאָנגרעס פון יאָר 1931 זאָגט ער: „אויסער דעם האָבן מיר אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר געהאַט ניט ווייניקער פון זעקס קאָנטראָל־קאָמיסיעס אָדער קאָנטראָליאָרן". און צו וואָס האָבן די דאָזיקע עקספּערטן־קריטיקער — יידן און ניט־יידן, פּריוואַטע עקספּערטן און אָפיציעלע עקספּערטן, זיך ניט געטשעפּעט? איך דערצייל דאָ פון זכרון: מען טאָר זיך ניט פאַרנעמען מיט באַרג־קאָלאָניזאַציע, וואָרעם זי איז פון פאָרויס פאַרמשפּט זיך ניט צו באַצאָלן; מען טאָר ניט קאָלאָניזירן דעם עמק; מען דאַרף קויפן באָדן בלויז דאָרטן ווו עס איז פאַראַן וואַסער בשפע; מען טאָר זיך ניט פאַרנעמען מיט געמישטער לאַנדווירטשאַפט, וואָרעם זי איז זייער טייער און איר הכנסה איז זייער נידעריק, בעת מען קען בויען די קאָלאָניזאַציע אויף פּרדסים, וואָס קאָסטן ווייניק און זייער הכנסה איז זייער א הויכע. עס איז אויך געווען א מער אלגעמיינע און פּרינציפּיעלע קריטיק. פון צייט צו צייט האָבן יחידים און קאָמיסיעס אין תוך אָפּגעפרעגט די קבוצישע קאָלאָניזאַציע. פון־צייט־צו־צייט האָט מען קריטיקירט דעם עצם פּרינציפּ פון זעלבסטאַרבעט אין די מושבי עובדים. מען האָט ניט געשאַנע־וועט די פּרינציפּן פון נאַציאָנאַלן באָדן און יידישער ארבעט. אזעלכע און פיל אנדערע טענות זיינען באגלייט געוואָרן מיט באווייזן פון דער טעאָריע און פון דער דערפאַרונג אין פאַרשיידענע לענדער, מיט וויסנשאַפטלעכע אויטאָריטעטן, און מיט דער פּערזענלעכער תקיפות פון מאַכטהאָבער.

רופּינס ענטפערס זיינען לעקציעס אין קאָלאָניזאַציע־וויסנשאַפט. די אמתן און די כללים וואָס ער האָט געלערנט געפינען זיך אפשר ניט אין קיין שום בוך, אָבער זיי זיינען גענומען פון דעם לעבנס־בוך פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. דאָס איז אפשר טאַקע א גאַנץ אייגנאַרטיק בוך. ער האָט פון די עקספּערטן און קריטיקער געפאָדערט א ביסל באשיידנקייט. „זאָלן די ארבעטער־קעגנער ניט מיינען, אז זיי פאַר־שטייען אלצדינג בעסער ווי די ארבעטער אליין" (אויפן 15־טן קאָנגרעס, 1927). „אין גרונט־פראַגעס איז דער אמת געווען ביי די מתישבים (קאָלאָ־ניסטן) און ניט ביי די עקספּערטן" (אויפן 19־טן קאָנגרעס, 1935).

דער שווערפּונקט פון דעם לאַנגן וויכוח צווישן רופּין און זיינע קעגנער

איז געלעגן אין דער פראגע וועגן דעם ווערט פון דעם „מתישב", פון דעם קאָלאָניסט. אין א צייט ווען די באגריפן פון דעם „עקאָנאָמישן מענטשן" זיינען געשטאַנען אויף דער העכסטער הויך, האָט רופין געוואגט צו באַטראכטן אלס דער עיקר דעם מענטשן און זיינע זעעלישע אייגנשאפטן. אונזערע ערשטע קאָלאָניזאציע־דערגרייכונגען האָט ער אזוי דעפינירט: „אונזער גליק איז דווקא דאָס, וואָס מיט אונזער גאנצער אָרעמקייט אין מיטלען זיינען מיר נאָך רייך אין מענטשן, וואָס זיינען פעאיק אויף קרבנות". און אָט די דאָזיקע עשירות האָט ער הויך געשעצט און האָט געוווסט ווי געפערלעך ס'איז זי צו פארשווענדן, ער האָט זי געוואָלט אויסנוצן אויף א ראציאָנאלן אופן, דאָס הייסט ניט באַהאנדלען דעם קאָלאָניסט „כחומר ביד היוצר", נאָר צו באַטראכטן די נייגונגען און פעאיקייטן פון די קאָלאָניסטן ווי „פאָזיטיווע ווערטן וואָס שטייען אין דינסט פון דער קאָלאָניזאציע". ער האָט כסדר געוואָרנט, אז „דאָס איז ניט קיין מאטעריאל, וועלכן עס איז גרינג צו קנעטן, דאָס איז א מאטעריאל מיט וועלכן מען דארף ארומגיין זייער פאָרזיכטיק". בלויז אויב די, וואָס טראָגן די אחריות פאר דעם קאָלאָניזאציע־ווערק, וועלן פארשטיין די אינערלעכע שטרעבונגען פון דעם קאָלאָניסט, וועט מעגלעך זיין פון אים צו באקומען דעם מאקסימום פון זיינע פראָדוקטיווע אָנשטרענגונגען. „פסיכישע פאקטאָרן שפילן דערין אָן אנטשיידנדיקע ראָלע. דעריבער דארף דאָס קאָלאָניזאציע־פּראָגראם ארויסַפליסן פון די ספּעציפישע נויטן און שטרעבונגען פון דעם יידישן איינוואַנדערער. יעדער פלאן... וואָס צייכנט אָן א טעאָרעטיש־גוטע סכעמע און וויל יידן אריינשטופן אין אזא מין סדום־בעטל — מוז סוף־סוף דורכפאלן. מען מוז אָנהויבן פון די יידן — און צו זיי צופאסן דעם קאָלאָניזאציע־פּלאן" (אין זיין דייטש בוך: „דער אויפבוי פון ארץ־ישראל", 1919).

רופין האָט געוווסט, וואָס עס פעלט דעם יידישן מענטשן ווען ער קומט בויען ארץ־ישראל. ער האָט געוווסט, אז מיר הויבן אָן אונזער ווערק אָן קוואליפיצירטע קאָלאָניסטן און אָן קאָלאָניזאציע־עקספּערטן. שוין אויפן ווינער קאָנגרעס אין 1913 האָט ער געפרעגט: „ווו געפינט מען יידישע קאָלאָניזאטאָרן?" „אפילו אונזערע אגראָנאָמען קומען צו אונז ניט קיין גרייטע און פארטיקע, אויך זיי דארפן מיר שולן אין דער ארבעט". און דערפאר האָט ער אזוי הויך געשעצט די פּיאָנערישע אייגנשאפטן וואָס מיט זייער כוח איז דער יידישער קאָלאָניסט פעאיק ממלא צו זיי דאָס, וואָס עס פעלט אים. דערפאר האָט ער די חלוציות באַטראכט ווי די טרייב־קראפט, וואָס אָן איר וועט ניט געבויט ווערן די יידישע לאנדווירטשאפט. יעדן נייעם סעזאָן האָבן זיך פון רעכטס און פון סאמע עקסטרעמען לינקס געהערט שטימען, אז „די צייט פון חלוציות איז שוין פאָריבער". אלע די, וואָס די חלוציות

האָט זיי ניט געלאָזט רוען, האָבן זיך באמיט פון איר פּטור צו ווערן, ווייניקס־טנס דורכן פּראָקלאַמירן, אַז „אָט־אָט טרעטן מיר אריין אין אַ נאָרמאַלער לאַגע", און מען וועט זי שוין מער ניט דאַרפן. דאַקעגן האַלט רופּין אין איין איבערחזרן און אונטערשטרייכן: „חלוציות איז נאָך אַלץ נויטיק" (אויפן 15־טן קאָנגרעס, 1927). ער האָט אין זיין חשבון אויך אריינגענומען די התלהבות, ווי אַ ווערטפולן פאַקטאָר אין אונזער קאָלאָניזאַציע. ער האָט זיך ניט געשראָקן פאַר די קלוגע, „וואָס ווילן זיך באַציען מיט ביטול צו אונזערע ווערטער וועגן דעם ווערט פון באַגייסטערונג אין אונזער אויפבוי־אַרבעט". ער האָט די דאָזיקע התלהבות אָפּגעהיט ווי אַ טייערן אוצר: „מען קען גרינג אויסלעשן דעם הייליקן פייער פון התלהבות". ער פלעגט זיך זייער אָפּט צוריקקערן צו דעם דאָזיקן ענין. „מען דאַרף אונטערשטרייכן און ווידעראַמאָל און אָבעראַמאָל אונטערשטרייכן, וואָס פאַר אַ געוואַלטיקער ווערט פאַר אונזער קאָלאָניזאַציע עס ליגט דווקא אין דער דאָזיקער התלהבות פון די קאָלאָניסטן". און בעת ער מאַכט אַ סך־הכל פון זיינע אכצן יאָר טעטיקייט, זאָגט ער: „דער הויפּטציל פון מיין אַרבעט איז געווען אָפּצו־היטן אין די מענטשן, מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט, דעם פייער פון באַגייסטערונג, וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט קיין ארץ־ישראל. מיין הויפּטשטרעבונג איז געווען אונטערצובלאָזן דעם פייער פון התלהבות און צו זיין דער שמש וואָס איז ממונה אויף דעם נר־תמיד".

ער איז כלל וכלל ניט געווען גלייכגילטיק צו די פעלערן פון דער קאָלאָניזאַציע. ער האָט זיי געוויטיקט, ער האָט זיי געפּאָרשט — אָבער דעם תיקון פון די פעלערן האָט ער געזען ניט אין דער גאווה פון אַן אַפּיטרופּוס, נאָר אין דער באַשיידנקייט פון פאָלקס־דערציער: „מיט זאָרג אַכטונג צו געבן אויף דעם מענטשן־מאַטעריאַל און ביסלעכוויז ברענגען זיינע אידעען און זיינע נייגונגען אין איינקלאַנג מיט די פאָדערונגען פון דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן לעבן אין ארץ־ישראל". נאָך מער: „די ווירט־שאַפטלעכע ראַציאָנאַליזאַציע וועט פאַרשטאַרקט ווערן ניט דורך פאַרמינערן דעם אידעאַליסטישן יסוד, נאָר דורך שטיצן אים". אין יענער צייט, ווען די אַרבעטער־ווירטשאַפטן זיינען ביטער קריטיקירט געוואָרן, אין דער צייט פון דער „קאָנסאָלידאַציע"־מאָדע, האָט ער געזאָגט: „צו ווירטשאַפטלעכקייט דאַרף מען דערציען דורכן רוף צו חלוציות, צום גייסט פון מסירת־נפש, פון גרייטקייט אויסצוטרעטן אַ וועג פאַר די וואָס וועלן קומען".

איידער רופּין האָט איבערגענומען די ליטונג פון קאָלאָניזאַציע־ווערק זיינען סיי די קאָלאָניזאַטאָרן און סיי די קאָלאָניסטן געווען פּאַרזונקען אין ביטערקייט און פאַרצווייפלונג. באַגייסטערטע קאָלאָניסטן האָבן מיט אַ ביטער האַרץ זיך געשיידט מיט זייער יוגנט־חלום און זייער לעבנס־ווערק,

אויס אנטוישונג פון די אפיטרופסים איבער דער קאָלאָניזאַציע און זייער רעזשים; און עס זיינען געווען אדמיניסטראַטאָרן מיט גוטע כוונות, וועמען די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער זייער אויפזיכט, האָבן געטריבן צו אנטוישונג. די פאַלן פון קעגנזייטיקן צוטרוי, ווי צווישן פּינעסן און די מענטשן פון גדרה און חיסין און די מענטשן פון עין־גנים, זיינען געווען אויסנאַמען. רופּין האָט פון דעם יוצא מן הכלל געמאַכט דעם כלל. ער האָט די קאָלאָניזאַציע געבויט אויף דעם קעגנזייטיקן צוטרוי. דאָס איז ביי אים ניט געווען קיין שיינע טעאָריע, נאָר אַן אַרבעטס־מעטאָד. זיין חכמה און זיין איידלקייט האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט זיין קאָלאָניזאַציע־שיטה. געוויינטלעך טרעפט, אַז וואָס מער אַ מענטש ווערט דערפאַרן, אַלץ „קליגער", אַלץ פאַרדעכטיקער, ווערט ער. אָבער וואָס מער דערפאַרונג רופּין האָט באַקומען, אַלץ מער צוטרוי האָט ער באַקומען צו די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געאַרבעט. ער האָט געהאַט דאָס רעכט צו זאָגן: „אויב עס איז פאַראַן אַ זאַך מיט וועלכער איך בין שטאָלץ, איז עס דאָס, וואָס עס איז מיר געלונגען אויסצומיידן דעם אבן־נגף פון אומצוטרוי צווישן קאָלאָניסטן און אַדמיניסטראַציע, וועלכער האָט מכשיל געווען אַזוי פיל קאָלאָניזאַציע־אונטערנעמונגען".

דער צוטרוי, וואָס רופּין האָט געשאָנקען דעם ארץ־ישראלדיקן אַר־בעטער, איז געווען אַ צוטרוי אָן קיין שום באַדינגונגען. מען דאַרף אים ניט צושרייבן זאַכן וואָס ער האָט ניט פאַרמאָגט. ער איז צום אַרבעטער ניט געקומען אויס סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע, נאָר אויס אַ ריינעם נאַציאָ־נאַלן חשבון. ער האָט געוואָלט אין דער אויפבוי־אַרבעט זען אַלע פאַקטאָרן: דעם בעל־הבית, דעם חלוץ, דעם קאַפּיטאַל, וואָס זוכט פּראָפיטן, דעם נאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל, אָבער ער האָט געזוכט ערלעך צו באַשטימען וואָס איז דער ביישטייער פון יעדן פאַקטאָר, וואָס איז די ראָלע פון יעדן קרייז — און האַנדלען אין איינקלאַנג דערמיט. ער האָט געזען, אַז דער יידישער אַרבעטער איז באַרופן צו שפּילן די ראָלע פון דעם חלוץ פון דעם פאָלק און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די דאָזיקע ראָלע אליין וועט דעם אַרבעטער שוין אויך דערציען. „אין דער מאָס, וואָס דער אַרבעטער וועט אומטריי ווערן זיין נאַציאָנאַלער ראָלע, וועט פאַלן זיין ווערט". „אונזער באַציאונג צו די אַרבעטער מוז זיך ענדערן אין דעם רגע וואָס זיין אידעאַליזם הויבט זיך אָן צו וואַקלען". „איך האָף, אַז דער אַרבעטער־ציבור אַלס גאַנצער וועט אָפּהיטן דעם געפיל פון זעלבסט־אויפּפּאָדערונג און וועט דורך אַ שטרענגער דיסציפּלין דערציען אין דעם גייסט אויך די קעגנער". און כאָטש ער האָט דירעקט קיינמאָל ניט געפּרעדיקט און געזוכט צו דערציען, האָט רופּין דערפילט אַ גרויסע דערציערישע ראָלע לגבי דער חלוצישער אַרבע־

טער־באַוועגונג. דער היסטאָרישער פאַקט, וואָס בראש פון דער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט אין ארץ־ישראל איז געשטאַנען אַ מענטש, וואָס האָט אין דעם אַרבעטער ניט געזען קיין „חומר ביד היוצר" נאָר דעם טרעגער פון דער קאָלאָניזאַציע, אַ מענטש וואָס האָט זיך צום אַרבעטער באַצויגן מיט אַכטונג און האָט פאַרשטאַנען זיינע אַספּיראַציעס און זיין שאַפן — האָט דעם ציוניזם געגעבן אַ טיפערע אויסטייטשונג ווי אַלע אידעאָלאָגישע פירושים, האָט פאַרטיפט אין דעם אַרבעטערס נשמה דעם זעלישן צובונד צו דער ציוניסטישער באַוועגונג און האָט געהאָלפן אויספורעמען די גייסטיקע געשטאַלט פון דעם אַרבעטנדיקן מענטשן אין ארץ־ישראל.

אַ פּאָר ווערטער וועגן רופּין, דעם ציוניסטישן דענקער. רופּין איז צו אונז געקומען פון דער פרעמד, און ניט אויף דעם געוויינטלעכן וועג, אויף וועלכן עס זיינען צו אונז געקומען ציוניסטן פון דער אַסימילירטער סביבה. זיין וועג איז ניט געווען דער וועג פון פּינסקער און הערצל. פּינסקערס פּעסימיסטישער בליק אויף דער צוקונפט פון יידישן פאָלק, ווען עס דראָט צעריבן צו ווערן אין דעם צוזאַמענשטויס צווישן סאָציאַלע אָרדענונגען, דער שוואַרצער בליק פון הערצלען אויף דעם גורל פון יידן אין מזרח און אין מערב, די מורא פאַרן אַנטיסעמיטיזם — ניט דאָס האָט רופּינען געשראָקן. אין דעם איז זיין בליק ניט געווען אַזוי שאַרף און ווייט־זעעוודיק ווי זייערער. אויך רופּין איז צום ציוניזם געקומען דורך אַ פּעסימיסטישן פּראָגנאָז, אָבער גאָר אַן אַנדערן — דער פּראָגנאָז וועגן דער אומפאַרמיידלעכקייט פון דער אַסימילאַציע. ער האָט שטודירט דאָס יידישע לעבן אין זיין צייט און געקומען צום שלוס, אַז דער אונטערגאַנג קומט אַלץ נעענטער און נעענטער. און ניט די שווערד פון פיינט, נאָר דער עקאָנאָמישער, קולטורעלער און סאָציאַלער אויפשטייג פון יידן טראָגט אין זיך דעם טויט־אורטייל פאַרן יידישן פאָלק. אין די לעצטע דורות זיינען זיכער געווען ניט ווייניק יידן, וועמען עס וואָלט געפרייט פאַרזיכערט צו ווערן, אַז עס איז אונז באַשערט פּטור צו ווערן פון דער צרה פון „יידישקייט" דורך אַ גרינגן טויט, דורך אַ מיתת־נשיקה, אָבער דעם יונגן געלערנטן פון מאַגדעבורג האָט אויפגעשוידערט דער אונטערגאַנג וואָס לויערט אויפן יידישן פאָלק. ווען ער, וואָס האָט שטענדיק זיינע ווערטער געמאָסטן און געוויגן, קומט צו אָט דעם דאָזיקן פּונקט, רעדט ער מיט אַ ציטער, כמעט אין דעם טאָן, אין וועלכן עס האָט גערעדט נחמן סירקין. ער קערט זיך צוריק צו דער דאָזיקער טעמע נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל: „פאַר אונזערע אויגן פאַלט אָוועק שטיין נאָך שטיין פון דעם בנין פון דעם יידנטום, וואָס איז אַמאָל געווען אַזוי פעסט" — מיט די דאָזיקע שווערע ווערטער עפנט ער זיין בוך „די יידן אין דער איצטיקער צייט". און די שלוס־ווערטער פון דעם בוך זיינען: „אַ פאָלקס־קולטור, וואָס איז

אונטערגעגאנגען, קען שוין ניט האָבן קיין תקומה, זי וועט שוין קיין מאָל ניט צוריק אויפלעבן; און אָן אַ זעלבסטשטענדיקער קולטור איז די פולשטענ־דיקע אַסימילאַציע פון יידן בלויז אַ פראַגע פון פריער אָדער שפּעטער. קיין אויסוועג פון איר איז ניטאָ". און אין יאָר 1929 זאָגט ער ווידער אַמאָל: „דער שמד איז ניט קיין איינמאָליקער אַקט, נאָר אַ כראָנישער פּראָצעס" און ער זאָגט ווייטער: „דאָס יידנטום שפּאַנט אַראָפּ אַ באַרג, וואָס אונטער אים לויערט דער אונטערגאַנג. מיט דעם, וואָס דאָס מאַכט אויף אים ניט קיין רושם, איז ניטאָ וואָס צו רעדן, דאָס איז אַ סימן, אַז דער דאָזיקער מענטש איז ניט פעאיק צו פאַרשטיין דעם ווערט פון די יידן אין דער קעגנוואַרט אין אין דער צוקונפט... בלויז קורצזיכטיקע קענען מזלזל זיין דעם ווערט פון די אייגנשאַפטן, וואָס מיר האָבן געירשנט און די קולטור־ווערטן, וואָס אונזערע אבות האָבן זיך דערוואָרבן אין משך פון דריי טויזנט יאָר".

די מ.רא פאַר דער אַסימילאַציע לאָזט אים אויך ניט אָפּ אין די לעצטע יאָרן, די היטלער־יאָרן, די יאָרן פון אומקום. אין זיין לעצטן בוך „מלחמת היהודים לקיומם", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1940, קערט ער זיך צוריק צו זיין אויסגאַנגס־פּונקט אין די פאָלגנדיקע אינטערעסאַנטע זאַצן: „מיר דאַרפן זיך היטן פאַר דעם קאָנווענציאָנעלן טעות, אַז די אַסימילאַציע איז אָפּהענגיק פון דעם ווילן פון דעם יחיד. דער ווילן פון דעם יחיד שפּילט דערין ניט קיין אַנטשיידנדיקע ראָלע. די אַסימילאַציע ווערט אויפן יחיד אַרויפגעצוווּנגען דורך באַשטימטע אומשטענדן, וואָס האָבן די צווינגענדיקע קראַפט פון נאַטור־כוח קעגן וועלכן מען קען זיך ניט ווערן; דער פּרט באַטייליקט זיך כמעט אין גאַנצן ניט אין דעם שפּיל פון די שיקזאַל־כוחות. דאָס קינד באַשליסט ניט וואָס פאַר שפּראַך עס זאָל לערנען און וואָס פאַר אַ שול עס זאָל באַזוכן. דער דערוואַקסענער מענטש, וואָס קומט אין אַ ניי לאַנד, האָט אויך ניט די קראַפט זיך צו שטעלן קעגן די אַסימילירנדיקע איינפלוסן פון דער סביבה". פון דעם נעמט זיך אויך זיין פעסימיסטישע באַציאונג צו דער נאַציאָנאַלער צוקונפט פון דעם יידנטום אין דער סאָוועט־טישער וועלט, פון דאַנען קומען אויך זיינע טרויעריקע חשבונות וועגן דער צוקונפט פון דעם יידנטום אין די אימיגראַציע־לענדער — און פון דאַנען פירט אויך זיין וועג צום ציוניזם: „דער ציוניזם איז דער לעצטער פאַר־צווייפלטער קאַמף פון די יידן פאַרן יידישן קיום".

ער איז צום ציוניזם געקומען אויס פאַרצווייפלונג. ער האָט דעם ציוניזם אָנגענומען ווי אַ סקעפּטיקער. די ציוניסטישע טאַט האָט אין אים אויפגעוועקט דעם גלויבן, און יאָרן שפּעטער, אין יאָרן פון אומרוען און שטערונגען, ווען אַ פראַגע־צייכן הענגט שווער אויף דעם גאַנצן ציוניסטישן

אויפבוי־ווערק, קומט ער צו א קאָנפערענץ פון די דייטשע ציוניסטן און זאָגט זיינע פאַרווערטע ברידער:

„מיט אן אומדערשיטערלעכן אָפּטימיזם גלויב איך, אז יעדן טאָג, אפילו היינט, קען זיך אָנהויבן א נייע תקופה אין דער יידישער געשיכטע. דאָס יידיש פאָלק קען דעם אָנהויב מאכן, ווען עס זאָל עס וועלן" (1932).

„א זיג אָדער א מפּלה אויף דעם דאָזיקן פראָנט וועט אנטשיידן די צוקונפט פון יידישן פאָלק" (1935).

אחד־העם האָט געחלומט וועגן אידעאלע יידן, וואָס ניט זייערע ליידן אָדער די ליידן פון זייער פאָלק וועלן זיי ארויספירן אויפן וועג צו דער גאולה, נאָר זיי וועלן אויס אינערלעכער פרייהייט און ווילזיין און הרחבת־הדעת זיך דערטראכטן צו דעם געדאנק פון דער נאציאָנאלער באנייאונג. דאָס איז אָבער ניט געווען דער וועג פון דער יידישער געשיכטע. די תקופה פון ווילזיין האָט לאנג ניט געדויערט, און זי האָט אויף זיבן או זיבעציק וועגן געפירט אוועק פון דעם פאָלק. בלויז ווייניקע איינצלנע יחידים האָבן פון איר נאָך געפונען א וועג צו זייער פאָלק. צווישן די דאָזיקע ווייניקע איז געווען רופין. אין אים און אין אנדערע יחידים ווי ער — האָט געפונען זיין פארקערפערונג אחד־העם׳ס חלום. אבער רופין האָט ווייניק גערעדט וועגן זיינע גייסטיקע בענקענישן; ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן בויען אן עקאָנאָמישן יסוד פאר דעם געגאַרטן גייסטיקן בנין. ער האָט געוווסט וואָס פאר א באדייטונג די כמות האָט פאר דער איכות. ער האָט געוווסט וואָס עס האָבן ניט געוווסט אנדערע אָנהענגער פון אחד־העם, אז ניט קיין שול פאר זיך אליין און ניט קיין אוניווערזיטעט פאר זיך אליין, נאָר א געדיכט באפעלקערטער ישוב, וואָס איז איינגעוואָרצלט אין באָדן און אין א געזונ־טער עקאָנאָמיק, איז עלול צו שאפן א לעבנס־פעאיקע קולטור.

חיים ארלאזאראוו

[פון אַן אזכרה־רעדע אויפן 18־טן ציוניסטישן קאָנגרעס, 1933]

דאָס איז דער ערשטער קאָנגרעס נאָך דער וועלט־מלחמה, וואָס בלויז דאָס בילד פון ארלאָזאָראָוון שיינט אַראָפּ צו אונז פון דער וואַנט, אָבער ער אליין פעלט אונז שוין. דער וואָס איז דערשינען פאר אונז ווי א יוגנט־לעכער, וואָס הויבט אָן זיין לעבן, איז געוואָרן אין משך פון די יאָרן איינער פון די פראָמינענטסטע פערזענלעכקייטן אין דער ציוניסטישער באוועגונג. מיט צוויי יאָר צוריק האָט אים די ציוניסטישע באוועגונג איבערגעגעבן איינע פון די שווערסטע און בולטסטע אויפגאבן. ער האָט געזאָלט אויף דעם קאָנגרעס איבערגעבן א באריכט פון זיין טעטיקייט, אָבער ער האָט ליידער ניט באוויזן צו פארענדיקן זיין ארבעט. נאָך 22 מאָנאטן איז ער געוועזן טעטיק אין דער העכסטער שליחות פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

ס׳דאכט זיך, אז זינט די ציוניסטישע באוועגונג עקזיסטירט איז נאָך ניט אָנפּארטרויט געוואָרן אזא יונגן מענטשן א נאציאָנאלע פירערשאפט, און עס איז נאָך ניט אוועקגענומען געוואָרן פון אונז אזא יונגער פירער. ווער עס האָט ניט געזען און ניט געפילט דעם ארלאָזאָראָוו־טרויער אין ארץ־ישראל, קען ניט באגרייפן וואָס איז אזוינס נאציאָנאלער טרויער. דער בליץ פון דער קויל וואָס האָט דורכגעריסן זיין לעבער, האָט אויפגעמאכט יעדן די אויגן צו זען זיין לעבנס־וועג.

אָט דער גרויסער פאָלקס־טרויער, וואָס האָט באהערשט מענער און פרויען, יונג און אלט, האָט אנטפּלעקט פיל מער, ווי איינער קען אויסדריקן מיט ווערטער. אין מאָמענטן פון נאציאָנאלער דערוואכונג פילט מען די לע־בנס־כוחות פון פאָלק. שוין לאנג האָבן מיר ניט געפילט, אז „עם ישראל חי״ (דאָס פאָלק ישראל לעבט), ווי מיר האָבן דאָס געפילט דורך דעם טיפן צער און אלגעמיינעם טרויער איבערן פארלוסט פון ארלאָזאָראָוון. פיל וועט נאָך איבער אים דערציילט ווערן, ס׳וועט נאָך געזונגען ווערן, ס׳וועט זיך נאָך אויפדעקן פאר אונז זיין לעבנס־געשיכטע. אָבער אין דער קורצער צייט, וואָס איז מיר באשטימט געוואָרן אויפן קאָנגרעס, וויל איך באטאָנען, וואָס איז געוועזן חיים ארלאָזאָראָוו פאר דער ציוניסטישער באוועגונג.

חיים ארלאָזאָראָוו פלעגט מיט שפּאס זאָגן, אז ער האָט זיך ניט באטייליקט אין דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס. ס׳הייסט, ער איז נאָך דאן אויף דער וועלט ניט געוועזן. ער איז איינער פון די יונגע שפּראָצונגען פון דער באוועגונג. ס׳איז א גוטער סימן פאר דער ציוניסטישער באוועגונג, אויב זי האָט געקענט דערציען אזא פערזענלעכקייט ווי ארלאָזאָראָוו. די באוועגונג האָט אים ניט באקומען פון פּאַרטיקן, פון אנדערע. זי האָט דער־

וואַרבן זײַן איבערגעבנקייט נאָך פון זײַן יוגנט און אין איר איז ער געוואַקסן.

דעם יונגן ארלאָזאָראָוו האָט געפירט צום ציוניזם א גאַנץ אַנדער וועג ווי זײַנע פאַרגענגער. ער איז ניט געקומען צום ציוניזם דורך דעם צער, יאוש און ליידן ווי פיל אנדערע. מ׳קען אויף אים זאָגן: אזוי ווי זײַנע עלטערן האָבן געדינט גאָט מיט פרייד, אזוי האָט ער געדינט דעם ציוניזם מיט פרייד, מיט גרויס בטחון אין זיג פון ציוניזם. ס׳איז א באַזונדער זכות, אז דער ציוניזם האָט דערוואָרבן אַזא מענטשן. ער איז געווען א עילוי. ער האָט פאַרמאָגט די אייגנשאַפטן פון אַן עילוי, אָבער ער איז ניט געווען פון די עילויים וואָס אַנטוישן שנעל, וואָס בליען אויף און פאַרוועלקן גיך. ער איז געווען א „מתמיד״. געווען א מתמיד ניט בלויז אין לערנען און אין פּאָליטישן דענקען — נאָר אויך אין זײַנע מעשים. ס׳האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אים גײַסטיקייט און זאַכלעכקייט, קלוגשאַפט און תמימות, שאַרפע קריטיק מיט גלויבן און בטחון.

איך וואָלט אויף אים געזאָגט מיט דער שפּראַך פון א יידישן דיכטער, פון די ערשטע אָנזאָגער פון דער יידישער אויפלעבונג, פּראָפ. יוסף הלוי: „אין דיר האָט זיך געפונען א פאַרנינפטיקע קאַלטבלוטיקייט און אַ נביאישער ברען״. כלפי חוץ, אויפן פּראַקטישן געביט, אין דער אַנאַליזירונג און אויפ־קלערונג פון פאַרשיידענע ענינים, פלעגט ער דערשײַנען ווי א פולשטענדיקער ראַציאָנאַליסט, ווי א מענטש וואָס האָט נאָר דעם לאָגישן פּאָליטיש־רעאַלן צו־גאַנג און דעם מאַטעמאַטישן חשבון, און ער איז צוגעטראָטן צו יעדן רעאַלן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן פּראָבלעם מיט א שנײַדנדיקער קאַלטבלוטיקייט. ער פלעגט אַנאַליזירן אילוזיעס און זיי צעשטערן, און האָט זיך ניט געשראָקן פאַר דער גײַסטיקער דיסטאַנץ, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון זײַנע צוהערער. אָבער אינווייניק, אונטער דער ראַציאָנאַליסטישער מאַסקע, האָט געברענט אַ אי־ראַציאָנאַלער גלויבן, וואָס קען בײַשטיין יעדן נסיון, יעדן אפּיקורסישן געדאַנק.

און ער האָט מיטגעבראַכט אויך ספּעציעלע פּערזענלעכע אייגנשאַפטן, אייגנשאַפטן פון א נײַעם ציוניסט, וואָס זײַנען צוגעפּאַסט פאַר דעם, וואָס נעמט אַרויף אויף זיך א גרויסע ציוניסטישע מיסיע. ער האָט ניט ליב געהאַט צו זײַן א געשלאָגענער יאָמערדיקער הונט. ער האָט ניט ליב געהאַט די שפּראַך פון אַנקלאַגעס. די שפּראַך פון שווייגן איז אים געווען ליבער, ווי די שפּראַך פון קלאָגן. ער האָט געזוכט די קראַפט און האָט אויסגעוויילט דעם וועג וואָס שאַפט זי. זײַן ערן־באַפעל צו זיך איז געווען: כל זמן דו באַזיצט ניט דעם כוח, פאַרבײַס די ליפּן און שווײַג, און שטרעב צו דעם אמתן כוח. ער איז געווען עמפּפינדלעך אויף באַליידיקונגען, אויב ער האָט

אפילו פון דעם קיין גערייד ניט געמאכט. און איין באליידיקונג אין זיין יוגנט, אין דער צייט פון דער דייטשער רעוואָלוציע, איז געווען גענוג אים צו איבערצייגן, אז דאָ איז ניט זיין פאָטערלאַנד, אז זי איז ערגעץ אַנדערש־ווו. ער איז געווען עמפּפינדלעך צו שיינקייט, ער האָט געזוכט די שיינקייט אין קונסט און אין דיכטונג, אָבער הויפּטזאַכלעך — אין לעבן, אין מענטשן און אין פאָלק. ער האָט געזוכט די אמתע ניט־נאָכגעמאַכטע שיינקייט. ער האָט פאַרשטאַנען צו זוכן די צניעותדיקע טיפע שיינקייט, די שיינקייט פון אַרבעטנ־דיקן מענטשן. ער האָט געאַכטעט די שיינקייט פון דער אָרעמער באַוועגונג, פון דער באַוועגונג וואָס שטרעבט מיט אירע אייגענע, באַשיידענע מיטלען צו שאַפן אַ צוקונפט פאַרן גאַנצן פאָלק. ער האָט געשטרעבט צו גרויסע זאַכן, אָבער איז געווען ווייט פון גאווה. ער איז געווען אַ גוטער חבר, אַ גוטער פריינד, מוטיק, ערלעך, פעסט, אָפנהערציק אין געדאַנק און אין שטרייט. זיין גאַנצן לעבן האָט ער געזוכט אונטערצושיידן צווישן דעם שיינ־באַרן און רעאַלן. ער האָט אויך פאַרשטאַנען אונטערצושיידן צווישן דאָס וואָס שיינט צו זיין רעאַל אין גלות און צווישן דעםווירקלעך רעאַלן, ווען אפילו ס'עקזיסטירט נאָך ניט. אויך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג האָט ער געוואָלט צו אַרבעטן ניט פאַר דעם וואָס דאַכט זיך אויס — נאָר פאַר דעם רעאַלן ציוניסטישן אינטערעס.

ס'זיינען אָפן געווען פאַר אים אַלע טויערן פון דער קולטור. ער איז אַריין אין געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דער צייט, ווען יעדער יידישער יוגנט־לעכער אין אייראָפּע האָט געחלומט וועגן אַ גוטער קאַריערע און האָט געזען אָפן פאַר זיך אַלע טויערן: פון ליטעראַטור, וויסנשאַפט, דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן פון אייראָפּע. ער איז ניט געגאַנגען נאָך דעם צויבער ווי אַנדערע. אין 18־יאָריקן עלטער האָט ער שוין געוואוסט אויסצוווילן צווישן דער צו־ציענדיקער שיינקייט פון דרויסן און צווישן דעם ביטערן שווערן גורל פון אינעווייניק. און אין דעם מאָמענט וואָס ער האָט געשוואָרן טרייהייט זיין פאָלק, האָט ער אויסגעווילט זיין לעבנס־וועג און באַשטימט זיין גורל ביז דעם לעצטן טאָג. מענטשן וואָס זיינען גרוי געוואָרן אין דער באַוועגונג און וואָס האָבן ניט געוואוסט קיין אַנדערע וועגן, קענען ניט פאַרשטיין די שוועריקייט פון באַשלוס פאַר אַ יונגן יידן אין צייטן פון רעוואָלוציע, פון גרויסע וועלטלעכע געשעענישן, ווען די דרויסנדיקע רחבות ציט. וועמ־ער ס'איז ניט געפּרוווט געוואָרן, קען ניט פאַרשטיין די גרויסע שוועריקייט אויסצוווילן אַ וועג, און די פיל גרעסערע שוועריקייט צו זיין געטריי דעם דאָזיקן וועג ביי אַלע אומשטענדן. אַרלאָזאָראָוו איז געווען אַ פאַרטרויאונגס־מאַן. ער איז געווען געטריי, געטריי דעם פאָלק, געטריי אויך דעם לאַגער, צו וועלכן ער האָט זיך אָנגעשלאָסן. זיין גאַנצער לעבן איז געווען איין

גרויסער נסיון. פון צייט צו צייט האָבן אים געוווּנקען פאַרשיידענע מעגלעכ־ קייטן. פון צייט צו צייט האָט ער געהאַט פאַרשיידענע אַנטוישונגען און פאַר־ ביטערונגען, אָבער ער האָט פאַרגעזעצט צו גיין אין זיין וועג. דעם קולט פון טרייהייט און איבערגעבנהייט, וואָס די צווייטע עליה האָט איבערגעלאָזט בירושה דער אַרבעטער־באַוועגונג — האָט אַרלאָזאָראָוו איבערגענומען ווי אַ טייערע ירושה און זי אָפּגעהיט.

די אַרבעטער־באַוועגונג האָט אים ניט געגעבן קיין הערשאַפט, זי האָט אים געגעבן פליכטן. פיל האָבן געזוכט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג קאַריערעס, אָבער זי איז ניט געווען אימשטאַנד דאָס צו געבן. נאָר די, וועלכע זיינען געווען פעאיק צו זיין פאָרשטייער פון דער אַרבעטער־מחנה, אירע דינער און פאַרטרויאונגס־מענער, וואָס זייער נשמה האָט זיך באַהעפט מיט אירע ליידן, נאָר די האָבן זוכה געווען צו דער טיפערסטער זאַך וואָס אַ די מחנה קען געבן — צוטרוי און פאַראַנטוואָרטלעכע מיסיעס. ער איז געוואַקסן און גרויס געוואָרן אין דער קליינער מחנה. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן דער אַרבעטער־מחנה, ווען זי איז נאָך באַשטאַנען פון אַ קליינער משפחה אין בערלין און אַ קליינער משפּחה אין ארץ־ישראל. ער האָט זיך צוגעבונדן צו דער משפחה דורך זיין ווייטן קוק, דורך זיין אָנערקענונג, אַז זי איז די פּיאָנערן־משפחה פון פאָלק ישראל, אויפפּאַסנדיק די ספּעציעלע אויפ־ גאַבע, וואָס די נאַציאָנאַלע השגחה האָט ארויפגעלייגט אויפן אַרבעטער־ קלאַס אין דעם זיך באַנייענדיקן פאָלק. ער האָט געטראָגן די פאָן פון אַרבעטער־קלאַס מיטן פולן באַוווסטזיין, אַז דאָס איז ניט קיין קלאַס פון האַס און קנאה, קיין קלאַס פון ענגהערציקן עגאָאיזם, נאָר אַ קלאַס וואָס וויל אויסטרעטן אַ וועג פאַרן גאַנצן פאָלק, וואָס וויל זיין דער קערן פון דעם פאָלק, וואָס באַנייט זיין לעבן דורך אַרבעט און גערעכטע געזעלשאַפט־ לעכע געזעצן. ער האָט געזען דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס, וועלכער גייט אין זיין וועג מיט עקשנותדיקייט און פעסטקייט, זוכט אויך ניט קיין הערשאַפט אין פאָלק, נאָר געטריי אים צו דינען. ער זעט די ווירקטיקע אויפגאַבע, וואָס איז ארויפגעלייגט געוואָרן אויף דעם אַרבעטער־פּיאָנער. ער זעט די גרויסע פליכטן, צוליב וועלכע די מענטשן האָבן זיך פאַראייניקט אונטער דער אַרבעטער־פאָן. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט ניט געקרוינט אירע דערציער און עסקנים אַלס „פירער”. זי האָט געוווּסט נאָר די פליכט פון אַ שליח, לויט דעם אַלטן יידישן טערמין: „שליח ציבור”. און חיים אַרלאָזאָראָוו איז באמת געווען איינער פון די פראָמינענטסטע שליחי ציבור פון דער אַרבעטער־ באַוועגונג.

אַזוי איז ער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, פון דער דאָזיקער ענגער מחנה, געשיקט געוואָרן אויסצופירן שליחותן פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער

באוועגונג. און וואָס מער די מחנה האָט זיך פאַרגרעסערט און וואָס מער זי איז געוואָרן צו דערפילן גרויסע נאַציאָנאַלע אויפגאַבן — אַלץ מער איז חיים ארלאָזאָראָוו אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג. פיל שליחותן האָט ער אויסגעפירט אין דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג: פון קרן־היסוד, שליחותן אין אַמעריקע, אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן, אין עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, אַ שליחות פון ועד הלאומי צום פעלקער־בונד אין זשענעווע, אַ שליחות פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אויף דער פּאָליטישער קאָנפערענץ אין לאָנדאָן און אין די שווערע טעג פון „ווייס־בוך" און סימפּסאָן־דעקלאַראַציע. און אין יעדן אָרט האָט ער מיטגעבראַכט די זעלבע אייגנשאַפטן: גרינטלעכקייט, דאָס צוגרייטן זיך און דעם ווילן צו וויסן אַלץ ביז אין דער טיף. באַמבאַסטישע דיבורים זיינען אים פרעמד געווען.

ער האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן סיי פאַר פרעמדע סיי פאַר אייגענע. ער האָט ליב געהאַט אָפּנהערציקע רייד, ווען זיי זיינען אפילו געווען ניט געוואונשן פאַר דעם קרייז, צו וועלכן ער האָט געהערט. ער האָט אַרויסגעוויזן אין זיינע רייד זיכערקייט, אָבער ניט חוצפּה, ניט געווען געפאַלן ביי זיך, אָבער אויך געווען ווייט פון גרויסהאַלטעריי.

מיט צוויי יאָר צוריק, אין זייער אַ שווערער צייט, האָט די באַוועגונג אים אויסגעוויילט צו דערפילן די סאַמע קאָמפּליצירטסטע אויפגאַבע אין דער ציוניסטישער לייטונג אין דינסט פון פּאָליטישער שליחות אין ירושלים, צו זיין דער פאַרמיטלער צווישן דער יידישער באַפרייאונגס־באַוועגונג און דער מאַנדאַטאָרישער מאַכט אין ארץ־ישראל. און ווי אין פיל אַנדערע צייטן אַזוי אויך דאָ, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף שטעכווערטער און אומאַנגענעמלעכקייטן. מען האָט ניט געגלויבט, אַז ארלאָזאָראָוו איז פעאיק צו זיין דער פּאָליטישער שליח, דער פאָרשטייער פון פאָלק. פון פאַרשיידענע פאַרטייען און פון פאַרשיידענע טריבונעס איז מען אַרויס קעגן אים מיט שאַרפער אומצופרידנהייט און מיט אַ פאָדערונג צום פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אים אַראָפּצוזעצן פון זיין אַמט.

ארלאָזאָראָוו האָט פאַרנומען זיין אַמט נאָך 22 מאָנאַטן. ער האָט אונדז ניט איבערגעגעבן דעם דין־וחשבון, וואָס ער האָט געדאַרפט מיטברענגען צום קאָנגרעס. דער יונגער מענטש, אין דער אַרבעטער־בלוזקע, וועלכן פיל האָבן פון אַלע זייטן באַגעגנט מיט אומצוטרוי, האָט ניט פיל געטראַכט. נאָך דעם פאַריקן קאָנגרעס האָט ער גענומען דעם רוק־זאַק אויפן פּלייצע און מיט איינער פון די ערשטע שיפן איז ער אָנגעקומען אין ירושלים, איז אַריין אין ביוראָ און אָנגעהויבן זיין פּאָליטישע אַרבעט. און די גאַנצע אַרבעט האָט זיך געעפנט פאַר אים. אין משך פון עטלעכע וואָכן האָט דער מאַן באַהערשט דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן פּאָליטישן אַפּאַראַט. עס איז נאָך ניט געקומען די

צייט צו אנטפלעקן די געשיכטע פון ארלאָזאָראָווס פּאָליטישער טעטיקייט. די וויכטיקסטע דאָקומענטן איבער זיין טעטיקייט געפינען זיך נאָך אין די ביוראָען, צווישן דער קאָרעספּאָנדענץ, צווישן די מעמאָראַנדומס, וואָס ער האָט געשריבן אין דער קורצער צייט, וואָס ער האָט אָנגעהויבן נאָך איידער ער איז געוואָרן דער פּאָליטישער לייטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, די מעמאָראַנדומס וואָס ער האָט געשריבן אלס ארבעטער־פאָרשטייער קעגן דער שאָו־קאָמיסיע, און די וועלכע ער האָט געשריבן נאָכדעם איבער פארשיידענע פּראָבלעמען; דער מעמאָראַנדום קעגן פרענטש, דער מעמאָראַנדום איבער דער שטאָטישער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און נאָך אנדערע קורצע מעמאָראַנ־דומס. ער האָט זיך געשטעלט אין פראָנט מיט זיין גאַנצן געווער. ער האָט איבערגענומען צו פירן דעם אומאויפהערלעכן טאָג־טעגלעכן געראַנגל אין די פארהאַנדלונגען מיט דער מאַנדאַטאָרישער מאַכט. קיינמאָל האָט ער אונז ניט געטרייסט מיט אַן אָפיציעלן אָפּטימיזם. ער פלעגט קומען צו יעדער פאַר־זאַמלונג און אויפדעקן די לאַגע ווי זי איז אין דער ווירקלעכקייט. ער אליין האָט געזען זיין ארבעט ווי א נסיון, אפשר איינער פון די לעצטע נסיונות, אויסצוגעפינען דעם וועג ווי אזוי פאַרצושטעלן אונזער באַוועגונג ווי א רעאַלן כוח, און צו דערגרייכן דאָס, וואָס ס'איז פאַר אונז א נויטווענדיקייט צו דערגרייכן.

אין אונזער פּאָליטישן לעבן איז געווען חיים ארלאָזאָראָוו א באַזונ־דערע דערשיינונג. ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט זיינע גלענצנדע פעאיקייטן, ער האָט זיך ניט געיאָגט נאָכן פּאָליטישן זשעסט. אין דער צייט וואָס אנדערע האָבן געזען אין אים אַ יונגן אָנפאַנגער, האָט ער שוין פאָרויסגעזען זיין פּאָליטישע צוקונפט. ער האָט זיך צוגעגרייט צו איר און האָט זי געלערנט מיט א באַזונדערער כוונה, פּונקט ווי ער האָט זיך צוגעגרייט צו פיל זאַכן מיט א באַזונדערן באַוווסטזיין; פּונקט ווי ער איז געווען איינער פון די ווייניקע, פון די יחידי סגולה פון די מערב־יידן, וואָס איז געקומען צום ציוניזם און וועלכער האָט זיך צוגעגרייט צו זיין א שליח אין דער יידישער אויפלעבונגס־באַוועגונג; פּונקט ווי ער האָט באַנייט אַלע אַסאָציאַציעס וואָס ער האָט געהאַט פון זיינע קינדער־יאָרן, האָט ער געלערנט העברעאיש, די העברעאישע ליטעראַטור, האָט געקענט אַלע מקורות און געשטרעבט צו זיין אַן אָריגינעלער העברעאישער שריפטשטעלער מיט אַ העברעאישן סטיל; פּונקט ווי ער האָט קענען געלערנט דאָס יידיש לעבן אין דער גאַנצער צעשפרייטקייט, האָט געלערנט ריידן און שרייבן ניט נאָר העברעאיש, נאָר אויך יידיש — פּונקט אזוי האָט ער זיך באַצויגן מיט ערנסטקייט צו אַלץ, צו עקאָנאָמיק, ווי אויך פּאָליטיק. ער האָט זיך ניט געשטיצט אויף דיפּלאָ־מאַטישע קונצן און האָט זיך ניט פאַרלאָזן אויף נסים, נאָר ער האָט געאַרבעט

און געלערנט אָן אויפהער, און זיך צוגעגרייט צו יעדער נייער אויפגאַבע אין די ראַמען פון זיין אַרבעט.

צו זיין פּאָליטישער אַרבעט איז ער צוגעטראָטן ווי אַ קינסטלער, ניט ווי אַ בעל־מלאכה, ניט ווי אַ תלמיד, וואָס מאַכט נאָך. ער האָט גלייך, פון דער ערשטער מינוט אָן, געטראָפן זיין וועג. פּונקט ווי ער האָט זיך געפילט פריי און געווען נאַטירלעך אין דער אַרבעטער־בלוזקע אויף אַרבעטער־קאָנפערענצן אָדער אין אַ צעלט פון אַ קבוצה, אַזוי האָט ער זיך געפילט פריי און נאַטירלעך אין וויזיטן־קליידער און אין יעדער געזעלשאַפט און ביי יעדן אַקט פון פּאָליטישער רעפּרעזענטאַנץ. און יעדער איינער, וואָס האָט אים באַגעגנט, האָט געזען אין אים אַ פרייען, פעסטן, מוטיקן מענטשן. אַרלאָזאָראָוו, וואָס האָט אונז שטענדיק געפרעדיקט מעסיקייט און פאַרזיכטיקייט, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט מיטגעריסן מיט דער צעהיצטקייט פון דער אויפגעשטורעמטער מאַסע, ער האָט פאַרשטאַנען, מער ווי אַנדערע, צו ריידן צום פּרעמדן קלאָרע, פעסטע און ווירדיקע דיבורים. און ס'איז געווען אויך אין דעם עפּעס נייס: ס'איז דאָס ערשטע מאָל וואָס פאַר די הערשער פון לאַנד דערשיינט דער פּאָליטישער פאַרשטייער פון ציוניזם ניט מיט קיין אַנגלאָ־סאַקסישן פּאַספּאָרט, נאָר ס'דערשיינט אַ מענטש וואָס איז טיף איינגעוואָרצלט אין ישוב, וואָס לעבט מיט דאָס לעבן פון ישוב טאָג־טעגלעך און פאַרשטייט די שפּראַך און די באַדערפעענישן פון יעדן קלייניעם פּונקט, פילט די נשמה פון יעדן בויער, פון יעדן וואָס וויטאָקט און ליידט אין ישוב — — —

אָט דער ישוב וואָס האָט באַגעגנט אַרלאָזאָראָוון מיט פאַרדאַכטן, דער זעלבער ישוב האָט אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו מיט אַ ציטערדיקן וויטאָק, מיט דער אָנערקענונג פון אַ פאַרלוסט וואָס קערט זיך ניט אום. ענדלעך האָט די ציוניסטישע באַוועגונג פאַרשטאַנען, אַז ס'איז מעגלעך, אַז אונזער ריכטיקער פּאָליטישער פאַרשטייער קען זיין אַ מענטש, וואָס איז מיט זיינע אַלע רמ"ח אברים אַ זון פון ישוב, אַ זון פון דעם אַרבעטנדיקן פאָלק אין ארץ־ישראל.

דאָס גאַנצע פאָלק אין זיין צעשפּרייטקייט האָט אויפגעציטערט דורך דעם אַרלאָזאָראָוו מאָרד. ס'האָט זיך דאָסמאָל צונויפגעגאָסן דער פאַרלוסט פון פּרט מיטן פאַרלוסט פון כלל. דאָס פאָלק האָט געפילט, אַז ס'איז פאַרלאָרן געגאַנגען אַ בליענד יונג לעבן, אַז ס'איז פון דער מוטער פאַרלאָרן געגאַנגען איר בן־יחיד, פון דער יונגער פרוי — איר מאַן, פון די קינדער — זייער פאָטער, ס'איז פאַרלאָרן געגאַנגען אַ מענטש אין אָנהויב פון זיין בליאונג, אַ מענטש וואָס איז געווען לויטער קראַפט און שאַפונגס־דורשט. אויך דער פאַרלוסט פון כלל איז ניט קלענער. געפילט האָט דער כלל, אַז דאָ האָט זיך אָנטפּלעקט פאַר אים אַ גרויסע האָפענונג, אַז ס'האָט זיך געקענט

אנטוויקלען אין דער ציוניסטישער באוועגונג אַ מוטיקע, וואַגיקע פערזענ־לעכקייט, וואָס איז בארופן געוואָרן צו טאָן אונזער שליחות צענטליקער יאָרן, וואָס איז פעאיק ארויפצונעמען אויף זיך דיליידן פון פאָלק. און די האָפענונג איז אויסגערונען. דעם געפיל פון א צעשטערטער גרויסער האָפע־נונג האָט די ארץ־ישראל־יוגנט סימבאָליש אויסגעדריקט, טראַגנדיק דעם ארלאָזאָראָוו־זשעטאָן, וואָס אנטהאלט דעם אָפּגעהאַקטן צעדערבוים פון הערצלען אין מוצא.

חיים ארלאָזאָראָוו איז אוועקגעריסן געוואָרן פון אונז. דאָס פאָלק, וועלכער האָט אים געגעבן אַן ערן־וואַך נאָך זיין טויט, האָט ניט פארשטאַנען אים צו געבן א וואַך ביי זיין לעבן. די קויל, וואָס האָט ארלאָזאָראָוון געטראָפן, האָט אויך געטראָפן אין דער ציוניסטישער באוועגונג, און זי שטייט אויף זיין קבר שווער פארוואונדעט. קורץ פאר זיין טויט האָט ארלאָ־זאָראָוו געזאָגט צו מאיר דיזנגאָף וואָס איז געשטאַנען ביי זיין בעט: „זע וואָס מ׳האָט מיר געטאָן!” אָט די ווערטער, ווערטער פון א פארוואונדעטן קינד, וואָס איז אויך ניט מסוגל צו זאָגן א ביטערן וואָרט, דעקן אויף די גאַנצע טראַגיק פון זיין שיקזאַל. אָבער אויך די ציוניסטישע באוועגונג דארף זיך פרעגן: ווער האָט עס מיר געטאָן? און די פראַגע עקבערט טיף אין דער נשמה, און דאָס פאָלק וועט ניט האָבן קיין רו, כל זמן ער וועט ניט געפינען דעם שונא וואָס האָט אים פארוואונדעט אין הארץ. און קומען וועלן טעג און ס׳וועט אויפגעדעקט ווערן ארלאָזאָראָווס לעבנס־געשיכטע און אויך די גע־שיכטע פון זיין טויט. ער זעלבסט האָט אין אַ העברעאישן ליד, וואָס ער האָט געשריבן אין דער יוגנט — אין זיין 19־טן לעבנס־יאָר — פאָרויסגעזען זיין גורל. אַ נבואה האָט ער געזאָגט און ניט געוווסט איר באַדייטונג. ער האָט געשריבן אין א ליד אין זיין יוגנט: „מיין פאָן איז געפאַלן, די פאָן פון פרייהייט, אָבער מיינע האָפענונגען וועלן מיט איר ניט אָפּשטאַרבן. איך וועל שטאַרבן, אָבער די נאָך מיר קומענדיקע דורות וועלן ווייטער פירן דעם געטלעכן שטרייט”.

ער האָט ווירקלעך געפירט דעם שטרייט פון זיין פאָלק, און דער שטרייט פון זיין פאָלק — איז דער געטלעכער שטרייט. מיר זיינען איבער־צייגט, אַז מיר אַלע, וואָס האָבן געלעבט מיט ארלאָזאָראָוון, די וואָס האָבן אים די פאָן איבערגעגעבן און די וואָס האָבן פון אים איבערגענומען די פאָן פון ארבעט פארן פאָלק און לטובת דעם פאָלק, וועלן ווייטער פירן דעם שטרייט פון דעם דאָזיקן פאָלק, דעם געטלעכן שטרייט.

אויסגאבן פון דער מחלקת „החלוץ" אין יידיש

„יסודות"

א סעריע פון גרונט־ביכער

ביז איצט דערשינען:

1. די הסתדרות — זאמלבוך, ערשטער באנד,
רעדאקטירט פון צ. ראָזענשטיין
2. אויסגעוויילטע שריפטן פון א. ד. גאָרדאָן —
לויט דער רעדאקציע פון נ. תרדיון
3. די געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאציע אין ארץ־ישראל —
פון א. ביין
4. די געשיכטע פון ציוניזם — פון ד"ר ברוך בן־יהודה
5. אויסגעוויילטע שריפטן פון ב. קאצענעלסאָן —
רעדאקטירט פון צ. ראָזענשטיין

*

„פארן החלוץ"

ביז איצט דערשינען:

1. וואָס איז אזוינס די הסתדרות? — פון צ. ראָזענשטיין
2. די צווייטע עליה — פון ד. קלעי
3. די דרישע עליה — פון י. רעזניטשענקא
5. די כנסת ישראל — פון ד. בר־רב־האי
5. אין אָנהויב (זאמלונג פון זכרונות און דערציילונגען
פון ארץ־ישראלדיקן לעבן)
6. די ביל"ויים — פון ש. בן־ציון
7. די ציוניסטישע קאָנגרעסן — פון ג. קרעסעל
8. ערד (זאמלונג פון דערציילונגען אין בילדער) — פון י. בראסלאווסקי
10. ישראל אין קאמף (זאמלונג פון שילדערונגען און רעפּאָרטאזשן
פון דער יידיש־אראבישער מלחמה)
11. די אויפבאמספעאיקייט פון ארץ־ישראל — פון ז. אבראמאָוויטש
12. דאָס יידישע ים־וועזן אין ארץ־ישראל — פון י. פרישמאן